UNIVERSITY OF ILLINOIS-URBANA
3 0112 060822399

אידיש ווערטערבוך

ענטהאלט

אלע העברעאישע (און כאלדעאישע) ווערטער, אויסדרוקען און
אייגעננעמען, וועלכע ווערען געברויכט אין דער אידישער
שפראך, מיט זייער אויסשפראך און אקצענט, און מיט
ביישפיעלען פון ווערטלעך און שפריכווערטער
אין וועלכע זיי קומען פאר

מיט אַ'ן

אײַנלייטונג

פון נעטהיגע כללים און בעמערקונגען, און אַ

ביילאַגע

פון העברעאישע פערזאָנען-נעמען, פאמיליען-נעמען און נעמען
פון פעראיינען, חברות, שולען, בית-עולם'ס א. א. וו.

צוזאַמענגעשטעלט און ערקלערט

פון

יהואש און דר. חיים ספיוואק

ארויסגעגעבען פון
פארלאג „וועקער“

ניו יאָרק.

1926

RR492.4932
B62
cop. 1

Copyright, 1911
By Dr. C. D. Spivak and S. Bloomgarden

THE
CHICAGO
PUBLIC LIBRARY

420459

6 14 27

437.9473
Y359 i

אינהאלט:

זייט

פאָרוואָרט V

איינליטונג VI

פאַרקירצונגען און צייכענס XXX

ווערטערבוך I: אָפּט געברויכטע ווערטער און אויסדרוקען . . 1

ווערטערבוך II: זעלטענער געברויכטע זאצען און שפּריכווערטער 281

איינינע אויסגעלאָזענע ווערטער 308

ביילאגע: נעמען פון פּערזאָנען, פאַמיליען=נעמען, און נעמען פון
פעראיינען, חברות, שוהלען, בית־עולם׳ס א. א. וו. 319

ארבליבען דער יסוד און הויפּט־קוואַל פון זייער שפּראַך, און ווי
יימ איין גרופּע אידען איז געוועזן פון דער צווייטער אין א געאָ־
ראפישען זינן, און ווי פרעמד די שפּראַך פון איין גרופּע איז געוועזן
צו דער צווייטער אין א פילאָלאָגישען זינן, אבער אזוי ווי אַלע
אידען האבען זיך בענוצט מיט העברעאיש פיר אַלע רעליגיעזע,
און אינטעלעקטועלע צוועקען, האָט זיך ענטוויקעלט ביי
אַלע אידען פון אַלע לענדער אַן אַלגעמיינע זאָנדערבאַרע שפּראַך־
אייגענשאַפט, נעמליך, אַז אין אונטערהאַנדלונגען צווישען איין
אידען און דעם צווייטען, אין רעדען און אין שרייבען, האָבען
זיי זיך בענוצט מיט מעהר אדער וויינינגער העברעאישע ווערטער,
פראַזען, אויסדריקע, ווערטלעך, א. ז. וו., גענומען פון תנ"ך,
תלמוד, מדרשים, תפלות, סליחות, קינות, א. ז. וו.
אלס א רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע, סאָציאָלאָגישע
און פּאָליטישע אומשטענדען, פון וועלכע עס איז ניט דאָ דער אָרט
צו רעדען, האבען די שפּאַנישע און דייטשע שפּראַכען זיך ארויס־
געוויזען צו זיין מסוגל זיך צו בעהעפטען מיט דער העברעאישער
מעהר פון אַלע אַנדערע שפּראַכען. ניט נאָר האבען די צוויי אוי־
בענדערמאָנטע שפּראַכען זיך ערלויבט צו פערקערפערן מיט העב־
רעאישע ווערטער, נאָר זיי, די צוויי שפּראַכען גופא, זיינען אויף
די ליפּען פון אידען דורך די ווירקונג פון דעם שמעלץ־טיגעל פון
העברעאיש אליין אונטערגעוואָרפען געוואָרען אזעלכע ראַדיקאַלע
פאַרענדערונגען, אַז מיט דער צייט האבען זיך אויסגעאַרבייט צוויי
שפּראַכען, וועלכע זיינען גאַנץ פערשיעדען פון זייערע אורשפּרונג־
שפּראַכען. פון דעם זיווג פון שפּאַניש מיט העברעאיש איז בעשאַ־
פען געוואָרען דאס צאַרטע בעשעפעניס, די שפּאַניאַלישע אדער
לאַדינא שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדען נאָך עד היום מעהרערע
הונדערט־טויזענדע אידען אין פאַרשיעדענע טהיילען פון דער וועלט
פון דעם זיווג פון דייטש מיט העברעאיש איז ארויסגעוואַקסען דער
ריעז, אויף וועלכען עס רעדען אַ'ן ערך פון ניין מיליאָן אידען צו־
שפּרייט אין פערשיעדענע לענדער.

ספּאַניאָליש און אידיש.

אז די העברעאישע ווערטער אין דער אידישער
שפּראַך, וועלכע בעשטעהט איצט פון אכציג פּראָ־
צענט דייטשע און סלאַווישע ווערטער זיינען פערבליעבען פון
דער ביבלישער און תלמודישער עפּאָכע, זיינען עדות די ווערטער:

די עדות.

אבות, אבל, אלמן, בטל, בכור, בררה, גאוה, גאון, גולם, גט, גלות, גנב, גר, הסכמה, הלואה, זכות, זכרון, חבר, חדר, חופה, חוצפה, חורבן, חלול השם, חלול, חן, חרטה, חרם, חתן, יחוס, יורש, יצר הרע, יצר טוב, ים, ירושה, יתום, כהן, לבנה, לויה, מגפה, מדבר, מוהל, מילד, מזבח, מחותן, ממזר, מנהג, מפלה, מקוה, מצבה, מצוה, נביא, נדבה, נדן, נדר, נואף, נוסח, נס, נקודה, נסיון, עבור, עדות, פותר, צדקה, צנועה, נבלה, קבר, קנאה, ראשי תובת, שבת, שדוך, שררה, תורה, תכריכים, און נאָך מעהרערע ווערטער, פאַר וועלכע עס איז ניט געוועזן אין אידיש ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק קיין אנדער וואָרט אויסער דאס העברעאישע. מעהרערע פון די דערמאָנטע ווערטער געברויכט אי זאידיש, זיינען אזוי אַלט, ווי דאס אידישע פאָלק, און די איבריגע זיינען אזוי אַלט, ווי דער אידישער גלות.

דער וואוקס אין צאָהל פון העברע־אישע ווער־טער.

פון וואס מיר האבען אויבען געזאָגט קען מען שליסען וואס פאַר א וויכטיגע ראָלע די העברעאישע שפּראַך האט געשפּיעלט און וועט שפּיעלען אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך. דער יעניגער, וועלכער נעהמט זיך די טרחה צו פארגלייכען דאס געשריעבענע און געשפּראָכענע אידיש פון פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק מיט דעם היינטיגען וועט געפינען, אז מיט דעם שטורמישען גאַנג פון דער אידישער געשיכטע פאר דער צייט, און מיט דער הויבונג פון דער נאַציאָנאַלער שטימונג צווישען אידען, האט דער געברויך פון העברעאישע ווערטער, פּראַזען, אויסדריקע, א. ז. וו., זיך אונגעהייער פארמעהרט. אויב די ווּאָלוציאָן פון דעם אידען׳ס זעלבסט־בעוואוסטזיין און זעלבסט־רעספּעקט וועט ווייטער אזוי געהן, ווי אין דעם לעצטען פירטעל־יאָהרהונדערט, וועט וואהרשיינליך די צאָהל פון העברעאישע ווערטער גע־ברויכט ביי אידען זיך נאָך פערגרעסערען. די אויפלעבונג פון נאַציאָנאַלע געפיהלען און שטרעמונגען וועלען ממילא פעראורזאַכען, אז דאָס פאָלק זאָל זוכען אויסדרוקען פאר נייע באַגריפען אין דעם אונגעהויער גרויסער אוצר פון ווערטער, וועלכע געפינען זיך אין ביבעל, תלמוד, תפלות, מדרשים א. ז. וו. אגב מוזען מיר באַמערקען, דאָס דער פאקט וואָס פיעלע אידישע שרייבער זיינען צוגליך

העברעאישע שריפטשטעלער, טראַגט אויך ביי, דאָס די צאָהל פון העברעאישע ווערטער זאָל זיך פאַרגרעסערען.

אַ רשימה פון אַלע ווערטער פון דער אידי־שער שפּראַך

די פאַרפאַסער פון דעם ווערטער־בוך זיינען גע־געקומען צום באַשלוס, אַז די צייט איז געקומען מע זאָל מאַכען אַן אויספיהרליכע רשימה פון אַלע ווער־טער, וועלכע ווערען געברויכט, אין דער אידישער שפּראַך, הן אין רעדען הן אין שרייבען, און האָבען אויך זיך גענומען צוערשט די אויפגאַבע צו זאַמלען, י ע נ ע עלעמענטען, וועלכע האָבען צוליעב זייער היסטאָרישער באַדיי־טונג און זייער נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, די בכורה איבער אַלע אַנדערע עלעמענטען, נעמליך, די העברעאישע ווערטער און אויס־דרוקען.

דער צוועק פון דעם ווערטער בוך.

דער צוועק פון דעם אידישען ווערטער־בוך איז געווען אַ דאָפּעלטער. ערשטענס, איז געווען די כונה פון די פערפאַסער צו געבען אַ פולע און גענויע זאַמ־לונג פון אַלע העברעאישע ווערטער, אויסדרוקען, פראַ־זען ווערטלעך און שפּריכווערטער כדי צו געבען מאַטעריאַל פאַר געלעהרטע און פילאָלאָגען צו דער פאָרשונג פון דעם וויכטיגען

מאַטעריאַל פירשפּראַך-פאָרשער.

נעגענשטאַנד. דאָס שטודיום פון דער פאַרענדערטער געשטאַלט, הן אין אויסלייגונג, הן אין אויסשפּראַכע, הן אין באַדייטונג, וועלכע די העברעאישע ווערטער האָבען אָנגענומען אין זייער פאַרשמעלצונג מיט די אַנדערע עלע־מענטען פון אידיש אין דעם טעגליכען געברויך, און פאַרקעהרט, די פאַרענדערונג פון די אויסלייגונג, אויסשפּראַכע און באַדייטונג פון די ווערטער פון די אַנדערע שפּראַכען אונטער דער ווירקונג פון די העברעאישע ווערטער, אַ שטודיום וועלכע איז כמעט ניט אָנפאַנגען, וועט איצט מעגליך זיין דורך דעם ווערטער־בוך. צוויי־

אַ הילפס בוך.

טענס, האָבען די פאַרפאַסער געהאַלטען אין אויג יענע גרויסע צאָהל פון אידישע לעזער און שרייבער, וועלכע האָבען נים געהאַט אין זייערע איננגערע יאָה־רען קיין אונטערריכטונג אין העברעאיש. פאַר זיי וועט דאָס ווער־טער־בוך ערפילען אַ לאַנג-געפיהלטע באַדערפעניס.

די צאָהל פון די העברעאישע ווערטער און ווערטלאַך, וועלכע

ווערען געברויכט אין רעדען און אין שרייבען, איז פארשיעדען ביי די פארשיעדענע קלאסען פון פאָלק. די תלמודיש געלערנטע וועלען נאטירליך געברויכען א סך ווערטלאך און פראזען, וועלכע דער געוועהנליכער המון געברויכט ניט, און וועלכע מע קען דאריבער ניט באטראכטען אלס אַן אָרגאַנישען טהייל פון דער אידישער שפראך. אזעלכע אויסדרוקען, שפריכווערטער און זאצען, האָבען מיר דאריבער געדרוקט אין א בעזונדערען צווייטען טהייל וועהרענד אין דעם ערשטען טהייל האָבען מיר ארייננעשטעלט די מעהר אָדער ווענינער אלגעמיין־געברויכטע העברעאישע עלעמענטען.

וואס מעהר לומדות אַלץ מעהר העב־רעאיש.

ביים פאַנאַנדערשיידען די דאָזיגע צוויי יסודות, האָבען מיר ניט תמיד געפונען שארפע גרענעץ־ליניען. ביי דעם שטינדיגען פראָצעסס פון ענטוויקלונג דורך וועלכען א וואָרט ווערט ביסלעכווייז פארוואנדעלט פון בלויז א ספּעציעל לומדישען אויסדרוק אין דאָס אייגענטהום פון דעם גאנצען פאָלק, האָבען די פארפאסערס זיך אָפט געפונען אין פארלעגענהייט, בנוגע צו דער קלאסיפיקאציאָן. די לומדים וועלען אזוי גוט זיין און דאָס האלטען אין זינען ווען זיי וועלען פיעלייכט געפינען א וואָרט אָדער אַן אויסדרוק אין דעם ערשטען טהייל, וועלכער האָט נאך זייער אנזיכט געזאָלט ארייננקומען אין דעם צווייטען, אָדער פארקעהרט.

די קלאַסי־פיקאַציאָן.

מעהר פון אַלע אַנדערע פיהלען די פערפאסער די אונפאָלקאָמענהייט פון זייער ארביים, אָבער זיי האָפען דאָך, אז זיי האָבען ביינעטראָגען עטוואָס ניצליכעס צום שטודיום פון די העברעאישע עלעמענטען אין אידיש, און אז זייער התחלה וועט פיהרען צו ווייטערע און גרינדליכערע ארבייטען אויף דעמזעלביגען פעלד.

די האָפנונג פון די מחברים.

אידיש ווערטערבוך

איינלייטונג.

איינינע נויטהיגע כללים און באמערקונגען איבער די העברעאישע ווערטער וועלכע ווערען געברויכט אין אידיש *).

די העברעאישע ווערטער געברויכט אין אידיש פאָלגען אין אַלגעמיינעם די גראַמאַטיקאַלישע כללים פון דער אידישער שפראַך. מיר גיעבען דאָ אונטען נאָר אזעלכע רעגעלען וועלכע אונטערשיידען זיך פון די דאָזיגע אַלגעמיינע געזעצען.

בוכשטאַבען (אותיות).

אין העברעאישע ווערטער קומען פאָר די פאָלגענדע פיער בוכשטאַבען וועלכע געפינען זיך ניט אין אַנדערע אידישע ווערטער: כ (אויסגעשפּראָכען ווי ק), שׂ (אויסגעשפּראָכען ווי ס), ת (אויסגעשפּראָכען ווי ס) און תּ (אויסגעשפּראָכען ווי ט).

*) עס איז ניט אין אונזער פּלאַן צו געבען אַ פאָלשטענדיגע גראַמאַטיק פון די העברעאישע ווערטער און די געזעצען לויט וועלכע זיי געשטאַלטען זיך. אַזוי ווי מיר גיעבען אויפ'ן אָרט די אויסשפּראַך, אַקצענט, מעהרצאָהל און אַלע אַנדערע בויגונגען און ענדונגען פון יעדען וואָרט, האָבען מיר זיך דאָ באַגנוגענט מיט בלויז אזעלכע כללים און באַמערקונגען וועלכע מיר האָבען געהאַלטען אַלס נויטהיגע ווענגוויזער אין דעם געברויך פון אונזער ווערטער-בוך.

וואָקאַלען (נקודות).

1) וואָקאַלען אין העברעאיש ווערען באַצייכענט דורך די פאָלגענדע וואָקאַל־צייכענם:

a	אַ	ווערט באַצייכענט דורך	ַ	(פתח)	אונטער דעם בוכשטאַב.
o	אָ	. . .	ָ	(קמץ)	
e	אֶ	. . .	ֶ	(סגול)	
ai	אִי	. . .	ִ	(חיריק)	
ej	אֵי	. . .	ֵ	(צירה)	
oj	אֻ	. . .	ֻ (קבוץ) / וּ (מלאפום)		
au	אֹי (ווי אין "אויגען")	.	ֹ (חולם) / וֹ (חולם)		איבער דעם בוכשטאַב

2) בוכשטאַבען וועלכע האָבען ניט אונטער זיך אָדער איבער זיך אַ וואָקאַל (נקודה), ווערען באַצייכענט מיט אַ ְ (שְׁוָא), אויסער ווען דער בוכשטאַב אָהן אַ וואָקאַל קומט צום סוף וואָרט.

3) דאָרט וואו די שפּראַך־געוואוינהייטען פון דער אידישער שפּראַך מאַכען די אויסשפּראַכע פון אַ וואָקאַל־לאָזען בוכשטאַב אונמעגליך, ווערט דער "שוא" אויסגעשפּראָכען ווי אַ קורצער וואָקאַל — אונגעפעהר ווי דער "ע" אין "גערום". צ. ב. ש. : יְתוֹמָה, ווערט אויסגעשפּראָכען אונגעפעהר ווי יֶתוֹמָה; לְבָנָה — ווי לֶבָנָה; נְקוּדָה — ווי נֶקוּדָה, א. א. וו.

4) די פאָלגענדע צייכענם קומען אָפט אונטער די בוכ־

שטאַבען א, ה, ח, ע, און ווערען גערופען: ־ֲ (חֲטַף־פַּתַח), ־ֳ (חֲטַף־קָמַץ), ־ֱ (חֲטַף־סֶגוֹל).

5) דער "חטף־", ווען ער טראָגט אויף זיך דעם אַקצענט, ווערט אויסגעשפּראָכען אַזוי ווי דער וואָקאַל מיט וועלכען ער איז פאַרבונדען. צ. ב. ש.: חֲ'זִיר — ווי חַזִיר, אֱ'מֶת — ווי אֶמֶת, א. א. וו.

6) ווען ניט אַקצענטירט, ווערט דער "חטף־" אויסגע־שפּראָכען ווי אַ שוא (זעה אויבען). צ. ב. ש.: חֲלִי'צָה — ווי חְלִיצָה, אַחֲרֵי־מוֹת' — ווי אַחְרֵי־מוֹת. ווען די אידישע שפּראַך־געוואוהנהייטען ערלויבען ניט קיין וואָקאַל־לאָזען בוכ־שטאַב, ווערט דער "חטף־" אויסגעשפּראָכען ווי דער וואָקאַל. צ. ב. ש.: חֲזָ'רָה — ווי חַזָרָה, הֲלִי'כָה — ווי הַלִיכָה. אֱלֹהִים' — ווי אֶלֹהִים.

7) ווען אַ "חטף־פּתח" שטעהט אונטער די בוכשטאַבען "א" און "ע", און קומט נאָך אַ זילבע מיט אַ "פּתח", ווערט ער אויסגעשפּראָכען ווי "יי". צ. ב. ש.: מַאֲכָל — ווי מַייכָל, מַעֲמָד — ווי מַיימָד, מַאֲמִין — ווי מַיימִין, א. א. וו.

8) ווען אַ קאָנזאָנאַנט (סאָגלאַסני) האָט אונטער אָדער איבער זיך אַ נקודה, מוז דער קאָנזאָנאַנט געלעזען ווערען פריהער און דערנאָך דער וואָקאַל, אויסער אין דעם פאַל פון דעם בוכ־שטאַב "ח" (חית) אין סוף וואָרט, אונטער וועלכען עס געפינט זיך די נקודה ־ַ (פּתח), וואו דער וואָקאַל מוז געלעזען ווערען צוערשט און דערנאָך דער קאָנזאָנאַנט. צ. ב. ש.: מוֹחַ, מוז גע־לעזען ווערען מוֹאַח (ניט מוֹחַא), רֵיחַ — רֵיאַח (ניט רֵיחַא).

אויסשפּראַך און אַקצענט.

דאָרט וואו די אויסשפּראַכע איז אַנדערס ווי די אור־שפּרינגליך־העברעאישע, ווערט זי אָנגעוויזען אין קלאַמערען, אַזוי ווי: סוֹד [סָד], סוֹחֲרִים [סָחְרִים].

דער אַקצענט, וועלכען מיר האָבען געשטעלט אויף די ווערטער, איז דער אידישער אָנגענומענער אַקצענט און ניט דער אורשפּרינגליך העברעאישער. אַזוי צ. ב. ש. גיעבען מיר אין דעם וואָרט מוֹכֵר דעם אַקצענט אויף דער ערשטער זילבע (מוֹ'כֵר), הגם דער אורשפּרינגליך העברעאישער אַקצענט איז אויף דער צווייטער זילבע (מוֹכֵר').

הויפּטוואָרט (שֵׁם־עֶצֶם).

1) די מעהרסטע העברעאישע ווערטער באַהאַלטען אין דער אידישער שפּראַך זייער אורשפּרינגליכע מעהרצאָהל־ענ־דונגען, וועלכע זיינען: "־ים" און "־ות" (אויסנאַהמען זיינען ווער־טער ווי "אִשָּׁה" וועלכעס ווערט אין מעהרצאָהל "נָשִׁים"). אַזוי ווערט פון "אוֹרֵחַ" — "אוֹרְחִים", פון "חֶשְׁבּוֹן" — "חֶשְׁבּוֹנוֹת", א. א. וו.; ווערטער וועלכע ענדיגען זיך מיט אַ "הֿ", וואַרפען דעם דאָזיגען בוכשטאַב אין דער מעהרצאָהל אַרונטער. אַזוי ווערט פון "לֹוֶה" — "לֹוִים", פון "נְדָבָה" — "נְדָבוֹת", א. א. וו.

2) ווערטער וואָס ענדיגען זיך מיט אַ "ה" נאָך אַ בוכ־שטאַב מיט אַ "קמץ", ווען זיי פאַרבינדען זיך מיט אַנדערע ווערטער, פאַרוואַנדלען דעם "ה" אין אַ "ת". אַזוי ווערט פון "אַהֲבָה" — "אַהֲבַת"־(אַחִים), פון "טוֹבָה" — "טוֹבַת"־(הַכְּלָל), א. א. וו.

3) ווערטער וועלכע ענדיגען זיך אין מעהרצאָהל אויף

"־ים", ווען זיי פאַרבינדען זיך מיט אַנדערע ווערטער, וואַרפען אַרונטער דעם "ם". אַזוי ווערט פון "אֲנָשִׁים" — "אַנְשֵׁי"־(אֱמֶת), פון "בָּנִים" — "בְּנֵי"־(יִשְׂרָאֵל), א. א. וו.

4) פיעל ווערטער נעהמען צו אַ "י" אין איינצאָהל ווען זיי קומען אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע ווערטער. אַזוי ווערט פון "אָב" (פאָטער) — "אֲבִי"־הַיֶּלֶד (פאטער פון קינד).

פאַרקלענערונג פון הויפּטווערטער.

1) די פאַרקלענערונג־פאָרם פון העברעאישע ווערטער וועלכע ענדיגען זיך מיט "א", "ה" און "ע", בילדעט זיך אין מעהרצאָהל ווי אין איינצאָהל דורך דער צושטעלונג פון די פאַר־קלענערונג־ענדונג צו דעם וואָרצעל־וואָרט, אַזוי ווי:

מעשה: מעשה׳לע, מעשה׳לעך.

רגע: רגע׳לע, רגע׳לעך.

תורה: תורה׳לע, תורה׳לעך.

2) די פאַרקלענערונג־פאָרם פון אַלע אַנדערע ווערטער ווערט אין מעהרצאָהל געבילדעט דורך דער צושטעלונג פון דער פאַרקלענערונג־ענדונג נאָך דער מעהרצאָהל־ענדונג, אַזוי ווי:

איינצאָהל	מעהרצאָהל
בגד — בגד׳על	בגדים — בגדים׳לעך
ספר — ספר׳על	ספרים — ספרים׳לעך
חזן — חזנ׳דעל	חזנים — חזנים׳לעך
חשבון — חשבונ׳דעל	חשבונות — חשבונות׳לעך

אַנמערקונג: דאָס וואָרט חסיד׳על האָט צוויי מעהר־צאָהל־ענדונגען: 1) חסיד׳על (אַ קליינער חסיד) — חסידים׳לעך; 2) חסיד׳על (אַ חסידיש טענ־צעל) — חסיד׳לעך.

8) דאָרט וואו דאָס וואָרצעל־וואָרט האָט ניט קײן העב־רעאישע מעהרצאָהל־ענדונג, בילדעט זיך די פאַרקלענערונג אין מעהרצאָהל דורך דער צושטעלונג פון די פאַרקלענערונג־ענדונג צו דער אײנצאָהל־פאָרמע, אַזוי ווי:

חן: חנ׳דעל — חנ׳דלעך.

די אויסנאַהמען פון די אויבענדערמאָהנטע כלל׳ים וועלען געבראַכט ווערען אין דעם ווערטער־בוך.

אײגענשאַפט־וואָרט.

1) העברעאישע אײגענשאַפט־ווערטער פאָלגען די זעלביגע כללים ווי אַלע אַנדערע אידישע אײגענשאַפט־ווערטער, אַזוי זאָגט מען:

ער איז חשוב.

זי איז חשוב.

זײ זײנען חשוב.

אַ חשוב׳ער מאַן.

אַ חשוב׳ע פרוי.

חשוב׳ע לײט.

חשוב׳ער פון איהם.

דער חשוב׳סטער פון אַלע.

דערבײ איז צו באַמערקען, אַז געוויסע אײגענשאַפט־ווער־טער האָבען אויסער זײערע אידישע ענדונגען אויך די העברע־אישע ענדונגען וועלכע ווערען געוועהנליך געברויכט ווען דאָס וואָרט קומט אין פאַרבינדונג מיט אַ העברעאישען הויפטוואָרט. אַזוי זאָגט מען אויך:

איש חשוב.

אשה חשובה.

אנשים חשובים.

נשים חשובות.

2) פיעלע העבּרעאישע אײגענשאַפּט־װערטער װערען בלױז געבּרױכט אַלס פּרעדיקאַט (בּאַהױפּטונגס־װאָרט) און נעה־מען ניט אָן קײן אידישע ענדונגען. אַזױ זאָגט מען:

ער איז פּטור. ער איז חשוד.

זי איז פּטור. זי איז חשוד.

זײ זײנען פּטור. זײ זײנען חשוד.

אָבּער מע קען ניט זאָגען: אַ פּטור'ער מענש, אָדער: אַ חשוד'ע פרוי, אָדער: חשוד'ער פון איהם.

צו דער קלאַסע געהערען פאָלגענדע אײגענשאַפּט־װערטער:

אסור, בטל, גדול, חולה, טמא, חיב, חלק (בּלאַנק), טהור, טוב, יוצא, כולל, מבוסם, מגושם, מוחזק, מוחרם, מוטל, מוסכם, מוקצה, מוקשה, מותר, מחויב, מחולק, מלובש, מסוגל, מסופק, מרוצה, משונה, משוגע, משופע, נגזר, נגמר, נוטה, נזהר, ניכר, נכלל, נכשל, נתפעל, עלול, קודש, ראוי, שייך, תלוי.

דערבּײ איז צו בּאַמערקען, אַז פיעל פון אַזעלכע אײגענ־שאַפט־װערטער האָבּען דאָך העבּרעאישע געשלעכט־ און מעהרצאָהל־ענדונגען, װען זײ קומען אַלס אַדיעקטיװען פון העבּ־רעאישע הױפּטװערטער. אַזױ זאָגט מען:

דברים בטלים.

בשורה טובה.

בשורות טובות.

אנמערקונג: אײגענשאַפּט־װערטער װעלכע װערען געבּיל־דעט פון אַ העבּרעאישען װאָרט מיט אַ אידישע ענדונג, אַזױ װי: משונה'דיג, שכל'דיג, נעהמען נאַטירליך אָן אַלע פאָרמען פון געװעהנליכע אידישע אײגענשאַפט־װערטער.

געשלעכט און צאָהל.

פיעלע העברעאישע ווערטער האָבען אין דער אידישער שפּראַך אומגעביטען זייער געשלעכט אָדער צאָהל, אַזוי ווי: (אַ גרויסער) זכות, (אַ ביטערער) רחמנות, וועלכע זיינען ווייבליך אין העברעאיש און מענליך אין אידיש; (אַ פינסטערע) מורא, וועלכעס איז מענליך אין העברעאיש און ווייבליך אין אידיש; (דער) פּנים, וועלכעס איז מעהרצאָהל אין העברעאיש און איינצאָהל אין אידיש.

ציי ט וו אָ ר ט.

צייטווערטער ווערען געבילדעט אויף די פאָלגענדע צוויי אַרטען:

א) פון אַ העברעאישען וואָרצעל-וואָרט מיט דער צו-שטעלונג (אין אינפיניטיוו) פון "-ן", "-ען", "-טשען" אָדער "-עווען", צ. ב. ש.: פון גָּנַב ווערט גַּנְבֶ׳ען, פון טַעֲנָה — טַעֲנֶה׳ן, פון לֵץ — לֶצְ׳עווען, פון צָבוּעַ — צְבוּעַ׳טשען.

ב) פון אַ העברעאישען וואָרט אין פאַרבינדונג מיט די הילפס-צייטווערטער "זיין" אָדער "ווערען", צ. ב. ש.: מְנַצֵחַ-זיין, נִשְׁתּוֹמֵם-ווערען.

אנמערקונג 1. די אינפיניטיוו-ענדונג "-ען" פון פיעלע העברעאישע צייטווערטער ווערט אין דעם מויל פון פאָלק אָפט פאַרדאָפּעלט אויף "-ענען", אזוי זאָגען פיעלע: גנב׳ענען (אנשטאט גנב׳ען). די פאַרדאָפּלונג אָבער מוז באַטראַכט ווערען אלס אַ פאַרגרייזונג פון דער איינפאַכער ריכטיגער ענדונג און דאַרף אויסגעמיידען ווערען אין שרייבען אזוי ווי אין ריידען.

I.

צײטװערטער װעלכע װערען געבילדעט דורך דער צושטעלונג פון "־ן", "־ען", "־עווען", "־טשען" צו דעם העברעאישען װאָרצעל־װאָרט.

צײטװערטער װעלכע װערען געבילדעט דורך די ענדונגען "־ן", "־ען", "־עווען", "־טשען" צוגעשטעלט צו דעם העברעאי־שען װאָרצעל־װאָרט, װערען אין אַלגעמײנעם געבויגען און גע־ענדערט אַזוי װי די אידישע צײטװערטער פון דײטשען אָדער סלאַװישען אורשפּרונג, צו װעלכע זײ טראָגען אַ'ן עהנליכקײט אין זײער זילבען־בוי, צ. ב. ש.:

בדק'ען, סוד'ען, מקיא'ן	װי	צאַצקען, נודיען, בריקען.
אבל'ען, גזל'ען, טובל'ען	„	צאַפּלען, טרײסלען, שאָקלען.
כשר'ען, סרסר'ען, דוכנ'ען	„	אַקערן, פּאָדערען, רעכענען.
סמ'ען, מל'ען, נט'ען	„	שטאַמען, שאַלען, גלעטען.
לצ'יעווען, תכלי'עווען, נע־נדי'עווען, צבוע'טשען	„	האָרעווען, שאַנעווען, פּאַל־רעווען, קאַטשען.

אנמערקונג 2. אַלע צײטװערטער װאָס זײער העברעאי־שער װאָרצעל־װאָרט ענדיגט זיך אויף "א", "ה" אָדער "ע", װאַרפען אַראָפּ דעם "ע" פון אַלע ענדונגען; דערבײ נעהמט דער לעצטער װאָקאַל פון װאָרצעל איבער די אויס־שפּראַכע פון דעם "ע", צ. ב. ש.: מקיא'ן [מײקען], מענה'נדיג [טענענדיג], געצה'ט [געצעצעט].

מוסטערן פון צייטווערטער וועלכע

אקטיוו		
אינפיניטיוו (מקור)	בַּדְק'ען	כַּשֶׁר'ען
פאַרגאַנגענהייט (עבר) איך האָב דו האָסט ער האָט מיר האָבען איהר האָט זיי האָבען	גע'בַּדְק'עט	גע'כַּשֶׁר'ט
געגענוואַרט (הוה) איך דו ער מיר איהר זיי	בַּדְק'ע בַּדְק'עסט בַּדְק'עט בַּדְק'ען בַּדְק'עט בַּדְק'ען	כַּשֶׁר כַּשֶׁר'סט כַּשֶׁר'ט כַּשֶׁר'ען כַּשֶׁר'ט כַּשֶׁר'ען
צוקונפט (עתיד) איך וועל דו וועסט ער וועט מיר וועלען איהר וועט זיי וועלען	בַּדְק'ען	כַּשֶׁר'ען
מיטעלוואָרט	בַּדְק'ענדיג האָבענדיג גע'בַּדְק'עט	כַּשֶׁר'ענדיג — גע'כַּשֶׁר'ט
באַפעהל (צווי)	בַּדְק'ע בַּדְק'עט	כַּשֶׁר כַּשֶׁר'ט

ענדיגען זיך אויף "ען" אדער "ן".

(פעל)		
אַכְל'ען	סַמ'ען	טַעֲנֶה'ן
גע'אַכֶל'ט	גע'סַמ'ט	גע'טַענֶה'ט
אַכֶל אַכֶל'סט אַכֶל'ט אַכְל'ען אַכֶל'ט אַכְל'ען	סַם סַם'סט סַם'ט סַם'ען סַם'ט סַם'ען	טַענֶה טַענֶה'סט טַענֶה'ט טַענֶה'ן טַענֶה'ט טַענֶה'ן
אַכְל'ען	סַם'ען	טַענֶה'ן
אַכְל'ענדיג — גע'אַכֶל'ט	סַם'ענדיג — גע'סַם'ט	טַענֶה'נדיג — גע'טַענֶה'ט
אַכֶל אַכֶל'ט	סַם סַם'ט	טַענֶה טַענֶה'ט

דער פאסיוו (נפעל) ווערט געבילדעט מיט דער הילף פון די צייטווערטער "זיין" און "ווערען".

פאַסיוו (נפעל)		
אינפיניטיוו (מקור)	גע׳בּדק׳עט־ווערען, גע׳כּשר׳ט־ווערען, גע׳אַבל׳ט־ווערען, גע׳סם׳ט־ווערען, גע׳טעה׳ט־ווע־ען.	
פאַרגאַנגענהייט (עבר)	איך בין דו ביסט ער איז מיר זיינען איהר זייט זיי זיינען	גע׳בּדק׳עט געוואָרען
געגענוואַרט (הוה)	איך ווער דו ווערסט ער ווערט מיר ווערען איהר ווערט זיי ווערען	גע׳בּדק׳עט
צוקונפט (עתיד)	איך וועל דו וועסט ער וועט מיר וועלען איהר וועט זיי וועלען	גע׳בּדק׳עט ווערען
מיטעלוואָרט	ווערענדיג גע׳בּדק׳עט	
באַפעהל (צווי)	ווער ווערט	גע׳בּדק׳עט

װי בַּדְק׳ען װערען געבױגען:

ברח׳ען, גנב׳ען, דער׳רגז׳ען, דרש׳ען, הלכ׳ען, הרג׳ען, זרק׳ען, חכמ׳ען (זיך), חלי׳ען [חאָליען], חנפ׳ען, חתמ׳ען, ירש׳ען, ישבֿ׳ען, כתב׳ען, לקח׳ען, סרח׳ען, פסק׳ען, קנס׳ען [קאַנסען], שרפ׳ען, שתק׳ען.

װי כַּשֶׁר׳ען װערען געבױגען:

אַויר׳ען, דבר׳ען, הולכ׳ען, הורג׳ען, חבר׳ען (זיך), חרוש׳ען (זיך), חוזק׳ען, חושכ׳ען, חלומ׳ען, חזיר׳ען, חזור׳ען, חיות׳ען (זיך), חלש׳ען, יחום׳ען (זיך), ישיב׳ען (זיך), כשופ׳ען, לאמר׳ען, מיאוס׳ען (זיך), מוסר׳ען, מסר׳ען, מזיק׳ען, ממית׳ען, מעשר׳ען, משלמ׳ען, משפט׳ען, נהרג׳ען, נואפ׳ען, ניזוק׳ען, סדר׳ען, סלוק׳ען, ספק׳ען (זיך), סרסר׳ען, עסק׳ען (זיך), פטר׳ען, צלמ׳ען, רודפ׳ען, שאַכערן (סחר׳ען), שמועסען, שנדר׳ען.

אַזױ אױך:

בדחנ׳ען, דוכנ׳ען, חקרנ׳ען (זיך), חשבונ׳ען, יחסנ׳ען (זיך), כעסנ׳ען (זיך), נתנ׳ען, עקשנ׳ען (זיך), פאַר׳משכונ׳ען, שדכנ׳ען (זיך).

אַנמערקונג 3. אַזױ װי דער "ן" אין די לעצט=דערמאָנטע װערטער געהערט צו דעם װאָרצעל, מוז ער נאַטירליך פאָרקומען אין אַלע ענדונגען. די ענדונג פון אַזעלכע װערטער װי "חשבונ׳ען" מוז נישט פאַרמישט װערען מיט דער פאַרגרײזטער ענדונג פון "גנב׳ענען". זעה אויבען "אַנמערקונג 1.".

װי אַכְל׳ען װערען געבױגען:

באַנווליען, בטל׳ען, גדל׳ען (זיך), טובל׳ען, יכול׳ען [יאָכל׳ען], כפל׳ען, מפל׳ען, משל׳ען, פסל׳ען.

װי סַמ׳ען װערען געבױגען:

גט׳ען, כעס׳ען, לצ׳ען, מל׳ען, מת׳ען, פאַר׳קנס׳ען [פאַרקנאַסען], שמד׳ען, שחט׳ען.

אַנמערקונג 4. דאָס צײטװאָרט שחט׳ען צוליעב זײן אנקלאַנג אָן "פלעכטען" װערט אין פאַר=גאַנגענהײט געשָׁחט׳ען (און נים "געשֶׁחט").

װי טַעֲנָה'ן װערען געבויגען:

בריה'ן, דאגה'ען, מקיא'ן, מלאכה'ן, מעלה־גרה'ן, נגע'ן,
עצה'ן.

II.

צײטװערטער װעלכע װערען געבילדעט דורך דער צושטעלונג פון "זײן" און "װערען" צו דעם העבּרעאישען װארט.

אין צײטװערטער װעלכע װערען געבילדעט פון אַ העבּרעאישען װאָרט מיט דער צושטעלונג פון די אידישע הילפּס־צײטװערטער "זײן" אָדער "װערען" (װי: מנצח־זײן, נשתומם־װערען), װערען די פאַרשידענע צײטען און פאָרמען געבילדעט דורך די בּויגונגען און ענדערונגען פון דעם הילפּס־װאָרט. דאָס העבּרעאישע װאָרט בּלײבּט אין אַלע פאָרמען גלײך.

דערבּײ איז צו בּאַמערקען, אַז אין די צײטװערטער װעלכע װערען געבילדעט מיט דער צושטעלונג פון "זײן", װערט אין פאַרגאַנגענהײט געבּרויכט דאָס הילפּס־צײטװאָרט "האָבּען" אנשטאט "זײן". אַזױ זאָגט מען: "איך האָבּ מנצח־געװען" (אנשטאט: "איך בּין מנצח־געװען"), "האָבּענדיג מנצח־געװען" (אנשטאט: "זײענדיג מנצח־געװען"), א. א. װ.

די צײטװערטער װעלכע װערען געבילדעט דורך די הילפּס־װערטער "זײן" און "װערען", דאַרפען אײגענטליך בּאַטראַכט װערען אַלס ניט־פאָלשטענדיגע צײטװערטער. די צײט־װערטער געבילדעט דורך "זײן" האָבּען ניט קײן פּאַסיװע פאָרמע (נפעל), און די צײטװערטער װעלכע ענדיגען זיך אויף "װערען", האָבּען ניט קײן אַקטיװע פאָרמע (פעל).

מוסטערען פון צייטווערטער געבילדעט דורך דער צושטעלונג פון "זיין" און "ווערען".

אינפיני־טיוו (מקור)	מְנַצֵחַ־זיין	נִשְׁתּוֹמֵם־ווערען
פאַרגאַנגענהייט (עבר)	איך האָב דו האָסט ער האָט מיר האָבען איהר האָט זיי האָבען } מְנַצֵחַ־גַעווען	איך בין דו ביסט ער איז מיר זיינען איהר זייט זיי זיינען } נִשְׁתּוֹמֵם־געוואָרען
געגענוואַרט (הוה)	איך בין דו ביסט ער איז מיר זיינען איהר זייט זיי זיינען } מְנַצֵחַ	איך ווער דו ווערסט ער ווערט מיר ווערען איהר ווערט זיי ווערען } נִשְׁתּוֹמֵם
צוקונפט (עתיד)	איך וועל דו וועסט ער וועט מיר וועלען איהר וועט זיי וועלען } מְנַצֵחַ־זיין	איך וועל דו וועסט ער וועט מיר וועלען איהר וועט זיי וועלען } נִשְׁתּוֹמֵם־ווערען
מיטעל־וואָרט	מְנַצֵחַ־זייענדיג	נִשְׁתּוֹמֵם־ווערענדיג
באַפעהל (צווי)	זיי זייט } מְנַצֵחַ	ווער ווערט } נִשְׁתּוֹמֵם

פאָרבוכשטאַבען.

"ה" אַלס אַרטיקעל (אָנוווייז־וואָרט).

דער אַרטיקעל ("דער", "די") ווערט אין העברעאיש באַצייכענט מיט דער צושטעלונג פון אַ "ה" אין אָנהויב וואָרט אַזוי ווי: הַמֶּלֶךְ (דער קעניג), הַגָּדוֹל (דער גרויסער), הָאִשָּׁה (די פרוי).

פאָרבוכשטאַבען אַלס בינדווערטער.

1) דאָס בינדוואָרט "און" ווערט אין העברעאיש באַצייכענט דורך אַ "ו" צוגעשטעלט אין אָנהויב וואָרט. צ. ב. ש.: צַדִּיק וְטָהוֹר (אַ פרומער און אַ ריינער), תֵּכֶף וּמִיַּד (גיך און באַלד).

2) דאָס בינדוואָרט "ווי" און "אַזוי ווי" ווערט אין העברעאיש באַצייכענט דורך אַ "כ" צוגעשטעלט אין אָנהויב וואָרט. צ. ב. ש.: כִּשְׁמוֹ (אַזוי ווי זיין נאָמען), כְּסוּמָא (אַזוי ווי אַ בלינדער).

פאָרבוכשטאַבען אַלס פאָרווערטער.

די פאָרווערטער (מלות־היחס) ווערען אין העברעאיש און כאַלדעאיש באַצייכענט מיט די פאָלגענדע בוכשטאַבען צוגעשטעלט אין אָנהויב וואָרט: "ב" — "אין", בְּשָׁלוֹם (אין פרידען); "ד" (כאַלדעאיש) — "פון", דְּלִיטָא (פון ליטא); "ל" — "צו", "[...]", לְחַיִּים (צום לעבען), לְשָׁלוֹם (אין פרידען); "מ" — "[...]ון", מִקּוֹדֶם (פון פריהער); "שב" — "פון", "צווישען", כֶּלֶב־[...]בִּכְלָבִים (אַ הונד פון הינט [אַ גרויסער הונד]), עָנִי־שֶׁבָּעֲנִיִּים (דער אָרעמסטער פון די אָרעמע).

ענד-בוכשטאַבען.

בוכשטאַבען וועלכע ווערען צוגעשטעלט צום סוף פון וואָרט און דיענען אַלס באַזיץ־אָנווייזענדע פירווערטער (כנויים).

אין העברעאישע ווערטער ווערען באַזיץ-אָנווייזענדע פיר-ווערטער געבילדעט דורך דער צוזעצונג צום סוף וואָרט פון די פאָלגענדע בוכשטאַבען:

איינצאָהל:

ִי (מיין), ְךָ (דיך) (דיין, מענליך), ֵךְ (דיך) (דיין, ווייבליך), ֹו (דיו) (זיין), ָה (דיהָ) (איהר), ֵנוּ (דינו) (אונזער), ְכֶם (דיכֶם) (איער, מענל.), ְכֶן (דיכֶן) (אייער, ווייבל.), ָם (דיהֶם) (זייער, מענל.), ָן (דיהֶן) (זייער, ווייבל.).

מעהרצאָהל:

ַי (מיינע), ֶיךָ (דיינע, מענל.), ַיִךְ (דיינע, ווייבל.), ָיו (זיינע), ֶיהָ (איהרע), ֵינוּ (אונזערע), ֵיכֶם (אַייערע, מענל.), ֵיכֶן (אייערע, ווייבל.), ֵיהֶם (זייערע, מענל.), ֵיהֶן (זייערע, ווייבל.).

אַזוי ווי:

איינצאָהל:

אָח א ברודער	בֵּן א זוהן
אָחִ־י מיין ברודער	בְּנִ־י מיין זוהן
אָחִ־יךָ דיין (מענל.) ברודער	בִּנְ־ךָ דיין (מענל.) זוהן
אָחִ־יךְ דיין (ווייבל.) ברודער	בְּנֵ־ךְ דיין (ווייבל.) זוהן
אָחִ־יו זיין ברודער	בנ־ו זיין זוהן

בְּנָ־הּ איהר זוהן	אָחִ־יהָ איהר ברודער
בְּנֵ־נוּ אונזער זוהן	אָחִ־ינוּ אונזער ברודער
בִּנְ־כֶם אײַער (מענל.) זוהן	אֲחִ־יכֶם אײַער (מענל.) ברודער
בִּנְ־כֶן אײַער (ווייבל.) זוהן	אֲחִ־יכֶן אײַער (ווייבל.) ברודער
בְּנָ־ם זייער (מענל.) זוהן	אֲחִ־יהֶם זייער (מענל.) ברודער
בְּנָ־ן זייער (ווייבל.) זוהן	אֲחִ־יהֶן זייער (ווייבל.) ברודער

מעהרצאָהל:

בָּנִים זיהן	אַחִים ברידער
בָּנַ־י מיינע זיהן	אַחַ־י מיינע ברידער
בָּנֶ־יךָ דיינע (מענל.) זיהן	אַחֶ־יךָ דיינע (מענל.) ברידער
בָּנַ־יִךְ דיינע (ווייבל.) זיהן	אַחַ־יִךְ דיינע (ווייבל.) ברידער
בָּנָ־יו זיינע זיהן	אֶחָ־יו זיינע ברידער
בָּנֶ־יהָ איהרע זיהן	אַחֶ־יהָ איהרע ברידער
בָּנֵ־ינוּ אונזערע זיהן	אַחֵ־ינוּ אונזערע ברידער
בְּנֵ־יכֶם אײַערע (מענל.) זיהן	אֲחֵ־יכֶם אײַערע (מענל.) ברידער
בְּנֵ־יכֶן אײַערע (ווייבל.) זיהן	אֲחֵ־יכֶן אײַערע (ווייבל.) ברידער
בְּנֵ־יהֶם זייערע (מענל.) זיהן	אֲחֵ־יהֶם זייערע (מענל.) ברידער
בְּנֵ־יהֶן זייערע (ווייבל.) זיהן	אֲחֵ־יהֶן זייערע (ווייבל.) ברידער

אָפּשטאַמונג.

ביי יעדער צוזאַמענשטעלונג פון צוויי אָדער מעהר העבּ־רעאישע ווערטער (און אויך ביי געוויסע כאַראַקטעריסטישע איינצעלנע ווערטער) האָבּען מיר אַנגעוויזען דעם מקור פון וועלכען די וואָרט־פאַרבינדונג (אָדער דאָס וואָרט) שטאַמט. צ. ב. ש.: **ביבליש** (גענומען פון דעם תנ"ך), **תלמודיש**

(געגומען פון תלמוד אָדער די מדרשים), ליטורגיש (גענומען פון די תפלות, יוצרות, קינות, הגדה, סליחות, מחזור, א. א. וו.), קאַבּאַליסטיש (גענומען פון זהר אָדער אַנדערע קבלה־ספרים), א. א. וו.

העברעאיזירטע אָדער פּסעוודאָ־העבּרעאישע ווערטער און פאָרמען.

ווערטער וועלכע זיינען אייגענטליך ניט־העבּרעאיש (הגם זיי טראַגען אַ העבּרעאישע פאָרמע) אָדער זיינען פון צווייפעל־האפטען אורשפּרונג, ווערען באַצייכענט מיט אַ שטערענדעל (*), אַזוי ווי: פָּלוּש, קוּנְדֵס. מיט דעם זעלביגען שטערענדעל ווערען אויך באַצייכענט ווערטער וועלכע טראָגען אַ העבּרעאישע אָבער גראַמאַטיש ניט־ריכטיגע פאָרמע, אַזוי ווי: טָעוּתִים (אַנשטאט טְעִיוֹת), תַּכְלֵיתִים (אנשטאט תַּכְלִיוֹת).

אַנמערקונג: אין דער אידישער שפּראַך זיינען דאָ פיעל ניט־העבּרעאישע ווערטער וועלכע נעהמען אָן אין מעהרצאָהל אַ העבּרעאישע פאָרמע, אַזוי ווי: דאָקטאָר — דאָקטוירים, פּויער — פּויערים, פאַקטאָר — פאַקטוירים. אין געוויסע ווערטער, וועלכע האָבען אַ געוועהנליכע מעהרצאָהל־פאָרמע, ווערט אָפט די העבּרעאישע מעהר־צאָהל־פאָרמע געבּרויכט אום אויסצודריקען שפּאַס אָדער פאַראַכטונג, אַזוי ווי: שוסטער — שוסטוירים (פאַרעכטליך).

פאַרקירצונגען און צייכענס.

א.	אייגענשאַפט=וואָרט (תואר).
א. א. וו.	און אַזוי ווייטער.
אבּ.	אָנפאַנג=בּוכשטאַבּען (ראשי־תבות).
א. ד. ג.	און דאָס גלייכען (וכדומה).
או.	אומשטאַנד=וואָרט (תואר־הפעל).
אוו.	אייגענשאַפט=וואָרט ווייבּליך (תואר, נקבה).
אמ.	אייגענשאַפט=וואָרט מענליך (תואר, זכר).
אנ.	אייגעננאָמען (שם־עצם־פרטי).
אנוו.	אייגעננאָמען ווייבּליך (שם־עצם־פרטי, נקבה).
אנמ.	אייגעננאָמען מענליך (שם־עצם־פרטי, זכר).
אנמ. מ.	אייגעננאָמען מענליך מעהרצאָהל (שם־עצם־פרטי, זכר, רבים).
אר.	אויסרוף=וואָרט (מלת־הקריאה).
בּ.	בּינד=וואָרט (מלת־החבור).
ד. ה.	דאָס הייסט.
הוו.	הויפּטוואָרט ווייבּליך (שם־עצם, נקבה).
הז.	הויפּטוואָרט זאכליך (שם־עצם, סתמי).
המ.	הויפּטוואָרט מענליך (שם־עצם, זכר).
וו.	ווייבּליך (נקבה).
ווז.	ווּעלכעס זעה.
וער.	ווערטעל.
זעה ווב.	זעה (ערשטען טהייל) ווערטער=בּוך } די אָפּקירצונגען קומען
זעה פערז.	זעה נעמען פון פערזאָנען } פאָר אין די בּיילאַגען.

מ. מעהרצאָהל (רבים).

מנ. מעננער=נאָמען.

פ. פאָרוואָרט (מלת־היחס).

פי. פירוואָרט (מלת־הגוף).

פנ. פרויען=נאָמען.

צ. צאָהלוואָרט (מלת־המספר),

צא. צייטוואָרט איבערגעהענד (פעל־יוצא).

צ. ב. ש. צום ביישפיעל.

צוו. צייטוואָרט ווידערקעהרענד (פעל־חוזר).

צל. צייטוואָרט ליידענד (נפעל).

צש. צייטוואָרט שטעהענד (פעל־עומד).

ק. קליין (פאַרקלענערונג אָדער פאַרצערבעלונג).

שפוו. שפריכוואָרט.

* ווייזט אַז דאָס וואָרט איז ניט קיין אַלט=העברעאישעס נאָר גע=שאַפפען געוואָרען אין שפעטערע צייטען, אָדער די פאָרמע (הגם זי קוקט אויס ווי העברעאיש) איז ניט קיין העברעאישע.

’ דער אַפאָסטראָף=צייכען ווערט געברויכט אום אָפצוזונדערען דעם העברעאישען וואָרצעל פון די איבריגע טהיילען פון דעם וואָרט, אַזוי ווי אין פאר׳משכונ׳ען, צייגען די אַפאָסטראָף=צייכען אַז דער העברעאישער וואָרצעל איז משכון.

‚ צייגט דעם אַקצענט (לויט דער געברויכטער אידישער אויס=שפראַך). דער צייכען קומט שטענדיג נאָך דער זילבע וועלכע דאַרף אַקצענטירט ווערען.

[ ] אין אַזעלכע קלאַמערען קומט די אויסשפּראַכע פון ווערטער דאָרט וואו זי איז אַנדערס ווי די עכט=העברעאישע.

אידיש ווערטערבוך

I

אַפּט געברויכטע העברעאישע (און כאַלדעאישע) ווערטער,
אויסדרוקען און אייגענענעמען.

א.

א, הם. דער ערשטער בוכשטאַב פון
דעם אידישען אַלף־בית; מיט אַ
וואָקאַל=צייכען אויסגעשפּראָכען ווי
דער וואָקאַל אַליין (אַזוי ווי אין
"אָבֵל"), אָהן אַ וואָקאַל=צייכען
שטום (ווי אין "לֹא"); אין צעה=
לען גערעכענט אַלס 1. זעה
אַ׳לֶף.

א"ב, אב. אַ׳לֶף־בֵּית (ווז.).

אָב, הם. דער עלפטער מאָנאַט פון
דעם אידישען יאָהר; פאַלט גע=
וועהנליך אין יולי=אוגוסט, און
האָט דרייסיג טעג.

אֲבֵ׳דָה, הוו. (מ. אֲבֵ׳דוֹת). פאַר=
לוסט, שאָדען; פאַרלאָרענער גע=
גענשטאַנד.

אֵ׳בוּד־מָ׳מוֹן, הם. (תלמודיש).
געלט=שאָדען; געלט-פאַרשווענדע=
רונג.

אָ׳בוֹת, מ. פאָטערס, עלטערען,
די אורפאָטערס פון דעם אידישען
פאָלק (אברהם, יצחק און יעקב)

אֲבוֹת [אָ׳בוֹת]־אֲבוֹתֵי׳נוּ, מ. אונ=
זערע עלטערען׳ס עלטערען. פון
א ב ו ת ־ א ב ו ת י נ ו, פון אור=
אַלטע צייטען.

אָ׳בִי, הם. מיין פאָטער.

אֲבִי׳־, הם. דער פאָטער פון —.

אֲבִי׳־אֲבוֹת׳־הַטוּמְ׳אָה, הם. (תל=
מודיש). "דער אורפאָטער פון
אונריינקייט", דער העכסטער גראַד
פון אונריינקייט, די קווינטעסענץ
פון פאַרדאָרבענהייט.

אֲבִי׳־הַיֶ׳לֶד, הם. (ליטורגיש). דער
פאָטער פון דעם (באַשניטענעם)
קינד.

אֲבִי׳־יְתוֹ׳מִים, הם. (ביבליש). דער
פאָטער פון די וועלכע האָבען ניט
קיין עלטערען. "גאָט איז אַ׳ן
א ב י ־ י ת ו מ י ם" (שפּוו.).

אֲבֵי׳דָה, הוו. (מ. אֲבֵי׳דוֹת). זעה
אֲבֵ׳דָה.

אֶבְ׳יוֹן, הם. (מ. אֶבְיוֹ׳נִים). אָרעמ=
מאַן. "ביי אַ׳ן א ב י ו ן אַ צווי=

לינג איז ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען" (שפּוו.). "ער איז ניט קיין גרויסער עושר און ניט קיין קליינער אביון" (ווער.).

אֶבְ'יוֹן־שֶׁבָּאֶבְיוֹ'נִים, הם. דער אָרעמסטער פון די אָרעמע, אַ גרויסער אָרעמאַן.

אֶבְ'יוֹנ'טע, הוו. (מ. אֶבְ'יוֹנ'טעס). אָרעמע פרוי.

אֲבֵ'ילוּת, הוו. זעה אֲבֵ'לוּת.

אָבִ'ינוּ־מֶ'לֶךְ [מֶ'לֶךְ], הם. אונזער פאָטער דער קעניג (גאָט). "אבינו־מלך דאָס הארץ איז מיר פרעהליך" (פאָלקס=ליעד).

אָבִ'ינוּ־מַלְ'כֵּ'נוּ, הם. (ליטורגיש). "אונזער פאָטער און קעניג", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ אידישען געבעט.

אַבִּ'יר־לֵב [לֶב], הם. (ביבליש). האַרטהערציגער מענש.

אָ'בֵל, הם. (מ. אֲבֵ'לִים). איינער וועלכער איז אין טרויער; דער פערוואַנדטער פון אַ פאַרשטאָרבע=נעם (אין דעם יאָהר פון טרויער).

אֲבֵלָ'ה, הוו. (מ. אֲבֵ'לוֹת). זעה אָ'בֵל.

אֲבֵ'לוּת, הוו. טרויער; די צייט פון טרויער נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם (ביי אידען, צוועלף מאָנאַט).

אָ'בְלִיטע, הוו. (מ. אָ'בְלִיטעס). זעה אָ'בֵל.

אֶ'בֶן־טוֹב [טָב], (תלמודיש: אֶ'בֶן־טוֹ'בָה), הם. (מ. אֲבָ'נִים־טוֹ'בוֹת). עדעלשטיין, דימענט; טהייערע זאַך, זעלטענהייט. "אַ שם־טוב איז בעסער ווי אַ'ן אבן־טוב" (שפּוו.).

אֶ'בֶן־נֶ'גֶף, הם. (מ. אַבְ'נֵי־נֶ'גֶף). (ביבליש). שטרויכעל=שטיין, היננ=דערנים.

אַבְ'נֵט, הם. גאַרטעל, דער גאַרטעל וועלכען מע טהוט אָן אַ טויטען.

אֵ'בֶר, הם. (מ. אֵבָרִים [אֵבְ'רִים]). גליעד; מענגליכער געשלעכט-אָר=גאַן.

אֵ'בֶר־מִן־הַחַ'י, הם. (תלמודיש). אַ שטיק פלייש אָפּגעשניטען פון אַ בהמה ווען זי לעבט נאָך (פאַר=באָטען צו עסען לויט דעם אידי=שען דין).

אַבְרָ'הָם, אנם. דער נאָמען פון דעם ערשטען אידישען אוּרפאָטער.

אַבְרָ'הָם־אָבִ'ינוּ הם. (תלמודיש). אונזער פאָטער אברהם. אברהם־אבינו'ס טהירען, זעהר פיעל טהירען (לויט דער לעגענדע האָט אברהם, וועלכער איז געווען זעהר גאַסטפרייגדליך, געלאָזט מאַכען זעהר פיעל טהירען אין זיין הויז דאַמיט די פרעמדע זאָלען קענען לייכט אריינקומען).

אַ'גַב, או. פאַרביינגעהענדיג, אויך, צוגלייך.

אַ׳גַב־אוֹרְ׳חָא, או. (תלמודיש). זעה אַ׳גַב.

אַגָ׳דָה, הוו. (מ. אַגָ׳דוֹת). זאגע, לעגענדע; דעריעניגער טהייל פון תלמוד (ווו.) וועלכער באַשטעהט פון לעגענדען, שפריכווערטער, מאָראַל=לעהרען א. ד. ג., אין געגענזאַץ צו דעם טהייל וועלכער רופט זיך "הֲלָ׳כָה" (ווו.). זעה תַּלְ׳מוּד.

אַגַדְ׳תָּא, הוו. (מ. אַגַדְ׳תּוֹת). זעה אַגָ׳דָה.

אֲגוּ׳דָה, הוו. (מ. אֲגוּ׳דוֹת). פאַר=איין, פאַרבאַנד.

אֲגוּ׳דָל, הם. דער גראָבער פינגער פון דער האַנד. זעה גוֹי.

אָ׳גִיל־וְאֶשְׂ׳מַח, או. (ליטורגיש). "איך וועל זיך פרעהען און וועל לוסטיג זיין", די צוויי ערשטע ווערטער פון אַ געוויסען אידישען געבעט=געזאַנג, געברויכט אין דעם ווערטעל: "אגיל־ואשמח קיילעכדיג און שפיציג", ד. ה. זעהר גלאַט (דאָס וואָרט "אגיל", איך וועל זיך פרעהען, ווערט דאָ שפּאַסהאַפט פאַרביטען מיט דעם וואָרט "עגול", רונד).

אֱ׳דוֹם, אנם. דער נאָמען פון אַ פאָלק וואָס איז געווען פיינדליך צו אידען און וואָס ווערט דער=מאָנט זעהר אָפט אין דער ביבעל.

אָ׳דוֹן, הם. (מ. אֲדוֹ׳נִים). אַ העֶרר; אַ רייכער פאָרנעהמער אָדער אַריסטאָקראַטישער מאַן; אַ הויכער בעאַמטער (געוועהנליך געברויכט אויף אַ ניט=אידען).

אָ׳דוֹן־הַגָ׳דוֹל, הם. דער גרויסער העֶרר, דער פאָרשטעהענדער בע=אַמטער.

אֲדוֹן׳־עוֹ׳לָם, הם. (ליטורגיש). "דער האַרר פון דער וועלט", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ אידישען געבעט וואָס מע זאָגט אין אָנהויב פון דעם מאָרגענדיגען דאַוונען. פון אדון־עולם ביז עלינו, פון אָנהויב ביז'ן ענד.

אֲדוֹ׳נִי, הם. מיין האַרר.

אֲדוֹנָ׳י, הם. "מיין האַרר", גאָט. זעה יְהוָֹה.

אָ׳דוּק, הם. (מ. אֲדוּ׳קִים). אַ זעהר פרומער, אַ פאַנאַטישער מענש.

אֲדוֹשֵׁ׳ם, הם. זעה יְהוָֹה.

אַ׳דִיר, הם. (מ. אַדִי׳רִים). "אַ מעכ=טיגער", אַ זעהר רייכער מאַן.

אָ׳דָם, הם. אַ מענש; אנם. דער נאָמען פון דעם ערשטען מענשען. "אדם אַ מענש קאַטשקע רוק זיך" (ווערטעל געזאָגט אויף אַ קליין מענשעל וואָס שטעלט זיך גרויס, אָדער אויף אַ טויגעניכטס וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ'ן אויפטהוער). "אדם נאַקעט חוה באָרוועס" (ווער.).

אָדָם־גָ׳דוֹל, הם. גרויסער מאַן.

אָדָם־הָרִאשׁוֹן, הם. (תלמודיש). דער ערשטער מענש.

אָדָם יְסוֹדוֹ מֵעָפָר וְסוֹפוֹ לְעָפָר, (ליטורגיש). דער פונדאמענט פון מענשען איז שטויב און זיין ענד איז שטויב. "אדם יסודו מעפר וסופו לעפר און בינו־לבינו איז גוט א טרונק בראנפען" (ווער.).

אָדָם קָרוֹב לְעַצְמוֹ, (תלמודיש). א מענש איז נאָהענט (אם נאָ־הענטסטען) צו זיך אליין.

אֲדָמָה, הוו. ערד. אריינגלייגען אין דער א ד מ ה, אומגליקליך מאַ־כען, רואינירען; מאַכען צו נישט.

אַדְמוּ"ר, הם. אב. אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, אונזער הארר, לעהרער און מייסטער (א טיטול מיט וועל־כע; מע אדרעסירט אין שרייבען א גרויסען פרומען געלעהרטען).

אֲדָר [אָדֶר], הם. דער זעקסטער מאָנאט פון דעם אידישען יאָהר; פאלט געוועהנליך אין פעברואר־מערץ און האָט 29 טעג.

אֲדָר־וַאֲדָר [אָדֶר־וֶיאָדֶר], ם. דער זעקסטער און דער זיבענטער מאָ־נאט פון א'ן עבור־יאָהר.

אֲדָר [אָדֶר]־שֵׁנִי, הם. (תלמודיש). דער צווייטער אדר, דער זיבענ־טער מאָנאט פון א'ן עבור־יאָהר; פאלט געוועהנליך אין מערץ־אפריל און האָט 29 טעג.

אַדְרַבָּה, או. (תלמודיש). פאר־קעהרט, אים גענענטהייל; נאָך בעסער, דעסטאָ בעסער.

אַדְרַבָּה־וְאַדְרַבָּה, או. נאָך בע־סער, דעסטאָ בעסער; זעהר גוט פארטראָגען. "איך בין מיט איהם א ד ר ב ה ־ ו א ד ר ב ה און ער איז מיט מיר קידער־ווידער" (ווער.).

אַהֲבָה, אַהֲבַת־, הוו. (מ. אַהֲבוֹת). ליעבע, פריינדשאפט.

אַהֲבָה־רַבָּה, הוו. (ליטורגיש). גרויסע ליעבשאפט; די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון א געוויסען אידישען געבעט וואָס מע זאָגט פאר שמע־ישראל. א ה ב ה ־ ר ב ה = פרישטשיקלעך, א ווא־לגארע באצייכנונג פון גע־וויסע פרישטשיקלעך אויף דעם געזיכט פון יונגע לייט. "פאר לויטער א ה ב ה ־ ר ב ה קומט ער ניט צו שמע־ישראל" (ווער.).

אַהֲבָה שֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בְּדָבָר, הוו. (תלמודיש). א ליעבע וועלכע איז ניט אָפהענגיג אָן א געוויסען אינ־טערעס, אונאייגענניציגע ליעבע.

אַהֲבָה שֶׁהִיא תְּלוּיָה בְּדָבָר, הוו. (תלמודיש). א ליעבע וועלכע איז

אָפּהענגיג אָן אַ געוויסען אינטע=
רעס, אייגענניציגע ליעבע.

אַהֲ'בַת־הַבְּרִ'יוֹת, הזו. (תלמודיש).
מענשענליעבע.

אַהֲ'רֹן, אנמ. דער נאָמען פון דעם
עלטערען ברודער פון משה; דער
פאָטער פון דעם אידישען פריס=
טער-שטאַם.

אַהֲ'רֹן־הַכֹּ'הֵן, אנמ. דער פריסטער
אהרן.

אוֹ'הֵב, המ. (מ. אוֹ'הֲבִים). ליעב=
האַבער, פריינד.

אוֹ'הֵב־בֶּ'צַע, המ. (מ. אוֹ'הֲבֵי־בֶצַע
[בֶּ'צַע]), (ביבליש). ליעבהאבער
פון געלט, געלט=גייץ, קאַרגער.

אוֹ'הֵב־יִשְׂרָ'אֵל, המ. (מ. אוֹ'הֲבֵי־
יִשְׂרָ'אֵל). אַ פריינד פון דעם אי=
דישען פאָלק.

אוֹ'הֵב־נֶ'אֱמָן, המ. (מ. אוֹ'הֲבִים־
נֶאֱמָ'נִים). אַ געטרייער פריינד.

אוֹ'הֶל, המ. אַ געמויערט שטיבעל
אויף אַ קבר; דאָס שטיבעל וואו
מע רייניגט דעם טויטען פאַר דער
בעערדיגונג.

אוּוַ'דַאי, או. (תלמודיש). געוויס,
אָהן צווייפעל. זעה וַו'דַאי.

אַוועג־, די באַדייטונג פון אַלע
העברעאישע ווערטער מיט דעם
אידישען פאָרוואָרט "אַוועג" מוז
געזוכט ווערען אונטער דעם וואָר=
צעל-וואָרט, צ. ב. ש.: "אַוועג=
גנב'ען" זעה "גנב'ען".

אוֹיבער־, די באַדייטונג פון אַלע
העברעאישע ווערטער מיט דעם
אידישען פאָרוואָרט "אויבער" מוז
געזוכט ווערען אונטער דעם וואָר=
צעל-וואָרט, צ. ב. ש.: "אויבער=
שמש" זעה "שמש".

אוֹיס־, די באַדייטונג פון אַלע
העברעאישע ווערטער מי דעם
אידישען פאָרוואָרט "אויס" (וועל=
כע געפינען זיך ניט דאָ) מוז גע=
זוכט ווערען אונטער דעם וואָר=
צעל-וואָרט, צ. ב. ש.: "אויס=
כשר'ען" זעה "כשר'ען".

אוֹיס'שֵׁייגעצ'ען, צא. אויסזידלען,
אָפּזידלען. זעה שֵׁייגֶעץ.

אוֹיף־, די באַדייטונג פון אַלע העב=
רעאישע ווערטער מיט דעם פאָר=
וואָרט "אויף" מוז געזוכט ווערען
אונטער דעם וואָרצעל=וואָרט,
צ. ב. ש.: "אויף'רעש'ען" זעה
"רעש'ען".

אַ'וִיר, המ. לופט; שלעכטער גע=
רוך, געשטאַנק; קלימאַט.

אַ'וִיר'ען, צש. האָבען אַ שלעכטען
גערוך, שטינקען. פאַר'=
אויר'ען, אָנפילען מיט אַ

שלעכטען געֿרוך. זעה אַ׳וִיר.

אוֹלַי, או. פיליייכט.

או׳לַי־וְאו׳לַי, או. פיליייכט, פיליייכט דאָך.

או׳לַי־יַר׳חֵם, פיליייכט וועט ער (גאָט) זיך דערבאַרעמען (אַ׳ן אויס=דרוק פון טרייסט אָדער האָפענונג).

אוֹמ׳בְּרַחֲמָ׳נוּת׳דיג, א. אָהן דער=באַרמונג, גרויזאַם, האַרטהערציג. זעה רַחֲמָ׳נוּת.

או׳מָּה, הוו. (מ. או׳מוֹת). נאַציאָן, פאָלק. די אומות, די (נים=אידישע) פעלקער.

או׳מָה־הַיִשְׂרְאֵ׳לִית, הוו. דאָס אי=דישע פאָלק.

או׳מָה־וְלָ׳שׁ׳ן, הוו. (תלמודיש). „אַ פאָלק און אַ שפּראַך", נאַציאָן, פאָלק.

או׳מוֹת־הָעוֹ׳לָם, מ. (תלמודיש). די (נים=אידישע) פעלקער פון דער וועלט.

אוֹמ׳חֵן, הם. נים=שענקיים; אונצו=פרידענהייט. ווארפען אַ׳ן אומ׳=חן אויף אימיצען, פיינט קריגען אימיצען. „חן קאָסט גיט מעהר ווי אומ׳חן" (שפּוו.). זעה חֵן.

אוּמ׳כָּבוֹד, הם. באַליידיגונג, ער=ניעדעריגונג. „פאַר אומ׳כבוד אַנטלויף אָבער דעם כבוד לויף ניט נאָך" (שפּוו.).

או׳מָן, הם. האַנדוועדקער, קינסט=לער.

או׳מָן־יָד [יַד], הם. זעה או׳מָן.

אוּמָנוּת [אוּנְ׳נוּת], הוו. האַנד=ווערק; קונציגע אַרביים.

או׳מֶר־וְעוֹ׳שֶׂה, או. (ליטורגיש). געזאָגט און געטהאָן, גיך, גלייך.

אוּמ׳תַּרְ׳בּוּת, הם. שלעכטע מאַני=רען. זעה תַּרְ׳בּוּת.

אונטער־, די באַדייטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פאָרוואָרט „אונטער־" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל=וואָרט, צ. ב. ש.: „אונ=טער׳מסר׳ען" זעה „מסר׳ען".

או׳נֶס, הם. צוואַנג, געצוואונגענהיים.

או׳פָן, הם. (מ. אוֹפַ׳נִים). אַרט, שטייגער; באַדינגונג; פאַל.

או׳צָר, הם. (מ. אוֹצָרוֹת [אוֹצְ׳רוֹת]). שאַץ, רייכטהום, גרויס פאַרמע=גען; פאַרבאָרגענער שאַץ; טייערע זאַך „אויף אַ שטוב בויען און אַ קינד אויסגעבען איז דאָ ביי גאָט אַ באַזונדער אוצר" (שפּוו.).

אוֹקְיָי'נוּס, הס. אָקעאַן, מעער.

אוֹר־הַגָ'נוּז, הס. (תלמודיש). "דאָס באַהאַלטענע ליכט", דאָס לעגענדאַרישע וואונדער־ליכט וואָס גאָט האָלט אָנגעברייט פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט.

אוֹרֵחַ [אוֹ'רַח], הס. (מ. אוֹרְחִים [אָרְ'חִים]). גאַסט; פרעמדער. "אז דער א ו ר ח הוסט פעהלט איהם אַ לעפעל" (שפוו.). "מיט מיטגעבראַכטען ברויט איז מען אומעטום אַ גוטער א ו ר ח" (שפוו.).

אוֹרֵחַ [אוֹ'רַח]־**הָ'גוּן**, הס. (תלמודיש). אַ פאָרנעהמער, אָנגעלעגענטער גאַסט.

אוֹ'רַח'טע, הוו. זעה אוֹ'רֵחַ.

אוּ'רִים־וְתֻמִים [וְתֻ'מִים], הס. (ביבליש). געוויסע עדעלשטיינער וואָס דער כהן־גדול (אַמאָל ביי אידען) האָט געטראָגען אויף דער ברוסט און ביי וועלכע ער פלעגט זיך ערקונדיגען וועגען צוקינפטיגע פּאַסירונגען אָדער פרעגען אַ ראַטה אין וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען; אָראַקעל.

אוּשְׁפִּי'זִין, הס. (ליטורגיש). געוויסע רעליגיעזע שפּרוכען וועלכע אַ איד זאָגט ווען ער קומט אריין צוערשט אין דער סוכּה.

או'שֶׁר, הס. גליק.

אוֹת [אָת], הס. (מ. אוֹ'תִיוֹת). בוכשטאַב.

אוֹת, הס. (מ. אוֹ'תוֹת). צייכען, באַווייז, וואונדער.

אוֹת־בְּאוֹת [אָת־בְּאָת], או. בוכשטאַב פאַר בוכשטאַב, בוכשטעבליך, גענוי, אַקוראַט.

אוֹ'תִי־הָאִישׁ', הס. (תלמודיש). דער דאָזיגער מאַן; קריסטוס.

אוֹ'תוֹת־וּמוֹפְ'תִים, מ. (ביבליש). באַווייזען און וואונדער־טהאַטען; שטאַרקע באַווייזען.

אוֹ'תִיוֹת־מְרוּבָ'עוֹת, הס. פיערעקיגע (העברעאישע) בוכשטאַבען, העברעאישע דרוק־שריפט.

אָז־יָשִׁיר, הס. (ביבליש). "דאַן האָט ער געזונגען", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון דעם לויב־ליעד וואָס משה האָט געזונגען צו גאָט נאָכדעם ווען די אידען זיינען אריבער דעם ים־סוף (ווז.).

אַזְהָ'רָה, הוו. (מ. אַזְהָ'רוֹת). וואַרנונג.

אַזְכָּ'רָה, הוו. (מ. אַזְכָּ'רוֹת). זעה הַזְכָּ'רַת־נְשָׁ'מוֹת.

אָזְנַ'יִם, מ. אויערען.

אָזְנַ'יִם־לַכּוֹ'תֶל, (תלמודיש). די ווענט האָבען אויערען. "אזנים לכותל די שטיוועל האָבען אויך אויערען" (שפוו.).

א"ח, אב. אֹרַ'ח־חַ'ג (ווז.).

אחב"י, אב. אַחֵי'נוּ־בְּנֵי־יִשְׂרָ'אֵל (ווז.).

אֶ'חָד, צ. איינער; דאָס לעצטע וואָרט פון "שמע־ישראל" (ווז.) וואָס די פרומע אידען ציהען אויס מיט גרויסער כונה.

אֶ'חָד־מֵאֶ'לֶף, הם. (ביבליש). איי=נער פון טויזענד, אַ זעלטענהייט.

אַחְ'דוּת, הוו. איינינקייט.

אַחְ'דוּת־הַבּוֹ'רֵא, הוו. די איינאיינ=ציגקייט פון גאָט.

אַחוּץ', או. אויסער. זעה חוּץ'.

אָ'חוֹר, הם. דער הינטער=טהייל, דער הינטען.

אֲחוֹרַ'יִם, הם. זעה אָ'חוֹר.

אֲחוֹ'תִי, הוו. מיין שוועסטער.

אָ'חִי, הם. מיין ברודער.

אָחִי'נוּ־אַ'תָּה, דו ביזט אונזער ברודער, דו ביזט איינער פון אונזערע.

אֲחִיתֹפֶל [אֲחִיתוֹ'פֶל], אנם. דער נאָמען פון אַ געוויסען מאַן וועל=כער איז געוועזען דער ראַבה=געבער פון קעניג דוד, ווי די ביבעל דערצעהלט.

אַ'חַר־הַמַּעֲ'שֶׂה, נאָך דער פאַסירונג, נאָך דעם. "אחר־המעשה העלפט ניט קיין חרטה" (שפוו.).

אַ'חַר־מֵ'אָה־שָׁ'נִים, נאָך הונדערט יאָהר, נאָכ'ן טויט.

אַחֲ'רוֹן, א. (מ. אַחֲרוֹ'נִים; וו. אַחֲרוֹ'נָה, מ. אַחֲרוֹ'נוֹת). דער לעצטער; דער וואָס ווערט אויפ=גערופען דער לעצטער צום ליי=ענען אין שוהל; איינער פון די שפעטערע רבנישע געלעהרטע.

אַחֲ'רוֹן־שֶׁבָּאַחֲרוֹ'נִים, א. דער לעצטער פון די לעצטע, דער ני=דעריגסטער.

אַחֲ'רוֹן־שֶׁל־פֶּ'סַח, הם. דער לעצ=טער (טאָג) פון פסח.

אַחֲ'רֵי־כְּבְ'לוֹת־הַ'כֹּל, (ליטורגיש). נאָכדעם ווי אַלץ איז געענדיגט, נאָך אַלעמען.

אַחֲ'רֵי־מוֹת, הוו. דער נאָמען פון דער ניין און צוואַנציגסטער סדרה (ווז.).

אַחֲ'רִית־דָ'בָר, הם. (ביבליש). דאָס ענד פון דער זאַך.

אֲחַשְׁוֵ'רוֹשׁ, אנם. דער נאָמען פון דעם קעניג פון וועמען עס ווערט דערצעהלט אין דעם בוך אסתר (ווז.).

אַ'חַת־וְאַ'חַת, צ. (ליטורגיש). "איי=נע און איינע", צוויי. אַריינצעה=לען אחת־ואחת, געבען מעהרערע שמיץ אָדער קלעפּ.

אַ'חַת־לְאַ'חַת, צ. (ביבליש). "איינע צו איינער", צוזאַמען גענומען.

אִי'בּוּד־, זעה אִ'בּוּד־.

איבער־, די באַדייטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פאָרוואָרט "איבער" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל-וואָרט.

אֵי'בָר, זעה אֵ'בֶר.

אי"ה, איה"ש, אב. אִם־יִרְ'צֶה־הַשֵּׁם' (ווז.).

אִ'יוֹב, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען מאַן וועלכען גאָט האָט געפּלאָגט אום צו פּרובירען זיין פרומקייט; דאָס ביבּלישע בוך וואָס ענטהאַלט די געשיכטע פון איוב.

איינ־, די באַדייטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פאָרוואָרט "איינ" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל-וואָרט.

אֵיךְ־שֶׁיִּהְ'יֶה, ווי די זאַך זאָל (ניט) זיין, יעדענפאַלס.

אֵי'כָה, הוו. דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָמען פון איינעם פון די בּיכער פון דער בּיבּעל וואו עס ווערט באַקלאָגט די צערשטערונג פון ירושלים; אַ קלאָגליעד.

אֵי'כוּת, הוו. אייגענשאַפט, קוואַליטעט.

אַי'לוֹנִית, הוו. קינדערלאָזע פרוי, בעוזדיעטניצע. אַ קול פון אַ'ן אילונית, אַ האַרטע רוּיהע שטים.

אֵי'מָה, הוו. (מ. אֵי'מוֹת). שרעק, גרויל; פורכט, אַנגסט, שרעקעניס.

אֵי'מָה וָפַ'חַד, הוו. (ביבּליש). שרעק און גרויל, גרויס שרעק.

אֵי'מָהדיג, א. שרעקליך, פירכטערליך; אונגעהייער.

אִי'מָ'הוֹת, זעה אִמָּ'הוֹת.

אֵי'מַת־מָ'וֶת, הוו. (בּיבּליש). טויטשרעק.

אֵימְ'תָא־דְצִבּוּ'רָא, הוו. (תלמודיש). דאָס שרעקען זיך (בּיים אויפטרעטען) פאַר אַ פּובּליקום.

אֵין־אוֹ'נֶס, (בּיבּליש). "קיינער נויטיגט ניט", ניט געצוואונגען.

אֵין־בְּרֵי'רָה, עס איז ניטאָ קיין אויסוואַהל, מע קען זיך ניט העלפען. "אין־ברירה איז אַ גרויסע גזרה" (שפּוו.).

אֵין־גַּם־אֶ'חָד, (בּיבּליש). עס איז ניטאָ צומאָל איינער.

אֵין חָכְ'מָה וְאֵין תְּבוּ'נָה נֶ'גֶד —, (בּיבּליש). עס איז ניטאָ (עס העלפט ניט) קיין קלוגהייט און קיין פאַרשטאַנד קעגען —. "אין חכמה ואין תבונה נגד שלעכטע קאָרטען" (שפּוו.).

אֵין־לִ'י, (תלמודיש). איך האָב ניט. "אין־לי איז די בעסטע טענה" (שפּוו.). "אין־לי איז פּטור" (שפּוו.).

אֵין־לְשַׁ'עֵר, ניט אָפּצושאַצען, אונגעהייער.

אין קול וְאֵין עוֹנֶה, (ביבליש). „עס איז ניטאָ קיין שטים און קיין ענטפער", מע הערט גאָר ניט.

אֵין רֶגַע בְּלִי פֶּגַע [פֶּ'גַע], (נאָכ־תלמודיש). עס איז ניטאָ אַ מינוט אָהן אַ נייעם אָנשיקעניש.

אין רַחוּם בַּדִּין, (תלמודיש: אֵין מְרַחֲמִים בַּדִּין). עס איז ניטאָ קיין באַרעמהערציגער (באַרעמ־הערציגקייט) אין געריכט. „אין רחום בקאָרטען" (פּאַראָדיש ווערטעל).

אין־תִּקְוָה, עס איז קיין האָפנונג מעהר ניטאָ.

אֵינָה־מְקוּדֶשֶׁת, (תלמודיש). זי איז (ווערט באַטראַכט אַלס) ניט פאַרלאָבט. „איז אינה־מקודשת" (ווער. — ד. ה. אַז ניט איז אויך רעכט).

אִיסוּר, זעה אִיסוּר.

איפְּכָא־מִסְתַּבְּרָא, (תלמודיש). עס מיינט גראַד דאָס געגענטהייל, גראַד פאַרקעהרט, אים געגענ־טהייל.

אִיָּר [אִיר], הם. דער אַכטער מאָ־נאַט פון דעם אידישען יאָהר; פאַלט געוועהנליך אין אַפּריל־מאַי און האָט ניין און צוואַנציג טעג.

אִישׁ, הם. (מ. אֲנָשִׁים, אַנְשֵׁי־). אַ מאַן; בירגער, לאַנדסמאַן פון, אָפּגעשטאַמט פון. איש סובלק, אַ געבוירטיגער פון סובלק. איש הורוויץ, איינער וואָס שטאַמט פון דער פאַמיליע הורוויץ.

אִישׁ־אֱלֹהִים, הם. (ביבליש). געט־ליבער מאַן.

אִישׁ־אֱמֶת, הם. (מ. אַנְשֵׁי־אֱמֶת), (ביבליש). אַ מאַן פון וואַרהייט, אַ'ן עהרליכער מאַן.

אִישׁ־הַבֵּנַיִם, הם. (ביבליש). מי־טעל־מאַן, פאַרמיטלער.

אִישׁ־חָשׁוּב, הם. (מ. אֲנָשִׁים־חֲשׁוּבִים), (תלמודיש). אָנגעזע־העגער מאַן.

אִישׁ־מְהֵימָן, הם. (תלמודיש), אַ באַגלויבטער, פאַרטרויענסווערטער מאַן.

אִישׁ־מִפִּי־אִישׁ, הם. איינער פון צווייטען, טראַדיציאָנעל.

אִישָּׁה, זעה אִשָּׁה.

אַךְ־בְּרֹאשׁ, זעה עַכְבְּרוֹשׁ.

אַכְזָר, הם. (מ. אַכְזָרִים). גרויזאַ־מער, האַרטהאַרציגער מענש.

אַכְזָרִיטע, הוו. (מ. אַכְזָרִיטעס). גרויזאַמע, האַרטהאַרציגע פרוי.

אַכְזָרִיוּת, הוו. גרויזאַמקייט, האַרט־האַרציגקייט.

אַכְזָרִיוּתדיג, א. גרויזאַם, האַרט־הערציג.

אֲכִילָה, הם. (מ. אֲכִילוֹת). דאָס עסען; עסענוואַרג; אַ שפּייז, אַ גע־ריכט. „אכילה איז די בעסטע תפלה" (שפּוו.). „אַז קרופּניק איז אַ'ן אכילה איז איישעשאַק אַ קהילה" (שפּוו.).

אַכ'לן, הם. עסער, פרעסער.

אַכ'ליען, אַכ'ליענען, צא. עסן, פרעסן.

אַכ'ליער, הם. (מ. אַכ'ליערס). עסער, פרעסער.

אַכסַנ'יא, אַכסנ'יה, הוו. (מ. אַכסנ'יות). גאַסטהויז, איינפאָהר, האָטעל.

אֵל מָ'לֵא רַחֲ'מִים, הם. (ליטורגיש). "גאָט וועלכער איז פול מיט באַ=רעמהערציגקייט", די ערשטע ווער=טער און דער נאָמען פון אַ געבעט וואָס מע זאָגט ביי אידען פאַר די זעעלען פון די טויטע. "עס העלפט ווי אַ טויטען אַ'ן אל מלא רחמים" (ווער.).

אֵל נְקָ'מוֹת, הם. (ביבליש). דער גאָט פון ראַכע.

אַל תִּבְ'טְחוּ בִּנְדִי'בִים, (ביבליש). איהר זאָלט זיך ניט פאַרלאָזען אויף גרויסע לייט. "אל תבטחו בנדיבים פאַרלאָז זיך ניט אויף אַ פאַרך" (ווער.).

אַל תִּפְ'תַּח פֶּה לְשָׂ'טָן, (תלמודיש). זאָלסט ניט עפענען דעם בייזען גייסט דאָס מויל (אַ שפרוך וועל=כען מע זאָגט ווען מע רעדט פון אַ מעגליכען אומגליק).

אֶ'לָא, ב. אָבער, אַלוָא, איי וואָס?. אלא וואָס? — וואָס דען? איי וואָס?. אלא=וואָ=דען? — איי וואָס דען?

אֵ'לֶה תּוֹלְ'דוֹת נֹ'חַ, (ביבליש). דאָס איז די לעבענסגעשיכטע פון נח'ן. "אלה תולדות נח, דאָס איז די מעשה פון אַ פאַרך" (ווער.).

אֱלֹהִים' [געוועהנליך אויסגעשפראָ=כען: אֱלֹקִים'], הם. גאָט.

אֱלוֹהִים', הם. זעה אֱלֹהִים'.

אַלְוַאי', אַלְוַואַי', אר. זעה הַלְוַאי'.

אֱלוֹקִים', הם. זעה אֱלוֹהִים'.

אֱ'לוּל, הם. דער צוועלפטער מאָנאַט פון דעם אידישען יאָהר; פאַלט געוועהנליך אין אויגוסט־סעפטעמ=בער און האָט ניין און צוואַנציג טעג. "ראש־חדש אלול געהט אַוועק און דער בעל־הבית בלייבט אַ בעל־הבית" (שפוו.). "ראש־חדש אלול ציטערט אפילו אַ פיש אין וואַסער" (שפוו.).

אֵלִיָ'הוּ הַנָ'בִיא, הם. (ביבליש). דער פראָפעט אליהו פון וועלכען עס ווערען דערצעהלט אין דער ביבעל פיעלע וואונדער=טהאַטען און וועלכער ווערט געהאַלטען ביים אידישען פאָלק אַלס דער ברייגגער פון גוטע נאַכריכטען און וואונ=דערליכע הילף. "אַז אליהו הנביא איז דער בעל־עגלה פאָהרט מען גיך" (שפוו.). "אַז גאָט וויל איז אליהו הנביא מסכים" (שפוו.).

אֵלִיָ'הוּ הַנָ'בִיאִ'ס כּוֹס [כָּס], הם. אַ בעכער אָנגעפילט מיט וויין אָדער אַנ'אַנדער געטראַנק, וועלכען מע שטעלט צום סדר פאַר אליהו הנביא.

אֱלַכְּ'סוֹן, הם. קרומע ליניע.

אַלֶכְּסַנְ'דֶר מוֹקְ'דוֹן, אנמ. (תלמודיש). אַלעקסאַנדער דער קיניג פון מאַ=

צעדאָניען; באַריהמט אין דער גע=
שיכטע מיט זיין קלוגהייט און
העלדישקייט.

אַלְמָ'ן, המ. (מ. אַלְמָ'נִים). אַ מאַן
ביי וועלכען זיין ווייב איז גע=
שטאָרבען, אַ וויטמוועֶר. אויכ ווערען
ווי אַ'ן אלמן נאָך שלשים,
אויסזעהן פאַרפוצט, אויסזעהן
פראַנטיש.

אַלְמָ'נָה, הוו. (מ. אַלְמָ'נוֹת). אַ
פרוי ביי וועלכער דער מאַן איז
געשטאָרבען, אַ וויטווע. "אַז אַ
בחור נעהמט אַ'ן אלמנה פאַר
איהר ברויט, האָט ער פון איהר
דעם טויט" (שפּוו.). "בעסער אַ
יונגע אלמנה ווי אַ'ן אַלטע
מויד" (שפּוו.). "אַ'ן אלמנה
איז אַ סכנה, אַ גרושה איז אַ
בושה און אַ בתולה איז אַ גדולה"
(שפּוו.). אַ לעבעדיגע אלמנה,
אַ פרוי וועלכע דער מאַן האָט
פאַרלאָזען.

אַלְמָ'נָה ד'יה (ביבליש: אַלְמְנוּת
חַיּוּת), ה.. אַ לעבעדיגע וויטווע,
אַ פרוי וועלכע דער מאַן האָט
פאַרלאָזען.

אַ מעמאָר (איינגעטליך: אַל מֵי'מָר)
המ. (מ. אַלמעמאָרם). דער
שטענדער פאַר וועלכען דער פאָר=
בעטער שטעהט אין דער סינאַ=
גאָגע.

אַלעמַאי' (אֶלְאמַאי'), ב. זעה אַמַאי'.

אַ'לֶף, המ. (מ. אַ'לֶפיען). דער
נאָמען פון דעם ערשטען בוכשטאַב
פון דעם אידישען אַלף־בית. "דער
וואָס זאָגט אלף דער מוז זאָגען
בית" (שפּוו.). "ער קען ניט קיין
צלם פון קיין אלף" (ווער.).

אֶ'לֶף, צ. (מ. אֲלָ'פִים). אַ טויזענד.

אֶ'לֶף־אֲלָ'פִים, צ. (מ. אַלְפֵי־אֲלָ'פִים),
(ביבליש). טויזענד מאָהל טויזענד.

אַ'לֶף־בֵּית [בֵּיז], המ. (מ. אַ'לֶף־
בֵּי'ת'ען). אַלע העברעאישע בוכ=
שטאַבען צוזאַמענגענומען; ערש=
טער אונטעררירכט, אָנהויב.

אֶ'לֶף הַשִּׁ'שִּׁי, צ. דער זעקסטער
(יאָהר־) טויזענד (לויט דער אי=
דישער צייטרעכענונג). ביז'ן אלף
הששי, זעהר לאַנג.

אִם יִרְ'צֶה הַשֵּׁם', אויב גאָט וועט
וועלען, מיט גאָטעס הילף.

אִם כֵּן, (ביבליש). אויב אַזוי, אויב
יאַ אַזוי. "אם כן אויב דער
צער פון טראָגען איז יאַ אַזוי
גרויס" (ווערטעל.). באַציהט זיך
אויף די ווערטער וועלכע רבקה
האָט געזאָגט אין דער צייט פון
איהר שוואַנגערשאַפט, ווי די בי=
בעל דערצעהלט).

אַמַאי', ב. ווארום? ווארום דען?

אָ'מָה, המ. דער מיטעלסטער פינגער
פון דער האַנד.

אִמָּ'הוֹת, הוו. מ. די מוטערס, די
אורמוטערס פון דעם אידישען פאָלק
(שרה, רבקה, רחל, לאה).

אֱמוּ'נָה, הוו. (מ. אֱמוּ'נוֹת). גלוי=
בען, רעליגיאָן; אַ רעליגיאָן;
צוטרוי.

אֱ'מוֹר, הוו. די איין און דרייסיגסטע
סדרה (ווז.).

אַמוֹ'רָא, הם. (מ. אַמוֹרָ'אִים). איי=
נער פון די שפּעטערע תּלמודישע
געלעהרטע. זעה תּלְ'מוּד.

אָ'מֵן, אר. ריכטיג, וואהר, אַזוי זאָל
עס זיין (אַ וואָרט מיט וועלכען
פּיעלע געבעטען און קאַפּיטלען
פון תהלים ענדיגען זיך, און וואָס די
צוהערער ענטפערען אויף די גע=
בעטען פון דעם פאָרבעטער). זאָ=
גען אמן, צובאַמקען. "פאַר
אמן קומט קיין פּאַטש ניט"
(שפּוו.).

אָ'מֵן סֶ'לָה, אר. (ליטורגיש). עס
איז וואהר, אַזוי זאָל עס זיין.
זעה אָ'מֵן.

אָ'מַר, צא. האָט געזאָגט, אַזוי האָט
געזאָגט.

אָ'מַר אַבַּ'יֵי, (תּלמודיש). (אַזוי
האָט געזאָגט אביי (אַ געוויסער
געלעהרטער וועלכער קומט זעהר
אָפט פאָר אין תלמוד). "פון אמר
אביי איז נאָך ניט קיין ראיה"
(שפּוו.).

אִ'מְרוּ לֵאלֹהִ'ים', (ליטורגיש). זאָגט
צו גאָט (די ערשטע ווערטער פון
אַ געוויסען געבעט). "אמרו
לאלהים רעד צו דער וואַנד"
(ווער.).

אֱ'מֶת, הם. וואַרהייט, ריכטיגקייט,
ווירקליכקייט. "אַ האַלבער אמת
איז אַ גאַנצער ליגען" (שפּוו.). "אַ
ליגען טאָר מען ניט זאָגען אַ'ן
אמת דאַרף מען ניט זאָגען"
(שפּוו.). "אמת מיט ליגען צו=
ריבען איז גאָר ניט געבליבען"
(שפּוו.). "אַ'ן אמת מעג מען
זאָגען אויף אַ'ן אייגענעם טאַטען"
(שפּוו.). "דעם ליגנער גלויבט
מען אפילו דעם אמת אויך ניט"
(שפּוו.). "דער שפּיגעל זאָגט אויס
דעם אמת" (שפּוו.). "דער
אמת איז דער גרעסטער שווינ=
דעל" (שפּוו.). "דער בעסטער
ליגען איז דער אמת" (שפּוו.).
"זאַלץ און ברויט זאָלסטו עסען
און דעם אמת ניט פאַרגעסען"
(שפּוו.). "קינדער און נאַראָנים
זאָגען דעם אמת" (שפּוו.).

אֶ'מֶת, א. ריכטיג, וואהר, ווירק=
ליך; אויפריכטיג, אָפענהערציג;
עכט. אין דער אמת, אין דער
אמת'ן — אין דער טהאַט, ווירק=
ליך. "אמת ווי תורת משה"
(ווער.).

אנגע'בְּרוֹ'גֶז'ט, א. פאַרערגערט,
פאַרביידזערט, בייז. זעה בְּרוֹ'גֶז.

אַנְדְרוֹ'גִינוֹס, הם.(מ. אַנְדְרוֹ'גִינוֹס'ען)
איינער וועלכער האָט די גע=
שלעכט=צייכענס אי פון אַ מאַנס=
פערשוין אי פון אַ פרויענצימער.

אָ'נוּס, הם. (מ. אֲ'נוּסִים). אַ גע=
צוואונגענער. די אנוסים, די
אידען אין שפּאַניען אין צייט פון
דער אינקוויזיציאָן וועלכע זענען
געצוואונגען געוואָרען זיך צו טוי=
פען און האָבען פערבאָרגענערהייט
אָפּגעהיט די אידישע רעליגיאָן,
די מאַראַנען.

אֲנוּ'סָה, הוו. (מ. אֲנוּ'סוֹת). אַ
פאַרגוואַלטיגטע (יונגפרוי).

אֲנִי' מַאֲ'מִין, הם. (ליטורגיש), (מ.
אֲנִי' מַאֲמִינִ'ים). "איך גלויב",
איינער פון די דרייצעהן גלויבענס=
אַרטיקלען פון דער אידישער רע=

ליגיאָן װעלכע מע זאָגט בײַ אידען אין דעם מאָרגעדיגען דאַװנען; די דרײַצעהן גלױבענסאַרטיקלען.

אֲנִי שְׁלֹמֹה, (ביבליש). איך בין (דער קעניג) שלמה. "חאָטש שרײַ אני שלמה קײנער גלױבט ניט" (װער.).

אֲנִידֶער, די באַדײַטונג פון אַלע העברעאישע װערטער מיט דעם אידישען פאָרװאָרט "אַנידער" מוז געזוכט װערען אונטער דעם װאָר=צעל־װאָרט.

אֶנְקַת מְסַלְּדֶיךָ, (ליטורגיש). "דאָס קרעכצען פון די װעלכע ריהמען דיך (גאָט)", די ערשטע װערטער פון אַ געבעט װאָס מע זאָגט צו נעילה מיט אַ געװיסער מעלאָדיע, געברױכט אין רײַדען װען מען רײַצט זיך מיט אימעצען װעלכען מע האָט אָפּגענאַרט (דער אױסדרוק פון טריאומף ליגט הױפּטזעכלין אין דעם זינגענדען טאָן מיט װעל=כען מע רעדט די װערטער אַרױס).

אַנְשֵׁי־, המ. מ. זעה אִישׁ.

אֲנָשִׁים, המ. מ. זעה אִישׁ.

אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וָטַף, המ. מ. (ביב-ליש). מענער און פרױען און קינ=דער, קינד און קײט.

אִסוּ־, המ. (מ. אִסוּרִים). פאַרבאָט, פאַרװעהר.

אָסוּר, א. (מ. אֲסוּרִים). פאַרבאָ=טען, פאַרװעהרט; אַ׳ן אױסדרוק פון שװערען אַלײן אָדער באַשװע=רען אַ׳ן אַנדערען ניט צו טהאָן עפּעס, אַזױ װי: אסור אויב איך װעל דאָס טהאָן, אסור זאָל דיר זײַן אויב דו װעסט דאָס טהאָן.

אָסוּר ..זִיר, א. פאַרבאָטען אַזױ װי (דאָס פלײש פון) אַ שװײן; אַ׳ן אױסדרוק פון שװערען אויף ניט. זעה אָסוּר.

אָסוּר לְדַבֵּר, מע טהאָר ניט רע=דען! ניט גערעדט! רעדען אויף אימיצען אסור לדבר, רעדען זעהר שלעכטע זאַכען אויף אימי=צען.

אָסוּר לְרַחֵם, (תלמודיש). מע טאָר ניט קײן מיטלײד האָבען (אויף איהם, איהר א. ד. ג.).

אֲסוּתָא, אר. (תלמודיש). (צו) הײ=לונג! צו געזונד! אַ װאונש צו אײנעם װעלכער ניסט אָדער קומט אַרױס פון אַ באָד.

אִסִּיִים, המ. מ. די אנהענגער פון אַ געװיסער אידישער קאָמוניסטי=שער סעקטע אין דער צײט פון דעם צװײטען טעמפּעל װעלכע האָבען געלעבט אָבגעזונדערט פון פון דער װעלט און זיך גענעהרט מיט די אײנפאַכסטע שפּײזען.

אֲסִיפָה, הװ. (מ. אֲסִיפוֹת). פאַר=זאַמלונג, מיטינג.

אִסְרוּ־חַג, המ. (ביבליש). דער טאָג נאָך פסח, שבועות אָדער סוכות.

אַסְרֶ׳ען, צא. פאַרביטען, פאַרװעהר=רען, אַרױפלײגען אַ פאַרבאָט אויף, ערקלערען אַלס ניט גילטיג אָדער ניט געזעצליך (לױט דער אידישער רעליגיאָן).

אֶסְתֵּר, אנױ. דער נאָמען פון דער אידישער פרױ פון קיניג אחשורוש

וועלכע האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר דאָס אידישע פֿאָלק; דאָס בוך פֿון דער ביבעל וואו די געשיכטע ווערט דערצעהלט.

אֶסְ'תֵּר הַמַּלְ'כָּה, הוו. (ביבליש). די קעניגין אסתר. "שעהן ווי אסתר המלכה" (ווער.).

אֶסְ'תֵּר תַּ'עֲנִית [תָּ'עֶנֶת], (איינגענט=ליך: תַּעֲנִית אֶסְתֵּר). דער טאָג פֿאַר פּורים אין וועלכען אידען פֿאַסטען צום אַנדענק אן דער וואונדערליכער רעטונג פֿון דעם אידישען פֿאָלק דורך דער קעניגין אסתר. עס דויערט פֿון אסתר תענית ביז פּורים, עס דויערט ניט לאַנג.

אָפּ־, די באַדייטונג פֿון אַלע העב=רעאישע ווערטער מיט דעם אי=דישען פֿאָרוואָרט "אָפּ" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל=וואָרט.

אֵ'פוֹד, הם. אַ ברוסט=קלייד וואָס דער אויבער=פּריסטער (אַמאָל ביי אידען) פֿלעגט טראָגען.

אַפּוֹטְרוֹ'פּוֹס [אַפָּטְרָ'פּוֹס], הם. (מ. אַפּוֹטְרוֹפְּ'סִים [אַפָּטְרָפְּ'סִים]. אַ'ן אָפּעקון, איינער וועלכער פּאַסט אויף אויף אַ ניט=דערוואַקסענעם און פֿאַרוואָרגט זיינע אינטערעסען; פֿאַרוואָרגער, אויפֿזעהער.

אַפּוֹטְרוֹפְּ'סוּת [אַפָּטְרָפְּ'סוּת], הוו. אָפּעקונסטוואָ, אויפֿזעהערשאַפֿט, אויפֿפּאַסונג.

אַפּוֹ'תֵּיקִי, הוו. געלד, פֿיעל געלד, רייכטהום.

אַפּ'־ריי'ען, צא. אויפֿלעבען, אָפּ=

מינטערען. זעה חי.

אֲפִי'לוּ, ב. אויך זאָגאַר.

אֲפִיקוֹ'מָן, הם. איינע פֿון די דריי מצות וועלכע מע לעגט אויף'ן טיש צום סדר און וועלכע ווערט באַהאַלטען ביז צום ענד פֿון מאָהל=צייט.

אַפִּיקוֹ'רֵס, הם. (מ. אַפִּיקוֹרְ'סִים [אַפִּיקָרְ'סִים]). איינער וועלכער לייקענט אן גאָט, אַ פֿריידענקער. "אַ איד אַ למדן קען קיין חסיד ניט זיין און אַ'ן עם־הארץ קען קיין אפיקורס ניט זיין" (שפּוו.).

אַפִּיקוֹרְ'סוּת [אַפִּיקָרְ'סוּת], הוו. דאָס לייקענען אן גאָט, פֿריידענקעריי; אַ פֿרייער געדאַנק, אַ פֿרייע גע=זינונג.

אַפִּיקוֹ'רֵסִיטע, הוו. (מ. אַפִּיקוֹ'רֵסִי־טעס). איינע וועלכע לייקענט אן גאָט, אַ פֿריידענקערין.

אַפִּיקוֹרְ'סִיש [אַפִּיקָרְ'סִי...], א. גאָטלאָז, פֿריי, פֿרייגעזאָנען.

אַפְּ'נִים, או. זעה הַפָּ'נִים.

אֶ'פֶס כֶּ'סֶף, (ביבליש). עס איז אויסגעגאַנגען דאָס געלד. "אפס כסף מאַכט דער תרגום שלים" (שפּוו.; דאָס וואָרט "שלים" באַ=דייטעט אין אראַמעאיש "אויסגע=גאַנגען" און אין אידיש באַדייטעט עס "שלעכט").

אֶפְרַ'יִם, אנמ. דער נאָמען פֿון דעם איינגסטען זוהן פֿון יוסף; דער נאָ=מען פֿון דעם אידישען שטאַם וועלכער קומט פֿון איהם אַרויס.

אֶפְ'שַׁר, או. פֿיעלייכט, מעגליך.

"אפשר און טאָמער ברײנגט קלאָג און יאָמער" (שפוו.).

אָץ לְהַ'עֲשִיר, הוו. (ביבליש). אײנער וואָס יאָגט זיך רײך צו ווערען.

אָץ קו'צֵץ, (ליטורגיש). די ערשטע צווײ ווערטער פון אַ געווײסען אידישען רעליגיעזען לויב=געזאַנג וואָס ענטהאַלט אַ וואָרט=שפּיעל פון פיעל "צ"ען (אץ קוצץ, קצוצי לקצץ, בדבור מפוצץ, רצוצי לרצץ). אץ קוצץ שפּראַך, אַ פאַרדרעהטער אונפאַרשטענדליכער סטיל.

אֶצְ'בַּע, הם. דער טײטעל=פינגער.

אֶצְ'בַּע אֱלֹהִ'ים, הם. (ביבליש). אַ פינגער פון גאָט, אַ באַווײז פון הימעל, אַ וואונדער.

אַקְדָ'מוֹת, הוו. מ. (ליטורגיש). געוויסע לויב=געזאַנגען אין אַראַמעאישע שפּראַך וועלכע מע זאָגט בײ אידען אום שבועות. "ער פאַרשטעהט זיך דאַרויף ווי אַ קאַץ אויף אקדמות" (ווער.).

אַראָפּ־, די באַדײטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פאָרוואָרט "אראָפּ" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצען=וואָרט.

אַרְ'בֶּה, הם. הײשעריק, אײנע פון די צעהן פּלאָגען וועלכע גאָט האָט אָנגעשיקט אויף די עגיפּטער אום זײ זאָלען אַרויסלאָזען דאָס אידישע פאָלק פון זײער לאַנד.

אַרְ'בַּע, אַרְבָּ'עָה, צ. פיער.

אַרְ'בַּע כּוֹ'סוֹת, הם. מ. (תלמודיש). די פיער בעכערס (וויין) וועלכע מע טרינקט בײ אידען צום סדר. "מע מײנט ניט די חרוסת נאָר די ארבע כוסות" (שפוו.).

אַרְ'בַּע כַּנְ'פוֹת, הם. (מ. אַרְ'בַּע כַנְ'פוֹת'ען), (ביבליש). "פיער עקען", אַ פיערעקיג קלײדונג=שטיק מיט וואָלענע אָדער זײדענע פּעדים אײנגעמאַכט אין די פיער עקען, וואָס יעדער איד מוז טראָגען נאָכ'ן אידישען געזעץ. "עס פּאַסט איהם ווי דעם הונט אַ'ן ארבע כנפות" (ווער.).

אַרְ'בַּע פִּ'נוֹת (הָעוֹ'לָם), הם. מ. (תלמודיש). די פיער ווינקלען (פון דער וועלט). פון אַלע ארבע פנות, פון אומעטום.

אַרְבָּ'עָה, צ. פיער.

אַרְבָּ'עָה בָּ'נִים, הם. מ. (תלמודיש). די פיער פאַרשיעדענע קינדער וועלכע ווערען אויסגערעכענט אין דער הגדה: חכם — דער קלוגער, רשע — דער שלעכטער, תם — דער נאַרישער, שאינו יודע לשאול — דער וואָס פאַרשטעהט ניט צומאָל צו פרעגען.

אַרְבָּ'עִים, צ. פיערציג.

אַרוֹים־, די באַדײטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פאָרוואָרט "אַרוים" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל-וואָרט.

אַרוֹיף־, די באַדײטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פאָרוואָרט "אַרויף" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל=וואָרט.

אַרום־, די באַדייטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פּראָוואָרט "אַרום" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל=וואָרט.

אָ'רוֹן, הם. (מ. אֲרוֹ'נוֹת) דער קאַסטען אין וועלכען מע טראָגט (ביי אידען) דעם טויטען צו דער בעערדיגונג; דער קאַסטען אין וועלכען די לוחות פלעגען גע=האַלטען ווערען; ארון קודש (ו״ז).

אָ'רוֹן הַקוֹ'דֶש, הם. זעה אָ'רוֹן קוֹ'דֶש.

אָ'רוֹן קוֹ'דֶש, הם. (מ. אָ'רוֹן קוֹ'דֶשׁ'ען). "דער הייליגער קאַס=טען", די שאַפע וואו עס ווערען געהאַלטען די ספרי־תורות אין דער סינאַגאָגע.

אַרונטער־, די באַדייטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פּראָוואָרט "אַרונטער" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָר=צעל-וואָרט.

אֲרוּ'רָה, הוו. (מ. אֲרוּ'רוֹת). בייזע, שלעכטע פרוי.

אַרְ'יֵה, הם. דער לייב, דער אַסטראָ=נאָמישער צייכען אין דעם שטערען=קרייז פאַר דעם מאָנאַט אָב. זעה מַזָל.

אַריינ־, די באַדייטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פּראָוואָרט "אַריינ" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָר=צעל־וואָרט.

אֲרִי'כַת יָ'מִים (וְשָׁ'נִים), הוו. (תלמודיש) לאַנגע טעג (און יאָהרען), לאַנגעם לעבען.

אֶ'רֶךְ אַפַּ'יִם, אם. (ביבליש). אַ גע=דולדיגער. "גאָט איז אַ'ן ארך אפים".

אֶ'רֶץ־יִשְׂרָ'אֵל, הוו. (ביבליש). דאָס אידישע לאַנד, פּאַלעסטינא.

אֶ'רֶץ־יִשְׂרָ'אֵל־געלט, הז. דאָס געלט וואָס מע שיקט אַוועק פאַר די אָרעמע אין פּאַלעסטינא.

אֶ'רֶץ־יִשְׂרָ'אֵל־ערד, הוו. ערד גע=בראַכט פון פּאַלעסטינא וועלכע מע לעגט צו קאָפּענס דעם טויטען אין גרוב אַלס באַשיצונג קעגען גלגול מחילות.

אָרְ'צָה, או. אויף דער ערד, זעהר נידעריג, זעהר געפאַלען.

אֵשׁ לֶהָ'בָה, או. (ביבליש). פלאַם=פייער, צאָרענדיג.

אִ'שָׁה (אֵ'שֶׁת־), הוו. (מ. נָ'שִׁים). אַ פרויענצימער; אַ ווייב.

אִ'שָׁה רָ'עָה, הוו. אַ שלעכטע, בייזע פרוי.

אַשְׁ'כְּנַז, אנוו. דייטשלאַנד.

אַשְׁ'כְּנַז, א. לויט נוסח אשכנז. זעה נוּ'סַח.

אַשְׁכְּנַ'זִי, הם. (מ. אַשְׁכְּנַ'זִים). "אַ דייטשער איד", מיט דעם נאָמען ווערט געוועהנליך באַצייכענט יע=דער איד וועלכער איז ניט קיין ספרדי (ווז.).

אַשְׁ'מְדַאי, הם. דער קעניג פון די טייוואָלים.

אַשְׁ'מָה, הוו. (מ. אַשָׁמוֹת [אַשׁ'מוֹת]) שולד, פאַרברעכען.

אַשְׁמוֹ'רָה, הוו. (מ. אַ׳מוֹ'רוֹת). איינער פון די טהיילען אין וועלכע די נאַכט אין געוועזען איינגעטהיילט אין דעם הייליגען טעמפעל (פאַר=ציטען ביי אידען. יעדען טהייל פון דער נאַכט פלעגט אַ באַזונ=דערע וואַכע פון פריסטער באַ=וואַכען דעם טעמפעל).

אָשַׁמְ'נוּ, הם. (ליטורגיש). "מיר האָבען זיך פאַרשולדיגט", ערשטער וואָרט און דער נאָמען פון אַ גע=וויסען אידישען געבעט אין וועל=כען מע באַרייהט אויף די זינד זיך שלאָגענדיג דערביי מיט דער האַנד אויף דער ברוסט. זיך שלאָ=גען א ש מ נ ו, באַדויערען, באַ=רייהען, זיך ערקלערען אַלס שול=דיג.

אַשְׁ'פָּה, הוו. (מ. אַשְׁ'פּוֹת). מיסט, שמוץ, בלאָטע; שלעכטע, גע=מיינע וואַארע.

אֲ'שֶׁר יָ'צַר, הם. (ליטורגיש). אַ קורצעס געבעט וואָס מע זאָגט ווען מען געהט אַרויס פון אָפּטריט.

אֲ'שֶׁר־יָ'צַר־פּאַפּיר, הו. אָפּטריט=פּאַפּיר; אַ ווערטהלאָזער פּאַפּיר.

אֲ'שֶׁר־יָ'צְרִיעל, הו. (מ. אֲ'שֶׁר־יָ'צְרִ'לעך). אָפּטריט=פּאַפּיר. "זיין וועכסעל איז גוט אויף א ש ר - י צ ר ' ל ע ך" (ווער.).

אַשְׁ'רֵי, הם. (ליטורגיש). דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָמען פון אַ קאַ=פּיטעל תהלים וואָס ווערט זעהר זעהר אָפט געזאָגט (ביים דאַווענען). קענען ווי א ש ר י, קענען קלאָר, אויסוועניג.

אֵ'שֶׁת אִישׁ, הוו. (תלמודיש). אַ פאַרהייראַטהעטע פרוי. "אַ שניי=דערס אַ ווייב איז ניט קיין א ש ת א י ש" (שפוו.).

אֵ'שֶׁת אִישׁ'ניצע, הוו. (מ. אֵ'שֶׁת אִישׁ'ניצעס). אַ פאַרהייראַטהעטע פרוי וועלכע לעבט מיט אַ פרעמ=דען מאַן.

אֵ'שֶׁת אִישׁ'ניק, הם. (מ. אֵ'שֶׁת אִישׁ'ניקעס). אַ מאַן וועלכער לעבט מיט אַ פרעמדער פאַרהיי=ראַטהעטער פרוי.

אֵ'שֶׁת חַיִל, הוו. (ביבליש). אַ העלדישע פרוי, אַ'ן אויפטהוערקע, אַ פעהיגע ווירטהין. "אַ'ן א ש ת ח י ל גיט דעם מאַן אַ האַלבע פרנסה" (שפוו.).

אֵ'שֶׁת חַיִל מִי יִמְ'צָא, (ביבליש). אַ פעהיגע פרוי ווער קען געפינען? (די ערשטע ווערטער פון אַ ביב=לישען קאַפּיטעל וועלכען אַ איד זאָגט פרייטאָג צו נאַכט ווען ער קומט אהיים פון שול. אין דעם דאָזיגען קאַפּיטעל ווערען געלויבט די גוטע אייגענשאַפטען פון אַ פע=היגער הויז=פרוי). "א ש ת ח י ל מ י י מ צ א אָבער אַ שלימזול איז בנמצא" (שפוו.).

אֶת חֲטָ'אַי אֲ'נִי מַזְ'כִּיר, (ביבליש). איך דערמאָן מיין זינד, איך מוז געשטעהן.

אַ'תָּה בְחַרְתָּ'נוּ, הם. (ליטורגיש). "דו האָסט אונז אויסערוועהלט", די ערשטע ווערטער און דער נאָ=מען פון אַ געבעט וואָס מע זאָגט ביי אידען אין די פייערטעג.

אַתָּה בְּחַרְתָּ'ניק, המ. (מ. אַתָּה־בְּחַרְתָּ'ניקעס). אַ'ן אויסערוועהלטער (אַ נאָמען מיט וועלכען אידען באַצייכענען זיך אַליין, אָפט אין ערנסט און אָפט אין שפּאַס). זעה אַתָּה בְּחַרְתָּ'נוּ.

אַתָּה הָרְאֵי'תָ, המ. (ליטורגיש). "עס איז דיר באַוויזען געוואָרען", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ ביבלישען קאַפּיטעל וואָס מע זאָגט שמחת תורה. געבען אתה הראיתה, באַעהרען אימיצען מיט פּאָרזינגען אתה הראיתה פאַר'ן עמוד. וואָס האָט אתה הראיתה צו דער פּרענדע, וואָס האָט איינס צוטהאָן מיט דעם אַנדערען.

אֶתְ'רוֹג, המ. (מ. אֶתְרוֹ'גִים). פּאַראַדיז־עפּעל, אַ זאָרט לימאָנען־פרוכט וועלכע אידען געברויכען צוזאַמען מיט לולב און הדסים צו רעליגיעזע צוועקען אום סוכות. בענטשען אתרוג, זאָגען אַ געוויסען זעגען־שפּרוך האַלטענדיג דעם אתרוג אין האַנד. שעהן ווי אַ קאַרפירער (פון גריכישען אינזעל קארפו) אתרוג, זעהר שעהן. "דער אתרוג קאָסט דאָס גאַנצע געלט און אויף דעם לולב מאַכט מען די ברכה" (שפּוו.). "אַז מען האָט ניט קיין אתרוג דאַרף מען קיין פושקע ניט האָבען" (שפּוו.).

ב.

ב, המ. דער צווייטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אלף־בית; אָהן אַ פּינטעלע אינעווייניג ("ב") אויסגעשפּראָכען (ווי וו") אַזוי ווי אין "חָ'בֵר", מיט אַ פּינטעלע אינעווייניג ("בּ") אויסגעשפּראָכען ווי אין דעם וואָרט "ברענגען"; אין צעהלען גערעכענט אַלס 2.

בּ־, (צוזאַמענגעשטעלט אין אָנהויב פון אַ העברעאישען וואָרט), אין, מיט, אויף, פאַר.

בא, הוו. דער נאָמען פון דער פינפצעהנטער סדרה (וזז.).

באַ־, די באַדייטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פּאָרוואָרט "באַ" (וועלכע געפינען זיך ניט דאָ) מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל־וואָרט.

באַ'דַ'מיען, צא. פּאַרבלוטיגען. זעה דָם.

בְּאַהֲ'בָה, או. מיט ליעבע, מיט צופרידענהייט, מיט רעזיגנאַציאָן.

בְּאוֹ'נֶס, או. געצוואונגענערהייט.

בְּאוֹ'פָן, או. אויף דער אַרט, מיט דעם באַדינג.

בֵּאוּר [בֵ'אוּר], המ. (מ. בֵּאוּרִים [בֵ'אוּ'רים]). ערקלערונג, קאָמענטאַר. דער באור, אַ געוויסער קאָמענטאַר אויף דער ביבעל פאַרפאַסט אונטער דער רעדאַקציאָן פון מאָזעס מענדעלסאָהן.

בְּאו׳תוֹ הַיּוֹם׳, או. אין דעם דאָזיגען טאָג.

בְּאָזְ׳נֵי שָׁמַעְ׳תִּי, (תלמודיש). מיט מיינע (אייגענע) אויערען האָב איך געהערט.

באי׳חֵנ׳ט, א. אנציהענד, רייצענד, ליעבליך. זעה חֵן.

באיטַ׳עַמיט, א. געשמאַק, אפּעטיטליך. זעה טַ׳עַם.

בְּאֵין אוֹפֶן, או. אויף קיין פאַל ניט.

בְּאֲלַכְ׳סוֹן, או. פאַר קווער, קרום.

באַלמעמאָר, המ. (מ. באַלמעמאָרם). זעה אַלמעמאָר.

בְּאֶלֶף מְחִי׳לוֹת, המ. "מיט טויזענד פערצייהונגען", דער הינטען, דאָס געזעס.

בְּאִם, ב. אויב.

בְּאִם לֹא, ב. אויב ניט.

בְּאִם לַאו, ב. אויב ניט.

בֶּאֱמוּ׳נָה, או. עהרליך, געטריי; אויף עהרליכקייט! אויף עהרענוואָרט!

בֶּאֱמוּ׳נָה שֶׁלִּ׳י, או. אויף מיין עהרליכקייט, אויף מיין עהרענוואָרט.

בֶּאֱמוּ׳נָה שְׁלֵ׳מָה, או. (ליטורגיש). מיט פולען גלויבען, מיט פאָלקאָמענעם צוטרוי.

בֶּאֱ׳מֶת, או. אין דער ווירקליכקייט, אין דער טהאַט; ערנסט.

באינוְ׳ליען, צא. באַשמוצען, באַליידיגען, באַריידען.

בְּאֲרִי׳כוּת, או. לאַנג, לאַנג אויסגעצויגען, מיט אלע גענויאיגקייטען.

בַּאֲ׳שֶׁר, ב. ווייל; אָבוואָהל, חאָטש, מאַלע־וואָס.

בַּאֲ׳שֶׁר בְּכֵן, ב. מאַלע־וואָס, אַיי־וואָס, אָבוואָהל.

בַּאֲ׳שֶׁר הוּא שָׁם, (ביבליש). וואו ער איז דאָרט, וואו ער מעג זיין.

בָּ׳בָא, הוו. (מ. בָ׳בוֹת). אַ׳ן אָפּטהיילונג, אַ טראַקטאַט פון תלמוד (מיט דעם נאָמען רופט מען געוועהנליך יעדע איינע פון דריי געוויסע אָפּטהיילונגען פון דעם סדר נזיקין (ווז.). זעה אונטען.

בָּ׳בָא בַּתְ׳רָא, הוו. (תלמודיש). די לעצטע אָפּטהיילונג. זעה בָּ׳בָא.

בָּ׳בָא מְצִי׳עָא, הוו. (תלמודיש). די מיטעלסטע אָפּטהיילונג. זעה בָּ׳בָא.

בָּ׳בָא קַ׳מָא, הוו. (תלמודיש). די ערשטע אָפּטהיילונג. זעה בָּ׳בָא.

בְּבְחִי׳נַת, או. (קאַבאַליסטיש). אין דער (סימבאָלישער) געשטאַלט פון, אין דער ראָלע פון, אין דער קלאַסע פון, אַלס.

בָּ׳בֶל, אנוו. דאָס לאַנד וואו דאָס אידישע פאָלק איז פאַרטריבען געוואָרען אין דער צייט פון דער צערשטערונג פון דעם ערשטען טעמפעל; די הויפּט־שטאָדט פון דעם לאַנד בבל; המ. שלעכטע, געמיינע וואַארע. "קיין סחורה איז דער ערגסטער ב ב ל" (שפּוו.).

בָּ׳בֶל־טהורעם, המ. דער טהורעם וועלכען געוויסע מענשען האָבען אויפגעבויט אין בבל מיט דער

אבזיכט אַרויפצוקלעטערען אויפ'ן הימעל, ווי די ביבעל דערצעהלט (אַלס שטראָף האָט גאָט צומישט זייער שפּראַך און דאָס זאָל געוועזען זיין דער אורשפּרונג פון דער שפּראַכען־פאַרשידענהייט אויף דער וועלט).

בָּ'בֶל־סְחוֹ'רָה, הוו. (מ. בָּ'בֶל־סְחוֹ'רוֹת). שלעכטע וואַרע. "אַ מיידעל איז אַ בבל־סחורה" (שפּוו.).

בָּ'בֶ ־קוֹ'נֶה, הם. (מ. בָּ'בֶל־קוֹ'נִים). שלעכטער קויפער, שלעכטער קונד. "אויף אַ בבל־סחורה קומט אַ בבל־קונה" (שפּוו.).

בָּ'בֶל־שפּראַך, הוו. צומישטע שפּראַך. זעה בָּבֶל.

בֶּ'גֶד, הם. (מ. בְּגָ'דִים). אַ קלייד.

בִּגְ'דֵי כְהוּנָּה [כְּהוּ'נָּה], הם. מ. (תלמודיש). פּריסטער־קליידער.

בִּגְ'דֵי מַלְ'כוּת, הם. מ. קעניגליכע, פּרעכטיגע קליידער.

בִּגְ'דֵי שַׁ'בָּת, הם. מ. פעסטליכע, שענע קליידער.

בִּגְזֵ'לָה, או. דורך רויב, ניט עהרליך.

בִּגְזֵ'רַת־, או. מיט דעם באַפעהל פון —, מיט דעם סטראַשונאָק פון —.

בְּגִי'לָה בְּרִ'נָּה בְּשִׂמְ'חָה רַ'בָּה, (ליטורגיש). מיט לוסטיגקייט מיט געזאַנג און מיט גרויס פרייד. "בגעלע בגרינע בשמחה רבה" (אַ'ן אָפּטע פּאַראָדיע).

בְּגָ'לוּי ראֹש [רָאשׁ], או. (תלמודיש). מיט אַ'ן אָפּגעדעקטען קאָפּ, אָהן אַ היטעל.

בְּגִלּוּ'פִין, (קאַבאַליסטיש). "מיט שניצערייען", אויפגעראַמט, באַטרונקען, באַרוישט.

בִּגְנֵ'בָה, או. (גנהמענדיג) אָהן דעם אייגענטהימער'ס וויסען, פאַרבאָרגענערהייד, אין געהיים.

בַּגֶ'רֶת *, הוו. זעה בּוֹגֶ'רֶת.

בְּדוֹ'חַק, או. אין נויט, אין אָרעמקייט; קוים־קוים.

בָּ'דוּק וּמְנוּ'סֶה, א. אונטערזוכט און אויספּרובירט, פעסטגעזעצט, אָהן אַ צווייפעל.

בְּדוֹ'רוֹ, או. אין זיין צייט.

בַּדְ'חָן, הם. (מ. בַּדְחָ'נִים). מאַרשאַלעק שפּאַס־מאַכער, וויצענזאָגער, גראַמען־מאַכער. "אַ ב ד ח ן מאַכט אַלעמען פרעהליך און אַליין ליגט ער אין דער ערד" (שפּוו.).

בַּדְחָ'נוּת, הוו. די פּראָפעסיאָן פון אַ מאַרשאַלעק; שפּאַס־מאַכעריי; אַ שפּאַס, אַ וויץ, אַ שפּאַסהאַפטער גראַם.

בַּדְ'חָנ'עֶן, צש. זאָגען וויצען, מאַכען שפּאַסהאַפטע גראַמען.

בְּדִ'יּוּק, או. מיט גענויאיגקייט, גענוי, אַקוראַט, פּינקטליך.

בְּדִיל דַל *, בְּדִיל הַדַּלִּי *, (תלמודיש: בְּדַלֵּי דַלּוּת), או. זעהר אָרעם.

בְּדִיעֲבַד [בְּדִיעֶ'בַד], או. (תלמודיש). אַזוי ווי עס איז שוין געשעהן,

נאָך דעם ווי עס איז שוין אָפּגע=
טהאָן געוואָרען.

בַּדְלִית [בַּדְלֶת׳] **בְּרֵי׳רָה**, או. (תלמודיש). ווען עס איז קיין אויסוואַהל ניטאָ, ווען מען קען אַנדערש ניט טהאָן.

בְּדִי׳קָה, הוו. (מ. בְּדִי׳קוֹת). אונ= טערזוכונג, נאָכזוכונג; די אונטער= זוכונג פון דעם אינגעווייד פון אַ פיה אום אויסצוגעפינען אויב עס אין געוועזן געזונד און מע מעג דאָס פלייש עסען, לויט דעם אי= דישען געזעץ.

בְּדִי׳קַת הָרֵי׳אָה, הוו. די אונטער= זוכונג פון די לונגען פון אַ גע= קוילטען פיה. זעה אויבען.

בְּדִי׳קַת חָ׳מֵץ, הוו. (תלמודיש). דאָס נאָכזוכען און אויפראַמען אַלע געזייערטע זאַכען דעם טאָג פאַר פסח.

בְּדַ׳לוּת, או. אָרעם. בדלות שטעלען, פאַראָרעמען, רואינירען. בין איך בדלות!, מיך קימערט עס ניט.

בִּדְלֵי׳כָּא [בְּדֶל כָּא], או. (תלמודיש). ווען עס איז ניטאָ.

בְּדֵ׳עָה, או. אין זינען, אין אַבזיכט. האָבען בדעה, בעאַבזיכטיגען.

בְּדַ׳עַת, או. וויסענדיג.

בֶּ׳דֶק הַבַּ׳יִת, המ. (ביבליש). דאָס פאַרריכטען (רעמאָנטירען) אַ שוהל.

בּד׳קי׳ען, **בַּדְ׳קי׳ענען**, צא. זוכען, נאָכזוכען; אונטערזוכען דאָס אינ= געווייד פון אַ געקוילעטען פיה אום אויסצוגעפינען אויב עס איז געוועזן געזונד און מע מעג דאָס פלייש עסען, לויט דעם אידישען געזעץ. אַרומ׳בדק׳ען, אַרומזוכען. "אַז מע וויל גוט בדק׳ען איז אַלץ טרף" (שפוו.).

בְּדֶ׳רֶךְ, או. אויף דעם שטייגער פון —, אַלס.

בְּדֶ׳רֶךְ אַ׳גַב, או. פאַרבייגעהענדיג, פאַר איין וועג.

בְּדֶ׳רֶךְ הֲלָ׳צָה, או. אַלס שפּאַס, אין שפּאַס.

בְּדֶ׳רֶךְ כְּלָל, או. איבערהויפּט, אין אַלגעמיינעם.

בְּדֶ׳רֶךְ מָ׳שָׁל, או. אַלס אַ ביישפּיעל, אַלס אַ צוגלייך, אַלס אַ פאַבעל.

ב״ה, אב. בָּרוּךְ הַשֵּׁם׳ (ווז.).

בָּ׳הוּל, המ. אַ צוטומעלטער, אַ צו= דרעהטער, אַ פאַרהאַוועטער.

בְּהֶחְ׳לֵט (גָ׳מוּר), או. מיט (אַבסאָ= לוטען) ענטשלוס, ענטשיעדען, באַשטימט.

בִּהְיוֹת׳, או. אין אנבעטראַכט אַז, אַזוי ווי.

בֶּהָ׳לָה, הוו. (מ. בֶּהָ׳לוֹת). שרעק, טומעל, סומאַטאָכע. די צייט פון דער בהלה, די צייט אין רוס= לאַנד אונטער דער רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם ערשטען ווען קליינע אידישע קינדער זיינען צוגענומען געוואָרען פאַר סאָלדאַטען.

בְּהֵ׳מָה, הוו. (מ. בְּהֵ׳מוֹת). פיה, הויז=פיה; אַ קוה; אַ נאַר, אַ שטומפּזיניגער מענש. "אין דער יוגענד אַ בהמה אויף דער על= טער אַ פערד" (שפוו.). "אין אַ מגפה אין אַ ציעג אויך אַ בהמה"

(שפוו.). "ביזט א בהמה קיי שטרוי" (ווער.). "כעס וחמה מאכט א מענשען פאר א בהמה" (שפוו.).

בְּהֵמָה בְּצוּרַת אָדָם, הוו. א פיה אין געשטאלט פון א מענשען. "בהמה בצורת פערד" (אָפט געברויכטע פאראָדיע).

בְּהֵמָה גַסָה, הוו. (מ. בְּהֵמוֹת גַסוֹת), (תלמודיש). גרויס־פיה (א'ן אָקס אָדער א קוה).

בְּהֵמָה דַקָה, הוו. (מ. בְּהֵמוֹת דַקוֹת), (תלמודיש). קליין־פיה (א שעפס אָדער א ציעג).

בְּהֶן שֶׁלִי, או. אויף מיין יא־וואָרט, אויף מיין עהרעני־וואָרט.

בהמ"ק, אב. בֵּית הַמִקְדָש (ווז.).

בְּהֶסְכֵּם־, או. מיט דער צושטימונג פון —.

בְּהַעֲלוֹתְךָ, הוו. דער נאָמען פון דער זעקס און דרייסיגסטער סדרה (ווז.). "זיך דרעהען ווי רש"י אין בהעלותך" (ווער.).

בְּהַקָפָה, או. אויף באָרג, אויף קרעדיט.

בְּהַר, הוו. דער נאָמען פון דער צוויי און דרייסיגסטער סדרה (ווז.).

בְּהַרְחָבָה, או. מיט ברייטקייט, באקוועם; אין גוטע, באקוועמע אומשטענדען.

בּוֹאִי בְשָׁלוֹם, (ליטורגיש). "קום אין פרידען". די ערשטע ווערטער פון א געבעט־געזאנג וואס אידען זאגען פרייטאָג צו נאכט אין שול שטעהענדיג מיט דעם געזיכט צו דער טהיר. "ביי בואי בשלום שטעהט דער אָרעמאַן אויבען אָן" (שפוו.).

בּוֹגֶרֶת [בּוֹגְרֶת], הוו. (מ. בּוֹגְרוֹת). א דערוואקסען מיידעל, א מיידעל אין הייראטה־יאָהרען.

בּוֹגֵד, הם. (מ. בּוֹגְדִים). פאררעטהער.

בּוֹדֵק־זיין, צא. זעה בַּדְקִ'ען.

בְּוַדַאי, או. זעה אַוַדַאי.

בּוֹלֵט, א. סטארטשענדיג, קלאָר, דייטליך.

בּוּלְמוּס, **בּוּלְמוּס אֲכִילָה**, הם. (תלמודיש). גרויסער הונגער, גרויסער אפעטיט.

בּוּעָה, הוו. (מ. בּוּעוֹת). א בלאָז, א בלאָטער, א געשוויר (אויף די לונגען פון א געקוילעטען פיה).

בּוֹעֵל־זיין, צא. געשלעכטליך צוזאמענזיין מיט —.

בּוּר, הם. (מ. בּוּרִים). א'ן אונוויסענדער מענש.

בּוּר מְדְאוֹרַיְיתָא, הם. א'ן אונוויסענדער אפילו לויט דעם געזעץ פון דער תורה (ווז.), א זעהר אונוויסענדער מענש.

בּוֹרֵא, הם. דער באשעפער, גאָט.

בּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, הם. דער באשעפער געבענשט זאָל ער זיין, גאָט.

בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ, (ליטורגיש). "דער באשעפער פון פייער־ליכט", די לעצטע ווערטער פון א זע־

געגשפרוך וועלכען מע זאָגט ביי אידען שבת=צו=נאַכט ווען מען צינדט אָן צום ערשטען מאָל פייער. מאַכען בורא מאורי האש, אונטערצינדען.

בּוֹ'רֵא מִ'ינֵי מְזוֹ'נוֹת, (ליטורגיש): "דער באַשעפער פון (אַלע) זאָרטען שפייזען", אַ זעגענשפרוך וועלכען מע זאָגט ביי אידען איידער מע עסט אַ לייכטע שפייז.

בּוֹ'רֵא נְפָ'שׁוֹת, (ליטורגיש). "דער באַשעפער פון די זעעלען", ווערטער פון אַ זעגענשפרוך וועלכען מע זאָגט ביי אידען נאָך אַ לייכטען איבערבייסען.

בּוֹ'רֵא־נְפָ'שׁוֹת־קלייזעל, הז. אַ הויז פון אויסגעלאַסענהייט, אַ בראָדעל.

בּוֹ'רֵא פְּרִי הַגֶ'פֶן, (ליטורגיש). "דער באַשעפער פון דער פרוכט פון דעם וויינשטאָק", די לעצטע ווער=טער פון אַ זעגענשפרוך וועלכען מע זאָגט ביי אידען איידער מע טרינקט וויין.

בּוֹרֵ'חַ, הם. אַ'ן אַנטלאָפענער, אַ שולדנער וועלכער איז אַנטלאָפען פון זיינע קרעדיטאָרען.

בּוֹ'רֵר, הם. (מ. בּוֹרְרִים [בָּרְ'רִים]). אַ וועהלער, אַ שטימגעבער; איי=נער פון די אויסגעקליבענע שיי=דענס=ריכטער ביי אַ'ן אָפּמאַך.

בּוֹרְרוּת [בָּרְ'רוּת], הוו. אָפּמאַך, קאָמפּראָמיס.

בּוּ'שָׁה, הוו. (מ. בּוּ'שׁוֹת). שאַנד; שעמעוודיגקייט. "אָגווערען גדן און ירושה איז ניט קיין בושה" (שפוו.). "בושה טהוט וועה" (שפוו.). "ער נעהמט זיין חרפה און דעקט זיין בושה דערמיט צו" (ווער.).

בּוּ'שֶׁת־פָּ'נִים, הם. (מ. בּוּ'שֶׁת־פָּ'נִימ'ער), (תלמודיש). אַ שע=מעוודיגע פערזאָן. "בעסער אַ בושת־פנים איידער אַ'ן עזות־פנים" (שפוו.).

בּוּ'שֶׁת־פָּ'נִימ'דיג, א. שעמעוודיג.

בָּזֶה הַלָ'שׁוֹן, או. מיט דער שפּראַך, אַזוי, נעמליך.

בָּזֶה הָאוֹ'פָן, או. אויף דער אַרט, מיט דעם באַדינג.

בָּ'זוּי, הם. (מ. בְּזוּ'יִים). פאַרעכט=ליכער, נידעריגער מענש.

בָּ'זוּי וּמְבוּ'יָּה, א. זעהר פאַראַכטעט, זעהר ערנידעריגט.

בָּ'זוּי וְנִבְ'זֶה, א. זעהר פאַראַכטעט, זעהר ערנידעריגט.

בְּזוֹל [בְּזָ'ל], או. ביליג, וואָלוועל.

בִ'זְיֵ־בִזְיוֹ'נוֹת*, הם. מ. אַ גרויסע שאַנד; גרויסע באַליידיגונגען.

בִּזָ'יוֹן, הם. (מ. בִּזְיוֹ'נוֹת). שאַנד; באַליידיגונג. "אַ מאַמע איז אַ פאָקרישקע זי דעקט צו די קינ=דער'ס חסרונות און דעם מאַנ'ס בזיונות" (שפוו.).

בִּזְיוֹ'נוֹת, מ. (אַמעריקאַניש). (שפּאַסהאַפטע איבערמאַכונג פון דעם ענגלישען וואָרט „ביזנעס") געשעפטען.

בְּזִיל הַזּוֹל [הַזָּ'ל'], בְּזִיל זוֹל [זָ'ל]*, או. זעהר ביליג, שפּאָט=ביליג.

בִּזְכוּת', או. צוליעב, וועגען.

בִּזְכוּת' זֶה, אָו. (ליטורגיש). צוליעב דעם, דערפאַר.

בְּחִ'בּוּק יָדַ'יִם, אָו. (ביבליש). מיט פאַרלייגטע הענד, ליידיג. "דער וואָס זיצט בחבוק ידים דער בלייבט אָהן מכנסים" (שפוו.).

בְּחַדְרַ"ג, אב. בְּחֵ'רֶם דְרַבֵּ'נוּ גֵרְ'שׁוֹם, ווערטער וועלכע מע שרייבט ביי אידען אויף דעם קאָנווערט פון אַ בריעף אַלס אַ וואַרנונג אַז קיינער אויסער די אַדרעסירטע פּערזאָן זאָל איהם ניט לעזען. זעה חֵ'רֶם דְרַבֵּ'נוּ גֵרְ'שׁוֹם.

בְּחַדְרֵ'י חֲדָ'רִים, אָו. (תלמודיש). "אין די אינעווייניגסטע צימערען", באַהאַלטען, פאַרבאָרגען, סעקרעטנע.

בָּ'חוּר, הם. (מ. בַּחוּרִים [בָּ'חוּרִים]). אַ יונגער מאַן; אַ'ן אונפאַרהייראַטעטער; אַ יונג, אַ קערל. "אַ בחור טאָר קיין שדכן ניט זיין" (שפוו.). "אַ בחור מאַכט קדוש איבער שפענער און הבדלה איבער אַ קאַלטען פייער=טאָפּ" (שפוו.). "אַז אַ'ן אַלטער בחור שטאַרבט האָבען מיידלעך נקמה" (שפוו.). "ער איז אַזוי אַ בחור ווי די אַם איז אַ מויד" (ווער.).

בָּ'חוּרִ'יטע, הוו. (מ. בָּ'חוּרִיטעס). אַ מוטהיגע, היטרע, אָדער פאַר=שייטע פרוי.

בָּחוּרִ'יעץ', הם. אַ קערל, אַ יונג.

בְּחוּשׁ, אָו. דייטליך, קלאָר. זעהן בחוש, זעהן מיט די אייגענע אויגען.

בְּחֶזְקַת־, אָו. האָבענדיג די רעפּו=טאַציאָן פון —, אָנגענומען אַלס —.

בְּחִיל וּבִרְעָ'דָה, אָו. (ביבליש). מיט טרייסלען און מיט ציטערניס, מיט גרויס פאַרעהרונג.

בְּחִי'נָה, הוו. (מ. בְּחִי'נוֹת), (קאַבאַליסטיש). שטופע, קלאַס, גראַד.

בְּחִיר, הם. דער אויסערוועהלטער, דער בעסטער, דער פער; אַ'ן אַנטיקעל, אַ שענע זאַך.

בְּחִיר הַיְצוּ'רִים, הם. דער אויסערוועהלטער פון אַלע באַשעפעניסען, דער מענש.

בְּחִי'רָה, הוו. וואַהל, אויסוואַהל, פרייער ווילען.

בְּחִ'נָּם, אָו. אומזיסט; וועהר ביליג. "בחנם קריגט מען כנים" (שפוו.).

בְּחִפָּ'זוֹן, אָו. אין איילעניס, אין האַסט.

בַּחֲצוֹצְ'רוֹת וְקוֹל שׁוֹ'פָר, אָו. (ביבליש). מיט טראָמפּייטען און מיט האָרן=קלאַנג.

בַּחֲצִי [בְּחָ'צִי] חִ'נָּם, אָו. האַלב אומזיסט, וועהר ביליג.

בְּחֻקּוֹ'תַי, הוו. דער נאָמען פון דער דריי און דרייסיגסטער סדרה (ווז).

בְּחֵ'רֶם, אָו. אונטער דער שטראָף פון אויסגעשלאָסען ווערען פון דער געמיינדע. פרעג מיך בחרם, וואָס ווייס איך? זעה חֵ'רֶם.

בְּחֶרְפָּ'תוֹ, בְּחֶרְפָּ'תִי, בְּחַרְפָּתֵ'נוּ, אָו. צו זיין, מיין, אונזער שאַנדע.

בָּטוּ'חַ, הם. (מ. בְּטוּ'חִים). אַ באַגלויבטער, ראַיעלער מענש. "דער בעסטער בטוח איז די אייגענע

קעשענע" (שפוו.). "גאָט איז אַ בטוח" (שפוו.).

בָטוּ'חַ, א. זיכער, איבערצייגט.

בְטוּ'חוֹת, הוו. מ. זיכערהייטען, גאַראַנטיע, זאַלאַג.

ב'טוּל, המ. פאַראַכטונג, גערינגשעצונג.

ב'טוּל הַיֵשׁ [הַיֶ'שׁ], המ. די פאַרניינונג פון אַלץ וואָס איז מאַטעריעל, דאָס אויסטהאָן זיך פון אַלע אירדישע אינטערעסען.

בִּטָ'חוֹן, המ. (מ. בִּטְחֹ'נוֹת). צוטרוי, גלויבען, האָפענונג. "אַז מע האָט בטחון האָט מען אויף שבת" (שפוו.). "דער בטחון איז צוקראָכען" (ווער.).

בָ'טֵל, א. (מ. בְטֵ'לִים). פאַרניכטעט, אָפגעשאַפט, צו־נישט. בטל ווערען, אויפהערען צו עקזיסטירען, אָפגעשאַפט ווערען.

בָּ'טֵל בְּשִׁ'שִּׁים, (תלמודיש). פאַרלאָרען אין זעכציג מאָל אַזוי פיעל, פאַרלאָרען אין אַ מאַסע.

בָ'טֵל וּמְבוּ'טָל, א. (תלמודיש). אויסקאַסירט און ווערטהלאָז.

בַּטְ'לָן, המ. (מ. בַּטְלָ'נִים). ליידיגגעהער, פוסטעפּאַסניק; קלויזניק. "צוויי חתונות אין איין טאָג איז דעם בטלנ'ס יאָמער און קלאָג" (שפוו.).

בַּטְלָ'נוּת, הוו. ניט וועלטליכקייט, ניט פראַקטישקייט.

בַּטְ'ל'ען, צש. אַרומגעהן ליידיג, פוסטעפּאַסעווען.

בִּי'אָה, הוו. (מ. בִּי'אוֹת). געשלעכטליכעס צוזאַמענזיין. "מאָל אויס אַ פּריס דעם טעם פון ביאה" (ווער.).

בֵּי'אוּר, המ. (מ. בֵּיאוּ'רִים). זעה בֵ'אוּר.

בִּי'אַת הַגּוֹ'אֵל, המ. דאָס קומען פון דעם (אידישען) דערלייזער.

בְּיָד [בְּיַ'ד] חֲזָ'קָה, או. (ביבליש). מיט שטאַרקער האַנד, מיט געוואַלט.

בְּיָד רָ'מָה, או. (ביבליש). מיט הויכער האַנד, מיט שטאָלץ, מיט פרעכהייט.

בְּיָדַ'יִם, או. מיט די הענד.

בְּיוֹדְ'עִים, או. מיט אַלעמענס וויסען, עפענטליך, אָפען.

בִּ'יוּשׁ, המ. שאַנד, באַליידיגונג.

בִּיזָ'יוֹן, המ. (מ. בִּיזְיוֹ'נוֹת). זעה בִזָ'יוֹן.

בִּיחִי'דוּת [בִּ־יְחִי'דוּת], או. אין איינזאַמקייט, איינער אַליין. דאַווענען ביחידות, דאַווענען אָהן אַ מנין (ווז.).

בִּי'טוּל, המ. זעה בִ'טוּל.

בִּיטָ'חוֹן, המ. (מ. בִּיטְחוֹ'נוֹת). זעה בִטָ'חוֹן.

ביי־, די באַדייטונג פון אַלע העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פאָרוואָרט "ביי" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל־וואָרט.

בַּיי'שָׁן, המ. (מ. בַּיישָׁ'נִים). זעה בַּיְ'שָׁן.

בִּיל׳בּוּל, הם. (מ. בִּילְבּוּ׳לים). זעה בִּלְ׳בּוּל.

בִּי׳מָה, הוו. (מ. בִּי׳מוֹת). אַ פּלאַטפאָרמע ארומגערינגעלט מיט אַ געלענדער אין מיטען פון דער סינאַגאָגע.

בֵּין, פּ. צווישען.

בֵּין אָ׳דָם לַחֲבֵ׳רוֹ, (תלמודיש). צווישען איין מענשען און דעם צווייטען.

בֵּין אָ׳דָם לַמָּ׳קוֹם, (תלמודיש). צווישען דעם מענשען און גאָט.

בֵּין אָ׳רוּר הָ׳מָן לְבָ׳רוּךְ מָרְדְ׳כַי, (תלמודיש). צווישען „פאַרפלוכט איז המן" ביז „געבענשט איז מרדכי". ניט וויסען בין ארור המן לברוך מרדכי, ניט קענען אונטערשיידען פון איין זאַך ביז דער צווייטער (פון באַטרונקענהייט).

בֵּין הַזְּמַ׳נִים, הם. די פרייע וואָכען צווישען די צוויי לעהרטערמינען (ביי אידען).

בֵּין הַשְּׁמָ׳שׁוֹת, הם. (תלמודיש). פאַרנאַכט, פאַר זונענאונטערגאַנג.

בֵּין כֶּ׳סֶא לֶעָ׳שׂוֹר, הם. (די טעג צווישען ראש השנה און יום־כפור.

בֵּין מִנְ׳חָה לְמַעֲ׳רִיב, הם. די צייט צווישען דעם מנחה= און דעם מעריב=געבעט, פאַרנאַכט.

בֵּין רֶ׳גֶל לְרֶ׳גֶל, הם. צווישען איין פייערטאָג און דעם צווייטען, חול המועד (ווז.).

בֵּי׳נֵי לְבֵ׳ינֵי [לְבֵּ׳יְנֵי], או. (תלמודיש: בֵּינֵי וּבֵינֵי). אין דער צווישענצייט, אונטערדעסען.

בֵּינֵי׳הֶם, או. „צווישען זיי", ביי ניט-אידען. ביי זיי ביניהם, ביי ניט אידען.

בִּינְ׳יָן, הם. (מ. בִּנְיָ׳נִים). זעה בִּנְ׳יָן.

בֵּינְתַּ׳יִם, או. אונטערדעסען.

בֵּי׳צָה, הוו. (מ. בֵּי׳צִים). אַ׳ן איי.

בֵּי׳צִימער, הם. (מ. בֵּי׳צִימער), (אַמעריקאַניש). אַ׳ן אירלענדער (שטאַמט וואַהרשיינליך פון דעם וואָרט "אירלאַנד" ווערט אין ענגליש אויסגעשפּראָכען "אייערלאַנד").

בִּי׳קוּר חוֹ׳לִים, הם. זעה בִּ׳קוּר חוֹ׳לִים.

בִּירוּ׳שָׁה [בִּי־ירוּ׳שָׁה], א. געערבט, איבערגעלאָזט, טראַדיציאָנעל.

בֵּית [בּיז], הם. (מ. בֵּית׳ען [בֵּי׳זען]) דער נאָמען פון דעם צווייטען בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית ווען געשריבען מיט אַ פּינטעלע אינעווייניג (בּ).

בֵית [בֵיז], הם. (מ. בית׳ען [בֵי׳זען]). דער נאָמען פון דעם צווייטען בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית ווען געשריבען אָהן אַ פּינטעלע (ב).

בַּ׳יִת, הם. (מ. בָּתִּים [בַּ׳תִים]). הויז; קעסטעל, שיידעל, דאָס פּאַרמעט=שיידעל פון די תפילין וואו עס ליגען איינגעשלאָסען די פרשות (ווז.).

בֵּית־דִּין [בעזן], הם. (מ. בֵּית־דִּינִים

[בעזנגם]), (תלמודיש). געריכטס=הויז; געריכט; די ראַבינער אָדער געלעהרטע פאַר וועלכע עס ווערען פאָרגעבראַכט אַלע געלטליכע דיספוטען און רעליגיעזע פראַגען וואָס קומען פאָר אין דער געמ=מיינדע.

בֵּית־דִין [בעזן]־שטיבעל, הז. (מ. בֵּית־דִין [בעזן]־שטיבלעך). דאָס צימער וואו בית־דין זיצט.

בֵּית־דִין [בעזן] שֶׁל מַעְ'לָה, המ. (תלמודיש). דאָס הימלישע גע=ריכט.

בֵּית־דִין [בעזן] שַׁמָּשׁ [שַׁ'מֶשׁ], המ. (מ. בֵּית־דִין [בעזן] שַׁמָּשִׁים [שַׁמָ'שִׁים]). דער באַדינטער פון בית־דין. איך בין ניט דיין בית־דין־שמש, איך בין ניט דיין באַדינטער.

בֵּית־הַבְּלִי'עָה, הוו. (תלמודיש). שלונד, שפייזרעהר.

בֵּית־הַכָּ'בוֹד, המ. (מ. בֵּית־הַכָּ'בוֹד'עָן), (תלמודיש). אָפּ=טריט, קלאָזעט.

בֵּית־הַכְּנֶ'סֶת, המ. (מ. בָּ'תֵּי־כְּנֵסִ'יּוֹת), (תלמודיש). אַ סינאַ=גאָגע.

בֵּית־הַכִּ'סֵּא, המ. (מ. בֵּית־הַכִּ'סְאִים), (תלמודיש). אָפּטריט, קלאָזעט.

בֵּית־הַמִּדְ'רָשׁ, המ. (מ. בָּ'תֵּי־מִדְרָ'שִׁים). זעה בֵּית־מִדְ'רָשׁ.

בֵּית־הַמִּקְ'דָּשׁ, המ. (מ. בֵּית־הַמִּקְ'דָּשׁ'ען), (תלמודיש). "דאָס הויז פון הייליגקייט", דער הייליגער טעמפעל (ביי אידען) פאַר=צייטען אין ירושלים. "ניט אין איין טאָג איז דער בית־המקדש געבויט געוואָרען" (שפוו.).

בֵּית־הַמְשׁוּגָ'עִים, המ. אירענהויז.

בֵּית־הַקְּבָ'רוֹת, המ. (מ. בֵּית־הַקְּבָ'רוֹת'ן), (תלמודיש). דאָס טויטען=פעלד. "צרות טרייבען אויפ'ן בית־הקברות" (שפוו.).

בֵּית־וַ'עַד לַחֲכָ'מִים, המ. (תלמו=דיש). אַ הויז וואו געלעהרטע קומען זיך צוזאַמען.

בֵּית־זוֹ'נוֹת, המ. (מ. בָּ'תֵּי־זוֹ'נוֹת), (ביבליש). הור=הויז.

בֵּית־זְקֵ'נִים, המ. אַלטען=הויז, באַ=גאָדיעלניע.

בֵּית־חַ'יִּים, המ. (מ. בֵּית־חַ'יִּימס). "דאָס פלאַץ פון לעבען", טויטען=פעלד.

בֵּית־מִדְ'רָשׁ [מֶדְ'רָשׁ], המ. (מ. בָּ'תֵּי־מִדְרָ'שִׁים), (תלמודיש). אַ אידישע סינאַגאָגע וועלכע ווערט אויך געברויכט אַלס פלאַץ צום לערנען. "אַ גוטען מענשען וועט די שענק ניט קאַליע מאַכען און אַ שלעכטען וועט דער בית־מדרש ניט פאַרריכטען" (שפוו.).

בֵּית מוֹ'שַׁב זְקֵ'נִים, המ. זעה מוֹ'שַׁב זְקֵ'נִים.

בֵּית מַחֲ'סֶה לִיתוֹ'מִים, המ. ווייזענהויז.

בֵּית־מִקְ'דָּשׁ, המ. (מ. בֵּית־מִקְ'דָּשׁ'ען). זעה בֵּית־הַמִּקְ'דָּשׁ.

בֵּית־מֶרְ'חָץ, המ. (תלמודיש). זעה מֶרְ'חָץ.

בֵּית־עוֹ'לָם, המ. (מ. בֵּית־עוֹ'לָמִ'ים), (תלמודיש). "דער אויביגער פּלאַץ", דאָס טויטען־פעלד. "ווי קומט דער חזיר אויפ'ן בית־עולם" (ווער.).

בית־עַלְ'מִין, המ. (מ. בֵּית־עַלְ'מִ'ים), (תלמודיש). זעה בֵּית־עוֹ'לָם.

בֵּית־קִ'בּוּל, המ. (תלמודיש). אַ פּלאַץ אַייגצונעמען, אַ מאגען. ער האָט אַ גוטען בית־קבול, ער קען פיעל עסען.

בֵּ'ית רִא'שׁוֹן, המ. (תלמודיש). "דאָס ערשטע הויז", דער ערשטער בית־המקדש (ווז.).

בַּ'ית שֵׁ'נִי, המ. (תלמודיש). "דאָס צווייטע הויז", דער צווייטער בית־המקדש (ווז.).

בְּכָבוֹד [בְּכָ'בוֹד], א. "מיט עהרע", אנשטענדיג. עהרווירדיג, געאַכטעט. זעה כָּ'בוֹד.

בִּכְבוֹד [בְּכָ'בוֹד] **גָ'דוֹל**, או. מיט גרויס עהרע, מיט פּאַראַד; מיט פאַרגעניגען.

בִּכְבוֹ'דוֹ וּבְעַצְ'מוֹ, או. (תלמודיש). "מיט זיין ווירדע און מיט זיין אייגענער פּערזאָן", ער אַליין.

בִּכְדֵי', ב. דאַמיט, אום.

בְּכְוּון [בְּכִ'וּון], או. מיט אַבזיכט. זעה כִּ'וּון.

בִּכְוָנָה [בְּכַוָ'נָה], או. מיט וואָרעם־קייט, מיט געפיהל, מיט'ן גאַנצען האַרצען. זעה כַּוָ'נָה.

בְּכוֹר [בְּכָר], המ. (מ. בְּכוֹ'רִים). אַ'ן ערשט־געבוירענער זוהן; אַ'ן ערשט־געבוירענער אָקס, באָק א. ד. ג. וועלכער איז הייליג ביי אידען און וועלכען מען טאָר ניט קאַליעטשען אָדער שלאָגען. ארומ־געהן ווי אַ בכור אויף דעם גוטען אָרט, ארומגעהן ליידיג.

בְּכוֹ'רָה, הוו. (מ. בכו'רות). אַ'ן ערשט־געבאָרענע טאָכטער; די רעכט און פּריווילעגיען פון ערשט־געבאָרענע.

בְּכוֹר'יטע [בְּכָר'יטע], הוו. (מ. בְּכוֹר'יטעס [בְּכָר'יטעס]). אַ'ן ערשט־געבאָרענע טאָכטער.

בְּכֹחַ [בְּכֹ'חַ], או. אימשטאַנד, פעהיג. האָבען בכח, זיין אימשטאַנד. זעה כֹּ'חַ.

בְּכִיָּה, הוו. (מ. בְּכִ'יּוֹת). געוויין, יאָמער.

בְּכִיָּה לְדוֹ'רוֹת, המ. (תלמודיש). אַ יאָמער אויף לאַנגע צייטען, אַ'ן אויביגער טרויער.

בְּכִי'וּן, או. זעה בְּכִ'וּון.

בְּכִיסוֹ [בְּכִי'סוֹ] **בְּכוֹסוֹ** [בְּכוֹ'סוֹ] **בְּכַעֲסוֹ** [בְּכַ'עֲסוֹ], (תלמודיש). דורך זיין בייטעל דורך זיין בעכער און דורך זיין צאָרן. "מע דער־קענט אַ מענשען בכיסו בכוסו בכעסו" (שפּרו.).

בַּכֹּל מִ'כֹּל כֹּל, (תלמודיש). אַלס־דינג, פון אַלע סאָרטען.

בְּכָל תְּפוּ'צוֹת יִשְׂרָ'אֵל, אין אַלע

ערטער וואו אידען זענען צו=
שפרייט.

בִּכְלָל [בִּכְּלַל'], אז. אין אלגעמיי=
נעם, איבערהויפט; אין דער
קלאסע פון, אלם.

בְּכֵן, אז. דעריבער, דערפאר, צו=
ליעב דעם.

בִּכְתָב [בִּכְּתַב'], אז. שריפטליך,
אין מאנוסקריפט.

בַּל־תַּשְׁ'חִית, (ביבליש). זאָלסט ניט
(אומזיסט) צושטערען. עובר זיין
אויף בל־תשחית, פאר=
שווענדען אומזיסט.

בְּלֹא, אז. ניט, ניט=געזעהן, בלא־
ראיה (ווז.).

בְּלֹא־יוֹדְ'עִים, אז. (ליטורגיש). ניט=
ווימענדיג.

בְּלֹא־רְאִ'יָה, אז. אומגעזעהען, ניט=
געזעהענערהייד (אין קאָרטען=
שפיעל).

בִּלְ'בּוּל, המ. (מ. בִּלְבּוּ'לִים). פאל=
שע באשולדיגונג.

בִּלְ'בּוּל דָם [דַם], המ. בלוט=בא=
שולדיגונג, די פאלשע באשולדי=
גונג געמאכט אויף אידען אז זיי
געברויכען בלוט פון קריסטען אויף
פסח.

בְּלַ'חַשׁ, אז. שושקענדיג, שטילער=
הייד.

בְּלִי־, פ. אָהן.

בְּלִי־גוּזְ'מָא, אז. אָהן איבערטריי=
בונג.

בְּלִי־מַסְקָ'נָא, אז. אָהן אַ'ן אבמאַ=
לוטען באשלוס (אַ'ן אויסדרוק
וועלכע די פרומע אידען געברויכען
ווען זיי ריידען פון מהאָן אַ זאַך
אין דער צוקונפט, אום ניט צו
נעהמען אויף זיך קיין פארפפליכ=
טונג).

בְּלִי־נֶדֶר [נֶ'דֶר], אז. אָהן אַ בא=
שטימטען פארשפרעכען. זעה
בְּלִי־מַסְקָ'נָא.

בְּלִי־סָ'פֵק, אז. אָהן צווייפעל.

בְּלַ"מ, אב. בְּלִי־מַסְקָ'נָא (ווז.).

בל"נ, אב. בְּלִי־נֶ'דֶר (ווז.).

בְּלַעַ"ז. אב. בִּלְשׁוֹן' עַם זָר, אז.
"אין דער שפראך פון אַ פרעמדען
פאָלק", ניט=העברעאיש; פאר=
טייטשט, דאָס הייסט.

בִּלְ'עָם, אנמ. דער נאָמען פון דעם
צויבערער וועלכען בלק האָט גע=
רופען צו שילטען די אידען אין
דער וויסטע; אַ גרוים מויל. די
ביבעל דערצעהלט אַז ווען בלעם
איז געווען אויפ'ן וועג צו שילטען
דאָס אידישע פאָלק האָט זיך
פלוצלונג פאר דער עזעלין אויף
וועלכע ער איז געריטען באוויזען
אַ'ן ענגעל מיט אַ שווערד אין
האנד און האָט איהר פארשטעלט
דעם וועג, און די עזעלין האָט
מיט אמאָל אָנגעהויבען צו רעדען.
דערפון איז דער אויסדרוק:
בִּלְ'עָם'ס עזעל.

בָּ'לָק, אנמ. דער נאָמען פון דעם
קעניג פון דעם לאנד מואב (ווז.),
וועלכער האָט געוואָלט פארטילי=
גען די אידען אין דער וויסטע ווי
די ביבעל דערצעהלט; הוו. דער
נאָמען פון דער פיערציגסטער סדרה

(ווז.) וואו די געשיכטע פון בלק ווערט דערצעהלט. לערנען מיט אימיצען ב ל ק, איינעם גוט אָנ־לערנען.

בְּלְ'תִּי סָ'פֵק, או. אָהן אַ צווייפעל.

בַּמִּדְ'בָּר, הס. דער נאָמען פון דעם פינפטען בוך פון חומש (ווז.); הוו. דער נאָמען פון דער פיער און דרייסיגסטער סדרה (ווז.).

בַּ'מֶה מָצִי'נוּ, הס. זעה מַה מָצִי'נוּ.

בִּמְהֵ'רָה, או. שנעל, באַלד, אין קורצען.

בִּמְהֵ'רָה בְיָמֵי'נוּ, או. (תלמודיש). אין גיכען (און) נאָך פאַר אונזער לעבען, אין קורצען.

בִּמְזוּ'מָן, בִּמְזוּמָ'נִים, או. מיט באַארען געלט, אין קאַסע.

בְּמֵ'זִיד, או. מוטהוויליג, מיט אַב־זיכט.

בִּמְחִי'לָה, או. מיט פאַרצייהונג, בעטענדיג פאַרצייהונג.

בְּמִצְווֹ'תָיו, או. באַרוישט, באַ־טרונקען (שטאַמט וואהרשיינליך פון דעם וואָרט "במצוותיו" וואָס קומט פאָר אין קידוש, וועלכען מע זאָגט געוועהנליך אויף וויין).

בִּמְ'קוֹם, פּ. אנשטאָט, וויצע; הס. אַ שטעלפאַרטרעטער, אַ געהילפע.

בִּמְ'קוֹם שֶׁאֵין' אִישׁ וְהִשְׁתַּ'דֵּל לִהְ'יוֹת אִישׁ, (תלמודיש). דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין מאַן צו טהאָן די אַרבייט (באַמיהע זיך דו צו זיין דער מאַן). "ב מ ק ו ם ש א י ן א י ש איז אַ הערינג אויף אַ פיש" (שפּוו.).

בְּמֶ'קַח הַשָּׁוֶה, או. אין גלייכען פרייז, אין גלייכען געלט, ביליג.

בְּמֶ'שֶׁךְ, או. אין פאַרלויף.

בְּמַתָּ'נָה, או. אַלס געשאַנק, גע־שאָנקען.

בֵּן, הס. (מ. בָּ'נִים, בְּנֵי־). אַ זוהן; אַ יונג, אַ קערל. דאָס וואָרט ווערט אויך זעהר אָפט געברויכט אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע ווער־טער אין די פיעלפאַכע באַדייטונ־גען פון: געהערענדיג צו, באַ־גאַבט מיט, פעהיג אויף, באַזיצער פון, מיטגליעד פון, אין אַלטער פון (זעה אונטען).

בֶּן־אָדָם, הס. (מ. בְּנֵי־אָ'דָם), (ביבליש). אַ מענש, מענשענקינד.

בֶּן־בַּ'יִת, הס. (מ. בְּנֵי־בַ'יִת [־בַ'יִת]), (ביבליש). "הויז־קנעכט", הויז־מענש, אָפטער איינגעהער.

בֶּן־בְּרִית, הס. (מ. בְּנֵי־בְרִית [בְּרִית]) (תלמודיש). איינער וועלכער גע־הערט צו דעם בונד (וועלכען גאָט האָט געשלאָסען מיט די אידען), אַ איד.

בֶּן־גְדוֹ'לִים, הס. איינער וועלכער שטאַמט פון גרויסע (מענער), אַ'ן אַריסטאָקראַט.

בֶּן־הַנִּ'דָּה, הס. (מ. בְּן־הַנִּ'דָּהִים). דער זוהן געבאָרען פון אַ צוזאַמענ־זיין אין דער צייט פון דער טו־מער'ס אונריינקייט.

בֶּן־הָרַב', הס. (מ. בְּנֵי־הָרַב'). דער זוהן פון אַ ראַבינער.

בֶּן־זוּג, הס. (תלמודיש). די באַ־שערטע פּאָאר, דער באַשערטער.

בֶּן־זְקוּ'נִים, הם. (ביבליש). אַ זוהן געבאָרען אויף דער עלטער, מי־ זיניק. "אַ בן־זקונים איז אַ פּאַרטיגער יתום" (שפּוו.).

בֶּן־חוֹ'רִין, הם. (מ. בְּנֵי־חוֹ'רִין), (תלמודיש). אַ פרייער מאַן.

בֶּן־טוֹ'בִים, הם. (תלמודיש). אַ זוהן פון פיינע עלטערן.

בֶּן־יָ'חִיד, הם. (מ. בְּנֵי־יְחִי'דִים), (ביבליש). אַ'ן איינאיינציגער זוהן. "אַ בן־יחיד איז אַ האלבער משומד" (שפּוו.). "אַ בן־יחיד זאָל מען מיידען אַ בת־יחידה זאָל מען זוכען" (שפּוו.). "איינגע־ שפּאַרט ווי אַ בן־יחיד" (זוער.).

בֶּן־יַ'קִיר, הם. (ביבליש). אַ טהייערער זוהן, אַ טהייערער קינד (געוועהנליך געברויכט אין אַ'ן איראָנישען זין).

בֶּן־יִשְׂרָ'אֵל, הם. (מ. בְּנֵי־יִשְׂרָ'אֵל) (ביבליש). אַ'ן איזראַעליט, אַ'ן אידיש קינד.

בֶּן־מָ'וֶת, הם. (ביבליש). "פּאַר־ אורטהיילטער צום טויט", שטער־ בענדער, געפעהרליכער קראַנקער.

בֶּן־מֶ'לֶךְ, הם. (מ. בְּנֵי־מְלָ'כִים), (תלמודיש). דער זוהן פון אַ קע־ ניג, אַ פּרינץ.

בֶּן־נֹ'ח, הם. (תלמודיש). איינער וועלכער שטאַמט פון נח, אַ ניט־ איד; אַ קאַרגער גראָבער מענש.

בֵּן [בֶּן] סוֹ'רֵר וּמוֹ'רֶה, הם. (ביב־ ליש). אַ ווידערשפּענסטיגער זוהן, אַ פאַרדאָרבען קינד.

בֶּן־סִירָ'א, אנם. דער זוהן פון סירא, פאַרפאַסער פון אַ בוך וואָס ענט־ האלט מאָראַל־שפּרוכען און רופט זיך מיט דעם וועלביגען נאָמען (דאָס בוך איז אַ טהייל פון די כתובים אחרונים, ווז.).

בֶּן־עִיר, הם. (תלמודיש). שטאָדט־ מענש; איינער וועלכער קומט פון דער זעלביגער שטאָדט.

בֶּן־פְּקוּ'עָה, הם. (מ. בֶּן־פְּקוּ'עָהים), (תלמודיש). אַ לעבעדיג קעלבעל ארויסגענומען פון אַ געקוילעטער קוה.

בֶּן־שִׁבְ'עִים, הם. (תלמודיש). אַ זיבעציגער, איינער וועלכער איז אַלט זיעבציג יאָהר אָדער מעהר.

בֶּן־תּוֹ'רָה, הם. (תלמודיש). אַ גע־ לערנטער, אַ לערנער, אַ תלמו־ דיסט.

בְּנֶאֱמָ'נוּת, או. אויף עהרליכקייט, אויף עהרענוואָרט.

בֶּנ'יָאק', הם. (מ. בֶּנ'יאָ'קעס). אַ זוהנדעל (געברויכט אין אַ פּאַר־ אַכטענדען זין).

בְּנֻבוּ'אָה, או. פּראָפּעטיש, פּאָראויס.

בְּנוֹגֵ'עַ, או. וואָס אנבעלאַנגט, וואָס געהערט.

בָּ'נוֹת, הוו. מ. זעה בַּת.

בְּנֵי־אָ'דָם, הם. (ביבליש). די ערשטע ווערטער פון די פסוקים וועלכע מע זאָגט צו כפּרות-שלאָגען. קוקען ווי דער האָהן אין בני־ אדם, קוקען (אויף עפּעס גע־ שריבענעס אָדער געדרוקטעס) און ניט קענען איבערלעזען אָדער ניט פאַרשטעהן דעם אינהאַלט.

בְּנֵי־מ'שֶׁה, הם. מ. משה'ס קינדער, די רויטע אידעלעך, אַ געוויסער

טהייל פון דעם אידישען פאָלק וואָס געפינט זיך, ווי די לעגענדע דערצעהלט, פון יענער זייט טייך סמבטיון (ווז.).

בְּנֵי־עֲלִ'יָה, המ. מ. (תלמודיש). מענער פון הויכען שטאַנד, גע= הויבענע לייט.

בְּנֵי'מוּס, בְּנֵי'מוּס'דיג, או. אַנ= שטענדיג.

בִּנְיָ'מִין, אנמ. דער נאָמען פון דעם איננגסטען פון יעקב'ס צעהן זיהן; דער שטאַם וועלכער קומט אַרויס פון בנימין.

בִּנְיָ'ן, המ. (מ. בִּנְיָ'נִים). געביי, געביידע.

בְּנִמְ'צָא, או. אָפט באַגעגענט, לייכט צו געפינען.

בִּנְעִי'מוּת, או. מיט זאַנפטקייט, זאַנפט, מילד.

בִּנְשִׁי'קָה, או. (תלמודיש). מיט א קוש (פון גאָט). "משה רבנו איז געשטאָרבען בנשיקה".

בס"ה, אב. בְּסַךְ־הַ'כֹּל (ווז.).

בְּסוֹד [בְּסָד], או. אין געהיים.

בְּסוֹ'דֵי סוֹ'דוֹת, או. זעהר געהיים.

בְּסַךְ־הַ'כֹּל, או. אין גאַנצען, אַלץ צוזאַמענגענומען.

בַּעֲגָ'לָא וּבִזְמַן' קָ'רִיב, או. (לי= טורגיש). אין גיכען און אין א קורצע צייט. "אַז בעגלא איז א וואָגען איז בזמן קריב א שליטען" (ווער.—דער שפּאַס ליעגט אין דער עהנליכקייט פון דעם אראַמעאישען וואָרט "עגלא", באַלד, צו דעם העברעאישען וואָרט "עגלה", וואָגען).

בע"ה, אב. בְּעֶזְ'רַת־הַשֵּׁם' (ווז.).

בעה"ב, אב. בַּ'עַל־הַבַּ'יִת (ווז.).

בעוה"ר, אב. בַּעֲווֹנוֹתֵ'ינוּ הָרַ'בִּים (ווז.).

בַּעֲווֹנוֹתֵ'ינוּ הָרַ'בִּים, או. "פאַר אונזערע פיעלע זינד", אַ'ן אויס= דרוק געברויכט אויסצודריקען די נישטווירדיגקייט אָדער דעם קליי= נעם באַטרעף פון א זאַך, אזוי ווי: בעוונותינו הרבים וואָס ער האָט אין זיין גאַנצען פאַרמעגען.

בעזי'בוש'ניצע, הוו. (מ. בעזי'בוש'= ניצעס). אונפאַרשעמטע פרוי.

בעזי'בוש'ניק, המ. (מ. בעזי'בוש'= ניקעס). אונפאַרשעמטער מאַן.

בעזי'חַרְפָּה'יט'ניצע, הוו. (מ. בעזי= חַרְפָּה'יט'ניצעס). אונפאַרשעמטע פרוי.

בעזי'חַרְפָּה'יט'ניק, המ. (מ. בעזי= חַרְפָּה'יט'ניקעס). אונפאַרשעמטער מאַן.

בעז"ה, אב. בְּעֶזְ'רַת הַשֵּׁם' (ווז.).

בְּעֶזְ'רַת הַבּוֹ'רֵא, או. מיט דער הילף פון דעם באַשעפער, מיט גאָט'ס הילף.

בְּעֶזְ'רַת הַשֵּׁם [הַשֵּׁם'] (יִתְבָּ'רֵךְ), מיט דער הילף פון גאָט (געבענשט זאָל ער זיין).

בְּעֵי'נֵי רָאִ'יתִי, מיט מיינע (איי= גענע) אויגען האָב איך געזעהען.

בְּעֵי'רוֹם וּבְחֹ'סֶר כֹּל, או. (ביבליש).

"אין נאַקעטקייט און אין מאַנגעל פון אַלצדינג", אין גרויס נויטה.

בַּ'עַל־, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־). וואָרט געברויכט אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע ווערטער און האָט די פיעלפאַכע באַדייטונגען: באַזיצער פון, באַגאַבט מיט, פעהיג אויף, אָנגעשטעלט אַלס א. ד. גל. זעה אונטען.

בַּ'עַל־אוּמְ'נוּת, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־אוּמְ'נוּת), (תלמודיש). איינער וועלכער האָט אַ פּראָפעסיאָן, אַ האַנדווערקער.

בַּ'עַל־אַחֲרָיוּת [אַחֲרַ'יוּת], המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־אַחֲרָיוּת [אַחֲרַ'יוּת]). דער וועלכער איז פאַראַנטוואָרטליך.

בַּ'עַל־אַכְסַנְיָ'ה, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־אַכְסַנְ'יוֹת), (תלמודיש). דער אייגענטהימער פון אַ גאַסטהויז.

בַּ'עַל־בָּטוּ'חַ, המ. (תלמודיש: בַּעַל בִּטְחָה). זעה בָּטוּ'חַ.

בַּ'עַל־בִּטָּ'חוֹ'ן, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־בִטָּחוֹן [בִּטָ'חוֹן]). איינער וועלכער האָט צוטרוי (אין גאָט).

בַּ'עַל־בֶּ'כִ'י, המ. איינער וועלכער ווערט לייכט גערירהרט צום וויינען, אַ וויינער.

בַּ'עַל־בְּרִית, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־בְרִית [בְּרִית]), (ביבליש). דער פּאָטער פון דעם באַשניטענעם קינד.

בַּ'עַל־גַ'אֲוָה, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־גַ'אֲוֹת). שטאָלצער מאַן, גרויס=האַלטער. "אַ בעל־גאוה איז ערגער פון אַ בעל־תאוה" (שפוו.).

בַּ'עַל־גַ'אֲוָהַ'יטע, הוו. (מ. בַּ'עַל־גַ'אֲוָהַ'יטעם). שטאָלצע פרוי, גרויס=האָלטערקע.

בַּ'עַל־גַ'אֲוָה'ניצע, הוו. (מ. בַּ'עַל־גַ'אֲוָה'ניצעם). שטאָלצע פרוי, גרויס=האַלטערקע.

בַּ'עַל־גַ'אֲוָה'ניק, המ. (מ. בַּ'עַל־גַ'אֲוָה'ניקעם). שטאָלצער מענש, גרויס=האַלטער.

בַּ'עַל־גוּזְ'מָא, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־גוּזְ'מָא). איינער וועלכער האָט ליעב צו איבערטרייבען.

בַּ'עַל־גוּף, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־גוּ'פִים). שטאַרקער דיקער מענש; אַ קליי=נער ערד=באַזיצער (געוועהנליך געברויכט אויף אַ ניט=אידען).

בַּ'עַל־דָ'בָר, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־דָ'בָר), (ביבליש). "דער מאַן פון דער קלאַגע", די באַטרעפענדע פערזאָן; דער ניט=גוטער, דער שטן (ווז.).

בַּ'עַל־דַבְּ'רָן, המ. אַ רעדנער.

בַּ'עַל־דִין, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־דִי'נִים), (תלמודיש). איינער פון די פאַר=אינטערעסירטע פערזאָנען אין אַ פּראָצעס. "אַז ביידע ב ע ל י ־ ד י נ י ם זיינען גערעכט איז שלעכט" (שפוו.).

בַּ'עַל־דֵ'עָה, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־דֵ'עוֹת). איינער וואָס זיין מיינונג אָדער זיין באַפעהל ווערט געוועהנליך אָנגענומען, איינער וועלכער האָט (איבער עפּעס) צו זאָגען, אַיינ=פלוסרייכע פערזאָן, אויטאָריטעט.

בַּ'עַל־דִקְ'דוּק, המ. (מ. בַּ'עֲלֵי־דִקְ'דוּק). איינער וועלכער קען גוט די העברעאישע שפּראַך=רע=געלען; אַ גראַמאַטיקער.

בּ׳עַל־דֶ׳רֶך־אֶ׳רֶץ, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־דֶ׳רֶך־אֶ׳רֶץ). איינער וועלכער האָט גיטע מאַניערען.

בּ׳עַל־דַרְ׳שָׁן, חמ. זעה דַרְ׳שָׁן.

בּ׳עַל־דַרְ׳שֶׁ׳ער, המ. (מ. בַּ׳עַל־דַרְ׳ש׳ערם). פּרעדיגער, זאָגער. "איטליכער בעל־דרש׳ער דרש׳עט פאַר זיך אַליין" (שפּוו.).

בּ׳עַל־הַבַּיִת [הַבּ׳ת׳], המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־בָתִּים [בַּ׳תִּים]), (תלמודיש). הויז־באַזיצער; באַזיצער, אייגענטהימער; וואָלהאַבענדער מענש; אַרבייט־געבער; גוטער ווירטהשאַפטער. "איטליכער בעל־הבית האָט פליי אין נאָז" (שפּוו.). "אַ בעל־הבית אויף אַ חויפטעל קרויט" (ווער.). "בעסער אַ רייכער שכן איידער אַ׳ן אָרעמער בעל־הבית" (שפּוו.). "הונגער איז אַ בייזער בעל־הבית" (שפּוו.). "יעדער הונד איז אַ בעל־הבית אויף זיין מיסט" (שפּוו.). "עס איז גוט צו זיין אַ בעל־הבית אַז עס איז דאָ מיט וואָס" (שפּוו.). "פיעל בעלי־בתים וועניג מזל־ברכה" (שפּוו.).

בּ׳עַל־הַבַּיִת׳טע [הַבָּת׳׳טע], הוו. (מ. בַּ׳עַל־הַבַּיִת׳טעס [הַבָּת׳׳־טעס]). הויז־באַזיצערין; באַזיצערין, אייגענטהימערין; וואָהלהאַבענדע פרוי; אַרבייט־געבערין; גוטע ווירטהין. "אַז די בעל־הבית׳טע איז אַ שטינקערין איז די קאַץ אַ נאַשערין" (שפּוו.). "אַז די בעל־הבית׳טע איז אַ קאַץ איז די קאַץ אַ בעל־הבית׳טע" (שפּוו.). "אַ שטוב דאַרף האָבען אַ בעל־הבית׳טע און אַ שטאַל דאַרף האָבען אַ בעל־הבית" (שפּוו.).

בּ׳עַל־הַבַּיִת׳על [הַבֶּ׳ת׳על], המ. (מ. בַּ׳עַל־הַבַּיִת׳לעך [הַבֶּ׳ת׳־לעך]). אַ יונגער מאַן גלייך נאָך דער חתונה.

בּ׳עַל־הַבַּ׳תִ׳ישקייט, הוו. ווירטה־שאַפט־זאַכען, הויז־זאַכען, מעבעל און געשיער א. ד. ג.

בּ׳עַל־הַבַּ׳ת׳עווען, צש. באַפעהלען, הערשען.

בּ׳עַל־הַגוּף׳, המ. זעה בַּ׳עַל־גוּף.

בּ׳עַל־הֶעָזָה [הָ׳זֶה], המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־הֶעָזָה [הָ׳זֶה]). אַ פרעכער מאַן.

בּ׳עַל־הֶעָזָה׳ניצע [הָ׳זֶהניצע], הוו. (מ. בַּ׳עֲלֵי־הֶעָזָה׳ניצעס [הָ׳זֶה־ניצעס]). אַ פרעכע פרוי.

בּ׳עַל־הֶעָזָה׳ניק [הָ׳זֶהניק], המ. (מ. בַּ׳עַל־הֶעָזָה׳ניקעס [הָ׳זֶה־ניקעס]). אַ פרעכער מאַן.

בּ׳עַל־חוֹב, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־חוֹ׳בוֹת), (תלמודיש). שולדנער; אַ קרע־דיטאָר. "אַ בעל־חוב איז אַ בעל־יסורים" (שפּוו.).

בּ׳עַל־חַי, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־חַ׳יִים), (תלמודיש). אַ לעבעדיג באַשע־פעניס.

בּ׳עַל־חַ׳יָיב, המ. דער שולדיגער, דער פאַרברעכער.

בּ׳עַל־חֲלוֹ׳מוֹת, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־חֲלוֹ׳מוֹת), (ביבליש). טרוימער, פאַנטאַזיאָר.

בּ׳עַל־חֶשְׁ׳בּוֹן, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־

חֶשְׁ׳בּוֹן). אַ מאַטהעמאַטיקער, אַ רעכענמייסטער.

בַּ׳עַל־חֲ׳תוּנָה, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־חֲ׳תוּנָה). איינער וועלכער גיט אַ האָכצייט־פעסט פאַר זיין זוהן אָדער זיין טאָכטער.

בַּ׳עַל־טאַקסע, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־טאַקסע). איינער וועלכער האַלט אין אַרענדע די טאַקסע. "ויער ערגסטער שוחט איז דער בעל־טאַקסע" (שפּוו.).

בַּ׳עַל־טוֹ׳בָה, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־טוֹ׳בוֹת). וואוהלטהוער, איינער וואָס טהוט געפעליגקייטען.

בַּ׳עַל־יִסוּ׳רִים, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־יִסוּ׳רִים), (תלמודיש). איינער וועלכער ליידט שמערצען.

בַּ׳עַל־כּ׳חַ, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־כֹּחַ [כּ׳חַ]). אַ שטאַרקער מאַן.

בַּ׳עַל־כִּ׳יס, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־כִיס [כִּ׳יס]), (תלמודיש). איינער וואָס האָט געלט, אַ רייכער מאַן.

בַּ׳עַל־כַּ׳עַס, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־כַעַס [כַּ׳עַס]). איינער וועלכער קומט לייכט אַריין אין צאָרן, אַ בייזער מענש.

בַּ׳עַל־כַּ׳עֲסָן, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־כַעֲסָנִים [כַּעֲסָ׳נִים]). זעה בַּ׳עַל־כַּ׳עַס.

בְּעַל־כָּרְ׳חוֹ (כָּרְ׳חָךְ), או. (תלמודיש). קענען זיין (דיין) ווילען, מיט געוואַלט.

בַּ׳עַל־לָ׳שׁוֹן, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־לָ׳שׁוֹן), (ביבליש). שפּראַך־קענער; אַ רעדנער; אַ שרייבער.

בַּ׳עַל־לָ׳שׁוֹן־קוֹ׳דֶשׁ, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־לָ׳שׁוֹן־קוֹ׳דֶשׁ). איינער וועלכער קען די העברעאישע שפּראַך.

בַּ׳עַל־מַגִּ׳יהַ, הם. (מ. בַּ׳עַל־מַגִּ׳יהִים). איינער וועלכער קוקט איבער ספרי־תורות תפילין און מזוזות אום אויס־צוגעפינען אויב עס איז אין זיי קיין טעות ניט פאַראַן אָדער די בוכשטאַבען זיינען ניט אָפּגע־שפּרונגען אָדער פאַרמעקט געוואָ־רען; אַ קאָרעקטאָר אין אַ דרוק.

בַּ׳עַל־מ׳חַ, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־מ׳חַ). אַ קאָפּ־מענש.

בַּ׳עַל־מוּם, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־מוּ׳מִים), (תלמודיש). איינער וועלכער האָט אַ פעהלער, אַ קריפּעל, אַ קאַליקע.

בַּ׳עַל־מוּ׳סָף, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־מוּ׳סָף). דער פאָרבעטער פון דעם מוסף (ווז.) געבעט.

בַּ׳עַל־מוֹ׳פֵת, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־מוֹ׳פֵת). איינער וואָס באַווייזט וואונדער, אַ גוטער איד.

בַּ׳עַל־מַ׳זָל, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־מַזָ׳לוֹת). איינער וועלכער האָט גליק.

בַּ׳עַל־מְחַ׳בֵּר, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־מְחַבְּ׳רִים). פאַרפאַסער.

בַּ׳עַל־מִחְ׳יָה, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־מִחְ׳יוֹת). אַ שענקער.

בַּ׳עַל־מַחְלוֹ׳קֶת, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־מַחְלוֹ׳קֶת), (תלמודיש). איינער וועלכער האָט ליעב שטרייטינקיי־טען, אַ קריגער.

בַּ׳עַל־מַחֲשָׁ׳בוֹת, הם. (מ. בַּ׳עֲלֵי־מַחֲשָׁ׳בוֹת), (תלמודיש). אַ מאַן מיט געדאַנקען, אַ דענקער

בּ'עַל־מְטוּ'פָּל, א. "אַ באַלאָדענער", אַ באַשאָנקענער (מיט); הם. איינער וועלכער האָט פיעל קינדער אָדער אַ גרויסע פאַמיליע.

בּ'עַל־מְכַ'שֵּׁף, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־מְכַשְּׁ'פִים). צויבערער.

בּ'עַל־מְלָא'כָה, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־מְלָא'כוֹת), (תלמודיש). ארבייטער, האַנדווערקער; אַ מייסטער, אַ קינסטלער. "דעם ארבייטער אַ גילדען דעם בעל־מלאכה אַ רובל" (שפּוו.).

בּ'עַל־מְנַ'גֵּן, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־מְנַגְּ'נִים) אַ קענער אויף זינגען, אַ זינגער.

בּ'עַל־מְפוּ'נִייצע, הוו. (מ. בּ'עַל־מְפוּ'נִייצעס). זעה בּ'עַל־מְפוּ'נָק.

בּ'עַל־מְפוּ'נָק, הם. אַ דעליקאַטנער פאַרצערטעלטער מענש, אַ'ן אויסטראַכטער, אַ'ן אויסקלייבער.

בּ'עַל־מַפְ'טִיר, הם. דער וועלכער ווערט אויפגערופען אין שוהל צום לייענען פון דער הפטורה (ווז.).

בּ'עַל־מִצְ'וָה, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־מִצְ'ווֹת), (תלמודיש). 1) איינער וועלכער טהוט מצוות; 2) בר־מצוה (ווז.).

בּ'עַל־מִצְוָה'ט'ניצע, הוו. (מ. בּ'עַל־מִצְוָה'ט'ניצעס). זעה בּ'עַל־מִצְ'וָה 1).

בּ'עַל־מִצְוָה־ט'ניק, הם. (מ. בּ'עַל־מִצְוָה'ט'ניקעס). זעה בּ'עַל־מִצְ'וָה 1).

בּ'עַל־מְצִי'אוֹת, הם. איינער וועלכער קויפט זאַכען זעהר ביליג.

בּ'עַל־מַצְלִי'חַ, הם. איינער וועלכער האָט אימער גליק.

בּ'עַל־מְקוּ'בָּל, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־מְקוּבָּ'לִים). איינער וועלכער איז געלערנט אין קבלה, אַ קאַבּאַליסט.

בּ'עַל־מְקַ'נֵּא, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־מְקַנְ'אִים). אַ באַניידער, אַ ניטפאַרגינער.

בּ'עַל־מָרָה־שְׁחוֹ'רָה, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־מָ'רָה־שְׁחוֹ'רָה). אַ מעלאַנכאָליקער.

בּ'עַל־מְשָׁ'לִים, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־מְשָׁ'לִים). איינער וועלכער וויים אָדער געברויכט אין זיין ריידען זעהר פיעל פאַבעלען אָדער אַנעקדאָטען.

בּ'עַל־נֶאֱמָ'נוּת, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־נֶאֱמָ'נוּת). אַ באַגלויבטער, פאַרטרויענסווערטער מענש.

בּ'עַל־נְגִי'נָה, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־נְגִי'נָה). זעה בּ'עַל־מְנַ'גֵּן.

בּ'עַל־נֵס [נֶס], הם. (מ. בּ'עֲלֵי־נִ'סִים). איינער וועלכער באַווייזט וואונדער אָדער עס פאַסירען מיט איהם וואונדער.

בּ'עַל־נְעִי'לָה, הם. (מ. בּ'עֲלֵי־נְעִי'לָה). דער פאָרבעטער פון דעם נעילה (ווז.) געבעט.

בּ'עַל־סוֹד [סָד], הם. (מ. בּ'עֲלֵי־סוֹ'דוֹת). איינער וועלכער קען האַלטען אַ געהיימנים. "דער מאָגען איז אַ גרויסער בעל־סוד" (שפּוו.).

בּ׳על־עֲבֵ׳רָה, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־עֲבֵ׳רוֹת). אַ מאַן פון זינד, אַ׳ן אויסגעלאַסענער מענש.

בּ׳על־עֲבֵ׳רָה׳ניק, המ. (מ. בּ׳על־עֲבֵ׳רָה׳ניקעס). זעה בּ׳על־עֲבֵ׳רָה.

בּ׳על־עֶגְ׳לָה, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־עֶגְ׳לוֹת). פוהרמאַן; אָנטרייבער, קוטשער. "אַז מע וויל אָפּטהאָן דעם ב ע ל ־ ע ג ל ה אַ שפּיטצעל געהט מען ביי׳ן וואָגען צו פוס" (שפּוו.). "ווי דער ב ע ל ־ ע ג ל ה וויל אַזוי דרעהט ער מיט׳ן דיי־שעל" (שפּוו.).

בּ׳על־עַוְ׳לָה, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־עַוְ׳לוֹת). איינער וועלכער טהוט אַ׳ן אונרעכט, איינער וועלכער קריוודעט (אימעצען).

בּ׳על־עֵ׳סֶק, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־עֲסָ׳קִים) געשעפטס־מאַן.

בּ׳על־עֵ׳צָה, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־עֵ׳צוֹת), (תלמודיש). ראַטהגעבער; אַ קלו־גער מאַן.

בּ׳על־פֶּה, או. (תלמודיש). "מיט׳ן מויל", אויסוועניג.

בּ׳על־פּוֹ׳עֵל, המ. אַ ווירקזאַמער אונטערריכטער, איינער וועלכער לערנט גוט מיט זיינע שילער.

בּ׳על־צְדָ׳קָה, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־צְדָ׳קוֹת), (תלמודיש). אַ וואָהל־טהוער, אַ פרייגיביגער מענש. "אַ׳ן אָרעמאַן טאָר קיין ב ע ל ־ צ ד ק ה ניט זיין" (שפּוו.). "ער איז אַ ב ע ל ־ צ ד ק ה אויף אַ פרעמדען בייטעל" (ווער.).

בּ׳על־צְדָ׳קָה׳טע, הוו. (מ. בּ׳על־צְדָ׳קָה׳טעס). זעה בּ׳על־צְדָ׳קָה.

בּ׳על־קַבָּ׳לָה, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־קַבָּ׳לָה). זעה בּ׳על־מְקוּ׳בָּל.

בּ׳על־רַחֲ׳מִים, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־רַחֲ׳מִים), (תלמודיש). אַ באַרם־הערציגער מענש.

בּ׳על־רַחֲ׳מָן, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־רַחֲמָ׳נִים). אַ באַרמהערציגער מענש.

בּ׳על־שַׁחֲ׳רִית, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־שַׁחֲ׳רִית, בּ׳עֲלֵי־שַׁחֲרִי׳תִים *). דער פאָרבעטער פון דעם שחרית (ווז.) געבעט.

בּ׳על־שֵׁם [שֶׁם], המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־שֵׁ׳מוֹת). איינער וועלכער קען באַווייזען וואונדער מיט די היי־ליגע נעמען פון גאָט, אַ גוטער איד. "אַז דער טאַטע איז אַ ב ע ל ־ ש ם איז דער זוהן אַ גולם" (שפּוו.).

בּ׳על־שֵׁם־טוֹב [שֶׁם־טָב], אמ. דער צו־נאָמען פון דעם קאַבאַליסט ישראל פון מעזיבוז, גרינדער פון דער חסידישער סעקטע (געבאָרען 1700; געשטאָרבען 1760).

בּ׳על־שִׂמְ׳חָה, המ. (מ. בּ׳עֲלֵי־שִׂמְ׳חוֹת). איינער וועלכער מאַכט אַ מאָהלצייט, אַ האָכצייט־פעסט א. ד. ג. "אַז דער ב ע ל ־ ש מ ח ה איז אַ פרעסער קומט די געסט גאָרניט אָן" (שפּוו.).

בּ׳על־שִׂמְ׳חָה׳טע, הוו. (מ. בּ׳על־שִׂמְ׳חָה׳טעס). זעה בּ׳על־שִׂמְ׳חָה.

בּ׳עַל־שֶׁ׳פַע, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־שֶׁ׳פַע). איינער וועלכער האָט אַ גוט-געהענדעס געשעפט.

בּ׳עַל־תַּאֲ׳וָה, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־תַאֲווֹת [תַּאֲ׳ווֹת]). איינער וועלכער איז איבערגעגעבען צו קערפערליכע פאַרגעניגענס; אַ ליידענשאַפטליכער מענש.

בּ׳עַל־תַּאֲ׳וָה׳ניצע, הוו. (מ. בַּ׳עַל־תַּאֲ׳וָה׳ניצעס). זעה בַּ׳עַל־תַּאֲ׳וָה.

בּ׳עַל־תַּאֲ׳וָה׳ניק, המ. (מ. בַּ׳עַל־תַּאֲ׳וָה׳ניקעס). זעה בַּ׳עַל־תַּאֲ׳וָה.

בּ׳עַל־תּוֹקֵ׳עַ, המ. (מ. בַּ׳עַל־תּוֹקְ׳עִים) דער וועלכער בלאָזט דעם שופר אין שוהל.

בּ׳עַל־תַּחְבּוּ׳לָה, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־תַחְבּוּלוֹת [תַּחְבּוּ׳לוֹת]). אַ מאַן מיט איינפאַלען, אַ קלוגער מענש.

בּ׳עַל־תַּכְ׳לִית, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־תַכְלִית [תַּכְ׳לִית], בַּ׳עֲלֵי־תַּכְלִ׳יתִים *). איינער וועלכער קוקט אוים אויף אַ צוועק, אַ שפּאָרעוודיגער עקאָנאָמישער מענש.

בּ׳עַל־תַּנַ״ךְ׳, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־תַּנַ״ךְ׳). איינער וועלכער קען זעהר גוט די ביבעל.

בּ׳עַל־תְּפִ׳לָה, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־תְפִלּוֹת [תְּפִ׳לוֹת]). פאָרבעטער אין דער סינאַגאָגע.

בּ׳עַל־תְּקִ׳יעָה, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־תְקִיעוֹת [תְּקִ׳יעוֹת]). דער וועלכער בלאָזט דעם שופר (אין שוהל). "אַז דער בעל־תקיעה קען ניט בלאָזען לעגט זיך דער שטן אין שופר אַריין" (שפּוו.).

בּ׳עַל־תְּשׁוּ׳בָה, המ. (מ. בַּ׳עֲלֵי־תְשׁוּבוֹת [תְּשׁוּ׳בוֹת]), (תלמודיש). איינער וועלכער באַרייעט אויף זיינע זינד.

בּ׳עַל־תְּשׁוּ׳בָה׳ניצע, הוו. (מ. בַּ׳עַל־תְּשׁוּ׳בָה׳ניצעס). זעה בַּ׳עַל־תְּשׁוּ׳בָה.

בּ׳עַל־תְּשׁוּ׳בָה׳ניק, המ. (מ. בַּ׳עַל־תְּשׁוּ׳בָה׳ניקעס). זעה בַּ׳עַל־תְּשׁוּ׳בָה.

בַּ׳עֲלֵי־הַתַּלְ׳מוּד, המ. מ. (תלמודיש). די געלעהרטע וועלכע האָבען פאַרפאַסט די פאַרשידענע טהיילען פון דעם תלמוד.

בַּ׳עֲלֵי־מַ׳יִם, המ. מ. די אורין-אָרגאַנען, די געשלעכט-גלידער.

בּ׳עֲלָן, המ. (מ. בַּעֲלָ׳נִים). איינער וועלכער וויל וויסען אָדער האָבען (עפּעס), אַ קונד. "אויף גוטס איז איטליכער אַ בעלן" (שפּוו.).

בּעֲלָ׳נוּת, הוו. די לוסט צו האָבען אָדער צו וויסען (עפּעס), פאַרוועלענים, קאַפּריז.

בּ׳עֲלָ׳ניטע, הוו. (מ. בַּ׳עֲלָ׳ניטעס). זעה בּ׳עֲלָן.

בּעֲמִ׳ידָה, אוו. שטעהענדיג.

בְּעֶ׳צֶם, אוו. אין דער ווירקליכקייט, אייגענטליך.

בְּעֶ׳רֶךְ, אוו. אונגעפעהר; אין פאַרגלייך.

בּעש״ט, אנמ. אב. בַּ׳עַל־שֵׁ׳ם־טוֹב (ווז.).

בְּעֵת, או. אין דער צייט, וועהרענד.

בְּעֵת־מַעֲשֶׂה, או. אין דער צייט פון דער פּאַסירונג, וועהרענד.

בְּפֶה [בְּפֶּה] אֶחָד, או. מיט איין מויל, איינשטימיג.

בְּפֶה [בְּפֶּה] מָלֵא, או. מיט'ן פולען מויל, אָפען אַרויסגעזאָגט.

בְּפוֹעַל [בְּפוֹעַל] מַמָּשׁ, או. אין דער ווירקליכקייט, פאַקטיש.

בִּפְנֵי כָל עָם [כָּל עַם] וְעֵדָה, או. „פאַר דעם גאַנצען פאָלק און פער־זאַמלונג", עפענטליך.

בִּפְרוֹטְרוֹט, או. (תלמודיש). מיט אַלע איינצעלהייטען; איטליך באַ־זונדער.

בְּפֵרוּשׁ, או. אויסגעטייטשט, דייט־ליך, אויסדריקליך.

בִּפְרָט [בִּפְרַט], או. בעזונדערס, ספּעציעל.

בִּפְרָטִיּוֹת, או. מיט אַלע איינצעל־הייטען, גענוי.

בִּפְרִישׁוּת, או. אין אָפּגעזונדערט־קייט (פון דער וועלט).

בְּצִבּוּר, או. מיט אַ פאַרזאַמלונג, מיט צעהן מענשען. דאַוונען בצבור, דאַוונען זאַלבע-צעהנט.

בְּצֶדֶק, המ. איינער וועלכער איז פרום בלויז ביז צו דער קע־שענע (די אָנפאַנג בוכשטאַבען פון די פיער ווערטער בילדען צוזאַמען דאָס וואָרט „בצדק").

בְּצַוָּאָה, או. דורך אַ טעסטאַמענט; איבערגענומען, איבערגעגעבען, טראַדיציאָנעל.

בְּצוּרַת־, או. אין געשטאַלט פון —.

בְּצִמְצוּם, או. מיט גענויאינקייט, גענוי, קאַרג, קוים־קוים.

בִּצְנִיעוּת, או. באַשיידען, זיטליך.

בְּקַבָּלָה, או. איבערגעגעבען, אי־בערגענומען, טראַדיציאָנעל.

בְּקַו־הַבְּרִיאוּת, או. אין אַ געזונדען צושטאַנד, געזונד.

בְּקוֹמָה־זְקוּפָה, או. (תלמודיש). שטעהענדיג גלייך, מיט שטאָלצער האַלטונג.

בִּקּוּר־חוֹלִים, המ. (תלמודיש). באַזוכונג פון קראַנקע; פאַראיין אָדער אַנשטאַלט פאַר אָרעמע קראַנקע.

בָּקִי, המ. (מ. בְּקִיאִים). איינער וועלכער איז באַהאַווענט, אַ גע־ניטער.

בְּקִיאוּת, הוו. באַהאַוועָנטקייט, געניטקייט.

בְּקַלּוּת־רֹאשׁ, או. (תלמודיש). לייכטזיניג, פאַרשייט; מיט אַ הוילען קאָפּ.

בְּקִצּוּר, או. קורץ, פאַרקירצט.

בְּקִצּוּר־הַדָּבָר, או. אין קורצע ווערטער, קורץ גערעדט.

בַּקָּשָׁה, הוו. (מ. בַּקָּשׁוֹת). ביטע, געבעט; ביטשריפט.

בַּר־, המ. זוהן, געברויכט אין פאַר־בינדונג מיט אַנדערע ווערטער אין פיעלפאַכע באַדייטונגען אַזוי ווי „בן־" (ווז.).

בַּר־אוֹרְיָן [אוֹרְיָן], המ. (תלמודיש).

אַ געלערנטער (אין תלמודישע געגנשטאַנדען).

בַּר־דַּ'עַת, הם. (תלמודיש). אַ מענש מיט פאַרשטאַנד.

בַּר־כּוֹכְבָא [כָּכְ'בָּא], אנם. דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען העלד און אנפיהרער פון אַ רעוואָלוציענערער אַרמיי וועלכער האָט געקעמפפט קעגען דער הערשאַפט פון די רעמער אין די צייטען פון דעם קייזער אַדריאַן.

בַּר־עוֹנְ'שִׁין, הם. (תלמודיש). איינער וועלכער קען געזעצליך באַשטראָפט ווערען, אַ דערוואַקסענער, אַ מינדיגער. זעה בַּר־מִצְ'וָה.

בַּר־מַ'זָל, הם. (תלמודיש). זעה בַּ'עַל־מַ'זָל.

בַּר־מִינָן, הם. (מ. בַּר־מִינָ'ים), (תלמודיש). אַ געשטאָרבענער.

בַּר־מֶ'יצַר [מֶ'יצַר], הם. (תלמודיש). נאַכבאַר, דער וועלכער האָט דאָס רעכט פון נאַכבאַרשאַפט (לויט אַ תלמודישען געזעץ האָט אַ נאַכבאַר דאָס ערשטע רעכט אָפצוקויפען דאָס לאַנד וועלכע גרענעצט זיך מיט זיין איגענעם).

בַּר־מִצְוָ'ה, הם. (מ. בַּר־מִצְוָ'ה'ס), (תלמודיש). אַ אידיש איינגעל ווען עס ווערט דרייצעהן יאָהר, צו וועלכער צייט ער הויבט אָן לייגען תפלין (ווז.) און טרעט אַריין אין אַלע פליכטען פון אַ דערוואַקסענעם און זיין פאָטער הערט אויף צו זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע זינד; די מאָהלצייט וועלכע מע מאַכט ווען אַ אינגעל ווערט דרייצעהן יאָהר אַלט. זעה בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי.

בַּר־נַשׁ, הם. (תלמודיש): אַ מענש.

בַּר־סַמְ'כָא, הם. (תלמודיש). איינער אויף וועלכען מע קען זיך פאַרלאָזען, אַ'ן אויטאָריטעט.

בַּר־שֵׂ'כֶל, הם. אַ פאַרנונפטיגער קלוגער מענש.

בְּרֹאשׁ [בְּרָאשׁ], אַו. אויבען־אָן, אַן דער שפיצע.

בְּרֵא'שִׁית, הם. "אין אָנהויב", דאָס ערשטע וואָרט פון דער תורה; דער נאָמען פון דעם ערשטען בוך פון חומש (ווז.); הוו. דער נאָמען פון דער ערשטער סדרה (ווז.).

בְּרוּ'אִים, הם. מ. באַשעפעניסען.

בְּרוֹ'גֶז, **בְּרוֹ'גֶזדיג**, א. בייז, אָנגעבלאָזען, צוקריגט. "אַ ב ר ו ג ז'ע ר שלאָפט אַליין" (שפוו.). "ווער עס ווערט אומזיסט ב ר ו ג ז ווערט ווידער אומזיסט גוט" (שפוו.). "פאַר אַ קראַנקען לאָזט מען איבער אָבער ניט פאַר אַ ב ר ו ג ז'ען" (שפוו.).

בְּרוֹ'גֶז־טאַנץ, הם. (מ. בְּרוֹ'גֶז־טענץ). אַ געוויסער אַלט־מאָדישער אידישער טאַנץ וועלכען מע טאַנצט אויף חתונות.

בָּ'רוּךְ־אַ'תָּה, (ליטורגיש). "געבענשט זאָלסטו זיין", די געוועהנליכע אָנהויב־ווערטער פון אידישע געבעטען און זעגענשפרוכען.

בָּ'רוּךְ דַּ'יָּן הָאֱ'מֶת, (ליטורגיש). געבענשט זאָל זיין דער גערעכטער ריכטער, אַ זעגענשפרוך וועלכען

מע זאָגט בײַ אידען ווען מע הערט אַז אימיצער איז געשטאָר=בען.

בָּ'רוּךְ־הַבָּא', אר. (מ. בְּרוּ'כִים־הַבָּ'אִים), (ביבליש). געבענשט זאָל זײַן דער וואָס קומט אַריין, ווערטער מיט וועלכע מע באַ=גריסט בײַ אידען אַ גאַסט. ב ר ו ך ה ב א ס'קאָציל קומט, ווערטער מיט וועלכע מע באַגריסט אַ וויכטיגען אָדער באַליבטען גאַסט, געוועהנליך אַ פרויענצימער.

בָּ'רוּךְ־הַ'בָּא, המ. (מ. בָּ'רוּךְ־הַ'בָּא'ם). אויפנאַהמע, באַגריסונג. אַ טרוקענער ב ר ו ך ־ ה ב א, אַ'ן אויפנאַהמע אָהן טראַקטאַמענט, אַ קאַלטע אויפנאַהמע.

בָּ'רוּךְ־הוּא, (ליטורגיש). געבענשט זאָל ער זײַן. "גאָט ב ר ו ך ־ ה ו א".

בָּ'רוּךְ־הַיּוֹ'שֵׁב, אר. (מ. בְּרוּ'כִים־הַיּוֹשְׁ'בִים). געבענשט זאָל זײַן דער וואָס זיצט (און עסט), אַ גוטען אַפעטיט.

בָּ'רוּךְ־הַשֵּׁם', "געבענשט זאָל זײַן דער נאָמען (פון גאָט)", דאַנקען גאָט. ער איז אַ גאַנצער ב ר ו ך ־ ה ש ם, ער איז אַ גאַנצער מאַכער.

בָּ'רוּךְ מְחַיֵּ'ה הַמֵּ'תִים, (ליטורגיש). געבענשט זאָל זײַן דער וועלכער באַלעבט די טויטע, ווערטער וועלכע מע זאָגט בײַ אידען ווען מע טרעפט זיך מיט אַ פערזאָן וועלכע מע האָט ניט ערוואַרטעט צו זעהן מעהר אָדער לאַנג שוין ניט באַגעגענט.

בָּ'רוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי [שֶׁפָּטְרַ'נִי], (לי=טורגיש). געבענשט זאָל זײַן דער וועלכער האָט מיך באַפרייט (פון אַ פאָטער'ס פאַראַנטוואָרטליכקייט. ווערטער וועלכע דער פאָטער זאָגט בײַ אידען ווען זײַן זוהן ווערט דרייצעהן יאָהר אַלט). זיִה בַּר־מִצְוָה; אַ דאַנקען גאָט לויז געוואָרען. "בײַ אַ אינגעל מאַכט מען ב ר ו ך ש פ ט ר נ י צו בעל מצוה בײַ אַ מיידעל צו דער חתונה" (שפוו.).

בָּ'רוּר וְיָדוּ'עַ, א. (תלמודיש). קלאָר און באַוואוסט, אַלגעמיין באַקאַנט, פעסט=געשטעלט.

בְּרַחֲ'בוּת'דיג, א. ברייטליך, באַ=קוועם.

בְּרָ'חֵל בִּתְּ'ךְ הַקְּטַ'נָּה, (ביבליש). פאַר רחל דײַן טאָכטער די אינגערע (די ווערטער וועלכע יעקב האָט געזאָגט צו לבן ווען ער האָט זיך פאַרפליכטעט צו אַרבייטען זיבען יאָהר אום צו קריגען זײַן טאָכטער פאַר אַ ווייב, ווי די ביבעל דער=צעהלט). אויסריידען ב ר ח ל ב ת ך ה ק ט נ ה, גענוי אויס=ריידען, זיך גענוי באַדינגען. "ב ר ח ל ב ת ך ה ק ט נ ה לאה די גרויכע" (פאַראָדיש ווערטעל).

בַּרְ'חִיען, **בַּרְ'חִיענען**, צש. אַנט=לויפען.

בָּ'רִי, או. (תלמודיש). געוויס.

בָּ'רִי־לִי, (תלמודיש). עס איז בײַ מיר געוויס. "ב ר י ־ ל י איז געלט" (שפוו.).

בְּרִי'אָה, הוו. (מ. בְּרִי'אוֹת). באַ=

שעפענים; ענערגישע פּרוי, אויפ־
טהוערקע.

בְּרִיאוּת־הַגוּף, הוו. די געזונדהייט פון קערפּער, געזונדהייט.

בְּרִיאַת־הָעוֹלָם, הוו. די באשאפונג פון דער וועלט.

בְּרִיָה [בֶּרְיָה], הם. און הוו. (מ. בְּרִיוֹת [בֶּרְיוֹת]). ענערגישע, געשיקטע, גראָטענע פּערזאָן.

בֶּרְיָה'ן, בֶּרְיָה'נען־זיך, צוו. זיך פלייסען (פאר אומיצען).

בֶּרְיָה'יש, א. פעהיג, גראָטען, ענערגיש, פלייסיג.

בֶּרְיָה'שאַפט, הוו. ענערגישע טהעטיגקייט, געשיקטקייט, גראָטענקייט.

בִּרְיוֹנָא, הם. (מ. בִּרְיוֹנִי), (תלמודיש). "א רויבער", א יונגאטש.

בְּרַיְיתָא, הוו. (מ. בְּרַיְיתוֹת), (תלמודיש). איינע פון יענע לעהר־זאצען און געזעץ־ענטשיידונגען פון די תנאים (ווז.) וועלכע זיינען ניט אריינגענומען געוואָרען אין דער משנה (ווז.) אָבער ווערען געבראַכט אַלס אויטאָריטעטען אין דער גמרא (ווז.).

בְּרֵירָה, הוו. (מ. בְּרֵירוֹת). זעה בְּרֵרָה.

בְּרֵיש־גְלֵי, או. (תלמודיש). עפענטליך.

בְּרִית, הם. (מ. בְּרִית'ען). "דער בונד" (צווישען גאָט און אידען), די צערעמאָניע פון באַשניידונג. "די נקבה האָט די יסורים און דער מאַן מאַכט דעם ב ר י ת" (שפּוו.).

בְּרִית־חֲדָשָׁה, הם. דער נייער טעסטאַמענט, דער עוואַנגעליום.

בְּרִית־מִילָה, הם. (מ. בְּרִית־מִילָה'ס), (תלמודיש). זעה בְּרִית.

בְּרִית'יצע, הוו. (וואולגאַר). די געבורט פון א מיידעל.

בְּרָכָה, הוו. (מ. בְּרָכוֹת). זעגען, גליק, גערעטענים; א ווינשעוואַניע, א גליקוואונש; זעגענשפּרוך, דאַנק־געבעט, לויב־געבעט, איינס פון דיא פיעלע קורצע געבעטען וועלכע ווערען געזאָגט ביי אידען פאר און נאָכ'ן געניסען עפעס און ביי פיעלע אַנדערע געלעגענהייטען. זאָגען ב ר כ ה, זאָגען דאָס מאָרגענגעבעט (גלייך נאָכ'ן אויפשטעהן). מאַכען א ב ר כ ה, זאָגען א זעגענשפּרוך. מאַכען ב ר כ ה, געניסען. עס איז דאַר'בער א ב ר כ ה צו מאַכען, עס איז זעהר שעהן אָדער גראָטען. "אז א טויבער הערט א גראַנער מאַכט ער א ב ר כ ה איבער א דונער" (ווער.). "א סך מלאכות און ווייניג ב ר כ ו ת" (שפּוו.). "וואָס נוצט מזל אָהן ב ר כ ה" (שפּוו.). "אין א ליידיגען פאַס קען די ב ר כ ה ניט אריין" (שפּוו.).

בְּרָכָה־אַחֲרוֹנָה, הוו. (תלמודיש). דער זעגענשפּרוך וועלכען מע זאָגט ביי אידען נאָך דעם ווי מע עסט פּרוכטען אָדער א לייכטען צוביים.

בְּרָכָה־לְבַטָלָה, הוו. (תלמודיש). א זעגענשפּרוך אויסגעשפּראָכען אומזיסט (אַזוי ווי ווען מע זאָגט דעם זעגענשפּרוך אויף ווייַן און

עס ווייזט זיך ארויס אז עס איז געווען א'ן אנדער געטראנק; ארויסגעוואָרפענע, אומזיסטע אר־בייט.

בָּרְ'כוּ, הס. (ליטורגיש). "בענשט", דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָ־מען פון אַ געוויסען געבעט אין דעם מאָרגענדיגען און אָבענדיגען דאַוונען. חאַפּען אַ ב ר כ ו, קריגען צו זאָגען ברכו מיט אַ מנין (ווז.). "אַ אידען'ס גליק איז ווען ער קומט צו ב ר כ ו" (שפוו.).

בָּרְ'כִי־נַפְ'שִׁי, הס. (ליטורגיש). "בענש, מיין זעעלע", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון דעם הונדערט און פירטען קאַפּיטעל פון תהלים וועלכען מע זאָגט ביי אידען אין די ווינטער־מאָנאַטען יעדען שבת נאָך מיטאָג.

בִּרְ'כַּת־הַמָ'זוֹן, הוו. (תלמודיש). דאָס געבעט וואָס מע זאָגט נאָכ'ן עסען.

בִּרְ'כַּת־כֹּ'הֲנִים, הוו. (תלמודיש). די בענשונג וועלכע די כהנים גיבען אין דער שוהל ביי'ם דוכנ'ען.

בִּרְמִי'יָּה, או. אויפ'ן וואונק.

בְּרֵ'רָה, הוו. (מ. בְּרֵ'רוֹת). וואַהל, אויסוואַהל; אַ זיצונג פון בוררים אויף אַ'ן אָפּמאַך. "אַז מע האָט ניט קיין ב ר ר ה מוז מען אפילו טהאָן אַ'ן עברה" (שפוו.). "דער מענש האָט צוויי ב ר ר ו ת קריעה רייסען אָדער פאַרשווארצט ווערען" (שפוו.).

בִּרְשׁוּת־', או. (ליטורגיש). מיט דער ערלויבניס פון —.

בְּשׁוֹ'גֵג, או. (תלמודיש). אומגערן, אָהן אַבזיכט.

בְּשׁוּם (עִנְ'יָן וְ)אוֹ'פֶן, או. אויף קיין פאַל, אונטער קיינע אומשטענדען.

בְּשׁוּ'פִי, או. (תלמודיש). אין רייב־טהום, מיט פולער מאָס.

בְּשׂוֹרָה [בְּשׂוּ'רָה], הוו. (מ. בְּשׂוֹרוֹת [בְּשׂוּ'רוֹת]). נאַכריכט, נייעס. "גוטע ב ש ו ר ו ת הערט מען פון דער ווייטען" (שפוו.).

בְּשׂוֹרָה [בְּשׂוּ'רָה] טוֹ'בָה, הוו. (מ. בְּשׂוֹרוֹת [בְּשׂוּ'רוֹת] טוֹ'בוֹת). אַ גוטע נאַכריכט.

בְּשׂוֹרָה [בְּשׂוּ'רָה] רָ'עָה, הוו. (מ. בְּשׂוֹרוֹת [בְּשׂוּ'רוֹת] רָ'עוֹת). אַ שלעכטע נאַכריכט.

בִּשְׂכַר־'זֶה, או. (ליטורגיש). אַלס לויהן פאַר דאָס, דערפאַר.

בְּשַׁלְ'וָה, או. אין פרידען, רוהיג, אָהן זאָרג.

בְּשָׁ'לוֹם, או. אין פרידען, אין זי־כערהייט; פרידליך, גוט פאַר־טראָגען.

בִּשְׁ'לָמָא, או. (תלמודיש). צוגע־בענדיג אַז, אויב עס איז יאָ ריכ־טיג אַז, זאָל שוין זיין אַז.

בִּשְׁלֵ'מוּת, או. אין פאָלקאָמענהייט, פאָלשטענדיג, אין גאַנצען.

בְּשֵׁם־', או. אין דעם נאָמען פון—.

בְּשֵׁם אֱלֹהֵי [אֱלוֹקֵי] יִשְׂרָ'אֵל, (ביבליש). אין דעם נאָמען פון פון דעם אידישען גאָט, אין גאָט'ס נאָמען.

בְּשִׂמְ'חָה (רַ'בָּה), או. (ליטורגיש).

מיט (גרוים) פרייד, מיט (גרוים) פאַרגעניגען.

בְּשָׂמִים, הם. מ. געווירצען, שמעקעדיגע געווירצען.

בְּשָׂמִים־קרָאם, הוו. (מ. בְּשָׂמִים־קרָאמען). געווירץ־געשעפט, שפייז־קרָאם.

בְּשָׂמִים׳דיג, א. געווירציג, שמעקעדיג, דופטיג.

בְּשֵׁן־וָעַיִן, או. (תלמודיש). מיט אַ (אויסגעהאַקטען) צאָהן אָדער אויג (גענומען פון דער שטעלע אין תלמוד וועלכע זאָגט אַז אַ שקלאַף מוז אַרויסגעלאָזען ווערען פריי ווען זיין איינענטהימער האָט איהם אויסגעהאַקט אַ צאָהן אָדער אַ׳ן אויג). אַרויסגעהן בשן־ועין, שלעכט אָפּשניידען.

בִּשְׁעַת׳, או. אין דער צייט, וועהרענד.

בִּשְׁעַת׳־מַעֲשֶׂה, או. אין דער צייט פון דער פּאַסירונג, אין דער צייט.

בְּשַׁעְתּוֹ, או. אין זיין צייט.

בָּשָׂר, הם. פלייש.

בָּשָׂר־בְּחָלָב, הם. מ. (תלמודיש). "פלייש מיט מילך", פליישיגס מיט מילכיגס צוזאַמען (פאַרבאָטען לויט דעם אידישען געזעץ).

בָּשָׂר־וְדָגִים, הם. מ. (ליטורגיש). פלייש און פיש. "בשר־ודגים איז אַ׳ן עונג־שבת אין דער וואָכען איז עס אויך ניט שלעכט" (שפּוו.).

בָּשָׂר־וָדָם [וָדַם׳], הם. (תלמודיש). "פלייש און בלוט", אַ מענש. "אומשטיינס געזאָגט בשר־ודם בלוט און ווערמילך" (ווער.).

בְּשַׂר־מִן־הַחוּץ׳, הם. פלייש אַריינגעבראַכט פון דרויסען (פון אַ פרעמדער שטאָדט).

בִּשְׁתִיקָה [בִּשְׁתִי׳קָה], או. שווייגענדיג, שטילערהייד, פאַרבאָרגענערהייד.

בַּת, הוו. (מ. בָּנוֹת, בְּנוֹת־). טאָכטער, די טאָכטער פון —; איינע וועלכע איז אין עלטער פון —. "דער רב האָט דאָס רוב בנות" (ווער. — וואָרטשפּיעל אויף "רבנות").

בַּת־הָרַב׳, הוו. די טאָכטער פון אַ רב.

בַּת־יְחִי׳דָה, הוו. (מ. בַּת־יְחִי׳דָה׳ס). אַ׳ן איינאיינציגע טאָכטער. "די בת־יחידה זאָל מען פרייען (הייראַטהען) דעם בן־יחיד זאָל מען שייען" (שפּוו.).

בַּת־יְחִיד׳יקע, הוו. (מ. בַּת־יְחִידי׳קעס). פאַרקלענערונג אָדער פאַרצערטעלונג פון "בת־יחידה".

בַּת־יִשְׂרָ׳אֵל, הוו. (תלמודיש). אַ אידישע טאָכטער, די טאָכטער פון איינעם וועלכער איז ניט קיין כהן (ווז.) אָדער לוי (ווז.).

בַּת־כֹּ׳הֵן, הוו. (תלמודיש). די טאָכטער פון אַ כהן (ווז.).

בַּת־לֵוִ׳י, הוו. די טאָכטער פון אַ לוי (ווז.).

בַּת־׳מַלְכָּה, הוו. (תלמודיש: בַּת־מֶ׳לֶך), (מ. בַּת־׳מַלְכָּה׳ס). אַ קעניג׳ס טאָכטער, אַ פּרינצעסין.

בַּת־קוֹל [קָל], הם. (תלמודיש). אַ

נעטליכע שטים, א שטים פון הימעל.

בַּת־שְׁבְ'עִים, הוו. א זיבציגערין, א פרוי וועלכע איז אלט זיבעציג יאָהר אָדער מעהר.

בְּתוֹךְ [בְּתוֹךְ] הַבָּ'אִים, או. צווישען די אָנגעקומענע, צווישען די געסט.

בְּתוֹכָם [בְּתוֹ'כָם], או. צווישען זיי, אונטער זיי, דאָרונטער.

בְּתוּ'לָה, הוו. (מ. בְּתוּ'לוֹת). יונג־פרוי, מיידעל; דער אסטראָנאָמישער צייכען אין דעם שטערען־קרייז פאַר דעם מאָנאַט אלול. "ווען א'ן אלטער מאן נעהמט א בתולה האָבען ביידע ניט קיין גדולה" (שפוו.).

בְּתוּ'לִים, המ. מ. די צייכענס פון יונגפערשאפט.

בְּתוֹרַת־ [בְּתוֹ'רַת־], או. אלס. בתורת הלוואה, אלס א'ן אָנלייה, געבאָרגט.

בָּ'תִי, הוו. מיין טאָכטער. זעה בַּת.

בָּתִּים [בָּ'תִּים], המ. מ. זעה בַּ'יִת.

בְּתַכְלִית [בְּתַכְ'לִית] הַשְּׁלֵ'מוּת, או. אויף דער שפיץ פון פאָלקאָמענהייט, העכסט פאָלקאָמען.

בִּתְמִיָּה [בִּתְ'מִיָּה], או. (תלמודיש). מיט פאַרוואונדערונג, מיט א פראַגענדען טאָן.

בִּתְמִימוּת [בִּתְמִי'מוּת], בִּתְמִי'מוּתי־דיג, א. נאאיוו, אָהן קונצען, ערנסט, מיט'ן גאנצען הארצען.

בִּתְנַאי [בִּתְנַ'אי], או. מיט דעם באַדינג.

בְּתָקְפּוֹ [בְּתָקְ'פּוֹ], או. אין (דער צייט פון) זיין מאכט.

ג.

ג, דער דריטער בוכשטאב פון דעם אידישען אלף־בית; אין צעהלען גערעכענט אלס 3. זעה גִּ'מֶל.

גַּאֲ'וָה, גַּאֲוָה, הוו. (מ. גַּאֲ'וֹת). שטאָלץ; פוסטער שטאָלץ, גרויסהאלטעריי. "גאָט זאָל אָפּהיטען פון גויאישער תאוה און פון אידישער גאוה" (שפוו.).

גַּאֲוָה'דיג, א. שטאָלץ, גרויס ביי זיך.

גְּאוּ'לָה, הוו. (מ. גְּאוּ'לוֹת). אויסלייזונג, דערלייזונג; די אויסלייזונג אויף וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָפט. וועט די גאולה קומען א ביסעל שפעטער, עס וועט ניט פאַרזאַמען.

גָּ'און, הם. (מ. גְּאוֹ'נִים). א גרויסער תלמודישער געלעהרטער אויסגעצייכענט מיט אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען און קענטעניסען; איינער פון די גרויסע ראבינישע געלעהרטע וועלכע האָבען געלעבט נאָך די תלמודישע צייטען; א זשעני. דער גאון, דער באַ־

ריהמטער אידישער געלעהרטער אליהו פון ווילנא וועלכער האָט געלעבט אין ענדע פון אַכצעהנטען יאָהר=הונדערט.

גְאוֹ'נוּת, הוו. אונגעוועהנליכע פעהיגקייט, זשעניאַליטעט.

גְאוֹ'נִיש, א. זעהר באַגאַבט, זעהר פעהיג, גייסטרייך.

גַבָּ'אוּת, הוו. דאָס אַמט פון אַ גבאי (ווז.).

גַ'בַּאי, הם. (מ. גַבָּ'אִים). פאָרשטעהער פון אַ געמיינדע אָדער אַ וואָהלטהעטיגען פאַראיין. "אַז דער גבאי געהט ניט אין שול איז אַ סימן אַז די שול געהט אין גבאי אַריין" (שפוו.). "אַ גבאי לעגט קיינמאָל ניט צו צו דער גבאות" (שפוו.).

גַ'בַּאיטע, הוו. (מ. גַ'בַּאיטעס). פאָרשטעהערין פון אַ וואָהלטהעטיגען פאַראיין; די פרוי פון אַ גבאי.

גְבוּ'ל, הם. גרענעץ, ענד.

גִ'בּוֹר, הם. (מ. גִבּוֹ'רִים). אַ שטאַרקער מענש; אַ העלד.

גְבוּ'רָה, גְבוּ'רָה'שאַפט, הוו. (מ. גְבוּ'רוֹת, גְבוּ'רָה'שאַפטען). שטאַרקייט; העלדישקייט; אַ שטאַרקע אָדער העלדישע טהאַט. "דער אָקס ווייס ניט פון זיין גבורה" (שפוו.).

גְבוּ'רוֹת־הַבּוֹ'רֵא, הוו. מ. שטאַרקע טהאַטען פון דעם באַשעפער, גאָט'ס וואונדער.

גְבִיר, הם. (מ. גְבִי'רִים). אַ רייכער מאַן. "אַ משכון צו פאַרזעצען אַבי אַ גביר צו זיין" (שפוו.). "בעסער אַ'ן אויפגעקומענער גביר איידער אַ'ן אָפּגעקומענער עושר" (שפוו.). "דער גביר בלאָזט זיך און דער אָרעמאַן ווערט געשוואָלען" (שפוו.).

גְבִיר־אַ'דִיר, הם. (מ. גְבִי'רִים־אַדִי'רִים). אַ זעהר רייכער מאַן.

גְבִיר־עָ'צוּם, הם. אַ זעהר רייכער מאַן.

גְבִי'רָה, הוו. (מ. גְבִי'רוֹת). זעה גְבִיר.

גְבִיר'יטע, הוו. (מ. גְבִיר'יטעס). זעה גְבִיר.

גְבִי'רִייש, א. האָבענדיג די אייגענשאַפטען פון אָדער באַלאַנגענדיג צו אַ גביר.

גְבִי'ר'ענטע, הוו. (מ. גְבִי'ר'ענטעס). זעה גְבִיר.

גֶבֶר, הם. אַ זעהר שטאַרקער מאַן.

גַבְרִיאֵל, אנם. דער נאָמען פון אַ געוויסען ענגעל. "האַלט מיך פאַר מלאך גבריאל און טרוי מיך ניט פיעל" (ווער.).

גַבְ'רָן, הם. זעה גֶבֶר.

גָד, אנם. דער נאָמען פון איינעם פון יעקב'ס צוועלף זיהן; דער שטאַם וועלכער קומט אַרויס פון גד.

גָ'דוֹל, הם. (מ. גְדוֹ'לִים). אַ גרויסער; אַ גרויסער מאַן; אַ געוויסעס געלט=שטיק.

גָ'דוֹל, אם. (מ. גְדוֹ'לִים; אוו. גְדוֹ'לָה, מ. גְדוֹ'לוֹת). גרויס.

ג׳דול, המ. אַ געוויקס; וואוקס, געשטאַלט, וואָרט.

גְ׳דול־בְּיִשְׂרָ׳אֵל, המ. אַ גרויסער מאַן צווישען אידען, אַ גרויסער מאַן.

גְ׳דול־בָּ׳נִים, המ. (תלמודיש). די האָדעוואַניע פון קינדער, קינדער־ערציהונג.

גָדול [גְ׳דול] הַדור [הַדָּר׳], המ. (מ. גְדוֹ׳לֵי־הַדוֹר [הַדָּר׳]), (תלמודיש). איינער פון די גרויסע מענער פון דער צייט.

גְ׳דולידיג, א. גרויס ביי זיך, שטאָלץ.

גְדוּ׳לָה, הוו. (מ. גְדוּ׳לוֹת). גרויסקייט, גרויסע עהרע, רוהם; פרייד. „אַ ג ד ו ל ה אויף דיין באָבען" (איראָנישער אויסדרוק).

גְדוֹ׳לִים, המ. מ. זעה נְקָ׳בִים־גְדוֹ׳לִים.

גְדִי, המ. אַ „ציקעלע", דער אַסטראָנאָמישער צייכען אין דעם שטערענקרייז פאַר דעם מאָנאַט טבת. זעה מַ׳זָל.

גַדְ׳לוּת, הוו. גרויסקייט, שטאָלצקייט.

גַדְ׳לוּת׳דיג, א. שטאָלץ, גרויס ביי זיך, באַריהמעריש.

גַדְ׳לָן, המ. (מ. גַדְלָ׳נִים). אַ גרויסהאַלטער.

גַדְ׳ל׳ענ־, גַדְ׳ל׳ענען־זיך, צוו. זיך גרייסען, שטאָלצירען.

גֶ׳דֶר, המ. (מ. גְדָ׳רִים), (תלמודיש). אַ׳ן אָפּצאַהמונג, אַ באַשרענקונג, אַ רעגעל אָדער פאָרשריפט געמאַכט אום צו באַוואָרענען אַז מע זאָל ניט איבערטרעטען אַ רעליגיעזעס געזעץ.

גוֹ׳אֵל, המ. (מ. גוֹ׳אֲלִים). אויסלייזער, דערלייזער, באַפרייער; משיח (ווז.); פריינד, פאַרוואַנדטער. „ער האָט ניט קיין קרוב און קיין ג ו א ל" (ווער.).

גוֹ׳אֵל־הַדָּם [הַדַם׳], המ. (מ. גוֹ׳אֲלֵי־הַדָּם [הַדַם׳]), (ביבליש). דער פאַרוואַנדטער פון דעם ערמאָרדעטען אויף וועלכען עס איז געפאַלען די פליכט ראַכע צו נעהמען פון דעם מערדער (ביי די פאַרצייטיגע אידען).

גוֹ׳אֵל־צֶ׳דֶק, המ. דער גערעכטער דערלייזער, דער אידישער משיח (ווז.).

גוֹ׳בֵר־זיין, צא. באַזיגען, בייקומען.

גוג־ומָ׳גוג [גָג׳־מָגָג], אנמ. (ביבליש). גוג דער קיניג פון דעם פאָלק מגוג. גרויס ווי ג ו ג ־ מ ג ו ג, זעהר גרויס, ריזענהאַפט.

ג ו ז ְ׳ מָ א, הוו. (מ. גוזְמות, גוזמָ׳אוֹת). איבערטרייבונג; אַ מאַסע, זעהר פיעל.

גוזְ׳מָא־רַ׳בָּה, הוו. אַ גרויסע מאַסע, זעהר פיעל.

גוזְ׳מָא׳דיג, א. איבערטריבען; אונגעהייער.

גוֹ׳זֵר־זיין, צש. באַפעהלען, פאַראורטהיילען.

גוֹ׳זֵר־דִין־זיין, צש. (תלמודיש). באַשטימען אַ׳ן אורטהייל, באַפעהלען.

גו'זר־תַּעֲ'נית־זיין, צש. (תלמודיש). באשטימען א פאסט=טאג.

גוֹי [גָי], הם. (מ. גוֹיִם [גָ'יִם]). א ניט=איד; איינער וועלכער איז אונוויסענד אין אידישע רעליגיאָן=געזעצען; א ניט=פרומער, א'ן אויס=געלאסענער; דער גראָבער פינגער פון דער האנד (זעה יוד). האָבען א מזל פון א גוי, האָבען גליק. שטארק ווי א גוי, זעהר שטארק. „לעבען זאָל מען צווישען גויים שטארבען צווישען אידען" (שפוו.). „מעהר גוי מעהר מזל" (שפוו.).

גוֹי [גָי] גָ'מוּר, הם. (מ. גוֹיִים [גָיִם] גְמוּ'רִ ם). איינער וואָס וויים גאָרניט אָדער האלט גאָרניט פון אידישע רעליגיאָן=געזעצען.

גוֹיאיש [גָ'איש], א. באלאנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די איינגע=שאפטען פון א ניט=אידען; אונ=וויסענד; ניט פרום, אויסגעלאסען. „א גוי'איש גלייכווערטעל איז להבדיל א תורה" (שפוו.). „בעסער אין גוי'אישע הענד איידער אין אידישע מיילער" (שפוו.).

גוֹייע [גָ'ייע], גוֹי'יעטע, הוו. (מ. גוֹי'יעס, גוֹי'יעטעס). זעה גוי.

גוֹלֵי־, הם. מ. די פארטריבענע פון —. גולי־שפאניען, די פארטריבענע (אידען) פון שפאניען.

גוֹלֶם, הם. (מ. גוֹלָ'מים, גוֹ'לָמ'ס). (קאבאליסטיש). א מענש באשא=פען דורך א הייליגען שפרוך; א נארר, א'ן אונגעשיקטער מענש, א'ן אידיאָט. א לייטענער גולם, א'ן אונגעשיקטער מענש, א טוי=געניכטס. „א'ן עולם איז ניט קיין גולם" (שפוו.).

גוֹ'מֶל, הם. (ליטורגיש). דער נאָמען פון א זעגענשפרוך וועלכען מע זאָגט ביי אידען ווען מע מיידט אויס א געפאהר אָדער מע ווערט גערעטעט פון א'ן אומגליק. גומל בענשען, זאָגען דעם זע=גענשפרוך פון גומל; דאנקען גאָט.

גוֹ'מֵל־חֶ'סֶד־זיין, צש. (תלמודיש). טהאָן גוטס (מיט אימעצען).

גוֹ'מֶר־זיין, צא. ענדיגען, אָפשליסען (א געשעפט, א הייראטה-קאָנ=טראקט אָדער א'ן אָפמאך).

גוֹ'סֵס, הם. (מ. גוֹ'סְסִים). איינער וועלכער האלט ביי'ן שטארבען, א שטערבענדער.

גוֹ'סֵס, א. האלטענדיג ביי'ן שטאר=בען, נאָהנט צום טויט.

גוֹ'ס'ען, גוֹ'ס'ענען, צש. האלטען ביי'ן שטארבען, שטארבען, אויס=געהן.

גוּף, הם. (מ. גוּ'פים). קערפער.

גוּ'פָא, או. (תלמודיש). סאמע, אליין, זעלבסט.

גוּפְ'נִיוּת, הוו. קערפערליכקייט, קערפערליכע זאכען.

גוֹ'רָל, הם. (מ. גוֹרָ'לוֹת). א לאָאז, א לאָטערי=צעטעל; א לאָטערי; שיקזאל. ווארפען גורל, ציהען לאָאזען.

גוֹ'רֵם־זיין, צא. פאראורזאכען.

גוֹ'רֵס־זיין, צא. לערנען (א טעקסט אויף באשטימטע ארט); דולדען, צולאָזען, ערלויבען.

גוֹ'שֶׁן, אנוו. דער נאָמען פון דער געגענד אָדער שטאָדט וואו די אידען האָבען געוואָהנט ווען זיי זיינען געווען אין עגיפטען. פאַרקריכען אַזש אין גושן, פאַרגעהן זעהר ווייט, רעדען ניט צו דער זאַך.

גְזֵי'לָה, הוו. (מ. גְזֵי'לוֹת). זעה גְזֵ'לָה.

גְזֵי'רָה, הוו. (מ. גְזֵי'רוֹת). זעה גְזֵ'רָה.

גְזֵ'לָה, הוו. (מ. גְזֵ'לוֹת). אַ רויב; רויבעריי.

גְזֵ'לָה־בּוֹיךְ, הם. (מ. גְזֵ'לָה־בּייכער). איינער וועלכער איז רייך געוואָרען בּאַראַבּעווענדיג אַנדערע.

גַזְלִ'יוואָ'י'סטווע, הוו. (מ. גַזְלִ'יוואָ'י'סטוהעם). רויבעריי, אונרעכט.

גַזְ'לָן, הם. (מ. גַזְלָ'נִים). אַ רויבער; אַ מערדער; אַ גרוידאַמער שלעכטער מענש. „אַ קינד איז ערגער ווי אַ גזלן און מען מוז נאָך טאַנצען אויף זיין חתונה" (שפוו.).

גַזְלָ'נוּת, הוו. רויבעריי.

גַזְ'לָנ'יטע, הוו. (מ. גַזְ'לָנ'יטעם). זעה גַזְ'לָן.

גַזְלָ'נ'יש, א. מערדעריש, גרויזאַם.

גַזְ'לִ'יען, גַזְלִ'יענען, צא. רויבען.

גֶ'זַע, הם. שטאַם, אָפּשטאַמונג, פאַמיליע.

גְזָר [גְזַר], הם. (מ. גְזַר־יען). בּאַשלוס, אורטהייל, פאַראורטהיילונג, שטראָף. „אַ נאַרר איז אַ גזר" (שפוו.).

גְזַר־דִין', הם. (תלמודיש). אַ'ן אורטהייל (פון דעם הימלישען געריכט). צורייסען דעם גזר־דין, שענקען די שטראָף, פאַרצייהען די זינד.

גְזָר [גְזַר] מִן־הַשָׁמַ'יִם, הם. אַ'ן אורטהייל, אַ שטראָף פון הימעל.

גְזֵ'רָה, גְזֵ'רַת־, הוו. (מ. גְזֵ'רוֹת). געזעץ, בּאַשלוס, אַ שטראָף־געזעץ; פאַרפאָלגונג, אומגליק. „אין ברירה איז אַ גרויסע גזרה" (שפוו.).

גְזֵ'רָה־שָׁ'וָה, הוו. (מ. גְזֵ'רוֹת־שָׁ'וֹות), (תלמודיש). דאַס דרינגען פון איין זאַך אויף די צווייטע דורך אַ געוויסע עהנליכקייט וועלכע עקזיסטירט צווישען ביידען (איינע פון די דרייצעהן הויפּט־מעטהאָדען פון דער תלמודישער לאָגיק).

גְזֵ'רַת־שְׁמָד [שְׁמַד], הוו. אַ בּאַפעהל אַרויסגעגעבּען אויף אידען אַז זיי מוזען זיך ט יפען.

גְזֵ'רַת־תַּ"ח, הוו. די אויסשלאַכטונג פון אידען דורך די קאָזאַקען אין דעם העטמאַן חמעלניצקי'ס צייטען אין דעם יאָהר ת"ח (1648).

ג"ח, אב. גְמִי'לוּת־חֲסָ'דִים (ווז.).

גחש"א, אב. גְמִי'לוּת־חֶ'סֶד־שֶׁל־אֱ'מֶת (ווז.).

גֶט [גֶט], הם. (מ. גִי'טִין). שייד־בּריעף, דער דאָקומענט דורך וועלכען דער מאַן שיידט זיין פרוי. „ביי־טאָג צום גט ביי־נאַכט צום בעט" (שפוו.).

גֶ'ט'ען, צא. שיידען (אַ פרוי); אויס=

פיהרען די שיידונגס=צערעמאָניע. אָפּ׳גט׳ען, שיידען. גט׳ען זיך, זיך שיידען.

גִי׳בּוֹר, המ. (מ. גִיבּוֹ׳רִים). זעה גִ׳בּוֹר.

גִיד, המ. אַ׳ן אָדער, אַ׳ן אָדער מיט וועלכען מע פאַרנייהט די פּאַרמעט פון תפילין און ספרי־תורות (מ. גִי׳דִין); דער מענגליכער געשלעכט=אָרגאַן.

גִיד־הַנָ׳שֶׁה, המ. (ביבליש). אַ גע=וויסער אָדער וועלכען מע מוז לויט דעם אידישען געזעץ צוערשט אויסשניידען איידער מע מעג עסען דאָס הינטערפלייש פון אַ געקוילעטען פיה.

גִי׳דוֹל, המ. זעה גְ׳דוֹל.

גֵיהִנוֹם [גֶהֶ׳נוֹם], חמ. (מ. גֵיהִנוֹ׳מִים [גֶהֶ׳נוֹמִים]). די העללע. בעסער מיט אַ קלוגען אין גיהנום איי=דער מיט אַ נארר אין גן־עדן" (שפּוו.). "דער גיהנום איז ניט אַזוי שלעכט ווי דאָס קומען צו איהם" (שפּוו.).

גִילְ׳גוּל, המ. (מ. גִילְגוּ׳לִים). זעה גִלְ׳גוּל.

גִי׳לוּי־, זעה גִ׳לוּי־.

גִילָ׳יוֹן, המ. (מ. גִילְיוֹ׳נוֹת). זעה גִלָ׳יוֹן.

גִימַטְ׳רִיָא, הוו. (מ. גִימַטְרִיָ׳אוֹת). אַ געוויסע אַרט פון אויסטייטשען דעם פאַרבאָרגענעם זינן פון אַ וואָרט, דורך דעם וואָס מע באַ=רעכענט די איינציגע בוכשטאַבען אַלס צאָהלען, אַזוי זאָגט מען אַז "יין" (ווייַן) וועלכעס באַטרעפט 70 (י—10, י—10, ן—50) איז אין גימטריא "סוד" (געהיימנים), ווייל דאָס לעצטערע באַטרעפט אויך די זעלביגע צאָהל (ס—60, ו—6, ד—4), און דאָס מיינט "אַז דאָרט וואו וויין געהט אַריין געהט דאָס געהיימנים אַרויס"; אַ׳ן אויסטייטשונג פון אַ וואָרט לויט גימטריא.

גִי׳מֶל, המ. (מ. גִימ׳לִיען). דער נאָמען פון דעם דריטען בוכשטאַב (ג) פון דעם אידישען אַלף־בית.

גֵי׳רוּשׁ, המ. (מ. גֵירוּ׳שִׁים). זעה גֵ׳רוּשׁ.

גִירְ׳סָא, הוו. (מ. גִירְ׳סוֹת), (תל=מודיש). אַ לעהרע, אַ לעקציאָן, אַ לעזע=אַרט (פון אַ טעקסט).

גִירְ׳סָא־דְיַנְ׳קוּתָא, הוו. (תלמודיש). דאָס וואָס מע האָט קינדווייז גע=לערנט.

גִלְ׳גוּל, המ. (מ. גִלְגוּ׳לִים), (קאַ=באַליסטיש). פאַרוואַנדלונג, מע=טאַמאָרפאָזע; די וואַנדערונג פון דער זעעלע פון איין קערפּער אין אַ צווייטען; אַ בייזער גייסט; אַ פאַרוועלענים, אַ קאַפּריז.

גִלְ׳גוּל־מְחִי׳לוֹת, המ. (תלמודיש). "די וואַנדערונג דורך הייהלען", די אונטעראירדישע וואַנדערונג פון די טויטע נאָך דעם הייליגען לאַנד אין דער צייט פון תחית־המתים (ווז.).

גַלְ׳גַל, המ. (מ. גַלְגַ׳לִים). אַ זיך=דרעהענדער קערפּער, אַ פּלאַנעט אָדער שטערען. "די גלגלים

דרעהען זיך און מיר דרעהען זיך מיט זיי" (שפוו.).

גַלְגַל־הַחוֹזֵר, הס. (תלמודיש). א זיך=דרעהענדער פלאַנעט. "די וועלט איז א גלגל־החוזר" (שפוו.).

גָלוּחַ, הס. (מ. גְלוּחִים). א גע=געגאָלטער, איינער וועלכער ראַ=זירט זיין באָרד (קעגען דעם אי=דישען רעליגיאָן=געזעץ).

גִלוּי־דַעַת, הס. (תלמודיש). מיט=טהיילונג, נאַכריכט.

גָלוּי־וְיָדוּעַ, א. (תלמודיש). אַנט=פלעקט און באַוואוסט, אַלגעמיין באַקאַנט.

גִלוּי־עֲרָיוֹת [עֲרַיוֹת], הס. (תלמו=דיש). בלוטשאַנדע, דאָס צוזאַמענ=זיין מיט געוויסע בלוט-פאַר=וואַנדטע.

גִלוּי־ראָש [רָאש], הס. (תלמודיש). אָפּגעדעקטקייט פון קאָפּ.

גִלוּי־שְׁכִינָה, הס. (תלמודיש). די אַנטפּלעקונג פון דער גאָטהייט.

גָלוּת, הס. (מ. גָלוּתִיען). פאַר=טרייבונג; פאַרטריבענקייט, פאַר=וואָגעלטקייט, פאַרשקלאַפּטקייט; די פאַרוואָגעלטקייט פון דעם אי=דישען פאָלק. לאַנג ווי דער אי=דישער גלות, זעהר לאַנג. אָפּריכטען גלות, אַרומוואַנ=דערן פון שטאָדט צו שטאָדט אַלס א'ן אָפּקומעניש פאַר די זינד. "געה רעד אז די צונג איז אין גלות" (ווער.).

גָלוּת־בָבֶל, הס. (תלמודיש). די פאַרוואָגעלטקייט פון דעם אידישען פאָלק אין לאַנד באַבילאָן.

גָלוּת־הַשְׁכִינָה, הס. (קאַבאַליס=טיש). די פאַרוואָגעלטקייט פון דעם געטליכען גלאַנץ וועלכער איז, לויט דער לעגענדע, פאַר=וואָגעלט געוואָרען צוגלייך מיט דעם אידישען פאָלק.

גָלוּת־לאַנד, הו. (מ. גָלוּת־לענ=דער). איינע פון די לענדער וואו די אידען זיינען פאַרטריבען.

גָלוּת־מִצְרַיִם, הס. די פאַרשקלאַ=פונג פון דעם אידישען פאָלק אין עגיפּטען.

גָלוּת־סְפָרַד, הס. די אַרויסטרייבונג (פון אידען) פון שפּאַניען.

גַלָח, הס. (מ. גַלָחִים). א קריסט=ליכער גייסטליכער, א פּריעסטער. "אז מען דערמאָנט דעם מלאך קוממט דער גלח" (ווערטעל וואָס מע זאָגט ווען אימיצער קוממט אריין גראַד ווען מע האַלט אין ריידען פון איהם). "ביזט א חזן זינג=ושע ביזט א גלח קינג=ושע" (ווער.).

גַלָחִיש, א. באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די אייגענשאַפטען פון א גלח. גלחישע ציפערען, לאַטיינישע ציפערען.

גִלָיוֹן [גִלְיוֹן], הס. (מ. גִלְיוֹנוֹת). דער ניט באַדרוקטער (אָדער ניט באַשריבענער) ראַנד פון א בוך (אָדער א מאַנוסקריפּט).

גָלִיל, אנס. דער נאָמען פון א גע=וויסער פּראָווינץ אין פּאַלעסטינא, גאַלילעא.

גְלִילָה, הוו. (מ. גְלִילוֹת). דאָס צונויפראָלען פון דער ספר־תורה נאָכ'ן לייענען אין שוהל. געבען גלילה, באעהרען איטיצען מיט גלילה.

גָלְיַת, אנם. דער נאָמען פון א גע־וויסען ריעז וועלכען דער קליינער דוד (ווז.) האָט געטייטעט, ווי די ביבעל דערצעהלט.

גַם, ב. אויך.

גַם־זוּ־לְטוֹבָה, (תלמודיש). דאָס איז אויך צום גוטען.

גַם לִי גַם לָךְ לֹא יִהְיֶה, (ביבליש). ניט צו מיר ניט צו דיר זאָל עס געהערען.

גָמוּר, אַם. (מ. גְמוּרִים; אוו. גְמוּרָה, מ. גְמוּרוֹת). פאָלקאָמען, פאָלשטענדיג.

גְמִילוּת־חֶסֶד, הם. (מ. גְמִילוּת־חֲסָדִים), (תלמודיש). וואָהל־טהעטיגקייט; א וואָהלטהאַט, א געפעליגקייט; געלט געבאָרגט אלס געפעליגקייט.

גְמִילוּת־חֶסֶד־שֶׁל־אֱמֶת, הוו. די וואהרע (אונאייגענניציגע) וואָהל־טהאַט, מיט דעם נאָמען ווערט אָנגערופען די באערדיגונג פון א טויטען פון וועלכען מע קען קיין געגענזייטיגע געפעליגקייט ניט מעהר ערוואַרטען; בעערדיגונגס־פאראיין.

גְמִילוּת־חֲסָדִים, הם. (תלמודיש). פאראיין אָדער אנשטאַלט צו לייהען אָרעמע געלט אָהן פּראָצענט.

גְמַר, הם. שלוס, אָפשלוס; די לעצטע ענטשיידונג.

גְמַר־חֲתִימָה־טוֹבָה, הם. א לעצ־טע פאַרזיגעלונג צום גוטען, אזוי וווּנשט מען זיך ביי אידען אין די טעג צווישען ראש־השנה און הושענא־רבה.

גְמָרָא, הוו. (מ. גְמָרוֹת). דער־יעניגער טהייל פון תלמוד וועל־כער איז א קאָמענטאַר אָדער צו־לאָג צו דער משנה. זעה תַּלְמוּד; א'ן אָפּטהיילונג, א טראַקטאַט אָדער א באַנד ענטהאַלטענדיג מעהרערע טראַקטאַטען, פון תלמוד.

גְמָרָא־נִגּוּן, הם. א געוויסער האַלב־זינגענדער האַלב־דעקלאַמירענדער טאָן מיט וועלכען מע לערנט גע־וועהנליך דעם תלמוד.

גְמָרָא־קאָפּ, הם. (מ. גְמָרָא־קעפּ). שאַרפער קאָפּ.

גַן־עֵדֶן, הם. (מ. גַן־עֵדֶנ'ס), (ביב־ליש). פאַראַדיעז, יענע וועלט. "אַליין איז אפילו אין גן־עדן אויך ניט גוט צו זיין" (שפּוו.). "זיבען זיהן ברייגען א שטוהל אין גן־עדן זיבען טעכטער אין גיהנום" (שפּוו.).

גַן־עֵדֶן־הַתַּחְתּוֹן, הם. דער אונ־טערשטער פאַראַדיעז, א געוויסער פאַראַדיעז וועלכער געפינט זיך, לויט דער לעגענדע, ערגעץ וואו אויף דער ערד.

גְנַאי, הם. באַליידיגונג, לעסטערונג, שאַנד. עס זאָל איהם צו גנאי ניט זיין, מיט רעספּעקט צו איהם.

גַנָב, הם. (מ. גַנָבִים). דיעב, קעשעניק; שווינדלער. "אויף א

גנב ברענט דאָס היטעל" (שפּוו.). "אַז מע דאַרף דעם גנב שניידט מען איהם אָפּ פון דער תליה" (שפּוו.). "אַ גנב מוז זיין אַ חכם" (שפּוו.). "אַ היימישען גנב קען מען ניט אַיינהיטען" (שפּוו.). "אַז מע גיט דעם גנב דעם שליסעל צו דער האַנד איז מען זיכער" (שפּוו.). "ניט יעדער אויף וועמען הינט בילען איז אַ גנב" (שפּוו.). "מעהר גנבים מעהר שטריק" (שפּוו.).

גְנֵ'בָה, הוו. (מ. גְנֵ'בוֹת). אַ גע־שמאָהלענע זאַך, אַ זאַך גענומען אָהן דעם אייגענטהימער'ס וויסען; דאָס נעהמען עפּעס אָהן דעם איי־גענטהימער'ס וויסען.

גַ'נָבִיטע, הוו. (מ. גַ'נָבִיטעס). זעה גַ'נָב.

גְנֵ'בִישׁ, א. באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די אייגענשאַפטען פון אַ גנב; חיטרע, מיט הינטער־שפּיצלעך.

גַנְ'בִ'ען, גַנְ'בִ'ענען, צא. צונעהמען פרעמדעס אייגענטהום אָהן דעם אייגענטהימער'ס וויסען. אַריינ־גנב'ען־זיך, אַריינקומען אונ־באַמערקטערהייד. פאַר'גנב'ען־זיך, זיך באַהאַלטען, זיך פאַר־בערגען. "אַז מע גנב'עט אַ'ן איי האָט מען זיבען יאָהר דלות" (שפּוו.). "גנב'ען און ראַ־בעווען זאָל מען און אַ'ן עהרלי־כער מאַן זאָל מען זיין" (שפּוו.).

גְנֵי'נָ'ה, הוו. (מ. גְנֵי'בוֹת). זעה גְנֵ'בָה.

גַ'סָה, הוו. (מ. גַ'סוֹת). זעה בְהֵ'מָה־גַ'סָה.

גְסִי'סָה, הוו. די לעצטע ליידען פאַר'ן טויט, טויט־מאַטערניש.

געֵ'מַמְ'זֶר'ט, א. פאַרשפּיצט, חיטרע, קונציג. זעה מַמְ'זֵר.

גע'סְרָ'חָה, הז. געשטאַנק. "איט־ליכע משפּחה האָט איהר גע־סרחה" (שפּוו.). זעה סְרָ'חָה.

גֵר [גֶר], המ. (מ. גֵ'רִים). איינער וועלכער האָט זיך באַקעהרט צו דער אידישער רעליגיאָן; אַ פרעמ־דער; אַ'ן עלענדער. "פאַר אַ גר טאָר מען קיין גוי ניט שילטען" (שפּוו.).

גֵר [גֶר]־צֶ'דֶק, המ. (תלמודיש). "אַ וואַהרער באַקעהרטער", איינער וועלכער האָט זיך באַקעהרט צו דער אידישער רעליגיאָן.

גַרְגֶ'רֶת, הוו. קעהל, גאָרגעל. אַיינקריכען אין די גרגרת, דערעסען, דאקוטשען.

גְרוֹגֶרֶת [גְרוֹגְ'רֶת]־דְרַ'בִּי־צָ'דוֹק, הוו. (תלמודיש). די פייג פון רבי־צדוק, פון וועלכען עס ווערט דערצעהלט אין דעם תלמוד אַז אין דער צייט פון דער באַלאַגע־רונג פון ירושלים האָט ער געלעבט בלויז מיט דעם וואָס ער פלעגט אויסשמאָקצען די זאַפט פון אַ פייג, אַ'ן אויסגעשמאָקצעטע פייג. אויסזעהן ווי אַ גרוגרת־דרבי־צדוק, אויסזעהן דאַר און אָפּ־געצעהרט.

גָ'רוּשׁ, המ. (מ. גְרוּ'שִׁים). אַ מאַן וועלכער האָט זיך געשיידט מיט

זיין פרוי. „אַ גרוש איז ניט קיין פרוש“ (שפּוו.).

גֵ'רוּשׁ, המ. (מ. גֵרוּ'שִׁים). אַרויסטרייבונג, פאַרטרייבונג. גרוש שפּאַניען, די אַרויסטרייבונג (פון אידען) פון שפּאַניען.

גְרוּ'שָׁה, הוו. (מ. גְרוּ'שׁוֹת). אַ פרוי וועלכע איז געשיידט פון איהר מאַן.

גֶר'טע, הוו. (מ. גֶר'טעס). איינע וועלכע האָט זיך בּאַקעהרט צו דער אידישער רעליגיאָן.

גֶ'שֶׁם, המ. (ליטורגיש). „רעגען“, דאָס געבּעט פאַר רעגען וואָס מע זאָגט בּיי אידען אום סוכות.

גַשְׁ'מִיוּת, הוו. מאַטעריעלע זאַכען; מאַטעריאַליזמוס.

ד.

ד, דער פיערטער בּוכשטאַבּ פון דעם אידישען אַלף=בּית; אין צעהלען גערעכענט אַלס 4. זעה דָלֶת.

ד־ (צוגעשטעלט אין אָנהויבּ פון אַ העבּרעאישען וואָרט), פון. טוב דטוב, דאָס בּעסטע פון די בּעסטע. גרוגרת דרבּי־צדוק, די פייג פון רבּי־צדוק.

ד', אַ פאַרשטעלטע אַרט פון שרייבּען „יהוה“ (גאָט) און אויסגעשפּראָכען הַשֵׁם (ווז.).

ד־אַ'מוֹת, הוו. מ. (תלמודיש). פיער איילען; קליינער, איינגער פלאַץ; בּאַהענטע אומגעבּונג. ניט געהן אין זיינע ד'־אמות, ניט האָבּען מיט איהם קיין בּאַריהרונג.

דַאְ'גָה, הוו. (מ. דַאְ'גוֹת). זאָרג, בּאַזאָרגטקייט. מיין בּאָבּעס דאגה זאָל עס זיין, מיך קימערט עס ניט. „פרעמדע דאגות נעהמען ניט אַוועק דעם שלאָף“ (שפּוו.).

דַאְ'גָה'ן, דַאְ'גָה'נען, צש. זאָרגען, זיין בּאַזאָרגט. — צא. פאַר'דאגה'ן, פאַרזאָרגען. — פאַר'דאגהט, פאַרזאָרגט, בּאַזאָרגט.

דאְ'גַת־הַכְּ'לָל [הַכְּלַ'ל], הוו. (מ. דַאְ'גוֹת־הַכְּ'לָל [הַכְּלַ'ל]). דאָס זאָרגען פאַר די אינטערעסען פון דער געמיינדע, דעם פאָלק א. ד. ג.

דַאְ'גַת־יָ'חִיד, הוו. (מ. דַאְ'גוֹת־יָ'חִיד). די זאָרג פון אַ'ן איינצעלנעם, פּריוואַט־אינטערעס.

דַאְ'גַת־פַּרְנָ'סָה, הוו. די זאָרג פון ערנעהרען זיך, די זאָרג פאַר לעבּענס=מיטעל.

דַאְ'גַת־צִ'בּוּר, הוו. (מ. דַאְ'גוֹת־צִ'בּוּר). די זאָרג פון דער געמיינדע, אַ געמיינדע=זאַך.

דַאְ'גַת־רַ'בִּים, הוו. (מ. דַאְ'גוֹת־רַ'בִּים). זעה דַאְ'גַת־הַכְּ'לָל.

דִ'בּוּק, המ. (מ. דִבּוּ'קִים), (קאַבּאַליסטיש). אַ בּייזער גייסט וועל=

כער געהט אריין אין אַ מענשען.

דִ'בּוּר, הס. (מ. ד ב ו ר י ם). שפּראַך, אויסשפּראַך; געשפּרעך, רייד.

דְבוֹ'רָה, אנוו. דער נאָמען פון אַ געוויסער אידישער פּראָפעטין דערמאָנט אין דער ביבעל.

דְבֵי'קוּת, הוו. זעה דְבֵ'קוּת.

דְבֵ'קוּת, הוו. באַהעפטונג (פון דעם מענשען צו גאָט), רעליגיעזע ענטציקונג, עקסטאַז.

דְבֵ'קִ'יען־, דְבֵ'קִ'יענען־זיך, צוו. אַריינקומען אין רעליגיעזען עקסטאַז, מאַכען מינעס און באַוועגונגען פון אַ רעליגיעזען עקסטאַז.

דֶ'בֶר, הס. פּעסט, איינע פון די עשר מכות (ווז.).

דָ'בָר, הס. (מ. דְבָ'רִים). אַ וואָרט; אַ זאַך.

דָ'בָר־אַ'חֵר, הס. (מ. דְבָ'רִים־אֲחֵ'רִים), (תלמודיש). 1) "אַנ־אַנדער זאַך" (אַ געגענשטאַנד וועמעס נאָמען מע דאַרף ניט דערמאָנען), אַ שוויין; 2) אַ גראָבע עקעלהאַפטע פּערזאָן.

דָ'בָר־אַ'חֵר בְּיַד־חֲזָ'קָה, (ליטורגיש). אַ שוויין נעהמט מיט שטאַרקער האַנד, ד. ה. מיט געוואַלט (ד ב ר ־ א ח ר ווערט דאָ שפּאַסהאַפט געברויכט אין דעם זין פון "שוויין" וועהרענד אין דעם טעקסט האָט עס די באַדייטונג פון "אַנ'אַנדער זאַך", אַנ־אַנדער מיינונג).

דָ'בָר־אַ'חֵרִ'יטע, הוו. (מ. דָ'בָר־אַ'חֵרִ'יטעס). זעה דָ'בָר־אַ'חֵר 2).

דַ'בֵּר אֶל הָעֵ'צִים וְאֶל הָאֲבָ'נִים, (ביבליש: וַיְדַבֵּר עַל הָעֵצִים). רעדען צו די פּלעקער און צו די שטיינער, ד. ה. קיינער וויל ניט הערען אָדער פאַרשטעהן.

דָ'בָר־אָ'סוּר, הס. (מ. דְבָ'רִים־אֲסוּ'רִים). אַ פאַרבאָטענע זאַך.

דָ'בָר־בְּעִ'תּוֹ, הס. (ביבליש). אַ זאַך אין דער צייט.

דָ'בָר־הַיָדוּ'עַ, הס. אַ באַוואוסטע זאַך.

דָ'בָר־חָ'דָש, הס. אַ נייע זאַך, אַ נייער אויפטהו.

דְבַר־חָכְ'מָה, הס. (מ. דִבְ'רֵי־חָכְ'מָה). אַ קלוג וואָרט, אַ'ן איינפאַל.

דָ'בָר־נִפְ'לָא, הס. (מ. דְבָ'רִים־נִפְלָ'אִים). אַ וואונדערליכע זאַך.

דְבַר־פֶּ'לֶא, הס. אַ וואונדערליכע זאַך.

דְבַר־שׁוֹ'רֶשׁ, הס. (ביבליש: שׁוֹרֶשׁ־דָבָר). דער וואָרצעל, דער גרונד פון דער זאַך. "אז דער אדון ווייס שוין פון כל ד ב ר ־ ש ו ר ש העלפט שוין ניט מעהר קיין חורש" (שפּוו.).

דְבַר־תּוֹ'רָה, הס. (מ. דִבְ'רֵי־תוֹרָה [תוֹ'רָה]), (תלמודיש). אַ'ן אויסטייטשונג פון אַ ביבלישען אָדער תלמודישען טעקסט, אַ שטיקעל דרוש (ווז.).

דִבְ'רֵי־הַיָ'מִים, הס. מ. "די פּאַסירונגען פון די צייטען", דער נאָ־

מען פון א געוויסען ביבלישען בוך (איינגעטהיילט אין צוויי טהיילען, פון וועלכע דער ערשטער הייסט "דברי־הימים א.", און דער צווייטער — "דברי־הימים ב.").

דְבָ'רִים, המ. דער נאָמען פון דעם פינפטען בוך פון חומש (ווז.); הוו. דער נאָמען פון דער פיער און פיערציגסטער סדרה (ווז.).

דְבָ'רִים־בְּטֵ'לִים, המ. מ. (תלמודיש). פוסטע זאַכען, פוסטע רייד.

דַבְּ'רָן, המ. (מ. דַבְּרָ'נִים). רעדנער.

דַ'בֵּר'ען, צש. רעדען.

דָ'גוּש, המ. (מ. דְגוּ'שִׁים). א פינטעלע אין א בוכשטאַב, א געוויסער העברעאישער אויסשפראַך־צייכען.

דָ'גִים, המ. מ. פיש; דער אסטראָנאָמישער צייכען פון דעם שטערען־קרייז פאַר דעם מאָנאַט אדר. זעה מַ'זָל.

דֶ'גֶל, המ. (מ. דְגָ'לִים). פאָהן.

דַ'דִים, מ. בריסט.

דְהַיי'נוּ, או. (תלמודיש). צום ביישפיעל, נעמליך, דאָס הייסט.

דוּגְ'מָא, הוו. (מ. דוּגְמָ'אוֹת). א ביישפיעל.

דָ'וִד, אנמ. דער נאָמען פון דעם אידישען קיניג צו וועלכען דער תהלים ווערט צוגעשריבען.

דָ'וִד־הַמֶּ'לֶך, [הַמֶ'לֶךְ], אנמ. דער קיניג דוד (ווז.).

דוּ'דִי, המ. מיין אָנקעל.

דוֹדָ'תִי, הוו. מיין מוהמע.

דַוְ'קָא, או. זעה דַוְ'קָא.

דוֹ'חֶה־זיין, צא. אָפּשטויסען, קומען פריהער פאַר, זיין וויכטיגער פון; פקוח־נפש איז דוחה שבת, ראַטעווען א לעבען איז וויכטיגער ווי אָפּהיטען שבת.

דוֹ'חַק, המ. נויטה, מאַנגעל.

דוֹ'כָנ'ען, צש. שטעהן (פון די כהנים) ביי דעם ארון־קודש מיט דעם געזיכט צו דעם פאָלק און מיט די הענד אויפגעהויבען אין דער הויך און בענשען דאָס פאָלק (אין געוויסע אידישע פייערטעג); שטעהן פאַרטראַכט.

דוּ'כַס, המ. (דוּכְ'סִים). הערצאָג.

דוֹ'פֶק, המ. פולס.

דַוְ'קָא, או. (תלמודיש). גראד, גראד פאַרקעהרט.

דוֹר [דָ'ר], המ. (מ. דוֹ'רוֹת). געשלעכט, צייטאַלטער, פעריאָדע.

דוֹר [דָ'ר]־דוֹ'רוֹת, המ. מ. א לאַנגע רייהע פון יאָהרען.

דוֹר־הַמַ'בּוּל, המ. (תלמודיש). דאָס געשלעכט וואָס איז אונטערגעגאַנגען אין דער פאַרפלייצונג (זינדפלוטה), ווי די ביבעל דערצעהלט.

דוֹר־הַמִדְ'בָּר, המ. (תלמודיש). די אידען וועלכע משה האָט געפיהרט דורך דער וויסטע.

דוֹר־הַפַלָ'גָה, המ. (תלמודיש). די מענשען וועלכע האָבען געבויט דעם טהורעם פון בבל.

דו'רֵס־זיין, צא. פאַרצוקען, צוריי־סען.

דו'רֵש־טוב, הם. (ביבליש). איינער וואָס זוכט צו טהון גוטס (פאַר אנדערע).

דָחָק [דְחַק], או. נויטה.

דַחְ'קות, הוו. נויטה, מאַנגעל, אָרעמקייט.

דַי־וְהו'תֵר, או. (ביבליש). גענוג און צום איבערבלייבען, מעהר ווי גענוג.

די'בוק, הם. (מ. דיבו'קים). זעה ד'בוק.

די'בור, הם. (מ. דיבו'רים). זעת ד'בור.

דַ'יין, הם. (מ. דַיָ'נים). זעה דַ'יָן.

דימְ'יון, הם. (מ. דימְיו'נות). זעה דַמְ'יון.

דין, הם. (מ. די'נים). געזעץ, פאָר־שריפט, רעגעל.

דַ'יָן, הם. (מ. דַיָ'נים). אַ ריכטער, אַ ראַבינער אָדער געלעהרטער פאַר וועלכען עס ווערען פאָרגעבראַכט געלטליכע אָדער רעליגיעזע פראַ־גען. "אַ הונט טאָהר קיין דין נים זיין" (שפוו.).

דין־וְחֶשְ'בון, הם. (תלמודיש). באַ־ריכט, רעפּאָרט. פּראָטאָקאָל, אויס־קונפט, רעכענונג.

דין־תו'רָה, הם. (מ. דין־תו'רה'ס), (תלמודיש). אַ פּראָצעס פאַר אַ אידישען געריכט.

דַיָ'נות, הוו. דאָס אמט, די שטעלע פון אַ דַיָן (ווז.).

דִי'נֵי־גוֹיִים [גָ'יִים], הם. מ. ציוויל־און קרימינאַל־געזעצען פון ניט־אידען.

די'נֵי־מָ'מונות, הם. מ. (תלמודיש). געלט־זאַכען, ציוויל־געזעצען.

די'נֵי־נְפָ'שות, הם. מ. (תלמודיש). קרימינאַל־זאַכען, קרימינאַל־גע־זעצען.

דֵי'עָה, הוו. (מ. דֵי'עות). זעה דֵ'עָה.

דֵי'קָא, או. זעה דַוְ'קָא.

דיקְ'דוק, הם. זעה דִקְ'דוק.

די'רָה, הוו. (מ. די'רות). וואָהנונג. ד י ר ה ־געלט, וואָהנ־געלט. "אַ'ן אָרעמאַן האַט קעסט אין די הייזער און ד י ר ה אין הקדש" (שפוו.).

דַל, הם. (מ. דַ'לים). אַ'ן אָרעמאַן.

דַל־גֵ'אֶה, הם. (תלמודיש). אַ שטאָל־צער אָרעמאַן.

דַ'לֶד, הם. (מ. דַ'לֶד'ען). זעה דַלֶת.

דַ'לות, הם. (מ. דַלֵי'תים *). אַ'ן אָרעמאַן.

דַ'לות, הוו. אָרעמקייט. "אַ רייגער אָרעמאַן איז אַ שענער ד ל ו ת" (שפוו.). "בעסער צעהן שלעסער איידער איין ד ל ו ת" (שפוו.). "ד ל ו ת מאַכט פסלות" (שפוו.). "ד ל ו ת קאָך לאָקשען, ניטאַ קיין אייער" (שפוו.). "דער ד ל ו ת לעגט זיך צוערשט אויפ'ן

פנים״ (שפוו.). ״גויטת ברעכט אייזען, דלות ברעכט שלעסער״ (שפוו.).

דְּלִי, הם. ״אַ׳ן עמער״, דער אַסטראָנאָמישער צייכען פון דעם שטערען-קרייז פאַר דעם מאָנאַט שבט. זעה מַ׳זָל.

דַּלְ׳פוֹן, אנם. דער נאָמען פון איינעם פון המנ׳ס צעהן זיהן; הם. אָרעמאַן (מ. דַלְפוֹ׳נִים [דַלְפָ׳נִים]). אַ דלפון ווי אין פסוק שטעהט, אַ גרויסער אָרעמאַן.

דַּלֶת [דַ׳לֶד], הם. (מ. דַלֶתִ׳יעֶן [דַ׳לֶד׳יעֶן]). דער נאָמען פון דעם פיערטען בוכשטאַב (ד) פון דעם אידישען אַלף־בית.

דָּם [דַם], הם. (מ. דָ׳מִים). בלוט; די מאָנאַטליכע (ביי פרויען), מענסטרואַציאָן; איינע פון די עשר מכות (ווז.). די דמים זיינען איהם איינגעפאַלען, ער האָט זיך דערשראָקען.

דַּם־שׂוֹ׳נֵא, הם. (מ. דַם־שׂוֹנְאִים [שֹׂנְ׳אִים]). אַ בלוטיגער פיינד.

דִּמְ׳יוֹן, הם. (מ. דִמְיוֹ׳נוֹת). פאַרגלייך; איינבילדונג, פאָרשטעלונג, פאָרשטעלונגס־קראַפט.

דָ׳מִים, הם. מ. געלט.

דָּן, אנם. דער נאָמען פון איינעם פון יעקב׳ס צוועלף זיהן; דער שטאַם וועלכער קומט אַרויס פון דן.

דָּן לְכַף [דַן־לְכַף]־זְכוּת־זיין, צא. (תלמודיש). אורטהיילען צום גוטען, פאַרטהיידיגען.

דָּנִ׳יֵּאל, אנם. דער נאָמען פון אַ געוויסען פראָפעט פון וועלכען די ביבעל דערצעהלט אַז דער קעניג פון בבל האָט איהם געלאָזט אַריינוואַרפען אין אַ לייבען־גרוב און ער ער איז אויף אַ וואונדערבאַרע אַרט געבליבען לעבען; דער נאָמען פון דעם ביבלישען בוך וואָס ענטהאַלט די פראָפעציייהונגען פון דניאל.

דֵּ׳עָה, הוו. (מ. דֵ׳עוֹת). פאַרשטאַנד, מיינונג; שטים, אויטאָריטעט, איינפלוס; געדאַנק, זין. זיך שלאָגען מיט דער דעה, זיך ניט קענען באַשליסען. ״ווי פיעל קעפּ אַזוי פיעל דעות״ (שפוו.).

דער־, די באַדייטונג פון אַלע העבּרעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פאָרוואָרט ״דער״ (וועלכע געפינען זיך ניט דאָ) מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעלוואָרט.

דער־רַגְ׳ז׳ען, **דער־רַגְ׳ז׳ענען**, צא. דערבייזערען, איינבייזערען, אַריינברייגנען אין צאָרן.

דַּ׳עַת, הם. פאַרשטאַנד, פאַרנונפט.

דַּעְ׳תָּן, הם. אַ מענש מיט געזעצטע מיינונגען, אַ מאַן מיט אַ שטאַרקען ווילען.

דַּף, הם. (מ. דַ׳פִּים). אַ בלאַט (פון אַ בוך).

דְּפוּס, הם. דרוק, דרוקעריי.

דְּצַ״ךְ־עֲדַ״שׁ־בְּאַחַ״ב׳, אב. דָם, צְפַרְדֵ׳עַ, כִּ׳נִים, עָ׳רוֹב.

דָ׳בר, שְׁחִין, בָּ׳רָד, אַרְ׳בֶּה, חֹ׳שֶׁךְ, מַ׳כַּת־בְּכוֹ׳רוֹת (בלוט, פרעש, לייז, אָנשיקענים פון טהיערען, פעסט, קרעץ, האָגעל, היישעריק, פינסטערנים און דאָס אויסשטאַרבען פון די ערשט־געבאָרענע), די צעהן פלאָגען וואָס גאָט האָט אָנגעשיקט אויף די עגיפּטער כּדי זיי זאָלען אַרויסלאָזען דאָס אידישע פאָלק פון זייער לאַנד, ווי די ביבעל דערצעהלט. זעה עֲ׳שֶׂר־מַ׳כּוֹת.

דִּקְ׳דּוּק, הם. די רעגעלען און געזעצען פון אַ שפּראַך (געוועהנליך פון דער העברעאישער שפּראַך), גראַמאַטיק.

דִּקְ׳דּוּק־סֵ׳פֶר, הם. (מ. דִּקְ׳דּוּק־סְפָ׳רִים). אַ גראַמאַטיק.

דַּקְדּוּ׳קֵי־עֲנִ׳יּוּת, הם. מ. (תלמודיש). קליינליכע גענויאיגקייטען.

דַּרְ׳גָּא, הוו. (מ. דַּרְ׳גוֹת). אַ טרעפּ, אַ שטופע. דרגות־ווייז, שטופען־ווייז, ביסליך־ווייז.

דַּרְ׳דְּקֵי־מְלַ׳מֵּד, הם. (מ. דַּרְ׳דְּקֵי־מְלַמְּ׳דִים). אַ לעהרער פון קליינע קינדער.

דָּ׳דוֹם, הם. זיד.

דְּרוּ׳שׁ, הם. (מ. דְּרוּ׳שִׁים). אויסטייטשונג פון אַ ביבלישען אָדער תלמודישען טעקסט ניט לויט דער ווערטליכער באַדייטונג. זעה פְּשָׁט; רעדע, פּרעדיגט, פאָרטראַג.

דְּרִ׳יסַת־הָרֶ׳גֶל, הם. (תלמודיש). אַ׳ן איינטריט, דאָס רעכט אַריינצוטרעטען.

דְּרִי׳שָׁה־וַחֲקִירָה [וּחְקִי׳רָה], הוו. (מ. דְּרִי׳שׁוֹת־וַחֲקִירוֹת [וּחְקִי׳רוֹת]). „נאָכזוכונג און נאָכפאָרשונג", אויספאָרשונג, פאַרהער.

דֶּ׳רֶךְ, הם. (מ. דְּרָ׳כִים). וועג; גאַנג, שטייגער, אַרט, מאַניער. נעהמען דעם דרך, אַוועקגעהן, זיך אָפּטראָגען. געבען דעם דרך, הייסען געהן. פאַרגעהן אין הויכע דרכים, זעהר ווייט פאַרגעהן.

דֶּ׳רֶךְ־אַ׳גַב, או. זעה בְּדֶ׳רֶךְ־אַ׳גַב.

דֶּ׳רֶךְ־אֶ׳רֶץ, הם. (תלמודיש). גוטע אויפפיהרונג, שענע מאַניערען, סטאַטעק.

דֶּ׳רֶךְ־הַיָּ׳שָׁר, הם. דער גלייכער (גאָטספאָרכטיגער) וועג.

דֶּ׳רֶךְ־הַלָּ׳צָה, או. זעה בְּדֶ׳רֶךְ־הַלָּ׳צָה.

דֶּ׳רֶךְ־מָ׳שָׁל, או. זעה בְּדֶ׳רֶךְ־מָ׳שָׁל.

דַּרְכֵי [דַּרְ׳כֵּי]־שָׁ׳לוֹם, הם. מ. (תלמודיש). די וועגען פון פריעדען. פון דרכי־שלום וועגען, אום אָנצוהאַלטען אָדער צו מאַכען פריעדען.

דְּרָ׳שׁ [דְּרַ׳שׁ], הם. אויסטייטשונג פון אַ ביבלישען אָדער תלמודישען טעקסט ניט נאָך דער ווערטליכער באַדייטונג. זעה פְּשָׁט.

דְּרָ׳שָׁה, הוו. (מ. דְּרָ׳שׁוֹת). רעדע, פּרעדיגט, פאָרטראַג (געוועהנליך פון אַ רעליגיעזען אינהאַלט).

דְרָ'שָׁה־געשאַנק, הס. אַ געשאַנק וועלכען מע גיט די נײ=פאַרהײ= ראַטהעטע צו זײער האָכצײט (דער אויסדרוק קומט פון דעם וואָס פאַרצײטען פלעגט זײן אַ מאָדע אַז דער חתן פלעגט האַלטען אַ דרשה נאָך דער חופּה). "מע מײנט ניט די דרשה נאָר די בקשה" (ווער.).

דַרְ'שָׁן, הם. (מ. דַרְשָׁ'נִים). רעד= נער, פּרעדיגער, זאָגער.

דַרְ'שׁ'ען, **דַרְ'שׁ'ענען**, צש. רעדען, פּרעדיגען, זאָגען.

ה.

ה, הם. דער פינפטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית. אין אָנ= הויב אָדער אין מיטען פון אַ וואָרט אויסגעשפּראָכען ווי אין "האָבען", אין ענד פון אַ וואָרט — שטום; אין צעהלען גערעכענט אַלס 5. זעה הֵא.

ה־ (צוגעשטעלט אין אָנהויב פון אַ וואָרט), דער, די. המלך, דער קעניג. האשה, די פרוי. הנשמות, די זעעלען.

ה', פאַרקירצטע אַרט פון שרײבען דאָס וואָרט יְהֹוָה (ווז.).

הֵא, הם. (מ. הֵא'ען). דער נאָמען פון דעם פינפטען בוכשטאַב (ה) פון דעם אידישען אַלף־בית. "ער קיט זײן פערד צו עסען דעם הא פון סדור" (ווער.).

הָא־לַחְ'מָא־עַנְ'יָא, (ליטורגיש). "אַט איז דאָס אָרעמע ברויט", די ערשטע ווערטער פון דער הגדה.

הָאוֹ'חֵז־בְּיַד, הס. (ליטורגיש). "דער וועלכער האַלט אין דער האַנד", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ געוויסען געבעט וואָס מע זאָגט אום ראש־השנה. „האוחז־ביד אין די בעסטע תפלה" (שפּוו.). "האוחז־ביד שלום בקעשענע" (שפּוו.). "האוחז־ביד שטעהט גרוים געשריבען" (שפּוו.).

הַאֲזִי'נוּ, הוו. די דרײ און פופציג= סטע סדרה (ווז.).

הֶבְ'דֵל, הם. אונטערשײד.

הַבְדָ'לָה, הוו. (מ. הַבְדָ'לוֹת). דער זעגענשפּרוך וועלכען מע זאָגט בײ אידען שבת=צו=נאַכט; אַ געפלאָכ= טען וואַקס=ליכט וואָס מע צינדט אָן ווען מע זאָגט די הבדלה; אַ געפלאָכטען וואַקס=ליכט.

הַבְטָ'חָה, הוו. (מ. הַבְטָ'חוֹת). פאַרזיכערונג, פאַרשפּרעך, צוזאָג.

הֶ'בֶל, אנט. דער נאָמען פון אָדם־ הראשון'ס צווײטען זוהן וועל= כען זײן עלטערער ברודער קין האָט ערמאָרדעט, ווי די בי= בעל דערצעהלט.

הֶ'בֶל, הם. (מ. הֲבָ'לִים). פּוּסטע
זאַך, נאַרישקייט, אַבערגלויבען.

הֲבֵל־הֲבָ'לִים, הם. (ביבליש). גאָר=
נישט מיט גאָרנישט, אַ פּוּסטע
זאַך.

הַבְ'לִיוֹת, הוו. נאַרישקייטען, פּוּסטע
זאַכען.

הֲבָ'נָה, הוו. פאַרשטאַנד, פאַר=
שטענדעניס.

הַבַּעַ"ל, אב. הַבָּא' (מ. הַבָּ'אִים;
וו. הַבָּ'אָה, מ. הַבָּ'אוֹת) עָלֵי'נוּ
לְטוֹ'בָה, אם. (ליטורגיש). דער
וועלכער וועט קומען אויף אונז
צום גוטען, דער צוקינפטיגער.

הֲבָ'רָה, הוו. (מ. הֲבָ'רוֹת). אויס=
שפּראַכע.

הַגְבֵּהַ [הַגְ'בֵּהַ], הַגְבָּ'הָה, הוו. (מ.
הַגְ'בָּהִים). דאָס אויפהויבען פון
דער ספר־תורה נאָכ'ן לייענען איי=
דער מע וויקעלט זי צונויף. גע=
בען הגבה, באַעהרען (איטי=
צען) מיט הגבה.

הַגָּ'דָה, הוו. (מ. הַגָּ'דוֹת). די זאַמ=
לונג פון געבעטען, ביבלישע
זאַצען, תלמודישע ערקלעהרונגען
ערצעהלונגען און לעגענדען וועל=
כע מע זאָגט ביי אידען אין די
ערשטע צוויי נעכט פון פּסח;
דאָס בוך וואָס ענטהאַלט די גאָ=
טעס=דיענסט פון סדר. "ער מיינט
ניט די הגדה נאָר די קנייד=
לעך" (ווער.).

הֲגָ'הָה, הוו. (מ. הֲגָ'הוֹת). דורכ=
זעהונג, אויסבעסערונג (פון אַ
טעקסט); אָנמערקונג.

הַגְזָ'מָה, הוו. (מ. הַגְזָ'מוֹת). אי=
בערטרייבונג.

הֲגַם', ב. אָבוואָהל, ווען אויך,
כאָטש.

הִ'דּוּר, הם. פאַרשענערונג, פאַר=
פּוּצונג.

הִ'דּוּר־הַכָּ'בוֹד, הם. אכטונג, רע=
ספּעקט, פאַרעהרונג.

הֶדְ'יוֹט, הם. (מ. הֶדְיוֹ'טִים). אַ
פּראָסטער מענש, אַ פּראָסטאַק.

הַדְלָ'קַת־הַנֵּר', הוו. (תלמודיש). די
צערעמאָניע פון אָנצינדען און
בענטשען ליכט פרייטאָג פאַר נאַכט.

הָ'דָס, הם. (מ. הֲדַ'סִים). אַ מירט,
דאָס מירטען=צווייגעל וואָס מע
בינדט=צו צו דעם לולב; אַ
געפעס פון זילבער אָדער אַ'ן
אַנדער מעטאַל אָנגעפילט מיט
געווירצען פון וועלכע מע שמעקט
זאָגענדיג הבדלה (ווז.).

הַדְפָּסָה [הַדְפָּ'סָה], הוו. דאָס דרוקען
(פון אַ בוך).

הַדְרָ'גָה, הוו. דאָס שטייגען אָדער
ענטוויקלען זיך פון שטופע צו
שטופע.

הַדְרָ'כָה, הוו. ערציהונג.

הַדְ'רָן, הם. אַ שאַרפזיניגער תלמודי=
שער פאָרטראַג וועלכער ווערט
געהאַלטען ביים ענדיגען דאָס
שטודיום פון אַ טראַקטאַט פון
תלמוד און וועלכער בעשטעהט
געוועהנליך אין דער צוזאַמענקייט=
לונג פון דעם לעצטען זאַץ פון
דעם געענדיגטען טראַקטאַט מיט
דעם ערשטען זאַץ פון דעם נעכ=
סטען טראַקטאַט.

הַדְרַת־פָּ'נִים, הוו. אַ שענעם אויס=
זעהן, אַ שענע אסאָבע.

הוֹ'דוּ, המ. (ליטורגיש). "דאַנקט",
דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָ=
מען פון אַ געוויסען געבעט וואָס
מע זאָגט אין מאָרגענדיגען דאַוו=
נען; אגמ. דער נאָמען פון אַ גע=
וויסען לאַנד דערמאָנט אין דער
ביבעל. "זאָגט ער פלייש זאָגט זי
פיש זאָגט ער הודו זאָגט זי
כוש" (ווער.).

הוֹדָ'עָה, הוו. (מ. הוֹדָ'עוֹת). באַ=
קאַנטמאַכונג, רעקלאַמע, אַנאָנסע.

הַוָיָ'ה, המ. גאָט (דאָס וואָרט איז
אַ'ן איבערשטעלונג פון די בוכ=
שטאַבען יְהֹוָה, ווז.).

הוֹ'לֵךְ־רָ'כִיל, המ. (ביבליש). באַ=
ריידער, פאַרליימדער.

הוֹ'לֵכ'ען, צש. אוועקגעהן, זיך אָפּ=
טראָגען.

הוֹן, המ. אַ פאַרמעגען.

הוֹן־רַב, המ. אַ גרויס פאַרמעגען.

הוֹן־עָ'צוּם, המ. אַ גרויס פאַרמעגען.

הוֹסָ'פָה, הוו. (מ. הוֹסָ'פוֹת). אַ
צולאָג, אַ ביילאַגע; אַ העכערונג
(פון געהאַלט).

הוֹצָ'אָה, הוו. (מ. הוֹצָ'אוֹת). אויס=
גאַבע, אומקאָסטען; דאָס אַרויס=
נעהמען די ספר־תורה פון דעם
אָרוֹן־קודש פאַר'ן לייענען, אויס=
נעמענים. געבען הוצאה, באַ=
עהרען (אימיצען) מיט אויסנעמע=
נים.

הוֹצָאוֹת־הַדֶ'רֶךְ, הוו. מ. רייזע=
קאָסטען.

הוֹצָ'אוֹת־קְטַ'נוֹת, הוו. מ. קליינע
אויסגאַבען.

הוֹ'קֵר־רַגְ'לְךָ, (ביבליש). מאַך
זעלטען דיין פוס (אין דעם הויז
פון דיין פריינד). "אלע הוי=
קערס זיינען קרום אויסער
הוקר־רגלך" (שפוו.).

הוֹ'רָג*, המ. זעה הָ'רוּג.

הוֹ'רֵג־נֶ'פֶשׁ, המ. (ביבליש). מער=
דער.

הוֹ'רֵג'ען, צא. מערדערליך שלאָגען.

הוֹשֵׁ'עַ, אנמ. דער נאָמען פון אַ
געוויסען ביבלישען פראָפעט;
דאָס ביבלישע בוך וואָס ענטהאַלט
די פראָפעצייהונגען פון הושע.

הוֹשַׁעְ'נָא, הוו. (מ. הוֹשַׁעְ'נוֹת).
"אָ, העלף", דאָס אָנהויב= און
ענד=וואָרט פון געוויסע געבעטען
וועלכע מע זאָגט אום הושענא־
רבה; אַ ווערבע=ריטעל וואָס
מע שלאָגט אָן דער ערד אום
הושענא=רבה זאָגענדיג דערביי די
געבעטען פון הושענא. אָפּגע=
שלאָגענע הושענא, אַ זאַך
וועלכע טויג ניט מעהר.

הוֹשַׁעְ'נָא־רַ'בָּה, המ. דער זיבענטער
טאָג פון סוכות.

הוש"ר, אב. הוֹשַׁעְ'נָא־רַ'בָּה (ווז.).

הִזָ'הֵר־וְהִזָ'הֵר, היט זיך און היט
זיך, זיי זעהר פאָרזיכטיג.

הַזְהָ'רָה, הוו. (מ. הַזְהָ'רוֹת). וואָר=
נונג.

הֶ'זֵיק, המ. (מ. הֶזֵ'יקוֹת). שאדען,
פאַרלוסט.

הַזְכָּרַת־נְשָׁמוֹת, הוו. "די דערמאָנונג פון די זעעלען", אַ געבעט וואָס מע זאָגט פאַר די זעעלען פון די טויטע.

הַזְמָנָה, הוו. (מ. הַזְמָנוֹת). רופצעטעל, פאָרוועסטקע.

הַחְלָטָה, הוו. (מ. הַחְלָטוֹת). באַשלוס, רעזאָלוציאָן.

הֵידוּר, הם. זעה הִדוּר.

הַיּוֹם, הם. (ליטורגיש). "היינט", דאָס ערשטע וואָרט מיט וועלכען עס הייבט זיך אָן יעדער פערז פון אַ געוויסען געבעט וואָס מע זאָגט אום ראש־השנה צום ענד פון דאַוונען. קומען נאָך אַלע היום'ס, קומען זעהר שפּעט.

הֱיוֹת, או. אין אנבעטראַכט אַז, אַזוי ווי.

הֵיכָא־תִּמְצָא, (תלמודיש). "וואו וועסטו עס געפינען?", ווי קען דאָס זיין? ווי איז עס מעגליך?

הֵיכָל, הם. טעמפּעל, דער הייליגער טעמפּעל (פאַרצייטען ביי אידען).

הֵילֶד־אֵינֶנּוּ, (ביבליש). "דאָס קינד איז ניטאָ", ער איז אַנטלאָפען.

הִילוּךְ, הם. זעה הִלוּךְ.

הִילְכְתָא, הוו. (מ. הִילְכְתוֹת), (תלמודיש). זעה הִלְכְתָא.

הִיפּוּךְ, הֵיפֶךְ, הם. זעה הֶפֶךְ.

הִירְהוּר, הם. (מ. הִירְהוּרִים), (תלמודיש). זעה הִרְהוּר.

הֲיִתָּכֵן, קען עס דען זיין? איז עס מעגליך?

הַכְבָּדָה, הוו. (מ. הַכְבָּדוֹת). באַשווערונג, באַלעסטיגונג.

הַכְחָשָׁה [הַכְּחָשָׁה], הוו. (מ. הַכְחָשׁוֹת [הַכְּחָשׁוֹת]). אָפּלייקענונג, פאַרלייקענונג.

הַכֹּל־בְּאֲשֶׁר־לַכֹּל, או. אַלץ מיט אַנאַנדער, אין גאַנצען.

הַכֹּל־הֶבֶל, (ביבליש). אַלצדינג איז פּוסטקייט (נאַרישקייט). "הכל־הבל און גע'הבל'ט מוז דאָך ווערען" (שפּוו.).

הַכְּלָלִי, או. די הויפּטזאַך איז, דער רעזולטאַט איז, אַלזאָ.

הֲכָנָה, הוו. (מ. הֲכָנוֹת). פאָרבאַרייטונג, צובאַרייטונג.

הַכְנָסָה, הוו. (מ. הַכְנָסוֹת). אייננאַהמע, איינקונפט, איינטראַג; דאָס אַריינשטעלען די ספר־תורה צוריק אין אָרון־קודש נאָכ'ן לייענען. געבען הכנסה, באַעהרען (אימיצען) מיט אַריינשטעלען די ספר־תורה אין אָרון־קודש. "אָהן הוצאה איז קיין הכנסה ניטאָ" (שפּוו.).

הַכְנָסַת־אוֹרְחִים [אָרְחִים], הוו. (תלמודיש). דאָס אויפנעהמען פרעמדע, גאַסטפריינדליכקייט; אַ'ן אַנשטאַלט וואו עס ווערען אויפגענומען אָרעמע פרעמדע.

הַכְנָסַת־כַּלָּה, הוו. (תלמודיש). דאָס אויסהעלפען אַ'ן אָרעם מיידעל מיט געלט אָדער אויסשטייער אום זי צו פאַרהייראַטהען.

הַכְנָעָה, הוו. אונטערטהעניגקייט, נידערגעשלאָגענקייט.

הַכְּצַעֲקָ'תָה, (ביבליש). צי איז טאַקי (די זאַך אַזוי) ווי דאָס געשריי איז.

הֶכְ'רַח, הם. נויטהווענדיגקייט.

הֶכְרָ'חִיוּת, הוו. אַ נויטהווענדיגקייט, אַ נויטהווענדיגע זאַך.

הַכְרָ'עָה, הוו. (מ. הַכְרָ'עוֹת). אַ צולאָג (צום געוויכט אָדער צו דער מאָס); אַ קאָמפּראָמיס, אַ'ן ענטשיידונג.

הֶכְ'שֵׁר, הם. (מ. הֶכְשֵׁ'רִים). אַ דאָקומענט, אַ צייגניס אויף כשרות (ווז.).

הַלְבָּ'שָׁה, הוו. באַקליידונג, אויסקליידונג.

הַלְוָ'אָה, הוו. (מ. הַלְוָ'אוֹת). פאַרלייהונג, פאַרבאָרגונג (פון געלט), באָרג.

הַלְוַאי', אר. (תלמודיש). ניעחאַי, איך ווינש אַז.

הַלְוָ'אָה, הוו. (מ. הַלְוָ'אוֹת). זעה הַלְוָ'אָה.

הַלְוַאי', אר. זעה הַלְוַאי'.

הַלְוָיַת (הַלְוָיַת)־הַמֵּת', הוו. (תלמודיש). דאָס באַגלייטען דעם טויטען צו דעם פּלאַטץ פון זיין בעערדיגונג.

הִ'לּוּךְ, הם. אַ גאַנג, מאַניער פון געהן; מאַניער פון געהן געקליידעט, קליידונג.

הָ'לֹךְ־יֵלֵךְ, (ביבליש). ער וועט געהן. "דער הלך ילכ'ט ניט" (ווער. — ד. ה. די זאַך געהט ניט).

הָ'לַךְ־לְעוֹלָ'מוֹ, (ליטורגיש). ער איז אַוועק אויף זיין וועלט, ער איז געשטאָרבען. ער איז שוין אַ הלך־לעולמו, ער איז טויט.

הֲלָ'כָה, הוו. (מ. הֲלָ'כוֹת). אַ געזעץ, אַ פאָרשריפט; דעריעניגער טהייל פון תלמוד וואָס באַשטעהט פון געזעצען און רעליגיעזע פאָרשריפטען און אונטערשיידעט זיך פון דער אגדה. זעה תַּלְ'מוּד.

הַלְ'כִיען, **הַלְ'כִיענען**, צש. געהן.

הִלְ'כַת־, הוו. (מ. הִלְ'כוֹת־). זעה הֲלָ'כָה.

הִלְ'כְתָא, הוו. (מ. הִלְ'כְתוֹת). אַ פאַרוויקעלטער שווערער אינטערעס, אַ געשליעדער.

הַ'לֵּל, הם. (ליטורגיש). אַ צוזאַמענשטעלונג פון געוויסע קאַפּיטלען פון תהלים וועלכע מע זאָגט ראש־חדש און יום־טוב. האַלב הלל, הלל אין פאַרקירצטער פאָרם.

הַ'לֵּל־הַגָּ'דוֹל, הם. (תלמודיש). דער גרויסער (אונפאַרקירצטער) הלל.

הַלְלוּ'יָהּ, (ביבליש). "ריהמט גאָט", דאָס אָנהויב־ און שלום־וואָרט פון פיעל קאַפּיטלעך תהלים.

הַלְמַאי', ב. זעה אַמַּאי.

הֲלָ'צָה, הוו. (מ. הֲלָ'צוֹת). אַ שפּאַס, אַ ווערטעל, אַ וויץ.

הַמַּבְ'דִּיל, הם. (ליטורגיש). "דער וואָס מאַכט אַ'ן אָפּשייד", דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָמען

פון אַ געבעט וואָס מע זאָגט ווען דער שבת פאַרגעהט.

הַמּוֹכַ"ז', אב. הַמוֹ'סֵר־כְּתָב־זֶה, הם. דער איבערברייגגער פון דעם דאָזיגען בריעף.

הָמוֹן', חם. פעבעל, נידעריגע מאַסע; אַ גרויסע מאַסע.

הֲמוֹן־עָם [עַם], הם. (ביבליש). פעבעל, נידריגע מאַסע.

הַמוֹ'צִיא, הם. (ליטורגיש). "דער וואָס ברייננגט אַרויס", דער נאָמען פון דעם זעגענשפרוך וועלכען מע זאָגט איידער מע עסט ברויט; דאָס ערשטע שטיקעל ברויט וואָס מע עסט נאָך דעם ווי מע זאָגט המוציא. "די חלה קלעקט ניט אויף אַ המוציא" (ווער.). "איבער אַ'ן אָנגעהויבענע חלה איז ניט גוט המוציא צו מאַכען" (שפוו.). "נו, מאַך המוציא" (ווער. וואָס מע זאָגט ווען איינער פרעגט: "נו?").

הַמְכוּ'נֶה, אם. דער גערופענער, דער זאָגענאַנטער. "יוסף המכונה יאָזעף".

הַמֶ'לֶךְ, הם. (ליטורגיש). "דער קעניג", דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָמען פון אַ געוויסען געבעט וואָס מע זאָגט אום ראש־השנה (דאָס וואָרט ווערט געוועהנליך זעהר הויך אַרויסגעשריען).

הָ'מָן, אנם. דער מיניסטער און ראַטהגעבער פון דעם קיניג אחשורוש וועלכער האָט געפלאַנט צו פאַרטיליגען אַלע אידען און וועלכער איז נאָכדעם אַליין געהאַנגען געוואָרען, ווי עס ווערט באַשריבען אין דעם ביבלישען בוך "אסתר"; אַ פייגד פון אידען; אַ שלעכטער מענש. קלאַפּען המן'ען, קלאַפען מיט די פיס אָדער מיט גראַגערס אין דער צייט ווען מע לייענט די געשיכטע פון המן'ען אין שוהל אום פורים, ביי יעדען מאָל ווען דאָס וואָרט "המן" ווערט דערמאָנט. המן'ס מפּלה, אַ שלעכטער אָפשניט, אַ דורכפאַל.

הָ'מָן־טאַש, הם. (מ. הָ'מָן־טאַשען). אַ געוויסער זאָרט דרייעקיגער קוכען אָנגעפילט מיט מאָהן וועלכען מע באַקט אויף פורים.

הָ'מָן־קלאַפּער, הם. (מ. הָ'מָן־קלאַפּערס). אַ גראַגער אָדער אַ'ן אַנדער קלאַפּגעצייג מיט וועלכען די קינדער קלאַפּען המן'ען (ווז.).

הַמְצָ'אָה, הוו. (מ. הַמְצָ'אוֹת). שפּאַס, וויץ, שפּיצעל; איינפאַל. אויבער־המצאה, אויבער־שפּיצעל.

הֶמְ'שֵׁךְ, הם. (מ. הֶמְשֵׁ'כִים). פאָרטזעצונג; פאַרבינדונג.

הֵן [הֶן], הם. יא, יא־וואָרט; אי, אויך.

הֵן [הֶן]־צֶ'דֶק, הם. עהרענוואָרט, עהרליכעס יא־וואָרט.

הֵן [הֶן]־שֶׁלִ'י', הם. מיין יא־וואָרט, מיין עהרענוואָרט.

הֲנָ'אָה, הוו. (מ. הֲנָ'אוֹת). פאַר־גענינגען, גענוס.

הִ'נֵה, ב. אַזוי ווי.

הַנְהָ'גָה. הוו. (מ. הַנְהָ'גוֹת). פיה־

רונג, פאַרוואַלטונג; אויפפיהרונג;
איינפיהרונג.

הֲנָ׳חָה, הוו. (מ. הֲנָ׳חוֹת). גרונד=
זאַץ; פאַרלייכטערונג, פאַרלינדע=
רונג; נאָכלאָזונג, אַרונטערלאָזונג,
ראַבאַט.

הַנַ״ל, אב. הַנִּזְ׳כָּר (מ. הַנִּזְכָּ׳רִים;
וו. הַנִּזְכָּ׳רָה, מ. הַנִּזְכָּ׳רוֹת)
לְעֵ׳יל, א. דער אויבענדערמאָנ=
טער.

הִנְ׳נִי, הם. (ליטורגיש). דאָס ער=
שטע וואָרט און דער נאָמען פון
אַ געבעט וואָס מע זאָגט פאַר
מוסף אום ראש־השנה.

הַנְעָ׳לָה, הוו. באַשוכונג.

הַנֵּ׳רוֹת־הַלָּ׳לוּ, הם. (ליטורגיש).
"די דאָזיגע ליכט", די ערשטע
ווערטער און דער נאָמען פון אַ
געבעט=געזאַנג וואָס מע זינגט
ווען מע צינדט אָן די חנוכה=
ליכט.

הֶ׳סֵב *־בעט, הז. דער שטוהל
אַדער געזעס אויסגעבעט מיט קי=
שענס אויף וועלכען דער פאַמי=
ליען=פאָטער זיצט אָנגעלעהנט ביים
אָפריכטען סדר.

הַסְבָּ׳רָה, הוו. (מ. הַסְבָּ׳רוֹת). ער=
קלערונג, אויסטײַטשונג.

הֶסְ׳כֵּם, הם. צושטימונג.

הַסְכָּ׳מָה, הוו. (מ. הַסְכָּ׳מוֹת). צו=
שטימונג, רעקאָמענדאַציאָן, באַ=
שטעטיגונג; רעקאָמענדירענדער
בריעף.

הֶסְ׳פֵּד, הם. (מ. הֶסְפֵּ׳דִים). קלאָג=
רעדע, לויבערעדע נאָך אַ גע=
שטאָרבענעם.

הַסְפָּ׳קָה, הוו. (מ. הַסְפָּ׳קוֹת).
אויסהאַלטונג, ערנעהרונג, פענסיע.

הִסְתַּפְּ׳קוּת, הוו. דאָס באַגנוגען זיך
(מיט ווייניג).

הֶעְדֵּר [הֶ׳דֵּר]־הַכָּ׳בוֹד, הם. פאַר=
מינדערונג פוּן עהרע, באַליידיגונג.

הַעֲוָ׳יָה [הַעֲוַ׳יָה], הוו. (מ. הַעֲוָ׳יוֹת
[הַעֲוַ׳יוֹת]). פאַרקרימונג (פון גע=
זיכט), גרימאַסע, מינע; באַ=
וועגונג.

הֶעָזָה [הֶ׳זָה] הוו. (מ. הֶעָזוֹת
[הֶ׳זוֹת]). פרעכהייט, אונפאַר=
שעמטקייט.

הֶעָ׳רָה, הוו (מ. הֶעָ׳רוֹת). אַנ=
מערקונג.

הַעֲרָ׳כָה, הוו (מ. הַעֲרָ׳כוֹת). אָפּ=
שאַצונג, אָפּטאַקסירונג; אַ טאַקסע
וועלכע די געמיינדע לעגט אַרויף
אויף די מיטגלידער לויט איטלי=
כענ׳ס פאַרמעגען.

הַעְתָּ׳קָה, הוו. (מ. הַעְתָּ׳קוֹת). אי=
בערזעצונג.

הֶ׳פּוּךְ, הם. זעה הֵפֶךְ.

הַפְטוֹ׳רָה, הוו. (מ. הַפְטוֹ׳רוֹת).
דער קאַפּיטעל פון נביאים אָדער
כתובים וועלכען מע לייענט פאַר
אין שוהל אום שבת און יום־טוב
און אין פאַסט=טעג נאָך דעם ווי
מע האָט געלייענט פון דער תורה.
אַ נאָמען פון דער הפטורה,
אַ׳ן אויסגעטראַכטער, נישט=גע=
שטויגענער נישט=געפלויגענער נאָ=
מען.

הֶפֶךְ [הֵ'פֶךְ], המ. געגענזאַץ, געגענטהייל.

הֶפְכְ'פַּךְ, המ. (ביבליש). אַ לייבטזיניגער, פאַרענדערליכער מענש.

הַפְלֵא־וָפֶ'לֶא, או. (ביבליש). העכסט וואונדערבאַר, זעהר מערקווירדיג, אויסגעצייכענט גוט.

הַפְלָ'גָה, הוו. (מ. הַפְלָ'גוֹת). איבערטרייבונג.

הַפָּ'נִים, או. ווי עס שיינט, ווי עס זעהט אוים, קענטיג.

הֶפְ'סֵק, המ. (מ. הֶפְסֵ'קִים). אונטערברעכונג, אָפּרוה, צווישענרוים, צווישענצייט.

הַפְסָ'קָה, הוו. (מ. הַפְסָ'קוֹת). אונטערברעכונג, אָפּרוה, צווישענצייט, צווישענרוים. פאַסטען הפסקות, פאַסטען אַלע מאָנטאג און דאָנערשטאג אָדער אַנדערע באַשטימטע טעג אין דער וואָך.

הֶפְ'קֵר, א. פריי, פריי פאַר אַלעמען; אויסגעלאַסען, פרינציפּלאָז. הפקר־פּעטרושקע, פריי, אָהן אַ קאָנטראָל. "אַז דאָס לעבען איז זיס איז די וועלט הפקר" (שפּוז.).

הֶפְ'קֵר־יוּנג, המ. (מ. הֶפְ'קֵר־יונגען). אויסגעלאַסענער פרינציפּלאָזער קערל.

הֶפְקֵ'רוּת, הוו. אויסגעלאַסענהייט, פרינציפּלאָזיגקייט.

הִצְטַ'רְכוּת, הוו. (מ. הִצְטַ'רְכוּת'ען). באַדערפעניס, נויטהווענדיגקייט.

הַצְלָ'חָה, הוו. (מ. הַצְלָ'חוֹת). גליק, ערפאָלג, געראָטעניס.

הֲצָ'עָה, הוו. (מ. הֲצָ'עוֹת). פאָרשלאַג, פּראָיעקט.

הק', אב. הַקָּ'טָן (ווז.).

הקב"ה, אב. הַקָּ'דוֹש־בָּ'רוּךְ־הוּא (ווז.).

הַקָּ'דוֹש־בָּ'רוּךְ־הוּא, המ. (תלמודיש). דער הייליגער געבענשט זאָל זיין זיין נאָמען, גאָט.

הַקְדָ'מָה, הוו. (מ. הַקְדָ'מוֹת). פאָררעדע, פאָרוואָרט, איינלייטונג.

הֶקְ'דֵשׁ, המ. (מ. הֶקְדֵ'שִׁים). "הייליגקייט", אַ נאַכטלאַגער פאַר בעטלער אָדער אַ קראַנקענהויז פאַר אָרעמע; אַ שמוציג הויז. "אַ ליאַרם ווי אין אַ הקדש" (וויער.).

הֶקְ'דֵשׁ'ניצע, הוו. (מ. הֶקְ'דֵשׁ'ניצעס). אַ נידעריגע געמיינע פרוי.

הֶקְ'דֵשׁ'ניק, המ. (מ. הֶקְ'דֵשׁ'ניקעס). אַ נידעריגער געמיינער מאַן.

הַקָּ'טָן, א. דער קלייגער, דער וויינציגער (אַ'ן אויסדרוק פון באַשיידענהייט וועלכען מע שטעלט פאַר דעם נאָמען ווען מע שרייבט אונטער אַ בריעף).

הַקִּי'צוּר, או. זעה הַקִּ'צוּר.

הַקָּ'פָה, הוו. (מ. הַקָּ'פוֹת). אַרומגאַנג, רונדמאַרש (אין שוהל אום שמחת־תורה); באָרג, קרעדיט.

הַקִּ'צוּר, או. אין קורצען, אַלזאָ.

הַר־, המ. באַרג.

הַר־הַבַּ'יִת, המ. (תלמודיש). דער באַרג אויף וועלכען דער הייליגער

טעמפּעל (ביי אידען פּאַרצייטען)
איז געשטאַנען.

הַר־הַזֵּי׳תִים, המ. (ביבליש). דער
איילבערט־באַרג, אַ געוויסער היי־
ליגער באַרג אין פּאַלעסטינא.

הֶ׳רֶג, המ. (תלמודיש). די שטראָף
פון קעפּען (ביי אידען פּאַרצייטען).

הֶ׳רְגֵל, המ. געוואָהנהייט.

הֶ׳רְגֵל־נַעֲ׳שֶׂה־טֶ׳בַע, (נאָכתלמו־
דיש). די געוואָהנהייט ווערט אַ
נאַטור.

הַרְ׳גִיען, הַרְ׳גִ׳ענען, צא. טויטען,
ערמאָרדען; מערדערליך שלאָגען,
שלאָגען. אַרויס׳הרג׳ען,
אַרויסשליידערן. אַרונטער׳־
הרג׳ען, אַרונטערשליידערן.
צו׳הרג׳ען, טויטען.

הֶ׳רְגֵשׁ, המ. געפיהל.

הַרְגָ׳שָׁה, הוו. געפיהל, דאָס
פיהל׳ען.

הֶ׳רְ׳הוּר, המ. (מ. הִרְהוּ׳רִים),
(תלמודיש). געדאַנק, פאַרבאָר־
גענער געדאַנק.

הִרְהוּ׳רִים־רָ׳עִים, המ. מ. (ליטור־
גיש). שלעכטע געדאַנקען.

הָ׳רוּג, המ. (מ. הֲרוּ׳גִים). ערמאָר־
דעטער, טויטער קערפּער.

הַרְוָ׳חָה, הַרְוָ׳חָה, הוו. (מ.
הַרְוָ׳חוֹת, הַרְוָ׳חוֹת). פאַרדינסט,
פּראָפיט.

הַרְחָ׳בָה, הוו. ברייטקייט, באַ־
קוועמליכקייט, גוטע אומשטענדען.

הֲרֵי־אַתְּ־מְקוּדֶ׳שֶׁת, (ליטורגיש).
"די ביסט היליג פאַרבונדען", די
ערשטע ווערטער פון דעם שפּרוך
וועלכען דער חתן זאָגט צו דער
כלה ווען ער טהוט איהר אָן דעם
הייראַטה־רינג.

הָ׳רֵי־חוֹ׳שֶׁךְ, המ. מ. (תלמודיש).
די פינסטערע בערג, ווייט פאַר־
וואָרפענע לעגענדאַרישע בערג.
אַזש אין די הרי־חושך,
זעהר ווייט פאַררוקט.

הֲרֵי׳גָה, הוו. (מ. הֲרֵי׳גוֹת). אַ׳ן
אויסשלאַכטונג; אַ שלאַכט, אַ
אַ קריג, אַ געשלעג, אַ האַמפעריי.

הָ׳רִים־וּגְבָ׳עוֹת, המ. מ. (ביבליש).
בערג און טהאָלען. צוזאָגען
הרים־וגבעות, מאַכען גרויסע
פאַרשפּרעכען.

הֲרֵי׳נִי־מוּ׳כָן־וּמְזוּ׳מָן, (ליטורגיש).
"איך בין גרייט און פאַרטיג", די
ערשטע ווערטער פון דעם שפּרוך
וועלכען מע זאָגט איידער מע
פאַרריכט אַ רעליגיעזע צערעמאָניע.

הֶ׳רֶף־עַ׳יִן, המ. (תלמודיש). אַ
וואונק פון אַ׳ן אויג, אַ׳ן אויגענ־
בליק.

הַרְשָׁ׳אָה, הוו. (מ. הַרְשָׁ׳אוֹת).
פּאַלמאַכט, בעפאָלמעכטיגונג.

הַשְׁאָ׳רַת־הַנֶּ׳פֶשׁ, הוו. "די איבער־
בלייבונג פון דער זעעלע", די
אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע.

הַשְׁבָּ׳עָה, הוו. (מ. הַשְׁבָּ׳עוֹת), (קאַ־
באַליסטיש). דאָס באַשווערען
(דורך הייליגע נעמען און ווער־
טער) אַ בייזען גייסט אָדער אַ
טייוועל.

הֲשָׁ׳בַת־אֲבֵי׳דָה, הוו. (תלמודיש).
דאָס אָפּגעבען אַ געפונענעם גע־

נענשטאנד צוריק צו דעם אייגענטהימער.

הֲשָּׂ׳גָה, הוו. (מ. הֲשָּׂ׳גוֹת). באגריף; די פעהיגקייט צו באגרייפען, אויפפאסונגס=קראפט.

הַשְׁגָ׳חָה, הוו. (מ. הַשְׁגָ׳חוֹת). אויפזעהונג, אויפפאסונג; געטליכע אויפזעהונג, פארזעהונג. ״יעדע מערכה איז פון גאט׳ס השגחה״ (שפוו.).

הַשְׁגָ׳חָה־עֶלְיוֹ׳נָה, הוו. די אויבערשטע אויפזעהונג, די געטליכע פארזעהונג.

הַשְׁגָ׳חָה־פְּרָ׳טִית, הוו. די געטליכע אויפפאסונג אויף איטליכען בעשעפענים באזונדער.

הֲשׁוֹ׳מֵר־אָ׳חִי־אָנֹ׳כִי, (ביבליש). בין איך דען דער היטער פון מיין ברודער?, די ווערטער וואס קין האט געענטפערט ווען גאט האט איהם געפרעגט וועגען זיין ברודער הבל וועלכען ער האט ערמארדעט.

הֲשִׁיבֵ׳נוּ, (ליטורגיש). ״קעהר אונז אום צוריק״. „השיבנו נאזאד!״ (ווער. — ד. ה. צוריק! איבערגעדרעהט דעם דייקסעל!).

השי״ת, אב. הַשֵּׁם־יִתְבָּ׳רַךְ (ווז.).

הַשְׂכָּ׳לָה, הוו. בילדונג, אויפקלערונג (דאס ווארט ווערט הויפטזעכליך געברויכט צו בעצייכענען די באוועגונג פאר אייראפייאישע בילדונג וואס האט זיך אנגעהויבען צווישען אידען אין דעם לעצטען טהייל פון דעם 18=טען יאהרהונדערט און האט זיך צוערשט ארויסגעוויזען אין דער אויפבליהונג פון דער ניי=העברעאישער ליטעראטור).

הַשְׂכָּ׳לָה־סֵ׳פֶר, הס. (מ. הַשְׂכָּ׳לָה־סְפָ׳רִים). א ניי=העברעאישעס בוך, א בוך פון א ניט=רעליגיעזען אינהאלט.

הַשְׁכָּ׳מָה, הוו. דאס פריה אויפשטעהן (צום דאווענען).

הַשְׁלָ׳מָה, הוו. (מ. הַשְׁלָ׳מוֹת). בילדונג, קענטעניס.

הַשְׁלָ׳שָׁה, הוו. דאס איינלעגען געלט ביי א שליש (ווז.).

הַשֵּׁם [הַשֶּׁם׳], הס. דער נאמען (פון גאט), גאט. זעה שֵׁם־הַמְּפוֹ׳רָשׁ.

הַשֵּׁם [הַשֶּׁם׳] יַצְלִ׳יחַ דַּרְכְּ׳ךָ (מ. דַּרְכְּכֶם [דַרְכֵּ׳כֶם]). גאט זאל באגליקען דיין (אייער) וועג.

הַשֵּׁם [הַשֶּׁם׳]־יִשְׁמְרֵ׳נוּ, גאט זאל אונז באהיטען.

הַשֵּׁם [הַשֶּׁם׳]־יִתְבָּ׳רַךְ, גאט געבענשט זאל ער זיין.

הַשְׁמָ׳טָה, הוו. א׳ן אויסלאזונג, א׳ן אויסגעלאזענער זאץ אדער ווארט.

הַשְׁעָ׳רָה, הוו. (מ. הַשְׁעָ׳רוֹת). פארמוטהונג, מיינונג, היפאטהעזע.

הַשְׁפָּ׳עָה, הוו. (מ. הַשְׁפָּ׳עוֹת). איינפלוס, באאיינפלוסונג.

הַשְׁפָּ׳עָה־עֶלְיוֹ׳נָה, הוו. (קאבאליסטיש). דער איינפלוס פון אויבען, די געטליכע באאיינפלוסונג (אויף דער וועלט).

הַשְׁקָ׳פָה, הוו. (מ. הַשְׁקָ׳פוֹת). איבערזיכט, איבערבליק.

הִשְׁתַּדְ'לוּת, הוו. (מ. הִשְׁתַּדְ'לוּת'ען). באַמיהונג, חאַדאַטייסטוואָ.

הִשְׁתּוֹמְ'מוּת, הוו. ערשטוינונג, פאַרוואונדערונג.

הִשְׁתַּלְ'שְׁלוּת, הוו. (קאַבאַליסטיש). די צוזאַמענקייטלונג פון באַגעבענהייטען אָדער פון אורזאַכען און פאָלגען.

הַשְּׁתָּ'נָה, הוו. אורין.

הִשְׁתַּ'נוּת, הוו. (מ. הִשְׁתַּ'נוּת'ען). פאַרענדערונג.

הִשְׁתַּפְּ'כוּת, הוו. אויפגיסונג (פון געפיהלען).

הִשְׁתַּפְּ'כוּת־הַנֶ'פֶשׁ, הוו. אויסגיסונג פון דער זעלע, אויסגיסונג פון געפיהלען.

הִתְבּוֹדְ'דוּת, הוו. אָפגעזונדערטקייט פון דער וועלט, איינזאַמקייט.

הִתְבּוֹנְ'נוּת, הוו. דאָס אַריינטראַכטען זיך, באַטראַכטונג, אויפמערקזאַמקייט.

הִתְדַבְּ'קוּת, הוו. (קאַבאַליסטיש). דאָס באַהעפטען זיך (אין געדאַנקען צו גאָט).

הִתְחַ'דֵשׁ, באַנייַ זיך! (אַזוי ווינשט מען איינעם וועלכער טהוט אָן אַ נייַ קלייד צום ערשטען מאָל).

הִתְחַיְּ'בוּת, הוו. (מ. הִתְחַיְּ'בוּת'ען). פאַרפליכטונג, פליכט.

הִתְחַכְּ'מוּת, הוו. דאָס קליגען זיך, שאַרפזיניגקייט.

הַתְחָ'לָה, הוו. (מ. הַתְחָ'לוֹת). אָנהויב. "אַ גוטע התחלה איז אַ האַלבע אַרבייט" (שפוו.). "אַ שלעכטע התחלה ברייגנט צו אַ מפלה" (שפוו.).

הַתְחָ'לַת־הַסֵ'פֶר, הוו. דאָס אָנהויבען שרייבען אַ ספר־תורה; דער פאַראַד וועלכער ווערט געמאַכט בייַ'ן אָנהויבען שרייבען אַ ספר־תורה.

הֶ'תֵּיר, המ. (מ. הֶתֵּי'רִים). ערלויבנים. "קליינע התירים ברייגנען גרויסע יסורים" (שפוו. ווערטשפּיעל פון וואָרט "יסורים" און "אסורים").

הֶ'תֵּיר־עִסְ'קָא, המ. (מ. הֶ'תֵּיר־עִסְ'קָא'ס). די ערלויבנים וועלכע איז געמאַכט געוואָרען פון געוויסע ראַבינישע אויטאָריטעטען (מהר"ם מרוטענבערג) צו נעהמען פראָצענט אונטער געוויסע באַדינגונגען; אַ צעטעל וואָס ווערט אויסגעמאַכט אין פאַרבינדונג מיט אַ וועקסעל אָדער אַ באַמערקונג אויפ'ן וועקסעל אַליין וואו עס ווערט ערקלערט אַז דער פראָצענט ווערט גענומען לויט דער ראַבינישער ערלויבנים.

הִתְלַ'הֲבוּת, הוו. צופלאַמטקייט, צוהיצטקייט, באַגייסטערונג, ענטהוזיאַזמוס.

הִתְלַ'הֲבוּתדיג, א. מיט היץ, מיט אַ ברען, ענטהוזיאַסטיש.

הַתְמָ'דָה, הוו. פלייס, פלייסיגקייט.

הִתְמַ'נוּת, הוו. (מ. הִתְמַ'נוּת'ען). אַמט, שטעלע; דאָס אַרויפזעצען (אימיצען) אויף אַ'ן אַמט.

הִתְנַגְ'דוּת, הוו. דאָס שטעלען זיך אַנטקעגען, ווידערשטאַנד.

הִתְנַצְּ'לוּת, הוו. (מ. הִתְנַצְּ'לוּת'יען). פאַרענטפערונג, פאַרטהיידיגונג.

הִתְעוֹרְ'רוּת, הוו. ערוואַכונג, באַ=גייסטערונג.

הִתְפָּעֲלוּת [הִתְפַּעְ'לוּת], הוו. ענט=ציקונג, באַגייסטערונג, באַוואונ=דערונג. תאָפען התפעלות, ווערען ענטציקט. קעלבערנע התפעלות, נאַרישע באַוואונ=דערונג.

הִתְפַּשְּׁ'טוּת־הַגַּשְׁ'מִיּוּת, הוו. (קאַ=באַליסטיש). דאָס אויסטהאָן זיך פון אַלע קערפערליכע און מאַטע=ריעלע אינטערעסען.

הַתִּקְ'וָה, הוו. "די האָפנונג", דער נאָמען פון אַ געוויסען ציוניסטישען ליעד.

הִתְקָרְ'בוּת, הוו. פריינדליכקייט, פריינדליכע באַהאַנדלונג.

הִתְקַשְּׁ'רוּת, הוו. פאַרבינדונג.

הַתָּ'רַת־נְדָ'רִים, הוו. (תלמודיש). די אויפלייזונג פון אַ נדר (ווז.) (דורך דעם רב אָדער דורך גע=לעהרטע).

הַתְרָ'אָה, הוו. (מ. הַתְרָ'אוֹת). ווארנונג; אַ מינדליכער אָדער גע=שריבענער אויפרוף צו ערשיינען פאַר'ן רב.

ו.

ו, חמ. זער זעקסטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית. אָהן אַ וואָקאַל=צייכען אָדער מיט אַלע אַנדערע וואָקאַלען אויסער חולם אָדער שורוק אויסגעשפּראָכען ווי "וו" אין "וועקען"; מיט די פּינ=טעלאַך פון חולם (וֹ) אָדער שורוק (וּ) איז ער בלויז אַ וואָקאַל=צייכען; אין צעהלען גערעכענט אַלס 6. זעה וָאו.

ו־ (צוגעשטעלט אין אָנהויב פון וואָרט), און, מיט. הוצאה והכנסה, אויסגאַבע און איינ=נאַהמע.

וַאדָר [וְ'אָדָר], המ. דער זיעבעטער מאָנאַט פון דעם אידישען עבור=יאָהר (ווז.).

וָאו, המ. (מ. וָאוּ'ען). דער נאָמען פון דעם זעקסטען בוכשטאַב (ו) פון דעם אידישען אַלף־בית.

וְאֵינֶ'נּוּ, (ביבליש). און ער איז ניטאָ, ער איז אַנטלאָפען.

וְאִם־תֹּא'מַר, (תלמודיש). און אויב דו וועסט זאָגען, אין פאַל אַז דו וועסט זאָגען.

וְאִם תֹּא'מַר מַה נֹּא'כַל (ביבליש: וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל). און אויב דו וועסט זאָגען וואָס וועלען מיר עסען? און וואָס וועט זיין מיט לעבענסמיטעל?

וָאֵ'רָא, הוו. דער נאָמען פון דער פערצעהנטער סדרה (ווז.).

וָאֶתְחַ'נַּן, הוו. דער נאָמען פון דער פינף און פיערציגסטער סדרה (ווז).

וּבָא לְצִיּ'וֹן גוֹ'אֵל וְנֹא'מַר אָ'מֵן, (ליטורגיש). און עס וועט קומען אויף ציון אַ דערלייזער און מיר וועלען זאָגען אָמן (ווערטער פון אַ געוויסען געבעט מיט וועלכע מען ענדיגט געוועהנליך אַ רע־ליגיעזען אָדער תלמודישען פאָר־טראַג).

וַדַּ'אי, הם. געוויסהייט, אַ זיכערע זאַך.

וְהָא רַאֲ'יָה, (תלמודיש). און אָט איז דער באַווייז.

וְהוּא יִמְ'שָׁל בָּךְ, (ביבליש). און ער זאָל געוועלטיגען איבער דיר (די ווערטער וועלכע גאָט האָט געזאָגט צו דער פרוי, ווי די בי־בעל דערצעהלט). "והוא־ימשל־בך און וואָס זי וויל טהוט זי דאָך" (שפוו.).

וְהוּא־רַ'חוּם, הם. (ליטורגיש). אַ געבעט וואָס ווערט געזאָגט אַלע מאָנטאָג און דאָנערסטאַג. לאַנג והוא־רחום, דער פולער טעקסט פון דעם דאָזיגען געבעט.

וְהַ'כֹּל שָׁ'רִיר וְקַ'יָּים, (תלמודיש). און אַלעס (וואָס שטעהט אויבען) איז באַשטעטיגט און פעסט־גע־שטעלט (ווערטער מיט וועלכע מע ענדיגט אַ פאַרלאָבונגס־ אָדער הייראַטה־קאָנטראַקט).

וְהַשֵּׁ'נִית, און צווייטענס.

וָו', הם. (מ. וָו'יען). זעה וָאו.

וַו'דַּאי, הם. זעה וַ'דְּאַי.

וָוֵי־הָעַמּוּ'דִים, הם. מ. (ביבליש. אייגענטליכע באַדייטונג: "די העקלעך פון די זיילען"). די בוכ־שטאַבען "ו" ביי'ם אָנהויב פון יעדען עמוד (ווז.). (געוויסע ספרי־תורות ווערען פון שענקייט וועגען אַזוי געשריבען אַז יעדער עמוד זאָל זיך אָנפאַנגען מיט אַ "ו").

וִוי'דוּי, הם. (מ. וִוידוּ'יִים). זעה וִי'דוּי.

וָולָד [וָולַד], הם. זעה וָלָד.

וֶוסֶת [וֶוסְתְּ], הוו. זעה וֶסֶת.

וַוַ'עַד, הם. זעה וַ'עַד.

וֶו'שֶׁט, הם. זעה וֶשֶׁט.

וַוּתְּ'רָן, אם. (מ. וַוּתְּרָ'נִים). זעה וַתְּ'רָן.

וַוּתְּרָ'נוּת, הוו. זעה וַתְּרָ'נוּת.

וְזֹאת־הַבְּרָ'כָה, הוו. דער נאָמען פון דער פיער און פופציגסטער סדרה (ווז.).

וַיֹּא'מֶר, (ביבליש). "און ער האָט געזאָגט", אַ וואָרט מיט וועלכען עס הויבען זיך אָן פיעלע זאַצען פון דער ביבעל.

וַיֹּא'מֶר־דָּ'וִד, הם. (ביבליש). די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ ביבלישען קאַפּיטעל וועל־כען מע זאָגט אַלע טאָג אין דעם מאָרגענדיגען און פאַרנאַכטיגען דאַווענען.

וַיָּבֹא הָ'מָן, (ביבליש). און המן איז געקומען (אַ'ן אויסדרוק מיט וועלכן מע באַגריסט אַ ניט־גע־ווינשטע פּערזאָן).

וַיִּבְ'רַח, הם. (ביבליש). "און ער איז אַנטלאָפן", פאַרשווינדונג. מאַכן אַ ו י ב ר ח, אַנטלויפן; אַנטלויפן מיט פרעמדע געלט.

וַיִּגַּש, הוו. דער נאָמען פון דער עלפטער סדרה (ווז.).

וִי'דוּי, הם. (מ. וִידוּ'יִים). באַקע־נונג פון זינד; דאָס געבעט וואָס אַ שטערבענדער זאָגט באַקענענדיג זיינע זינד. אָפּזאָגן וידוי, פאַרצווייפלען, אויפגעבן יעדע האָפנונג. "אַז מען לעבט אָהן חשבון שטאַרבט מען אָהן וידוי" (שפוו.).

וַיְהִי', הם. (מ. וַיְהִי'ים), (ביבליש). "און עס איז געווען", אַ'ן אומ־גליק, אַ קאַטאַסטראָפע. (די באַ־דייטונג צוגעגעבן דעם וואָרט שטאַמט פון דעם וואָס דער תלמוד זאָגט אַז אַוואו עס שטעהט אין דער ביבעל דאָס וואָרט "ויהי" דאָרט ווערט געוועהנליך דער־צעהלט אַ'ן אומגליק וואָס האָט פּאַסירט).

וַיְהִי' הַיּוֹם', (ביבליש. און עס איז געווען דער טאָג (אַ'ן אויסדרוק מיט וועלכען מע הויבט אָן אַ'ן ערצעהלונג).

וַיְזָ'תָא, אנם. דער אינגסטער פון המן'ס צעהן זיהן; נאַרר; מענלי־כער אָרגאַן.

וַיִּ'חַד, הם. (ביבליש). און ער (יתרו) האָט זיך געפרעהט (זע־הענדיג משה'ס גרויסקייט), גע־מאַכטע פאַלשע פרייד. (שטאַמט פון דעם וואָס דער תלמוד זאָגט אַז אויף דעם וואָרט "ויחד" שטעהען פינטעלאַך אום אָנצודייַ־טען אַז דאָס פרעהען זיך איז ניט געווען פון האַרצען).

וַיְחִי', הוו. דער נאָמען פון דער צוועלפטער סדרה (ווז.).

וַיֵּלֶךְ, הוו. דער נאָמען פון דער צוויי און פופציגסטער סדרה (ווז.).

וַיִּפְ'תַּח אֶת פִּי הָאָ'תוֹן, (ביבליש). און ער (גאָט) האָט געעפענט דעם מויל פון (בלעם'ס) עזעלין (אַ ווערטעל וואָס מע זאָגט ווען אַי־מיצער מישט זיך אַריין אין אַ געשפרעך מיט אַ נאַרישער אָדער ניט־פּאַסיגער באַמערקונג). זעה בִּלְ'עָם.

וַיֵּ'צֵא, הוו. דער נאָמען פון דער זיעבענטער סדרה (ווז.).

וַיִּצְעֲ'קוּ, הם. (ביבליש). "און זיי (די אידען אין עגיפּטען) האָבען געשריען (צו גאָט)", אַ געשריי, אַ ליאַרם.

וַיַּקְ'הֵל, הוו. דער נאָמען פון דער צוויי און צוואַנציגסטער סדרה (ווז).

וַיַּקְ'הֵל־פְּקוּ'דֵי, זעה סֵדֶרָה.

וַיָּקָם מֶ'לֶךְ חָ'דָשׁ, (ביבליש). און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קיניג (אין עגיפּטען).

וַיִּקְ'רָא, הם. דער נאָמען פון דעם דריטען בוך פון חומש (ווז.); הוו. דער נאָמען פון דער פינף און צוואַנציגסטער סדרה (ווז.).

וַיֵּרָא, הוו. דער נאָמען פון דער דריטער סדרה (ווז.).

וַיֵּשֶׁב, הוו. דער נאָמען פון דער נײַנטער סדרה (ווז.).

וַיִּשָּׁקֵהוּ, (ביבליש). „און ער (עשו) האָט איהם (יעקב'ן) געקושט". וישקהו מיט פינטעלאך, פאַררעטהעריישע פריינדשאַפט (שטאַמט פון דעם וואָס דער תלמוד זאָגט אַז אויף דעם וואָרט „וישקהו" שטעהען דאריבער פינטעלאך אום אָנצודייטען אַז דאָס קושען איז ניט געווען פון האַרצען).

וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹהִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ, הם. (ביבליש). „און געבען זאָל דיר (גאָט) דעם טהוי פון הימעל און די פעטקייט פון דער ערד", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון געוויסע פסוקים וועלכע מע זאָגט אין שבת־צו־נאַכט'יגען מעריב־געבעט. „ויתן לך — קיין געלט איז ניטאָ, מטל השמים — ניטאָ וואו צו לייהען, ומשמני הארץ — דאָס געלט איז ביי'ם פריץ" (שפאַס־ליעדעל).

וַיִּתְרֹצְצוּ, (ביבליש). און זיי (די קינדער אין רבקה'ס בויך) האָבען זיך געראַנגעלט.

וכו', אב. וְכוּלְהוּ (זעה אונטען).

וְכוּלְהוּ, (תלמודיש). און דאָס גאַנצע, און אַזוי ווייטער.

וְכָךְ [וְכַּךְ] הָיָה אוֹמֵר, (תלמודיש). און אַזוי פלעגט ער (דער כהן־גדול) זאָגען (ווען ער פלעגט מאַכען די בלוט־שפריצונגען אויפ'ן מזבח אום יום־כפור). זעה וְכָךְ הָיָה מוֹנֶה.

וְכָךְ [וְכַּךְ] הָיָה מוֹנֶה, (תלמודיש). און אַזוי פלעגט ער (דער כהן־גדול) צעהלען (ווען ער פלעגט מאַכען די בלוט־שפריצונגען אויפ'ן מזבח אום יום־כפור). „פון וכך־היה־אומר ביז וכך־היה־מונה איז אַ גרויסער אונטערשייד" (שפוו. — ד. ה. פון זאָגען ביז געבען איז ווייט).

וְכָל כַּת דִּילֵיהּ, (קאַבאַליסטיש). און זיין גאַנצע קאָמפּאַניע.

וְכָרוֹת, הם. (ליטורגיש. אורשפּרינגליך פון אַנדערער באַדייטונג). דער מענליכער אָרגאַן.

וָלָד [וְלַד], הם. דאָס קינד (אין מוטער'ס בויך).

וּנְתַנֶּה־תּוֹקֶף, הם. (ליטורגיש). די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ געבעט וואָס מע זאָגט אום ראש־השנה און יום־כפור; דער פאַרפאַסער פון דעם דאָזיגען געבעט, „נעה קלאָג איהם פאַרץ ונתנה־תוקף" (ווער. — ד. ה. קענסט קענען איהם גאָר ניט טהאָן).

וְנָתְנוּ, (ביבליש). „און זיי זאָלען געבען". „ונתנו מאַכט צוריק אויף ונתנו" (שפוו. — ד. ה. אַז מע טהוט אַ געפעלינקייט קען מען ערוואַרטען צוריק אַ געפעליגקייט).

וֶסֶת [וֶסֶת], הוו. די צייט, די מאָנאַטליכע (ביי פרויען), מענסטרואַציאָן.

וַ'עַד, הס. (מ. וַעֲ'דים). קאָמיטעט.

וַ'עַד־הַכּו'לֵל, הס. אַ קאָמיטעט וועלכער האָט צו זאָגען איבער מעהרערע געמיינדען אָדער אָרגאַניזאַציאָנען; דער קאָמיטעט וועלכער טהיילט אויס די נדבות וואָס ווערען געשיקט פון פאַרשיעדענע לענדער פאַר די אָרעמע אידען אין פאַלעסטינא.

וַ'עַד־הַכְּלָ'לִי, הס. צענטראַל קאָמיטעט.

וַ'עַד־הַכַּשְׁ'רוּת, הס. אַ קאָמיטעט פון רבנים אָדער פאָרשטעהער פון דער געמיינדע וואָס פאַסט אויף אַז דאָס פלייש וואָס די געמיינדע עסט זאָל זיין כשר.

וְעַל־כּוּ'לָם, או. (ליטורגיש). איבער אַלעמען, און מעהר פון אַלץ, און איבערהויפּט.

וְצִדְקָתְךָ [וְ'צִדְקָתְךָ], הס. און חוו. (ביבליש). "און דיין גערעכטיגקייט", אַ פערזאָן וועלכע מאַכט פרומע אָנשטעלען אָדער וויל זיך אַרויסווייזען פרימער פון אַנדערע.

וָשֶׁם [וָ'שֶׁם], הס. שפּייזערעהר, שלונד.

וַשְׁ'תִּי, אנזו. די פרוי פון דעם קיניג אחשורוש (ווז.) וועלכע ער האָט געלאָזט טויטען, ווי די ביבעל דערצעהלט.

וָתִי'קִין, הס. מ. "די פרומע". אויפשטעהן ו ת י ק י ן, אויפשטעהן פאַרטאָג צו דאַווענען.

וַתְּ'רָן, הס. (מ. וַתְּרָ'נִים). אַ פרייגיבער מענש. "אַ'ן אָרעמאַן איז אַ ו ת ר ן אויף אַ פרעמדען בייטעל" (שפּוו.).

וַתְּרָ'נוּת, הוו. פרייגיביגקייט.

ז.

ז, דער זיבעטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית; אין צעהלען גערעכענט אַלס 7. זעה זַ'יִין.

ז' אֲדָר [אָ'דֶר], הס. דער זיבעטער טאָג פון מאָנאַט אדר, דער טאָג פון משה'ס טויט (לויט דער טראַדיציאָן, און אַ האַלבער פאַסטטאָג).

זֹאת־חֲ'נֻכָּה, הס. דער לעצטער טאָג פון חנוכה (אין וועלכען מע לייענט די פרשה וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: זֹאת חֲנֻכַּת הַמִזְבֵּחַ, דאָס איז די איינווייהונג פון דעם אַלטאַר).

זְבֻ'לוּן, אנמ. דער נאָמען פון איינעם פון יעקב'ס צוועלף זיהן; דער שטאַם וועלכער קומט אַרויס פון זבלון.

זָ'בַת חָ'לָב וּדְבַשׁ', א. (ביבליש). פליסענדיג מיט מילך און האָניג.

זֶה חֲלִיפָ'תִי זֶה כַּפָּרָ'תִי, (ליטור-

גיש). "דאָס איז אַ'ן אומבויט פֿאַר מיך, דאָס איז אַ'ן אויסלייזונג פֿאַר מיך", די ערשטע ווערטער פֿון דעם שפּרוך וועלכען מע זאָגט ווען מע שלאָגט כפרות (ווז.).

זָ'הָב, הם. גאָלד.

זָ'הָב־טָ'הוֹר, הם. ריינעס גאָלד, לויטער גאָלד.

זְהוּ'בִים, הם. מ. גילדענס.

זָ'הִיר, הם. (מ. זְהִי'רִים). איינער וועלכער היט אָפּ גענוי אַ רעליגיעזעס געזעץ; אַ פּאָרזיכטיגער מענש.

זוּג, הם. (מ. זוּ'גוֹת). פּאָאר. אָפּהיטען זוגות, זיך אָפּהיטען פֿון עסען און טרינקען א. א. וו. אין גראַדע צאָהלען, אַזוי ווי פֿון עסען צוויי בייגעל, טרינקען צוויי גלעזער טהיי א. א. וו. (לויט אַ געוויסע באַהויפּטונג פֿון תלמוד האָבען די בייזע גייסטער אַ גרויסע מאַכט אויף גלייכע צאָהלען).

זוּגָ'תוֹ, זוּגָ'תִי, זוּגָתְ'ךָ, הוו. זיין, מיין, דיין ווייב.

זוֹ'הַר, הם. דער נאָמען פֿון אַ געוויסען קאַבאַליסטישען קאָמענטאַר אויף דער תורה געשריבען אין אַראַמעאיש, פֿאַרעפֿענטליכט צוערשט אין דעם דרייצעהנטען יאָהרהונדערט און צוגעשריבען צו דעם תנא (ווז.) שמעון בן יוחאי; דאָס בוך איז די קוואַל פֿון וועלכער עס שעפּען און די אויטאָריטעט אויף וועלכע עס באַציהען זיך אַלע שפּעטערע קאַבאַליסטישע ביכער.

זִ'ווּג, הם. (מ. זִווּ'גִים). פּאָאר, צוגויפּפּאָארונג; באַשערטע פּאָאר.

זוֹ'כֶה־זיין, צש. ווערט זיין, פֿאַרדינען; דערלעבען. "מאַכט רשי (ווז.) לא זוכה" (וואָלגאַר ווערטעל. — ד. ה. וועסט עס ניט דערלעבען צו זעהן).

זוֹל [זָל], הם. בילליגקייט, וואָלוועלקייט, איבערפֿלוס.

זוֹ'לֵל־וְסוֹ'בֵא, הם. (מ. זוֹלְ'לִים־וְסוֹבְ'אִים), (ביבליש). אַ פֿרעסער און אַ זויפֿער.

זוֹ'נָה, חוו. (מ. זוֹ'נוֹת). אויסגעלאַסענע פֿרוי.

זִי'ווּג, הם. (מ. זִיווּ'גִים). זעה זִ'ווּג.

זִ'יוּף, הם. (מ. זִיוּ'פִים). פֿעלשונג, נאָכמאַכונג.

זַ'יִן, הם. (מ. זַ'יִנִ'ים). דער נאָמען פֿון דעם זיבעטען בוכשטאַב (ז) פֿון דעם אידישען אַלף־בית.

זַיי'פָן, הם. (מ. זַיְיפָ'נִים). זעה זַיְ'פָן.

זִיכָּ'רוֹן, הם. (מ. זִיכְרוֹ'נוֹת). זעה זִכָּ'רוֹן.

זִילְ'זוּל, הם. (מ. זִילְזוּ'לִים). זעה זִלְ'זוּל.

זי"ע, אב. זְכוּ'תוֹ יָ'גֵן עָלֵ'ינוּ (ווז.).

זִיקְ'נָה, הם. זעה זִקְ'נָה.

זַ'כַּאי, הם. איינער וועלכער נעהמט אַרויס ריין פֿון געריכט.

זְכוֹר [זְכָר] בְּרִית, הם. (ליטורגיש).

"דערמאָן זיך אין דעם בונד", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ געבעט וואָס מע זאָגט פריה פאַרטאָג אין דעם זונטאָג פאַר ראש־השנה.

זְכוּת, הס. (מ. זְכוּ'ת'ען). פאַררעכט, פריווילעגיע; פאַרדינסט, גוטע טהאַט, גוטע איינענשאַפט; פאַרטהיידיגונג. האָבען אַ ז כ ו ת אויף אַ ספר, האָבען דאָס אויסשליסליכע רעכט צו דרוקען אַ בוך. זיין זיידענ'ס ז כ ו ת איז איהם בייגעשטאַנען, ער איז געהאָלפען געוואָרען צוליעב דער פרומקייט אָדער די גוטע טהאַטען פון זיין זיידען. לערנען אַ ז כ ו ת אויף אימיצען, אימיצען פאַרטהיידיגען.

זְכוּת־אָ'בוֹת, הס. (תלמודיש). די גוטע אָדער פרומע טהאַטען פון (געשטאָרבענע) עלטערען. "ז כ ו ת א ב ו ת איז קיין קאַטאָוועס" (שפּוו.).

זְכוּ'תוֹ יָ'גֵן עָלֵ'ינוּ, זיינע (דעם געשטאָרבענעם'ס) גוטע טהאַטען זאָלען אונז באַשירמען (פון שלעכטס).

זְכוּ'תוֹ יָ'גוֹן וַאֲנָ'חָה, פאַראָדיע אויף ז כ ו ת ו י ג ן ע ל י נ ו (ווז.). זעה יָ'גוֹן וַאֲנָ'חָה.

זְכִיָּ'ה, הוו. (מ. זְכִ'יוֹת). פריווילעגיע, אויסצייכנונג, עהרע.

זָ'כָר, הס. (מ. זְכָ'רים). מאַנספּערזאָן. "ער מיינט אַז ער איז איין ז כ ר אין מאָסקווא" (ווער.).

זֵ'כֶר, הס. אַ'ן אנדענק, אַ צייכען, אַ שפור.

זֵ'כֶר לְחוּרְ'בָּן, הס. (תלמודיש). אַ'ן אנדענק אָן דער צושטערונג (פון דעם הייליגען טעמפעל).

זֵ'כֶר לְטִיט, הס. (תלמודיש). אַ'ן אנדענק אָן דעם לעהם (וואָס אידען האָבען געמוזט קנעטען אין עגיפּטען).

זֵ'כֶר צַ'דִּיק לִבְרָ'כָה, (ביבליש). געבענשט זאָל זיין דער אנדענק פון דעם גערעכטען (ווערטער וועלכע מע זאָגט ווען מען דערמאָנט אַ געשטאָרבענעם).

זִכָּ'רוֹן, הס. (מ. זִכְרוֹ'נוֹת). ערינערונג, אנדענק.

זִכָּ'רוֹן, הס. (מ. זִכָּ'רוֹנ'ס). געדעכטניס, די פעהיגקייט צו געגעדענקען. "אַ ליגנער מוז האָבען אַ גוטען ז כ ר ו ן" (שפּוו.).

זִכְרוֹ'נוֹ (מ. זִכְרוֹ'נָם; וו. זִכְרוֹ'נָה, מ. זִכְרוֹ'נָן) **לִבְרָ'כָה**, הס. זיין (זייער; איהר, זייער) אנדענק זאָל געבענשט זיין (ווערטער וועלכע מע זאָגט ווען מע דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ געשטאָרבענעם).

זְכַרְיָ'ה, אנס. דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען פראָפעט; דער נאָמען פון דעם אידישען בוך וואָס ענטהאַלט די פראָפעצייהונגען פון זכריה.

ז"ל, אב. זִכְרוֹ'נוֹ לִבְרָ'כָה (ווז.).

זִלְ'זוּל, הס. (מ. זִלְזוּ'לִים). שימפּףוואָרט, זידעל־וואָרט.

זְמִי'רוֹת, הוו. מ. געוויסע לויפּ־

געזאַנגען וועלכע מע זינגט שבת ביי׳ם עסען און שבת=צו=נאַכט. „אַ סך זמירות און ווייניג לאָקשען" (ווער.).

זְמַן [זְמַן], הם. (מ. זְמַ׳נִים). צייט. זמן מנחה, די צייט פון מנחה; אַ סעמעסטער, איינער פון די צוויי לעהר=טערמינען (צווישען סוכות און פסח און צווישען פסח און סוכות), אַ האַלב יאָהר.

זְמַן־חֵרוּתֵ׳נוּ, הם. (ליטורגיש). די צייט פון אונזער באַפרייאונג (אַזוי רופט מען דעם פייערטאָג פון פסח).

זְמַן מַ׳תַּן תּוֹרָתֵ׳נוּ, הם. (ליטור=גיש). די צייט ווען אונזער תורה איז געגעבען געוואָרען (אַזוי רופט מען דעם פייערטאָג פון שבועות).

זְמַן־פְּרָ׳עוֹן, הם. (תלמודיש). די צייט פון אָפצאָהלען, צאָהל=טער=מין.

זְמַן־שִׂמְחָתֵ׳נוּ, הם. (ליטורגיש). די צייט פון אונזער פרייד (אַזוי רופט מען דעם פייערטאָג פון סוכות).

זֶ׳מֶר, הם. געזאַנג, מעלאָדיע, ליעד.

זָ׳נָב, הם. (מ. זְנָ׳בִים, איינגענטליך: זְנָ׳בוֹת). עק, ווידעל; מעגלי=כער אָרגאַן; אַ נאַרר.

זְנוּת, הוו. הורעריי.

זְנוּת־לִיטֶערַאַטוּר, הוו. פּאָרנאָגראַ=פישע, שמוציגע ליטעראַטור.

זצוק״ל, אב. זֵ׳כֶר צַ׳דִיק וְקָ׳דוֹשׁ לִבְרָ׳כָה, געבענשט זאָל זיין דער אנדענק פון דעם גערעכטען און הייליגען (געשריבען נאָך דעם נאָ=מען פון אַ געשטאָרבענעם זעהר פרומען מאַן).

זצ״ל, אב. זֵ׳כֶר צַ׳דִיק לִבְרָ׳כָה (ווז.).

זְקִי׳נָה, הוו. (מ. זְקִי׳נוֹת). זעה זְקֵ׳נָה.

זָ׳קֵן, הם. (מ. זְקֵ׳נִים). אַ׳ן אַלטער מאַן, עלטסטער.

זָ׳קֵן אַשְׁמָ׳אִי, הם. (תלמודיש). אַ׳ן אַלטער זינדער.

זְקֵ׳נָה, הוו. (מ. זְקֵ׳נוֹת). אַ׳ן אַלטע פרוי.

זִקְ׳נָה, הוו. עלטער, אַלטקייט.

זְרֻבָּ׳בֶל, אנמ. דער נאָמען פון דעם פיהרער וועלכער האָט צוריקגע=בראַכט די אידען פון בבל קיין פאַלעסטינא ווי עס ווערט דער=צעהלט אין דעם ביבלישען בוך „עזרא".

זְרוֹ׳עַ, הוו. אַ געקאָכטער ביין מיט אַ שטיקעל פלייש דאַרויף וואָס ווערט געלעגט אויפ׳ן טיש צום סדר אַלס אַ׳ן אנדענק אן דעם לאַם וועלכען מע פלעגט פאַר=צייטען ביי אידען אָפפערען אום פסח.

זָ׳רִיז, הם. (מ. זְרִי׳זִים). אַ גע=שווינדער, פלינקער, פּינקטליכער מענש.

זְרִי׳עָה, הוו. (מ. זְרִי׳עוֹת). זאַאט, זאָמען.

זֶ׳רַע, הם. שפּראָצונג, אָפּשטאַמונג, קינדער; שכבת זרע.

זְרָ׳עִים, הם. דער נאָמען פון דער
ערשטער פון די זעקס הויפּט=אָב=
טהיילונגען פון תלמוד וועלכע
ענטהאַלט די רעליגיעזע געזעצען
וואָס באַציהען זיך אויף פעלדער,
פלאַנצען א. ד. ג. און אויך אַלע
פאַרשריפטען וועגען געבעטען און
גאָטעס=דיענסט.

זֶ׳רֶשׁ, אנוו. דער נאָמען פון המן׳ס
פרוי.

זֶ׳רֶת, הם. דער קליינער פינגער.
זעה יוד.

ח.

ח, דער אַכטער בוכשטאַב פון דעם
אידישען אַלף־בית; אין צעהלען
גערעכענט אַלס 8. זעה חִית.

חאַס׳לערע, הוו. (מ. חאַס׳לערעס).
האָכצייט (אין אַ פּאַראַכטענדען זין).
זעה חֲ׳תוּנָה.

חַבַּ״ד׳, אב. חָכְ׳מָה, בִּי׳נָה, דֵּי׳עָה,
פרייד, פאַרנונפט, קענטניס (קאַ=
באַליסטישע אייגענשאַפטען פון דער
גאָטהייט). הם. דער נאָמען פון אַ
געוויסער חסידישער סעקטע.

חַבַּד׳׳ניצע, הוו. אַ קלויז פון חבד׳=
ניקעס (ווז.).

חַבַּד׳׳ניק, הם. (מ. חַבַּד׳׳ניקעס).
אַ׳ן אנהענגער פון חב״ד (ווז.).

ח׳בּוּט־הַקֶּבֶר [הַקֶ׳בֶר], הם. (תל=
מודיש). די ליידען וועלכע דער
טויטער מוז אויסשטעהן אין זיין
קבר איידער מע ברענגט איהם
פאַר דעם הימלישען געריכט.

ח׳בּוּר, הם. (מ. חִבּוּ׳רִים). אַ פאַר=
פאַסונג, אַ ווערק, אַ בוך; (אין
אַריטהמעטיק) צוזאַמענרעכענונג,
צוזאַמענציהונג.

חֲבוּ׳רָה, הוו. (מ. חֲבוּ׳רוֹת). קאָמ=
פּאַניע, געזעלשאַפט.

חֲבֵי׳רָה, הוו. (מ. חֲבֵי׳רוֹת). זעה
חֲבֵ׳רָה.

חַבְ׳לֵי־לֵ׳ידָה, הם. מ. (ביבליש:
חַבְלֵ׳י־יוֹלֵ׳דָה). געבורטס=וועהען.

חֲבַ׳קוּק, אנמ. דער נאָמען פון אַ
געוויסען פּראָפעט; דער נאָמען
פון דעם ביבלישען בוך וואָס
ענטהאַלט די פּראָפעצייהונגען פון
חבקוק.

חָבֵר [חַ׳בֶר], הם. (מ. חֲבֵ׳רִים).
קאַמעראַד, קאָמפּאַניאָן, שול=קאַ=
מעראַד, פריינד; גענאָסע, מיט=
גליעד. אָפּ׳ חבו׳, אויס חבר.

חַ׳בר־לאַוּוער, חַ׳בֶר־לְ׳אַפּ. א. קאַ=
מעראַדשאַפטליך, באַפריינדעט.

חֲבֵ׳רָה, הוו. (מ. חֲבֵ׳רוֹת). גענאָ=
נאָסין, מיטגליעד.

חֶבְ׳רָה, הוו. (מ. חֶבְ׳רוֹת). געזעל=
שאַפט, קאָמפּאַניע; פּאַראיין, אָר=
גאַניזאַציאָן. ווייסע=חברה,
לויפער=באַנדע. באַנדע פון יונ=
גאַטשעם.

חֶבְ'רָה־מאַן, המ. (מ. חֶבְ'רָה־לייט). מיטגליעד פון אַ פאַראיין; חיטרער קערל, יונגאַטש.

חֶבְ'רָה־קַדִי'שָׁא, הוו. „דער הייליגער פאַראיין", בעערדיגונגס־פאַראיין.

חֶבְ'רָה'טע, הוו. (מ. חֶבְ'רָה'טעס). אַ חיטרע, דורכגעמאַכטע פרוי.

חֶבְ'רָה'ניק, המ. (מ. חֶבְ'רָה'ניקעס). יונגאַטש.

חֶבְ'רָה'יש, א. באַלאַנגענדיג צו אַ פאַראיין.

חַ'בֶר'טע, חוו. (מ. חַ'בֶר'טעס). פריינדין, שוהל־קאַמעראַדין.

חַבְרוּ'תָא, הוו. (מ. חַבְרוּ'תוֹת). קאַמעראַדשאַפט, ברידערליכקייט; געזעלשאַפט; קאָמפאַניע; באַנדע, חאַליאַסטרע.

חַבְרַ'יָא, הוו. (מ. חַבְרַ'יוֹת). קאָמפאַניע, באַנדע, חאַליאַסטרע.

חַ'בֶר'ען־זיך, צוו. קאַמעראַדשאַפט מאַכען, זיין באַפריינדעט.

חַ'בֶר'שאַפט, הוו. קאַמעראַדשאַפט, ברידערליכקייט.

חִ'בַּת־צִ'יוֹן, הוו. די ליעבע צו ציון, די ליעבע צו פאַלעסטינא.

חַג־הָאָ'סִיף, המ. (ביבליש). דער פעסט פון איינזאַמלען (דאָס געטריידע פון פעלד. אזוי רופט מען דעם פייערטאָג פון סוכות).

חַג־הַבִּכּוּ'רִים, המ. (ביבליש). דער פעסט פון די ערשטלינג־פרוכטען (אַזוי רופט מען דעם פייערטאָג פון שבועות).

חַג־הַמַ'צוֹת, המ. (ביבליש). דער פייערטאָג פון מצות.

חָ'גָא, הוו. (מ. חֲגָ'אוֹת, חָ'גָא'ס). אַ (ניט־אידישער) פייערטאָג. „אַז מע קלינגט איז אַ ה ג א אָדער אַ שרפה אָדער אַ פגר" (שפוו.).

חַ'גַי, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען פראָפעט; דאָס ביבלישע בוך וואָס ענטהאַלט די פראָפעצייהונגען פון חגי.

חַד־בְּדָ'רָא, המ. איינער אין זיין צייט, דער גרעסטער מאַן פון זיין צייט.

חַד־גַדְ'יָא, המ. (מ. חַד־גַדְ'יָאים), (ליטורגיש). „איין ציקעלע", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ'ן ערצעהלונג פאַר קינדער וועלכע געפינט זיך אין דער הגדה; אַ נאַרישע פאַרשלידערטע געשיכטע; טורמע, געפענקניס. „אַריינ'ישב'ען אין ח ד־ג ד י א" (ווער.).

חֶרְ'וָה, הוו. פרייד.

חִ'דוּשׁ, המ. (מ. חִדוּ'שִׁים). אַ נייס, אַ נייער אויפטהו; אַ וואונדער, אַ זעלטענהייט. געהן אויף ח ד ו ש י ם, געהן זעהען די וואונדער.

חִ'דוּשׁ'ען זיך, צוו. זיך וואונדערען.

חֶדֶר [חֶ'דֶר], המ. (מ. חֲדָ'רִים). צימער; אַ שול פאַר קינדער. אויסזאָגען פון ח ד ר, אויספלוידערען אַ געהיימניס.

חֵ׳דֶר־אינגעל , הז. (מ. חֵדֶר־אינגלעך). אַ שול־קינד. "ווען פרעהען זיך די חדר־אינגלעך ווען דער רבי זיצט שבעה" (שפוו.).

חֶדֶר [חֵ׳דֶר]־הַקָ׳הָל, הם. דאָס ציימער וואו די פאָרשטעהער פון דער (אידישער) געמיינדע האלטען זייערע באַראַטהונגען.

חֶדֶר [חֵ׳דֶר] מְתוּ׳קָן, הם. אַ מאָדערנע שול צו לערנען העברעאיש און אַנדערע געגענשטאַנדען לויט דער נייער מעטהאָדע.

חַדְרַ״ג׳, אב. חֵ׳רֶם דְרַבֵּ׳נוּ גֵרְ׳שׁוֹם (ווז.).

חָ׳דָשׁ, הם. די נייע געטריידע (וועלבע די גאַנץ פרומע אידען עסען ניט ביז דעם 18־טען טאָג פון דעם מאָנאַט ניסן).

ח״ו, אב. חַס־וְשָׁ׳לוֹם (ווז.).

חוֹ׳ב, הם. (מ. חוֹ׳בוֹת). שולד, פליכט.

חוֹ׳בֵב־צִ׳יּוֹן, הם. (מ. חוֹ׳בְ׳בֵי־צִ׳יּוֹן). אַ ליעבהאָבער פון ציון; אַ מיטגליעד פון אַ פאַראיין געגרינדעט צו קאָלאָניזירען אידען אין פאַלעסטינא.

חוֹ׳בַת־הַלְבָ׳בוֹת, הם. "די פליכט פון די הערצער", דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען מאָראַל־בוך.

חודער־מודער (וואהרשיינליך פון חֶדֶר מְהוּדָר, אַ שעהן צימער), הם. פעסטונג, טורמע. "אַריינזעצ׳ען אין חודער־מודער" (ווער.).

חוֹ׳דֶשׁ, הם. (מ. חֳדָ׳שִׁים). מאָנאַט.

חַ׳וָה, אנוו. דער נאָמען פון דער ערשטער פרויענצימער, די פרוי פון אדם־הראשון. "ציעקאַווע ווי מוטער חוה" (ווער.).

חוה״מ, אב. חוֹל־הַמוֹ׳עֵד (ווז.).

חוהמ״ס, אב. חוֹל־הַמוֹ׳עֵד סֻ׳כּוֹת (ווז.).

חוהמ״פ, אב. חוֹל־הַמוֹ׳עֵד פֶּסַח (ווז.).

חוֹ׳זֶק *, הם. אַ לעכערליכע אָדער אונבאַדייטענדע פערזאָן; שפּאַס, שפּאָט. מאַכען חוזק, אָפּלאַכען, אָפּשפעטען. האָבען אַ פּנים ווי חוזק, זיין לעכערליך. חוזק איז זיין נאָמען, ער איז אַ׳ן אונבאַדייטענדע פערזאָן. ער זעהט אויס ווי חוזק אין גן־עדן, ער זעהט אויס קאָמיש. "חוזק האָט זיין אייגען ווייב ניט דערקענט" (ווער.). (דאָס וואָרט ווי עס שיינט שטאַמט פון דעם אייגעננאָמען "חוזק" מיט וועלכען עס האָט זיך גערופען אַ געוויסער מאַן וועגען וועלכען עס פלעגען ארומגעהן צווישען פאָלק שפּאַסהאַפטע געשיכטען. דאָס וואָרט איז אָבער באַהאַנדעלט געוואָרען אַלס אַ העברעאישעס און פון איהם האָט זיך זאָגאַר ענטוויקעלט אַ צווייטעס וואָרט מיט אַ העברעאישער פאָרם: מַחְזִ׳יקוֹת, ווז.).

חוֹ׳זֶק׳ען, צש. מאַכען שפּאַס, אָפּלאַכען. אָפּ׳חוזק׳ען, אָפּלאַכען.

חוֹזר, המ. (מ. חוֹזרים). איינער וועלכער איז אָנגעשטעלט ביי אַ חסידישען רבי'ן צו ווידערהאָלען און ערקלערען דעם פּאָרטראַג וואָס דער רבי האָט געהאַלטען.

חוֹזר בתּשובה [בּתשוּ'בה], המ. (מ. חוֹזרים בּתשובה [בּתשו'בה]) איינער וואָס באַרייעט אויף זיינע זינד.

חוֹזר בתשובה [בּתשו'בה] **זיין**, צש. באַרייען אויף זינד.

חוּט־המשולש, המ. (ביבליש). אַ פּאָדים געפלאָכטען אין דרייען.

חוּט־השדרה, המ. (תלמודיש). דער רוקען־ביין, דער מאַרך־ביין.

חוֹטא־בעגל־זיין, צש. זינדיגען מיט (דער זינד פון) דעם (גאָלדענעם) קאַלב, זינדיגען. וועה ע'גל.

חוֹטא ומחטיא (את־הרבים), המ. (תלמודיש). איינער וואָס זינדיגט אַליין און מאַכט אַנדערע צו זינדיגען.

חוֹטאין, צש. זינדיגען; געשלעכטליך זינדיגען.

חוּכא וטלולא, מ. (תלמודיש). שפּאָט און געלעכטער, שפּאָט.

חוֹכר [חוֹ'כר], המ. (מ. חוֹכרים [חוֹכ'רים]). איינער וועלכער נעהמט אין אָרענדע, אַ'ן אָרענדאַר.

חוֹל־המוֹעד, המ. (תלמודיש). "וואָכעדיגער פייערטאָג", די האַלבע פייערטעג צווישען די ערשטע און די צווייטע טעג פון אידישע פייערטעג (ווי אונטען).

חוֹל־המו'עד סו'כות, המ. די האַלב־פייערטעג צווישען די ערשטע און די צווייטע טעג פון סוכות (ווז.).

חוֹל־המו'עד פּסח [פּ'סח], המ. די האַלב־פייערטעג צווישען די ערשטע און די צווייטע טעג פון פסח (ווז.).

חוֹ'לה, המ. (מ. חו'לאים *, אייגענטליך: חוֹ'לים). קראַנקער, פּאַציענט.

חוֹ'לה, א. קראַנק.

חוֹ'לה־מסוכן, המ. אַ געפעהרליך קראַנקער.

חוֹ'לי־הנ'פש, המ. "די קראַנקהייט פון דער זעעלע", זינדיגקייט.

חוֹ'לי־מעיים, המ. (תלמודיש). בויך־קראַנקהייט, לייב־שמערצען.

חוֹ'לי־נופ'לים, המ. די פאַלינגע קראַנקהייט, עפּילעפּסיע.

חוֹ'לם, המ. (מ. חו'לם'ס). דער נאָמען פון אַ געוויסען העברעאישען וואָקאַל, אויסגעשפּראָכען אונגעפעהר ווי "אָאו". דער צייכען פון דעם וואָקאַל איז ענטוועדער אַ פּינטעלע איבער דעם בוכשטאַב, אַזוי ווי אין "נֹחַ", אָדער אַ "ו" מיט אַ פּינטעלע פון אויבען (וֹ) נאָך דעם בוכשטאַב, אַזוי ווי אין "חוֹלה".

חוֹ'לם־נאָז, ה״ז. (מ. חו'לם־נעזער). אַ צודראָפּעטע נאָז (אַ'ן אויסדרוק פון קינדער).

חולְ'שָה, הוו. שוואַכקייט, שלאַפּ=
קייט.

חולְ'שָה־חַלָ'שות, הוו. גרוים עקעל,
עקעלהאַפטע זאַך.

חולְ'שַת־הַגוף', הוו. קערפּערליכע
שוואַכקייט.

חו'מֵד מָ'מון, הם. אַ ליעבהאָבער
פון געלט, אַ געלטגיעריגער מענש.

חו'מֶר, הם. מאַטעריע; דער מענש=
ליכער קערפּער. אָנשטאָפּען דעם
חומר, אָנפילען דעם מאָגען,
עסען.

חומְ'רָא, הוו. (מ. חומְ'רות), (תל=
מודיש). אַ שווירינקייט, אַ שווע=
רע פראַגע; שטרענגקייט (אין
ענטשיידען אַ רעליגיעזע פראַגע).

חו'מָש, חם. (מ. חומָ'שים). איינס
פון די פינף ביכער פון תורת
משה (ווז.); די פינף ביכער פון
תורת משה.

חו'נֵף, הם. (מ. חונְ'פים). אַ שמייכ=
לער, אַ'ן אונטערלעקער.

חו'פָּה, הוו. (מ. חו'פּות). אַ פּיער=
עקיגע דעקע אַריבערגעצויגען אויף
פיער שטאַנגען אונטער וועלכע
די הייראַטה=צערעמאָניע ווערט
געמאַכט; די הייראַטה=צערעמאָניע.
"צו דער חופּה געהט מען
צום גט לויפט מען" (שפּוו.).

חו'פָּה וְקִידו'שִין, מ. הייראַטה=
צערעמאָניע.

חוץ, או. אויסער.

חוץ, הם. אַ'ן אויסנאַהם, אַ'ן אַנ=
טיק.

חוץ־לָאָ'רֶץ, או. (תלמודיש). אויס=
סער דעם (הייליגען) לאַנד, ניט
אין פּאַלעסטינא.

חוץ לְדֶ'רֶךְ הַטֶ'בַע, או. אויסער=
נאַטירליך, איבערנאַטירליך.

חוץ לָזֶה', או. אויסער דעם.

חוץ לַמַחְ'נֶה, או. (ביבליש). אויס=
סער'ן לאַגער, אויסגעשטויסען.

חוץ לִתְחום [לִתְ'חום'], או. (תלמו=
דיש). אויסער דעם תחום (ווז.).

חוץ מ—, זעה חוץ ל—.

חוצְ'פָּה, הוו. (מ. חוצְ'פּות).
פרעכהייט, אונפאַרשעמטקייט.
"גאָט זאָל אָפּהיטען פון אידישע
חוצפה, אידישע מיילער און
אידישע קעפּ" (שפּוו.).

חוצְ'פָּה'ניק, הם. (מ. חוצְ'פָּה'ני=
קעס). פרעכער מענש.

חו'קֵר־וְדו'רֵש־זיין, צא. נאָכפאָר=
שען, אויספאָרשען, אונטערזוכען.

חו'קֵר־קַדְמונִ'יות, הם. (מ. חוקְ'רֵי
קַדְמונִ'יות). פאָרשער פון אַל=
טערטהימליכע זאַכען, אַרכעאָלאָג.

חור [חור], הם. אַ לאָך. אַריינרוקען
אין חור, אַריינזעצען אין
פעסטונג.

חורְ'בָה, הוו. (מ. חורְ'בות). אַ'ן
אַ/ט, אַיינגעפאַלען געבייי, אַ רו=
אינע, אַ פוסטקע.

חורְ'בָן, הם. (מ. חורְבָ'נות). זעה
חֻרְ'בָן.

חו"ש, אב. חַס־וְשָׁלום (ווז.).

חוּשׁ, הס. (מ. חוּשִׁים). געפיהל, אינסטינקט.

חוּשׁ־הַטַּעַם, הס. דאָס געשמאַק־געפיהל.

חוּשׁ־הַמִּשּׁוּשׁ, הס. דאָס טאַפּ־געפיהל, דאָס טאַפּען.

חוּשׁ־הָרְאִיָה, הס. דאָס זעה־געפיהל, דאָס זעהען.

חוּשׁ־הָרֵיחַ, הס. דאָס גערוך־געפיהל, דער גערוך.

חוּשׁ־הַשְּׁמִיעָה, הס. דאָס הער־געפיהל, דאָס הערען.

חוֹשֵׁד־זיין, צא. פאַרדעכטיגען.

חוֹשֵׁד בִּכְשֵׁרִים [בִּכְשֵׁ׳רִים], הס. (תלמודיש). איינער וועלכער פאַרדעכטיגט אַ׳ן אונשולדיגען.

חוֹשִׁים, הס. זעה חֻשִׁים.

חוֹשֶׁךְ, הס. זעה חשֶׁךְ.

חוֹשֶׁן, הס. זעה חשֶׁן.

חַוַּת־דַּעַת, הוו. די אַרויסזאָגונג פון אַ מיינונג, אַ מיינונג.

חֲזִיר, הס. (מ. חֲזִירִים). שוויין; שווייגענפלייש; גראָבער געמיינער מענש; אַ קאַרגער. זיך מאַכען חזיר־פּיסעל־כשר, אַרויסווייזען בלויז די גוטע זייט, מאַכען פאַלשע אָנשטעלען (שטאַמט פון דעם וואָס אַ חזיר האָט צושפּאָלטענע פיס, וועלכע זיינען געוועהנליך די קענ־צייכענס דורך וועלכע מע דערקענט די בהמות וואָס אַ איד מעג עסען זייער פלייש, און דאָך איז זיין פלייש פאַרבאָטען). "פון אַ חזיר אַ האָאר איז אויך גוט" (שפוו.). "ווען אַ חזיר וואָלט געהאַט הערנער וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט" (שפוו.). "דער חזיר איז טריף אָבער דער מקח איז כשר" (שפוו.). "אַז מע עסט חזיר זאָל שוין רינען איבער דעם מויל" (שפוו.). "פון אַ חזיר׳ם עק קען מען קיין שטריימעל ניט מאַכען" (שפוו.). "אַ׳ן אַלטער איז גלייך צו אַ קינד און אַ קינד איז גלייך צו אַ חזיר" (שפוו.). "ער האָט אַזוי פיעל געלט ווי אַ איד חזירים" (ווער.). "דאָס ערשטע ווייב איז ווי אַ הונד, דאָס צווייטע ווי אַ קאַץ, דאָס דריטע ווי אַ חזיר" (שפוו.). "אַ מבין ווי אַ חזיר אויף הייוועזן" (ווער.). "אַ מצוה פון אַ חזיר אַ האָאר אויסצורייסען" (שפוו.). "דאָס בעסטע עפּעלע האַפּט אויס דער חזיר" (שפוו.). "עס פּאַסט איהם ווי אַ חזיר אַ שטריימעל" (ווער.). "אַ כשר׳ער פויגעל שטעלט זיך ניט אויף אַ חזיר" (ווער.). "פעט ווי אַ חזיר" (ווער.). "אַ קליין קינד איז אַ חזיר, אַ גרויס קינד איז אַ וואָלף" (שפוו.). "אַז מע לעגט זיך אין קלייען שלעפּען אַוועק די חזירים" (שפוו.). "די קראָה פליהט הויך און זעצט זיך אויף אַ חזיר" (שפוו.). "ווילסט רייך ווערען — זיי זיבען יאָהר אַ חזיר" (שפוו.).

חֲזִיר־מילך, הס. דאָס מילך וואָס געפינט זיך אין די ברוסטלעך פון געוויסע ניי־געבוירענע קינדער.

חַזיר'טע, הוו. (מ. חַזיר'טעם). א געמיינע פרוי, א קארגע.

חַזירייי', הוו. (מ. חַזירייי'ען). שווינעריי, נידעריגע זאך, געמיינע האנדלונג.

חַזיר''ניצע, הוו. (מ. חַזיר''ניצעס). זעה חַזיר''ניק.

חַזיר''ניק, המ. (מ. חַזיר''ניקעס). א איד וועלכער עסט חזיר-פלייש און אנדערע פארבאָטענע שפייזען; א געמיינער קערל.

חַזיר'ען, צא. שמוצען, באשמוצען. פאר'חזיר'ען, פארשמוצען.

חַזיר'יש, א. באלאנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די איינענשאפטען פון א חזיר. חזיר'שע מאָרדע, פעטע אָפגעגאָלטע מאָרדע (אין א פאראכטענדען זין). חזיר'שע ניס, ניס פון א'ן אייכענבוים, אייכעלען.

חז"ל, אב. חֲכָמֵי'נוּ זִכְרוֹ'נָם לִבְרָ'כָה, אונזערע געלעהרטע געבענשט זאָל זיין זייער אנדענק.

חַזָן, המ. (מ. חַזָנִים). פאָרזינגער, פאָרבעטער, קאנטאָר. "אלע חזנים זיינען נאראָנים" (שפוו.). "א חזן; און א פערד זיינען נאָר גוט ביז פערציג יאָהר" (שפוו.). "ווי אזוי דער חזן זינגט קריגט ער אלץ אין טאטען אריין" (שפוו.).

חַזָנ'טע, הוו. (מ. חַזָנ'טעס). די פרוי פון א חזן.

חַזָנות, הוו. די שטעלע פון א חזן.

חֲזַק', אר. "שטארק זייד", א שלום-וואָרט וואָס מע שטעלט צום ענדע פון א בוך און וואָס דער אויפרופער אין שוהל זאָגט נאָך דעם נאָמען פון דער פערזאָן וועלכע ער רופט אויף צו א'ן עלייה (ווז.).

חֲזָקָה, הוו. (מ. חֲזָקוֹת). דאָס רעכט וואָס איינער ע-ווערבט אויף א שטיק לאנד אָדער אויף א'ן איי-גענטהום דורך דעם וואָס ער האָט זיי געהאט אין זיין באזיץ א בא-שטימטע צייט; רעפוטאציאָן, אָנ-גענומענע מיינונג; פאָראויסזע-צונג. שטעלען אויף דער חזקה, זיך פארלאָזען אויף דער אָנגענו-מענער מיינונג.

חֲזָרָה, הוו. (מ. חֲזָרוֹת). צוריק-קעהרונג, צוריקגעבונג, צוריק-שיקונג.

חֲזַר'ען, צא. ווידערהאָלען, איבער-זאָגען, איינשטודירען. איבער'-חזר'ען, ווידערהאָלען, נאָכ-זאָגען. אויס'חזר'ען, אויס-לערנען אויסוועניג. איינ'-חזר'ען, איינשטודירען.

חֲזֶרֶת, הוו. גרינס וואָס מע עסט צום סדר (ווז.).

חֲזָרַת-הַשַ"ץ, הוו. דעם פאָרבעטער'ס ווידערהאָלונג פון דער שמונה-עשרה.

חֵטְא [חֵט], הוו. (מ. חֲטָ'אִים). זינד.

חַטְ'אוֹת-נְעוּרִים, הוו. מ. (ביבליש). די זינד פון דער יוגענד.

חַ'טָאת, המ. א'ן אָפפער וואָס מע פלעגט ברענגען פארצייטען ביי אידען פאר די פארגעבונג פון זינד.

חַ'מָאת, א. (מ. חַמְאֹ'תִים *), (אַמעריקאַניש). אַ זינרער, אַ נים־פרומער.

חָמָא'תִי, (ליטורגיש). איך האָב געזינדיגט. זיך שלאָגען ח ט א ת י, באַרייען.

חֲ'טָף, הם. (מ. חֲ'טָפִ'יען). אַ שוא (ווז.) פאַרבונדען מיט אַ וואָקאַל (זעה אונטען).

חֲ'טָף־סֶ'גוֹל, הם. (מ. חֲ'טָף־סֶ גוֹ'ליען). אַ שוא וואָס שטעהט פאַר אַ סגול (ֱ) און בילדעט צוזאַמען מיט איהם אַ האַלב־וואָקאַל.

חֲ'טָף־פַּתַח [פַּ'תַח], הם. (מ. חֲ'טָף־פַּ'תַח'יען). אַ שוא וואָס שטעהט פאַר אַ פתח (ֲ) און בילדעט מיט איהם צוזאַמען אַ האַלב־וואָקאַל.

חֲ'טָף־קָ'מֶץ, הם. (מ. חֲ'טָף־קָ'מֶץ'יען). אַ שוא וואָס שטעהט פאַר אַ קמץ (ֳ) און בילדעט צוזאַמען מיט איהם אַ האַלב־וואָקאַל.

חַ"י, צ. אַכצעהן (י"ח), אָנגענומען ביי אידען אַלס אַ גליק־ברענגענדע צאָהל, ווייל דאָס וואָרט "חי" באַדייטעט אין העברעאיש "לעבענדער". עס איז דאַריבער איינגעפיהרט ביי די פרומע אידען ווען זיי שענקען געלט צו אָרעמע אָדער פאַר אַ היילינגען צוועק צו געבען די צאָהל "חי" (אַכצעהן) אָדער „חי מאָל חי" (אַכצעהן מאָל אַכצעהן).

חַי־געלעבט, או. געלעבט אַ טאָג, פרעהליך.

חַי־וְקַ'יָּם, הם. (ליטורגיש). "דער וועלכער לעבט און באַשטעהט אייביג (גאָט)", ווערטער פון אַ געוויסען געבעט וועלכע די געמיינדע זאָגט אויף אַ זעהר הויכער שטים. שרייען ח י ־ ו ק י ם, פראָטעסטירען אומזיסט. אַ פראָסטער ח י ־ ו ק י ם, אַ'ן איינפאַכער מענש, איינער וועלכער מאַכט ניט קיין צערעמאָניעס.

חַ'יָּב, א. שולדיג, פאַרפליכטעט.

חַ'יָּב־מִ'יתָה, א. (תלמודיש). ווערט טויט־שטראָף.

חִ'יבּוּט־הַקָ'בֶר, הם. זעה חִ'בּוּט־הַקָ'בֶר.

חִ'יבּוּר, הם. (מ. חִיבּוּ'רִים). זעה חִ'בּוּר.

חִ'יבַּת־צִ'יּוֹן, הוו. זעה חִ'בַּת־צִ'יּוֹן.

חִ'ידָה, הוו. (מ. חִ'ידוֹת). רעטעניש, רעטענים.

חִ'ידּוּשׁ, הם. (מ. חִידּוּ'שִׁים). זעה חִ'דּוּשׁ.

חַ'יָּה, הוו. (מ. חַ'יּוֹת). טהיער, ווילדער טהיער.

חַ'יָּה־רָ'עָה, הוו. (מ. חַ'יּוֹת־רָ'עוֹת). ווילדע טהיער.

חִ'יּוּב, הם. (מ. חִיּוּ'בִים). פאַרפליכטונג, פליכט.

חִיוּ'נָה, הוו. ערנעהרונג, לעבענסמיטעל. ציהען ח י ו נ ה פון, זיך ערנעהרען פון.

חִ'יּוּת, הוו. לעבען, לעבענסקראַפט; פאַרגעניגען, קוויקונג.

חַ׳יוּת, הוו. לעבען, לעבענסקראַפֿט.
ער ווייס ניט פֿון זיין חיות, ער ווייס ניט וואָס מיט איהם טהוט זיך.

חַ׳יוּת׳ען־זיך, צוו. זיך קוויקען.

חַ׳יָט, הם. (מ. חַ׳יָ׳טִים). שניידער.

חַ׳יֵי־אָ׳דָם, הם. "דאָס לעבען פֿון מענשען", דער נאָמען פֿון אַ געוויסען בוך וועלכעס ענטהאַלט אין אַ פֿאַרקירצטער פֿאָרמע אַלע רעליגיעזע פֿאָרשריפֿטען.

חַ׳יֵי־שָׁ׳עָה, הוו. (תלמודיש). "דאָס לעבען פֿון אַ ווײַלע", אַ ווײַלע פֿאַרגעניגען. "אַ חיי־שעה איז אויך גוט" (ווער.).

חַ׳יֵי־שָׂ׳רָה, הוו. דער נאָמען פֿון דער פֿינפֿטער סדרה (ווז.).

חַ׳יָיב, א. (מ. חַ׳יָי׳בִים). זעה חַ׳יָב.

חַ׳יָיה, הוו. זעה חַ׳יָה.

חַ׳יָיט, הם. (מ. חַ׳יָי׳טִים). זעה חַ׳יָט.

חַ׳יִיל, הם. (מ. חַ׳יָילוֹת). זעה חַ׳יִל.

חַ׳יִים, מ. דאָס לעבען.

חַ׳יִים־אֲרוּ׳כִים, מ. (ליטורגיש). לאַנגעס לעבען.

חִ׳ילוּל, הם. זעה חִ׳לוּל.

חִ׳ילוּף, הם. זעה חִ׳לוּף.

חִ׳ילוּק, הם. (מ. חִ׳ילוּ׳קִים). זעה חִ׳לוּק.

חֵ׳ימָה, הוו. זעה חֵ׳מָה.

חִ׳ינוּך, הם. זעה חִ׳נוּך.

חִ׳יסוּר, הם. זעה חִ׳סוּר.

חִ׳יסָ׳רוֹן, הם. זעה חִ׳סָ׳רוֹן.

חִ׳ירִיק, הם. (מ. חִ׳ירִיקִ׳ען). דאָס וואָקאַל־פּינטעלע (.) וועלכעס ווערט געשטעלט אונטער דעם בוכשטאַב און ווערט אויסגעשפּראָכען ווי "אי" אין "אידען".

חֵית, הם. (מ. חֵי׳ת׳ען). דער נאָמען פֿון דעם אַכטען בוכשטאַב (ח) פֿון דעם אידישען אַלף־בית.

חֲכִירָה [חַכִּ׳ירָה], הוו. (מ. חֲכִירוֹת [חַכִּ׳ירוֹת]). אַ׳ן אַרענדע, אַ פּאַכט; אַ שטיק לאַנד געהאַלטען אין אַרענדע.

חָ׳כָם, הם. (מ. חֲכָ׳מִים, חַכְ׳מֵי־). אַ קלוגער מאַן; אַ געלעהרטער; איינער פֿון די פֿיער פֿאַרשיעדענע זיהן וועלכע ווערען אויסגערעכענט אין דער הגדה (זעה אַרְבָּ׳עָה בָּ׳נִים). אַ חכם פֿון דער מה־נשתנה, אַ נאַרר וועלכער האַלט זיך פֿאַר קלוג. "בעסער אַ פּאַטש פֿון אַ חכם איידער אַ קוש פֿון אַ נאַרר" (שפּוו.). "דער חכם שכל׳ט זיך אפילו פֿון דער תליה אַראָפּ" (שפּוו.). לאַנד־חכם, איינער וואָס זיין קלוגהייט איז באַריהמט אין דעם גאַנצען לאַנד אַרום.

חֲכַם׳, הם. אַ רב ביי שפּאַניאָלישע אידען; דער גייסטליכער פֿיהרער פֿון אַ קאַראַאימישער געמיינדע (זעה קְרָ׳אִי).

חָ׳כָם־בַּלַיְ׳לָה, הם. "אַ קלוגער ביי

דער נאַכט", אַ קנאַפּער קלוגער.

חָ׳כָם־מְחֻ׳כָּם, המ. (מ. חֲכָ׳מִים־מְחֻכָּ׳מִים), (ביבליש). אַ זעהר קלוגער מענש.

חָ׳כָם־עַ׳תִּיק, המ. אַ זעהר קלוגער מענש.

חָכְ׳מָה ، חָכְ׳מַת־ , הוו. (מ. חָכְ׳מוֹת). קלוגהייט, וויזהייט; קענטשאַפט, וויסענשאַפט; קונסט, פילאָזאָפיע; אַ קונץ; אַ קלוג וואָרט, אַ וויץ. אָהן חכמות, ניט־געקינסטעלט, איינפאַך. אויבער־חכמה, אויבערשפּיצעל. "מיט חכמה געהט מען ניט אין מאַרק אַריין" (שפּוו.). "וואָס טויג די חכמה אַז די נאַרישקייט גילט" (שפּוו.). "ביי׳ם אָרעמאַן ווערט די חכמה דער־שלאָגען" (שפּוו.). "צום גליק דאַרף מען קיין חכמה ניט" (שפּוו.).

חֲכָ׳מָה, הוו. (מ. חֲכָ׳מוֹת). אַ קלוגע פרוי.

חָכְ׳מָהידיג, א. וויציג, קלוג.

חַכְ׳מֵי־הַלעוזשאַנקע, המ. מ. די קלוגע פון הינטער דעם אויווען.

חַכְ׳מֵי־יָוָן, המ. מ. די פילאָזאָפען פון גריכענלאַנד.

חֲכָמֵי׳נוּ, המ. מ. אונזערע געלעהר־טע, די געלעהרטע פון תלמוד (ווז.).

חַכְמָנִית [חָכְמַ׳נִית], הוו. (מ. חַכְמָנִיוֹת [חָכְמַ׳נִיוֹת]). אַ קלוגע פרוי.

חָכְ׳מ׳ען־ ، חָכְ׳מ׳ענען־זיך, צוו. זיך וויצלען.

חֲכֶ׳מֶת*, הוו. אַ קלוגע פרוי.

חָכְ׳מַת־הַיָּד [הַיַּ׳ד], הוו. די קונסט פון פאָראויסזאָגען די צוקונפט פון אַ מענשען נאָך די שטריכען פון זיין האַנד.

חָכְמַת־הַמְדִי׳דָה, הוו. די וויסענ־שאַפט פון מעסטען, געאָמעטריע.

חָכְ׳מַת־הַפַּרְ׳צוּף, הוו. די קונסט צו דערקענען די איינענשאַפטען און די נאַטור פון אַ מענשען לויט די שטריכען פון זיין געזיכט.

חָכְ׳מַת־הַתְּכוּ׳נָה, הוו. שטערנ־לעהרע, אַסטראָנאָמיע.

חָכְ׳מַת־יָ׳וָן, הוו. די גריכישע פי־לאָזאָפיע.

חָכְ׳מַת־שְׁלֹ׳מֹה, הוו. די קלוגהייט פון (קיניג) שלמה, גרויסע קלוג־הייט.

חַל־זיין, צש. זיין גילטיג, זיין אין קראַפט, זיין אָנגווענדבאַר; פּאַסי־רען, טרעפען, אויספאַלען, שטאַטפינדען.

חַלַ׳את׳*, הוו. (מ. חַלַאת׳יען). אַ קראַנקהייט, אַ פעהלער. וויסען אַ חלאת, גאָרניט וויסען. געבען אַ חלאת, גאָרניט גע־בען.

חַ׳לֶב, הוו. דאָס פעט (פון פליייש) וועלכעס אַ איד טאָר ניט עסען.

חָ׳לָב־וּדְבַ׳ש׳, המ. מ. (ביבליש). מילך און האָניג.

חַ׳לֶב׳דיג, א. איינגעשמירט אין חלב.

חַ'לֶב'ען, א. געמאַכט פון חלב.

חֶלְ'בְּנָה, הוו. דער פעך פון אַ גע=
וויסען בוים וועלכער איז גע=
ברויכט געוואָרען צוזאַמען מיט
פאַרשיעדענע אַנדערע געווירצען
אין דער צובאַרייטונג פון דעם
הייליגען ווייהרויך, הגם אַליין
האָט ער זעהר אַ שלעכטען גערוך.
„אין די קטורת איז דאָ חלבנה,
און אין דער פיינסטער משפחה
איז דאָ אַ משומד" (שפוו.).

חַ'לָה, הוו. (מ. חַ'לוֹת). אַ לאַבען
ברויט; וויים=ברויט, ווייצענ=
ברויט; דאָס שטיקעל וואָס מע
נעהמט אַראָפּ פון דעם פאַרקנע=
טענעם טייג און מע פאַרברענט
איידער מע מאַכט ברויט (אין אנ=
דענק אָן דעם טהייל וואָס מע
פלעגט פאַרצייטען אָרונטערנעהמען
פאַר'ן כהן). „אז מע זוכט חלה
פאַרליערט מען ברויט" (שפוו.).

חִ'לוּל, המ. פאַרשוועכונג, שענדונג,
לעסטערונג.

חִ'לוּל-הַכָּ'בוֹד, המ. באַליידיגונג,
ערנידערונג.

חִ'לוּל-הַשֵּׁם [הַשֶּׁם'], (תלמודיש).
אַ שענדונג פון גאָט. עס איז אַ
חלול-השם פאַר גויים, עס
איז אַ שאנד פאַר די אויגען פון
פון ניט=אידען.

חִ'לוּל-שַׁ'בָּת, המ. (תלמודיש).
פאַרשוועכונג פון (דער הייליגקייט
פון) שבת, איבערטרעטונג פון די
שבת=געזעצען.

חֲלוֹם [חָ'לוֹם], המ. (מ. חֲלוֹ'מוֹת).
אַ טרוים; בייזער טרוים; אַ פאַנ=
טאַזיע, אַ פאַרשטעלונג, אַ'ן איינ=
בילדונג. אויסבייטלען אויף אימי=
צען אַלע חלומות, אימיצען
שטאַרק זידלען אָדער פלוכען.
„אַלע בייזע חלומות אויף
זיין קאָפּ" (פלוך=ווערטעל). „אַ
חלום איז אַ האַלבער נביא"
(שפוו.). „מע קען מאַכען דעם
חלום גרעסער ווי די נאַכט"
(שפוו.). „די גאַנצע וועלט איז
ווי אַ חלום" (שפוו.). „דעם
מענשענ'ס יאָהרען פליהען איבער
ווי אַ חלום און חאַפּט מען זיך
אויף ליעגט מען אין דער ערד"
(שפוו.).

חָ'לוֹמ'ען, צש. טרוימען, זעהן אין
אין טרוים; פאַנטאַזירען.
חלומ'ען זיך, ערשיינען אין
טרוים; זיך דאַכטען.

חִ'לוּף, המ. אָפּוועקסלונג, אויס=
וועקסלונג, אומבייט. „אַ חלוף
איז אַ חלף" (שפוו. — ד. ה.
ביי'ם בייטען זיך מוז זיך איינער
אָפּנאַרען).

חִ'לוּף-מַטְבֵּ'עַ, המ. אויסבייטונג
פון געלט, געלט=וועקסעל.

חִ'לוּק, המ. (מ. חִלּוּ'קִים). אונ=
טערשייד, דיפערענץ; צוטהיילונג
(אין אַריטהמעטיק); אַ תלמודישער
פאָרטראַג פון אַ זעהר שאַרפזיניגען
פאַרוויקעלטען אינהאַלט. „חלוק
איז ניט קיין כופל" (שפוו.).

חִלּוּ'קֵי-דֵ'יעוֹת, המ. (מ. חִלּוּ'קֵי-
דֵ'יעוֹת'ען). פאַרשיעדענהייט פון
מיינונגען.

חָ'לוּץ, המ. (מ. חֲלוּ'צִים). איינער
וועלכער האָט געגעבען חליצה
(ווז.) זיין געשטאָרבענעם ברודער'ס

פרוי; אַ פּיאָנער, אַ פּאָראַוויס=
געהער.

חָלוּצָה, הזו. (מ. חֲלוּצוֹת). אַ
פרוי וועלכע האָט גענומען חליצה
(זוז.) פון איהר געשטאָרבענעם
מאַן'ס ברודער.

חֲלוּקָה, הזו. (מ. חֲלוּקוֹת). צו=
טהיילונג, אויסטהיילונג; די געלט=
שטיצע וועלכע ווערט אויסגע=
טהיילט צו די אָרעמע אין פּאַ=
לעסטינא.

חָלוּשׁ, הם. אַ שלאַפער, קרענקלי=
כער מענש.

חָלִילָה, חָלִילָה־וְחַס, אר. גאָט
באַהיט, אויף קיין פאַל ניט!

חָלִיעֶן, צש. קרענקען, קראַנק זיין.

חֲלִיצָה, הזו. (מ. חֲלִיצוֹת). דאָס
אידישע געזעץ לויט וועלכען דער
ברודער פון דעם וועלכער שטארבט
אָהן קינדער מוז דעם געשטאָרבע=
נעם'ס פרוי (ענטוועדער הייראַטהען
(זעה יִבּוּם) אָדער) באַפרייען דורך
אַ געוויסע פאָרגעשריבענע צערע=
מאָניע וועלכע באַשטעהט הויפּט=
זעכליך אין דעם וואָס די פרוי
ציהט אראָפּ אַ שוך פון איהר
שוואָגער'ס פוס; די צערעמאָניע
פון אראָפּציהען דעם שוך. געבען
חליצה, באַפרייען די שווע=
גערין דורך די צערעמאָניע פון
חליצה. נעהמען חליצה, באַ=
פרייט ווערען דורך די צערעמאָניע
פון חליצה.

חֵלֶל, הם. לאָך, עפענונג, לוידי=
דיגער רוים.

חֵלֶף, הם. (מ. חֲלָפִים). שלאַכט=
מעסער. איהם ליגט דער חלף
אויפ'ן האַלז, ער האַלט זעהר
שמאָל.

חַלְפָן, הם. (מ. חַלְפָנִים). געלט=
וועקסלער, באַנקיער.

חַלְפָנוּת, הזו. געלט=וועקסעל=גע=
שעפט.

חֵלֶק, הם. (מ. חֲלָקִים). טהייל;
פּאָרציאָן. געבען אַ חלק,
שטאַרק זידלען. "אז מע שווייגט
קריגט מען אַ בעסערען חלק"
(שפוו.).

חָלָק, א. גלאַט, בלאַנק (אין אַ
לאָטעריע).

חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, הם. (תלמו=
דיש). אַ טהייל אויף יענער וועלט,
יענע וועלט.

חֲלָשׁוּת, הזו. שוואַכקייט, שלאַפ=
קייט, אונמאַכט; עקעל. פאַלען
אין חלשות, פאַלען אין אונ=
מאַכט. "אַ'ן אָרעמאַן קוויקט זיך
מיט חלשות" (שפוו.).

חֲלָשׁוּתדיג, א. איבעל, עקעל=
האַפט.

חַלְשֶׁעֶן, צש. פאַלען אין אונמאַכט;
בענקען, שמאַכטען; ווערען שלאַף
פון הונגער. איהם חלש'ט
דאָס האַרץ, ער איז הונגעריג.

חָם [חַם], אנט. דער נאָמען פון איי=
נעם פון נח'ס זיהן; חם. אַ גראָ=
בער קערל; אַ שטומפּזיניגער מענש,
אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ.

ח״ם, אב. חָתוּם מַטָּה (מ.
חֲתוּמִים מַטָּה). דער אונטער=
צייכענטער.

חֵ'מָה, הוו. צאָרן, גרימצאָרן.

חַמיזו'ליע, חַמיזוק', הם. (מ. חַמיזו'ליעס, חַמיזו'קעס). אַ שטומפּזיניגער מענש, אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ. זעה חָם.

חֲ'מוֹר, הם. (מ. חֲמוֹ'רִים). עזעל; אונוויסענדער מענש; אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ, אַ נאַרר. עס ווענדט זיך ווי דער חמור שטעהט, עס ווענדט זיך אָן די אומשטענדען (דער אויסדרוק שטאַמט פון דעם עהנליכקייט צווישען דעם העברעאישען וואָרט "חֲמוֹר" (עזעל) און דעם אַראַמעאישען וואָרט "חֲמַר" (וויין). עס הייסט דאַריבער אַז אום צו געפינען די גענויע באַדייטונג דאַרף מען זעהען וואו עס שטעהט: אויב אין שטאַל איז דאָס אַ'ן עזעל, אויב אין קעלער איז דאָס וויין).

חֲ'מוֹר לְמַ'שָּׂא, הם. אַ'ן עזעל צו דער לאַסט, אַ לאַסט-עזעל, אַ שווערער אַרבייטער.

חֲ'מוֹרי'ש, א. עזעלהאַפט, גראָב, אונוויסענד.

חֲמִי'מָה, הוו. (מ. חֲמִי'מוֹת). היץ, הייס וועטער.

חֲמִי'שִׁי, הם. דער פינפטער; דער וועלכער ווערט אויפגערופען אין שוהל צו דער פינפטער עליה. געבען חמישי, אויפרופען דעם פינפטען. קריגען חמישי, אויפגערופען ווערען דער פינפטער.

חָ'מֵץ, הם. געזויערטעס, אַ שפּייז אָדער אַ געטראַנק וועלכעס ענטהאַלט אין זיך זויערטייג אָדער זויער-געוואָרענע מעהל-שטאָפען וועלכע אַ איד טאָר ניט געניסען אָדער האַלטען ביי זיך אין הויז אין די טעג פון פסח (ווז.); אַ שעדליכע זאַך.

חָ'מֵשׁ, צ. פינף.

חָ'מֵשׁ-מְגִ'לּוֹת, הוו. מ. די פינף (פאַרמעט-)ראָללען, די פינף ביבלישע ביכער: שיר־השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר (ווז.).

חֲמִ'שָּׁה, צ. פינף.

חֲמִ'שָּׁה חוּמְ'שֵׁי תּוֹ'רָה [תּוֹ'רָה], הם. מ. (תלמודיש). די פינף ביכער פון דער תורה: בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים (ווז.).

חֲמִ'שָּׁה-עָ'שָׂר-בִּשְׁ'בָט', הם. (תלמודיש). דער פופצעהנטער טאָג אין מאָנאַט שבט (ביי אידען ווערט דער טאָג געפייערט אַלס דאָס נייאָהר פון די בוימען).

חֲמִ'שִּׁי, צ. זעה חֲמִי'שִׁי.

חֲמִ'שִּׁים, צ. פופציג.

חֵן, הם. רייץ, צוציהונג, ליבליכקייט, לייטזעליגקייט. האָבען דעם זיבעטען חן, זיין זעהר אַנציהענד. "חן קאָסט ניט מעהר ווי אומ'חן" (שפּוו.). "חן געהט איבער שען" (שפּוו.). "איין מאָל איז שען, צוויי מאָל האָט נאָך חן, דריי מאָל האָט מען אויס די צייהן" (שפּוו.). "אַז מע טהוט אַ שטעקען אָן שען, האָט ער אויך חן" (שפּוו.).

הֶן־גריבעלע, הז. (מ. הֶן־גריבעלעך). אַ קנייטשעל אָדער אַ גריבעלע וואָס גיט צו אַ רייץ דעם געזיכט.

חֵן'ידעל, הס. (מ. חֵן'ידלעך). קאָקעטישע מינע אָדער באַוועגונג. מאַכען חנ'דלעך צו אימיצען, זוכען צו געפעלען אָדער שמייכלען אימיצען.

חֵנ'וודיג, א. רייצענד, ליעבלעך, אַנציהענד, גראַציעז.

חִ'נוך, הם. ערציהונג; איינווייהונג.

חִ'נוך הָאָ'רוֹן, הם. איינווייהונג פון אַ נייעם אָרון־קודש.

חִ'נוך הַגָדֵר [הַגֶ'דֶר], הם. איינווייהונג פון אַ נייעם טויטענפעלד.

חֲ'נוּכָּה, הוו. (מ. חְ'נוכּוֹת). זעה חֲ'נֻכָּה.

חֲנִי'נָה, הוו. באַרמהערציגקייט, מיטלייד.

חֲנִי'פָה, הוו. (מ. חֲנִי'פוֹת). אַ שמייכעל־וואָרט; שמייכלעריי, אונטערלעקעריי.

חֲנִיפ'וּש'ניצע, הוו. (מ. חֲנִיפ'וּש'ניצעס). זעה חֲנִיפ'וּש'ניק.

חֲנִיפ'וּש'ניק, הם. (מ. חֲ'יפ'וּש'ניקעס). אַ שמייכלער, אַ'ן אונטערלעקער.

חֲ'נֻכָּה, הוו. (מ. חְ'נֻכּוֹת). די אַכט טעג וועלכע די אידען פייערען יעדעס יאָהר צום אנדענק אָן דעם זיעג וואָס יהודה המכבי (ווז.) האָט געהאַט איבער די גריכען אין דער צייט פון דעם צווייטען בית־המקדש.

חֲ'נֻכָּה־געלט, הז. דאָס געלט וואָס מע שענקט די קינדער און וואָס מע גיט צו די אָנגעשטעלטע פון דער געמיינדע ווי אַ רב, חזן, חזן, שמש, אָדער צו אָרעמע לייט אום חנכה.

חֲ'נֻכָּה־דרעהדעל, הז. אַ פיער־וויטיג דרעהדעל פון האָלץ אָדער מעטאַל מיט אַ געוויסען העברעאישען בוכשטאַב אויף איטליכער זייט מיט וועלכען די קינדער שפיעלען אום חנכה. די בוכשטאַבען זיינען: נ, ג, ה, ש, אב. נֵס גָדוֹל הָיָה שָׁם (דאָרט איז געשעהן אַ גרויס וואונדער). ווען דאָס דרעהדעל פאַלט מיט דעם "ג" אַרויף הייסט עס געוואונען אין "גאַנצען", מיט'ן "ה" אַרויף הייסט עס געוואונען „האַלב".

חֲ'נֻכָּה־לאָמפּ, הם. אַ לאָמפּ אין וועלכען מע צינדט אָן די חנכה־ליכט.

חֲ'נֻכָּה־ליכט, הז. איינס פון די ליכט וואָס מע צינדט אָן אין די אַכט טאָג פון חנכה, אָנהויבענדיג מיט איינעם דעם ערשטען טאָג און ענדיגענדיג מיט אַכט דעם לעצטען טאָג.

חֲנֻ'כַּת־הַבַּ'יִת, הם. איינווייהונג אָדער באַנייאונג פון אַ הויז, די מאָהלצייט וועלכע מע מאַכט ווען מע קלייבט זיך אריין אין אַ'ן איינגעם ערשט־אויפגעבויטען הויז; די איינווייהונג פון אַ שוהל.

חִ'נָם, או. אומזיסט, ביליג.

חַנְ'פ'ען, חַנְ'פענען, צא. שמייבלען. זיך חנפ'ען, זיך צו־

מאַכען מיט שמייכעל=ווערטער, אונטערלעקען. „מע חנפ'עט ניט דעם נגיד נאָר זיין געלט" (שפּוו.).

חֶ'נֶק, המ. דערווערגונג, איינע פון די פיער טויט=שטראָפען ביי די אַמאָליגע אידען.

חָם [חַם]־זיין, צש. האָבען מיטלייד, האָבען אײנזעהעניש.

חַס־וְחָלִי'לָה, אר. זעה חָלִי'לָה.

חַס־וְשָׁ'לוֹם, אר. (תלמודיש). גאָט באַהיט. „אַלע חס־ושלום'ס זיינען מעגליך" (שפּוו.).

חֶ'סֶד, המ. (מ. חֲסָ'דִים). גענאָד, וואָהלטהאַט. מיט חסד, ניט שלעכט, צו דערליידען, ניט צו פאַרזינדיגען. „עס איז מיט חסד אָרעמע לייט שטאַרבען" (ווער.).

חִ'סוּר, המ. אַרונטערציהונג (אין אַריטהמעטיק).

חָ'סִיד, המ. (מ. חֲסִי'דִים). אַ פרומער; אַ'ן אָנהענגער פון יענער אידישער סעקטע וועלכע לעגט מעהר געוויכט אויף גאָטעסדיענסט, אויף מיסטישע לעהרען, אויף רעליגיעזען עקסטאַז און אויף די פאַרגעטערונג פון הייליגע מענער ווי אויף דעם שטודיום פון תלמוד; פאַרעהרער, אנהענגער. „אַז אַ חסיד ווערט אויפגעקלערט שילט ער גאָט אין טאַטען אַריין" (שפּוו.).

חֲסִידִ'אַר'ניע, הוו. (מ. חֲסִידִ'אַר'ניעס). אַ קלויז פון חסידים.

חֲסִי'דוּת, הוו. פרומקייט; מאַניערען אָדער לעהרען פון דער חסידישער סעקטע.

חֲסִי'דֵי־אוּ'מוֹת־הָעוֹ'לָם, המ. מ. (תלמודיש). די פרומע און גוטע לייט צווישען די (ניט=אידישע) פעלקער פון דער וועלט.

חֲסִי'דִ'יש, א. באַלאַנגענדיג צו דער סעקטע פון חסידים.

חָ'סִיד'על, הז. (מ. חָ'סִיד'לעך). אַ חסידיש געזאַנג אָדער טענצעל.

חָ'סִיד'על, המ. ק. (מ. חֲסִי'דִים־לעך). זעה חָ'סִיד.

חָ'סִיד'קע, הוו. (מ. חָ'סִיד־קעס). די פרוי פון אַ חסיד.

חָ'סֵר, המ. (מ. חֲסֵ'רִים). אַ (אידישער) מאָנאַט וועלכער האָט בלויז 29 טעג.

חָ'סֵר־ווערען, צש. אָהנווערען, פאַרלירען; צל. פאַרלאָרען ווערען.

חֲסַר [חָ'סֵר]־דֵ'עָה, המ. וואַהנזיניג, פאַרריקט, אַראָפּ פון זינען.

חָ'סֵר־דֵ'עָה'ניק, המ. (מ. חָ'סֵר־דֵ'עָה־ניקעס). אַ וואהנזיניגער, אַ פאַרריקטער.

חִסָּ'רוֹן, המ. (מ. חִסְרוֹ'נוֹת). פעהלער, מאַנגעל, שאָדען. „אַ מאַמע איז אַ פּאָקרישקע, זי דעקט צו די קינדער'ס חסרונות און דעם מאַן'ס בזיונות" (שפּוו.).

חִסְרוֹן [חִסָּ'רוֹן]־כִּ'יס, המ. געלט=שאָדען.

חֵ'פֶץ, המ. (מ. חֲפָ'צִים). אַ געגענשטאַנד, אַ ווערטהזאַך.

חֶפְ'צוֹת, הוו. מ. מאַניערען, פאס=
טעמקעם.

חִצוֹ'נִיוּת, הוו. אויסערליכקייט.

חָ'צוּף, הם. (מ. חֲצוּ'פִים). פרע=
כער מענש.

חָ'צוּף־מְחוּ'צָף, הם. אַ זעהר פרע=
כער מענש.

חֲצוּ'פָה, הוו. (מ. חֲצוּ'פוֹת). אַ
פרעכע אָדער פאַרשייטע פרויענ=
צימער.

חֲצוּפִים'צע, הוו. (מ. חֲצוּפִים'=
צִעֶם). פאַרשייטעס פרויענצימער.

חֲצ'ות [חְצָת], חם. מיטטענאַכטיגע
גאָטעסדיענסט. אָפריכטען (פראַ=
וויען) תצות, האַלטען די מי=
טענאַכטיגע גאָטעסדיענסט.

חֲצִי [חָ'צִי־], או. האַלב=.

חֲצִי [חָ'צִי]־ח'ֹדֶש, חם. מיטען מאָ=
נאַט. שען ווי די לבנה אין חצי־
חדש, זעהר שען.

חֲצִי [חָ'צִי]־ח'ִנָּם, או. האַלב=אומ=
זיסט, זעהר ביליג.

חָ'צִי־שַ'בָּת'ל, הז. (מ. חָ'צִי־שַ'בָּת'=
לעך). אַ געוויסער זאָרט היטעל
וואָס מע פלעגט טראָגען פאַר=
צייטען.

חֲצִי'פוּת, הוו. פרעכהייט, פאַר=
שעמטקייט, אויסגעלאַסענהייט.

חֲצִיפִ'יש, א. פאַרשייט, אויסגע=
לאַסען.

חֹק [חָק], הם. (מ. חֻ'קִים). געזעץ,
באַפעהל.

חֹק [חָק] וְלֹא יַעֲ'בוֹר, הם. (ביב=
ליש). פעסטער שטרענגער גע=
זעץ.

חֹק [חָק]־לְיִשְׂרָ'אֵל, הם. דער נאָ=
מען פון אַ געוויסען בוך וואָס
ענטהאַלט אויסצוגען פון ביבעל,
תלמוד און אַנדערע הייליגע בי=
כער, צונויפגעשטעלט פאַר (זאָ=
גען) יעדען טאָג פון יאָהר באַ=
זונדער.

חֲקִי'רָה, הוו. (מ. חֲקִי'רוֹת). נאָכ=
פאָרשונג, אויספאָרשונג, נאָכזו=
כונג; פילאָזאָפיע; פילאָזאָפישער
געדאַנק.

חֲקִי'רָה־וּדְרִי'שָׁה, הוו. (מ. חֲקִי'רוֹת־
וּדְרִי'שׁוֹת), (תלמודיש). אויס=
פאָרשונג.

חֲקִי'רָה־סֵ'פֶר, הם. (מ. חֲקִי'רָה־
סְפָ'רִים). אַ פילאָזאָפישעס בוך.

חַקְ'רָן, הם. (מ. חַקְרָ'נִים). נאָכ=
פאָרשער, דענקער, פילאָזאָף.

חַקְ'רָנ'טע, הוו. (מ. חַקְ'רנ'טעס).
זעה חַקְרָן.

חַקְ'רָנ'יען־זי', צא. פילאָזאָפירען,
אַרגומענטירען.

חֻ'קַת, הוו. דער נאָמען פון דער
ניין און דרייסיגסטער סדרה (ווז.).

חָ'רֵב, א. וויסט, צושטערט; גע=
פעהרליך קראַנק.

חֶ'רֶב־הַמִּתְהַפֶּ'כֶת, הוו. (ביבליש).
די זיך=דרעהענדיגע שווערד (וועל=
כע גאָט האָט אויפגעהאַנגען אויף
דעם טויער פון גן־עדן כדי אדם־
הראשון זאָל ניט קענען אַהין
אַריינקומען, ווי די ביבעל דער=
צעהלט).

חָ'רֵב ומוּחְ'רָב, א. וויסט און צו־שטערט.

חֲרֵ'בוֹת, מ. פאַרוויסטונגען, צו־שטערונגען. אָנמאַכען חרבות, אָנמאַכען גרויסע שאָדענס.

חֻרְ'בָּן, הס. (מ. חֻרְבָּ'נוֹת). צער־שטערונג, פאַרוויסטונג; צער־שטערונג פון ירושלים; אומגליק, עלענד, יאָמער. דער ערשטער חרבן, די צערשטערונג פון דעם ערשטען בית־המקדש. דער צווייטער חרבן, די צערשטע־רונג פון דעם צווייטען בית־המקדש. "אַ חרבן אויף איהם" (פלוכוואָרט).

חֲרוֹ'סֶת, הוו. אַ מישונג פון צו־שטויסענע ניס, פרוכטען און גע־ווירצען צונויפגעמישט אין וויין וועלכע מע שטעלט אויפ'ן טיש צום סדר אַלס אנדענק אָן דעם לעהם וואָס אידען האָבען געמוזט קנעטען אין מצרים. "מע מיינט ניט די חרוסת נאָר די ארבע כוסות" (שפוו.).

חֶ'רוּף־נֶ'פֶשׁ, הס. זעה מְסִי'רַת־נֶ'פֶשׁ.

חָ'רוּץ, אַ פלייסיגער פעהיגער מענש. "דריי זאַכען טויגען ניט: אַ פויער אַ חרוץ, אַ'ן אָרעמער פריץ און אַ רב אַ'ן עם־הארץ" (שפוו.).

חֵ'רוּת, הוו. פרייהייט. "אַ נאַרר האָט חרות" (שפוו.).

חֲרָ'טָה, הוו. (מ. חֲרָ'טוֹת). באַריי־אונג, באַדויערונג, די ענדערונג פון אַ באַשלוס אָדער דאָס צוריק־נעהמען פון אַ פאַרשפרעכען. "אויף ניט האָט מען קיין מאָל קיין חרטה ניט" (שפוו.). "צוויי מאָל האָט מען ניט חרטה" (שפוו.).

חַרְטוּ'מִים, הס. מ. די אַמאָליגע עגיפטישע צויבערער און שוואַרץ־קינסטלער.

חַרְטוּ'מִים־כְּתַב, הס. היעראָגליפען־שריפט.

חָרִיף [חַ'רִיף], הס. (מ. חֲרִי'פִים). שאַרפזיניגער מענש (געוועהנליך געזאָגט אויף אַ שאַרפזיניגען תלמודיסט).

חֲרִי'פוּת, הוו. שאַרפזיניגקייט.

חֵ'רֶם, הס. אויסשליסונג פון דער געמיינדע. אַריינלעגען אין חרם, אויסשליסען פון דער געמיינדע.

חֵ'רֶם־קוויטעל, הס. אַ קוויטעל אָדער דאָקומענט אין וועלכען מע פאַרפליכטעט זיך עפּעס צו טהאָן נעהמענדיג אויף זיך די שטראָף פון חרם אין פאַל מע וועט עס ניט טהאָן.

חֵ'רֶם דְרַבֵּ'נוּ גֶרְ'שׁוֹם, הס. די שטראָף פון אויסשליסונג פון דער געמיינדע וועלכע דער גרויסער אידישער געלעהרטער גרשום (גע־לעבט 960—1028) האָט אַרויפ־געלעגט אויף די וועלכע לעזען פרעמדע בריעף אָהן דער ערלויב־ניס פון דער אַדרעסירטער פּערזאָן, וועלכע הייראַטהען מעהר ווי איין פרוי און וועלכע גט'ען אָב אַ פרוי קעגען איהר ווילען.

חֲרָ'מוֹת, מ. פלוכווערטער.

חֶ'רֶם־הַנִשְׁ'בָּר, הס. (תלמודיש). אַ צובראָכען שערבעל.

חֶרְפָּה [חַרְ'פָּה], הוו. (מ. חֲרָפוֹת [חַרְ'פוֹת]. שאַנדע, שענדליכע טהאַט. "בעסער אַ וועהטאָג אין האַרצען איידער אַ חרפה אין פנים" (שפוו.).

חֶרֶשׁ [חֵרֶשׁ], המ. שוויינ=געלט, לאַפּקע. "אז דער אדון וויים שוין פון כל דבר שורש העלפט ניט קיין חרש" (שפוו.).

חֶשְׁ'בּוֹן, המ. (מ. חֶשְׁבּוֹ'נוֹת). רע=כענונג; רעכענקונסט, אַריטהמע=טיק; אַ באַריכט; קאָנטא, קרע=דיט. נעהמען אויף חשבון, נעהמען אויף באָרג. "אַ ריינער חשבון איז אַ האַלבער סילוק" (שפוו.). "אז מע לעבט אָהן חשבון שטאַרבט מען אָהן ווידוי" (שפוו.).

חֶשְׁ'בּוֹן־הַנֶ'פֶשׁ, המ. "באַרעכענונג פון דער זעעלע", זעלבסט=אונ=טערזוכונג.

חֶשְׁ'בּוֹן־צֶ'דֶק, המ. אַ'ן עהרליכע דיכטיגע רעכענונג.

חֶשְׁ'בּוֹנ'יען, צש. רעכענען, אויסרע=כענען, איבעררעכענען.

חֶשֶׁד [חֶשַׁד], המ. פאַרדאַכט.

חָ'שׁוּב, המ. (מ. חֲשׁוּ'בִים). אַ'ן אנגעזעהענער מענש.

חָ'שׁוּב, א. (מ. חֲשׁוּ'בִים; וו. חֲשׁוּ'בָה, מ. חֲשׁוּ'בוֹת). אנגע=זעהען. אשה חשובה, אַ'ן אנגעזעהענע פרוי. אנשים חשובים, אנגעזעהענע מענער.

חָ'שׁוּד, א. פאַרדעכטיגט.

חֶשְׁוָן, חֶשְׁ'וָן, המ. דער נאָמען פון דעם צווייטען מאַנאַט פון דעם אידישען יאָהר; פאַלט געוועהנליך אין די מאָנאַטען אָקטאָבער=נאָ=וועמבער און האָט 29 טעג.

חֲשִׁ'יבוּת, הוו. אנגעזעהענקייט, וויכטיגקייט.

חֶ'שִׁיבִ'יער, א. מעהר אנגעזעהען. זעה חָ'שׁוּב.

חֶ'שִׁים, המ. (אייגענטליך דער נאָ=מען פון איינעם פון דן'ס (ווז.) זיהן). גרויסער נאַרר, אידיאָט.

ח'שֶׁךְ, הז. פינסטערניס; איינע פון די עשר־מכות (ווז.). עס מהוט זיך חשך, עס איז אַ גרוים געדודער, עס איז אַ גאַנצע אי=בערקעהרעניש. אָנמאַכען חשך, אָנמאַכען אַ סומאַטאָכע.

ח'שֶׁךְ, א. פינסטער; באַטריבט, פאַרטרויערט.

ח'שֶׁךְ־וַאֲפֵ'לָה, א. (ביבליש). זעהר פינסטער.

ח'שֶׁךְ־וַחֲלַקְלַ'קוֹת, א. (ביבליש). פינסטער און גליטשיג.

ח'שֶׁךְ־מִצְרַ'יִם, המ. די פינסטערניס פון עגיפטען (זעה ח'שֶׁךְ), גרויסע פינסטערניס.

חַשְׁ'כוּת *, הוו. פינסטערניס.

ח'שֶׁכ'נִים, הוו. פינסטערניס.

ח'שֶׁכ'ען, צש. פינסטערען, ליידען. צא. פאַר'חשכ'ען, פינסטער מאַכען, פאַרביטערען. אָפּ'=חשכ'ען, פאַרברייננען אין אין ליידען.

חַשְׁמוֹנָ'אִים, מ. די מיטגליעדער פון אַ געוויסער פירסטערליכער

פאַמיליע וועלכע האָט אין פאַר=לויף פון פיעלע יאָהרען געקעניגט איבער אידען אין פאַלעסטינא אין דער צייט פון דעם צווייטען בית־המקדש; דער אורפאטער פון דער פאַמיליע איז געווען מתתיהו וועל=כער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פרומקייט און העלדישקייט אין דער מלחמה אַקעגען די גריכען. זעה מַכְ׳בִּי.

חֹ׳שֶׁן, הם. אַ טאָוועל באַזעצט מיט טהייערע שטיינער וועלכען דער כהן־גדול פלעגט טראָגען אויף דער ברוסט.

חֹ׳שֶׁן־מִשְׁ׳פָּט, הם. איינע פון די פיער אבטהיילונגען פון דעם שלחן־ערוך (ווז.) וועלכע ענט=האַלט די אידישע ציוויל=געזעצען.

חֵ׳שֶׁק, הם. לוסט, באַגעהר, פאַר=לאַנג.

חֲשָׁש [חְשַׁש], הם. אַ פאַרדאַכט; אַ שפור.

חִ׳תּוּךְ, הם. די באַשניידונג, מילה. געבען חתוך, באַעהרען אימי=צען מיט דער באַשניידונג.

חִ׳תּוּךְ־הַדִּ׳בּוּר, הם. קלאָרקייט אָדער דייטליכקייט פון אויסשפּראַכע.

חָ׳תוּם, הם. (מ. חֲתוּ׳מִים). דער אונטערגעצייכענטער.

חָ׳תוּם־מַ׳טָּה, הם. (מ. חֲתוּ׳מִים־מַ׳טָּה). דער אונטערגעצייכענטער.

חֲ׳תוּנָּה, הוו. (מ. חֲ׳תוּנוֹת). הייּ=ראַטה; האָכצייט; אַ גערודער, אַ סומאַטאָכע. מאַכען חתונה, פאַרהייראַטהען. אָנמאַכען אַ גאַנצע חתונה, אָנמאַכען אַ סומאַטאָ=כע. טאַנצען אויף צוויי חתונות, שפילען אַ צווייזייטיגע ראָליע, זיך באַשעפטיגען מיט צוויי זאַכען צו דער זעלביגער צייט. „חתונה האָבען דויערט אַ שעה און צרות האָט מען דאָס גאַנצע לעבען" (שפוו.). „חתונה האָבען, קנעלען און שטאַרבען פאַרזוימט מען ניט" (שפוו.). „פריה אויפ=שטעהן און פריה חתונה האָבען שאַדט ניט" (שפוו.). „אַז אַ׳ן אָרעמאַן מאַכט חתונה טראָגען הינד גאַנצע קעפ" (שפוו.). „אַז דער זוהן האָט חתונה ניט ער דער ווייב אַ כתובה און דער מאַמען אַ גט" (שפוו.). „אַז מע מאַכט אַ מיידעל ניט חתונה, מאַכט זי זיך אַליין חתונה" (שפוו.). „אַ ספר־תורה זאָל מען פאַרזעצען און אַ מיידעל זאָל מען חתונה מאַכען" (שפוו.). „אַ קינד איז ערגער ווי אַ גזלן און מע מוז נאָך טאַנצען אויף זיין חתונה" (שפוו.).

חֲתִיכָה [חְתִּי׳כָה], הוו. (מ. חֲתִיכוֹת [חְתִּי׳כוֹת]). אַ׳ן אָפגעשניטענע שטיק, אַ שטיק.

חֲתִי׳מָה, הוו. (מ. חֲתִי׳מוֹת). אונ=טערשריפט, זיגעל.

חֲתִי׳מָה טוֹ׳בָה, הוו. אַ פאַרזיגלונג צום גוטען (אין דעם הימלישען בוך פון לעבען), אַ וואונש וועל=כען מע גיט זיך אין די טעג פאַר יום־כפור.

חַתְ׳מ׳יען, חַתְ׳מ׳יענען, צא. זיגלען, פאַרזיגלען. זיך חתמ׳ען, זיך

THE CHICAGO PUBLIC LIBRARY

אונטערשרייבען. פאר׳חתמ׳ען, צו׳חתמ׳ען, פארזיגלען.

חָ׳תָן, הם. (מ. חֲתָנִים [חַתְ׳נִים]). א פארלאָבטער; א מאַן אין דעם טאָג פון זיין חתונה, א ברויטי־גאַם. זיצען ווי א חתן, זיצען שטעמוודיג. „איז דאָ געלט איז דאָ א חתן" (שפוו.).

חָ׳תָן־בָּ׳חוּר, הם. (מ. חָ׳תָן־בָּ׳חוּרִים). א יונגער מאַן וועלכער איז אין הייראַטהס־אַלטער.

חָ׳תָן־כַּ׳לָּה, מ. ברייטיגאַם און ברויט; פארלאָבטע פאָאַר. „ווען חתן־כלה קנסען זיך טעגען די שדכנים געהן א היים" (שפוו.). „חתן־כלה האָבען גלעזערנע אויגען" (שפוו.).

חֲתַן [חָ׳תָן] בְּרֵא׳שִׁית, הם. דער וועלכער ווערט אויפגערופען אום שמחת־תורה צום לייענען פון דער ערשטער פרשה פון דער ווידער־אָנגעהויבענער תורה. זעה סֵדֶ׳רָה.

חֲתַן [חָ׳תָן] תוֹ׳רָה, הם. דער וועל־כער ווערט אויפגערופען אום שמחת־תורה צום לייענען פון דער לעצטער פרשה פון דער תורה. זעה סֵדֶ׳רָה.

ט.

ט, הם. דער נײנטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית; אין צעה־לען גערעכענט אַלס 9. זעה טֵית.

טאָמער (אייגענטליך: תֹּאמַר, פיעלייכט וועסטו זאָגען), אַו. פיעלייכט. „טאָמער" (וואָרט־שפיעל אויף דעם ביבלישען פרויי־ען־נאָמען „תָּ׳מָר") איז געוועזען א אידענע" (ווערטעל וואָס מע זאָגט צו איינעם וועלכער זאָגט ביי יעדער געלעגענהייט „טאָמער").

טְבִי׳לָה, הוו. (מ. טְבִי׳לוֹת). דאָס אונטערטונקען זיך אין וואַסער (פון פרומע אידען איידער זיי געהען דאַווענען אָדער פאַר געוויסע אַנ־דערע רעליגיעזע צערעמאָניען); מאָנאַטליכע רייניגונג (פון אידי־שע פרויען). געהן טבילה, זיך אונטערטונקען אין וואַסער (פאַר רעליגיעזע צוועקען).

טְבִי׳עוּת־עַ׳יִן, הוו. (תלמודיש). די פעהיגקייט צו דערקענען א זאַך מיט׳ן קוק, א שאַרף אויג.

טֶ׳בַע, הוו. נאַטור, אייגענשאַפט; כאַראַקטער, טעמפעראַמענט.

טִבְ׳עִית, הוו. נאַטירליכע ערשיי־נונג, נאַטירליכקייט.

טַבַּ׳עַת־קִדּוּ׳שִׁין, הוו. הייראַטהס־רינג.

טֵ'בֵת, הם. דער פינפטער מאָנאַט פון דעם יידישען יאָהר; פאַלט געוועהנליך אין דעצעמבער=יאַנואַר און האָט ניין און צוואַנציג טאָג.

טָ'הוֹר, א. (ב. טְהוֹ'רִים; וו. טְהוֹ'רָה, מ. טְהוֹ'רוֹת). ריין, קלאָר, לויטער; אונשולדיג, פריי פון זינד.

טָהֳרָה [טַהֳ'רָה], הוו. ריינקייט, ריינליכקייט, רייניגונג (לויט די אידישע רעליגיאָן=געזעצען); די אָפּוואַשונג פון דעם טויטען פאַר דער באַערדיגונג.

טַהֳ'רָה־ברעט, הוו. (מ. טַהֳ'רָה־ברעטער). די ברעט אָדער דער טיש אויף וועלכע מע וואַשט דעם טויטען.

טַהֳ'רָה־שטיבעל, הז. (מ. טַהֳ'רָה־שטיבלעך). דאָס שטיבעל אויף דעם טויטענפעלד וואו מע וואַשט דעם טויטען פאַר דער באַערדי=גונג.

טָהֳרוֹת [טַהֳ'רוֹת], הם. "רייניגונגען", דער נאָמען פון איינער פון די זעקס הויפט=אָפּטהיילונגען פון תלמוד וועלכער ענטהאַלט די גע=זעצע פון ריינקייט און רייניגונג (אין רעליגיעזען זינען).

טָהֳרַת [טַהֲ'רַת]־הַמִשְׁפָּ'חָה, הוו. די (זיטליכע) ריינקייט פון דער פאַמיליע.

ט"ו, צ. פופצעהן. (די בוכשטאַבען "טו" ווערען געברויכט אנשטאַט די בוכשטאַבען "יה" וועלכע ווע=רען געהאַלטען צו הייליג אום גע=ברויכט צו ווערען פאַר וואָכענ=דיגע צוועקען, ווייל "יה" איז איינער פון די נעמען פון גאָט און די ערשטע העלפט פון דעם וואָרט "יהוה", ווז.).

ט"ו־כִּסְ'לֵיו, הם. דער פופצעהנטער טאָג פון דעם מאָנאַט כסליו, א פאַסט=טאָג פאַר די וועלען פון די טויטע.

טוֹב [טָב], א. (מ. טוֹ'בִים; וו. טוֹ'בָה, מ. טוֹ'בוֹת). גוט.

טוֹב־דְטוֹב, א. אויסגעצייכענט גוט.

טוֹב־מְאוֹד, א. זעהר גוט.

טוֹב־לֵ'ב [לֶב], הם. (ביבליש). א גוטהערציגער מענש.

טוֹב־לַ'כֹּל, הם. (ביבליש). איינער וועלכער איז צו אַלעמען גוט. "א ט ו ב ־ ל כ ל איז א רע־לכל" (שפוו.).

טוֹ'בָה, הוו. (מ. טוֹ'בוֹת). געפע=ליגקייט, וואָהלטהאַט.

טוֹבִי [טוּ'בֵי] הָעִיר', הם. מ. (תל=מודיש). די אנגעזעהענע לייט פון דער שטאָדט.

טוֹ'בֵל־זיין, צא. אונטערטונקען אין וואַסער (פאַר רעליגיעזע צוועקען).

טוֹב'לִיעִי, צא. אונטערטונקען, טונ=קען, באָדען.

טוּמְ'אָה, הוו. (מ. טוּמְ'אוֹת). אונ=ריינקייט; זינד, זינדיגקייט. שוואַרצע ט ו מ א ה, די שטאָדט "ביעלאָ=צערקאָוו" אין רוסלאַנד. "אַריינלעגען די ט ו מ א ה אין דער יראה" (ווער. — ד. ה. גע=

בען אַ גוטען מאָטיוו אויף אַ שלעכטע טהאַט).

טוּמְאָה וְטָהֳרָה [וְטַהֲרָה], הוו. מ. די אידישע געזעצען פון ריינקייט און אונריינקייט (אין רעליגיעזען זינן).

טוּמְטוּם, הם. (מ. טוּמְטוּמִים), (תלמודיש). אַ פערזאָן ביי וועלכער עס פעהלען אָדער זיינען ניט ענטוויקעלט די געשלעכטס־צייכענס.

טוֹעֶה־זיין־זיך, צוו. מאַכען אַ'ן אירטהום, פאַרזעהן.

טוֹעֵם־זיין, צא. פאַרזוכען, געניסען.

טוֹעֵם־טַעַם־זיין, צש. עפּעס פאַרזוכען, עפּעס געניסען.

טוֹעֵן, הם. (מ. טוֹעֲנִים). אַ מאַהנער, אַ קלאָגער, איינער וועלכער פאָדערט אין געריכט; אַדוואָקאַט.

ט״ז, צ. זעכצעהן (צוליעב דער הייליגקייט פון די בוכשטאַבען "יו" וועלכע קומען פאָר אין דעם נאָמען פון גאָט "יהוה" (ווז.) געברויכט מען אנשטאט זיי די בוכשטאַבען "טז").

טִיטוּס, אנמ. דער נאָמען פון דעם רוימישען גענעראַל וועלכער האָט גענומען דעם הויפּט־אנטהייל אין דער צערשטערונג פון ירושלים; אַ שלעכטער גרויזאַמער מענש. טיטוס'עס מוק, די מוק וועלכע, לויט אַ תלמודישע לעגענדע, איז אַריין טיטוס'ען אין מאָרך און האָט איהם קיין רוה ניט געגעבען, אַלס שטראָף פאַר וואָס ער האָט צערשטערט דעם בית־המקדש.

טִינוּף, הם. זעה טִנוּף.

טִיפֵּשׁ, הם. (מ. טִיפְּשִׁים). זעה טִפֵּשׁ.

טִירוּף, הם. וואַהנזינן; ווילדער קאַפּריז.

טִירְדוֹת, הוו. זעה טִרְדוֹת.

טִירְחָה, הוו. (מ. טִירְחוֹת). זעה טִרְחָה.

טַל־וּמָטָר, הם. (ליטורגיש). "טהוי און רעגען", ווערטער וועלכע ווערען צוגעזעצט אין די ווינטער־מאָנאַטען צו דעם געבעט פאַר אַ געראָטען יאָהר וואָס מע זאָגט אין שמונה־עשרה. די ווערטער ווערען געוועהנליך געדרוקט אין די געבעט־ביכער מיט קליינע בוכשטאַבען, דערפון שטאַמט דער אויסדרוק: "קליין ווי דער טל־ומטר פון אַ קליינעם סדור".

טְלֶה, הם. "אַ לעמעלע", דער אַסטראָנאָמישער צייכען אין דעם שטערען־קרייז פאַר דעם מאָנאַט ניסן. זעה מַזָל.

טַלִית, הם. (מ. טַלֵיתִים, אייגענטליך: טַלִיתוֹת). אַ פיערעקיגע וואָלענע אָדער זיידענע דעקע מיט פעדעם־פרענז איינגעמאַכט אין אַלע פיער עקען, וועלכע אידען טראָגען אויף זיך ביי'ן דאַוונען און ביי אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניען. "אז מע פאַרזעצט דעם טלית איז שוין אַ סמן דלות" (שפּוו.).

טַלִּית־קָטָן, המ. (מ. טַלִּית־קְטַנִּים). זעה אַרְבַּע־כַּנְפוֹת.

טָמֵא, א. (מ. טְמֵאִים; וו. טְמֵאָה, מ. טְמֵאוֹת). אונריין, פאַראונרייניגט, באַפלעקט, פאַרבאָטען (לויט דער אידישער רעליגיאָן); זינדיג.

טִנּוּף, המ. שמוץ, בלאָטע; דרעק; ביליגע געמיינע וואַרע; טויגעניכטס.

טִנּוּף־טִנּוֹפֶת, המ. זעהר ביליגע געמיינע וואַרע.

טִנּוֹפֶת, הוו. שמוץ, בלאָטע; דרעק; שלעכטע, געמיינע וואַרע; אַ'ן אָפּגעלאָזענע, אונציכטיגע פרוי.

טָעוּת, המ. (מ. טָעוּתִים*, טָעוּת'עז). אירטהום, פעהלער, פאַרזעהן. האָבען אַ טעות אין פשט, ניט אויפפאַסען ריכטיג אַ זאַך.

טָעוּת־הַדְּפוּס, המ. דרוק־פעהלער.

טַעַם, המ. (מ. טְעָמִים). געשמאַק; אורזאַכע, גרונד, ערקלערונג. אָהן אַ טעם און אָהן אַ ראַם, אָהן אַ געשמאַק און אָהן אַ זינן.

טַעֲנָה, הוו. (מ. טַעֲנוֹת). קלאַגע, פאָדערונג, פרעטענזיע.

טַעֲנָה־וּמַעֲנָה, הוו. (מ. טַעֲנוֹת־וּמַעֲנוֹת). פאָדערונג; דיספוט, שטרייטיגקייט, אַרגומענט.

טַעֲנֶה'ן, צא. און צש. פאָדערען, באַהויפּטען; שמועסען, ריידען. אַייִנ'טענה'ן (מיט אימיצען), האָבען אַ לאַנגען געשפּרעך (מיט אימיצען).

טְעָנוֹ בְּחִטִּים וְהוֹדָה לוֹ בִּשְׂעוֹרִים, (תלמודיש). ער פאָדערט פון איהם ווייץ און ער איז איהם מודה אויף גערשטען. "טענו בחטים והודה לו בלאָקשען" (פאַראָדיע).

טִפָּה מִן הַיָּם [הַיַּם'], הוו. (תלמודיש). אַ טראָפּען פון מעער, אַ גאַנץ קליינע טהייל.

טִפָּה־סְרוּחָה, הוו. (תלמודיש). אַ פאַרשטונקענער טראָפּען.

טֶפַח, המ. (מ. טְפָחִים). די ברייט פון אַ האַנד (אַ מאָס וועלכע ווערט אָפט געברויכט אין תלמוד).

טָפֵל, המ. בייזאַך, ניט וויכטיגער טהייל.

טִפֵּשׁ, המ. (מ. טִפְּשִׁים). אַ נאַרר.

טִפְּשָׁה, הוו. (מ. טִפְּשׁוֹת). זעה טִפֵּשׁ.

טִפְּשׁוּת, הוו. נאַרישקייט.

טִפְּשִׁיטע, הוו. (מ. טִפְּשִׁיטעס). זעה טִפְּשָׁה.

טִרְדוּת, הוו. פאַרנומענקייט, צוטראָגענקייט.

טָרוּד, המ. (מ. טְרוּדִים). אַ פאַרנומענער מענש.

טִרְחָה, הוו. (מ. טִרְחוֹת). באַטיהונג, באַלעסטיגונג.

טְרֵיף, טְרֵף*, א. אונריין, פאַרבאָטען, ניט־געזעצליך. טרפ'ער מסחר, ניט־געזעצליכעס געשעפט.

טְרֵף־פָּ'סוּל, הם. (מ. טְרֵף־פָּ'סוּלִ'יען [פְּסָ'לִ'יען]). "אַ'ן אונרייגע פאַר־באָטענע זאַך", אַ'ן אויסדרוק מיט וועלכען די פאַנאַטיש־פרומע אידען פלעגען באַצייכענען אַ בוך וואָס איז פון אַ וועלטליכען אינהאַלט.

טְרֵפְ'ניאַק', הם. (מ. טְרֵפְ'ניאַ'קעס). אַ איד וועלכער היט ניט אָפּ די אידישע שפּייז־געזעצען.

טְרֵ'פוֹת (אייגענטליך: טְרֵפוֹת), מ. פאַרבאָטענע (לויט דעם אידישען געזעץ) שפּייזען. עס איז ווערט דאָס געלט אויף טרפות, עס איז זעהר ביליג.

טְרֵ'פיען, א. אויסגעלאַסען, פאַר־דאָרבען. טרפ'ענער ביין, אויסוואורף. טרפ'ענער האַלז, אַ פרעסער, אַ נאַשער. טרפ'ענער מול, אונגעהויי־ערעס גליק (רעדענדיג פון אַ'ן אויסגעלאַסענעם מענשען וועלכען עס געהט זעהר גוט). טרפ'ע־נע קישקע, אַ פרעסער.

י.

י, הם. דער צעהנטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית; מיט אַ וואָקאַל־צייכען אויסגעשפּראָכען ווי דער "י" אין "יאָגען"; אָהן אַ וואָקאַל־צייכען: ווען עס קומט נאָך די וואָקאַלען "ו", "וּ", "ד" אויסגעשפּראָכען ווי דער "י" אין "אָי", ווען עס קומט נאָך די וואָקאַלען "ֵ", "ֶ" אָדער "ֵי" — שטום. אין צעהלען געזעצענט אַלס 10. זעה יוד.

יאַהוּ'דִי, הם. (מ. יאַהוּ'דִים). דייטשער איד. זעה יְהוּ'דִי.

יְאוּש [יִ'אוּש], הם. פאַרצווייפלונג.

יאַכְלוּ'הוּ, א. (ביבליש). "זיי זאָ־לען איהם עסען", פאַרפאַלען, פאַרלאָרען (הויפּטזעכליך אויף געלט).

יאָלד (אייגענטליך: יֶ'לד), הם. מ. יאָ'לדעס). אַ גראָבער קערל, אַ שטומפזיניגער מענש, אַ נאַרר.

יאָלדעווען, צא. מאַכען צום נאַררען, אָפּטהאָן אַ שפּיצעל.

יָ'בוֹא־יוֹ'מוֹ, (ביבליש). עס וועט קומען זיין טאָג, די צייט וועט קומען. "עס וועט קומען זיין יבוא־יומו" (ווער.).

יִ'בוּם, הם. דאָס אידישע געזעץ לויט וועלכען דער ברודער פון דעם וועלכער שטאַרבט אָהן קינדער, מוז הייראַטהען דעם געשטאָרבע־נעם'ס פרוי (זאָנסט מוז ער זי באַ־פרייען דורך חליצה (ווז.). אין תלמודישע צייטען איז דאָס גע־זעץ פון יבום אָפּגעשאַפט געוואָ־רען און בלויז די חליצה איז פאַר־בליבען).

יְבָרֶכְ'ךָ, (ליטורגיש). ער (גאָט) זאָל דיך בענשען (אַ וואָרט גענומען פון דעם זעגען וועלכען די כהנים זאָגען ביי'ן דוכנ'ען).

יַבָּ'שָׁה, הוו. טרוקענעס לאַנד, לאַנד.

יְבֵ'שָׁה, הוו. אַ'ן אויסטריקענים, אַ טרוקען יאָהר.

יַ"ג, אב. יַיִן־גֶ'פֶן (ווז.).

יָ'גוֹן־וַאֲנָ'חָה, המ. מ. (ביבליש). טרויער און זיפצענים. האָבען יגון ואנחה, זעהר פיעל אויסשטעהן. "אַ אידענ'ס פרנסה איז יגון ואנחה און זיין גליק איז אַ מערכה" (שפוו.).

יְגִ'יעַ־כַּ'פּוֹ, המ. (ביבליש). די פראַצע פון זיין האַנד.

יָגַעְ'תִּי וּמָצָ'אתִי, (תלמודיש). "איך האָב זיך געמיהט און איך האָב געפונען", אַז מע זוכט געפינט מען.

יָד [יַד], הוו. (מ. יָדַ'יִם). האַנד, לאַפּע.

יָד [יַד], המ. (מ. יַד'ען). אַ מעטאַלענער אָדער ביינערנער טייטעל געברויכט ביי'ם לייענען אין שול.

יָד [יַד] אַ'חַת, הוו. איין האַנד, איינשטימיגער אָפּמאַך.

יְדִיד, המ. (מ. יְדִי'דִים). אַ גוטער פריינד.

יְדִיד־נֶאֱ'מָן, המ. (מ. יְדִי'דִים־נֶאֱמָ'נִים). אַ געטרייער פריינד.

יְדִי'דִי, המ. מיין פריינד. ידידי בריעף, אַ פריינדשאַפט־בריעף.

יְדִי'עָה, הוו. (מ. יְדִי'עוֹת). נאַכריכט; באַגריעף, קענטעניס, באַהאַווענטקייט.

יַדְ'עָן, המ. זעה יוֹדֵ'עַ.

יַהֲ'דוּת, הוו. אידישקייט.

יְהוּ'דָה, אנמ. דער נאָמען פון איינעם פון יעקב'ס צוועלף זיהן; דער נאָמען פון דעם שטאַם וועלכער קומט אַרויס פון יהודה; אנוו. דער נאָמען פון אַ געוויסער געגענד אין פאַלעסטינא.

יְהוּ'דִי, המ. (מ. יְהוּ'דִים). אַ איד.

יְהוּ'דִית, הוו. אַ אידישע פרוי; אנוו. דער נאָמען פון אַ געוויסער העלדישער אידישער פרוי פון וועלכער די לעגענדע דערצעהלט אַז זי איז אַריין ביינאַכט אין דאָס געצעלט פון האָלאָפערנעס וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון קעניג נבוכדנצר מיט אַ גרויסער אַרמיי קעגען דאָס אידישע פאָלק, און האָט איהם מיט איהר שענקייט באַצויבערט און נאָכהער איהם אַרונטערגעשניטען דעם קאָפּ.

יְהֹ'וָֹה, המ. גאָט. ווען דערמאָנט אין אַ געבעט ווערט דאָס וואָרט אויסגעשפּראָכען אֲדֹ'נָי' (ווז.). ביי אַנדערע געלעגענהייטען, אום ניט אַרויסצוריידען גאָט'ס נאָמען אומזיסט, פאַרבייט מען עס מיט הַשֵּׁם' (ווז.) אָדער יוֹד־קֵא־וָאוּ־קֵא (ווז.) אָדער הַוַיָ'ה (ווז.) אָדער אֲדוֹשֵׁם' (ווז.). דאָס וואָרט "יהוה" צוליעב דער גרויסער הייליגקייט אין וועלכער עס ווערט געהאַל־

טען, ווערט זאָגאַר אויסגעמיעדען אין שרייבען און מע באַנוצט זיך אנשטאַט דעם מיט איינע פון די פאָלגענדע פאַרשטעלטע פאָרמען: "ה׳", "ד׳", "יוד־כא־ואו־כא", "הויה" און "השם". זעה: שֵׁם־הַמְפוֹרָש, ט״ו, ט״ז.

יְהוֹנָתָן, אנמ. דער נאָמען פון דעם קעניג שאול׳ס זוהן וועלכער איז געוועזען דער בוזעם־פריינד פון דוד.

יְהוֹשֻׁעַ, אנמ. דער נאָמען פון דעם נאָכפאָלגער פון משה׳ן וועלכער האָט אַריינגעפיהרט דאָס אידישע פאָלק אין לאַנד כנען; דאָס ביבלישע בוך וואו די געשיכטע מיט יהושע׳ן ווערט דערצעהלט.

יְהִי־רָצוֹן, המ. (ליטורגיש). "עס זאָל זיין דער ווילען פון גאָט", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון פיעלע אידישע געבעטען.

יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, עס מעג זיין ווי עס וויל.

יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, עס מעג זיין ווער עס וויל.

יוֹאֵל, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען פּראָפעט; דאָס בוך וואָס ענטהאַלט די פּראָפעצייהונגען פון יואל.

יוֹבֵל, המ. (מ. יוֹבְלוֹת). פופציג יאָהר; דאָס פופציגסטע יאָהר וועלכעס איז געוועזען אַ פעסט־יאָהר לויט דעם אידישען געזעץ.

יוד, המ: (מ. יוד׳ען). דער נאָמען פון דעם צעהנטען בוכשטאַב (י) פון דעם אידישען אַלף־בית; דער קליינער פינגער פון דער האַנד. זעה גוֹי.

יוּד־כֵּא־וָאו־כֵּא, אַ געוויסע פאַרשטעלטע אַרט פון שרייבען אָדער אַרויסרעדען דעם נאָמען פון גאָט—יְהֹוָה ("כא" ווערט דאָ געברויכט אנשטאַט "הא").

יוֹדֵעַ, המ. (מ. יוֹדְעִים). אַ קענער, אַ ווייסער.

יוֹדֵעַ־הַכֹּל, המ. (מ. יוֹדְעֵי־הַכֹּל). איינער וואָס ווייס אַלצדינג.

יוֹדֵעַ־נְגֶן, המ. (מ. יוֹדְעֵי־נְגֶן), (ביבליש). איינער וואָס פאַרשטעהט אויף זינגען אָדער שפּיעלען; אַ זינגער.

יוֹדֵעַ־סֵפֶר, המ. (מ. יוֹדְעֵי־סֵפֶר), (ביבליש). איינער וואָס פאַרשטעהט אַ בוך, אַ געלערנטער.

יוֹדֵעַ־שֶׁאֵינוֹ־יוֹדֵעַ, המ. איינער וואָס ווייס אַז ער ווייס ניט. "אַ יודע שאינו יודע איז אַ האַלבער יודע" (שפּוו.).

יוֹדִיער, המ. אַ צעהנער (געלט־שטיק).

יָוָן, המ. (מ. יְוָנִים). זעה יָוָן.

יו״ט, אב. יוֹם־טוֹב (ווז.).

יו״כ, יוכ״פ, אב. יוֹם־כִּפּוּר (ווז.).

יוֹכֶבֶד, אנוו. דער נאָמען פון משה־רבנו׳ס מוטער.

יוֹלֶדֶת [יוֹלְדֶת], חוו. (מ. יוֹלְדוֹת). אַ געווינערין, אַ קינפּעטאָרין. "אַז דאָס ווייב איז אַ יולדת איז דער מאַן אַ יאָלד" (שפּוו.).

יום [יָם], המ. (מ. יָ'מִים) . אַ טאָג ; דאָס קאַפּיטעל פון תהלים וואָס מע זאָגט נאָך דעם מאָרגנענדיגען דאַוו= נען (יעדען טאָג פון דער וואָך ווערט געזאָגט אַ באַזונדער קאַפּיטעל) .

יום־הָאָ'רוֹךְ, המ. דער לענגסטער טאָג פון יאָהר .

יום־הַדִין', המ. (ליטורגיש) . דער טאָג פון געריכט (געוועהנליך רופט מען מיט דעם נאָמען ראש־השנה אָדער יום־כפור) .

יום־הַקָ'צֵר, חמ. דער קירצעסטער טאָג פון יאָהר .

יום־וָלַיְ'לָה, או. טאָג און נאַכט .

יום־טוֹב [יָמ'טוֹב אָדער יָנ'טוֹב] , המ. (מ. יָ'מִים־טוֹ'בִים , יום־טוֹ'בִים [יָמטוֹ'בִים אָדער יָנטוֹ'בִים]) , (ביבליש) . אַ פייער= טאָג , אַ פעסט=טאָג . די יום־ טובים , די פייערטעג פון ראש־השנה יום־כפור און סוכות . גוט יום־טוב ! , אַ פרעהליכען פייערטאָג ! . גוט־יום־טוב ביטען , געהן צו גאַסט אין אַ פייערטאָג . גוט־יום־טוב נאַ דיר ! , אָט האָסטו דיר ! . "ווען אין ביי אַ הונט אַ יום־טוב ווען מע צוברעכט איהם אַ פוס" (שפוו.) .

יום־טוֹב'דיג, א. באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די אייגענשאַפטען פון יום־טוב ; אויפגעראַמט , פרעה= ליך ; אויסגעפוצט .

יום־כִּפּוּר [יָמכִּ'פּוּר אָדער יָנכִּ'פּוּר], המ. (מ. יום־כִּ'פּוּרִ'ים) , (תלמו= דיש) . דער טאָג פון פאַרגעבונג ,

דער צעהנטער טאָג פון מאָנאַט תשרי וועלכער איז אַ הייליגער פאַסט=טאָג .

יום־כִּ'פּוּר־ליכט , הו. (מ. יום־ כִּ'פּוּר־ליכט) . אַ גרויסע ליכט וואָס מע צינדט אָן אין שוהל אָדער אין הויז אויף יום־כפור .

יום־כִּ'פּוּר־טראָפּענס, המ. מ. גע= וויסע שטאַרקע טראָפּענס וועלכע מע שמעקט אום נ'ט אָפּגעשוואַכט צו ווערען פון פאַסטען אום יום־ כפור .

יום־כִּ'פּוּר־קָ'טָן , המ. (מ. יום־ כִּ'פּ ר־קָ'טַנִ'ים) . דער קליינער פאַרגעבונג=טאָג , דער לעצטער טאָג פון מאָנאַט אין וועלכען די פרומע אידען פאַסטען ביז האַלבען טאָג .

יום־כִּ'פּוּר־דיג , א. באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די אייגענשאַפ= טען פון יום־כפור .

יו'מָא־דְפַגְרָא [דְפַגְ'רָא] , המ. (תל= מודיש) . אַ פרייער טאָג , אַ פייער= טאָג .

יו'מָם־וָלַיְ'לָה , או. (ביבליש) . טאָג און נאַכט .

יָ'וָן , אנזו. גריכענלאַנד .

יָ'וָן , המ. (מ. יְוָ'נִים) . אַ רוסישער סאָלדאַט , אַ סאָלדאַט ; אַ געזונדער גראָבער קערל . "אריינפאַלען ווי אַ יון אין דער סוכה" (ווער. — ד. ה. מאַכען פלוצלונג אַ באַ= מערקונג וועלכע האָט ניט צו טהאָן מיט דעם געשפרעך) . "ביי איהם האָבען אַלע יונים איין פנים" (ווער.) .

יו'נָה , אנמ. דער נאָמען פון אַ גע=

וויסען אידישען פּראָפעט וועלכער
איז אײַנגעשלונגען געוואָרען פון
אַ פיש און איז גערעטעט געוואָ=
רען אויף אַ וואונדערבאַרער אַרט;
דאָס בוך וואו די געשיכטע מיט
יונה'ן ווערט דערצעהלט.

יוֹנ'יש, א. טאָלדאַטסקע; גראָב;
רוסיש (שפּראַך).

יוֹ'סֵף, אנמ. דער נאָמען פון איינעם
פון יעקב'ס צוועלף זיהן וועלכען
זיינע ברידער האָבען פאַרקויפט
פאַר אַ שקלאַף אין עגיפּטען.

יוֹ'סִפּוֹן, אנמ. דער נאָמען פון אַ
געוויסען אידישען גענעראַל און
היסטאָריקער וועלכער האָט גע=
לעבט אין ערשטען יאָהר=הונ=
דערט; דער נאָמען פון אַ היס=
טאָריע פאַרפאַסט פון יוספון.

יוֹ'עֵץ, הס. (מ. יוֹ'עֲצִים). ראַטה=
געבער.

יוֹ'פִי, הס. אַ שענע זאַך, אַ'ן אַנ=
טיקעל.

יוֹ'צֵא, א. אָפּגעקומען, אָפּגעפּאַר=
טיגט. פון יוצא וועגען, פון
לייטענ'ס וועגען, ניט גערן.

יוֹ'צֵא־זיין, צש. זיך באַגעהן, זיך
באַגנוגענען, אָפּקומען, אויסקו=
מען. "אַז עס איז ניטאָ קיין פיש
איז מען יוצא מיט הערינג"
(שפּוו.). יוצא־זיין מיט אַ'ן
אַנדערען'ס קדוש, אויסקומען מיט
דעם וואָס מע הערט זיך צו ווי
אַ'ן אַנדערער זאָגט דאָס געבעט
פון קדוש אנשטאט עס אַליין צו
זאָגען (זעה מוֹ'ציא־זיין). יוצא־
זיין פאַר, טהאָן צוליעב, צו=
פריערענשטעלען, זיך אויספּיינערען
פאַר, צ. ב. ש.: יוצא־זיין
פאַר גאָט און פאַר לייטען.

יוֹ'צֵא־חַפָּ'זוֹן, הס. (ליטורגיש). "דער
וועלכער איז אַרויס אין אײַלעניש".
"אַ יוצא־חפזון פאַרליערט
דאָס געלט און די הויזען" (שפּוו.).

יוֹ'צֵא־וְנִכְ'נָס, חם. (תלמודיש).
אַרויס= און אַריינגעהער, אָפטער
אײַנגעהער.

יוֹ'צֵא־מִ־הַכְּלָל [הַכְּלַ'ל], הס. (מ.
יוֹצְ'אִים־מִן־הַכְּלָל [הַכְּלַ'ל]), (תל=
מודיש). אַ'ן אויסנאַהם פון דער
רעגעל, אַ'ן אויסנאַהם.

יוֹ'צֵר, הס. (מ. יוֹצְרוֹת* [יָצְ'רוֹת]),
(ליטורגיש). דער אַלגעמיינער נאָ=
מען פון געוויסע לויב=געזאַנגען
וועלכע מע זאָגט אין געוויסע
שבתים און פייערטעג. זיך פאַר=
בייטען מיט די יוצרות, זיך
פאַרפלאָנטערען, זיך פאַרמישען
מיט די רייד. קעלבערנע
יוצרות, נאַרישקייטען, פלוי=
דערייען. "מיט אבילה הויבט זיך
אָן זיין יוצר" (ווערטעל גע=
זאָגט אויף אַ פרעסער).

יוֹ'צֵר מְשָׁרְ'תִים וַאֲ'שֶׁר מְשָׁרְ'תָיו,
הס. מ. (ליטורגיש). באַדינטע אויף
באַדינטע (די אייגענטליכע באַדיי=
טונג פון די ווערטער איז אַ גאַנץ
אַנדערע).

יוֹ'רֵד, הס. (מ. יוֹרְ'דִים). אַ'ן אַרונ=
טערגעקומענער, אַ רייכער מאַן
וועלכער איז אָרעם געוואָרען.

יוֹ'רֶה־דֵ'עָה, הס. דערייעניגער טהייל
פון שלחן־ערוך וועלכער ענט=

האַלט די רעגעלען איבער ערלויבטע און פֿאַרבאָטענע שפּייזען, ריינליכקייט א. ד. ג.

יוֹ'רֵש, הם. (מ. יוֹרְשִׁים [יָרְ'שִׁים]). דער צו וועמען עס געהט איבער דאָס פֿאַרמעגען פֿון אַ געשטאָרבענעם, ערבע, נאָכפֿאָלגער.

יוֹ'רֵש־עֶ'צֶר, הם. (ביבליש). טהראָן־פֿאָלגער, קרוינפּרינץ.

יוֹ'שֵׁב־אוֹ'הֶל, הם. (ביבליש). אַ שטוב־זיצער; איינער וועלכער זיצט און לערנט נאָכאַנאַנד.

יוֹ'שֶׁר, הם. גערעכטיגקייט; דאָס געפֿיהל פֿון גערעכטיגקייט, געוויסען, געוויסענהאַפֿטיגקייט.

יִזְ'כּוֹר, הם. (ליטורגיש). „ער (גאָט) זאָל דערמאָהנען", דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָמען פֿון אַ געבעט וואָס מע זאָגט פֿאַר די זעעלען פֿון די טויטע.

יַחְ'דָו, אר. צוזאַמען, לאָמיר זיך טהיילען! איבער העלפֿט! (אַ'ן אויסדרוק וועלכען מע זאָגט צו דעם וואָס געפֿינט עפּעס ווען מע וויל קריגען דערפֿון אַ טהייל).

יִ'חוּד, הם. דאָס זיין אין איין צימער מיט אַ פֿרעמדער פֿאַרהייראַטהעטער פֿרוי (פֿאַרבאָטען לויט אַ תלמודישער פֿאָרשריפֿט).

יִ'חוּס, הם. (מ. יִחוּ'סִים). אָפּשטאַמונג, פֿאַמיליע; הויכע אַריסטאָקראַטישע אָפּשטאַמונג; שטאָלץ, גרויסקייט. „י ח ו ס אויפֿ'ן בית־הקברות און אין דער היים צרות" (שפּוו.).

יִ'חוּס־בריעף, הם. (מ. יִ'חוּס־בריעף). אַ דאָקומענט אָדער אַ בוך וואו עס ווערט אויסגערעכענט די אָפּשטאַמונג פֿון אימיצען, גענעאַלאָגיע.

יִ'חוּס־עַצְ'מוֹ, הם. דער ווערט פֿון דער פּערזאָן אַליין (און ניט פֿון זיין אָפּשטאַמונג).

יִ'חוּס'דיג, א. פֿון אַ'ן אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג.

יִ'חוּס־ען־זיךְ, צש. שטאָלצירען, זיך גרויס האַלטען, זיך באַריהמען.

יְחֶזְ'קֵאל, אנמ. דער נאָמען פֿון אַ געוויסען אידישען פּראָפֿעט; דער נאָמען פֿון דעם בוך וואָס ענטהאַלט די פּראָפֿעצייהונגען פֿון יחזקאל.

יחי', זעה יְחִ'יֶה (אַזוי ווי אין פֿיעלע אַנדערע ווערטער אַזוי ווערט אויך דאָ אויסגעמיעדען די צוזאַמענשטעלונג פֿון די בוכשטאַבען „י" און „ה" וועלכע בילדען דאָס וואָרט „יָה" (גאָט) און זיינען די צוויי ערשטע בוכשטאַבען פֿון יְהֹוָה, ווז.).

יָ'חִיד, הם. (מ. יְחִי'דִים). אַ'ן איינצעלנער, אַ'ן אינדיווידואום; אַ'ן איינציגער; אַ פּריוואַט־פּערזאָן.

יְ'חִיד בְּדוֹר (בְּדוֹ'רוֹ), הם. איינער אין דער צייט (אין זיין צייט), אַ'ן אויסגעצייכענטער.

יְחְ'יֶה, „לעבען זאָל ער", אַ וואָרט וועלכען מע שטעלט צו אין שרייבען נאָך דעם נאָמען פֿון אַ פּערזאָן.

יַחֲלוֹ'קוּ, (תלמודיש). זיי דאַרפֿען

זיך צוטהיילען, עס געהערט צו בּיידען.

יַחְ׳סָן, הם. (מ. יַחֲסָ׳נִים). איינער וועלכער שטאַמט פון אַ הויכער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע; אַיינ= פלוסרייכע אָדער פּריווילעגירטע פּערזאָן; שטאָלצער מענש. "געלט האָט אַ מיאוס׳ען טאַטען און איז דאָך אַ יחסן" (שפּוו.). "דאָס קערבּעל איז דער גרעסטער יחסן" (שפּוו.).

יַחְ׳סָנ׳דיג, או. שטאָלץ, אַריסטאָ= קראַטיש.

יחַסָ׳נוּת, הוו. שטאָלץ, גרויסהאַל= טען זיך מיט אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג אָדער אַנדערע אויס= צייכנונגען.

יחֲ׳סָנ׳טע, הוו. (מ. יַחֲ׳סָנ׳טעס). זעה יַחְ׳סָן.

יַחֲ׳סָנ׳יען־זיך, צוו. זעה יִ׳חוּס׳ען־ זיך.

יַ׳חַץ, הם. (ליטורגיש). "ער זאָל צוטהיילען אויף העלפט", דעריטע־ ניגער טהייל פון דער סדר=צערע= מאָניע וועלכער באַשטעהט אין צוברעכען איינע פון די דריי מצות וואָס ווערען געלעגט צום טיש.

יִי׳אוּש, הם. זעה יֵ׳אוּש.

יִי׳בּוּם, הם. זעה יִ׳בּוּם.

יַי״ג, הם. זעה יַ״ג.

יִי׳חוּד, זעה יִ׳חוּד.

יִי׳חוּס, הם. (מ. יִיחוּ׳סִים). זעה י׳חוּס.

יַ׳יִן, הם. וויין.

יין [יַ׳יִן]־גֶ׳פֶן, הם. וויין פון טרוי= בען, וויין.

יַ׳יִן־הַמְשׁוּ׳מָר, הם. (תלמודיש). דער וויין וועלכען גאָט האַלט אָנגעגרייט פאַר די פרומע אויף די צייט ווען משיח וועט קומען.

יַיִן [יַ׳יִן]־נֶ׳סֶךְ, הם. (תלמודיש). וויין וועלכען אַ געצענדיענער האָט אָנגעריהרט (פאַרבאָטען צו טרינ= קען לויט דעם אידישען געזעץ).

יַיִן־קַפְרִ׳יסִין, הם. (תלמודיש). אַ געוויסער טהייערער וויין פון דעם אינזעל ציפּערן.

יַ׳יִן־שֶׁל־פֶּ׳סַח, הם. וויין וועלכען מע מעג טרינקען אום פסח.

יַ׳יִן־שָׂ׳רָף (אייגענטליך: שָׂ׳רוּף), הם. בּראַנפען, שנאַפּס.

יַי״ש, הם. זעה יַ״ש.

יִי׳שׁוּב, הם. (מ. יִישׁוּ׳בִים). זעה יִ׳שׁוּב.

יִישַׁר [יִי׳שַׁר]־כֹּ׳חַ, (תלמודיש). שטאַרקען זאָל זיך די קראַפט (דיינע אָדער אַייערע)! אַ דאַנק!

יִי׳תּוּר, הם. זעה יִ׳תּוּר.

יָכוֹ׳ל׳ען [יָכְ׳ל׳ען], צש. קענען, זיין אים שטאַנד, קענען טהאָן.

יְכוֹ׳לֶת, הוו. קראַפט, פעהיגקייט, מעגליכקייט.

יַבֶּ׳בָּה, (ביבליש). געבּרויכט אין אין דעם ווערטעל: "בּיי איהם איז יַבֶּ׳בָה און יַבֶּ׳בָה אַלס איינס" (רעדענדיג פון אַ׳ן אונוויסענדען

מענשען וועלכער קען ניט אונ=
טערשיידען אַ "כ" פון אַ "ב"
צוליעב זייער עהנליכקייט.

יֶלֶד, הם. "אַ קינד", אַ יונג.

יְלוּד־אִשָּׁה, הם. (ביבליש). "אַ גע=
באָרענער פון אַ פרויענצימער",
אַ מענש.

יְלָלָה, הוו. (מ. יְלָלוֹת). קלאָג,
יאָמער, יאָמער=געשריי.

יַלְקוּט, הם. (מ. יַלְקוּטִים). אַ
זאַמלונג פון לעהר=שפרוכען, פאַ=
בעלען און אויסטייטשונגען פון
ביבלישע טעקסטען צונויפגעקליבען
פון תלמוד און מדרש.

יָם [יַם], הם. (מ. יַמִּים, יַם׳ען).
מעער, אָקעאַן; אַ גרויסע מאַסע.

יַם־הַקֶּרַח, הם. דאָס אייז־מעער.

יַם־סוּף, הם. דאָס רויטע מעער,
דאָס מעער וואָס האָט זיך גע=
שפאָלטען אויף משה־רבנו׳ס באַ=
פעהל אום דאָס אידישע פאָלק
וואָס איז אַרוים פון עגיפטען זאָל
קענען דורכגעהן, ווי די ביבעל
דערצעהלט.

ים־שטאָק, הם. אַ געוויסער ראָהר
וואָס וואַקסט ביי די ברעגעס פון
טייכען.

יִמַּח שְׁמוֹ, — וְזִכְרוֹ (מ. שְׁמָם, —
וְזִכְרָם; וו. שְׁמָהּ, — וְזִכְרָהּ,
מ. שְׁמָן, — וְזִכְרָן), (ביבליש).
אויסגעמעקט זאָל ווערען זיין נאָ=
מען, — און זיין געדעכטניס.

יִמַּח־שְׁמוֹ׳ניצע, הוו. (מ. יִמַּח־
שְׁמוֹ׳ניצעס). אַ פאַרדאָרבענע
פרוי.

יִמַּח־שְׁמוֹ׳ניק, הם. (מ. יִמַּח־
שְׁמוֹ׳ניקעס). אַ פאַרדאָרבענער
קערל.

יְמֵי־הַגְּבָ׳לָה, הם. מ. זעה שְׁלֹ׳שֶׁת־
יְמֵי־הַגְּבָ׳לָה.

יָ׳מִים־וְשָׁ׳נִים, הם. מ. (ביבליש).
טעג און יאָהרען, אַ לאַנגע צייט.

יָ׳מִים־נוֹרָ׳אִים, הם. מ. די שרעק=
ליכע טעג, די טעג פון ראש־
השנה און יום־כפור.

יָ׳מִים־נוֹרָ׳אִים׳דיג, א. באַלאַנגענ=
דיג צו די ימים־נוראים.

ימ״ש, אב. יִמַּח־שְׁמוֹ (ווז.).

יְנוּ׳קָא, הם. "אַ קינד", אַ זוהן פון
אַ חסידישען רבי׳ן וועלכער נעהמט
שוין קינדווייז איבער די שטעלע
פון זיין פאָטער.

יְנִי׳קָה, הוו. (מ. יְנִי׳קוֹת). זויגונג,
זאַפט; נוץ, פראָפיט, איינקונפט.

יְסוֹד [יְסָר], הם. (מ. יְסוֹ׳דוֹת).
גרונד, פונדאַמענט, באַזיס; עלע=
מענט.

יִסּוּ׳רִים, הם. מ. פייניגונגען, שמער=
צען, וועהטאָגען, ליידען.

יִסּוּ׳רִים־שֶׁל־אַ׳הֲבָה, הם. מ. (תל=
מודיש). ליידען (וועלכע גאָט
שיקט אָן אויף אַ געוויסען מענ=
שען) פון ליבשאַפט וועגען, ליי=
דען וועלכע זיינען ליעב.

יע״א, אב. יִבָּ׳נֶה עִירֵ׳נוּ אָ׳מֵן, ער
(גאָט) זאָל בויען אונזער שטאָדט
(ירושלים), ווערטער וועלכע עס
איז איינגעפיהרט ביי די פרומע
אידען צוצושטעלען נאָך דעם נאָ=
מען פון אַ שטאָדט.

יַעֲ'בוֹר־עָלַיי־מָה, (ביבליש). זאָל
מיט מיר פּאַסירען וואָס עס וויל,
זאָל זיין וואָס ס'זועט זיין.

יַעֲ'לֶה, הוו. (מ. יַעְ'לֶה'ס). "זאָל
אַרויפשטייגען", דאָס ערשטע
וואָרט און דער נאָמען פון אַ גע-
בעט וואָס מע זאָגט יום־כפּור אין
שוהל אויף אַ זעהר הויכע שטים,
אַ'ן אויפרוהר, אַ ליאַרם, אַ גע-
רודער.

יַעֲ'לֶה־וְיָ'בֹא, המ. "עס זאָל אַרויפ-
געהן און קומען", די ערשטע
ווערטער און דער נאָמען פון אַ
געבעט וואָס מע זאָגט אום פּייער-
טעג.

יַעֲמוֹד', אר. עס זאָל אויפשטעהן!
(אַ וואָרט מיט וועלכען מע רופט
אויף אימיצען צום לייענען, אין
שוהל).

יַעֲקֹב [יַנְ'קֹב], אנמ. דער נאָמען פון
איינעם פון די אידישע אורפאָ-
טערס, דער זוהן פון יצחק; אָפּט
געברויכט צו באַצייכענען דאָס אי-
דישע פאָלק. „אַז מע גיט ניט
י ע ק ב ' ן גיט מען עשו'ן" (שפּוו.).

יְפֵהפִיָה [יְפֵ'פִי], הוו. (מ. יְפֵהפִיוֹת
[יְפֵ'פוֹת]). אַ זעהר שענעם פרוי-
ענצימער, אַ גרויסע פּאַרשוין.

יֶ'פֶת, אנמ. דער נאָמען פון איינעם
פון נח'ס דריי זיהן.

יְפַת־תוֹ'אַר, הוו. (ביבליש). אַ
שענעם פרויענצימער.

יצ"ו, אב. יִשְׁמְרֵ'הוּ צוּ'רוֹ וְגוֹאֲ'לוֹ,
זאָל איהם באַהיטען זיין באַשיצער
און זיין דערלייזער (ווערטער צו-
געשטעלט אין שרייבען נאָך דעם
נאָמען פון אַ פּערזאָן); אב. יִבְ'נֶה
צִ'יוֹן וִירוּשָׁלַ'יִם, ער (גאָט) זאָל
בויען ציון און ירושלים (ווערטער
צוגעשטעלט אין שרייבען נאָך דעם
נאָמען פון אַ שטאָדט).

יִצְ'חָק, אנמ. דער נאָמען פון איינעם
פון די אידישע אורפאָטערס, דער
זוהן פון אברהם.

יְצִי'אַת־הַנֶ'פֶשׁ, הוו. "דער אַרויס-
גאַנג פון דער זעעלע", דער לעצ-
טער הויך, טויט.

יְצִי'אַת־מִצְרַ'יִם, הוו. (תלמודיש).
דאָס אַרויסגעהן (פון אידען) פון
עגיפּטען; די וואונדער וועלכע
האָבען פּאַסירט ווען אידען זיינען
אַרויס פון עגיפּטען; גרויסע וואונ-
דער. דערצעהלען י צ י א ת ־
מ צ ר י ם, דערצעהלען וואונדער-
ליכע זאַכען.

יְצִי'אַת־נְשָׁ'מָה, הוו. (תלמודיש).
זעה יְצִי'אַת־הַנֶ'פֶשׁ.

יְצִי'רָה, הוו. די באַשאַפונג (פון
דער וועלט).

יֵ'צֶר, המ. זעה יֵ'צֶר־הָ'רָע.

יֵ'צֶר־הָ'רָע, המ. (תלמודיש). דער
בייזער גייסט, דער פאַרפיהרער;
אַ זינדיגע לוסט.

יֵ'צֶר־טוֹב, המ. (תלמודיש). דער
גוטער גייסט, די נייגונג צו טהאָן
גוטס.

יְקוּם־פּוּרְ'קָן, המ. (מ. יְקוּם־
פּוּרְ'קָן'ס). די ערשטע ווערטער
און דער נאָמען פון געוויסע צוויי
געבעטען וואָס מע זאָגט שבת אין
דער פריה. אַ נייער י ק ו ם ־
פ ו ר ק ן, אַ נייער אויפטהו.

יַקְנְהָ״ז, אב. יַיִן, קִ׳דוש, נֵר, הַבְדָ׳לָה, זְמַן, (תלמודיש). דאָס ווארט ווערט געברויכט אום אָנצודייטען די אָרדענונג אין וועלכער פארשיעדענע זעגען־שפרוכען דארפען געזאָגט ווערען ווען די נאכט פון פסח קומט אויס צו זיין שבת־צו־נאכט: צוערשט יַיִן (ד. ה. דער זעגענשפרוך אויף וויין), דאן קִ׳דוש (ווז.), דאן נֵר (ד. ה. דער זעגענשפרוך וועלכען מע זאָגט אויף דאָס ליכט), דאן הַבְדָ׳לָה (ד. ה. דער זעגענשפרוך אין וועלכען מע דאנקט גאָט פאר וואָס ער אונטערשיידעט צווישען ליכט און פינסטערנים) און דאן זְמַן (ד. ה. דער זעגענשפרוך „שהחינו" (ווז.) אין וועלכען מע דאנקט גאָט פאר וואָס מע האָט דערלעבט די צייט פון דעם פייערטאָג).

יָ׳קָר, הם. א טהייערער עדעלער מענש.

יְקַר־הַמְצִי׳אות, הם. א זעלטענע זאך, א׳ן אנטיק־זאך.

יַקְ׳רוּת, הוו. א נויטה, א הונגער; הויכער פרייז.

יַקְ׳רָן, הם. (מ. יַקְרָ׳נִים). איינער וועלכער פארלאנגט א הויכען פרייז פאר זיינע וואארע.

יַקְ׳רָנִיטע, הוו. (מ. יַקְ׳רָנִיטעס). זעה יַקְ׳רָן.

יָ׳רֵא, הם. (מ. יְרֵ׳אִים). א גאָטספארכטיגער מאן.

יְ׳רֵא־וְשָׁ׳לֵם, הם. (מ. יְרֵ׳אִים־וּשְׁלֵ׳מִים). א גאָטספאָרכטיגער און פאָלקאָמענער מאן.

יְרֵא [יְ׳רֵא]־שָׁמַ׳יִם, הם. (תלמודיש). א גאָטספאָרכטיגער מאן.

יִרְ׳אָה, יִרְ׳אַת־, הוו. פורכט, שרעק; עהרפורכט; גאָטספאָרכטיגקייט.

יִרְ׳אַת־הַכָּ׳בוֹד, הוו. עהרפורכט.

יִרְ׳אַת־הָרוֹמְ׳מוּת, הוו. עהרפורכט.

יִרְ׳אַת־שָׁמַ׳יִם, הוו. (תלמודיש). גאָטספאָרכטיגקייט.

יָרָבְ׳עָם־בֶּן־נְבָט, אנם. ירבעם דער זוהן פון נבט, א געוויסער קעניג פון וועלכען די ביבעל דערצעהלט אז ער האָט פארפיהרט דאָס אידישע פאָלק צו געצענדינסט; א פארפיהרער.

יִרְגָ׳זוֹן, הם. (ביבליש). „זיי וועלען אויפגעציטערט ווערען", גרים־צאָרן.

יַרְ׳דֵן, אנם. דער נאָמען פון א געוויסען טייך אין פאלעסטינא זעהר אָפט דערמאָנט אין דער ביבעל. „ער קען אויסטרינקען א י ר ד ן" (ווער).

יְרוּ׳שָׁה, הוו. (מ. יְרוּ׳שׁוֹת). אייגענטהום וואָס בלייבט נאך א געשטאָרבענעם, ערבשאפט, נאָכלאָז. צולעגען דער באָבע׳ס י ר ו ש ה, גאָרניט פאַרלירען. „א אידישע י ר ו ש ה איז א גילדערנער אָדער" (שפוו.).

יְרוּשָׁלַיִם, אנוו. דער נאָמען פון דער הויפּטשטאָדט פון פּאַלעסטינא. ירושלים־דליטא, אַ נאָמען מיט וועלכען מען פלעגט באַצייכענען די שטאָדט ווילנא צוליעב די פיעלע געלעהרטע און פרומע לייט וואָס זיינען אין איהר געווען.

יְרוּשַׁלְמִי, המ. דער תלמוד וועלכער איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אין פּאַלעסטינא (זעה תַּלְמוּד.

יְרוּשַׁלְמִי, אנמ. (מ. יְרוּשַׁלְ׳מִים). דער נאָמען פון אַ איד וואָס קומט פון ירושלים.

יָרִיד׳, המ. (מ. יָרִי׳דיען), (תלמודיש). יאָהרמאַרק; גרויסער אויפרוהר. "איין בעטלער קען ניט זיין אויף צוויי יריד׳ען" (שפוו.).

יְרִי׳דָה, הוו. אַרונטערפאַל, נידערפאַל, אָרעם ווערען.

יְרִי׳עָה, חוו. (מ. יְרִי׳עוֹת). איינע פון די שטיקער פּאַרמעט פון וועלכע אַ ספר־תורה איז צוזאַמענגענייהט.

יְרָ׳קוֹת, מ. גרינס, גאָרטענפרוכטען.

יַרְ׳שׁ׳ען, יַרְ׳שׁ׳ענען, צא. ערבען, איבערנעהמען (וואָס אַ געשטאָרבענער האָט געלאָזען). ירש׳ען אימיצען, איבערנעהמען אימיצענס פאַרמעגען נאָך זיין טויט. ירש׳ען אימיצענס געלט, קריגען אימיצענס געלט נאָך זיין טויט. אַ פּ׳ירש׳ען, ערבען.

יֵשׁ [יֶשׁ], המ. אַ וועזען, אַ זאַך וואָס מע קען אָנטאַפּען, אַ באַטרעף.

יַ״שׁ, אב. יַיִן־שָׂרָף (ווז.).

יֵשׁ־אוֹמְרִים [יֶשׁ־אָמְרִים], המ. (תלמודיש). "עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זאָגען", אַ מיינונג. עס איז דאָ אַ יש־אומרים, עס איז פאַראַן אַ מיינונג.

יֵשׁ [יֶשׁ]־מֵאַ׳יִן, המ. עפּעס (באַשאַפען) פון גאָרניט.

יַשְׁ׳בִ׳יען, יַשְׁ׳בִ׳יענען, צש. זיצען. צא. אַריינ׳ישב׳ען, אַריינזעצען (אין פעסטונג).

יֵשׁוּ־הַנּוֹצְ׳רִי, אנמ. יעזוס פון נאַזאַרעט, דער געקרייציגטער.

יִשּׁוּב, המ. (מ. יִשּׁוּ׳בִים). אַ באַוואָהנטע געגענד; אַ דאָרף, אַ קאָלאָניע; באַוועצונג, קאָלאָניזאַציאָן; באַקלערונג, באַראַטהונג.

יִשּׁוּב־הַדַּ׳עַת, המ. (מ. יִשּׁוּב־הַדַּ׳עַתיען). באַקלערונג, באַראַטהונג.

יִשּׁוּב׳יען־זיך, צוו. זיך באַקלערען, זיך איבערלעגען, זיך באַראַטהען.

יִשּׁוּב״ניצע, הוו. (מ. יִשּׁוּב״ניצעס). זעה יִשּׁוּב׳ניק.

יִשּׁוּב״ניק, המ. (מ. יִשּׁוּב״ניקעס). איינער וואָס וואָהנט אין אַ דאָרף, אַ דאָרפסמאַן; אַ׳ן אונערפאָהרענער מענש.

יְשׁוּ׳עָה, הוו. (מ. יְשׁוּ׳עוֹת). הילף, רעטונג.

יְשׁוּ׳עוֹת־וְנֶחָ׳מוֹת, הוו. מ. (ליטורגיש). הילפען און טרייסטונגען, גוטע פּאַסירונגען.

יְשִׁי׳בָה, הוו. (מ. יְשִׁי׳בוֹת). אַ תלמודישע לעהר־אַנשטאַלט פאַר

פאָרטגעשריטענע שילער; פעס=טונג, טורמע (וואולגאַר).

יְשִׁיבָה־בָּחוּר, המ. (מ. יְשִׁיבָה־בַּחוּרִים). אַ שילער פון אַ ישיבה; אַ יונגער מאַן וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם שטודיום פון תלמוד און ווערט אויסגעהאַלטען פון דער געמיינדע.

יְשִׁיבָה־מאַן, המ. (מ. יְשִׁיבָה־לֵיט). אַ שילער פון אַ ישיבה.

יְשִׁיבָה־שֶׁל־מַעְלָה, הוו. (ליטור=גיש). די הימלישע (געריכט=) זי=צונג.

יָשִׁישׁ, המ. (מ. יְשִׁישִׁים). אַ (אַנ=געזעהענער) גרייז.

יִשְׁמָעֵאל, אנמ. דער נאָמען פון דעם זוהן פון אברהם און זיין שקלאַפין הָגָר (דאָס וואָרט ווערט אויך אָפט געברויכט צו באַצייכנען דאָס טערקישע פאָלק, וועלכעס שטאַמט פון ישמעאל'ן, לויט ווי עס איז אָנגענומען ביי אידען).

יִשְׁמְרֵנוּ־הַבּוֹרֵא, באַהיטען זאָל אונז דער באַשעפער.

יָשָׁן, א. אַלט; המ. פּאַראַיאָהריגע געטריידע. ז"ה חָדָשׁ.

יִשָּׁקֵנִי, (ביבליש). ער זאָל מיך קישען, אַ וואָרט גענומען פון שיר־השירים (געוועהנליך גע=ברויכט אין אַ וואולגאַרען זינן).

יִשְׂרָאֵל, המ. (מ. יִשְׂרְאֵלִים). אַ איד; דאָס אידישע פאָלק; אַ איד וועלכער איז ניט קיין כהן און ניט קיין לוי.

יַשְׁרָן, המ. (מ. יַשְׁרָנִים). אַ גע=רעכטער, עהרליכער, געוויסענ=האַפטער מאַן.

יַשְׁרָנוּת, הוו. גערעכטיגקייט, עהר=ליכקייט, געוויסענהאַפטיגקייט.

יִשָּׂשכָר [יִשָּׂכָר], אנמ. דער נאָמען פון איינעם פון יעקב'ס צוועלף זיהן.

יָתוֹם, המ. (מ. יְתוֹמִים). איינער וואָס האָט ניט קיין פאָטער אָדער מוטער. "אַ קינד אָהן אַ פאָטער איז אַ האַלבער י ת ו ם, אָהן אַ מוטער — אַ גאַנצער י ת ו ם" (שפוו.).

יְתוֹמָה, הוו. (מ. יְתוֹמוֹת). איינע וועלכע האָט ניט קיין פאָטער אָדער קיין מוטער. "אַ י ת ו מ ה איז אַ וואָלוועלע משקה" (שפוו.).

יְתוּר, המ. אַ רעשטעל געוואַנד וואָס בלייבט איבער פון אַ קלייד און וועלכעס דער שניידער באַהאַלט געוועהנליך פאַר זיך.

יִתְרוֹ, אנמ. דער נאָמען פון משה רבנו'ס שוויגער=פאָטער; הוו. דער נאָמען פון דער זיבענצעהנטער סדרה (ווז.). האָבען י ת ר ו ' ס נעמען, האָבען פיעל נעמען (לויט דער תלמודישער לעגענדע וועלכע דערצעהלט אַז יתרו האָט געהאַט פיעל נעמען).

יִתְרוֹן, המ. (מ. יִתְרוֹנוֹת). פאַר=צוג, אויסצייכענונג.

כ.

כ, הם. דער עלפטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית. מיט אַ פינטעלע אינעווענינ (כּ) אויסגעשפּראָכען אונגעפעהר ווי "ק", אָהן אַ פינטעלע (כ) אויסגעשפּראָכען אונגעפעהר ווי "ח"; אין צעהלען (כ) גערעכענט אַלס 20; צום ענד פון וואָרט געשריבען "ך". זעה כּף.

כּ־ (צוגעשטעלט אין אָנהויב פון אַ וואָרט) — ווי, אַזוי ווי. כמלך בגדוד, אַזוי ווי אַ קעניג צווישען זיין סוויטע.

כּי סִיוָן, הם. דער צוואַנציגסטער טאָג פון מאָנאַט סיון, אַ פאַסט־טאָג אין אַנדענק אַן גזרת־ת"ח (ווז.).

כְּאוֹר־הַבּוֹקֶר, או. (ביבליש). "ווען עס ווערט ליכטיג דער מאָרגען", אין דער פריה.

כַּאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי, (ביבליש). "אויב איך בין פאַרלאָרען בין איך פאַרלאָרען", איך בין אַזוי ווי אַזוי פאַרלאָרען.

כְּבַד־פֶּה, הם. (ביבליש). "שווער אויף די ליפען", אַ שטאַמלער, אַ מעקעקע.

כָּבוֹד, הם. עהרע, אַכטונג. "אַ כפרה געלט אַבי דער כבוד איז גרויס" (שפוו.). "אַ נגיד האָט פיינט כבוד ווי אַ קאַץ סמעטענע" (שפוו.).

כְּבוֹד־, הם. די ווירדע פון — (אַ וואָרט וואָס מע שטעלט אין שרייבען פאַר דעם נאָמען פון אַ פערזאָן).

כִּבּוּד, הם. (מ. כִּבּוּדִים). באַעהרונג; טראַקטאַמענט מיט וועלכען מע נעהמט אויף אַ גאַסט.

כִּבּוּד־אָב [אַב], הם. (תלמודיש). פאָטער־עהרונג.

כִּבּוּד־אֵם, הם. (תלמודיש). מוטער־עהרונג.

כְּבוֹד־מַעֲלָתוֹ —, הם. די ווירדע פון זיין הויכקייט — (ווערטער וואָס מע שרייבט פאַר דעם נאָמען פון אַ וויכטיגער פערזאָן וועלכע מע אַדרעסירט).

כְּבוֹד (קְדוּשַּׁת) שֵׁם תִּפְאַרְתּוֹ, הם. די (הייליגע) ווירדע פון זיין גלענצענדען נאָמען (אַ טיטול וועלכען מע שרייבט פאַר דעם נאָמען פון אַ גרויסען הייליגען מאַן).

כְּבוֹדוֹ, הם. זיין ווירדע (אַ העפליכע אַרט פון אַדרעסירען אימיצען אין אַ בריעף), איהר.

כִּבְיָכוֹל [כִּבְיָכוֹל], הם. (תלמודיש). גאָט (אורשפּרינגליך געברויכט, רעדענדיג פון גאָט אַלס פערזאָניפיצירטע מענשליכע געשטאַלט, און באַדייטעט: "גלייך ווי מע וואָלט געקענט אַזוי זאָגען", ד. ה. ווי דער מענשליכער פאַרשטאַנד שטעלט זיך פאָר).

כְּדַאי, א. ווערטה, ווערטה די מיה.

עס איז ניט כדאי, עס לוינט זיך ניט.

כִּדְבָ׳עִי, או. (תלמודיש). אזוי ווי עס באדארף צו זיין, געהעריג.

כְּדוֹ׳מֶה, או. גלייך ווי, אזוי ווי, צום ביישפיעל.

כְּדוֹ׳מֶה־לְמָ׳שָׁל, או. צום ביישפיעל.

כַּ׳דוּר, הס. (מ. כַּדוּ׳רִים). א באל, א קויק, א רונדע זאך.

כַּ׳דוּר־הָאָ׳רֶץ, הס. דער ערד־קוגעל.

כְּדֵי, ב. גענוג אום, אום, דאמיט.

כְּדֵי בִּזָ׳יוֹן וָקֶ׳צֶף, (ביבליש). עס איז גענוג שאנד און פארדרוס.

כְּדֵי־לְהָ׳מִית, או. גענוג צו טויטען, מערדעריש.

כְּדִין, — וּכְדָת [וּכְּדָת׳], או. לויט דעם (אידישען) געזעץ, נאך אלע פאדערונג פון געזעץ.

כִּדְמַשְׁמָ׳עוּת, או. (תלמודיש). ווי עס שיינט, ווי עס ווייזט אויס.

כְּדֶ׳רֶךְ־הַטֶּ׳בַע, או. ווי דער שטייגער פון דער נאטור, נאטירליך.

כְּדָת [כְּדַת], או. זעה כְּדִין.

כְּדַת־מ׳שֶׁה־וְיִשְׂרָ׳אֵל, או. (ליטורגיש). לויט די (הייראטה־) געזעצען פון משה און דעם אידישען פאלק, לויט די אידישע הייראטה־געזעצען.

כְּהָא לַחְ׳מָא עַנְ׳יָא, (ליטורגיש). „אז י ווי דאס דאזיגע ברויט", די ערשטע ווערטער פון דער הגדה (א׳ן אנדער לעזע־ארט איז: „הא לחמא עניא").

כְּהַאי־לִשְׁ׳נָא, או. (תלמודיש). מיט אזא שפראך, אזוי, נעמליך.

כְּהוּ׳נָּה, הוו. פריסטערטהום, פריסטערליכע אפשטאמונג. „א כפרה די כהונה פאר א ש הן פנים" (שפוו.).

כְּהַ׳יוֹם, או. היינט, איצט.

כֹּ׳הֵן, הס. (מ. כֹּ׳הֲנִים). א פריסטער; א איד וואס שטאמט פון דעם אמאליגען פריכטער־שטאם און וועלכער האט געוויסע רעליגיעזע רעכטען און פליכטען וואס א געוועהנליכער איד האט ניט: ער טאר ניט הייראטהען א פרוי וואס איז געשיידט פון איהר מאן, ער טאר ניט אריינגעהן אין דאס הויז וואו עס געפינט זיך א טויטער, ער ווערט אויפגערופען דער ערשטער צום לייענען אין שוהל א. א. וו.. געבען כהן, אויפרופען צום לייענען אלס כהן. „א כהן איז א בעסן" (שפוו.). ארויסווייזען דעם כהן, ארויסווייזען צארן.

כֹּ׳הֵן־גָ׳דוֹל, הס. (מ. כֹּ׳הֲנִים־גְדוֹ׳לִים). דער אויבער־פריסטער (פארצייטען ביי אידען).

כֹּ׳הֵן־צֶ׳דֶק, הס. א וואהרער פריסטער, א כהן.

כָּהֵ׳נָה־וְכָהֵ׳נָה, (ביבליש). אזוי פיעל און נאך א מאל אזוי פיעל, מעהרערע מאל אזוי פיעל.

כְּהֶ׳רֶף־עַ׳יִן, או. (תלמודיש). ווי א וואונק פון א׳ן אויג, אויגענבליקליך.

כּו'הֵן, הס. (מ. כּו'הֲנִים). זעה כּ'הֵן.

כּ'וון, הס. מיין, אבזיכט.

כַּוָ'נָה, הוו. (מ. כַּוָ'נות). זעה כַּוָ'נָה.

כוח"ט, אב. כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טו'בָה (ווּ.).

כּו'לו, או. אין גאנצען, גענצליך.

כּו'לֵי־הַאי, (תלמודיש). אזוי פיעל? טאקע אזוי?

כּו'לֵל, הס. (מ. כּו'לְלים). א פאראייניגונג פון מעהרערע אידישע געמיינדען מיט דעם צוועק צו פארוואלטען זייערע רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען אָדער פאר אויסטהיילונג פון געלט און שטיצע צו אָרעמע (געוועהנליך געברויכט אויף א'ן אָרגאניזאציאָן צונויפגעשטעלט פון אַלע אידישע געמיינדען פון א געוויסען לאנד אָדער א געוויסער געגענד מיט דעם צוועק אויסצוטהיילען שטיצע צו זייערע אָרעמע אין פּאלעסטינא).

כּו'לֵל, א. (מ. כּו'לְלים). אלגעמיין, צענטראל. אין כּולל, אין אלגעמיינעם.

כּו'לֵל־זיין, צא. איינשליסען, ענטהאלטען; פארבינדען, פאראייניגען.

כּו'מֶר, הס. א (ניט־אידישער) פּריסטער אָדער גייסטליכער.

כַּוָ'נָה, הוו. (מ. כַּוָ'נות). אבזיכט, צוועק; מיין, טיעפער מיין, געדאנקען; אויפמערקזאמקייט; בא־גייסטערונג, עקסטאז.

כּוס [כָּס], הס. (מ. כּו'סות). א בעכער, א באָקאל. מאכען א כּוס, מאכען א שנאפּס.

כּוס־אֵלִיָ'הוּ, הס. זעה אֵלִיָ'הו־הַנָ'ביאס־כּוס.

כּו'סיע, הוו. א בעכער, א גלעזעל. מאכען די כּוס'ע, טרינקען, פיאנעווען.

כּו'סיען, צש. טרינקען, פיאנעווען.

כּו'פֶר, הס. (מ. כּופְ'רים). א לייקענער (אן גאָט).

כּו'פֶר־בְּעִי'קָר, הס. (מ. כּופְ'רים־בְּעִי'קָר), (תלמודיש). איינער וואָס לייקענט אן דעם הויפּטפונקט (גאָט).

כּו'פֶר־הַ'כֹּל, הס. איינער וואָס לייקענט אן אַלץ (גאָט, רעליגיאָן א. א. וו.).

כּו'רְעִים, או. (ליטורגיש). זיך בוקענדיג, אויף די קניע. פאַלען כּורעים, פאַלען אויף די קניע; זיך ערנידעריגען.

כּורְ'עִים־וּמִשְׁתַּחֲ'וִים, או. (ליטורגיש). זיך בוקענדיג און קניענדיג.

כּו'רֵת־בְּרִית־זיין, צש. (ביבליש). שליסען א בונד (פון פריינדשאפט אָדער פרידען).

כּו'ש, אנמ. דער נאָמען פון א געוויסען לאנד דערמאָנט אין דער ביבעל. זעה הו'דו.

כּו'תֶל־מַעֲרָ'בִי, הס. די וועסטליכע וואנד פון דעם צערשטערטען בית־המקדש וועלכע איז פארבליבען שטעהן ביז איצט.

כָּ'זָב, הם. (מ. כְּזָ'בִים). אַ ליגען.

כְּ'זָב־וָשֶׁ'קֶר, מ. ליגען און באַ=טרוג.

כַּזְ'בָן, הם. (מ. כַּזְבְ'נִים). אַ ליגנער.

כַּזְ'בָנ'טע, הוו. (מ. כַּזְ'בָנ'טעס). זעה כַּזְ'בָן.

כְּ'זוּב, הם. (מ. כְּזוּ'בִים). זעה כְּ'זָב.

כְּזַ'יִת, הם. (תלמודיש). (גרויס) ווי אַ'ן אויילבערט, די גרויס פון אַ'ן אויילבערט (אַ מאָס זעהר אָפט געברויכט אין תלמוד און אין אי=דישע רעליגיאָנס=געזעצען, צ. ב. ש.: ווייניגער ווי אַ כזית מעג מען עסען אָהן געוואַשען). "גרויס ווי אַ כזית".

כֹּ'חַ, הם. (מ. כֹּ'חוֹת). שטאַרקייט, קראַפט, מאַכט; פאָלמאַכט, באַ=פאָלמעכטיגונג; אנשטרענגונג. זיך אָנטהאָן אַ כח, זיך אנשטרענ=גען.

כֹּ'חַ־גַבְ'רָא, הם. (תלמודיש). מע=נער=קראַפט, שטאַרקייט.

כֹּ'חַ־הַדִמְ'יוֹן, הם. איינבילדונגס=קראַפט, פאָרשטעלונגס=קראַפט.

כֹּ'חַ־הַדִ'בּוּר, הם. די קראַפט פון רעדען, רעדענס=קראַפט.

כֹּ'חַ־הַמְדַ'מֶּה, הם. זעה כֹּ'חַ־הַדִמְ'יוֹן.

כֹּ'חַ־הַרְשָׁ'אָה, הם. פאָלמאַכט, דאָס רעכט צו פאַרטרעטען (אימיצען).

כְּחוֹל־הַיָּם [הַיַּם'], או. (ביבליש). ווי דאָס זאַמד פון מעער, זעהר פיעל.

כְּחוֹ'מֶר בְּיַד הַיוֹ'צֵר, (ליטורגיש). ווי לעהם אין דער האַנד פון דעם טעפער.

כִּי־הוּא־זֶ'ה, (ביבליש). "אַז דאָס איז עס", אויף אַזוי פיעל. "ניט צו מאָל כ י ־ ה ו א ־ ז ה" (ווער.).

כִּי־תָ'בוֹא, הוו. דער נאָמען פון דער פופציגסטער סדרה (ווז.).

כִּי־תֵ'צֵא, הוו. דער נאָמען פון דער נייַן=און=פערציגסטער סדרה (ווז.).

כִּי־תִ'שָּׂא, הוו. דער נאָמען פון דער איין=און=צוואַנציגסטער סדרה (ווז.).

כְּיַד־הַמֶּ'לֶךְ, או. (ביבליש). מיט קיניגליכער האַנד, מיט פולער האַנד, גרויסאַרטיג.

כְּיָדוּ'עַ, או. אַזוי ווי עס איז באַ=וואוסט.

כִּ'יוּן, הם. זעה כִּ'וּון.

כִּ'יוֹר, הם. אַ וואַסער=פאַס וואָס שטעהט אין פאָלעש פון אַ שוהל אָדער קלויז צו וואַשען די הענד איידער מע געהט אַריין.

כִּ'ילַי, הם. אַ קאַרגער, אַ געלט=גייַ=ציגער מענש.

כִּי'נָה, הוו. (מ. כִּי'נִים), זעה כִּ'נָּה.

כִּים, הם. אַ בייטעל, אַ געלט=בייַ=טעל.

כִּים'לער, הם. (מ. כִּים'לערס). טאַשען=דיעב, קעשעניק, באַטרי=גער.

כִּי׳סֵא־, זעה כִּ׳סֵא־.

כִּי׳שוּף, הם. (מ. כִּישוּ׳פִים, כִּי׳שוּפ׳ען). זעה כִּ׳שוּף.

כַּךְ, או. אַזוי.

כַּךְ־הֲוָ׳א, (תלמודיש). אַזוי איז (טאַקי) געוועזען, אַזוי האָט זיך טאַקי אויסגעלאָזען.

כָּל־, א. אַלע, יעדער, יעדע, דער גאַנצער, די גאַנצע.

כָּל־בּוֹ׳, הם. "אין איהם איז אַלץ פאַראַנען", איינער וואָס קען אַלצדינג אָדער וואָס טויג זיך צו אַלצדינג; אַלדאָס שלעכטס, אַלע שלעכטע אייגענשאַפטען; אַ געווּיסע אויסגאַבע פון דעם אידישען געבעט־בוך וועלכע ענטהאַלט אַלע געבעטען און אַלע ליטורגישע רעגעלען פאַר דאָס גאַנצע יאָהר.

כָּל־בּוֹ׳יניצע, הוו. (מ. כָּל־בּוֹ׳יניצעם). איינע וועלכע האָט אַלע שלעכטע אייגענשאַפטען.

כָּל־בּוֹ׳יניק, הם. (מ. כָּל־בּוֹ׳יניקעם). איינער וועלכער האָט אַלע שלעכטע אייגענשאַפטען, אַ׳ן אויסוואורף.

כָּל־דְאַ׳לִים־גְבַר, (תלמודיש). דער וואָס איז דער שטאַרקער דער קומט בייו (פיהרט אוים).

כָּל־הוֹן־דְעַלְ׳מָא, הם. (תלמודיש). דאָס גאַנצע רייכטהום פון דער וועלט.

כָּל־הַמִי׳נִים, מ. אַלע זאָרטען.

כָּל־הַנְעָ׳רִים, או. אַלע אינגלעך (צוזאַמען). אויפרופען כ ל הנ ע ר י ם, אויפרופען אום שמחת־תורה אין שוהל אַלע אינגלעך אין איינעם און פאַר אַלע צוזאַמען לייענען פון דער תורה (דער אייגפיהר שטאַמט פון דעם וואָס אום שמחת־תורה מוז יעדער איד צי קליין צי גרוים אויפגערופען ווערען צום לייענען און ווייל עס איז ניטאָ צייט גענוג צו לייענען איטליכען באַזונדער ווערען די אינגלעך אויפגערופען אַלע אין איינעם); אַלע אויף איין מאָל, ניט אויסצייכענענדיג קיינעם באַזונדער.

כָּל־הַנְגִישׁוֹת [הַנְגִי׳שׁוֹת], — שֶׁבָּעוֹ׳לָם, מ. אַלע פּייניגונגען, — אויף דער וועלט. אָנטהאָן כ ל ־ ה נ ג י ש ו ת, שטאַרק פּאַרפּאָלגען.

כָּל־הַפְּסְלָ׳נוּת, הוו. אַלדאָס בייז, אַלע שלעכטע אייגענשאַפטען.

כֹּל־וָכֹל [כָּל־וְכָל], הם. "אַלץ מיט אַלץ", דער גאַנצער מאַכער.

כָּל־וְלָךְ, הם. אַ גאַנצער מאַכער (פּאַראָדיע אויף כָּל־וָכָל, ווז.).

כָּל־זְמַן, או. די גאַנצע צייט וואָס, אַזוי לאַנג ווי.

כָּל־זְמַי שֶׁהַנְשָׁ׳מָה בְּקִרְ׳בִּי, (ליטורגיש). אַזוי לאַנג ווי די זעעלע איז אין מיר. "כ ל ־ ז מ ן ש ה נ ש מ ה ב ק ר ב י עסס מאָטיע" (ווער.).

כָּל־חֲמָ׳תוֹ (חֲמָ׳תִי), הם. (תלמודיש). זיין (מיין) גאַנצער גרימצאָרן.

כָּל־טוּב', המ. (ביבליש). אלדאָס גוטס.

כּל־יָכוֹל, א. אלמעכטיגער. "ער איז א כל־יכול".

כָּל־יָמַי, מ. (תלמודיש). "אלע מיינע טעג", מיין גאנצעס לעבען.

כָּל־יְמֵי־חַיָּיו, מ. (ביבליש). "אלע טעג פון זיין לעבען", זיין גאנצעס לעבען.

כָּל־יָמָיו, מ. "אלע זיינע טעג", זיין גאנצעס לעבען.

כָּל־יִשְׂרָאֵל, המ. (ביבליש). דאָס גאנצע אידישע פאָלק, אלע אידען. "וואָס עס וועט זיין מיט כל־ישראל וועט זיין מיט רב־ישראל" (ווער. — ד. ה. וואָס עס וועט זיין מיט אלעמען וועט זיין מיט דיר, מיר, איהם א. א. וו.).

כָּל־יִשְׂרָאֵל אַחִים, אלע אידען זיינען ברידער.

כָּל־יִשְׂרָאֵל חֲבֵרִים, אלע אידען זיינען קאמעראדען.

כּל מַאֲמִינִים שֶׁהוּא', (ליטורגיש). "אלע גלויבען אז ער", די ערשטע ווערטער פון א געבעט וואָס מע זאָגט אום ראש־השנה. פון כל מאמינים שהוא, פון אלע ווערטען (פאראָדיע אויף כָּל־המינים, ווז.).

כָּל־מוּם־רָע [רַע], המ. יעדער שלעכטער פעהלער, יעדע פאר־דאָרבענע איינגעשאפט.

כָּל־מִינֵי־, מ. אלע זאָרטען.

כָּל־נִדְרֵי, המ. (ליטורגיש). "אלע פאַרשפּרעכונגען", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון א געוויסען געבעט וואָס מע זינגט מיט א זעהר ריהרענדער מעלאָדיע אין דער נאכט פון יום־כפור.

כָּל־עוֹד־, או. (ביבליש). אזוי לאנג, אזוי לאנג ווי, ביז וואנען.

כָּל־שֶׁכֵּן [כָּל־שְׁכֵּן], או. (תלמודיש). געוויס, געוויס דאָך, אום זאָ מעהר, צ. ב. ש.: אויב א קראנ־קער קען עס טהאָן כל־שכן א געזונדער.

כִּלְאַחַר־יָד [יַד], או. (תלמודיש). ווי אונטער דער האנד, פארביי־געהענדיג.

כִּלְאֹ־יָדַע, או. אזוי ווי ער וואָלט ניט געוואוסט. זיך מאכען כלא ידע, זיך מאכען ניט וויסענדיג אָדער ניט זעהענדיג.

כֶּלֶב, המ. (מ. כְּלָבִים). א הונד; א שלעכטער בייזער מענש. א קאר־גען רופט מען חזיר א שלעכטען רופט מען כלב" (שפוו.).

כֶּלֶב־שֶׁבַּכְּלָבִים, המ. "א הונד פון אלע הינט", א זעהר שלעכטער מענש.

כַּלְבִיטע, הוו. (מ. כַּלְבִיטעס). "א צויג", א שרעכטע בייזע פרוי.

כַּלָּה, הוו. (מ. כַּלּוֹת). א פאר־לאָבטע; א פרויענצימער אין דעם טאָג פון איהר חתונה, ברויט. "אלע כלות זיינען שעהן אלע מתים זיינען פרום"

(שפוו.). "אוים כלה ווייטער אַ מויד" (ווער.).

כָּ׳לָה־ווערען, צוא. פאַרניכטעט ווערען, אונטערגעהן, פאַרשווינ־דען.

כַּ׳לָה־מויד, הוו. (מ. כַּ׳לָה־מיי־דען). אַ מיידעל וואָס איז אַלט גענוג צו הייראַטהען, אַ דער־וואַקסען מיידעל.

כַּ׳לָה־מַתָּ׳נָה, הוו. (מ. כַּ׳לָה־מַתָּ׳נוֹת). אַ געשאַנק וואָס מע גיט דער בלה.

כַּ׳לָהִ׳־, כַּ׳לָה׳נען־זיך, צוו. זיך פוצען מיט דער אבזיכט זיך צו פאַרהייראַטהען, זיך זעהר שטאַרק פוצען.

כְּלוֹ׳מֶר׳שט, או. (תלמודיש: כְּלוֹ׳מַר). אַזוי ווי, מאַכענדיג דעם אָנשטעל פון, ניט ריכטיג מיינענדיג, זאָגענאַנט.

כל״ז, אב. כְּלֵי־זֶמֶר [כְּלֶזְ׳מֶר] (ווז.).

כִּלְחוֹךְ־הַשּׁוֹר׳, או. (ביבליש). זעהר פריה, פאַרטאָג (די אייגענט־ליכע באַדייטונג פון די ווערטער איז: "ווי עס עסט אָפּ דער אָקס (דאָס גראָז)". דער אויסדרוק איז וואַהרשיינליך אַ פּאַראָדיע אויף כַּעֲלוֹת־הַשַּׁחַר אָדער כַּעֲלוֹת־הַבּוֹקֶר. דאָס וואָרט "הַבּוֹקֶר" — דער מאָרגען, דורך זיין עהנליב־קייט צו "הַבָּקָר" — דאָס פיה, האָט פיעלייכט געפיהרט צו דער פּאַ־ראָדיע פון כִּלְחוֹךְ־הַשּׁוֹר׳).

כְּלִי [כֵּ׳לִי], הוו. (מ. .. לִים). אַ געפעס, אַ געשיר; געצייג, אינ־סטרומענט; פייהיגקייט; דער אָר־גאַן פון זינגען; אַ פיינע זאַך; אַ בעגאַבטער מענש; אַ פיגור אין שאַך־שפיעל (קעניג, קעניגין, לויפער, ריטער אָדער ראָך). ארויסגעהן פון די כלים, ארויס־געהן פון געדולד; ענטציקט ווע־רען. אַ פוסטע כלי, אַ פוס־טער אונוויסענדער מענש. אָר־בייטען אויף אַלע כלים, אָר־בייטען זעהר ענערגיש. "גאָל־דענע כלים ווערען קיינמאָל ניט שווארץ" (שפוו.).

כֶּלִי [כֶּ׳לִי], הוו. (מ. כֵּ׳לִים). אַ וואַסער־פאַס, אַ קובעל.

כְּלֵי־בַיִת [בַּ׳יִת], מ. (ביבליש). הויזגערעטה, מעבעל.

כְּלֵי־זָהָב, מ. (ביבליש). גאָלדענע געשיר.

כְּלֵי־זַיִן, מ. (תלמודיש). וואַפען.

כְּלֵי־זֶמֶר, מ. שפיעל־אינסטרומענט.

כְּלֵי־זֶמֶר [כְּלֶזְ׳מֶר], המ. (מ. כְּלֵי־זֶמֶר, כְּלֵי־זְמָ׳רִים *). שפיעלער, מוזיקאַנט. "אַז דאָס מיידעל קען ניט טאַנצען זאָגט זי אַז די כלי־זמר קענען ניט שפילען" (שפוו.). "אַז מע צעהלט ספירה קומט אויף די כלי־זמר אַ פגירה" (שפוו.).

כְּלֵי־כֶסֶף [כֶּ׳סֶף], מ. (ביבליש). זילבערנע געשיר.

כְּלֵי־מַכְשִׁי׳רִין, מ. זעה מַכְשִׁי׳רִין.

כְּלִי [כֶּ׳לִי]־נִפְלָ׳אָה, הוו. אַ וואונ־דערליכע פעהיגקייט, אַ גרויסער טאַלאַנט (אין זינגען).

כְּלֵי־קוֹ׳דֶשׁ, המ. מ. די אָנגעשטעל־

טע פון דער געמיינדע (אַ רב, אַ חזן, אַ שמש א. א. וו.).

כְּלֵי [כְּלִי]־שְׁלֵמָה, הוו. אַ פעהיגע באַגאַבטע פערזאָן.

כְּלָל [כְּלַל], המ. (מ. כְּלָלִים). אַ רעגעל, אַ הויפּטזאַך; פּובליקום, געמיינדע, פאָלק, מענשהייט; צאָהל, סומע. אַריינרעכנען אין כלל, אַריינרעכנען אין דער צאָהל. אין כלל, אין אַלגעמיינעם. אַרבייטען פאַר'ן כלל, אַרבייטען פאַר דאָס פאָלק, פאַר די מענשהייט א. א. וו. אַ כלל, אין קורצען, אין קורצע ווערטער.

כְּלָל [כְּלַל], או. גענצליך, איבערהויפּט, אין אַלגעמיינעם.

כְּלַל־זַאךְ, הוו. (מ. כְּלַל־זאַכען). אַלגעמיינער אינטערעס, אַלגעמיינע זאַך.

כְּלַל־טהוער, המ. (מ. כְּלַל־טהוערם). איינער וועלכער אַרבייט פאַר אַלגעמיינע אינטערעסען.

כְּלַל־יִשְׂרָאֵל, המ. דאָס גאַנצע אידישע פאָלק.

כְּלַל־מענש, המ. (מ. כְּלַל־מענשען). זעה כְּלַל־טהוער.

כָּל־יערליי, א. אַלערליי.

כְּמִדוּמֶה־לִי, או. ווי מיר דאַכט זיך, ווי מיר שיינט.

כַּמָּה, א. פיעל, מעהרערע.

כַּמָּה־וְכַמָּה [וְכַמָּה]. או. (תלמודיש). זעהר פיעל.

כַּמָּה־שָׁנִים, המ. פיעל יאָהרען, אַ לאַנגע צייט.

כַּמוּת, הוו. קוואַנטיטעט, צאָהל.

כְּמִנְיַן־, או. ווי די צאָהל פון —.

כְּמֶלֶךְ־בְּגְדוּד, או. (ביבליש). אַזוי ווי אַ קעניג צווישען דער סוויטע. "כמלך־בגדוד ווי אַ הונד אין קראָפּיווע" (אָפּטע פאַראָדיע).

כִּמְעַט, או. פאַסט, שיער, ביי־נאַהע.

כְּמַשְׁמָעוּת, או. (תלמודיש). ווי עס שיינט, ווי עס זעהט אויס.

כֶּן־יֹאבְדוּ, (ביבליש). אַזוי זאָלען אונטערגעהן (די פיינד פון גאָט), ווערטער וועלכע מע זאָגט ווען מע הערט פון דעם טויט אָדער אונגליק פון אַ געהאַסטער פערזאָן.

כְּנֶגֶד, פ. קעגען, אַנטקעגען; אין פאַרגלייך מיט.

כְּנֶגֶד, המ. אַ געגנער.

כִּנָּה, הוו. (מ. כִּנִּים). אַ לויז.

כְּנוּפְיָא, הוו. (מ. כְּנוּפְיוֹת). פאַרזאַמלונג, געזעמעל, געזעלשאַפט.

כִּנִּים, מ. "לייז", איינע פון די צעהן פּלאָגען וואָס גאָט האָט אָנגעשיקט אויף די עגיפּטער כדי זיי זאָלען אַרויסלאָזען דאָס אידישע פאָלק פון זייער לאַנד. זעה עֶשֶׂר־מַכּוֹת.

כְּנֶסֶת־יִשְׂרָאֵל, הוו. (תלמודיש). דאָס אידישע פאָלק.

כְּנָפָה (אייגענטליך: כָּנָף), הוו. (מ. כְּנָפוֹת). איינע פון די פיער עקען פון אַ טלית אָדער טלית־

קטן וואו עס ווערען איינגעמאַכט די ציצית.

כּ׳סֵא־הַכָּ׳בוֹד, המ. (ביבליש). דער שטוהל פון עהרע, דער טהראָן־שטוהל פון גאָט.

כּ׳סֵא־הָרַבָּ׳נוּת, המ. דער ראַבינער־שטוהל, די שטעלע פון אַ ראַבּי־נער.

כְּסֶ׳דֶר, או. נאָך דער רייהע, נאָכ־אַנאַנד.

כְּסוּ׳מָא בָּאֲרוּבָּה [בָּאֲרוּ׳בָּה], או. (תלמודיש). „אַזוי ווי אַ בלינדער (טרעפט) אין פענסטער", בלינ־דערהייד, צופעליג.

כִּסְ׳לֵיו, המ. דער דריטער מאָנאַט פון דעם אידישען יאָהר; פאַלט געוועהנליך אין נאָוועמבער־דע־צעמבער און האָט ניין־און־צוואַנציג טעג.

כֶּ׳סֶף, המ. זילבער.

כַּעֲלוֹת־הַבּוֹ׳קֶר, או. (ביבליש). ווען עס געהט אויף דער מאָרגען, גאַנץ באַגינען.

כַּעֲלוֹת־הַשַּׁ׳חַר, או. (ביבליש). זעה כַּעֲלוֹת־הַבּוֹ׳קֶר.

כְּעֵ׳נִי־בַּפֶּ׳תַח [בַּפֶּ׳תַח], או. אַזוי ווי אַ׳ן אָרעמאַן ביי דער טהיר.

כַּ׳עַס, המ. (מ. כַּ׳עַס׳עַן). צאָרן, פאַרדרוס. ווערען אין כעס, אַריינקומען אין צאָרן.

כַּעֲ׳סָן, המ. (מ. כַּעֲסָ׳נִים). איינער וועלכער קומט לייכט אַריין אין צאָרן, אַ היציגער מענש.

כַּעֲ׳סָנִ׳טע, הוו. (מ. כַּעֲ׳סָנִ׳טעס). זעה כַּעֲ׳סָן.

כַּעֲ׳סָנִיעַן, כַּ׳עַס׳עַן, צש. זיין צאָרניג, צאָרנען. כעסנ׳ען זיך — זיך ערגערן, זיך היצען, זיין צאָרניג.

כְּעַפְ׳רָא־דְאַרְ׳עָא, או. (ליטורגיש). ווי שטויב פון דער ערד. מאַכען כעפרא־דארעא, מאַכען צו־גאָרנישט, מאַכען מיט בלאָטע צוגלייך, שטאַרק זידלען.

כַּף [כָּף], המ. (מ. כָּ׳פּ׳עַן). דער נאָמען פון דעם עלפטען בוכ־שטאַב (כ) פון דעם אידישען אלף־בית. לאַנגע־כף, שלעכטע־כף אָדער שלוס־כף, דער נאָ־מען פון דעם זעלביגען בוכשטאַב ווען געשריבען צום ענד פון אַ וואָרט (ך). קרומע־כף, דער בוכשטאַב כ.

כַּף [כָּף], המ. (מ. כָּ׳פּ׳עַן). דער נאָמען פון דעם עלפטען בוכשטאַב (כּ) פון דעם אידישען אַלף־בית. קרומע־כף, דער בוכשטאַב כּ.

כַּף־הַקֵּל׳ *, הוו. זעה כַּף־הַקֶּלַע.

כַּף־הַקֶּלַע [הַקֵ׳לַע], הוו. (ביבליש). איינע פון די פייניגונגען וועלכע די פאַרזינדיגטע נשמה מוז אויס־שטעהן און וועלכע באַשטעהט אין דעם וואָס זי ווערט אַרומגע־שליידערט פון בייזע גייסטער הין און הער.

כְּפוּי [כָּ׳פוּי] טוֹ׳בָה, המ. (מ. כְּפוּיֵי־טוֹ׳בָה), (תלמודיש). אַ׳ן אונ־דאַנקבאַרער מענש.

כָ׳פוּל־שְׁמוֹ׳נָה, א. געפלאָכטען אין אַכט (וועבּרויכט געוועהנליך אויף פעדעם פון ציצית פון וועלכען יעדער איינער איז צונויפגעדרייהט פון אַכט דינערע פעדעם. די גאַנץ פרומע טראָגען בלויז אַזעלכע ציצית).

כָ׳פוּל־שְׁמוֹ׳נָה׳דיג, א. כפול־שמונה (ווז.); זעהר שטאַרק. אַ כ פ ו ל ש מ ו נ ה ׳ ד י ג ע ר פּאַטש, אַ שטאַרקער פּאַטש.

כְּפִי־, פּ. נאָך, לויט, לויט ווי.

כְּפִי־הַיכוֹ׳לֶת, או. נאָך די קרעפטען.

כְּפִי־הַמְדוּ׳בָּר, או. לויט ווי עס איז אָפּגערעדט געוואָרען, לויט׳ן אָפּמאַך.

כְּפִי׳רָה, הוו. לייקענונג (אן גאָט), גאָטלאָזיגקייט.

כֶּפֶל [כֵּ׳פֶל], הם. די דאָפּעלע צאָהל, צוויי מאָל אַזוי פיעל; פאַרדאָפּעלונג, מולטיפּליקאַציאָן (אין אַריטהמעטיק).

כֶּפֶל [כֵּ׳פֶל]־כִּפְלַ׳יִם, הם. דאָפּעל מאָל דאָפּעל, מעהרערע מאָל אַזוי פיעל.

כֵּפְ׳ליען, צא. דאָפּלען, פאַרדאָפּלען.

כַּפָּ׳רָה, הוו. (מ. כַּפָּ׳רוֹת). אויסלייזונג, פאַרגעבּונג, פאַרצייהונג, אַ הוהן אָדער אַ האָהן וועלכע מע קוילעט אין דעם טאָג פאַר יום־כפור אַלס אַ׳ן אויסלייזונג פאַר די זינד. אַ שעהנע ריינע כ פ ר ה!, עס איז רעכט אויף איהם (איהר א. א. וו.). אַ כ פ ר ה קעגען איהם אַלע אַנדערע, ער איז בעסער אָדער פיעל מעהר ווערטה ווי אַלע אַנדערע. דאַרפען אויף כ פ ר ו ת, ניט דאַרפען. טויגען אויף כ פ ר ו ת, טויגען צו גאָרניט. שלאָגען כ פ ר ו ת, דרעהען די הוהן אָדער האָהן פון כפרה איבער׳ן קאָפּ זאָגענדיג דערביי „זה חליפתי“. שלאָגען כ פ ר ו ת מיט אימיצען, אויפאָפּפערן אימיצען צוליעב איינענע נוצען. ווערען די כ פ ר ה פאַר אימיצען, זיין שקלאַפיש איבערגעבען צו אימיצען. „אַ גאַנץ יאָהר האָדעוועט מען די כ פ ר ה און ערב יום־כפור פליהט זי אַוועק“ (שפוו.). „דער מענש זינדיגט און דער האָהן איז די כ פ ר ה“ (שפוו.).

כַּפָּ׳רָה־געלט, הז. געלט וועלכעס מע געבּרויכט ערב יום־כפור אַנשטאָט אַ הוהן אָדער אַ האָהן אַלס אַ׳ן אויסלייזונג פאַר די זינד און וועלכעס מע שענקט אַוועק צו אָרעמע לייט.

כַּפָּ׳רָה־הינהנדעל, הז. (מ. כַּפָּ׳רָה־הינהנדלעך). דער אָפּפער פאַר אַ פרעמדענס שולד, אונשולדיגער אָפּפער.

כַּפְ׳תוֹר־וָפֶ׳רַח, או. (ביבליש). „אַ קנעפּעל און אַ קוויטעל“, צאַצקעדיג, אויסגעצייכענט.

כַּ״ץ, אב. כּ׳הֵן־צֶ׳דֶק (ווז.).

כַּ״ץ, אב. כֶּ׳סֶף־צָ׳רוּף, געלייטערטער זילבער, ד. ה. געלט. „וואו נעהמט מען די כ״ץ (קאַץ)?“ (ווער. — ד. ה. וואו נעהמט מען דאָס געלט?).

כְּצֹאן־בְּלִי־רוֹ׳עֶה (ביבליש: כַּצֹּאן אֲשֶׁר אֵין לָהֶם רֹעֶה), ווי שעפּסען אָהן אַ פּאַסטוך. „כ צ א ן ב ל י ר ו ע ה, ווי אַ הונט אָהן אַ׳ן עק (אָדער: ווי אַ שייגעץ אָהן אַ פּייפעל)“ (ווער.).

כְּצַפִּי׳חִית־בִּדְבָשׁ׳, או. (ביבליש). אַזוי ווי אַ קוכען אין האָניג, זעהר געשמאַק.

כְּקֶ׳דֶם, או. אַזוי ווי פריהער, אַזוי ווי אַמאָל.

בקש״ת, אב. כְּבוֹד קְדוּ׳שַּׁת שֵׁם תִּפְאַרְ׳תּוֹ (ווז.).

כְּרוּב, הם. (מ. כְּרוּ׳בִים). ענגעל; איינע פון די צוויי געפליגעלטע מענשליכע פיגורען וואָס זיינען געשטאַנען אין דעם בית־המקדש איבער די לוחות.

כְּרוּז [כְּרוּז], הם. (מ. כְּרוּזִים [כְּרוּ׳זִים]). אַ׳ן אויסרוף, פּראָקלאַמאַציאָן; אַ שטים פון הימעל.

כְּרְחוֹק׳ מִזְ׳רָח מִמַּעֲ׳רָב, או. (ביבליש). אַזוי ווייט (איינער פון צווייטען) ווי אָסט פון וועסט.

כֶּ׳רֶךְ, הם. (מ. כְּרָ׳כִים). אַ באַנד.

כְּרַךְ, הם. (מ. כְּרַ׳כִּים). אַ גרויסע שטאָדט.

כְּרַךְ־גָ׳דוֹל, הם. אַ גרויסע שטאָדט.

כַּרְכַּשְׁ׳תָּא, הוו. (תלמודיש). די הינטערשטע קישקע.

כַּרְ׳מֶל, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסער געגענד אין פּאַלעסטינא אָפט דערמאָנט אין דער ביבעל.

כַּרְ׳עִיָה־דְאַבוּ׳הֵיִדיג, או. ניט גוט דעראַן, ניט אין פריינדליכע באַציהונגען (די עטימאָלאָגיע פון דעם אויסדרוק איז רעטהזועלהאַפט. אורשפּרינגליך קומען די ווערטער פון דעם תלמודישען זאַץ (עירובין ע.): יוֹרֵשׁ כַּרְעֵיה דְּאַבוּהֵי, דער ערבע איז דער פוס פון זיין פאָטער).

כָּ׳רֵת, הם. פריהער טויט, דאָס שטאַרבען פאַר דער צייט, אָפּגעשניטענע יאָהרען (אַ שטראָף וועלכע עס קומט לויט דעם אידישען געזעץ פאַר געוויסע זינד). כ ר ת אויף יענער וועלט, אַ געוויסע באַשטראָפונג נאָכ׳ן טויט.

כָּ׳רֵת־יאָהרען, הז. מ. אָפּגעשניטענע יאָהרען, פריצייטיגער טויט. האָבען כ ר ת־י אָ ה ר ע ן (פון אימיצען), זעהר פיעל אויסשטעהן.

כִּ׳שׁוּף, הם. (מ. כִּשּׁוּ׳פִים, כִּ׳שׁופ׳ען). צויבערקונסט, צויבערקראַפט; צויבער, צויבערוואונדער; רייץ, צוציהונג.

כִּ׳שׁוּף־מאַכער, הם. (מ. כִּ׳שׁוּף־מאַכערס). צויבערער.

כִּ׳שׁוּפ׳דיג, א. באַזויצענדיג צויבערקראַפט; זעהר אַנציהענד.

כִּ׳שׁוּפ׳ען, צש. מאַכען צויבערקונצען; צוציהען, אנציהען. צא. כ אַ ׳כ ש ו פ ׳ ע ן, פאַר׳כשופ׳ען, באַצויבערען. אַ ר ו י ס ׳כ ש ו פ ׳ ע ן, אַרויסברייגען דורך צויבער.

כְּשׁוּ׳רָה, או. אין אָרדענונג, ווי געהעריג.

כְּשֵׁם, או. ווי, אַזוי ווי.

כְּשְׁמוֹ־כֵּן־הוּא, (ביבליש). אַזוי ווי זיין נאָמען אַזוי איז ער אַליין.

כָּ'שֵׁר, הם. (מ. כְּשֵׁ'רִים; וו. כְּשֵׁ'רָה, מ. כְּשֵׁ'רוֹת). ערלויבט, צובאַרייט אָדער געמאַכט נאָך די אידישע רעליגיאָנס־געזעצען; פרום, ריין, אונשולדיג, עהרליך; נאַאיוו, אונערפאַהרען. כ ש ר פלייש, פלייש וואָס אַ איד מעג עסען. אַ כ ש ר ' ע מקוה, אַ מקוה וואָס איז געמאַכט לויט די רעליגיעזע פאָרשריפטען. אַ כ ש ר ' ע ר איד, אַ פרומער עהרליכער איד. אַ כ ש ר ' ע ר מסחור, אַ געזעצליכעס געשעפט. אַ כ ש ר ' ע נשמה, אַ'ן עהרליכע אונשולדיגע פערזאָן. אַ כ ש ר קיהעלע, אַ נאַאיווע נאַרישע פערזאָן. אַ כ ש ר קינד, אַ געזעצליך־געבאָרענעס קינד. אַ כ ש ר ' ע מציאה, אַ זעהר ביליגער איינקויף. כ ש ר פאַרדיענען, עהרליך פאַרדיענען. "בעסער אַ כ ש ר ' ע ר גראָשען איידער אַ טרף קערבעל" (שפוו.). "ער איז טרף אָבער זיין געלט איז כ ש ר" (ווער. ;

כָּ'שֵׁר־וְיָ'שָׁר, א. ריכטיג און ווי עס געהער צו זיין.

כָּ'שֵׁר־טאַנץ, הם. (מ. כָּ'שֵׁר־טענץ). אַ געוויסער אַלט־מאָדישער אידישער טאַנץ וועלכען מע טאַנצט אַרום דער כלה אין דעם אבענד פון דער חתונה.

כּ'שֵׁר־שטיין, הם. (מ. כּ'שֵׁר־שטיינער). אַ שטיין וועלכען מע ברענגט אָן און מע לעגט אַריין אין אַ וואַסער־געפעס צוזאַמען מיט מעטאַל־געשיר אום זיי צו רייניגען אויף פסח.

כַּשְׁ'רוּת, הוו. די אידישע שפייז־געזעצען; דאָס זיין געזעצליך (אין רעליגיעזען זינן).

כַּ'שֶׁר'ען, צא. צובאַרייטען לויט די אידישע רעליגיעזע געזעצען, אַזוי ווי: כ ש ר ' ן פלייש — דורך דעם וואָס מע זאַלצט עס, כ ש ר ' ע ן נייע געשיר אויף פסח — דורך דעם וואָס מע שווייגקט זיי אין וואַסער, כ ש ר ' ע ן דעם אויוועון אויף פסח — דורך דעם וואָס מע הייצט איהם אָן זעהר שטאַרק, א. א. וו.; ערקלערען אַלס ערלויבט לויט די אידישע געזעצען.

כָּ'שֵׁרקייט, הוו. געזעצליכקייט (אין רעליגיעזען זינן).

כש"ת, אב. כְּבוֹד שֵׁם תִּפְאַרְ'תּוֹ (ווז.).

כַּת, הוו. (מ. כּ'תּוֹת). סעקטע; באַנדע.

כַּת־לֵיצָ'נִים, הם. מ. "באַנדע פון אָפּלאַכערס", אָפּלאַכערס, שטיפערס, שפּאַסמאַכערס; ניט־גוטע, טייוואָלים.

כְּתָב [**כְּתַב**], הם. (מ. כְּתָ'בִים). שריפט, מאַנוסקריפּט; אַ דאָקומענט, אַ צייגניס, אַ קאָנטראַקט (וואָס די געמיינדע מאַכט מיט אַ רב אויף אַ געוויסען טערמין); האַנדשריפט.

כְּתַב־יָד [יַד], הם. (מ. כּתְ'בֵי־יַד, כְּתַב־יַ'דיען). מאַנוסקריפּט, אַ געשריבענעס ווערק.

כַּתְ׳בָא־רַ׳בָּא, הם. אַ גרויסער שריי=בער, איינער וואָס האָט אַ שענע האַנדשריפט אָדער שרייבט אַ שע=נע שפּראַך.

כְּתָ׳בוֹת, הוו. שפּאַס, שפּאַס=מאַכע=ריי. אין כתבות, אין שפּאַס. "מיט דעם מלאך־המות מאַכט מען ניט קיין כתבות" (שפּוו.). זעה קאַטאָוועס.

כַּתָ׳בָן, הם. (מ. כַּתְבָ׳נִים). אַ שרייבער.

כַּתְ׳בִ׳ען, כַּתְ׳בִ׳ענען, צא. (וו׳אול=גאַר). שרייבען.

כִּ׳תָּה, הוו. (מ. כִּ׳תּ׳וֹת). סעקטע; אַ גרופּע קינדער (אין אַ שולע), אַ קלאַס; אַ הויפען (פון ענגלען).

כָּ׳תוּב־וְחָ׳תוּם, א. געשריבען און אונטערגעצייכענט, פּעסט באַ=שלאָסען.

כְּתוּ׳בָּה, הוו. (מ. כְּתוּ׳בּוֹת). היי=ראַטה=קאָנטראַקט אין וועלכען די געגענזייטיגע פאַרפּליכטונגען פון מאַן און פרוי ווערען אויס=גערעכענט; דאָס געלט וואָס דער מאַן פאַרפּליכט׳עט זיך צו געבען דער פרוי ווען ער וועט זיך מיט איהר שיידען אָדער איהר איבער=צולאָזען נאָך זיין טויט. "אַז דער זוהן האָט התונה גיט ער דער ווייב אַ כתובה און דער מאַ=מען אַ גט" (שפּוו.).

כְּתוּ׳בִים, מ. "די שריפטען" (מיט דעם נאָמען ווערען באַצייכענט די פאָלגענדע ביכער פון דער בי=בעל: תהלים, משלי, איוב, שיר־השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר, דניאל, עזרא, נחמיה, דברי־הימים).

כְּתוּ׳בִים־אַחֲרוֹ׳נִים, מ. "די לעצטע שריפטען" (מיט דעם נאָמען ווערען באַצייכענט געוויסע אידישע ביכער וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אין ביבלישע צייטען און ווערען אַנערקענט אַלס אויטאָריטעטען אָבער זיינען ניט אַזוי הייליג ווי די ביכער פון דער ביבעל, אַזוי ווי "בן־סירא", ווז.).

כְּתִיב, "שרייב", אַ צייכען=וואָרט וואָס צייגט אָן ווי אַ טעקסט אין דער ביבעל זאָל געשריבען ווערען (אַנדערס ווי עס ווערט געלעזען). זעה קְרִי.

כְּתִי׳בָה, הוו. אַ געשריפט; אַ פאַר=שרייבונג.

כְּתִי׳בָה וַחֲתִי׳מָה טוֹ׳בָה, הוו. אַ פאַרשרייבונג און אַ פאַרזיגעלונג (אין דעם הימלישען בוך פון לע=בען) צום גוטען, וואונש=ווערטער וועלכע מע זאָגט איינער דעם אַנדערען אום ראש־השנה (עס ווערט געגלויבט אַז אין דעם בוך פון לעבען ווערט דער שיקזאַל פון יעדען מענשען פאַר דאָס גאַנצע יאָהר פאַרשריבען אום ראש־השנה פאַרזיגעלט אום יום־כפור און דאַן אונווידערריפליך באַשטעטיגט אום הושענא־רבה).

כְּתִי׳בִ׳עט, א. געשריעבען אין דער פיער=עקיגער העברעאישער שריפט וועלכע ווערט געברויכט אין ספרי־תורות, מזוזות א. ד. ג. כתיב׳עטע אותיות, פיער=עקיגע העברעאישע בוכשטאַבען.

כֶּ'תֶר, הם. אַ קרוין (פון זילבער אָדער גאָלד וועלכע מע טהוט אָן אויף אַ ספר־תורה); דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָמען פון אַ גע־וויסען געבעט וואָס די חסידים זאָגען אנשטאט דאָס געבעט וואָס הויבט זיך אָן מיט "נעריצך" וועל־כעס ווערט געזאָגט ביי די מתנגדים. "כתר האָט ער פאַר־געסען און נעריצך האָט ער ניט אויסגעלערנט" (שפוו.).

ל.

ל, הם. דער צוועלפטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית; אין צעהלען גערעכענט אַלס 30. זעה לַ'מֶד.

ל־ (צוגעשטעלט אין אָנהויב פון אַ וואָרט) — צו, פאַר, אויף, צו־ליעב, לויט, נאָך. לחיים, צום לעבען. לתצאין, אויף העלפט. לטובת־, צו גונ־סטען פון —. לכל־הדעות, נאָך אַלע מיינונגען.

לאַ, או. ניט, ניין. "לא מיט אַ'ן אַלף" (ווער. — דער אויס־דרוק שטאַמט פון דעם וואָס אין העברעאיש איז דאָ נאָך אַ וואָרט לוֹ (מיט אַ "ו" צום ענד) — צו איהם, וועלכעס ווערט אויסגע־שפּראָכען אַזוי ווי לאַ — ניין). "לא מיט אַ ספּאָדעק" (פּאַ־ראָדיע).

לאַ־דַי, או. ניט גענוג וואָס, ניט בלויז, ניט נאָר.

לאַ־זוֹ'כֶה, (וואולגאַר). ניט דער־לעבען ווּעסטו (וועט ער, זי, א. א. וו.) עס, געברויכט אין דעם ווערטעל: "מאַכט רש"י לא־זוכה".

לאַ־יוּצְ'לַח*, הם. (ביבליש. איי־גענטליך: לאַ־יִצְלַח). אַ טויגע־ניכטס.

לאַ־יוּצְ'לַח, לאַ־יוּצְ'לַחידיג, א. ניט טויגליך, נוצלאָז.

לאַ־יֶחֱ'רַץ, הם. (ביבליש). "עס זאָל ניט שאַרפען (זיין צונג קיין הונד)", געלט וואָס מע גיט אוי־מיצען פאַר שווייגען.

לאַ־יֶחֱ'רַץ־געלט, הז. געלט וואָס מע גיט אימיצען פאַר שווייגען.

לאַ־יִמָּ'לֵט, או. ניט פּאַסירען זאָל עס, גאָט באַהיט אויב עס וועט טרעפען.

לאַ־עֲלֵי'כֶם, או. (ביבליש: לאַ־אֲלֵיכֶם). ניט אויף אייך געדאַכט.

לאַ־עֲלֵי'כֶמידיג, א. קראַנק, ניט מיט אַלעמען.

לאַ־עָלֵי'נוּ, או. ניט אויף אונז גע־דאַכט.

לאַ־פִּדָלְ'תִי, (וואולגאַר). האָב איך ניט געפּידעלט!, אַז ניט איז אויך רעכט! (דאָס אידישע וואָרט "פּידלען" ווערט דאָ באַהאַנדעלט ווי אַ העברעאישעס צייט=וואָרט פאַראָדירענדיג דאָס העברעאיש וואָרט לאַ־פִּלַלְתִּי, בראשית מ"ח).

לאַ־תִגְ'נֹב, (ביבליש). זאָלסט ניט נעהמען פרעמדעס אייגענטהום אָהן דעם אייגענטהימער'ס וויסען. דאָס זיבענטע פון די צעהן געבאָטען.

לאַ־תַחְ'מֹד, (ביבליש). זאָלסט ניט באַגעהרען פרעמדעס אייגענטהום, דאָס נייַנטע פון די צעהן געבאָ=טען.

לאַ־תִנְ'אָף, (ביבליש). זאָלסט ניט בוהלען (געשלעכטליך פאַרקעהרען מיט אַ פרעמדער פרוי), דאָס זעקסטע פון די צעהן געבאָטען.

לאַ־תַעֲשֶׂה, המ. (מ. לאַ־תַעֲשֶׂה'ס), (תלמודיש). "זאָלסט ניט טהאָן", אַ פאַרווער, אַ פאַרבאָט (די אידישע געזעצען טהיילען זיך אין געבאָטען "צו טהאָן" (עשה, ווז.) און פאַרבאָ=טען "ניט צו טהאָן").

לאַ־תִרְ'צָח, (ביבליש). זאָלסט ניט מאָרדען, דאָס פינפטע פון די צעהן געבאָטען.

לְאִ'בּוּד, אַו. פאַרלאָרען, פאַר=שווענדעט, אין ניוועץ.

לֵ'אָה, אנוו. איינע פון די אור=מו=טערס פון דעם אידישען פאָלק, די פרוי פון יעקב.

לַאֲהוּ'בִי, צו מיין גוטען פריינד (אַ וואָרט וואָס מע שרייבט אין אָנ=הויב פון אַ בריעף צו אַ באַקאַנ=טען).

לַאֲהוּ'בִי־בריעף, המ. (מ. לַאֲהוּ'בִי־בריעף). אַ פריינדשאַפט=בריעף.

לַאו, המ. (מ. לַאוִ'ין), (תלמודיש). אַ פאַרבאָט, אַ לאַ־תעשה (ווז.).

לַאו דְבוּ'רִים, אַר. (וואולגאַר). ניט גערעדט! שאַ!

לַאו־דַּוְקָ'א, אַו. (תלמודיש). ניט גראָד אַזוי, ניט אַקוראַט אַזוי, ניט אַזוי.

לְאוּ'מִי, המ. (מ. לְאוּ'מִיִים). אי־דישער נאַציאָנאַליסט.

לַאֲחָ'דִים, אַו. איינצעל=ווייס, אין איינצעל=פאַרקויף, אויפ'ן העקער.

לְאַ'חַר־הַמַּעֲ'שֶׂה, אַו. נאָך דער פאַסירונג, נאָך אַלעמען.

לְאַ'חַר־יִי'אוּשׁ, אַו. (תלמודיש). נאָך דעם ווי מע האָט שוין אויפ=געגעבען יעדע האָפנונג.

לְאַ'חַר מֵ'אָה שָׁ'נִים, אַו. "נאָך הונ=דערט יאָהר", נאָכ'ן טויט.

לַאַטחען, לאַטחענען, צא. (וואול=גאַר). וואהרשיינליך פאַרגרייזט פון לַקְ'חִיען (ווז.).

לְאִי'בּוּד, אַו. זעה לְאִ'בּוּד.

לַאֲלָ'פִים וְלִרְבָ'בוֹת, אַו. (ביבליש). אין די טויזענדען און אין די צעהנדליג=טויזענדען, אין גרויסע מאַסען.

לְאַלְ'תַּר, אַו. אין גיכען.

לֵאמֹ'ר, אַו. (ביבליש). אַזוי צו זאָגען, נעמליך, ווי פאָלגט. גע=וועהנליך זאָגט מען אין שפּאַס אי

דאָס העברעאישע וואָרט אי די אידישע איבערזעצונג: "לאמר אזוי צו זאָגען".

לְאַ'מר'יען, צא. (וואולגאַר). זאָגען, אויסזאָגען.

לְאַפּוּ'קִי, או. (תלמודיש). אָבער, דאָך, אים געגענטהייל.

לֵב [לֶב], הם. (מ. לְבָ'בוֹת). הערץ, מוטה, כאַראַקטער. מע דאַרף האָבען לבבות דאָס צו טהאָן, מע דאַרף האָבען אַ האַרטען כאַראַקטער אָדער פרעכהייט דאָס צו טהאָן.

לֵב־טוֹב [לֶב־טָב], הם. (ביבליש). אַ גוטהערץ; אַ גוטהערציגער מענש.

לְבַד־, ב. אויסער.

לְבַד־זֶה, או. אויסער דעם.

לְבוּשׁ, הם. (מ. לְבוּ'שִׁים). קלייד, באַקליידונג, פאַרקליידונג.

לָבָן (הָאֲרַ'מִי), אנמ. לבן (דער אַראַמעער), דער נאָמען פון דעם שווינער־פאָטער פון יעקב וועלכער האָט דעם געצטערען מעהרערע מאָל אָפּגענאַרט, ווי די ביבעל דערצעהלט; אַ באַטריגער.

לְבָנָה, הוו. (מ. לְבָ'נוֹת). מאָנד. האַלבע לבנות, די אַיינשלוסצייכענס "( )".

לְבָ'נוֹן, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען וואַלדיגען באַרג אין פאַלעסטינא זעהר אָפט דערמאָנט אין דער ביבעל.

לַ"ג־בָּעוֹ'מֶר, הם. דער דריי־און־דרייסיגסטער פון די טעג פון ספירה וועלכער איז אַ האַלבער פייער־טאָג און אין וועלכען אַלע טרויער־געזעצען וועלכע ווערען אָפּגעהיט אין די טעג פון ספירה (אזוי ווי: ניט שערען זיך, ניט מאַכען קיין האָכצייט א. א. וו.) ווערען אונטערבראָכען.

לְגַ'בֵּי־, פּ. (תלמודיש). נעבען, ביי; לויט, נאָך.

לְגָלוּתֵ'נוּ, או. זינט אונזער פאַרטריבען ווערען (פון פאַלעסטינא). א' תת"ם לגלותנו, 1840 יאָהר זינט אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען (פון פאַלעסטינא) אָדער 1910 לויט דער כריסטליכער צייטרעכנונג.

לִגְמְ'רֵי, או. (תלמודיש). אין גאַנצען, געגנצליך. לגמרי ניט, אין גאַנצען ניט, איבערהויפּט ניט.

לְהַ'בָּא, או. (תלמודיש). אין דער צוקונפט.

לְהַ'בָּא'דיג, א. צוקינפטיג.

לְהַבְ'דִּיל, או. צו אונטערשיידען, אונטערשיידענדיג (אַ'ן אויסדרוק געברויכט ווען מע דערמאָנט צוזאַמען אַ הויכע און אַ נידריגע, אַ הייליגע און אַ שמוציגע זאַך א. וו.).

לְהַבְ'דִּיל אֶ'לֶף הַבְדָ'לוֹת, צו אונטערשיידען מיט טויזענד אונטערשיידונגען (אַ פאַרשטאַרקערונג פון דעם אויסדרוק לְהַבְ'דִּיל, ווו.).

לְהַבְ'דִיל בֵּין טוּמְ'אָה לְטָהֳ'רָה [לְטַהֲ'רָה], אונטערשיידענדיג צווישען אונריינקייט און ריינקייט. זעה לְהַבְ'דִיל.

לָ'הוּט, א. צופלאמט, פארקאָכט. זיין להוט נאָך געלט, זיך יאָגען נאָך געלט.

לְהַכְ'עִיס, או. צו ערגערען, צום טראָטץ.

לְהַכְ'עִיס'ניצע, הוו. (מ. לְהַכְ'עִיס'ניצעם). איינע וואס טהוט זאכען צו ערגערן אנדערע.

לְהַכְ'עִיס'ניק, הם. (מ. לְהַכְ'עִיס'ניקעם). איינער וואס טהוט זאכען צו ערגערן אנדערע.

לְהֵפֶךְ [לְהֵ'פֶּך], או. פארקעהרט, אים געגענטהייל.

לה"ק, אב. לְשוֹן־הַקּוֹ'דֶש (ווז.).

לַהֲ'רוֹג־וּלְאַ'בֵּד, א. (ביבליש). צו טויטען און צו פארטיליגען. ער איז אויף איהם להרוג־ולאבד, ער איז זעהר שטארק אויפגעבראכט אויף איהם.

לְהִשְׁתַּקֵּ'עַ, או. (ליטורגיש). זיך אויפצוהאלטען, מיט דער אבזיכט צו פארבלייבען.

ל"ו, מ. זעה ל'מֶד־וָ'או.

לֹוֶה, לו'וֶה, הם. (מ. לו'וִים). איינער וועלכער באָרגט (געלט), א שולדנער.

לְוָ'יָה, הוו. (מ. לְוָ'יוֹת). זעה לְוָיָה.

לוּ'חַ, הם. (מ. לוּ'חוֹת). קאלענדאר. "דער לוח טרעפט אויך א מאָל" (שפוו.). "אז מע זאָל ווארטען אויף דעם לוח'ס פּאָגאָדע וואָלט מען קיין מאָל קיין ברויט ניט געהאט" (שפוו.).

לוּ'חַ־הַמַּפְתְּ'חוֹת, הם. אינהאלטס־פארצייכניס.

לוּ'חוֹת, הם. מ. די צוויי טאָוולען אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט די צעהן געבאָטען און וועלכע גאָט האָט געגעבען משה־רבנו'ן אויפ'ן בארג סיני, ווי די ביבעל דערצעהלט.

לוּ'חוֹת־הַבְּרִית', הם. מ. (ביבליש). די טאָוולען פון דעם בונד (צווישען גאָט און דעם אידישען פאָלק). זעה לוּ'חוֹת.

לוֹט [לָט], אנמ. דער נאָמען פון א געוויסען מאַן פון וועלכען די ביבעל דערצעהלט אז זיינע טעכטער האָבען איהם אָנגעטרונקען מיט וויין. "שכור ווי לוט" (ווער.).

לֵ'וִי, אנמ. דער נאָמען פון איינעם פון יעקב'ס צוועלף זיהן; דער שטאם וואס קומט ארוים פון לוי'ן און די מיטגליעדער פון וועלכען האָבען (פארצייטען ביי אידען) ערפילט געוויסע פריסטער־פליכטען און געהאט געוויסע פריסטער־רעכטען; א מיטגליעד פון דעם שטאם לוי (נאָך איצטער האָבען די וואס שטאמען פון דעם דאָזיגען שטאם געוויסע פליכטען און פרי־ווילעגיען צווישען דעם אידישען פאָלק. זיי זיינען די וועלכע וואַשען אָפּ די הענד פון די כהנים פאר'ן דוכנ'ען, זיי ווערען אויפ־גערופען צום לייענען אין שוהל

גלייך נאָך דעם ווי מע רופט אויף דעם כהן און איידער מע רופט אויף אַ ישראל, א. א. וו.), (מ. לְוִיִים). געבען לוי, אויפרו= פען צום לייענען אַלס אַ לוי.

לְוָיָה [לְוַיָה], הוו. (מ. לְוָיוֹת [לְוַיוֹת]). די באַגלייטונג פון דעם טויטען צו דעם פּלאַטץ וואו ער ווערט באַערדיגט, לייכענ=פּראָ= צעסיאָן.

לִוְיָתָן, הם. דער גרויסער פיש וועלכער רינגעלט ארום, לויט דער לעגענדע, די גאַנצע וועלט און איז אָנגעגרייט אַלס אַ שפּייז פאַר די פרומע אין דער צוקונפט.

לוּלָב, הם. (מ. לוּלָבִים [לוּלְבִים]). אַ פּאַלם=צווייג געברויכט אום סוכות פאַר רעליגיעזע צוועקען. שאָקלען לולב, מאַכען די פאָרגעשריבענע מיסטישע באַווע= גונגען מיט'ן לולב. בענשען לולב, זאָגען אַ געוויסען זע= גענשפּרוך האַלטענדיג אין איין האַנד דעם לולב און אין דער אַנדערער דעם אתרוג. אויסזעהן ווי אַ לולב, זיין הויך און מאָגער.

לוֹמְדוּת [לָמְדוּת], הוו. (תלמודי= שע) געלעהרזאַמקייט.

לוֹמְדֵי־תוֹרָה [לָמְדֵי־תוֹרָה], הם. מ. די וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט דעם שטודיום פון תלמוד און ראַ= בינישער ליטעראַטור.

לוֹמְדִים [לָמְדִים], הם. מ. געלעהר= טע (אין דער ראַבינישער ליטע= ראַטור).

לוֹמְדִיִש [לָמְדִיִש], א. געלעהרט, שאַרפזיניג.

ל״ו־ניק, הם. (מ. ל״ו־ניקעס). זעה לַמֶד־וָאו״ניק.

לוֹ'עֵג־לָרָש', הם. (ביבליש). איי= נער וועלכער מאַכט שפּאַס פון אָדער רייצט זיך מיט אַ'ן אָרע= מאַן.

לְזֶ'כֶר־עוֹ'לָם, צום אויביגען אַנדענ= קען (געוועהנליכע אָנהויב=ווער= טער פון אַ'ן אויפשריפט אויף אַ גראָב=שטיין).

לְחוּמְ'רָא, או. (תלמודיש). ״צו דער שטרענגער זייט״, אונגינסטיג. פּסק'ען לחומרא, ענטשיידען (אַ רעליגיעזע פראַגע) אויף אַ שטרענגער אַרט. זעה לְקוּ'לָא.

לֵ'חוּת, הוו. ״פייכטקייט״, שליים.

לְחַ'יִים, אר. צום לעבען! צו גע= זונדהייט! (אַ טרונק=שפּרוך). טרינקען לחיים, טרינקען פאַר (אימיצענס) געזונדהייט. מאַכען לחיים, מאַכען אַ שנאַפּס.

לְחָיַ'יִם, מ. באַקען. אריינפאָהרען אין די לחיים, געבען פּעטש.

לְחַ'יִים (טוֹ'בִים) וּלְשָׁ'לוֹם, אר. (ליטורגיש). צום (גוטען) לעבען און צו פריעדען! (אַ געגענוואונש צו דעם וואָס זאָגט ״לחיים״); או. געזונדערהייד. געהט אייך לחיים ולשלום, געהט אייך געזונ= דערהייד, געהט אייך אין גאָט'ס נאָמען.

לְחַ'יִים וְלִשְׁנָאָבְּעל, או. פּאַראָדיע אויף ״לחיים ולשלום״ (וו.).

לַחְלוּחִית, הוו. (תלמודיש). „אַ פייכטקייט“, אַ שפריץ, אַ שפור. ער האָט ניט אין זיך קיין לחלוחית אידישקייט, ער האָט ניט אין זיך קיין שפריץ אידישקייט.

לַחֲלוּטִין, אַו. אין גאַנצען, גענצליך, אַבסאָלוט.

לֶחֶם, הם. ברויט.

לֶחֶם לֶאֱכוֹל וּבֶגֶד לִלְבּוֹשׁ, (ביבליש). ברויט צום עסען און אַ קלייד אָנצוטהאָן.

לֶחֶם־מִשְׁנֶה, מ. (ביבליש). די צוויי לאַבענס ברויט וועלכע עס איז איינגעפיהרט צו לעגען צום טיש שבת און פייערטעג.

לֶחֶם־עֹנִי, הם. (ביבליש). דאָס ברויט פון אָרעמקייט, מצות.

לֶחֶם־עֲנִיִּים, הם. ברויט פאַר אָרעמע.

לַחְמָא, הם. זעה לֶחֶם.

לְחָצָאִין, אַו. (תלמודיש). אויף העלפט, איבער העלפט.

לַחַשׁ, הם. (מ. לְחָשִׁים). אַ שפרוך וועלכען מע זאָגט אויף אַ וואונד אָדער קראַנקהייט אום זיי צו היילען.

לְטוֹבָה, אַו. צום גוטען.

לְטוֹבַת־, אַו. צו גונסטען פון —.

לְטוֹבַת־הַכְּלָל [הַכְּלַל׳], אַו. פאַר די נוצען פון דער געמיינדע, פאָלק, מענשהייט א. א. וו.

לַיְהוּדִים, אַו. (ביבליש). „פאַר די אידען“, פרעהליך, לוסטיג (דער פולער טעקסט אין דעם בוך „אסתר“ פון וועלכען דאָס וואָרט איז גענומען איז: לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן וִיקָר, און פאַר די אידען איז געווען אַ ליכטיגקייט און אַ פרייד און אַ לוסטיגקייט און אַ׳ן עהרע). עס טהוט זיך דאָרטען ליהודים, עס איז דאָרטען זעהר פרעהליך.

לִוְיָתָן, הם. זעה לִוְיָתָן.

לֵיחוּת, הוו. זעה לֵחוּת.

לֵיל־שִׁמּוּרִים, הם. (ביבליש). די נאַכט פון אָפּהיטונג (אַזוי ווערט גערופען די ערשטע נאַכט פון פסח, ווייל אין יענער נאַכט האָט גאָט באַהיט די אידען פון די עגיפטער צו דער צייט ווען זיי האָבען זיך אָנגעגרייט צו פאַרלאָזען מצרים).

לִילִית, הוו. די קעניגין פון די טייוואָלים; אַ שלעכטע בייזע פרוי.

לִימּוּד, הם. (מ. לִימּוּדִים). זעה לִמּוּד.

לֵיצָנוּת, הוו. שפּאַס, שפּאַס־מאַכעריי.

לֵיצָנוּתְדִיג, א. שפּאַסהאַפט, סאַטיריש, הומאָריסטיש.

לֵיצָנֵי־הַדּוֹר [הַדָּר׳], הם. מ. (תלמודיש). די שפּאַס־מאַכערם פון דער צייט, די אָפּלאַכערם.

לִיקּוּי־, הם. זעה לִקּוּי־.

לֵית [לֶת] בְּרֵירָה, (תלמודיש). עס איז ניטא קיין אויסוואַהל, מע קען זיך אַנדערש ניט העלפען.

לְיֶתֶר־בִּטָּחוֹן, או. פון מעהר זי=
כערהייט וועגען, אויף יעדען
פאל.

לְיֶתֶר־חִיזּוּק, או. צוליעב מעהר
פארשטארקערונג, אום די זאך
צו באפעסטיגען.

לֶ ׳־לְךָ, הוו. "געה דיך", דער נא=
מען פון דער דריטער סדרה (ווז.).
"לך־לך איז בעסער ווי שלח־
לך" (שפוו. — ד. ה. עס איז
בעסער אליין צו געהן איידער
אוועקגעשיקט צו ווערען).

לִכְבוֹד׳, צו דער ווירדע פון (א טי=
טול=ווארט געשריבען פאר דעם
נאמען פון דער פערזאן וועלכע
מע אדרעסירט). לכבוד
הרבני —, צו דעם ווירדיגען
געלעהרטען —.

לְכָבוֹד [לְכָ׳בוֹד], או. צו עהרע, צו
עהרע פון. מאכען לכבוד אי=
מיצען א מאהלצייט, מאכען א
מאהלצייט צו אימיצענס עהרע.
איהם לכבוד, איהם צו עהרע.

לְכָה־דוֹ׳דִי, הם. (ליטורגיש). "קום
געליבטער", די ערשטע ווערטער
און דער נאמען פון א געזאנג=גע=
בעט מיט וועלכען מע באגריסט
פרייטאג=צו=נאכט דאס אנקומען
פון שבת.

לְכוּ־נְרַנְּ׳נָה, הם. (ליטורגיש).
"קומט לאמיר זינגען", די ערשטע
ווערטער און דער נאמען פון א
קאפיטעל תהלים וועלכען מע
זינגט פרייטאג=צו=נאכט.

לְכָל־הַדֵּ׳עוֹת, או. נאך אלע מיי=
נונגען, נאך אלעמענ׳ס געשמאק.

לְכָל־הַפָּ׳חוֹת, או. אם ווענינגסטען,
צום ווענינגסטען.

לְכָל־הַפָּ׳נִים, או. זעה עַל־כָּל־
פָּ׳נִים.

לָ׳כֵן, או. דאריבער, דערפאר, צו=
ליעב דעם, אלזא.

לְכַתְּחִ׳לָּה, או. (תלמודיש). פון
אנפאנג, אין אנהויב, אין פלוג,
אורשפרינגליך, אייגענטליך.

לְלַ׳עַג־וּלְקֶ׳לֶס, או. (ביבליש). צו
שפאט און צו שאנד.

לְמַ׳אי, או. צו וואס? ווארום?

לַ׳מֶד, הם. (מ. לַ׳מֶ׳דען). דער
נאמען פון דעם צוועלפטען בוכ=
שטאב (ל) פון דעם אידישען
אלף־בית.

לַ׳מֶד־וָ׳או, הם. מ. "די זעקס און
דרייסיג" צדיקים וועלכע געפינען
זיך שטענדיג אויף דער וועלט
און לעבען אזוי פארשטעלט אז
קיינער ווייס פון זיי ניט; איינער
פון די זעקס=און=דרייסיג; א זעהר
פרומער באשיידענער מאן.

לַ׳מֶד־וָ׳או׳ניצע, הוו. (מ. לַ׳מֶד־
וָ׳או׳ניצעס). א זעהר פרומע בא=
שיידענע פרוי.

ל׳ ד־וָ׳או׳ניק, הם. (מ. ל׳מֶד־וָ׳או׳=
ניקעס). איינער פון די זעקס
און דרייסיג פארבארגענע פרומע
לייט (זעה לַ׳מֶד־וָ׳או); א זעהר
פרומער באשיידענער מאן.

לַמְ׳דָן, הם. (מ. לַמְדָ׳נִים). א גע=
לעהרטער (אין תלמוד אדער

ראַבּינישער ליטעראַטור).

לַמְדָ'נוּת, חוו. זעה לוֹמְדוּת.

לִ'מוּד, הם. (מ. לִמוּ'דִים). אַ זאַך וועלכע מע לערנט, אַ לעהר=געגענשטאַנד, אַ שטודיום.

לִמוּ'דִיוֹת, הוו. מ. וויסענשאַפטען, קענטעניסען.

לְמַ'זָל, או. מיט גליק, אין אַ גוטער שטונדע.

לֶ'מֶךְ, אנמ. דער נאָמען פון אַ מאַן פון וועלכען די ביבעל דערצעהלט אַז ער האָט געהאַט פיעל ווייבער; הם. אַ מענש מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער, איינער וואָס לאָזט זיך פיהרען פאַר דער נאָז.

למע"ה, אב. לְמַ'עַן־הַשֵּׁם' (ווז.).

לְמַעְ'לָה־מִן־הַטֶ'בַע, או. איבער דער נאַטור, איבערנאַטירליך.

לְמַ'עַן־הַשֵּׁם [הַשֶּׁם'], או. אום גאָט'ס ווילען, ווי גאָט איז דיר (אַייך א. א. וו.) ליעב, אונבאַדינגט: זעה הַשֵּׁם.

לְמָ'שָׁל, או. צום ביישפּיעל.

לְמָ'שָׁל וְלִשְׁנִי'נָה, או. (ביבליש). צו שפּאָט און צו שאַנד.

לְסוֹף [לְסָף], או. צום ענד, ענדליך.

לְסוֹף [לְסָף]־יָ'מָיו, או. "צום ענד פון זיינע טעג", אויף דער עלטער.

לְעוֹ'לָם־וָ'עֶד, או. (ביבליש). אויף אויביג, אויף אימער.

לְעוֹ'לָם־תִּ'קַח, שטענדיג זאָלסטו נעהמען. "ל ע ו ל ם נעהם, ת ק ח בעט ווייטער" (שפּוו.).

לַעֲזָא'זֵל, או. (ביבליש). "צו דעם פעלז עזאזל" (פון וועלכען מע פלעגט אַרונטערשליידערן דעם זינדע=באָק אום יום־כפור אַלס אַ פאַרגעבונג פאַר די זינד פון דעם פאָלק), צו אַלְדע שוואַרצע יאָהרען, צום טייוועל.

לְעֵי'לָא־וּלְעֵי'לָא, או. (ליטורגיש). זעהר געהויבען, אויסגעצייכענט.

לע"ע, אב. לְעֵת־עַ'תָּה (ווז.).

לְעֶ'רֶךְ, או. פערהעלטניסמעסיג, פּראָפּאָרציאָנעל; אונגעפעהר.

לְעֵת־עַ'תָּה, או. פאָרלויפיג, דערווײלע.

לֶעָ'תִיד־לָ'בוֹא, או. (תלמודיש). אין דער צוקונפט (ווען דער דערלייזער פון דעם אידישען פאָלק וועט קומען).

לפ"ג, אב. לְפְרָט־גָ'דוֹל (ווז.).

לְפִי־, פ. לויט.

לְפִי־שָׁ'עָה, או. אויף דער ווײלע, פאָרלויפיג.

לְפִיכָךְ [לְפִי'כָךְ], או. דאַריבער, דאַרום.

לִפְנַי־וְלִפְנִים', (תלמודיש). אין סאַמע אינוועניגסטען (פון דעם בית־המקדש).

לְפָנִים [לְפָ'נִים], או. פאַר'ן קוק, צום שיין, אויסערליך. ער טהוט עס בלויז ל פ נ י ם, ער טהוט עס בלויז פון לייטענ'ס וועגען.

לִפְנִים־מְשׁוּ'רַת־הַדִּין', או. (תלמודיש). מעהר ווי די גערעכטיגקייט פאַרלאַנגט, גרויסמוטהיג.

לפ"ק, אב. לִפְרָט־קָ׳טָן (ווז.).

לִפְרָט [לִפְרַט׳] גָ׳דוֹל, או. לויט דער גרויסער צייט=רעכענונג. זעה לִפְרָט־קָ׳טָן.

לִפְרָט [לִפְרַט׳] קָ׳טָן, או. לויט דער קליינער צייט=רעכענונג (אין שרייבען דאָס דאַטום נאָך דער אידישער צייט=רעכענונג [זינט דער וועלט=באַשאַפונג] ווערען געוועהנליך די טויזענדער אויסגעלאָזען, אַזוי ווי: תרע"א — 671 אנשטאט ה'תרע"א — 5671. די פאַרקירצטע אַרט פון שרייבען די יאָהר=צאָהלען הייסט לפרט קטן, די פולע, ניט פאַרקירצטע אַרט — לפרט גדול).

לֵץ [לֶץ], המ. (מ. לֵ׳צִים). 1) שפּאַסמאַכער, אָפּלאַכער; 2) טייוועל, ניט=גוטער.

לְצוֹ׳רֶךְ־, או. צו נוצען פון, אין די אינטערעסען פון.

לֵ׳יצִעווען, לֶ׳צִ׳עֶן, צש. שפּאָטען, שפּאַסען, אָפּלאַכען.

לִ׳קוּי־חַ׳מָּה, המ. פאַרדונקעלונג פון דער זונן.

לִ׳קוּי־לְבָ׳נָה, המ. פאַרדונקעלונג פון דעם מאָנד.

לְקוּ׳לָא, או. (תלמודיש). מיט לייכטקייט, ניט שטרענג, גינסטיג. פסק׳ען לקולא, ענטשיידען (אַ צווייפעלהאַפטע רעליגיעזע פראַגע) אויף אַ גרינגער אַרט. זעה לְחוּמְ׳רָא.

לַקְ׳ח׳עֶן, לַקִ׳ח׳עֶנען, צא. (וואולגאַר). נעהמען; צונעהמען (עפּעס אָהן דעם אייגענטהימער׳ס וויסען)

לֶ׳קֶט, המ. די זאַנגען וועלכע בלייבען איבער אויפ׳ן פעלד נאָך דעם שניט און וועלכע געהערען לויט דעם אידישען געזעץ צו אָרעמע לייט.

לָ׳רוֹב׳, או. אין גרויסער צאָהל, אין איבערפלוס, זעהר פיעל.

לָ׳שוֹן, המ. (מ. לְשוֹ׳נוֹת). שפראַך; רייד; סטיל, אַרט פון ריידען. מאַמע=לשון, אידיש. שטום=לשון, דאָס צוזאַמענרעדען זיך אָהן ווערטער. "מירקע גיעב לשון" (ווער. — ד. ה. קום אַרויס מיט דער שפראַך).

לְשוֹן [לָ׳שוֹן]־הַקוֹ׳דֶש, המ. (תלמודיש). די הייליגע שפראַך, העברעאיש.

לְשוֹן [לָ׳שוֹן]־הָ׳רַע, המ. (תלמודיש). בייזע רייד, באַריידערייִ, פאַרלייםדונג.

לְשוֹן [לָ׳שוֹן]־זָ׳כָר, המ. מענליכעס געשלעכט (אין גראַמאַטיק).

לְשוֹן [לָ׳שוֹן] יָ׳חִיד, המ. איינצאָהל (אין גראַמאַטיק).

לְשוֹן [לָ׳שוֹן] נְקֵ׳בָה, המ. ווייבליכעס געשלעכט (אין גראַמאַטיק).

לְשוֹן [לָ׳שוֹן] קוֹ׳דֶש, המ. זעה לְשוֹן־הַקוֹ׳דֶש.

לָ׳שוֹן־קוֹ׳דֶש׳דיג, א. העברעאיש.

לְשוֹן [לָ׳שוֹן] רַבִּים, המ. מעהרצאָהל (אין גראַמאַטיק).

לְשוֹ׳נוֹ מַ׳מָּש, געננוי זיין שפראַך, אַקוראַט ווי ער האָט געזאָגט.

לְשִׁיטָ'תוֹ, או. לויט זיין טהעאָריע.

לְשֵׁם־, פּ. צוליעב, וועגען, פאַר.

לְשֵׁם־מִצְוָ'ה, או. צוליעב דער גו־טער טהאַט (אָהן אייגענניציגע אַבזיכטען).

לְשֵׁם־שָׁמַ'יִם, או. (תלמודיש). פון הימעל'ס־וועגען, פון גאָט'ס וועגען.

לִשְׁמָה', או. (תלמודיש). „צוליעב איהר (דער גוטער טהאַט)", צו־ליעב דער ליעבע פאַר דער זאַך, אָהן אייגענניציגע אָדער זייטיגע אַבזיכטען.

לַשָּׁ'נָה הַבָּ'אָה בִּירוּשָׁלָ'יִם, (ליטור־גיש). דעם קומענדען יאָהר אין פאַלעסטינא!

לְשָׁ'נָה־טוֹ'בָה תִּכָּ'תֵב וְתֵחָ'תֵם, (מ. — תִּכָּתְבוּ [תִּכָּ תְ'בוּ] וְתֵחָתֵ'מוּ). דו זאָלסט פאַרשריבען ווערען און מע זאָל דיר צוזיגלען אויף אַ גוט יאָהר (ווינש־ווערטער וועלכע מע זאָגט אין די טעג פון ראש־השנה ביז יום־כפור). זעה כְּתִי'בָה וַחֲתִי'מָה־טוֹ'בָה.

לַתּוֹרָ'ה [לְתּוֹ'רָה] וּלְחוּ'פָּה וּלְמַעֲ'שִׂים־טוֹ'בִים, (ליטורגיש). זעה מְגַ'דֵל־זיין.

לְתַרְבּוּת [לְתַ'רְבּוּת] רָ'עָה, צו שלעכטער אויפפיהרונג, אויפ'ן שלעכטען וועג. אַרויסגעהן לתרבות־רעה, אויסגעלאַסען ווערען.

מ.

מ, דער דרייצעהנטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית; ביי'ם ענדע פון וואָרט געשריבען „ם"; אין צעהלען גערעכענט אַלס 40. זעה מֶם.

מ־ (צוגעשטעלט אין אָנהויב פון וואָרט), פון.

מְאַ'בֵּד־זיין, צא. אומבריינגען, אויס־בריינגען.

מְאַ'בֵּד־מָ'מוֹן־זיין, צא. אויסבריינ־גען געלט.

מְאַ'בֵּד־עַצְ'מוֹ־לָדַ'עַת, המ. (תלמו־דיש). איינער וואָס בריינגט זיך אַליין אום, אַ זעלבסטמערדער.

מַאֲ'דִים, המ. (תלמודיש). דער פּלאַנעט מאַרס; אַ פעהיגער ענער־גישער מענש, אַ חוואַט, אַ וואוי־לער יונג.

מֵ'אָה, הוו. (מ. מֵ'אוֹת). הונדערט. „אַז עם קומען די מאות קומען די דעות" (שפּוו.). שוואַרצע מאה, דער נאָמען פון אַ געווי־סען רעאַקציאָנערען פעראיין אין רוסלאַנד.

מֵ'אָה בְּרָ'כוֹת, הוו. מ. די הונדערט ברכות (וועלכע די גאַנץ פרומע אידען זעהען אַז זיי זאָל אויסקו־

מען צו מאַכבן יעדען טאָג).

מְאַהֲ'בַת־מָרְדְ'כַי, (תלמודיש). פון ליעבע צו מרדכי'ן. "ער טהוט עס ניט אַזוי מ א ה ב ת ־ מ ר ד כ י ווי משנאת־המן" (ווער.).

מאוּ'יָם'דיג, א. שרעקליך, פירכטערליך, אונגעהייער.

מֵאוּם [מְ'אוּם], א. העסליך, עקעלהאַפט, אָפּשטויסענד; אונאַנשטענדיג, שמוציג, שלעכט.

מְאוּם [מְ'אוּם]־וּמְ'אוּם־ווערען, צל. ווערען זעהר עקעלהאַפט, שטאַרק דערעסען.

מְ'אוּס'ען־זיך, צוו. זיך עקלען.

מְ'אוּס'קייט, הוו. (מ. מְ'אוּס'קייטען). אַ'ן עקעלהאַפטע זאַך; אַ העסליכע פּערזאָן; אַ מויז, אַ ראַטץ.

מאזְנַ'יִם, מ. (תלמודיש). "וואָגשאָלען", דער אַסטראָנאָמישער צייכען אין דעם שטערען־קרייז פאַר דעם מאָנאַט תשרי. זעה מַ'זָל.

מֵאֲחוֹ'רֵי־הַפַּרְ'גוֹד, (תלמודיש). פון הינטער דעם פאָרהאַנג. הערען מ א ח ו ר י ־ ה פ ר ג ו ד, הערען פון אַ פאַרבאָרגענער אָבער ריכטיגער קוועלע.

מַאי־דְקָאַמְ'רֵי־רֶ'בִּי־צִין, וואָס די רבי'צין זאָגט (אַ פּאַראָדיע אויף דאָס תלמודישע "מַאי־דְקָאַמְרֵי־רַבָּנָן", וואָס די געלעהרטע זאָגען).

מַאי־קָא־מַשְׁ'מַע־לָן, (תלמודיש). וואָס לאָזט ער אונז דאָ הערען? צו וואָס דערצעהלט ער עס אונז?

מְאַ'יֵים־, מְאַ'יֵם־זיין, צא. איינשרעקען, אָנסטראַשען.

מֵ'אִיר־בַּ'עַל־הַנֵּס [הַנֶּס'], (תלמודיש). מאיר דער וואונדער־מאַן, אַ געוויסער תנא פון וועלכען דער תלמוד דערצעהלט פיעלע וואונדער.

מֵ'אִיר־בַּ'עַל־הַנֵּס [הַנֶּס']־פּושקע, הוו. די פושקע אָנגעקלאַפּט אין פיעלע אידישע הייזער אין וועלכער מע זאַמעלט געלט פאַר די אָרעמע אין פּאַלעסטינא.

מַאֲ'כִיל־טְרֵפוֹת [טְרֵ'פוֹת]־זיין, צא. שפּייזען מיט טרפ'ע זאַכען.

מַאֲ'כָל, הם. (מ. מַאֲכָ'לִים). אַ'ן עסען, אַ שפּייז, אַ געריכט; אַ געשמאַקעס עסען.

מַאֲ'כַל־מֶ'לֶךְ, ז. אַ קעניגליכער געריכט, אַ זעהר געשמאַקער געריכט.

מַאֲ'מִין, הם. (מ. מַאֲמִי'נִים). אַ גלויבער (אין גאָט).

מַאֲ'מָר, הם. (מ. מַאֲמָ'רִים). אַ זאַץ, אַ שפּרוך, אַ ווערטעל; אַ'ן אַרטיקעל, אַ צייטונגס־אַרטיקעל.

מַאֲ'מָר־הַמּוּסְ'גָר, ז. אַ'ן איינגעשלאָסענער זאַץ, פאַרענטהעזיס.

מַאן־דְאָ'מַר, הם. (תלמודיש). "דער וואָס האָט עס געזאָגט", די באַטרעפענדע פערזאָן; פערזאָן.

מַאן־דְבַר־'שְׁמֵיהּ, (תלמודיש). "ווער דערמאָנט זיין נאָמען", דערפון איז גאָר ניט צו דענקען, גאָט באַהיט.

מְאַ'נֵס־זיין, צא. פאַרגוואַלטיגען, שענדען.

מְאַ׳סֵף, המ. (מ. מְאַסְ׳פִים). צונויפזאַמלער, צונויפקלייבער. די מאספים, די גרינדער און מיטאַרבייטער פון אַ בעוואוסטען העברעאישען זשורנאַל "הַמְאַ׳סֵף".

מְאַ׳סֵף־זיין, צא. אָנזאַמלען, אָנקלייבען; צוזאַמענקלייבען, צוזאַמענזאַמלען (באַזונדערס געברויכט אויף צו זאַמלען נדבות פאַר אָרעמע אָדער פאַר אַ הייליגען צוועק).

מְאַ׳סֵף־מְ׳מוֹן־זיין, צש. אָנקלייבען (פיעל) געלט.

מַאֲ׳רִיךְ, המ. איינער וואָס האָט די געוואָהנהייט צו פאַרציהען אַ געשפרעך אָדער אַ׳ן אַרבייט זעהר לאַנג, אַ לאַנגזאַמער מענש.

מַאֲ׳רִיךְ־זיין, צא. אויסציהען (אַ געשפרעך אָדער אַ׳ן אַרבייט) זעהר לאַנג.

מַאֲ׳רִיךְ־בְּדִבּוּ׳רִים־זיין, צש. רעדען לאַנג, אויסציהען אַ געשפרעך.

מַאֲ׳רִיךְ־יָ׳מִים־וְשָׁ׳נִים־זיין, צש. לאַנג לעבען.

מְבָאֵר [מְבַ׳אֵר] זיין, צא. ערקלערען, פאַרטייטשען, קלאָר מאַכען.

מְבָעֵר [מְבַ׳עֵר] חָמֵץ־זיין, צא. אויסראַמען און פאַרברענגען אַלע געזייערטע זאַכען פאַר פסח לויט דעם אידישען געזעץ; אָפּשאַפען אָדער פאַרניכטען אַ זאַך פון וועלכע מע וויל לויז ווערען.

מְבוּ׳זֶה־ווערען, צל. באַליידיגט אָדער ערנידעריגט ווערען.

מְבוּיָ׳שׁ־ווערען, צל. פאַרשעמט אָדער באַליידיגט ווערען.

מְבוּ׳כָה, הוו. פאַרווירונג, טומעל, סומאַטאָכע, איבערקעהרענים.

מַ׳בּוּל, המ. די פאַרפלייצונג פון וועלכער עס ווערט דערצעהלט אין דער ביבעל; אַ פאַרפלייצונג, אַ שלאַגס־רעגען.

מְבוּלְ׳בָּל־ווערען, צל. צומישט ווערען, זיך פאַרלירען.

מְבוּ׳סָם, א. (תלמודיש). באַטרונקען, באַרוישט, באַקנאַקט, באַשנאָשקעט.

מבוּ׳סָם־דיג, א. זעה מְבוּ׳סָם.

מְבַ׳זֶה־זיין, צא. שענדען, ערנידעריגען, באַליידיגען, באַריידען.

מַבְחִין־זיין, צש. אונטערשיידען.

מַבְטִי׳חַ־זיין, צא. פאַרזיכערען, צוזאָגען.

מְבַ׳טֵל־זיין, צא. אָפּשאַפען, קאַסירען; מאַכען צו גאָרנישט, אַוועקמאַכען מיט דער האַנד.

מִבֶּ׳טֶן־אִ׳מוֹ, (ביבליש). פון זיין מוטער׳ס לייב אָן, פון זיין געבורט אָן.

מְבַ׳יֵּישׁ־, זעה מְבַיֵּישׁ־.

מֵ׳בִין, המ. (מ. מְבִי׳נִים). אַ קענער, אַ פאַרשטעהער, אַ׳ן עקספערט. "אויף גיטס איז איטליכער אַ מבין" (שפוו.).

מֵ׳בִין־בְּלָ׳שׁוֹן־זיין, צש. פאַרשטעהן די שפראַך, פאַרשטעהן וואָס מע רעדט

מְ'בִין־כָּל־דָ'בָר, המ. (ביבליש). איינער וועלכער פאַרשטעהט יעדעם וואָרט אָדער יעדע זאַך, אַ זעהר פאַרשטענדיגער מענש.

מְבִי'נוּת, הוו. קענטעניס, זאַכפאַרשטענדיגקייט, געניטקייט.

מֶ'בִינ'טע, הוו. (מ. מֶ'בִינ'טעס). זעה מֶ'בִין.

מְבִי'נֶת*, הוו. (מ. מְבִי'נוֹת). זעה מֶ'בִין.

מְבַ'יֵש־זיין, צא. פאַרשעמען.

מְבַלְ'בֵל־זיין, צא. צומישען, פאַרווירען, פאַרפלאָנטערען.

מְבַ'קֵר, המ. (מ. מְבַקְ'רים). קריטיקער, רעצענזענט.

מְבַ'קֵר־חוֹ'לֶה־זיין, צא. באַזוכען אַ קראַנקען. "געהן אימיצען מבקר־חולה זיין".

מְגַ'דֵל־זיין, צא. ערציהען, אויפבריינגען, אויפהאָדעווען. מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ערציהען (אַ קינד) אין דעם שטודיום פון דער תורה און צו גוטע טהאַטען און איהם פיהרען צו דער חופה.

מִ'גוֹ, המ. (תלמודיש). אַ געוויסער תלמודישער לאָגישער געזעץ לויט וועלכען דאָס געריכט גלויבט די ווערטער פון אימיצען ווייל עס געפינט אַז אויב ער וואָלט געוואָלט זאָגען אַ ליגען וואָלט ער געקענט דערצעהלען זאַכען וועלכע וואָלטען פאַר איהם פיעל גינסטיגער געוועזען ווי די וועלכע ער האָט דערצעהלט.

מְגוֹרְ'שִׁים, מְגוֹרָ'שֵׁי־ [מְגוֹרְ'שֵׁי־], המ. מ. די פאַרטריבענע.

מְגוֹ'שָּׁם, א. גראָב, פאַרגרעבט.

מְגַ'זֵם־זיין, צש. איבערטרייבען.

מַ'גִיד, המ. (מ. מַגִי'דִים). אַ פרעדיגער, אַ זאָגער.

מַגִי'דוּת, הוו. די שטעלע פון אַ מגיד; זאָגאַכץ, פרעדיגט.

מַ'גִידִ'יקע, הוו. (מ. מַ'גִידִ'יקעס). די פרוי פון אַ מגיד.

מַגִי'דֶת'יטע, הוו. (מ. מַגִי'דֶת'טעס). זעה מַ'גִיד.

מַגִי'הַ, המ. (מ. מַגִי'הִים). זעה בַּ'עַל־מַגִי'הַ.

מַגִי'הַ־זיין, צא. איבערזעהן, איבערקוקען, אויסבעסערען.

מְגִי'לָה, הוו. (מ. מְגִי'לוֹת). זעה מְגִ'לָה.

מֶ'גִין־זיין, צא. באַשירמען, באַשיצען, באַהיטען. "גאָט איז מגין אויף אידען".

מַגֵי'פָה, הוו. (מ. מַגֵי'פוֹת). זעה מַגֵ'פָה.

מְגִ'לָה, מְגִ'לַת־, הוו. (מ. מְגִ'לוֹת). אַ באַשריבענע ראָלל פון פאַפיר אָדער פאַרמעט; אַ לאַנגער בריעף, ארטיקעל אָדער דאָקומענט. די מגלה, מגלת־אסתר (ווז.). מגלה־געלט, דאָס געלט וואָס מע קלייבט צונויף אין שוהל אום פורים פאַר דעם וועלכער לייענט פאַר די מגלה אָדער פאַר אַנדערע וואָהלטהעטיגע צוועקען.

מְגַ׳לֶה־זיין, צא. אַנטפּלעקען, אויפ־
דעקען, פאַרעפענטליכען, אויס־
זאָגען.

מְגִ׳לַת־אֵי׳כָה, הוו. דאָס ביבלישע
בוך „איכה" (ווו.).

מְגִ׳לַת־אֶס׳תֵּר, הוו. דאָס ביבלישע
בוך „אסתר" (ווז.).

מָ׳גֵן־אָ׳בוֹת, הם. (ליטורגיש). דער
באַשיצער פון (אונזערע) אורפאָ־
טערס. „דער געזונדסטער מאָגען
איז דער מגן־אבות" (וואָרט־
שפּיעל צווישען דעם אידישען
וואָרט „מאָגען" און דעם העברע־
אישען וואָרט „מגן").

מָ׳גֵן־דָ׳וִד, הם. (מ. מָ׳גֵן־דָ׳וִדִ׳יעֶן,
מָ׳גֵן־דָ׳וִדִ׳ים). דער טראַדיציאָנע־
לער שילד (הערב) פון קעניג דוד,
אַ זעקס־ווינקעלדיגע פיגור.

מַ׳גָע־וּמַ׳שָׂא, הם. (תלמודיש). אום־
גאַנג, באַריהרונג, פאַרקעהר.

מַגֵ׳פָה, הוו. (מ. מַגֵ׳פוֹת). פּעסט,
עפּידעמיע. „אין אַ מגפה איז אַ
אַ ציעג אויך אַ בהמה" (שפּוו.).

מִדְאוֹרַיי׳תָא, א. (תלמודיש). לויט
דעם מאָזאַאישען געזעץ (אין גע־
גענזאַץ צו מִדְרַבָּ׳נָן, לויט דעם
תלמודישען געזעץ).

מִדְבָּר, הם. (מ. מִדְבָּ׳רִיוֹת). וויס־
טע, וויסטעניי; די וויסטע דורך
וועלכע אידען האָבען געוואַנדערט
ווען זיי זיינען אַרויס פון עגיפּטען
קיין כנען, ווי די ביבעל דער־
צעהלט.

מִ׳דָה, הוו. (מ. מִ׳דוֹת). „מאָס",
זיטטע, מאַניער, געוואָהנהייט;
אייגענשאַפט, מאָס.

מִ׳דָה־טוֹ׳בָה, הוו. (מ. מִ׳דוֹת־
טוֹ׳בוֹת), (תלמודיש). אַ גוטע
געוואוהנהייט, אַ גוטע אייגענשאַפט.

מִ׳דָה כְּנֶ׳גֶד מִ׳דָה, (תלמודיש). מאָס
פאַר מאָס. באַצאָהלען מדה
כנגד מדה, אָפּצאָהלען מיט
גלייכער מאָס.

מִ׳דָה־רָ׳עָה, הוו. (מ. מִ׳דוֹת־
רָ׳עוֹת), (תלמודיש). אַ שלעכטע
געוואוהנהייט, אַ שלעכטע איי־
גענשאַפט.

מְדוּ׳בָּר, הם. אָפּרייד, אָפּמאַך.

מַדְ׳חֶה־זיין, צא. אָפּשטויסען, אָפּ־
טרייבען פון זיך; אָפּלעגען אויף
שפּעטער.

מָ׳דַי, אנם. מידיען, אַ לאַנד דער־
מאָנט אין דער ביבעל.

מְדִי׳דָה, הוו. אויסמעסטונג. מאַכען
מדידה, מאַכען אַ יעהרליכע
רעכענונג פון איינקונפט און
אויסגאַבע און פון דער איבער־
געבליבענער וואַארע.

מִדְיָ׳ן־וּמוֹ׳אָב, אנם. מ. צוויי פעל־
קער דערמאָנט אין דער ביבעל
וועלכע זיינען געווען פיינדליך
איינס צום אַנדערען. זיי זיינען
מדין ומואב, זיי זיינען זיך
ביטערע פיינד.

מְדִי׳נָה, הוו. (מ. מְדִי׳נוֹת). אַ
פּראָווינץ, אַ געגענד, אַ קעניג־
רייך, אַ לאַנד; אַ גרויסע שטיק
לאַנד.

מְדִי׳נָה־חָ׳כָם, הם. איינער וואָס
זיין קלוגהייט איז באַוואוסט אין
גאַנצען לאַנד, אַ זעהר גרויסער
חכם.

מַדְ'פִּים, המ. (מ. מַדְפִּי'סִים). אַ דרוקער, אַ פערלעגער.

מְדַקְ'דֵק, המ. (מ. מְדַקְ'דְקִים). איינער וואָס איז זעהר גענוי; אַ קענער פון גראַמאַטיק.

מְדַקְ'דֵק־זיין, צש. זיין גענוי, שטרענג אָפּהיטען.

מְדְרַבָּ'נָן, א. (תלמודיש). לויט דעם תלמודישען געזעץ (אין געגענזאַץ צו מְדְאוֹרַיי'תָא, לויט דעם מאָזאַאישען געזעץ).

מַדְרֵ'גָה, **מַדְרֵי'גָה**, הוו. (מ. מַדְרֵ'גוֹת, מַדְרֵי'גוֹת). שטופע, שטאַפּעל, גראַד, קלאַס, צושטאַנד.

מַדְ'ריך־זיין, צא. ערציהען, אויפבריינגען, לערנען, איינגעוואוהנען.

מִדְרָשׁ [מֶדְ'רְשׁ], המ. (מ. מִדְרָשִׁים [מֶדְרָ'שִׁים]). אַ געוויסער קאָמענטאַר אויף דער ביבעל וועלכער באַשטעהט פון טעקסט־אויסטייטשונגען און פון פאַבעלען, לעגענדען און מאָראַל־לעהרען פון פאַרשיעדענע תנאים, צוזאַמענגעשטעלט אין תלמודישע צייטען. "ער זאָגט ליגען ווי דער מ ד ר ש" (ווער.).

מִ'דַּת־הַדִּין', הוו. (תלמודיש). די מאָס פון גערעכטיגקייט, גערעכטיגקייט.

מִ'דַּת־הָרַחֲ'מִים, הוו. (תלמודיש). די מאָס פון באַרמהערציגקייט, באַרמהערציגקייט.

מַה־'דָּאָךְ, ב. ווען, אויב, אז. "מ ה ־ ד אָ ך זיין אייגענער ברו־דער וויל איהם ניט העלפען וועלען איהם פרעמדע געוויס ניט העלפען".

מַה־'טוֹב, א. געוויס גוט, נאָך בעסער. "אויב ער וועט קומען איז מ ה ־ ט ו ב און אויב ניט איז אויך רעכט".

מַה־טוֹ'בוּ, המ. (ליטורגיש). "ווי גוט זיינען", די ערשטע צוויי ווערטער און דער נאָמען פון אַ מאָרגענגעבעט וואָס מע זאָגט גלייך ווי מע געהט אריין אין שוהל. "אָנהויבען פון מ ה ־ ט ו ב ו" (ווער.).

מַה־יוֹ'קֶר, ווי טהייער?

מַה־יַעֲ'שֶׂה'ניק, המ. (מ. מַה־יַעֲ'שֶׂה'ניקעס), (תלמודיש). אַ פרייער אויסגעלאַסענער מענש (שטאַמט פון דעם תלמודישען אויסדרוק: "מַה יַעֲשֶׂה הַבֵּן שֶׁלֹּא יֶחֱטָא", וואָס זאָל דער זוהן טהון אויב ניט זינדיגען [ווען די פאַרזוכונג איז אַזוי גרויס]?).

מַה־יָ'פִית, המ. (ליטורגיש). "ווי שען ביסטו!", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ געוויסען רעליגיעזען געזאַנג וועלכען אידען זינגען פרייטאָג־צו־נאַכט מיט אַ געוויסער מעלאָדיע. (די אַמאָליגע פוילישע שלאַכציצעס פלעגען אָפט פון קאַטאָוועס וועגען צווינגען די אידען וועלכע פלעגען קומען צו זיי מיט אַ ביטע אָדער אַ געשעפט, צו זינגען פאַר זיי דאָס דאָזיגע ליעד.)

מַה־יָּ'פִית'ניק, המ. (מ. מַה־יָ'פִית־ניקעס). אַ איד וועלכער האָט ניט אין זיך קיין נאַציאָנאַלעס זעלבסטגעפיהל, איינער וועלכער זוכט צו פאַרדעקען זיין אידישע אָבשטאַמונג אָדער זוכט זיך צוצופּאַסען צו ניט־אידען פאַרלייקענענדיג אָדער פאַרשטעלענדיג זיינע אידישע האַראַקטער־שטריכען. זעה מַה־יָּ'פִית.

מַה־מָּצִי'נוּ, (תלמודיש). אַזוי ווי מיר געפינען (אין אַ צווייטען פאַל אַזוי מוז זיין דאָ אויך), איינע פון די הויפּט־מעטאָדען פון דער תלמודישער אַרגומענטאַציאָן וועלכע באַשטעהט אין אָפּלערנען פון איין זאַך אויף די צווייטע.

מַה־נִּשְׁתַּ'נָּה, (ליטורגיש). וואָרום איז פאַרשיעדען (די נאַכט פון פסח פון אַלע אַנדערע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר), די ערשטע ווערטער פון דער הגדה.

מַה־בַּ'עַשׁ, "וואָס איז דער טומעל?", וואָס איז דער אומגליק? וואָס מאַכט עס אויס?

מַה־שִּׁמְךָ [שְׁמֶ'ךָ], (מ. — שִׁמְכֶם [שְׁמֶ'כֶם]). ווי איז דיין נאָמען? ווי הייססט דו?

מַה־שֶּׁ'נּוּי, וואָס איז דער אונטערשייד. "מ ה ־ ש נ ו י געהופּט מ ה ־ ש נ ו י געשפּרונגען" (שפּוו.).

מַהֲדוּ'רָה, הוו. (מ. מַהֲדוּ'רוֹת). אויסגאַבע, אויפלאַגע (פון אַ בוך).

מְהַ'דֵּר, המ. (מ. מְהַדְּ'רִים), — בְּמִצְוָ'ה, איינער וועלכער היט אָפּ צו טהאָן אַ מצוה אויף דער שענסטער אַרט אָדער מיט אַלע גענויאיגקייטען. ער איז אַ מהדר אויף אַ'ן אתרוג, ער באַמיהט זיך שטענדיג צו קריגען דעם שענסטען אתרוג.

מְהַ'דֵּר־זיין, צש. זוכען צו ערפילען אויף דער שענסטער אַרט אָדער שטרענג אָפּהיטען אַ מצוה.

מְהַדֵּ'ר־מִן־הַמְהַדְּ'רִים, המ. (תלמודיש). אַ זעהר גרויסער מהדר.

מֵהוֹ'דּוּ־וְעַד־כּוּשׁ, (ביבליש). "פון דעם לאַנד הודו ביז דעם לאַנד כוש" (ווערטער פון יענער שטעלע אין דעם בוך "אסתר" וואו עס ווערט באַשריבען די גרויסע צאָהל פון לענדער איבער וועלכע דער קעניג אחשורוש האָט געוועלטיגט), אַ גרויסע שטרעקע.

מְהוּ'דָּר, המ. (מ. מְהוּדָּ'רִים). זעהר שען, געקליבען, צאַצקעדיג. "אַן אתרוג אַ מ ה ו ד ר".

מְהוּ'דָּר'דיג, א. זעה מְהוּ'דָּר.

מְהוּ'מָה, הוו. (מ. מְהוּ'מוֹת). אַ טומעל, אַ'ן אויפרוהר, אַ סומאַטאָכע.

מְהוּ'רָ"ר, אב. מוֹרֵנוּ הָרַב וְרַבֵּנוּ רַב — אונזער לעהרער דער געלעהרטער און אונזער האַר, הערר — (טיטול־ווערטער וועלכע מע שטעלט אין שרייבען פאַר דעם נאָמען פון אַ גרויסען רב אָדער תלמודישען געלעהרטען).

מָ'הות, חוו. איינגנשאפט, קוואַ־ליטעט.

מֶהַ'יום־וָהָלְ'אָה, (ביבליש). פון היינט אָן און ווייטער.

מֵהֵי'כָא־תֵּי'תֵי, או. (תלמודיש). "פון וואַנען קומט עס (אַז ניט)?", ווארום דען ניט? פאַר וואָס טאַ־קע ניט? טאַקע, נו טאַקע.

מְהִי'רוּת, הוו. שנעלקייט, פלינ־קייט, געשיקטקייט.

מַהֲ'לָךְ, הם. אַ גאַנג, אַ רייזע, אַ שטרעקע, אַ ווייטע שטרעקע.

מַהֲ'לַךְ־רַב, הם. אַ ווייטע שטרעקע.

מְהַ'נֶה, צא. פאַרשאַפען נוצען אָדער פאַרגעניגען, מאַכען (אימיצען) געניסען.

מֵהַסְתַּם', או. זעה מִסְתָּ'מָא.

מַהְפֵּ'כָה, הוו. (מ. מַהְפֵּ'כוֹת). איבערקערעניס.

מְהַרְהֵר־זיין, צש. נאָכדענקען, נאָכגריבלען. מהרהר־זיין אויף אימיצען, אימיצען פאַרדעכ־טיגען.

מַהַרְ'שָׁ"אֶ, אנמ. אב. מוֹרֵנוּ הָרַב שְׁמוּאֵל אִידְלִיש — דער פאַרפאַ־סער פון אַ זעהר שאַרפזיניגען קאָמענטאַר אויפ'ן תלמוד; דער קאָמענטאַר ווערלבען ער האָט פאַר־פאַסט.

מַהַרְשָׁ"א־קאָפּ, הם. (מ. מַהַרְשָׁ"א־קעפּ). אַ זעהר שאַרפער קאָפּ. זעה מַהַרְשָׁ"א.

מוּ'בָן־מֵאֵ'לָיו, א. זעלבסט־פאַר־שטענדליך.

מוֹ'דֶה־זיין, צש. אַנערקענען, באַ־קענען, צוגעבען, צוגעשטעהן. זיך מודה־זיין, באַקענען (ווינד אָדער פערברעכען).

מוֹ'דֶה־אֲנִי', הם. (ליטורגיש). "איך דאַנק דיר (גאָט), די ערשטע צוויי ווערטער און דער נאָמען פון אַ דאַנק־געבעט וואָס מע זאָגט אין דער פריה גלייך נאָכ'ן אויפ־שטעהן פון שלאָף.

מוֹ'דֶה־בְּמִקְ'צָת, הם. איינער וואָס געשטעהט אָדער גיט־צו אַ טהייל (פון אַ פאָדערונג אָדער אנקלאַגע).

מוֹ'דֶה־וּמִתְוַ'דֶּה־זיין־זיךְ, צוו. באַ־קענען (אויף אַ זינד אָדער פאַר־ברעכען).

מוֹ'דִים, הם. (ליטורגיש). "מיר דאַנקען", דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָמען פון איינער פון די תפלות אין שמונה־עשרה וועלכע מע זאָגט זיך בויגענדיג צו דער ערד.

מוֹ'דִי'עַ־זיין, צא. לאָזען וויסען, באַנאַכריכטיגען; באַקאַנט מאַכען, אַנאָנסירען.

מוֹ'דָ'עָה, הוו. (מ. מוֹ'דָעוֹ'ת). באַ־קאַנטמאַכונג, פראָקלאָמאַציאָן, אַנאָנסע, רעקלאַמע.

מוֹ'הֵל, הם. (מ. מוֹ'הֲלִים). דער וועלכער באַשניידט (אויף אַ ברית).

מוֹ'הֵל־מעהל, הז. שטויב פון פאַר־פוילטע האָלץ אָדער פון אַ'ן אַנדער שטאָף אין וועלכען דער מוהל לייגט אַריין די אָפּגעשני־טענע פאָרהויט.

מו'הל־שאַפט, הוו. דאָס אַמט פון אַ מוהל; די באַשניידונג.

מו'חַ, הם. (מ. מו'חות). זעה מ'חַ.

מוּחְ'זָק, א. געהאַלטען, אָנגענומען. "ער איז אַ מוחזק פאַר אַ'ן עהרליכען מאַן".

מו'חל־זיין, צא. פאַרגעבען, פאַרציהען; ניט באַשטעהן, נאָכגעבען, שענקען; איינווילינען. זייט מוחל, זייט אַזוי פריינדליך.

מוּחְ'רָם (—וּמְנוּ'דָה), א. אויסגעשלאָסען (—און פאַרטריבען) פון דער געמיינדע. זעה חֵ'רֶם.

מוּ'טָל, א. אַרויפגעוואָרפען. עס איז אויף איהם מוטל, עס איז זיין פליכט. עס איז מוטל בספק, עס איז צווייפעלהאַפט.

מוּכ"ז, אב. מוֹסֵר כְּתָב זֶה, איבערברייננגער פון דיעזער שריפט (בריעף).

מוֹכִי'חַ, הם. (מ. מוֹכִי'חִים). מאָראַל־פּרעדיגער.

מו'כָן־וּמְזוּ'מָן, או. (ליטורגיש). פאַרטיג און אָנגעגרייט.

מו'כָן־לִפּוּרְעָ'נִיוֹת, א. (תּלמודיש). אָנגעגרייט צו אונגליקען.

מ'כֵס, הם. (מ. מוכְסים [מָכְ'סים]). איינער וועלכער מאָהנט אויף צאָלל־געלט, איינער וועלכער האַלט די טאַקסע, אַקציזניק.

מו'כֵר, הם. (מ. מוֹכְרים [מָכְ'רים]). פאַרקויפער.

מו'כֵר־סְפָ'רים, (מ. מוכְ'רֵי־סְפָ'רים). פאַרקויפער פון ביכער, בוכהענדלער. "אַ מוכר־ספרים איז קיין למדן ניט, אַ חלפן איז קיין עושר ניט" (שפוו.).

מו'כֵר־סְפָ'רים'ניק, הם. (מ. מו'כֵר־סְפָ'רים'ניקעס), זעה מו'כֵר־סְפָ'רים.

מו'כֵר־תְּבוּ'אָה, (מ. מוֹכְ'רֵי־תְּבוּ'אָה). געטריידע־הענדלער.

מו'לָד, הם. די געבורט (פון דער נייער לבנה). אויסרופען דעם מולד, אויסרופען (אין שוהל ביי'ם דאַווענען, אין דעם שבת וואָס פאַלט פאַר ראש חדש) דעם טאָג, די שטונדע, מינוט און סעקונדע אין וועלכער די נייע לבנה ווערט געבאָרען.

מו'לִיד־זיין, צא. געבערען, גענווינען, האָבען.

מו'לֶךְ, הם. (ביבליש). דער נאָמען פון אַ'ן אָבגאָט צו וועלכען גענוויסע פאַרצייטיגע פעלקער פלעגען ברייננגען מענשען אַלס אָפּפער.

מו'לֵךְ־בְּכִפָּה [בִּכְ'פָּה], הם. (תלמודיש). איינער וועלכער געוועלטיגט איבער דער גאַנצער וועלט.

מוּם, הם. (מ. מוּ'מִים). אַ פעהלער.

מוּם'־רַע, הם. שלעכטער פעהלער, פאַרדאָרבענהייט.

מוּמְ'חֶה, הם. (מ. מוּמְ'חִים). אַ געניטער, אַ זאַכפאַרשטענדיגער, אַ'ן עקספערט, אַ ספעציאַליסט, אַ פאַכמאַן; אַ'ן אָפּשפּרעכער, אַ זנאַכאַר.

מוּמְ'חֶה'נטע, הוו. (מ. מוּמְ'חֶה'נ־טעס). זעה מוּמְ'חֶה.

מו'מָר, המ. (מ. מוּמָרים [מוּמְ'רים]). אַ געטויפטער.

מו'מָר־לְהַכְ'עִים, המ. (מ. מוּמְ'רים־לְהַכְ'עִים), (תּלמודיש). איינער וועלכער איז אַרויסגעטראָטען פון אידישקייט מיט דער אַבזיכט צו פאַרשאַפען פאַרדרוס אָדער שאַנ־דע זיינע פאָריגע גלויבענסגענאָ־סען, איינער וועלכער ווייזט אַרויס זיין ניט־פרומקייט עפענט־ליך.

מו'נַח־בְּקוּ'פְסָא, א. (תּלמודיש). אַריינגעלייגט אין קאַסטען. אַזוי ווי מונח־בקופסא, אַזוי ווי ביי זיך אין קעשענע.

מוּסְ'כָּם, א. איינגעשטימט, צוגע־שטימט, אָנגענומען.

מוּסְ'מָךְ, המ. (מ. מוּסְמָ'כִים). איינער וואָס האָט סמיכה אויף רבנות.

מו'סִיף־זיין, צא. צולייגען, פרו־באַווען.

מו'סַף, המ. (מ. מוּסָ'פִים). אַ'ן עקסטראָ געבעט וואָס ווערט גע־זאָגט נאָך שחרית אום שבת, יום טוב און ראש חודש.

מו'סָר, המ. זיטען־לעהרע, מאָראַל, פרומקייט; מאָראַל־פרעדיגט; אַ ביישפיעל. "זיך אַראָפּנעהמען אַ מוסר".

מוסֵר [מָ'סֶר], המ. (מ. מוֹסְ'רִים [מָסְ'רים]). פערעטהער, דאָנאָס־שטשיק.

מו'סַר־הַשְׂ'כֵּל, המ. (ביבליש). אַ "אַ קלוגע לעהרע", אַ ביישפיעל. "זיך אַראָפּנעהמען אַ מוסר־השכל".

מוֹסֵר־זיין, צש. איבערגעבען, אי־בערליפערן.

מו'סֵר־מוֹדָ'עָה־זיין, צש. לאָזען ווי־סען, וואָרנען, עפענטליך ער־קלערען.

מו'סֵר־נֶ'פֶש־זיין־זיך, צוו. איינ־שטעלען דאָס לעבען, זיך אויפ־אָפּפערען.

מו'סָר־סֵ'פֶר, המ. (מ. מו'סָר־סְפָ'רִים). זעה סֵ'פֶר־מו'סָר.

מו'סָר־שטיבעל, המ. אַ קלויז וואו מע גיט זיך אָפּ בלויז מיט לערנען מוסר־ספרים.

מו'סָר'ען, צא. פרעדיגען מאָראַל, פאָרוואַרפען, אויסריידען, שטראָ־פען.

מו'סָר'ניק, המ. (מ. מו'סָר'ניקעס). איינער וועלכער גיט זיך אָפּ מיט לערנען מוסר־ספרים.

מו'עָד, המ. (תלמודיש). אַ'ן אָנגע־גרייטער (צו מאַכען שאָדען).

מו'עֵד, המ. "פייערטאָג", דער נאָ־מען פון דער צווייטער אָב־טהיילונג פון תלמוד וועל־כע ענטהאַלט די געזעצען פון שבת, פייערטעג א. ד. ג. זעה שַׁ"ס.

מו'עֵל־בִּשְׁלִ'יחוּת־זיין, צש. (תל־מודיש). ניט פאַרריכטען דאָס וואָס מע איז בעאויפטראַגט גע־וואָרען צו טהאָן, טהאָן אַנדערש

ווי מע האָט זיך אונטערגענומען צו טהאָן.

מוּפְלָג, המ. (מ. מוּפְלָגים, מוּפְלָגֵי־). איינער וועלכער איז אויסגעצייכענט מיט זיין (תלמודישער) געלעהרזאַמקייט.

מוּפְלָגֵי־תּוֹרָה [הוֹרָה], המ. מ. זעה מוּפְלָג.

מוּפְקָר, המ. (מ. מוּפְקָרים). אַ'ן אויסגעלאַסענער מענש.

מוֹפֵת, המ. (מ. מוֹפְתִים [מָפְתִים]). אַ צייכען, אַ באַווייז; אַ וואונדערליכער באַווייז, אַ וואונדער.

מוֹפֵת־חוֹתֵךְ [חוֹתֵךְ], המ. (מ. מוֹפְתִים־חוֹתְכִים [חוֹתְכִים]). אַ שטאַרקער באַווייז.

מוֹצֵא־חֵן־זיין, צש. (ביבליש). געפינען לייטזעליגקייט, אויסנעהמען, געפעלען.

מוֹצָאֵי־, המ. דער אויסגאַנג פון, דאָס ענדע פון, דער אָבענד נאָך. מוצאי־יום־טוב, דער אָבענד נאָך יום־טוב.

מוֹצִיא, המ. (מ. מוֹציאים). אַ שטיק אָדער אַ פענעץ ברויט. זעה המוֹציא.

מוֹציא־זיין, צא. טהאָן עפּעס פאַר (אימיצען), פאַרטרעטען (צ. ב. ש.: "דער בעל־הבית האָט געמאַכט קדוש און האָט מוציא געווען די געסט"); אַרויסלאָזען (אַ קלאַנג, אַ באַריכט).

מוֹציא־לַעַז־זיין, צש. (תלמודיש). אַרויסלאָזען אַ שלעכטען קלאַנג (אויף אימיצען), מאַכען (אימיצען) אַ שלעכטען נאָמען.

מוֹציא־שֵׁם [שֶׁם]־זיין, צש. (תלמודיש). אַרויסלאָזען אַ באַריכט, אַרויסלאָזען אַ קלאַנג.

מוֹציא־שֵׁם [שֶׁם]־רַע־זיין, צש. (תלמודיש). אַרויסלאָזען אַ שלעכטען קלאַנג (אויף אימיצען), מאַכען (אימיצען) אַ שלעכטען נאָמען.

מוֹציא־שְׁנָתוֹ־זיין, צש. (תלמודיש). אויסלעבען זיינע יאָהרען.

מוּצְלָח, המ. (מ. מוּצְלָחים). איינער וואָס איהם גליקט שטענדיג אָפּ. אַ מזל'דיגער מענש.

מוּקְצֶה, א. (תלמודיש). "אָפּגעזונדערט", אונבאַריהרבאַר (לויט דעם אידישען דין). "געלט איז מוקצה אום שבת".

מוּקְשֶׁה, א. שווער, שווער צו פאַרשטעהן, אונבאַגרייפליך.

מו"ר, אב. מוֹרֵנו־וְרַבֵּנו (ווז.).

מוֹרָא, הוו. שרעק, פורכט, אנגסט.

מוֹרָאדיג, א. שרעקליך, פירכטערליך, אונגעהייער.

מוֹרֵד, המ. (מ. מוֹרְדִים). אַ ווידערשפעניגער, אַ רעוואָלוציאָנער.

מוֹרֵד־זיין, צש. ווידערשפעניגען זיך שטעלען אַנטקעגען, רעבעלירען.

מוֹרד־בְּמַלְכוּת, המ. (מ. מוֹרְדִים־בְּמַלְכוּת), (תלמודיש). איינער וועלכער שטעלט זיך אַקעגען דער אויטאָריטעט פון קעניג אָדער רע=

גירונג; איינער וועלכער באַליידיגט די מאַיעסטעט פון קעניג.

מו'רֶה־דֶ'רֶךְ, המ. (מ. מו'רֵי־דֶ'רֶךְ). אַ וועגווייזער, אַ פּיהרער, אַ לעהרער.

מו'רֶה־הוֹרָ'אָה, המ. (מ. מו'רֵי־הוֹרָ'אוֹת). איינער וועלכער ענטשיידעט רעליגיעזע פראַגען, אַ רב אָדער אַ דיין.

מו'רֶה־הֶ'תֵּר־זיין, צש. ערלויבען, געבען די ערלויבנים. מורה־התר־זיין־זיך, זיך ערלויבען, זיך נעהמען די ערלויבנים (צו טהאָן עטוואָס פאַרבאָטענעס).

מו'רֵי־וְרַבּו'תַי, מיינע לעהרערס און הערען.

מו'ריד־זיין, צא. אַרונטערלאָזען. זעה מַעֲ'לֶה־זיין.

מוֹרֵ'נוּ (־וְרַבֵּ'נוּ), אונזער לעהרער (און האַר), אַ טיטול מיט וועלכען מע אַדרעסירט אַ געלעהרטען אָדער אַ וויכטיגע פּערזאָן (אין שרייבען). "ער מיינט ער איז אַ גאַנצער מורנו (אָדער: משה־מורנו)" (ווער.).

מוֹרְ'שֶׁה, המ. (מ. מוֹרְ'שִׁים). באַפאָלמעכטיגטער, דעפּוטאַט, דעלעגאַט.

מו'שָׁב, המ. וואוהנאָרט, קאָלאָניע; שמוציגע הויזגערעטהע, שמוץ. "אַ מושב ווי ביי דער רבי'צען אין בעט" (ווער.).

מו'שָׂג, המ. (מ. מוּשָׂ'גִים). אַ באַגריף.

מוּשְׁ'וֶה־ווערען, צל. זיך אויסגלייכען.

מוּשְׂ'כָּל־רִא'שׁוֹן, המ. דער ערשטער געדאַנק, דער ערשטער איינפאַל. "דער מושכל־ראשון איז אַ רוח־הקודש" (שפּוו.).

מו'שֵׁל, המ. (מ. מוֹשְׁ'לִים). הערשער, געוועלטיגער, קעניג.

מוּשְׁ'לָם, המ. (מ. מוּשְׁלָ'מִים). איינער וועלכער באַזיצט פיעל קענטניס, אַ פיעל־זייטיג געבילדעטער מענש.

מוּשְׁ'לָם־בִּכְלָ'ל־הַמַּעֲ'לוֹת, המ. אַ'ן אויסגעצייכענטער מיט אַלע גוטע פעהיגקייטען אָדער אייגענשאַפטען.

מוּשְׁלֶ'מֶת, הוו. זעה מוּשְׁ'לָם.

מו'תָּר, א. ערלויבט (לויט דעם איודישען דין).

מוֹתְ'רוֹת, מ. איבעריגע זאַכען, לוקסוס־זאַכען.

מִזְבֵּ'חַ, המ. (מ. מִזְבְּ'חוֹת). אַ'ן אַלטאַר; דער אַלטאַר (וואָס איז געשטאַנען אין בית־המקדש).

מִזְבֵּ'חַ־געלט, הז. הייליג געלט.

מֶ'זֶג, המ. נאַטור, טעמפעראַמענט, כאַראַקטער.

מֶ'זֶג־טוֹב [טָבּ], המ. אַ גוט האַרץ, אַ'ן איידעלער כאַראַקטער.

מַזְ'הִיר־זיין, צא. וואַרנען, אָנזאָגען.

מְזַוֵּג־, מְזַ'וֵּג־זיין, צא. צוזאַמענפּאָרען, צונויפברייננען.

מְזַ'וֵּג־זִוּ'גִים, המ. (תלמודיש). אַ צוזאַמענפּאָרער. "גאָט איז אַ מזווג־זווגים" (שפּוו.).

מְזוּ'זָה, הוו. (מ. מְזוּ'זוֹת) . אַ שטיקעל פּאַרמעט אויף וועלכען עס זיינען אויפגעשריבען פון איין זייט געוויסע פּסוקים פון דער תורה און פון דער אַנדערער זייט דאָס וואָרט "שדי" — וואָס ווערט צוגעפעסטיגט צו דעם ביישטידעל פון דער טהיר .

מְזוּ'מָן, הם. אַ געזעלשאַפט פון דריי אָדער מעהר מענער ; בּאַארעס געלט , קאַססא (מ. מְזוּמָ'נִים) . בענשען מזומן , זאָגען דאָס געבעט (נאָכ'ן עסען) ואַלבּעדריט . "איינער בענשט מזומן דער אַנדערער האָט מזומן" (שפּוו.).

מְזוּ'נוֹת , מ. לעבּענסמיטעל , שפּייז , נאַהרונג ; ערנעהרונג , שפּייזונג ; דאָס געלט וואָס דער מאַן איז פאַרפליכטעט צו געבען דער פרוי פאַר איהר ערנעהרונג .

מז"ט, אב. מַ'זָל־טוֹב (ווז.) .

מֶ'זִיד, הם. איינער וועלכער באַגעהט (אַ זינד אָדער פאַרברעכען) מיט אַבזיכט .

מְזַ'יֵיף־ , **מְזַ'יֵף־זיין** , צא. פעלשען , נאָכמאַכען .

מַ'זִיק, הם. (מ. מַזִי'קִים) . אַ יונגאַטש , אַ שטיפער , אַ שאָדענמאַכער ; אַ'ן ענערגישער אָדער פעהיגער מענש , אַ'ן אויפטהוער ; אַ בייזער גייסט , אַ טייוועל .

מַ'זִיק־זיין, צא. שעדיגען , קאַליעטשען .

מַ'זִיק'ען, צא. זעה מַ'זִיק־זיין .

מְזַ'כֶּה־זיין , צא. בּאַשעערען , באַשיינקען , באַעהרען .

מַזְ'כִּיר־זיין , צא. ערמאַנען , דערמאָנען .

מַזְ'כִּיר־נְשָׁמוֹת־זיין , צא. זאָגען דאָס געבעט פון הזכרת־נשמות . "ער איז מזכיר־נשמות זיין טאַטען" .

מַ'זָל , הם. (מ. מַזָ'לוֹת) . גליק ; שיקזאַל , דאָליע ; שטערן , פּלאַנעט , דער אַסטראָנאָמישער צייכען פון דעם שטערן=קריין פאַר איטליכען מאָנאַט (דער מזל טלה (ווז.) פאַר דעם מאָנאַט ניסן , שור (ווז.) פאַר איר , תאומים (ווז.) פאַר סיון , סרטן (ווז.) פאַר תמוז , אריה (ווז.) פאַר אב , בתולה (ווז.) פאַר אלול , מאזנים (ווז.) פאַר תשרי , עקרב (ווז.) פאַר חשון , קשת (ווז.) פאַר כסליו , גדי (ווז.) פאַר טבת , דלי (ווז.) פאַר שבט און דגים (ווז.) פאַר אדר) . "ס'מזל !" (אויסדרוק פון איראָניע) . "אַ גוט מזל עלטערט זיך ניט" (שפּוו.) . "אָהן מזל זאָל דער מענש גאָר ניט געבוירען ווערען" (שפּוו.) . "אַז דער מזל איז קליין האָטש זעץ זיך אין וויין" (שפּוו.) . "אַז דאָס מזל געהט קעלבּט זיך דער אָקס" (שפּוו.) . "אַז דאָס מזל געהט ניט מאַכט קמץ בית באַ" (שפּוו.) , "בעסער מזל אַ קווינט איידער גאָלד אַ פונט" (שפּוו.) . "אַ מזל פון אַ גוי" (ווער.) . "ווען דאָס מזל קומט שטעל איהם אַ שטוהל" (שפּוו.) . "גאָט איז אַ פאָטער דאָס מזל איז אַ שטיף=פאָטער" (שפּוו.) . "עלטערן קענען אַלעם געבען נאָר ניט קיין מזל"

(שפוו.). "לאָז עס זיין פון אַ קאָזאַק אַבי מיט מזל" (שפוו.). "איטליכעס קינד ווערט געבוירען מיט זיין מזל" (שפוו.). "שכל אָהן מזל איז ווי אַ רויהער בריליאַנט" (שפוו.). "וואָס נוצט מזל אָהן ברכה" (שפי.).

מַזָל־בְּרָ'כָה, הם. (מ. מַזָל־בְּרָ'כוֹת). גליק, גערעטענים, איבערפלוס.

מַזָל־טוֹב [טָב], אר. (ליטורגיש). "גוטעס גליק", מיט גליק!, אַ ווינשעוואַניע ווערכע מע זאָגט ביי פאַמיליען־פעסטליכקייטען, אַזוי ווי אויף אַ חתונה, אַ תנאים, אַ ברית־מילה א. ד. ג.; הם. פאַמיליען־פעסטליכקייט (מ. מַזָל־טוֹבים [טָבים]).

מַזָל'דיג, א. גליקליך; גליק־ברייננגענדיג. "דער מזל'דיגער ווערט געבוירען מיט אַ גילדענעם לעפעל אין מויל" (שפוו.). "אין אַ מזל'דיגער שעה מיט'ן רעכטען פיסעל" (אַזוי ווינשט מען חתן־כלה ווען זיי געהען צו דער חופה).

מְזַלְ'זֵל־מֶ'קַח־זיין, צש. פאַרביליגען דעם פרייז.

מִזְ'מוֹר, הם. (מ. מִזְמוֹ'רים). אַ געזאַנג, אַ געבעט־געזאַנג, אַ פסאַלם. ווי אַ מזמור, גלאַט, געלויפיג.

מְזַנֶ'ה־זיין, צש. אונגעזעצליך צוזאַמענזיין, בוהלען, שווייפען.

מִזְ'רָח, הם. (מ. מִזְרָ'חים). אָסט־זייט, אָסט; דער אויבען־אָן אין אַ שוהל; אַ בילד (געוועהנליך אַ סצענע פון דער ביבעל אָ־ער פון דער אידישער געשיכטע) וואָס מע הענגט אויף אויף דער מזרח־וואַנד.

מִזְרָ'חידיג, א. אָסטליך.

מִזְרָ'חִי, הם. דער אָרטאָדאָקסישער פליגעל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן.

מִזְרָ'חִית־דְרוֹ'מִית, א. (תלמודיש). אָסט־זידליך, אין אַ אָסט־זידליכער ריכטונג.

מִזְרָ'חִית־צְפוֹ'נִית, א. (תלמודיש). אָסט־נאָרדליך, אין אַ אָסט־נאָרדליכער ריכטונג.

מִזֶּ'רַע־הַיְהוּ'דִים, (ביבליש). פון אידישער אָבשטאַמונג.

מֹ'חַ, הם. (מ. מ'חוֹת). געהירן, מאַרך; דער שאַרפען (פון קאָפּ); פאַרשטאַנד, שאַרפזיניגקייט; אויפמערקזאַמקייט; געדעכטניס. ער האָט אַ מח פון אַ קאַץ, ער פאַרגעסט גיך. "אַז מע פליהט צו הויך קעהרט זיך איבער דער מח" (שפוו.).

מַחָ'אָה, הזו. (מ. מַחָ'אוֹת). פראָטעסט.

מְחַ'בֵּל, הם. (מ. מְחַבְּ'לים). פאַרדאַרבער, שאָדענמאַכער; אַ'ן ענערגישער פעהיגער מענש, אַ'ן אויפטהוער; אַ בייזער גייסט, אַ טייוועל.

מְחַ'בֵּר, הם. (מ. מְחַבְּ'רים). פאַרפאַסער, שרייבער, אויטאָר.

מְחַ'דֵשׁ־זיין, צא. באַנייען; ער־

פינדען. מחדש־זיין די לבנה, זאָגען אַ געוויסע געבעט ווען די נייע לבנה געהט אויף. זעה קִדוש־לְבָ'נָה.

מְחוּ'יָב, א. שולדיג, פאַרפליכטעט, געצוואונגען.

מְחוּ'לָק־. א. ניט איבעראיינ־שטימיג, האָבענדיג פאַרשיעדענע מיינונגען.

מְחוּ'סָר־, הס. (מ. מְחוּסְ'רֵי־). איינער וועלכער איז אין מאַנגעל פון —, איינער וועלכער האָט ניט —.

מְחוּ'סַר־לֶ'חֶם, הס. (מ. מְחוּסְ'רֵי־לֶ'חֶם). איינער וואָס איהם פעהלט (אויף) ברויט, אַ גרויסער אָרע־מאַן.

מְחוּץ־לַמַחֲ'נֶה, או. זעה חוּץ־לַמַחֲ'נֶה.

מְחוּ'צ'נער, אס. אַ דרויסענדיגער, אַ זייטיגער; אַ'ן ארבייטער וועל־כער געהערט ניט צו דער יוניאָן.

מְחוּ'תָּן, הס. (מ. מְחוּתָּ'נִים). דער פאָטער פון דעם חתן אָדער דער כלה; אַ נאָהענטער פאַרוואַנדטער פון דעם חתן אָדער דער כלה; אַ נאָהענט בעפריינדעטער מענש. זיין מיט אימיצען אַ גאַנצער מחותן, זיין מיט אימיצען זעהר בעפריינ־דעט. "אַ מחותן טאָר קיין הונד ניט זיין" (שפוו.). "איינם מיט דעם דריטען איז ניט קיין מחותן;" (שפוו.). "חזיר האָסט געלט? זיי מיין מחותן" (שפוו.). "עס איז ניטאָ קיין מזומנים איז אוים מחותנים" (שפוו.).

מְחוּתָּ'נ'עשאַפט, הוו. פאַרוואַנד־שאַפט דורך הייראַטה; זעהר נאָ־הענטע בעציהונגען.

מְחוּתֶּ'נֶת, הוו. זעה מְחוּ'תָּן.

מְחוּתֶּ'נֶת'טע, הוו. (מ. מְחוּתֶּ'נֶת־טֶעם). זעה מְחוּ'תָּן.

מַחְ'זוֹר, הס. (מ. מַחְזוֹ'רִים). אַ בוך וואָס ענטהאַלט די תפלות וואָס מע זאָגט ראש השנה, יום כפור, סכות, פסח און שבועות.

מַחְ'זוֹר־לְמוֹ'טַב־זיין, צא. (תלמו־דיש). באַקעהרען צום גוטען.

מַחֲזָ'קָה, הוו. (מ. מַחְזָ'קוֹת). אוּם־גאַנג, פאַרקעהר, געשעפט. מאַ־כען אָדער האָבען מיט אימיצען מחזקות, האָבען געשעפטען מיט אימיצען, פאַרקעהרען מיט אימיצען (אורשפרינגליך: האָבען שפאַס מיט אימיצען. זעה חוֹ'זֶק).

מְחַ'יֵב־זיין, צא. ערקלעהרען אַלס שולדיג; צווינגען, נייטהען, פאָ־דערען. דער שכל איז מחיב אַז עס מוז אַזוי זיין.

מְחַ'יֶה, הס. קוויקונג, לאַבונג, פאַרגעניגען.

מְחְ'יָה, הוו. (מ. מְחְ'יוֹת). ערנעה־רונג, אַ געשעפט פון וועלכען מע ערנעהרט זיך (געוועהנליך גע־ברויכט אויף אַ שענק). "אַז די קאַץ געהט אוועק האָבען די מייז מחיה" (שפוו.).

מְחַ'יֶה־זיין, צא. דערקוויקען, לאַ־

בען, ערפרישען, פאַרשאַפען פאַר=
גניגען.

מְחַ׳יֶה־מֵ׳תִים־זיין, צא. (תלמודיש). "באַלעבען די טויטע", אויפלעבען אויף דאָס ניי; "ער איז זיי מְחַיֶה־מֵתִים".

מְחַ׳יֶה־נְפָ׳שׁוֹת, א. "קוויקענדיג די זעעלען", קוויקענדיג, זעהר געשמאַק.

מְחַ׳יֶה־נְפָ׳שׁוֹת׳דיג, א. זעה מְחַ׳יֶה־נְפָ׳שׁוֹת.

מְחַ׳יֶה׳דיג, או. באַלעבענד, ערקווי=קענד, ערפרישענד, זעהר אַנגע=נעהם.

מְחַ׳יֵב־, זעה מְחַ׳יֵב־.

מְחַ׳יֶיה, זעה מְחַ׳יֶה.

מְחִ׳יָיה, הוו. זעה מְחִ׳יָה.

מְחִי׳לָה, הוו. (מ. מְחִי׳לוֹת), פאַר=געבונג, פאַרצייהונג; (וואולגאַר) דער הינטען.

מְחִי׳לָה־גְמוּ׳רָה, הוו. פאָלקאָמענע פאַרגעבונג.

מְחִי׳צָה, הוו. (מ. מְחִי׳צוֹת). א צאַם, א וואַנד, א צווישענוואַנד.

מַחְ׳לָה, הוו. (מ. מַחְ׳לוֹת). קראַנק=הייט.

מַחֲלוֹ׳קָה, הוו. זעה מַחֲלוֹ׳קֶת.

מַחֲלוֹ׳קֶת, הוו. (מ. מַחֲלוֹ׳קוֹת, מַחֲלוֹ׳קֶת׳ען). שטרייט, קריעג, דיספוט, צאַנקעריי. "אַ מחלוקת איז ווי אַ פייער" (שפּוו.).

מְחַ׳לֵל־זיין, צא. פאַרשוועכען, לעסטערען.

מְחַ׳לֵל־הַשֵׁם [הַשֵׁ׳ם]־זיין, צש. לעס=טערען דעם נאָמען (פון גאָט), טהאָן עפּעס וואָס שענדעט דאָס אידישע פאָלק אין די אויגען פון ניט אידען.

מְחַ׳לֵל־שֵׁם [שֶׁם]־שָׁמַ׳יִם (כְּפַרְהֶסְ׳יָא). הם. (תלמודיש). איי=נער וועלכער פערשוועכט דעם נאָמען פון גאָט (עפענטליך).

מַחְ׳מִיר, הם. (מ. מַחְמִי׳רִים). איי=נער וועלכער איז גענייגט צו ענט=שיידען רעליגיעזע פראַגען שטענ=דיג אויף דער שטרענגער זייט. זעה מֵ׳קִיל.

מֵחֲמַת [מַחְ׳מַת], ב. צוליעב, ווע=גען, איבער, ווייל.

מַחֲ׳נֶה, הוו. (מ. מַחֲ׳נוֹת). פאָלק, ראָטע; אַרמיי; גרויסע מאַסע.

מְחַ׳נֵךְ־זיין, צא. איינווייהען, באַ=נייען; ערציהען, אויפהאָדעווען, אויפברייננגען.

מַחֲ׳צִית־הַשֶּׁ׳קֶל, הם. (ביבליש). דער האַלבער שקל, דאָס קאָפּ=געלט וואָס משה האָט גענומען פון יעדען אידען צו בויען דעם משכן; דאָס געלט וואָס יעדער איד גיט פאַר אַ וואָהלטעהטיגען צוועק דעם אָבענד פון פורים צום אַנדענקען אָן דעם מחצית־השקל.

מְחָק [מְ׳חַק], הם. אויסגעמעקטע שטעלע (אין אַ מאַנוסקריפּט).

מֶחְ׳קָר, הם. פילאָזאָפיע.

מָ׳חָר, או. מאָרגענדיגען טאָג.

מְחַרְ׳חֵר־רִיב, הם. (ביבליש). אַ "קריעג=מאַכער, אַ׳ן אונטערהעצער.

מַחְ'רִיב־זײַן, צא. צושטערען, פֿאַר־
װיסטען.

מַחְ'רִיב־עוֹ'לָמוֹת־זײַן, צש. (תּלמו־
דיש). צושטערען װעלטען, אי־
בערקערהען װעלטען.

מַחְ'רִים־זײַן, צא. אַרײַנלײגען אין
חרם.

מְחָרֵף [מחַ'רֵף] וּמְגַ'דֵף־זײַן, צא.
זידלען און לעסטערען.

מָחְ'רַת־יוֹם־הַכִּפּוּ'רִים, הם. דער
טאָג נאָך יום כפור.

מַחְשָׁ'בָה, הוו. (מ. מַחְשָׁ'בוֹת).
געדאַנק, זינן. "מחשבה —
קײן מעשה" (װער.).

מַחְשָׁ'בָה־זָ'רָה, הוו. (מ. מַחְשָׁ'בוֹת־
זָ'רוֹת), (תּלמודיש). "אַ פֿרעמדער
געדאַנקען", אַ'ן אונרײנער אָדער
שלעכטער געדאַנקען.

מַחְשָׁ'בָה־טוֹ'בָה, הוו. (מ. מַחְשָׁ'בוֹת־
טוֹ'בוֹת). (תּלמודיש). אַ גוטער
געדאַנקען.

מַחְשָׁ'בָה־רָ'עָה, הוו. (מ. מַחְשָׁ'בוֹת־
רָ'עוֹת). (תּלמודיש). אַ שלעכטער
געדאַנקען.

מַחְשְׁבוֹ'תִין, או. זיך דערמאָנענדיג,
אַז מע האַלט שױן דערבײַ, פֿאַר־
בײגעהענדיג.

מ"ט־שַׁעֲרֵי־טוּמְ'אָה, (קאַבאַלים־
טיש). די ניין און פֿערציג טהױערען
(שטופֿען) פֿון אונרײנקײט.

מַטְבֵּ'עַ, הוו. (מ. מַטְבְּ'עוֹת). אַ
געלט־שטיק, אַ מינצע; געלט. אַ
רעכטע מטבע, אַ גרױסע
סומע. "דער װאָס האָט די
מטבע דער האָט די דעה"
(שפּוו.). "עס איז ניטאָ קײן
שלעכטע מטבע פֿאַר אַ סוחר"
(שפּוו.).

מִ'טָּה, הוו. (מ. מִ'טּוֹת). "בעט",
דאָס ברעט אױף װעלכען מע
טראָגט דעם טױטען צום טױטען־
פֿעלד.

מְטַ'הֵר־זײַן, צא. אָפּרײניגען, אָפּ־
װאַשען (אַ טױטען).

מְטוּ'פָּל, הם. (מ. מְטוּפָּ'לִים). אײ־
נער װעלכער איז באַלאָדען; אײ־
נער װעלכער האָט פֿיעל קינדער.

מְטוּ'רָף, הם. (מ. מְטוּרָ'פִים). אַ
פֿאַרריקטער, אַ װאַהנזיניגער.

מְטוּרֶ'פֶת, הוו. זעה מְטוּ'רָף.

מְטוּשְׁ'טָשׁ, א. ניט דײטליך; צו־
טראָגען, צוטומעלט.

מַ'טּוֹת, הוו. דער נאָמען פֿון דער
צװײ און פֿערציגסטער סדרה (װז.).

מַ'טּוֹת־וּמַסְ'עֵי, הוו. מ. זעה סֶדְ'רָה.

מַטַּטְ'רוֹן, הם. דער נאָמען פֿון אַ
געװיסען מלאך װעלכער שטעהט
נעבען גאָט'ס טהראָן.

מֵ'טִיב־זײַן, צש. גוטס טהאָן, זײַן
גנעדיג.

מַ'טִיף, הם. (מ. מַטִי'פִים). רעד־
נער, פּרעדיגער.

מַ'טִיף־לְאוּ'מִי, הם. אַ נאַציאָנאַלים־
טישער רעדנער.

מְטַלְ'טְלִים, מ. באַװעגליכע גיטער,
הױז־זאַכען, מעבעל.

מְטַ'מֵא־זײַן, צא. פֿאַראונרײניגען,
מאַכען אונרײן.

מַטְ'מוֹ'ן, הָמ. (מ. מַטְמוֹ'נִים). אַ פאַרבאָרגענער שאַץ, אַ שאַץ; אַ גרויסע סומע.

מַטְעַ'מִים, מ. געשמאַקע שפּייזען.

מַטְרִי'חַ־זיין, צא. באַמיהען.

מִי־יוֹדֵ'עַ, (ביבליש). ווער ווייס?

מִי־יִחְ'יֶה, (ליטורגיש). ווער עס זאָל בלייבען לעבען (ווערטער גע־נומען פון דעם "ונתנה־תוקף"־געבעט).

מִי־יָ'מוּת, (ליטורגיש). ווער עס זאָל שטאַרבען (ווערטער גענומען פון דעם "ונתנה־תוקף"־געבעט). "ער ווייגט ניט אויף מי־ימות נאָר אויף מי־יחיה" (ווער.).

מֵי־רַגְלַ'יִם, מ. (תלמודיש). אורין.

מִי־שֶׁבֵּ'רַךְ, המ. (מ. מִי־שֶׁבֵּ'רַכִ'ים), (ליטורגיש). "דער וועלכער האָט געבענשט" (אונזערע עלטערען אברהם, יצחק און יעקב דער זאָל אויך בענשען א. א. וו.), אַ גע־בעט וואָס מע זינגט אוים אין שוהל ביים לייענען פאַר דעם אויפגערופענעם ביי וועלכער גע־לעגענהייט ער שענקט אַ געוויסע סומע אויף דער שוהל אָדער פאַר אַנדערע וואָהלטהעטיגע צוועקען; לויב, דאַנק. אַ טרוקענער מי־שברך, אַ מי־שברך געזאָגט אויף אַ פּערזאָן וועלכע האָט גאָרניט געגעבען. מאַכען אימיצען אַ מי־שברך, איינעם לויבען (פאַר אַ גוטע טהאַט). דער רוסישער מי־שברך, דאָס רוסישע פלוך־וואָרט.

מִי־שָׂמְ'ךָ, (ביבליש). ווער האָט דיך געמאַכט (פאַר אַ'ן אויבער־האַר)?, ווער האָט דיר געגעבען דאָס רעכט?. "ווער האָט דיך גע־מאַכט פאַר אַ מי־שמך?" (ווער.).

מִי'אוּס, א. זעה מֵאוּס.

מְיָאֵשׁ [מְיַ'אֵשׁ]־זיין־זיך, צוו. צווייפע־לען, אויפגעבען די האָפנונג.

מְיַ'בֵּם־זיין, צא. הייראַטהען (ביי אידען פאַרצייטען) די פרוי פון אַ ברודער וועלכער איז געשטאָרבען אָהן קינדער. זעה חֲלִי'צָה.

מִי'גוֹ, זעה מִ'גוֹ.

מִיָּד [מְיַ'ד], באַלד, גלייך.

מִיָּד־לְיָד [מִיַד־לְ'יַד], פון האַנד צו האַנד.

מִי'דָה, (מ. מִי'דוֹת). זעה מִ'דָה.

מְיוּ'חָס, המ. (מ. מְיוּחָ'סִים). איי־נער וועלכער שטאַמט פון אַ הויכער פאַמיליע. "אַ מיוחס עסט רוחות" (שפּוו.). "אַ'ן אָרעמער מיוחס איז געגליכען צו די שברי־לוחות" (שפּוו.).

מְיוּ'שָׁב, א. באַזעסען, איבערלייגט.

מְיוּ'שָׁבְ'דיג, א. זעה מְיוּ'שָׁב.

מֵי'חוּש, המ. אַ קראַנקהייט, אַ שוואַכקייט.

מְיַ'חֵם־זיין־זיך, צוו. זעה יִ'חוּסְ'ען־זיך.

מיט־, די באַדייטונג פון אַלע העב־רעאישע ווערטער מיט דעם פאָר־וואָרט "מיט־" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל־וואָרט.

מִי׳טָה, הוו. (מ. מִי׳טוֹת). זעה מִ׳טָה.

מְיָי׳אֵשׁ־, זעה מְיָאֵשׁ־.

מְיַי׳בֵּם־, צא. זעה מְיַ׳בֵּם־.

מְיַי׳חֵס־, זעה מְיַ׳חֵס־.

מַ׳יִם, המ. מ. זעה מַ׳יִם.

מייקאַכץ, הוו. (מ. מייקאַכצען). דאָס וואָס מע ברעכט אויס (פון מאָגען). זעה מֵ׳קִיאין.

מייקען, מייקענען, צש. ברעכען, אויסברעכען (פון מאָגען). זעה מֵ׳קִיאין.

מְיַי׳שֵׁב־, זעה מְיַ׳שֵׁב־.

מִיכָ׳אֵל, אנמ. (ביבליש). דער נאָמען פון אַ געוויסען מלאך.

מִי׳כָה, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען פּראָפעט; דאָס ביבלישע בוך וואָס ענטהאַלט די פּראָפעצייהונגען פון מיכה.

מֵי׳לָא, או. נו, אויך רעכט. "מ י ל א נו פּטור" (ווער. — ד. ה. נו זאָל שוין אַזוי).

מִי׳לָה, המ. (מ. מִי׳לוֹת). די באַשניידונג (פון אַ אידישען קינד); דער מענליכער אָרגאַן. "ער טראָגט זיך אַרום ווי אברהם־אבינו מיט דער מ י ל ה" (ווער.).

מִי׳לֵי־דְעָלְ׳מָא, מ. (תלמודיש). וועלטליכע זאַכען, וועלטליכע אינטערעסען.

מַ׳יִם, מ. וואַסער.

מַ׳יִם־אַחֲרוֹ׳נִים, מ. "דאָס לעצטע וואַסער", דאָס וואַסער אין וועלכען מע וואַשט די פינגער איידער מע זאָגט דאָס געבעטט נאָכ׳ן עסען. "מ י ם - א ח ר ו נ י ם וואַסער" (שפּאַס־אויסדרוק).

מַ׳יִם־חַ׳יִים, מ. (ביבליש). "פרישעס וואַסער", בראָנפען, שנאַפּס.

מַ׳יִם־שֶׁלָ׳נוּ, מ. (תלמודיש). וואַסער וואָס איז געשטאַנען אין אַ געפעס איבער נאַכט (געברויכט ביים קנעטען פון מצות דאָמיט דער טייג זאָל ניט זויער ווערען).

מֵימְ׳רָא, הוו. (מ. מֵימְ׳רוֹת). אַ זאַץ, אַ פּאַראַגראַף (פון תלמוד).

מִין, המ. (מ. מִי׳נִים, מִי׳נֵי־). זאָרט, גאַטונג, קלאַס, אַרט; געשלעכט.

מִינְיָ׳ן, המ. (מ. מִינְיָ׳נִים). זעה מִנְיָ׳ן.

מִי׳עוּט, זעה מִ׳עוּט.

מֵי׳צַר, המ. אונטערדריקער, פאַרפאָלגער. "דער יצר איז אַ מיצר" (שפּוו.).

מֵי׳קִיל, המ. זעה מֵ׳קִיל.

מְיַ׳שֵׁב־זיין־זיך, צוו. זיך באַראַטהען, זיך באַקלערען, זיך איבערלייגען.

מִי׳תָה, הוו. (מ. מִי׳תוֹת). טויט, טויט־שטראָף.

מִי׳תָה־מְשׁוּ׳נָה, הוו. (תלמודיש). אַ׳ן אונגאַטירליבער טויט, אַ געוואַלד־טויט. מ י ת ה - מ ש ו נ ה קאָלירען, ווילדע געשמאַקלאָזע קאָלירען.

מְכַ׳בֵּד־זיין, צא. באַעהרען, טראַקטירען.

מַכְ'בִּי, אנמ. (מ. מַכְ'בִּים). אַ נאָמען מיט וועלכען די מיטגליעדער פון דער פאַמיליע חשמונאים רופען זיך אָן. דער ערשטער וועלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען איז געווען מתתיהו'ס זוהן יהודה, וועלכער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכענט מיט זיין העלדישקייט און פאַטריאָטיזמוס אין פיעלע שלאַכטען מיט די גריכען. לויט דער באַהויפּטונג פון געוויסע היסטאָריקער איז דאָס וואָרט "מכבי" צונויפגעשטעלט פון די אָנפאַנג־בוכשטאַבען פון די ווערטער "מי כמוך באלים יהוה" (ווער צווישען די שטאַרקע איז אַזוי ווי דו, אָ גאָט), וועלכע זיינען געווען אויפגעשריבען אויף דער פאָהן פון יהודת און זיין אַרמיי.

מַכְ'בִּיד־זיין, צא. שווער מאַכען, אַרויפלעגען אַ לאַסט.

מַכְ'בִּיד־עול־זיין, צש. שווער מאַכען דעם יאָך.

מַ'כָּה, הוו. (מ. מַ'כּוֹת). אַ פּלאָג, אַ פּעסט, אַ'ן אָנשיקעניש; אַ געשוויר; אַ קלאַפּ. קריגען מ כ ו ת, גאָרנישט קריגען. "אַז מע לעגט ניט אַריין טאַקי נעהמט מען אַרויס אַ מ כ ה" (שפּוו.). "גאָט איז אַ פּאָטער, אַז ער גיט ניט קיין מ כ ה גיט ער אַ בלאָטער" (שפּוו.). "אַז עס קומט אויף קהל אַ מ כ ה קומט אויף דעם יחיד אַ בלאָטערעל" (שפּוו.).

מַ'כָּה אֲ'שֶׁר לֹא כְּתוּ'בָה בַּתּוֹ'רָה, הוו. (ביבליש: מַכָּה אֲשֶׁר לֹא כָתוּב בְּסֵפֶר הַתּוֹרָה). "אַ פּלאָג וועלכע איז ניט דערמאָנט אין דער תורה", אַ נייע פּלאָג. זעה תּוֹ'כֵחָה.

מְכַ'וֵּין, זעה מְכַ'וֵּן.

מְכוּ'וָן, הוו. אַבזיכט, מיין.

מְכוּ'חַ, זעה מְכַ'חַ.

מְכוּ'לֶה, א. פאַרדאָרבען, קאַליע; באַנקראָט. געהן מ כ ו ל ה, באַנקראָטירען.

מְכַ'וֵּן־זיין, צא. האַלטען אין זינען, מיינען, בעאַבזיכטיגען; צוטרעפען, צופּאַסען.

מְכוּרַ'עַת, הוו. אַ העסליכע פרויענצימער (פאַרגרייזט פון מְכוּעֶ'רֶת, ווז.).

מַ'כּוֹת־אַכְזָ'רִיּוֹת, מ. גרויזאַמע קלעפּ, מערדערליכע קלעפּ.

מַ'כּוֹת־רֶ'צַח, מ. מערדערליכע קלעפּ.

מוֹכִ'חַ, ב. ווענען, איבער, אין בעצוג אויף.

מַכְ'חִישׁ־זיין, צא. אָפּלייקענען.

מְכִילְ'תָּא, הוו. אַ געוויסער קאָמענטאַר געשריבען פון די תנאים אויף דאָס בוך שמות (ווז.).

מֵ'כִין־זיין, צא. אָנגרייטען, צוגרייטען.

מַ'כִּיר־טוֹ'בָה, הט. איינער וועלכער איז דאַנקבאַר פאַר אַ געפעלינקייט.

מְכִי'רָה, הוו. (מ. מְכִי'רוֹת). אַ פאַרקויף.

מְכִי'רַת־חָ'מֵץ, הוו. דאָס פאַרקוי־

פען פון חמץ צו אַ ניט־אידען אין דעם טאָג פאַר פסח.

מְכִירַת־יוֹסֵף, הוו. די ביבלישע ערצעהלונג פון יוסף מיט זיינע ברידער וועלכע האָבען איהם פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף.

מְכָּל־שֶׁכֵּן [מִכָּל־שֶׁכֵּן], או. זעה כָּל־שֶׁכֵּן.

מְכַלֶּה־מאַכען, צא. פאַרדאַרבען, מאַכען צוניכט, צושטערען.

מִכְּלוֹמֶרְשְׁט, זעה כְּלוֹמֶרְשְׁט.

מַכְנִיס־אוֹרֵחַ, הם. (מ. מַכְנִיסֵי־אוֹרְחִים [אָרְחִים]). אַ גאַסטפריינדליכער מענש.

מַכְנִיעַ־זיין־זיך, צוו. זיך מאַכען אונטערטהעניג, זיך ערנידעריגען.

מִכְנָסַיִם, מ. ביינקליידער, הויזען; דער אונטערשטער טהייל פון טויטען־קליידער.

מֶכֶם, הם. צאָלל, אָפּצאָלל, מאַקסע. "אַ וואָגען „העט איך" צאָלט ניט קיין מ כ ם" (שפוו.).

מְכַפֵּר־זיין, צא. פאַרצייהען, פאַרגעבען; צש. זיין אַ פאַרגעבונג, זיין אַ פאַרגיטיגונג.

מַכְרִיז־(ומוֹדִיעַ)־זיין, צא. אויסרופען, אויסשרייען, פראָקלאַמירען, באַקאַנטמאַכען, פאַרעפענטליכען.

מַכְרִיעַ־זיין, צא. ענטשיידען.

מִכְשׁוֹל, הם. (מ. מִכְשׁוֹלִים). שטרויכלונג, הינדערניס.

מַכְשִׁיל־זיין, צא. מאַכען (אויסיצען) געשטרויכעלט צו ווערען, ברייננגען צו אַ זינד.

מְכַשְּׁפָה, הוו. (מ. מְכַשְּׁפוֹת). זעה מְכַשֵּׁפָה.

מַכְשִׁירִין, מ. געשיר, געצייג.

מְכַשֵּׁף, הם. (מ. מְכַשְּׁפִים). צויבערער, צויבער־מאַכער.

מְכַשֵּׁפָה, הוו. (מ. מְכַשֵּׁפוֹת). צויבערין, צויבער־מאַכערין; אַ שלעכטע פרוי.

מְכַשֵּׁפִיטע, הוו. (מ. מְכַשֵּׁפִיטעס). זעה מְכַשֵּׁפָה.

מַכַּת־מְדִינָה, הוו. (תלמודיש). לאַנד־פלאָג, עפּידעמיע.

מִכְתָּב, הם. (מ. מִכְתָּבִים). אַ בריעף.

מִכְתָּב־לְאֲהוּבִי־בריעף, הז. פריינדשאַפט-בריעף.

מַל־זיין, צא. באַשניידען (אַ קינד).

מָלֵא, א. פול; באַטרונקען, באַרוישט.

מָלֵא, הם. אַ פולער מאָנאַט, אַ (אידישער) מאָנאַט וועלכער האָט דרייסיג טעג.

מָלֵא־וְגָדוּשׁ, א. (תלמודיש). פול און אָנגעהויפט, פול מיט קענטניסען.

מָלֵא־חֵמָה, א. פול מיט צאָרן, צאָרניג.

מָלֵא־חֵן, א. פול מיט רייץ, רייצענד, אנציהענד.

מָלֵא־רַחֲמִים, א. (ליטורגיש). פול מיט באַרמהערציגקייט, באַרמהערציג.

מָ׳לֵא־רְצִי׳חָה, א. פול מיט ווּאוטה, אויפגעקאָכט, שטאַרק צאָרניג.

מָ׳לֵא־שִׂמְ׳חָה, א. פול מיט פרייד, דערפרעהט.

מַלְ׳אָךְ, הם. (מ. מַלְאָ׳כִים). אַ׳ן ענגעל, אַ הימלישעס וועזען. „אַז מע רופט דעם מלאך קומט דער גלת" (ווער. — ווען אימיצער וועגען וועלכען מע האָט נאָר וואָס גערעדט קומט פלוצלונג אַריין).

מַלְ׳אָךְ־דוּמָה [דו׳מֶה], הם. (תלמודיש). דער מלאך וועלכער נעהמט אויף די טויטע אויף יענער וועלט.

מַלְ׳אָךְ־הַגּוֹ׳אֵל, הם. (ביבליש). דער ערלעזענדער (באַפרייענדער) ענגעל.

מַלְ׳אָךְ־הַדּוּמָה [הַדו׳מֶה], הם. זעה מַלְ׳אָךְ־דוּמָה.

מַלְ׳אַךְ־הַמָּ׳וֶת, הם. (מ. מַלְ׳אַךְ־הַמָּ׳וֶת׳ען), (תלמודיש). דער ענגעל פון טויט; אַ מערדער, אַ טויט=ברייננגער. „דער מלאך־המות זאָרגט זיך ניט צי דער טויטער האָט תכריכים" (שפוו.). „דער מלאך־המות שעכט און בלייבט גערעכט" (שפוו.). „אַ פוילען איז גוט צו שיקען נאָכ׳ן מלאך־המות" (שפוו.). „דער מלאך־המות קוקט ניט אין לוח" (שפוו.).

מַלְ׳אַךְ־חַבָּ׳לָה, הם. (פ. מַלְאֲ׳כֵי־חַבָּ׳לָה), (תלמודיש). פאַרדערבענדער ענגעל, בייזער גייסט; שלעכטער מענש.

מְלָא׳כָה, הוו. (מ. מְלָא׳כוֹת). אַ׳ן אַרבייט, אַ שטיק אַרבייט; אַ פּראָפעסיאָן. „פון אַלע מלאכות אין באָד אַריין" (ווער.). „אַ מלאכה פון איהם דאָס צו טהאָן!" (ווער.). „פיעל מלאכות און ווייניג ברכות" (שפוו.). „די מלאכה האָט ליעב צו מאַכען ברכה" (שפוו.). „די שווערסטע מלאכה איז ליידיג צו געהן" (שפוו.). „אַ מלאכה איז אַ מלוכה" (שפוו.). „אַז מע האָט אין דער האַנד אַ מלאכה קומט אַריין די ברכה" (שפוו.). „טהו נאָר פלייסיג דיין מלאכה וועט שוין קומען די מזל־ברכה" (שפוו). „די מלאכה דאַרף מען קענען און יושר דאַרף מען האָבען" (שפוו.). „אַ איד קען אַלע מלאכות: פסח באַקט ער מצות, שבועות איז ער אַ גערטנער, תשעה־באב איז ער אַ זעלנער, סכות איז ער אַ בוי=מייסטער, חנוכה גיסט ער דריידלאַך, ראש־השנה בלאָזט ער שופר" (שפוו.).

מְלָא׳כֶה׳ן, צש. (וואולגאַר). געהן אויפ׳ן שטוהל.

מַלְאָ׳כִי, אנם. דער נאָמען פון אַ געוויסען פּראָפעט, דער נאָמען פון דאָס ביבלישע בוך וואָס ענטהאַלט די פּראָפעצייהונגען פון מלאכי.

מַלְאֲ׳כֵי־הַשָּׁ׳רֵת, הם. מ. (תלמודיש). די מלאכים וואָס באַדיענען (גאָט, און שטעהען נאָהנט צו זיין טהראָן).

מְלָאפּוּם [מְלוֹ׳פּם], הם. דער געמיינשאַפטליכער נאָמען פון די צוויי העברעאישע וואָקאַל=צייכענס „וּ" און „וּ".

מַלְבּוּשׁ, המ. (מ. מַלְבּוּשִׁים): אַ קלייד.

מַלְבּוּשֵׁי־כָבוֹד, מ. עהרען-קליי־דער, פּרעכטיגע קליידער.

מַלְבִּישׁ־עֲרוּמִים, (תלמודיש). המ. דער באַקליידער פון די נאַקעטע (אָרעמע).

מְלוּבָּשׁ, א. באַקליידעט, אָנגעטהאָן.

מַלְוֶה, המ. (מ. מַלְוִים). איינער וועלכער פאַרלייהט געלט.

מְלַוֶּה־זיין, באַגלייטען, אַרויסבאַ־גלייטען; נאָכגעהן (נאָך אַ טויטען).

מַלְוֶה־בְּרִבִּית, המ. (מ. מַלְוֵי־בְּרִבִּית), (תלמודיש). איינער וועלכער פאַרלייהט געלט אויף פּראָצענט.

מְלַוֶּה־מַלְכָּה, הוו. "די באַגלייטונג פון דער קעניגין", די מאָהלצייט וועלכע מע עסט שבת־צו־נאַכט און מיט וועלכער מע באַגלייט אַרויס דעם שבת.

מְלַוֶּה־מַלְכָּה־זיין, צש. "אַרויסבאַ־גלייטען די קעניגין", עסען די מאָהלצייט פון מלוה-מלכה.

מַלְוֶה׳טע, המ. (מ. מַלְוֶה׳טעס). זעה מַלְוֶה.

מַלְווה, (מ. מַלְווים). זעה מַלְוֶה.

מְלַוֶּה־, זעה מְלַוֶּה־.

מְלוּכָה, (מ. מְלוּכוֹת). רעגירונג; קעניגרייך, אימפּעריע; קעניגלי־כעס אַמט, קייזערטהום. "אַ מלאָכה איז אַ מ ל ו כ ה אָבער מע האָט ניט קיין מנוחה" (שפּוו.).

מְלוּמָּד, המ. (מ. מְלוּמָּדִים). אַ געלערנטער, אַ געבילדעטער, אַ קענער.

מְלוּמֶּדֶת, הוו. זעה מְלוּמָּד.

מְלוּמֶּדֶת׳טע, הוו. (מ. מְלוּמֶּדֶת־טעס). זעה מְלוּמָּד.

מֶלַח, המ. זאַלץ.

מִלְחָמָה, הוו. (מ. מִלְחָמוֹת). שלאַכט, קריעג, קאַמפּף, שטרייט.

מֵלִיץ, המ. (מ. מְלִיצִים). פאַר־טהיידיגער, אַדוואָקאַט; אַ רעד־נער, אַ שרייבער. "אַ גוטער מ ל י ץ זאָל ער (דער פערשטאָר־בענער) פאַר אונז זיין".

מֵלִיץ־יוֹשֶׁר, המ. (ביבליש). אַ גוטער פאַרטהיידיגער.

מְלִיצָה, הוו. (מ. מְלִיצוֹת). רע־טאָרישער סטיל, שעהנע שפּראַך; אַ שענע פּראָזע, אַ געשליפענער ואָרט.

מֶלֶךְ, המ. (מ. מְלָכִים). קעניג. "הינטער די אויגען מעג מען רע־דען אפילו אויפ׳ן פּוילישען מ ל ך" (שפּוו.). "אַ נייער מ ל ך מיט נייע גזרות, אַ נייער יאָהר מיט נייע עבירות" (שפּוו.).

מֶלֶךְ־חֶסֶד, המ. (ביבליש). אַ גנע־דיגער קעניג.

מֶלֶךְ־מַלְכֵי־הַמְּלָכִים, המ. (לי־טורגיש). דער קעניג פון אַלע קי־ניגען, גאָט.

מַלְכָּה, הוו. (מ. מַלְכוֹת [מַלְכוֹת]). קעניגין. האָבען אַ מ ל כ ה צום סדר, האָבען די ווייב נעבען זיך ביים אָפריכטען סדר. "ווי דאָס

ווייב איז אַ מלכה אום פּסח, איז דער מאַן אַ מלך" (שפּוו.).

מַלְ'כוּת, הוו. הערשאַפט, קיניג־טהום; המ. קיניג.

מַלְ'כוּת־בּרויט, הז. אַ געוויסער זאָרט געבעקס וואָס מע באַקט ביי אידען אויף יום־טוב.

מְלָ'כִים, המ. "די קיניגען", דער נאָמען פון אַ ביבלישען בוך (איינגעטהיילט אין צוויי טהיילען, דער ערשטער פון וועלכע רופט זיך "מלכים א'" און דער צווייטער — "מלכים ב'").

מַלְ'כַּת־שְׁבָא, אנוו. די קעניגין פון לאַנד שבא (וועלכע איז געקומען זעהן דעם קעניג שלמה'ס קלוגהייט, ווי די ביבעל דערצעהלט). "אויסגעפּוצט ווי מלכת־שבא" (ווער.).

מְלַ'מֵּד, המ. (מ. מְלַמְּ'דִים). אַ לעהרער (געוועהנליך אַ לעהרער פון אידישע לעהר־געגענשטאַנדען); אַ ניט־וועלטליכער מענש, אַ נאַרר. "אַז דער מלמד קריגט זיך מיט דער ווייב איז אַז אָך און וועה די תלמידים" (שפּוו.). "איטליכער מלמד איז אַ שטיק שלים־מזל" (שפּוו.). "דער מלמד אַרבייט מיט'ן טייטעל און דער בעל־הבית מיט'ן בייטעל" (שפּוו.). "עס האָט איהם געטראָגען ווי אַ רוח דעם מלמד" (ווער.).

מְלַ'מֵּד־זְכוּת־זיין, צש. (תלמודיש). רעדען גוטעם, פאַרטהיידיגען.

מְלַמְּ'דוּת, הוו. די פּראָפעסיאָן פון אַ מלמד; אַ קנעללונג.

מְלַמְּ'דִייש, א. באַלאַנגענדיג צו אַ מלמד; נאַרריש, ניט־וועלטליך.

מְלַ'מֶּדִיקע, הוו. (מ. מְלַ'מֶּדִיקעס). די פרוי פון אַ מלמד.

מִלְעֵיל [מִלְעֵל'], או. "אויבען", מיט דעם אַקצענט אויף איינע פון די פאָרלעצטע זילבען.

מַ'ליען, צא. באַשניידען (אַ קינד).

מַ'לְקוֹת, מ. קלעפּ, שמייץ מיט וועלכע מע פלעגט באַשטראָפען (פאַרצייטען ביי אידען) פאַר געוויסע עברות; די שמייץ וואָס די פרומע אידען לאָזען זיך פון אימיצען געבען ערב־יום־כפּור אַלס אַ'ן אָפּקומענים פאַר זייערע זינד.

מִלְרַע', או. "אונטען", מיט דעם אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע.

מַ'לְשִׁין, המ. אַ פאַרלוימדער, אַ דאָנאָסשטשיק.

מַ'לְשִׁין־זיין, צש. פאַרלוימדען, דאָנאָסעווען.

מֶם, המ. (מ. מֶ'מ'ען). דער נאָמען פון דעם דרייצעהנטען בוכשטאַב (מ) פון דעם אידישען אַלף־בית. שלום־מם, דער נאָמען פון דעם זעלבען בוכשטאַב ווען געשריבען צום ענד פון וואָרט (ם).

מָה־נַּפְשָׁךְ, (תלמודיש). "ווי דו ווילסט", אין איטליכען פון די צוויי פאַלען, אויף יעדען פאַל.

מָ'מוֹן, המ. געלט. "עס קאָסט גענוג ממון און דמים" (ווער.).

מָ'מוֹן־קֹ'רַח, המ. אַ גרויסער קאַפּיטאַל. זעה קֹ'רַח.

מְמוּנֶה, הם. (מ. מְמוּנִים). אָנגעשטעלטער, בעאַמטער, אויפזעהער.

מַמְזֵר, הם. (מ. מַמְזֵרִים). אַ אונגעזעצליכעס קינד; אַ חיטרער פאַרשפּיצטער קערל. „אַ ממזר קען מען זיין און קלוג מוז מען זיין" (שפּוו.). „אַז אַ מוטער שרייט אויף איהר קינד „ממזר!" מעג מען איהר גלויבען" (שפּוו.). „דאָס קערבעל איז ניט קיין ממזר" (שפּוו.).

מַמְזֵר־בְּלְבּוּל, הם. (מ. מַמְזֵר־בִּלְבּוּלִים). די באַשולדיגונג אַז אימיצער איז אַ ממזר; אַ פאַלשע באַשולדיגונג.

מַמְזֵר־בֶּן־הַנִדָּה, הם. זעה בֶּן־הַנִדָּה.

מַמְזֵרִיטע, הוו. (מ. מַמְזֵרִיטעס). זעה מַמְזֵר.

מַמְזֵרִיש, א. באַלאַנגענדיג צו אַ ממזר; חיטרע, פאַרשפּיצט, קונציג.

מַמְזֶרֶת, הוו. (מ. מַמְזֵרוֹת). זעה מַמְזֵר.

מְמֵילָא, או. נאַטירליך, זעלבסטפאַרשטענדליך, פאָלגליך.

מֵמִית׳ען, צא. מערדעריך שלאָגען.

מְמַלֵא־זיין, צא. ערפילען, אויספילען.

מְמַלֵא־מָקוֹם, הם. (תלמודיש). אַ שטעל־פאַרטרעטער.

מְמַלֵא־מָקוֹם־זיין, צא. אויספילען דעם פלאַץ פון —, פאַרטרעטען די שטעל פון —.

מַמְלִיץ־, זעה מֵלִיץ.

מַמְצִיא־זיין, צוו. ערפינדען. זיך ממציא־זיין, זיך מאַכען די געוואוהנהייט. „ער האָט זיך ממציא געווען צו קומען יעדען טאָג".

מִמִצְרַיִם־וְעַד־הֵנָּה, (ביבליש). פון מצרים ביז אַהער, זעהר לאַנג אָדער ווייט.

מִמְקוֹמְךָ, זעה מְקוֹנֵן.

מֵמְרָא, הוו. זעה מֵימְרָא.

מַמָשׁ, או. ווירקליך, אין דער טהאַט, טאַקי; אַקוראַט, גענוי. „ער האָט מיך ממש מחיה געווען". „ממש ווי זיין טאַטע".

מַמָשׁוּת, הוו. ווירקליכקייט, פעסטקייט, האַפּט. „עס האָט קיין ממשות ניט".

מַמָשׁוּת׳דיג, או. האַבענדיג אַ האַפּט, קאָנקרעט.

מֶמְשָׁלָה, הוו. (מ. מֶמְשָׁלוֹת). הערשאַפט, אויבערהערשאַפט, רעגירונג.

מַמְתִּיק־זיין, צא. פאַרזיסען, מאַכען אַנגענעהם, מאַכען לייכט צו פאַרשטעהן, פאָפּולאַריזירען. „ער האָט די זאַך ממתיק געווען מיט אַ משל".

מַמְתַּקִים, מ. „זיסע זאַכען", געלט, קלינגערס.

מָן [מַן], הם. די געשמאַקע שפּייז וועלכע פלעגט יעדען מאָרגען אַראָפּפאַלען פון הימעל פאַר די אידען אין דער וויסטע, ווי די ביבעל דערצעהלט. „עס האָט דעם

טעם פון מן". "האָבען מיר ניט געוואָלט עסען מן אין דער מדבר מוזען מיר אַצינד עסען ציבעלעס" (שפּוו.).

מִן־הַסְתָּם', או. זעה מִסְתְּמָא.

מִן־הַצַּד', או. פון דער זייט, פון אַ זייטיגער קוועלע.

מִן־הַשָּׁמַיִם, או. (תלמודיש). פון הימעל, פון גאָט.

מִן־הַשָּׂפָה־וְלַחוּץ', (תלמודיש). פון די ליפּען אַרויס (ניט פון האַרצען).

מִן־הַתּוֹרָה, או. (תלמודיש). לויט דעם געזעץ פון דער תורה.

מְנַגֵּן, המ. (מ. מְנַגְּנִים). אַ זינגער; אַ קענער פון מוזיק.

מְנַדֵּב, המ. (מ. מְנַדְּבִים). איינער וועלכער שענקט (עפּעס פאַר אָרעמע אָדער פאַר וואָהלטהעטיגע צוועקען).

מְנַדֵּב־זיין, צא. שענקען (עפּעס פאַר אָרעמע אָדער פאַר וואָהלטהעטיגע צוועקען).

מָנֶה־יָפָה, הוו. (תלמודיש). אַ שענע פּאָרציע.

מִנְהָג, המ. (מ. מִנְהָגִים). געוואונהייט; זיטע, מאָדע, איינפיהרונג. "אַ מנהג ברעכט אַ דין" (שפּוו.).

מִנְהַג־הַמְּדִינָה, המ. (תלמודיש). "די זיטע פון לאַנד", איינפיהרונג, מאָדע.

מִנְהַג־שְׁטוּת, המ. אַ נאַרישע מאָדע, אַ נאַרישע איינפיהרונג.

מַנְהִיג, המ. (מ. מַנְהִיגִים). פיהרער, אָנפיהרער, פאָרשטעהער.

מְנַהֵל, המ. (מ. מְנַהֲלִים). פיהרער, פאַרוואַלטער (פון אַ ישיבה אָדער אַ וואָהלטהעטיגער אַנשטאַלט).

מְנוּוָל, המ. (מ. מְנוּוָלִים). העסליכער אָדער עקעלהאַפטער מענש, פאַסקודניק.

מְנוּוֶלֶת, הוו. (מ. מְנוּוָלוֹת). זעה מְנוּוָל.

מְנוּוֶלֶתטע, הוו. (מ. מְנוּוֶלֶתטעס). זעה מְנוּוָל.

מְנוּחָה, הוו. (מ. מְנוּחוֹת). רוה, אָפּרוה. "ווער עס ווערט רייך פון גזלה און רציחה דער האָט ניט קיין מנוחה" (שפּוו.).

מְנוּחַת־שָׁעָה, הוו. רוה פון אַ וויילע, אַ קורצער אָפּרוה.

מְנוֹרָה, הוו. (מ. מְנוֹרוֹת). אַ לייכטער מיט מעהרערע רעהרען. אַ קאַנדעלאַבער.

מְנוֹרַת־הַמָּאוֹר, המ. "דער לייכטער פון ליכטיגקייט", דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען מאָראַלבוך.

מִנְחָה, הוו. (מ. מְנָחוֹת). אַ געוויסער זאָרט אָפּפער (פאַרצייטען ביי אידען) וואָס איז באַשטאַנען פון מעהל און אויל; די תפלה וואָס מע דאַווענט נאָכמיטאָג אָדער פאַרנאַכט איידער די זונן פאַרגעהט.

מִנְחָה־גְדוֹלָה, הוו. (תלמודיש). דאָס געבעט פון מנחה ווען עס ווערט געדאַווענט גלייך נאָכמיטאָג.

מִנְ'חָה־קְטַ'נָה, הוו. (תלמודיש). דאָס געבעט פון מנחה ווען עס ווערט געדאַווענט שפּעט נאָכמיטאָג אָדער פאַרנאַכט.

מְנַ'חֵם־זיין, צא. טרייסטען.

מְנַ'חֵם־אָב, הם. דער מאָנאַט אָב (דאָס וואָרט "מנחם" [אַ טרייסטער] ווערט צוגעשטעלט, ווייל "אָב" אין וועלכען תשעה באָב פאַלט אויס איז ביי אידען אַ זעהר טרויעריגער מאָנאַט).

מְנַ'חֵם־אָ'בֵל־זיין, צא. (תלמודיש). "טרייסטען דעם טרויערער", באַזוכען דעם וואָס זיצט שבעה.

מְנֵיה'־וּבֵיה [וּבֵיה'], או. (תלמודיש). גלייך אויפ'ן אָרט, אויגענבליקליך.

מִנְ'יָן, הם. (מ. מִנְיָ'נִים). די צאָהל (פון צעהן פערזאָנען וועלכע מען מוז ביי אידען האָבען צום דאַווענען און צו אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניען); צעהן, אַ צעהנדליג. מאַכען אַ מ נ י ן, דאַווענען זאַלבע־צעהנט. "אַ סוד פאַר אַ מ נ י ן לייט" (ווער.). "בעט אַ פאַרך צו אַ מ נ י ן ווערט ער ביי זיך גרויס" (שפּוו). "ניין רבנים קענען קיין מ נ י ן ניט מאַכען, אָבער צעהן שוסטערס יאָ" (שפּוו.).

מְנִ'יעָה, הוו. (מ. מְנִי'עוֹת). הינדערניס, אָפּהאַלט, שטערונג.

מְנַ'כֶּה־זיין, צא. אַרונטעררעכענען, אַרונטערציהען.

מְנַצֵ'חַ־זיין, צא. זיעגען, באַזיעגען, בייקומען.

מְנַ'קֵר, הם. (מ. מְנַקְ'רִים). דער וואָס שניידט אַרויס די טרפ'ע אָדערען פון אַ בהמה'ס פליישׁ כדי אידען זאָלען עס מעגען עסען, אַ טרייבערער. זעה גִיד־הַנָ'שֶׁה.

מְנַ'שֶּׁה, אנמ. דער נאָמען פון איינעם פון די זיהן פון יוסף; דער שטאַם וואָס איז אַרויסגעקומען פון מנשה.

מַ"ס, אב. מוֹ'כֵר־סְפָ'רִים (ווז.).

מְסִ'בָּה, הוו. (מ. מְסִ'בּוֹת). קרייז, געזעלשאַפט, קאָמפּאַניע.

מַסְ'בִּיר־זיין, צא. ערקלערען, געבען צו פערשטעהן.

מְסַ'דֵר, הם. (מ. מְסַדְ'רִים). איינער וועלבער ברייגנט אין אָרדנונג, איינער ויעלבער שטעלט צונויף.

מְסַ'דֵר־זיין, צא. איינריכטען, צוזאַמענשטעלען, אָראַנזשירען. מסדר־זיין זיך, זיך צוגרייטען, זיך איינפּרובירען, זיך איינאיבען.

מְסַ'דֵר־קִידוּ'שִׁין, הם. אַ רב אָדער אַזוי אַ פערזאָן וואָס פיהרט דורך די צערעמאָניע פון קידושין.

מְסוּ'גָל, א. צוגעפּאַסט, פּאַסיג, געאייגנעט, פעהיג.

מְסוּ'כָּן, א. געפעהרליך קראַנק.

מְסוּ'פָק, א. אין צווייפעל, צווייפעלהאַפט.

מָ'סוֹר, הם. זעה מוֹסֵר.

מְסוֹ'רָה, הוו. (מ. מְסוֹ'רוֹת). אַ זאַך וואָס ווערט איבערגעגעבען פון איין דור צום צווייטען; אַ געוויסעם בוך אין וועלכען עס ווערט

גענוי אָנגעגעבען די ריכטיגע אויס=
שפּראַכע און אויסלעגונג פון דעם
ביבלישען טעקסט.

מִסְ'חָר, המ. (מ. מִסְחָ'רִים). גע=
שעפט, האַנדעל.

מְסִי'בָּה, הוו. (מ. מְסִי'בּוֹת). זעה
מְסִ'בָּה.

מַ'סִיג־גְבוּל־זיין, צא. (תלמודיש).
"פאַרחאַפּען די גרענעץ", פאַר=
נעהמען אַ שטיק פון אַ שכנ'ס
לאַנד; פאַרחאַפּען עפּעס אויף
וואָס אַ'ן אַנדערער האָט אַ רעכט.

מְסַ'יֵּים־, מְסַ'יֵּם־זיין, צא. ענדיגען
(שרייבען אַ ספר־תורה אָדער לער=
נען ש"ס א. ד. ג.).

מְסִי'רָה, הוו. (מ. מְסִי'רוֹת). אַ
דענאָס, באַשולדיגונג, אַ'ן אַנ-
קלאַגע.

מְסִי'רַת־מוֹדָ'עָה, הוו. ערקלערונג,
באַקאַנטמאַכונג.

מְסִי'רַת־נֶ'פֶשׁ, הוו. (תלמודיש).
דאָס שטעלען זיך אין געפאַהר,
זעלבסטאויפאָפּפערונג.

מֵ'סִית־וּמֵדִי'חַ, המ. (תלמודיש).
אָנהעצער, איינרעדער (צום שלעכ=
טען), פאַרפיהרער.

מַסֶכֶת, מַסֶכְ'תָּא, הוו. (מ.
מַסֶכְ'תוֹת). איינס פון די ביכער
אָדער טראַקטאַטען פון תלמוד.

מְסַ'לֵּק־זיין, צא. אָפּצאָהלען.

מַסְ'עֵי, הוו. דער נאָמען פון דער
דריי און פערציגסטער סדרה (ווז.).

מִסְ'פָּר, המ. צאָהל.

מִסְ'פָּר־גָ'דוֹל, המ. די גרויסע צאָהל,
די געוועהנליכע אַרט פון רעכענען
יעדען בוכשטאַב פאַר אַ צאָהל
(א—1, ב—2, ג—3, א. א. וו.)
אין געגענזאַץ צו "מספר־קטן"
(ווז.).

מִסְ'פָּר־קָ'טָן, המ. די קליינע צאָהל,
אַ געוויסער אַרט פון צעהלען לויט
וועלכער די צעהנדליגער און הונ=
דערטער ווערען באַרעכענט אַלס
איינציגע צאָהלען, צ. ב. ש.:
"שמש" באַטרעפט אין מספר־קטן
"גנב" (ווייל דער "ש" ווערט באַ=
רעכענט אַלס 3, דער "מ" אַלס
4 און דער "נ" אַלס 5).

מַסְרִי'חַ־זיין, צש. שטינקען.

מַ'סֶרִ'יען, צא. דענאָסעווען, פאַר=
ראַטהען, באַשולדיגען.

מְסַ'רֵס־זיין, צא. מאַכען פאַר אַ
סריס.

מִסְתָּ'מָא, או. ווי עס שיינט, קענ=
טיג.

מִסְתַּ'פֵּק־בְּמוּ'עָט, המ. (תלמודיש).
איינער וועלכער שטעלט זיך צו=
פריעדען מיט ווייניג.

מְעַבְ'דוֹת־לְחֵ'רוּת, (ליטורגיש).
פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט.

מַעֲ'בִיר־נַחֲ'לָה־זיין, צא. (ביבליש).
ענטערבען, אַוועקנעהמען דאָס
רעכט פון ערבשאַפט פון.

מַעֲ'בִיר־סִדְרָה [סֶדְ'רָה]־זיין, צש.
איבערלייענען מיט'ן טראָפּ די סדרה
פון דער וואָך.

מַעֲ'בִיר עַל מִדוֹ'תָיו, המ. (תלמו=
דיש). איינער וועלכער איז גרויס=
מוטהיג, איינער וועלכער לאָזט
איבערגעהן דאָס ווייניגע.

מַעֲ'בִיר־קְרִי'אָה־זַיין, צש. זעה מַעֲ'בִיר־סִדְרָה־זַיין.

מַעֲ'בַר־יַ'בּוֹק, הס. דער נאָמען פון א געוויסען בוך וואָס ענטהאַלט די געבעטען וועלכע א גוסס דאַרף זאָגען און די געבעטען וואָס מע זאָגט נאָך א טויטען.

מֵעֵ'בֶר־לַיָּם', או. (ביבליש). פון יענער זייט מעער.

מְעַ'גֵּן־זַיין, צא. פאַרלאָזען (א פרוי).

מַעֲדַ'נֵּי־מֶ'לֶךְ, מ. קעניגליכע שפייזען.

מְעוּבֶּ'רֶת, א. שוואַנגער.

מָ'עוֹז־צוּר, (ליטורגיש). "שטאַרקער פעלז", די ערשטע ווערטער פון א געבעט וואָס מע זינגט ווען מע צינדט אָן די חנוכה-ליכט. "אז דער שעפס הערט מעוז־צור און די קאַלב אקדמות מעג מען זייער פלייש אוועקטראָגען" (שפוו. — ד. ה. שעפסענ-פלייש נאָך חנוכה און קאַלב-פלייש נאָך שבועות טויגען ניט מעהר).

מְ'עוּט, הס. מינדערצאָהל, מינאָריטעט.

מְ'עוּט־מִן־הַמְ'עוּט, הס. (תלמודיש). זעהר ווינציגע צאָהל.

מֵעוֹר'־אֶ'חָד, פון איין שטיק פעל. תפילין מעור־אחד, תפילין געמאַכט פון איין שטיק פאַרמעט (די פרומע טראָגען אזעלכע תפילין).

מְעוֹ'רָב־עִם־הַבְּרִ'יּוֹת, הס. (תלמודיש). איינער וועלכער איז דורכגעמישט מיט מענשען, געזעליגער אנגענעהמער מענש.

מְעוֹ'רֵר־זַיין, צא. אויפוועקען, אויפטשוכען, אויפמונטערען, באַגייסטערען.

מָ'עוֹת, מ. געלט. "אז מע האָט מעות איז מען בעל־הבית" (שפוו.). "אז גאָט לאָזט לעבען מוז ער דערצו מעות געבען" (שפוו.). "ווען בנים זאָל זיין מעות וואָלט איך געווען א גרויסער בעל־הבית" (ווער.).

מָ'עוֹת־חִ'טִּים, מ. "ווייץ-געלט", דאָס געלט וואָס ווערט אויסגעטהיילט צו אָרעמע פאַר פסח אויף צו קויפען מצה.

מָ'עוֹת־עֲנִ'יִּים, מ. געלט וואָס די שטאָדט אָדער די געמיינדע טהיילט צו אָרעמע.

מֵ'עִיד־זַיין, צש. זאָגען עדות, דערצעהלען.

מֵ'עִיז־זַיין, צש. זיך דערוועגען, זיך אקעגען שטעלען.

מֵ'עִיז־פָּ'נִים־זַיין, צש. (תלמודיש). האָבען די פרעכהייט, זיך דערוועגען.

מְעַ'יֵּין־, מְעַ'יֵּן־זַיין, צש. אַריינקוקען (אין א בוך), זיך אריינטראַכטען, זיך פאַרטיפען.

מַעֲ'יָן־הַנּוֹבֵ'עַ, הס. (תלמודיש), א קוועלענדער ברונען, אונערשעפּליכער קוואַל.

מַעֲ'יָן־טָ'הוֹר, הס. "א ריינער קוואַל", דער נאָמען פון א געוויסען בוך פאַר אידישע פרויען וואָס ענטהאַלט די מענסטרואַציאָנס-געזעצען.

מע"ב, אב. מְעַ'לַּת־כְּבוֹ'דוֹ (ווו.).

מְעַ׳כֵּב־זיין, צא. פאַרהאַלטען, פאַרהינדערען, שטערען.

מְעַ׳כֵּב־הַגְאוּ׳לָה־זיין, צא. פאַרהאַלטען די אויסלייזונג (פון דעם אידישען פאָלק), פאַרהינדערען דאָס קומען פון משיח׳ן (דורך זינד).

מְעַ׳כֵּב־הַקְרִי׳אָה־זיין, צא. פאַרהאַלטען דאָס לייענען פון דער תורה (ווען איין איד האָט אַ געוויסע קלאַגע געגען אַ צווייטען מעג ער זיך באַנוצען מיט דעם דאָזיגען מיטעל אום צו ברייננען די זאַך פאַר דער עפענטליכער אויפמערקזאַמקייט און פאָרדערען גערעכטיגקייט).

מְעַ׳כֵּל־זיין, צא. פאַרדייען.

מעכ״ת, מַעֲ׳לַת כְּבוֹד תִּפְאַרְ׳תּוֹ (ווז.).

מַעֲ׳לָה, הוו. (מ. מַעֲלוֹ׳ת). אַ פאָרצוג, אַ׳ן אויסצייכנונג, אַ גוטע אייגענשאַפט, אַ׳ן אייגענשאַפט. "אַלע מ ע ל ו ת קענען ניט זיין אין איינעם" (שפוו.). "עס איז ניטאָ קיין מ ע ל ה אָהן אַ חסרון" (שפוו.).

מַעֲ׳לֶה־זיין, צא. אויפהויבען, העבערען. עס איז ניט מ ע ל ה און ניט מוריד, עס מאַכט קיין אונטערשייד ניט.

מַעֲ׳לֶה־גֵ׳רָה־זיין, צא. ווידער אויפברייננען און איבערקייען די פאַרשלונגענע שפייז (אַזוי ווי קיה א. ד. ג.), איינער פון די צייכענס דורך וועלכע מע דערקענט די טהירען וואָס אַ איד מעג עסען זייער פלייש.

מַעֲ׳לֶה־גֵ׳רָה׳ן, צא. זעה מַעֲ׳לֶה־גֵ׳רָה־זיין.

מַעֲ׳לִים־זיין, צא. פאַרבערגען, פאַרלייקענען.

מַעֲ׳לַת־כְּבוֹד־תִּפְאַרְ׳תּוֹ, "די ווירדע פון זיין פראַכטפולער עהרע", זיין הויכווירדיגע עהרע (אַ העפליכע אַרט פון אַדרעסירען אַ פערזאָן אין אַ בריף).

מַעֲ׳לַת־כְּבוֹ׳דוֹ, "די ווירדע פון זיין עהרע", זיין ווירדיגע עהרע (אַ העפליכע אַרט פון אַדרעסירען אַ פערזאָן אין אַ בריף).

מַעֲלָ׳תוֹ, זיין ווירדע, (אַ העפליכע אַרט פון אַדרעסירען אַ פערזאָן אין אַ בריף).

מַעֲ׳מָד, הם. אַ באַשטאַנד, אַ געגעשעפט; צושטאַנד.

מַעֲמָ׳דוֹת, מ. געוויסע צוזאַמענגעשטעלטע פסוקים פון תנ״ך, אויסצוגען פון תלמוד און תפלות וואָס מע זאָגט נאָך דעם פריהמאָרגענדיגען דאַווענען און נאָכדעם ווי מע האָט אָפּגעזאָגט אַ געוויסע צאָהל פון קאַפּיטלעך תהלים. "מ ע מ ד ו ת (זאָגען) איז וועלוועלער פון תהלים" (שפוו.).

מַעֲ׳נֵה־לָ׳שׁוֹן, הוו. (כּיבליש). "די רייד פון דער צונג", דער נאָמען פון אַ בוך וואָס ענטהאַלט די תפלות וועלכע ווערען געזאָגט אויפ׳ן בית־עולם; אַ געשליפענע צונג, אַ גרויס מויל.

מֵעִנְ׳יָן־לְעִנְ׳יָן, (תלמודיש). פון איין געגענשטאַנד צום אַנדערען.

מְעַ׳נֵשׁ־זיין, צא. באַשטראָפען.

מְעַ'קְר'יען [מַייקרן], צא. "אויס=וואָרצלען", איבערקעהרען, צורו=דערן.

מַעֲ'רָב, הם. וועסט וועסט=זייט,

מַעֲרָ'בִית, הוו. די תפלות וואָס ווערען צוגעגעבען צום מעריב גע=בעט אום יום טוב.

מַעֲרָ'בִית־דְרוֹ'מִית, (תלמודיש). וועסט=זידליך, אין אַ וועסט=זיד־ליכער ריכטונג.

מַעֲרָ'בִית־צְפוֹ'נִית, (תלמודיש). וועס=נאָרדליך, אין אַ וועסט=נאָרד־ליכער ריכטונג.

מְעָרָה [מַעֲ'רָה], הוו. (מ. מְעָרוֹת מַעֲ'רוֹ'ת). אַ הייהל; אַ געמויער=טעס שטיבעל אויפגעשטעלט אויף אַ קבר.

מַעֲ'רִיב, הם. אבענד=געבעט.

מַעֲרָ'כָה, הוו. (מ. מַעֲרָ'כוֹת). שיק=זאַל, דאָליע; שלעכטע דאָליע. "אַ אידענ'ס פרנסה איז יגון ואנחה און זיין גליק איז אַ מ ע ר כ ה" (שפוו.). "דער יצר הרע האָט תמיד די מ ע ר כ ה" (שפוו.).

מְעָ'רַת־הַמַכְפֵּ'לָה, הוו. (ביבליש). אַ געוויסע געמויערטע הייהל אין פאַלעסטינאַ וואו עס ליגען באַ-גראָבען די אורפאָטערס און אור=מוטערס פון דעם אידישען פאָלק.

מַעֲ'שֶׂה, או. אַלס, אין דער ראָלע פון, אַזוי ווי, אויף דעם שטיי=גער פון. "זיך שטעלען מ ע ש ה גביר".

מַעֲ'שֶׂה, הוו. (מ. מַעֲשִׂ'ים). אַ טהאַט, אַ האַנדלונג, אַ'ן אויפ=טהו; פאַסירונג, באַגעבענהייט, פאַקט; אויפרוהר, סקאַנדאַל; זאַך, געגענשטאַנד. וואָס איז די מ ע ש ה?, וואָס איז דער מעהר?, וואָס איז די אורזאַכע?. זיך אָנ=טהאָן אַ מ ע ש ה, זיך מאַכען דעם טויט. אַרבייטען אָדער אָנ=געבען מ ע ש י ם, מאַכען סקאַנ=דאַלען. יענע מ ע ש ה, דער וויייבליכער געשלעכטס=אָרגאַן. קיין מ ע ש ה ניט, ניט שלעכט, צימ=ליך. געחאַפט אין דער מ ע ש ה, ניט אונשולדיג אין דער באַציהונג; ניט פרום. "דער רב מיט דער רבי'צען איז אַ גאַנצע מ ע ש ה, דער רב אָהן דער רבי'צען איז אַ האַלבע מ ע ש ה, און די רבי'צען אַליין איז גאָר קיין מ ע ש ה ניט" (שפוו.).

מַעֲ'שֶׂה, הוו. (מ. מַעֲ'שִׂיּוֹת, מַעֲ'שׂוֹת). ערצעהלונג, געשיכטע; סקאַזקע, לעגענדע; קינדערשע ערצעהלונג; אַ'ן אויסגעטראַכטע זאַך, אַ ליגען. באָבע=מ ע ש ה אָדער בבא=מ ע ש ה, קינד־ערשע ערצעהלונג, אויסגעטראַכטע זאַך. "אויף אַ מ ע ש ה פרעגט מען קיין קשיא ניט" (שפוו.). "די מ ע ש ה האָט שוין אַ באָרד" (ווער. — ד. ה. זי איז שוין זעהר אַלט). "פון מ ע ש ו ת דער=צעהלען קאָכט מען קיין וויע=טשערע ניט" (שפוו.).

מַעֲ'שֶׂה־נוֹ'רָא, הוו. אַ שרעקליכע געשיכטע, אַ'ן ערצעהלונג פול מיט וואונדערליכע פאַסירונגען.

מַעֲ'שֶׂה־נִ'סִּים, הוו. (תלמודיש). אַ וואונדערליכע פאַסירונג.

מַעֲ'שֵׂה־סְדוֹם [סְדָם], הוו. אויפ־פיהרונג פון סדום, שלעכטסקייט, גרויזאַמקייט.

מַעֲ'שֵׂה־שֶׁהָ'יָה, הוו. (תלמודיש). אַ זאַך וועלכע האָט פּאַסירט, אַ פּאַקט.

מַעֲ'שֵׂה־שָׂ'טָן, או. "די אַרבייט פון טייוועל", צום אומגליק.

מַעֲ'שֵׂי־יָ'דַי (יָ'דָיו), מ. (ביבליש). די אַרבייט פון מיינע (זיינע) הענד.

מַעֲ'שִׂים־בְּכָל־יוֹם, מ. (תלמודיש). פּאַקטען פון יעדען טאָג, טעגליכע פּאַסירונגען.

מַעֲ'שִׂים־טוֹ'בִים, מ. (תלמודיש). גוטע טהאַטען. "מ ע ש י ם ט ו ב י ם העלפען ניט, מעשים רעים שאַדען ניט" (שפּוו.).

מַעֲ'שִׂים־רָ'עִים, מ. (תלמודיש). שלעכטע טהאַטען.

מַעֲ'שִׂים־תַּעְתּוּ'עִים, מ. (ביבליש). ווילדע זאַכען, סקאַנדאַלען.

מַעֲ'שִׂיר־זַיין, צא. רייך מאַכען.

מַעֲ'שֵׂר, המ. (מ. מַעַשְׂ'רוֹת). אַ צעהנטיל, דאָס צעהנטע טהייל פון די תּבואה און פרוכטען וועלכע יעדער איד (פּאַרצייטען אין פּאַ־לעסטינאַ) האָט לויט דעם אידי־שען דין געמוזט אָפּגעבען פאַר די לויים; אַ צעהנטעל פון די פאַרדיענסטען וואָס געוויסע פרומע אידען צוטהיילען רעגעלמעסיג פאַר וואָהלטהעטיגע צוועקען. פרעגען ווי מע גיט מ ע ש ר פון שטרוי, אַרויסווייזען פאַלשע פרומקייט (ווייל פון שטרוי דאַרף מען איי־גענטליך קיין מעשר ניט געבען).

מַעֲ'שֵׂר'ען, צא. אַראָפּגעבען מעשר פון.

מֶעֶת־לְעֵת [מֵעֵת־לֵעֵת], המ. (מ. מֵעֵת־לְעֵת'ען), (תלמודיש). אַ נאַכט מיט אַ טאָג, פיער און צוואַנציג שטונדען.

מַעְ'תִּיק, המ. (מ. מַעְתִּי'קִים). אי־בערזעצער.

מַ'פָּה, הוו. (מ. מַ'פּוֹת). אַ טוך־דעקע וועלכע מע פאַרשפּרייט אויפ'ן עמוד אָדער אויף דעם טיש אויף וועלכען מע לייענט אין שוהל; אַ לאַנד־קאַרטע.

מַפּוֹ'לֶת הוו. אַ רואינע, אַ'ן איינ־געפאַלענעם הויז.

מְפוּ'נִ'יצע, הוו. (מ. מְפוּ'נִ'יצעס). זעה מְפוּ'נָק.

מְפוּ'נָק, המ. (מ. מְפוּנָ'קִים). אַ דעליקאַטנער אָדער פאַרצערטעל־טער מענש, אַ'ן אויסטראַכטער, אַ'ן אויסקלייבער.

מְפוּרְ'סָם, המ. (מ. מְפוּרְסָ'מִים). אַ באַוואוסטער, אַ באַריהמטער.

מְפוּ'רָשׁ, או. אויסדריקליך, דייטליך.

מַפְ'טִיר, המ. דער וועלכער ווערט אויפגערופען צום לעצטען ביים לייענען אין שוהל און וועלכער לייענט פאַר די הפטורה. געבען מ פ ט י ר, אויפרופען אימיצען צו זאָגען די הפטורה (עס ווערט באַטראַכט אַלס אַ באַזונדער'ער כבוד צו קריגען מפטיר). "איינער האָט האָלט זוייער־מילך, דער

צווייטער מפטיר" (שפוו.). "קוים פוצט זיך איינער אָפּ די שטיוועל רופט מען איהם שוין אויף צו מפטיר" (שפוו.). "ער האָט זיך שוין געקויפט מפטיר" (ווער. אויף אימיצען וואָס האָט זיך פאַרדרעהט אין אַ געשעפט אָדער באַגאַנגען אַ נאַרישקייט).

מְפִיר־הַקָּדוֹש, פון זיין הייליגען מויל.

מְפַיְּס־זיין, צא. איבערבעטען.

מַ'פִּיל המ., מַ'פִּיל־קינד, חז. (מ. מ'פִּיל'עך, מַ'פִּיל־קינדער). אַ קינד געבוירען טויט (פאַר דער צייט).

מַ'פִּיל־זיין, צש. געבערען אַ טויטעס קינד (פאַר דער צייט).

מְפִי'צֵי־, המ. מ. די פאַרשפרייטערס פון —.

מְפִי'צֵי־שְׂפַת־עִ'בֶר, המ. מ. די פאַר־שפרייטער פון דער העברעאישער שפראַך (מיט דעם נאָמען רופען זיך פיעלע פאַראיינען וואָס זייער צוועק איז צו פאַרברייטען דאָס שטודיום פון העברעאיש).

מַ'פִּיק, המ. דאָס פינטעלע אין דעם בוכשטאַב "ה" (אין העברעאישע ווערטער).

מַפָּ'לָה, הוו. (מ. מַפָּ'לוֹת). נידער־לאַגע, דורכפאַל, אָפּשניט. "המן'ס מפלה". "אויף אַ שלעכטען פריץ טאָר מען קיין מפלה ניט בעטען" (שפוו.).

מְפוּלְ'פָּל, המ. שאַרפזיניגער תלמו־דיסט.

מַפְ'לִיג־זיין, צש. איבערטרייבען.

מַפְּ'ל'ען, צא. ועה מַ'פִּיל־זיין.

מְפַלְ'פֵּל־זיין־זיך. צוו. אַרגומענטי־רען, דעבאַטירען, דיספוטירען; זיך גריבלען, זיך פאַרטיעפען.

מַפְ'סִיק־זיין, צא. אונטערברעכען, אָפּהאַקען (אין מיטען); ריידען (אין דאַווענען).

מְפַ'צֶּה־זיין, צא. איבערבעטען, פאַרגיטיגען.

מַפְ'קִיר־זיין, צא. אויפאָפּפערען; לאָזען אויף'ן צופאַל, לאָזען געהן ווי עס געהט. זיך מפקיר זיין, זיך אויפאָפּפערען.

מְפַרְ'נֵס־זיין, צא. ערנעהרען.

מְפַרְ'סֵם־זיין, צא. פאַרעפענטליכען, באַקאַנטמאַכען, פובליצירען.

מְפָרְ'שִׁים, המ. מ. די (הויפּט־) קאָמענטאַרען פון תלמוד.

מַפְתֵּ'חַ, המ. (מ. מַפְתְּ'חוֹת). שלי־סעל (צו אַ בוך).

מַ"ץ, אב. מוֹ'רֶה־צֶ'דֶק, "דער ריכ־טיגער לעהרער", אַ רב אָדער אַ דיין.

מְצָא'צֶע, הוו. (מ. מְצִא'צֶעם). איראָנישע פאַראָדיע אויף "מציאה".

מַ'צָּב, המ. שטאַנד, צושטאַנד, אומשטאַנד, לאַגע, פאַרהעלטניס.

מַצֵּ'בָה, הוו. (מ. מַצֵּ'בוֹת). גראָב־שטיין, דענקמאָל. "אויף דער מצבה זיינען אַלע אידען שעהן" (שפוו.).

מְצַר״, פּ. פון דער זייט פון —.

מְצ'דֵי־צְדָ'דים, או. פון אַלע זייטען.

מַצְ'דיק־זיין, צא. רעכטפערטיגען, ערקלעהרען אַלס גערעכט, פאַר־טהיידיגען, פאַרענטפערען.

מַצְ'דיק־הַדין־זיין, צש. (תלמודיש). ערקלעהרען אָדער אָננעהמען אַלס גערעכט דעם אורטהייל (פון גאָט).

מַ'צָּה, הוו. (מ. מַ'צּוֹת). אַ דינער פלאַכער קוכען פון ניט־געזייערטען טייג וועלכע אידען עסען אום פסח. "איינער צו פראַצע, זיעבען צו מצה" (שפוו.). "וואָס קלעקט פאַר אַ סאָלדאַט אַ מצה" (שפוו.).

מַ'צָּה־בּעקער, הם. (מ. מַ'צָּה־בּע־קערס). איינער וואָס באַשעפטיגט זיך מיט באַקען מצות. זיצען ווי אַ מצה־בעקער, אַרומגעהן ליידיג אַ גאַנץ יאָהר.

מַ'צָּה־וואַסער, הו. דאָס וואַסער אין וועלכע מע פאַרמישט דאָס מעהל פון וועלכען די מצות ווע־רען געמאַכט. געהן ווי מצה־וואַסער, שנעל פערקויפט ווערען, האָבען אַ גרויסען אָפּ־גאַנג. לויפען ווי נאָך מצה־וואַסער, לויפען מיט איספעט.

מַ'צָּה־שְׁמוּ'רָה, הוו. מצה געמאַכט פון מעהל אויף וועלכע מע האָט באַזונדערע אַכט געגעבען עס זאָל ניט געזייערט ווערען. זעה חָ'מֵ'ץ.

מִצְוָ'ה, הוו. (מ. מִצְ'וֹות). אַ גע־באָט, אַ רעליגיעזע פאָרשריפט; אַ פרומע טהאַט. אַ מצוה אויף איהם, רעכט אויף איהם. פאַר־קויפען מצוות, פאַרקויפען (אין שוהל) הגבה גלילה אָדער אַנדערע עהנליכע כבודים. "עס איז אַ מצוה אַ אידען צו באַגראָבען" (שפוו.). "דריי מצוות קריגען פון האַלז אַרוים: אַ צו גרויסער אַפיקומן, אַ ווינטערדיגער שלש־סעודות און די מציצה פון אַ גרוי־סען גר" (שפוו.).

מִצְ'וָה־לְחַ'סֵר, עס איז אַ מצוה צו מאַכען ווייניגער (אַ ווערטעל וואָס מע זאָגט ווען מע נעהמט עפּעס פון אַ קאַרגען).

מִצְוָה'ט'גיצע, הוו. (מ. מִצְוָה'ט־ניצעס). זעה מִצְוָה'ט'ניק.

מִצְוָה'ט'ניק, הוו. (מ. מִצְוָה'ט'ני־קעס). זעה בַּ'עַל־מִצְוָה'ט'ניק.

מִצְ'וָת, הוו. (מ. מִצְ'וֹות). זעה מִצְ'וָה.

מְצוֹ'רָע, הם. (מ. מְצוֹרָ'עִים). אַ קרעציגער; הוו. דער נאָמען פון דער אַכט און צוואַנציגסטער סדרה.

מִצְוַ'ת־לֹא'־תַעֲשֶׂה, הוו. (מ. מִצְ'וֹות־לֹא־תַעֲשֶׂה). זעה לֹא־תַעֲשֶׂה.

מִצְוַ'ת־עֲשֵׂה [עֲ'שֶׂה], הוו. (מ. מִצְ'וֹות־עֲשֵׂה [עֲ'שֶׂה]). זעה עֲשֵׂה.

מֶ'צַח־אִ'שָׁה־זוֹ'נָה, הם. (ביבליש). "דער שטערן פון אַ'ן אויסגעלאַ־סענער פרוי", אַ קופּערנער שטערן, אונפאַרשעמטקייט.

מְצִי'אָה, הוו. (מ. מְצִי'אוֹת). "אַ געפונענע זאַך", אַ ביליגער איינ־קויף. עס איז אַ מציאה פון אַ גנב, עס איז שפּאָט־ביליג. וואָס

איז די מציאָה מיט איהם?, וואָס נעהמט ער זיך איבער? "דאָס גאַנצע געלט געהט אַוועק אויף מציאות" (שפוו.).

מְצִי׳אוּת, הוו. די ווירקליכקייט.

מַ׳צִיל־זיין, צא. רעטען, העלפען.

מְצִי׳צָה, הוו. דאָס אויסזויגען פון דעם בלוט נאָך דער באַשניידונג. געבען מציצה, באַעהרען אי= מיצען מיט דער צערמאָניע פון מציצה.

מַצְלִי׳חַ־זיין, צש. האָבען גליק.

מְצַמְ׳צֵם־זיין, צא. באַשרענקען; גענוי באַרעכענען, גענוי צופּאַסען.

מִצְנֶ׳פֶת. הוו. די קאָפּ=באַדעקונג פון אַ טויטען.

מְצַ׳עֵר־זיין, צא. שמערצען, וועה= טאָן, באַטריבען.

מְצָרֵף [מְצַ׳רֵף]־זיין, צא. צוזאַמענ= רעכענען, אַריינרעכענען, צורע= כענען. מצרף־זיין צום בענ= שען, צורעכענען (אַ זייטיגע פּער= זאָן) כדי צו בענשען מיט מזומן.

מְקַ׳בֵּל, הם. (מ. מְקַבְּ׳לִים). אַ נעהמער; איינער וועלכער נעהמט צדקה.

מְקַ׳בֵּל־בְּאַהֲ׳בָה־זיין, צא. צונעה= מען מיט ליבשאַפט, זיין צופרידען מיט, געדולדיג אויסשטעהן.

מְקַ׳בֵּל־נַ׳חַת־זיין, צא. האָבען פאַר= געניגען, אָנקוועלען.

מְקַ׳בֵּל־פָּ׳נִים־זיין, צא. (תלמודיש). אויפנעהמען, עמפפאַנגען, געהן אַנטקעגען.

מְקַ׳בֵּל־קִנְ׳יָן־זיין, צש. (תלמודיש). באַפעסטיגען אַ׳ן אָפּמאַך אָדער קאָנטראַקט דורך דעם וואָס ביידע צדדים נעהמען אָן אין דער האַנד די עקען פון אַ פאַטשיילקע.

מְקַ׳בֵּל־שַׁ׳בָּת־זיין, צש. אויפנעה= מען אָדער איינווייהען דעם שבת, זאָגען לכו־נרננה. (ווז.).

מַקְ׳דִים־זיין־זיך, צוו. זיך פערדע= רען, קומען פאָראויס, לויפען אַפריהער.

מַקְ׳דִיש־זיין, צא. ווידמען, אָפּגע= בען, אָפּפערען.

מֻקְדֶּ׳מֶת־דְּנָא׳, או. (תלמודיש). פון פריהער, פון לאַנגע צייטען.

מִקְ׳דָּשׁ, הוו. זעה בֵּית־הַמִּקְ׳דָּשׁ.

מְקַ׳דֵּשׁ־זיין, צא. זיך פאַרלאָבען מיט (דורך דעם וואָס מע טהוט אָן דער פאַרלאָבטער אַ רינג אָדער מע גיט איהר אין דער האַנד אַ ווערטה=זאַך).

מְקַ׳דֵּשׁ־הַשֵּׁם [הַשֶּׁם׳]־זיין, צש. (תלמודיש). "חייליגען דעם נאָמען (פון גאָט)", טהאָן אַ העלדישע טהאַט פון גאָטס וועגען, זיך אויפ= אָפּפערען.

מְקוּ׳בָּל, הם. (מ. מְקוּבָּ׳לִים). זעה בַּ׳עַל־מְקוּ׳בָּל.

מִקְ׳וָה, הוו. (מ. מִקְ׳ווֹת, מִקְוָ׳אוֹת). דאָס וואַסער אין וועלכען מע געהט טבילה. "אין מקוה לאָזט מען איבער אַלע עברות" (שפוו.).

מְקוּ׳יָם־ווערען, צל. פאַרווירקליכט ווערען, געשעהן.

מָ׳קוֹם, הם. (מ. מְקוֹ׳מוֹת). אַ׳ן אָרט, אַ פּלאַץ; אַ שטאָדט, אַ לאַנד. אין ווייטע מקומות, אין ווייטע לענדער.

מְקוֹם [מָ׳קוֹם]־**מְנוּ׳חָה**, הם. אַ׳ן אָרט פון רוה.

מְקוֹם [מָ׳קוֹם]־**מִקְ׳לָט**, הם. אַ׳ן אָרט וואו זיך צו רעטען, אַ צופלוכט, אַ היים.

מָ׳קוֹם־קָ׳דוֹשׁ, הם. "אַ הייליגער אָרט", אַ שוהל.

מְקוֹ׳נֵן, הם. דער קלאָגער, דער פאַרפאַסער פון איכה. "דאַרויף קלאָגט דאָך דער מקונן" (ווער. — אָפט פאַראָדירט: "דאַרויף קלאָגט דאָך דער ממקומך").

מָ׳קוֹר, הם. (מ. מְקוֹ׳רִים). קוואַל, אורשפּרונג, אָנהויב.

מִקַּח [מֶ׳קַח], הם. (מ. מִקָ׳חִים). פּרייז.

מִקַּח־וּמִמְכָּר [מֶ׳קַח־וּמִמְ׳כָּר]. הם. (תלמודיש). קויף און פאַרקויף, האַנדעל.

מִקַּח [מֶ׳קַח]־**טָ׳עוּת**, הם. (תלמודיש). אַ׳ן איינקויף אָדער אַ האַנדעל וועלכער איז געמאַכט געוואָרען דורך אַ׳ן אירטהום אָדער אַ שווינדעל.

מְקַטְ׳רֵג, הם. (מ. מְקַטְרְ׳גִים). באַשולדיגער, באַשולדיגענדער אַדוואָקאַט; באַשולדיגענדער ענגעל.

מְקַטְ׳רֵג־זיין (אויף), צש. אָנרעדען שלעכטס, ברייננגען באַשולדיגונגען.

מֵ׳קִיאָ׳ן, צש. ברעכען, אויסברעכען (פון מאָגען).

מְקַ׳יֵים־, צש. זעה מְקַיֵּים־.

מֵ׳קִיל, הם. איינער וואָס איז שטענדיג געניינט צו ענטשיידען רעליגיעזע פראַגען אויף אַ גרינגער אַרט. זעה מַחְ׳מִיר.

מְקַ׳יֵּים־זיין, צא. ערפילען, אויספילען, טהאָן, פאַרריכטען.

מְקַ׳יֵּים־פְּסָק [פְּסַק]־**זיין**, צש. אויספיהרען דעם אורטהייל (פון געריכט).

מְקַ׳נֵא, הם. (מ. מְקַנְ׳אִים). באַניידער, ניט־פאַרגינער.

מְקַ׳נֵא־זיין, צא. באַניידען, ניט פאַרגינען.

מַ׳קַף, הם. אַ קורץ פּאַסיקעל וואָס דיענט אַלס פאַרבינדונגס־צייכען צווישען צוויי ווערטער (אין העבּ־ איש).

מַקְ׳פִּיד, (מ. מַקְפִּי׳דִים). אַ קאַפּ־ ריזנער מענש; אַ׳ן איבערקלייבער, אַ פּעדאַנט.

מַקְ׳פִּיד־זיין, צש. זיין געגוי, געגוי אָפּהיטען, איבערקלייבען.

מִקֵּץ, הוו. דער נאָמען פון דער צעהנטער סדרה (ווז.).

מְקַ׳צֵּר־זיין, צא. פאַרקירצען, מאַ־ כען קורץ; זיך פאַסען קורץ.

מְקַ׳צֵּר־יָ׳מִים־(וְשָׁ׳נִים)־זיין, פאַר־ קירצען (אימיצען) די טעג (און יאָהרען), פאַרביטערען דאָס לע־ בען.

מִקְ׳צָת, הם. אַ קליינער טהייל, אַ ביסעל, אַ קליינינקייט.

מְקְ׳צַת־מִן־הַמְקְ׳צַת, המ. אַ גאַנץ קליינער טהייל, אַ קליין ביסעלע.

מְקָרֵב [מְקַ׳רֵב]־זיין, צא. דערנעהענטערען, באַפריינדען.

מְקְ׳רֶה, המ. (מ. מְקְ׳רִים). צופאַל.

מַקְ׳רִיב־זיין, צא. אָפּפערען. זיך מקריב־זיין, זיך אויפאָפּפערען.

מַקְ׳שָׁן, המ. (מ. מַקְשָׁ׳נִים). איינער וועלכער האָט די געוואוהנהייט נאָכאַנאַנד צו פרעגען קשיות. „אַ מקשן פאַלט תמיד אין דער בלאָטע אַריין“ (שפוו.).

מַר־בַּר־רַב־אַ׳שִׁי, (תלמודיש). מר דער זוהן פון רב־אשי, אַ גרויסער געלעהרטער וועלכער האָט געלעבט גלייך נאָך דער אָפּשליסונג פון תלמוד. „ער מיינט ער איז אַ גאַנצער מר־בר־רב־אשי“.

מַר־מִמָ׳וֶת, (ביבליש). ביטערער פון טויט.

מַר־נֶ׳פֶשׁ, המ. (מ. מָ׳רֵי־נֶ׳פֶשׁ), (ביבליש). אַ פאַרביטערטער, אַ פאַראומערטער.

מָ׳רָא־דְאַתְ׳רָא, המ. (תלמודיש). דער דיין אָדער דער רב פון דער שטאָדט.

מָ׳רָא־דְעַלְ׳מָא־כּוּ׳לָא, המ. (תלמודיש). דער האַרר פון דער גאַנצער וועלט, גאָט.

מַרְ׳אֶה, המ. געשטאַלט, געזיכט, אויסזעהן.

מַרְ׳אֵה־כֹהֵן [כּ׳הֵן], המ. (ליטורגיש). דאָס אויסזעהן פון דעם כהן (ווערטער גענומען פון די יום־כפור׳דיגע תפלות וואו עס ווערט באַשריעבען ווי שעהן דער כהן־גדול האָט אויסגעזעהן. דער אויסדרוק ווערט געוועהנליך געברויכט אין שפּאַס אויף אַ געזיכט וואָס איז אויסגעקריטעלט פון שכרות).

מַרְ׳אֵה־מָ׳קוֹם, המ. אַ׳ן אָנווייזונג אויף די שטעלע וואו אַ זאַך געפינט זיך.

מַרְ׳גִישׁ־זיין, צא. פיהלען, דערפיהלען, שפּירען.

מְרַגְּ׳לִים, המ. מ. די מענער וועלכע משה האָט געשיקט אויסצופאָרשען דאָס לאַנד פון כנען, ווי די ביבעל דערצעהלט.

מָרְדְּ׳כַי, אנמ. דער נאָמען פון דעם מאַן אין וועלכענס הויז אסתר איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען, ווי עס ווערט דערצעהלט אין בוך „אסתר“.

מָ׳רָה־שְׁחוֹ׳רָה, הוו. (תלמודיש). מעלאַנכאָליע, באַטריבטקייט, פאַראומערטקייט, אומעט.

מַרְוִי׳חַ־, מַרְוִי׳חַ־זיין, צא. פּראָפיטירען, פאַרדיענען.

מְרוּ׳צֶה, א. צופריעדען, גערן, איינשטימענד.

מָ׳רוֹר, המ. עפּעס ביטערס (אַזוי ווי חריין א. ד. ג.) וואָס מע עסט צום סדר אין אנדענק אָן די ביטערע ליידען וואָס אידען זיינען אויסגעשטאַנען אין מצרים.

מְרַ׳חֵם־זיין־זיך, צוו. זיך דערבאַרמען, האָבען מיטלייד.

מַרְ'חִיק־זיין, צא. דערווייטערען, זיך האַלטען פון דער ווייט.

מֶרְ'חָץ, הם. (מ. מֶרְחֶצְ'אוֹת, מֶרְ'חֶצִיען). שוויץ־באָד.

מֶרְ'חָק, הם. (מ. מֶרְחָקִים [מֶרְחַ'קִים]). אַ ווייטקייט, אַ ווייטע שטרעקע, אַ ווייטער פאַרוואָרפענער פלאַץ. פאָהרען אין די מרחקים, פאָהרען אין ווייטע לענדער.

מֶרְ'חַק־רַב, הם. אַ ווייטע שטרעקע.

מַרְחֶשְׁ'וָן, הם. זעה חֶשְׁוָן.

מְרִי'דָה, הוו. (מ. מְרִי'דוֹת). אַ'ן אויפשטאַנד, אַ בונד, אַ רעוואָלוציאָן.

מֵרְ'כָא־טִפְּ'חָא, געוויסע צוויי טראָפּ־צייכענס: "ֽ" (מרכא) און "֖" (טפחא). פיס ווי אַ מרכא־טפחא, קרומע פיס.

מַרְ'עִיש־עוֹ'לָם (עוֹלָ'מוֹת)־זיין, צש. (תלמודיש). איינלייגען די וועלט, מאַכען אַ ליאַרעם.

מַרְ'פֵּא־לָ'שׁוֹן, (ביבליש). די היילונג (ד. ה. די רייד) פון דער צונג. "אויף מרפא־לשון קומט אַ מתנת יד" (שפוו. — ד. ה. פאַר ריידען קריגט מען אָפּט קלעפּ).

מַרְ'שַׁעַת, הוו. אַ שלעכטע בייזע פרוי.

מָ'רַת, הוו. מאַדאַם, פרוי. מרת פרומע תחיה, פרוי פרומע זאָל לעבען.

מַ'שָּׂא, הוו. (מ. מַשָּׂ'אוֹת). לאַסט, שווערע לאַסט. "ברויט אונטער־וועגס איז קיין משא ניט" (שפוו.).

מַ'שָּׂא־וּמַ'תָּן, הם. (תלמודיש). נעהמען און געבען, קויף און פאַרקויף, האַנדעל. "דער בעסטער משא־ומתן איז מיט גאָט" (שפוו.).

מַ'שָּׂא־כְּבֵ'דָה, הוו. (ביבליש: כָּבֵד'). אַ שווערע לאַסט.

מַ'שֹּׂא־פָּנִים [פָּ'נִים], הם. (ביבליש). פאַרטייליבקייט.

מַשְׁבִּי'עַ־זיין, צא. באַשווערען (בייזע גייסטער א. ד. ג.).

מִשַּׁ'בָּת־לְשַׁ'בָּת, (תלמודיש). פון שבת צו שבת, איין מאָל אין וואָך.

מַשְׁגִּי'חַ, הם. (מ. מַשְׁגִּי'חִים). אויפזעהער, אַבטגעבער (אויף אַ רעליגיעזער אָדער וואָהלטהעטיגער אנשטאַלט).

מַשְׁגִּי'חַ־זיין, צש. אַבטונג געבען, אויפפּאַסען.

מְשַׁ'דֵּךְ־זיין, צא. פאַרהייראַטהען, צונויפברייגען (אַ הייראַטהס־פּאַרטיי). משדך־זיין זיך, זיך פאַרבינדען (מיט אימעצען) דורך הייראַטה.

מֹ'שֶׁה, אנמ. דער נאָמען פון דעם זוהן פון עמרם און פון יוכבד, וועלכער האָט אַרויסגעפיהרט די אידען פון מצרים און האָט זיי געגעבען די תורה וועלבע ער האָט געקריגען פון גאָט אויף'ן באַרג סיני, ווי די ביבעל דערצעהלט. אַ משה (אַמעריקאַניש), אַ פּראָסטער אונוויסענדער איד. "רב

משח מעג מאָשקע טאָר ניט" (שפוו.).

מ'שֶׁה־רַבִּ'נוּ, הם. אונזער לעהרער משה. "משה־רבנו האָט מיט די אידען אויך ניט געקענט אויסקומען" (שפוו.).

מְשוּ'גָע, א. (מ. מְשוּגָ'עִים). פאַרריקט, וואַהנזיניג; ווילד, צוּרייצט, צוטראָגען, קאַפּריזנע. משוגע אויף טויט, זעהר פאַרריקט, זעהר ווילד. "פריש און געזונד און משוגע" (וועו.). "אַז מע זאָגט משוגע גלויב" (שפוו.). "ביסטו משוגע לאָז דיך בינדען" (שפוו.). "משוגע מטורף און פאַרדרעהט נאָר יענעם די קאָפּ" (שפוו.).

מְשוּגָ'עִים־הוֹיז, הז. (מ. מְשוּגָ'עִים־הייזער). דול־הויז, אירענהויז.

מְשוּ'גֶעִין, א. פאַרריקט, וואַהנזיניג. "משוגע נע גענז משוגע'נע גריזוען" (שפוו.). "איטליבער משוגע'נער ווערט אום תמוז קלאָר" (שפוו.). "אַלע משוגע'נע שלאָגען יענעם די פענסטער אויס" (שפוו.).

מְשוּגַ'עַת, הוו. (מ. מְשוּגַ'עַתִ'ען). פאַרריקטהייט, וואַהנזין; קאַפּריז, פאַרוועלענים, ווילדער געדאַנקען.

מַשְׁוֶ'ה־, מַשְׁ'וֶה־זיין, צא. אויסגלייכען, באַפרידיגען, פאַרגיטיגען, באַצאָהלען. משוה־זיין אימיצען פאַר זיין טרחה, באַצאָהלען אימיצען פאַר זיין מיה.

מְשוּ'לָח, הם. (מ. מְשוּלָ'חִים). אַ געשיקטער, אַ געזאַנדטער; אַ רייזענדער אַגענט; איינער וועלכער פאָהרט אַרום קלייבען געלט פאַר אַ רעליגיעזע אָדער וואָהלטהטיגע אַנשטאַלט.

מְשוּלַ'חַת (אייגענטליך מְשֻׁלַּ'חַת), הוו. (מ. מְשוּלַ'חַתִ'ען). אָנשיקענעם.

מְשוּ'לָש, א. דרייפאַכיג. אַ הדס וואָס איז משולש, אַ הדס וואָס זיינע בלעטער וואַקסען צו דריי אין אַ רייה (די פרומע געברויכען בלויז אַזעלכע הדסים).

מְשוּ'מָד, הם. (מ. מְשוּמָ'דִים). אַ געטויפטער איד; אַ'ן אויסוואורף, אַ שורקע. "בעסער צעהן משומדים איידער איין שלעכטע ווייב" (שפוו.). "דעם אידען איז אַ מאָהל בעסער ווי דעם משומד: דער איד קען זיך שמד'ען, דער משומד ניט" (שפוו.). "אַ משומד אין דער משפחה קומט אַמאָל אויך צוניץ" (שפוו.).

מְשוּ'מָד־לְהַכְ'עִים, הם. זעה מוּ'מָר־לְהַכְ'עִים.

מְשוּמַ'ד'סקע, א. האָבענדיג די אייגענשאַפט פון אַ משומד; זעהר פאַרדאָרבען.

מְשוּמֶ'דֶת, מְשוּמֶ'דֶתיטע, הוו. (מ. מְשוּמֶ'דֶת'טעם). זעה מְשוּ'מָד.

מְשוּ'נֶה, א. ווילד, פרעמד, אונגעהייער.

מְשוּ'נֶה'דיג, א. זעה מְשוּ'נֶה.

מְשוּעְ'בָּד, א. פאַרשקלאַפט, אונטערוואָרפען, אונטעריאָכט; פאַרפפליכטעט, געצוואונגען.

מְשׁוּ'פָּע, אָ. קרום, אין אַ קרומער ליניע.

מְשׁוּ'פָּע'דיג, אַ. זעה משו'פּע.

מְשׁוֹ'רר, הם. (מ. מְשׁוֹרְרִים [מְשָׁר'רִים]). אַ זינגער, אַ באַר־זינגער; אַ דיכטער, אַ פּאָעט.

מְשַׁ'חֵד־זיין, צא. באַשטעכען, אונ־טערקויפען, געבען חאַבאַר.

מַשְׁ'חִית, הם. (מ. מַשְׁחִי'תִים). צושטערער, פאַרניכטער, איינער וועלכער מאַכט אָן שאָדען; אַ טייוועל.

מַ'שִׂיג־זיין, צא. באַגרייפען, פאַר־שטעהן.

מָשִׁי'חַ, הם. (מ. מְשִׁי'חִים). "דער געזאַלבטער", דער דערלייזער אויף וועלכען דאָס אידישע פאָלק וואַרט (לויט דער טראַדיציאָן וועט ער אַרויסקומען פון דעם קעניג דוד'ס פאַמיליע). פאַלשער משיח, איינער פון די פיעלע פאַרפיהרערס וועלכע זיינען ערשיענען פון צייט צו צייט צווישען דעם אידישען פאָלק און האָבען זיך אַרויסגע־געבען אַלס דערלייזערס געשיקט פון גאָט. "וואַרטען ווי אויף משיח'ן". "אַז משיח וועט קומען וועלען אַלע קראַנקע גע־הײלט ווערען נאָר דער נאַרר וועט אַ קאַליעקע בלייבען" (שפּוו.).

מָשִׁי'חַ־בֶּן־דָּ'וִד, הם. דער געזאַלב־טער (ערלייזער) דער זוהן פון דוד. זעה מָשִׁי'חַ.

מָשִׁי'חַ־בֶּן־יוֹ'סֵף, הם. דער געזאַלב־טער (דערלייזער) דער זוהן פון יוסף (עס ווערט געגלויבט אַז איידער עס וועט קומען דער ריכטיגער דערלייזער פון דעם אידישען פאָלק וועלכער וועט שטאַמען פון דוד'ס פאַמיליע וועט זיך צוערשט באַ־ווייזען אַ דערלייזער פון דעם שטאַם פון יוסף וואָס וועט פּרו־בירען אויסלייזען דאָס אידישע פאָלק, אָבער זיין אויסלייזונג וועט קיין האַפּט ניט האָבען און ער וועט פאַלען באַזיעגט פון זיינע פיינד; ערשט נאָך איהם וועט קומען דער ריכטיגער דערלייזער "משיח בן דוד").

מְשַׁ'כַּב־זכור, הם. (תלמודיש). אונ־נאַטירליכער פאַרקעהר צווישען מענער.

מִשְׁ'כּוֹן, הם. (מ. מַשְׁכְּ'נוֹת). אַ פפאַנד, אַ פאַרזעצטער געגענ־שטאַנד, אַ זאַלאָג, אַ זיכערהייט. "משכון ביד שלום בקעשענע" (שפּוו.).

מַשְׂ'כִּיל, הם. (מ. מַשְׂכִּי'לִים). אַ'ן אויפגעקלעהרטער. זעה הַשְׂכָּ'לָה.

מִשְׁ'כָּן, הם. דאָס (גאָטעס) געצעלט וואָס אידען האָבען אויפגעשטעלט אין דער וויסטע, ווי די ביבעל דערצעהלט.

מְשַׁ'כֵּר־זיין, צא. באַרוישען.

מָ'שָׁל, הם. (מ. מְשָׁ'לִים). פאַבעל, אַלעגאָריע, אַנעקדאָטע; צוגלייך, ביישפּיעל. געבען אַ משל, גע־בען אַ ביישפּיעל. "יעדער משל האָט זיין נמשל" (שפּוו.).

מִשְׁלוֹ'חַ־מָ'נוֹת, (ביבליש). די איינ־פיהרונג צו שיקען איינער דעם אַנדערען עסען־זאַכען און געטראַנ־

קען אום פורים ; פורים=געשאַנק. זעה שַׁ'לַח־מָ'נוֹת.

מְשַׁ'לֵּחַ־זיין , צא. אָוועקשיקען , אַרויסשיקען.

מִשְׁ'לֵי, המ. דער נאָמען פון אַ ביב=לישען בוך וואָס ענטהאַלט מאָ=ראַל-לעהרען און שפּריכווערטער פון קעניג שלמה.

מַשְׁ'לִישׁ־זיין , צא. איינלעגען ביי אַ שליש.

מְשַׁ'לֵּם־ען , צא. באַצאָהלען.

מָשְׁ'לֶ'יען , צש. רעדען מיט פאַבעלען אָדער מיט אַנעקדאָטען.

מְשַׂמֵּ'חַ־זיין , צא. דערפרעהען , מאַכען לוסטיג. זיך משמח־זיין, זיך לוסטיג מאַכען , הוליען.

מַשְׁמָ'עוּת , או. ווי עס זעהט אויס, ווי עס שיינט.

מְשַׁמֵּ'שׁ , המ. (מ. מְשַׁמְ'שִׁים). באַ=דיענער.

מְשַׁ'מֵּשׁ־זיין , צא. באַדיענען.

מְשַׁ'מֵּשׁ־הַמִּ'טָּה־זיין , צש. (תלמו=דיש). צוזאַמענקומען געשלעכט=ליך.

מִשְׁ'נָה , הוו. אַ געוויסער טהייל פון תלמוד (ווז.) ; אַ'ן איינציגער פּאַ=ראַגראַף פון דער משנה (מ. מִשְׁ'נוֹת).

מְשַׁ'נֶּה־זיין , צא. פאַרענדערען , ענדערען , בייטען ; בייטען אָדער ניט האַלטען וואָרט.

מְשַׁ'נֶּה־בְּדִבּוּ'רוֹ , המ. איינער וואָס בייט זיין וואָרט , איינער וואָס האַלט ניט זיין צוזאָג.

מְשַׁ'נֶּה מָ'קוֹם מְשַׁ'נֶּה מַ'זָל , (תל=מודיש). דער וועלכער ענדערט דעם פּלאַץ ענדערט זיין גליק.

מְשַׁ'נֶּה־שֵׁם־זיין , צש. ענדערען דעם נאָמען (געוועהנליך : פון אַ גע=פעהרליך=קראַנקען אַלס אַ מיטעל צו ברעכען די קראַנקהייט).

מִשְׁ'נֵה־תּוֹ'רָה , הוו. (ביבליש). "די ווידערהאָלונג פון דער תורה", דאָס בוך דברים (ווז.).

מִשְׁנָ'יוֹת [מִשְׁנַ'יוֹת] , המ. דער טעקסט פון דער משנה אָהן דער גמרא (זעה תַּלְ'מוּד) ; אַ באַנד פון משניות (מ. מִשְׁנַ'יוֹת'ען).

מְשַׁ'עֵר־זיין , צש. פאַרמוטהען , טרעפען , אויסרעכענען ; זיך פּאַר=שטעלען.

מִשְׁפָּ'חָה , הוו. (מ. מִשְׁפָּ'חוֹת). פאַ=מיליע, פאַרוואַנדשאַפט ; פאַרוואַנד=טע פערזאָן. "איטליכע משפחה האָט זיך איהר געמרחה" (שפוו.). "עס בלייבט אין דער משפחה" (ווער.). "אָן דעם איז קיין ברכה וואָס רעדט אויף זיין משפחה" (שפוו). "ווער עס האָט אַ גע=האַנגענעם אין דער משפחה פאַר דעם זאָל מען קיין שטריק ניט דערמאָנען" (שפוו.). "אַז מע האָט ליעב די ווייב האָט מען ליעב איהר משפחה" (שפוו.).

מִשְׁפַּ'ח'יטע , הוו. (פאַרעכטליך). זעה מִשְׁפָּ'חָה.

מִשְׁ'פָּט , המ. (מ. מִשְׁפָּ'טִים). אור=טהייל , געריכטס=אורטהייל ; פּראָ=צעס. "גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט" (ווער.).

"ביין משפט מוז מען ביידע צדדים אויסהערען" (שפוו.).

מִשְׁפָּ׳טִים, הוו. דער נאָמען פון דער אכצעהנטער סדרה (ווז.).

מִשְׁ׳פָּט׳ע, צא. ריכטען, אורטהיילען. זיך משפט׳ען, זיך פּראָצעסירען, זיך סודיען. פאַר־משפט׳ען, פאַראורטהיילען. צו־משפט׳ען, פאַראורטהיילען.

מַשְׁפִּ׳עַ־זיין, צא. באַאיינפלוסען, איינפלוסען.

מַשְׁ׳קֶה, הוו. (מ. מַשְׁ׳קוֹת, מַשְׁקָ׳אוֹת). א געטראַנק; שטאַרקעס געטראַנק. "עס איז ניטאָ קיין שלעכטע משקה פאַר א שיכור, קיין שלעכטע מטבע פאַר א סוחר און קיין מיאוס׳ע נקבה פאַר א נואף" (שפוו.). "א יתומה איז א וואָלוועלע משקה" (שפוו.).

מִשְׁקוֹ׳לֶת, הוו. גלייכגעוויכט, בילאַנץ. שטעהן אויף משקולת, שטעהן אויף א וואַקעלדיגען פלאַץ, זיך קוים האַלטען.

מִשְׁ׳קָל, המ. געוויכט, וואָג; מאָס (אין פּאָעזיע).

מְשַׁ׳קֵר־זיין, צש. זאָגען ליגען.

מְשָׁ׳רֵת, המ. (מ. מְשָׁרְ׳תִים). דיענער, באַדיענטער, אָנגעשטעלטער. "פון א שלעכטען משרת האָט דער בעל־הבית נאָר צרות" (שפוו.). "ווי די שררות אַזוי איז דער משרת" (שפוו.).

מְשָׁ׳רֶתטע, הוו. (מ. מְשָׁ׳רֶת׳טעס), זעה מְשָׁ׳רֶת.

מְשָׁרְ׳תֵי־קְהִ׳לָה, מ. די אָנגעשטעלטע פון דער געמיינדע.

מִשְׁתַּ׳דֵל־זיין־זיך, צוו. זיך באַמיהען, זיך איינשטעלען, האָדאַטייסטווען.

מִשְׁ׳תֶּה, הוו. (מ. מִשְׁ׳תּוֹת). מאָהלצייט, הוליאַנקע.

מִשְׁ׳תֶּה־וְשִׂמְ׳חָה, הוו, (ביבליש). א מאָהלצייט און א הוליאַנקע, א הוליאַנקע.

מַשְׁ׳תִּין־זיין, צש. אָפּשלאָגען וואַסער.

מִשְׁתַּ׳תֵּף־זיין־זיך, צוו. זיך באַטהייליגען, נעהמען א׳ן אנטהייל.

מֵת [מֶת], המ. (מ. מֵ׳תִים). א טויטער. "ווי די מתים עסען אַזאַ פנים האָבען זיי" (שפוו.). "ווען צוויי מתים געהען טאַנצען ווער ווערט שבת מאַכען" (שפוו.).

מֵת [מֶת]־מִצְ׳וָה, המ. (מ. מֵ׳תֵי־מִצְ׳וָה). א טויטער וועלכען די געמיינדע מוז באַערדיגען אויף איהרע קאָסטען.

מִתְאַ׳סֵף־זיין־זיך, צוו. זיך פאַרזאַמלען.

מִתְבּוֹ׳דֵד־זיין־זיך, צוו. זיך אָפּזונדערען, לעבען אין איינזאַמקייט.

מִתְבּוֹ׳נֵן־זיין־זיך, צוו. זיך באַטראַכטען, זיך אריינטראַכטען.

מִתְגַּ׳בֵּר־זיין־זיך, צוו. זיך שטאַרקען (איבער׳ן יצר־הרע א. א. וו.).

מִתְוַ׳דֶּה־, מִתְוַ׳דֶּה־זיין־זיך, צוו. באַקענען (אויף זינד), באַרייען;

וואָגען דאָס געבעט פון ווידוי.

מִתְוַכֵּחַ־זײַן־זיך, צוו. דיספּוטירען, דעבאַטירען, זיך שטרייטען, זיך האַמפּערען.

מֶ'תוּן, הם. אַ געלאַסענער אָדער רוהיגער מענש.

מֶ'תוֹק־מִדְבַ'ש, (ביבליש). זיסער פון האָניג, זעהר זיס, זעהר אַנגענעהם.

מֶ'תוֹק־מִזֶ'פֶת, זיסער פון פעך (אַ פּאַראָדיע אויף מֶ'תוֹק־מִדְבַ'ש, ווז.).

מְתוּשֶׁ'לַח, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען מאַן וועלכער האָט געלעבט פאַר'ן מבול און האָט ערררייכט דאָס עלטער פון 969 יאָהר, ווי די ביבעל דערצעהלט.

מִתְחַ'יֵב־, מִתְחַ'יֵב־זײַן־זיך, צוו. זיך פאַרפּליכטען, פאַרשפּרעכען.

מִתְחַ'כֵּם־זײַן־זיך, צוו. זיך קליגען.

מִתְחַ'תֵּן־זײַן־זיך, צוו. זיך פאַרבינדען דורך הייראַטה (מיט אימיצען).

מִתְיָאֵשׁ [מִתְיַ'אֵשׁ]־זײַן־זיך, צוו. פאַרצווייפלען.

מִתְיַ'חֵס־זײַן־זיך, צוו. שטאָלצירען, זיך ריהמען (מיט אַ געוויסען פאַרוואַנדטען).

מִתְיָי'אֵשׁ־, זעה מִתְיָאֵשׁ־.

מִתְיַי'חֵס־, זעה מִתְיַ'חֵס־.

מִתְיַ'עֵץ־זײַן־זיך, צוו. זיך באַראַטהען.

מְתִי'קוּת, הוו. זיסקייט, אַנגענעהמקייט.

מַתֶּכֶת [מַתְּ'כֶת], הוו. (מַתְּ'כוֹת). מעטאַל.

מַ'תִּיר־זײַן, צא. ערלויבען, ערקלערען אַלס געזעצליך.

מַ'תִּיר־אֲסוּ'רִים, הם. (ביבליש). אַ באַפרייער פון געפאַנגענע.

מַ'תִּיר־דָּם [דַם]־זײַן, צא. (תלמודיש). ערקלערען אימיצען בלוטפריי, ערקלערען אימיצענ'ס לעבען אויסער דעם שוץ פון דעם (אידישען) געזעץ.

מַ'תִּיר־נֶדֶר [נֶ'דֶר]־זײַן, צא. אויפלייזען אַ נדר (ווז.), ערקלערען אַ נדר אַלס ניט בינדיג. זעה הַתָּ'רַת־נְדָ'רִים.

מִתְכַּוֵּין־, מִתְכַּוֵּן־ [מִתְכַ'וֵּן־], זעה מְכַ'וֵּן־.

מַתְ'מִיד, הם. (מ. מַתְמִי'דִים). אַ פלייסיגער שילער, אַ פלייסיגער מענש.

מֶת'ן, צש. (וואולגאַר) שטאַרבען, קראַפּירען.

מַ'תָּן־בְּסֵתֶר, הם. (ביבליש). אַ געהיימער געשאַנק (צו אָרעמע לייט); באַשטעכונג, האַבאַר; אַ קלאַפּ אין די אונטערשטע טהיילען פון קערפּער.

מַ'תַּן־תּוֹ'רָה, הם. (תלמודיש). דאָס געבען פון דער תורה צו דעם אידישען פאָלק אויף דעם באַרג סיני. קומען נאָך מ ת ן ־ ת ו ר ה, קומען צו שפּעט.

מִתְנַ'גֵד, הם. (מ. מִתְנַגְ'דִים). אַ געגנער; איינער וועלכער איז אַ געגנער פון אָדער געהערט ניט צו

דער סעקטע פון חסידים.

מִתְנַ'גֵד־זיין־זיך, צוו. זיך שטעלען אנטקעגען, פראָטעסטירען.

מַתָּ'נָה, הוו. (ט. מַתָּ'נוֹת). געשאנק, פרעזענט, גאָב.

מַתָּ'נָה־לִדְרָ'שָׁה, הוו. דרשה־געשאנק. זעה דְרָ'שָׁה.

מִתְ'צַל־זיין־זיך, צוו. זיך ענטשולדיגען, זיך פאַרענטפערען.

מַתְּ'נַת־יַד, הם. (ביבליש). געשאנק, פרעזענט; באַשטעכונג; חאַבאַר; אַ זעץ מיט דער האנד.

מִתְעַ'סֵק־זיין־זיך, צוו. זיך באַשעפטיגען.

מִתְעַ'סְקִים, הם. מ. די וועלכע גרייטען צו דעם טויטען צו דער באַערדיגונג.

מִתְפַּ'לֵל, הם. (מִתְפַּלְ'לִים). איינער וועלכער דאַווענט.

מִתְפַּ'לֵל־זיין, צש. בעטען, דאַווענען.

מְתַ'קֵן־זיין, צא. פאַרריכטען, ווידער אויפריכטען (אַ זינדיגע זעעלע דורך געוויסע מיסטישע אָדער קאַבאַליסטישע מיטלען).

מִתְקַ'נֵא־זיין־זיך, צוו. קריגען קנאה (אויף איטיצען).

מַתְ'רֶה־זיין, צא. אָנזאָגען, וואָרנען.

מִתְרַ'חֵק־זיין־זיך, צוו. זיך דערווייטערען.

מִתְרַ'עֵם־זיין, צוו. מורמלען אויף, זיך באַקלאָגען אויף, אונצופרידען זיין מיט.

נ.

נ, הם. דער פערצעהנטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אלף־בית; אין צעהלען גערעכענט אַלס 50. צום ענד פון אַ וואָרט געשריבען "ן". זעה נוּן.

נָא, "נאָ האַלב־געבראָכען", "נאָ איז איין און פופציג" (ווערטלאַך וואָס מע זאָגט צו איינעם וועלכער זאָגט אָפט "נאָ" אָדער "נו").

נְאוּם, (ביבליש). "דאָס וואָרט פון", אונטערצייכענט פון (אַ וואָרט וואָס מע שטעלט ביי אידען פאַר דער אונטערשריפט, אין אַ בריעף אָדער אַ דאָקומענט).

נִ'אוּף, הם. בוהלעריי, געשלעכטליכע אויסגעלאַסענהייט, פראָסטיטוציאָן, זנות.

נאָכ־, די באַדייטונג פון העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פאָרוואָרט "נאָכ־" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל־וואָרט.

נֶאֶ'מָן, הם. (מ. נֶאֱמָ'נִים). "אַ'ן אַנפֿאַרטרויטער", איינער בײַ וועל־כען מע לעגט איין געלט; אויפֿ־זעהער, אויפֿפּאַסער.

נֶאֱמָ'נָה *, הוו. (מ. נֶאֱמָ'נוֹת). (ניט אידישער) גלויבען, רעליגיאָן.

נֶאֱמָ'נוּת, הוו. די שטעלע אָדער דאָס אַמט פֿון אַ נאמן; צוטרוי, פֿאַרטרויען; עהרליכקייט, עהרע. אויף מיינע נ א מ נ ו ת!, אויף מיין עהרע!. "דעם ליגנערס נ א מ נ ו ת איז ווי דעם מסור'ס רחמנות" (שפּוו.).

נֶאֱ'מָנִיטע, הוו. (מ. נֶאֱ'מָנִיטעס). זעה נֶאֱ'מָן.

נאַפּקע, הוו. (מ. נאַפּקעס). הורר, פּראָסטיטוטקע. זעה נַפְ'קָא.

נאַפּקע־בַ'יִת, הם. (מ. נאַפּקע־בַ'יִת'ען). הורר־הויז.

נאַפּקעניק, הם. (מ. נאַפּקעני־קעס). הוררענ־יעֶגער, אויסגעלאַ־סענער מענש.

נִבְ'הַל־וְנִשְׁתּוֹ'מֵם, א. צושראָקען און פֿאַרטומעלט, איבערראַשט.

נְבוּ'אָה, הוו. (מ. נְבוּ'אוֹת). פֿאָר־אויסזאָגונג, פּראָפֿעצייהונג; די פֿעהיגקייט צו פּראָפֿעצייען. "ביי אַ קינד איז די נ ב ו א ה אין מויל" (שפּוו.).

נְבוּכַדְנֶאצַּר, אנם. דער נאָמען פֿון אַ געוויסען באַבילאָנישען קעניג וועלכער האָט איינגענומען פּאַ־לעסטינא און פֿאַרטריבען די אי־דען אין בבל, ווי די ביבעל דער־צעהלט.

נִבְ'זוּל־פֶּה, הם. (תלמודיש). שפּו־ציגע אויסגעלאַסענע רייד.

נִבְ'זֶה, הם. (מ. נִבְ'זִים). אַ'ן עקעל־האַפֿטער אָדער געמיינער מענש.

נִבְ'זֶייק, הם. (מ. נִבְ'זֶיקעס). זעה נִבְ'זֶה.

נִבְ'זֶינקייט, הוו. אַ'ן עקעלהאַפֿטע אָדער געמיינע פּערזאָן.

נִבְ'חָר, הם. (מ. נִבְחָ'רִים). אויס־ערוועהלטער, דעלעגאַט, דעפּו־טאַט.

נָ'בִיא, הם. (מ. נְבִ'יאִים). איינער וועלכער זאָגט פֿאָראויס די צו־קונפֿט, אַ פּראָפֿעט. "דאָס האַרץ איז אַ האַלבער נ ב י א" (שפּוו.). "ווען אַלע מענשען וואָלטען גע־ווען נ ב י א י ם וואָלטען ניט געוועזען קיין עניים" (שפּוו.). "אַ גאַנצער נאַרר איז אַ האַלבער נ ב י א" (שפּוו.).

נְבִי'אָה, הוו. (מ. נְבִי'אוֹת). זעה נָ'בִיא.

נְבִי'אָה־יטע, הוו. (מ. נְבִי'אָה־יטעס). זעה נָ'בִיא.

נְבִי'אוּת, הוו. זעה נְבוּ'אָה.

נְבִי'אִים, הם. מ. "די פּראָפֿעטען", די ביכער פֿון די פּראָפֿעטען אין דער ביבעל (איינגעטהיילט אין "נביאים־ראשונים" און "נביאים־אחרונים", ווז.).

נְבִי'אִים־אַחֲרוֹ'נִים, הם. מ. (תל־מודיש). "די שפּעטערע פּראָפֿע־טען", מיט דעם נאָמען רופֿען זיך די פֿאָלגענדע ביכער פֿון דער ביבעל: ישעיה, ירמיהו, יחזקאל,

הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי (ווז.).

נְבִי'אִים־וּכְתוּבִים [וּכְּתוּ'בִים]. הם. מ „די פּראָפּעטען און די שריפטען‟, אַלע ביכער פון דער ביבעל אויסער די פינף ביכער פון משה.

נְבִי'אִים־רִאשוֹ'נִים, הם. מ. (תלמודיש). „די ערשטע פּראָפּעטען‟, מיט דעם נאָמען רופען זיך די פאָלגענדע ביכער פון דער ביבעל: יהושע, שופטים, שמואל א', שמואל ב', מלכים א', מלכים ב' (ווז.).

נְבִי'אִיש, א. פּראָפּעטיש.

נְבֵי'לָה, הוו. (מ. נְבֵי'לוֹת). זעה נְבֵ'לָה.

נָ'בָל, הם. אַ נידערטרעכטיגער מענש.

נְבָ'לָה, הוו. (מ. נְבָ'לוֹת). אַ שענדליכע טהאַט, אַ סקאַנדאַל.

נְבֵ'לָה, הוו. (מ. נְבֵ'לוֹת). דער טויטער קערפּער פון אַ טהיער; אַ פיה אָדער פלייש פון אַ פיה וואָס איז ניט געקוילעט געוואָרען לויט דעם אידישען דין אָדער וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען נאָך דער אונטערזוכונג צו זיין טרף; מאָגערעס אָדער ניט געזונדעס פלייש; אַ'ן אָפּגעלאָזענע אָדער אונציכטיגע פרוי.

נְבֵ'לוֹת־וּטְרֵ'פוֹת, מ. (תלמודיש). פאַרבאָטענע (לויט דעם אידישען דין) פליישען אָדער שפּייזען.

נֶ'גֶד, פ. קעגען.

נגה"ש, אב. נֵס גָ'דוֹל הָ'יָה שָׁם (ווז.). זעה חֲנוּ'כָּה־דרעהדעל.

נְגוּ'לֶע [נְ'געלע], הז. (מ. נְגוּ'לעך [נְ'געלעך]). פאַרקלענערונג פון נִ'גוּן (ווז.).

נִ'גוּן, הם. (מ. נִגוּ'נִים). מעלאָדיע, געזאַנג.

נְגָ'זָל, הם. אַ באַרויבטער, אַ געקריוודעטער. „ער איז נעבאַך אַ יון אַ נ ג ז ל‟ (איראָנישער אויסדרוק).

נְגְ'זָר, א. באַשטימט, באַשערט.

נָ'גִיד, הם. (מ. נְגִי'דִים). אַ רייכער מאַן. „אַ נ ג י ד האָט פיינט כבוד ווי אַ קאַץ סמעטענע‟ (שפּוו.). „אַז מע רייבט זיך אַרום אַ נ ג י ד רייבט מען זיך אויס אַ לאָך‟ (שפּוו.). „אַ נ ג י ד קומט אָפּ און אַ'ן אָרעמאַן קומט אויף איז נאָך אַלץ ניט גלייך‟ (שפּוו.).

נְגִי'דָה, הוו. (מ. נְגִי'דוֹת). זעה נָ'גִיד.

נְגִי'דוּת, הוו. רייכקייט.

נְגִי'דִיש, א. באַלאַנגענדיג צו אַ נגיד; רייך, גרויסאַרטיג.

נְגִי'דֶתִיטע, הוו. (מ. נְגִי'דֶתִ'טעם). זעה נָ'גִיד.

נְגִי'נָה, הוו. (מ. נְגִי'נוֹת). זינגען, מוזיק; מעלאָדיע, געזאַנג; אַקצענט, טראָפּ.

נְגִישׂוּת [נְגִי'שׂוּת], מ. פּייניגונגען, פאַרפאָלגונגען.

נִגְ'לֶה, הם. (קאַבאַליסטיש). דאָס

אַנטפּלעקטע, דאָס אָפענע, דער־יעניגער טהייל פון רעליגיאָן וואָס האָט צו טהאָן בלויז מיט אַנט־פּלעקטע אָפענע ערשיינונגען און איז דייטליך און פאַרשטענדליך אין געגענזאַץ צו ״נסתר״ (ווז.) וועלכער איז דער פאַרבאָרגענער אָדער מיסטישער טהייל.

נִגְ'מַר, א. אָפּגעשלאָסען, געענדיגט (פון אַ'ן אָפּמאַך).

נֶ'גַע, המ. (מ, נְגָ'עִים). אַ פּלאָג, אַ'ן אָנשיקענים; אַ פּערזאָן וועלכע דערעסט און פון וועלכער מע קען ניט לויז ווערען.

נֶ'גַע־צָרַ'עַת, המ, (מ. נֶ'גַע־צָרַ'עַת'ען), (ביבליש). ״אַ'ן אויס־שלאָג פון קרעץ״, אַ פּלאָג, אַ'ן אָנשיקענים; אַ פּערזאָן פון וועל־כער מע קען ניט לויז ווערען.

נֶ'גַע'ן, צא. פּלאָגען, דערעסען, גרי־זשען, יאַדען.

נְדָ'בָה, הוו. (מ. נְדָ'בוֹת). געשאַנק, ביטראַג, שטיצע. ״אַ גמילות־חסד איז ביי גאָט טהייערער ווי אַ נ ד ב ה״ (שפוו.). ״אַ קאַליעקע גיט מען גיכער אַ נ ד ב ה ווי אַ תלמיד־חכם״ (שפוו.).

נַדְ'בָן, המ. (מ. נַדְבָ'נִים). אַ פריי־גיביגער אָדער וואָהלטהעטיגער מענש, אַ געבער.

נַדְבָ'נוּת, הוו. פרייגיביגקייט, וואָהל־טהעטיגקייט.

נַדְ'בָ'נ'טע, המ. (מ. נַדְבָ'נ'טעס). זעה נַדְ'בָן.

נִ'דָה, הוו. (מ. נִ'דוֹת). אַ פרוי אין דער צייט פון איהרע מאָנאַטליכע.

נְדוּנְ'יָא, המ. זעה נָ'דָן.

נְדָ'חֶה, המ. ״אַ'ן אָפּגעלעגטער״, אַ אידישער פאַסט־טאָג וועלכער ווערט אָפּגעלעגט פון שבת אויף זונטאָג.

נָ'דִיב, המ. (מ. נְדִי'בִים). זעה נַדְ'בָן.

נָדָן [נַ'דַן], הכ. (מ. נְ'דַ'נִים). געלט אָדער אַנדערע זאַכען וואָס עלטערען גיעבען זייער זוהן אָדער זייער טאָכטער אַלס הייראַטה־געשאַנק, אויסשטייער. ״נ ד ן און ירושה געהען מיט'ן טייוועל אין חברותא״ (שפוו.). ״אַ שעהן מיידעל איז אַ האַלבער נ ד ן״ (שפוו.). ״נ ד ן קענען עלטערען געבען אָבער ניט קיין מזל״ (שפוו.). ״נ ד ן און קעסט דויערען איבער די פּרעסט״ (שפוו.). ״דער נ ד ן געהט אַוועק אויף שדכנות״ (ווער.).

נֶ'דֶר [נ'דֶר], המ. (מ' נְדָ'רִים). אַ צוזאָג, אַ פאַרשפּרעך, אַ הייליגער פאַרשפּרעך.

נֶהֱ'נֶה־זיין, צש. געניסען, פּראָפיטי־רען, ציהען נוצען אָדער פאַרגע־ניגען.

נֶהֱ'רָג־ווערען, צל. ״געטייט ווע־רען״, צוקאַליעטשעט אָדער פאַר־קריפּעלט ווערען.

נֶהֱ'רָג'ען, צא. זעה הו'רג'ען.

נו'אֵף, המ. (מ. נו'אֲפִים). אַ גע־שלעכטליך אויסגעלאַסענער מענש. ״דריי מענשען האָט גאָט פיינד: אַ'ן עושר אַ גנב, אַ'ן אָרעמאַן אַ בעל־גאוה און אַ'ן אַלטען נ ו א ף״ (שפוו.).

נוֹ'אֲפיען, צש. בוהלען, הורען.

נוֹג'ע־זיין, צא. אָנריהרען, באַריהרען; אָנגעהן, אַארען, קימערען.

נוֹג'ע־בְדָ'בָר, המ. (מ. נוֹגְ'עִים־בְדָ'בָר), (תלמודיש). אַ פּאַראינטערעסירטער אין דער זאַך, איינער וועלכען די זאַך באַריהרט.

נוֹג'ע־בְכָבוֹד [בְּכָ'בוֹד]־זיין, צא. אָנריהרען די עהרע, באַליידיגען.

נוֹ'גֵשׂ, המ. (מ. נ'גְ'שִׂים). אַ'ן אונטערדריקער, אַ פּייניגער.

נוֹ'גֵשׂ־זיין, צא. פּייניגען, אונטערטרייבען, צווינגען.

נוֹ'הֵג־זיין־זיך, צוו. זיך פיהרען, זיך אויפפיהרען, האָבען די געוואָהנהייט.

נוֹ'הֵג־כָּ'בוֹד־זיין, צש. (תלמודיש). אָפּגעבען עהרע, רעספּעקטירען.

נוֹ'חַ, אנמ. זעה נ'חַ.

נוֹ'טֶה, א. געניינט.

נוֹ'טֶה־לָ'מוּת, המ. (מ. נוֹ'טִים־לָ'מוּת). איינער וועלכער ליעגט צום שטאַרבען, אַ שטערבענדער, אַ געפעהרליך קראַנקער.

נוֹ'טֶה־לָ'מוּת'דיג, א. (תלמודיש). שטערבענד, געפעהרליך קראַנק.

נוֹטָרִיקוֹן [נוֹטְרִי'קוֹן], המ. (תלמודיש). "פּאַרקירצונג", דאָס געפּינען אין אַ וואָרט אַ פאַרבאָרגענעם מיין דאַדורך וואָס מע טייטשט אויס איטליכען בוכשטאַב אַלס אָנפאַנג פון אַ וואָרט, אַזוי ווי: ש ב ת איז נוטריקון שֵׁ'נָה בְּשַׁ'בָּת תַּעֲ'נוּג (שלאָפען אום שבת איז אַ פאַרגעניגען).

נוֹ'לַד־ווערען, צל. געבאָרען ווערען.

נוֹ'לַד־מָ'הוּל, המ. (תלמודיש). איינער וועלכער איז געבאָרען אַ באַשניטענער.

נוּן, המ. (מ. נוּ'נ'יען). דער נאָמען פון דעם פערצעהנטען בוכשטאַב (נ) פון דעם אידישען אַלף־בית. לאַנגע־נון, שלום־נון, דער בוכשטאַב "ן" (צום ענד פון אַ וואָרט).

נוֹסַח [נוּ'סַח], המ. (מ. נוּסְחָ'אוֹת). טעקסט, לעזעאַרט.

נוֹסַח [נוּ'סַח]־אַשְׁ'כְּנַז, המ. "דער דייטשער טעקסט", אַ געוויסער טעקסט פון די אידישע געבעטען געוועהנליך געברויכט צווישען די מתנגדים.

נוֹסַח [נוּ'סַח]־הָאֲרִ"י, המ. דער טעקסט פון די אידישע געבעטען לויט די פאָרשריפטען פון דעם גרויסען קאַבאַליסט יצחק לוריא וועלכער ווערט געברויכט צווישען אַ טהייל פון די חסידים.

נוֹסַח־סְפָרַד [נוּ'סַח־סְפָרַד], המ. "דער שפּאַניאָלישער טעקסט", אַ געוויסער טעקסט פון די אידישע געבעטען, געוועהנליך געברויכט צווישען די חסידים.

נוֹסֵ'עַ, המ. (מ. נוֹסְ'עִים). רייזענדער.

נוֹצְ'רִי, המ. דער וועלכער קומט פון דער שטאָדט נַצְ'רֶת, קריסטוס; אַ קריסט (מ. נוֹצְ'רִים).

נו'קֵם־זיין־זיך, צוו. ראַכע נעהמען, זיך אָפּרעכענען.

נו'קֵם־וְנו'טֵר, המ. (מ. נוֹקְ'מִים־וְנוֹטְ'־רים), (ביבליש). איינער וועלכער טראָגט לאַנג אַ האַס, אַ ראַכזיכטיגער מענש.

נו'שֵׂא־חֵן־זיין, צש. (ביבליש). אויסנעהמען, געפעלען.

נו'שֵׂא־פָּ'נִים־זיין, צא. (ביבליש). זיין פריינדליך צו, אַרויסווייזען פּאַרטייליכקייט צו, שוינען, שאַנעווען.

נו'תֵן, המ. (מ. נוֹתְ'נִים). אַ געבער.

נו'תֵנ'יטע, הוו. (מ. נו'תְנ'יטעס). זעה נו'תֵן.

נו'תֵנ'ען, צא. געבען.

נִזְ'הָר, א. אָפּגעהיט, באַהיט.

נִ'זוק־ווערען, צל. געשעדיגט אָדער צוקאַליעטשעט ווערען.

נִ'זוק'ען, צא. שעדיגען, קאַליעטשען.

נְזִיד־עֲדָשִׁים [עֲדַ'שִׁים], המ. (ביבליש). דאָס געקעכטס פון לינזען (פאַר וועלכען עשו האָט פאַרקויפט זיין רעכט פון ערשט־געבאָרענשאַפט, ווי די ביבעל דערצעהלט).

נְזִי'קִין, המ. "שאָדענס", דער נאָמען פון דער פיערטער אָפּטהיילונג פון תלמוד (ווז.) וועלכע ענטהאַלט די אידישע געזעצען וועגען שאָדענערזאַץ און אַנדערע ציוויל־געזעצען. זעה ש״ס.

נָ'זִיר, המ. (מ. נְזִי'רִים). איינער וואָס לעבט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אַ'ן אַסקעט.

נ'חַ, אנמ. דער נאָמען פון דעם מאַן וועלכען גאָט האָט געראַטעוועט פון דער פאַרפלייצונג, ווי די ביבעל דערצעהלט; הוו. דער נאָמען פון דער צווייטער סדרה (ווז.). שרייבען נ ח מיט זיבען גרייזען, זעהר שלעכט אויסלעגען (אין שרייבען). "נ ח מיט'ן קאַטצעןמח" (ווער. אויף איינעם וואָס הייסט נח און איז אַ גרויסער נאַרר).

נ״ח, אב. נִשְׁאָר־חַיָּב (ווז.).

נַ'חוּם, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען פּראָפעט; דאָס ביבלישע בוך וואָס ענטהאַלט די פּראָפעצייהונגען פון נחום.

נְחוּת־דַרְ'גָא, המ. (תלמודיש). נידעריגער שטאַנד, נידעריגע אָפּשטאַמונג.

נַחְ'זוֹר־לְעִנְיָ'נֵנוּ, לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזער געגענשטאַנד (פון געשפּרעך).

נַחְ'לָה, הוי. (מ. נַחְ'לוֹת, נַחֲלָ'אוֹת). אַ'ן ערבשאַפט, הויז אָדער לאַנד וועלכע בלייבען נאָך איטיצענ'ס טויט; אייגענטהום, מאַיאָנטעק.

נֶחָ'מָה, הוו. (מ. נֶחָ'מוֹת). אַ טרייסט, אַ טרייסטונג; אַ פרייד, אַ פאַרגעניגען. "איידער מע דערלעבט די נחמה געהט אויס די נשמה" (שפוו.).

נְחֶמְ'יָה, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען פּראָפעט; דאָס

בּוּך וואָס ענטהאַלט די פּראָפעַ=ציייהונגען פון נחמיה.

נָ'חָש־הַקַדְמוֹ'נִי, המ. (תלמודיש). די ערשטע שלאַנג (וועלכע האָט איינגערעדט דעם ערשטען מענ=שען צו עסען פון די פאַרבאָ=טענע פרוכט ווי די ביבעל דער=צעהלט.

נַ'חַת, הוו. פרייד, פאַרגעניגען, שטאָלץ. קלייבען אָדער שעפּען נחת, אָנקוועלען, שטאָלצירען.

נַ'חַת־רוּ'חַ, הוו. (תלמודיש). פרייד, פאַרגעניגען.

נַ'חַת'דיג, א. פארשאַפענדיג פאַר=געניגען, אַנגענעהם.

נְטִ'יָה, הוו. (מ. נְטִ'יוֹת). בייגונג, ריכטונג, טענדענץ.

נְטִי'לַת־יָדַיִם, הוו. (תלמודיש). דאָס וואַשען פון די הענד (פאַר'ן עסען).

נְטִי'לַת־לוּ'לָב, הוו. (תלמודיש). די מצוה פון שאָקלען לולב.

נ"י, אב. נֵ'רוֹ־יָאִיר (ווז.).

נִי'אוּף, המ. זעה נִ'אוּף.

נִי'גוּן, המ. (מ. נִיגוּ'נִים). זעה נִ'גוּן.

נִי'דָה, הוו. (מ. נִי'דוֹת). זעה נִ'דָה.

נִי'זוֹק־, זעה נִ'זוֹק־.

נִי'חָא, א. (תלמודיש). ליעב, רעכט. "אַז איהם אין רעכט איז מיר ניחא" (ווער.).

נִי'טָל*, המ. זעה נִ'טָל.

נִי'כָּר, א. זעה נִ'כָּר.

נִי'מוּס, המ. מאָדע, זיטע, איינפיה=רונג, עטיקעטע.

נִיסָ'יוֹן, המ. (מ. נִיסְיוֹ'נוֹת). זעה נִסָ'יוֹן.

נִי'סִים, המ. מ. זעה נֵס.

נִי'סָן, המ. דער זיבענטער מאָנאַט פון דעם אידישען יאָהר; פאַלט געוועהנליך אין מערץ=אַפּריל און האָט דרייסיג טאָג. "אין ניסן איז גוט צו שטאַרבען אָבער נאָר פאַר יענעם" (שפוו.). "ראש חדש ניסן איז אַ טהייערער ביסען" (שפוו. — ווייל אין מאָנאַט ניסן פאַלט פסח וועלכער קאָסט אָפּ זעהר פיעל).

נִי'צוֹל־, זעה נִ'צוֹל־.

נִי'צוֹץ, המ. אַ פונק, אַ שפור. "ער האָט אַ ניצוץ פון זיין זיידען". "עס איז אין איהם קיין ניצוץ אידישקייט ניטאָ".

נִיצָ'חוֹן, המ. (מ. נִיצְחוֹ'נוֹת). זעה נִצָ'חוֹן.

נִישְׁקָ'שֶׁה, או. ניט שלעכט, מי=טעלמעסיג, ציעמליך; אר. נאָר ניט געוואָרגט! עס מאַכט ניט אוים! "נישקשה ער וועט שוין ביי מיר אויסגעריסען ווערען".

נִישְׁקָ'שֶׁה'דיג, א. ניט שלעכט, מי=טעלמעסיג.

נַ"ךְ, אב. נְבִי'אִים (וּ)כְּתוּבִים (ווז.).

נִכְ'בַּד, א. (מ. נִכְבָּדִים [נִכְבְּ'דִים]). אַ'ן אַנגעזעהענער מאַן.

נִכְבְּ'דֵי־הָעִיר', המ. מ. די אָנגעזעהע=נע לייט פון דער שטאָדט.

נֶ'כֶד, המ. דער אייניקעל פון. נכד־הרב, דער אייניקעל פון דעם רב.

נִכְ'לָל, א. איינגעשלאָסען, אריינגע=
רעכנט

נֶכְ'נָע, המ. (מ. נִכְנָ'עִים). אַ'ן אונ=
טערטהעניגער אָדער שוואַכמוטהי=
גער מענש, איינער וועלכער איז
ביי זיך אַראָפּגעפאַלען.

נִכְ'נָעִ'דיג, או. אונטערטהעניג,
שוואַכמוטהיג.

נְכָ'סִים, מ. גיטער, אייגענטהום.

נִכְ'פֶּה, הוו. די פאַליגע קראַנקהייט,
עפּילעפּסיע.

נִכְ'פֶּה'ניק, המ. (מ. נִכְפֶּ'ה'ניקעס).
אַ קאַפּריזנער, פאַרביסענער אָדער
בייזער מענש.

נ'כָּר, א. קענטיג, באַמערקבאַר.

נִכְ'שָׁל, א. געשטרויכעלט.

נִכְ'תָּב, חמ. (מ. נִכְתָּ'בִים). אַ'ן
איינגעשריבענער (בירגער). "אַ
געבאָרענער איז ער אַ קאָוונער
אַ נ כ ת ב איז ער אין סלוצק
און אַ געלם אין קיידאַן" (ווער.).

נִמְ'אָס (וּמְ'אוֹס), א. זעהר עקעלדיג.

נָמְ'נוּ־וְגָמְ'רוּ, (תּלמודיש). "זיי האָ=
בען געצעהלט די שטימען און
האָבען באַשלאָסען", עס איז פעסט
געבליבען.

נִמְ'צָא, או. עס קומט אַלזאָ אויס,
אַלזאָ, פאָלגליך,

נִמְ'שָׁל, המ. (מ. נִמְשָׁ'לִים). די
צוגעגליכענע זאַך, דער מיין פון
אַ פאַבעל. זעה מָ'שָׁל.

נִנְתְּ'קָה, (ביבליש). זעה עַל־יְהוָֹה
וְעַל־מְשִׁיחוֹ.

נֵס [נֶס], המ. (מ. נִ'סִים). אַ'ן אי=
בערנאַטירליכע ערשיינונג אָדער
פּאַסירונג, אַ וואונדער; אַ וואונ=
דערליכע רעטונג אָדער הילף.
לעבען מיט נ ס י ם, לעבען פון
ווינד. ניט האָבען קיין זיכערע
עקזיסטענץ. עס האַלט זיך אויף
נ ס י ם, עס האַלט זיך קוים.
"גאָט'ס נ ס י ם — דריי לאָקשען=
טעפּלאַך אין איינעם" (ווער.—ווען
איינער וואונדערט זיך איבער אַ
קליינינגקייט).

נֵס־בְּתוֹךְ־נֵס [נֶס־בְּתוֹךְ־נֶס], המ.
(תּלמודיש). אַ וואונדער אין אַ
וואונדער, אַ דאָפּעלטער וואונ=
דער.

נֵס [נֶס]־גָ'דוֹל־הָ'יָה־שָׁם, (תּלמו=
דיש). זעה חֲ'נוּכָּה־דרעהדעל.

נִסָּ'יוֹן, המ. (מ. נִסְיוֹ'נוֹת). פּרוּף.
פּרוּפוּנג (מיט וועלכער גאָט פּרופט
דעם מענשען). ביי=שטעהן אַ
נ ס י ו ן, זיך ניט לאָזען פאַרפיה=
רען.

נִ'סִּים־וְנִפְלָ'אוֹת, מ. וואונדער און
זעלטענע ערשיינונגען, גרויסע
וואונדער.

נְסִיעָ'ה, הוו. (מ. נְסִי'עוֹת). אַ
רייזע.

נֶ'סֶךְ, המ. זעה יַיִן־נֶ'סֶךְ.

נִסְתַּ'לֵּק־ווערען, צל. אוועקגענומען
ווערען, שטאַרבען (פון אַ זעהר
הייליגען מאַן).

נִסְ'תָּר, המ. די לעהרע פון דאָס
וואָס איז פאַרבאָרגען, קבלה
(ווז.); אַ פאַרבאָרגענער, אַ פרו=

מער מאַן וועלכער ווייזט זיך ניט אַרויס פאַר דער וועלט.

נ״ע, אב. נִשְׁמָ׳תוֹ־עֵ׳דֶן, זיין נשמה איז אין גן עדן (געשריבען נאָך דעם נאָמען פון אַ געשטאָרבען).

נָע־וָנָד [נַע־וְנַד׳], א. (ביבליש). פאַרוואָגעלט, אַרומוואַנדערענדיג פון איין פּלאַטץ צום אַנדערען, אָהן אַ היים.

נַע־וְנַד״ניק, הם. (מ. נַע־וְנַד״ניקעס). איינער וועלכער וואַנדערט אַרום פון איין פּלאַטץ צום אַנדערען, אַ מענש אָהן אַ היים.

נַע־וְנַד״עווען, צש. אַרומוואָגלען, זיין נע־ונד.

נְעִי׳לָה, הוו. דער לעצטער מהייל פון די געבעטען פון יום־כפור וועלכען מע זאָגט נאָהענט צום אָבענד.

נְעִי׳מוּת, הוו. זאַנפטקייט, מילדקייט.

נַעֲ׳לֶה־מֵעַל״־כָּל־סָ׳פֵק, א. איבער יעדען צווייפעל, אָהן אַ צווייפעל.

נֶ׳עֱלָם, הם. (מ. נֶעֱלָ׳מִים). „אַ פאַרבאָרגענער", איינער וועלכער איז ניט איינגעשריבען אַלס בירגער. זעה נִכ׳תָּב.

נֶעֱ׳לָם־ווערען, צל. פאַרשוואונדען ווערען.

נְעַנוּ׳עִים, מ. (ליטורגיש). די באַוועגונגען וועלכע מע מאַכט ביים שאָקלען לולב.

נֶעֱ׳נָש־ווערען, צל. באַשטראָפט ווערען.

נֶעֱ׳צָר, א. פאַרשטאָפּט, האַרט־לייביג.

נַעֲ׳רָה־הַמְאוֹרָ׳שָׂה, הוו. (ביבליש). אַ פערלאָבטע יונג־פרוי (וועלכע איז פאַרגוואַלטיגט געוואָרען). „אַ קול פון אַ נ ע ר ה ־ ה מ א ו ר ש ה" (ווער.).

נַעֲרִי״צְךָ, זעה כֶּ׳תֶר.

נָפוּ׳חַ, הם. (מ. נְפוּ׳חִים). „די אויפבלאָזונג", דער אומפאַנג, דער פאַרנעהם, די גרויס. „אַ פונט אייזען האָט אַ גרעסערען נ פ ו ח ווי אַ פונט בליי".

נִפְ׳טָר, הם. (מ. נִפְטָ׳רִים). אַ געשטאָרבענער.

נִפְ׳טָר־ווערען, צש. שטאַרבען.

נְפִי׳חָה, הוו. (מ. נְפִי׳חוֹת). אַ פאָרץ.

נְפִי׳לִים, הם. מ. (ביבליש). געוויסע ריעזען וועלכע האָבען געלעבט פאַר דער פאַרפלייצונג, ווי די ביבעל דערצעהלט.

נִפְ׳לָא, א (מ. נִפְלָ׳אִים; וו. נִפְלָ׳אָה, מ. נִפְלָ׳אוֹת). וואונדערבאַר.

נַפְ׳קָא, הוו. (מ. נַפְ׳קוֹת). (תלמודיש). הורר, פראָסטיטוטקע.

נַפְקָא־מִי׳נָה, הוו. (מ. נַפְקָא־מִי׳נְהִים), (תלמודיש). אונטערשייד.

נֶ׳פֶש, הוו. (מ. נְפָשׁוֹת [נַפָ׳שׁוֹת], זעעלע, לעבען; אַ באַשעפעניס; אַ פערזאָן; אַ׳ן עקעלהאַפטע פערזאָן. „דער נ פ ש איז זיכער" (ווער. — ד. ה. קיין לעבענסגעפאַהר איז עם ניט).

נַפְתָּ׳לִי, אנמ. דער נאָמען פון איי=

נעם פון יעקב'ס צוועלף זיהן ; דער שטאם וואס קומט ארויס פון נפתלי .

נִצָּ'בִים, הוו. דער נאמען פון דער איין און דרייסיגסטער סדרה (ווז.).

נִצָּ'בִים־וַיֵּ'לֶךְ, זעה סִדְ'רָה .

נִ'צול־ווערען, צל. געראטעט ווערען .

נִצָּ'חוֹן, הם. (מ. נִצחוֹ'נוֹת) . זיעג, טריאומף ; עהרגייץ, אמביציע . "עס געהט אין נצחון" .

נַצְּחָ'נוּת, הוו. עהרגייץ, אמביציע .

נִצְ'מַח־ווערען, צש. ארויסשפראצען .

נִצְ'רָךְ, הם. (מ. נִצְרָ'כִים) . א באדערפטיגער , א נויטה-באדערפטיגער . "ער איז נעביך א גרויסער נצרך" .

נְקֵ'בָה, הוו. (מ. נְקֵ'בוֹת) . א פרויענצימער ; א שטארקע אדער מוטהיגע פרויענצימער ; א'ן אויסגעלאסענע פרויענצימער , א פראסטיטוטקע . "א מאנספערשוין איז ווי א גלאז א נקבה איז ווי א טאפ" (וועלכען מע קען מיט וויאשען ניט כשר מאכען נאך דעם ווי ער ווערט טרף . — שפוו.) .

נְקָ'בִים, מ. (תלמודיש) . "עפענונגען", מענשליכע באדערפענים , שטוהלגאנג . געהן אויף נקבים , געהן אויפ'ן שטוהל .

נְקָ'בִים־גְדוֹ'לִים, מ. (תלמודיש) . שטוהל-גאנג .

נְקָ'בִים־קְטַ'נִים, מ. (תלמודיש) . דאס אפשלאגען וואסער .

נְקָ'דִים־וּבְרֻ'דִים , זעה עֲקֻ'דִים־ .

נִ'קוּד , הם. די גראמאטישע רעגלען פון די העברעאישע נקודות .

נְקוּ'דָה, הוו. (מ. נְקוּ'דוֹת) . "א פינטעלע", איינער פון די העברעאישע וואקאל-קאנזאנאנט- און אויסשפראך-צייכענס (קמץ, פתח, צירה , סגול , חיריק , חולם , שורוק , קביץ , חטף , שוא , דגוש , ווז.) .

נָ'קִי, או. (תלמודיש) . "ריין", אהן א פעניג געלט . "ער איז ארויס נקי פון געשעפט" .

נְקִי־כַּפַּיִם [כַּפַּ'יִם], הם. (ביבליש) . איינער וואס האט ריינע הענד , איינער וועלכער נעהמט ניט קיין כאבאר , א'ן עהרליכער מאן . "פון נקי־כפים ווערט מען ניט רייך" (שפוו.) .

נְקִי'בָה, הוו. (מ. נְקִי'בוֹת) . זעה נְקֵ'בָה .

נְקִ'יוּת, הוו. "רייניגונג", שטוהלגאנג .

נְקָ'מָה, הוו. (מ. נְקָ'מוֹת) . ראכע , ראכענעהמונג . "א נקמה איז א האלבע נחמה" (שפוו.) .

נֵר, הם. (מ. נֵ'רוֹת) . א ליכט .

נֵר־תָּ'מִיד, הם. "דאס שטענדיגע ליכט", דאס ליכט וואס ברענט שטענדיג פאר'ן ארון־קודש .

נִרְ'דָּף, הם. (מ. נִרְדָּ'פִים) . א פארפאלגטער , א'ן אונשולדיג פארפאלגטער .

נֵ'רוֹ־יָ'אִיר, (ביבליש) . "זיין ליכט זאל שיינען" , ווערטער וועלכע

מע שטעלט נאָך דעם נאָמען פון
א פערזאָן וואָס לעבט נאָך.

נָשׂא, הוו. דער נאָמען פון דער
פינף און דרייסיגסטער סדרה (ווז.).

נְשְׁאָר, הם. דער רעשט, דער בי=
לאַנץ.

נִשְׁאַר־חַיָּב, א. געבליבען שולדיג,
שולדיג.

נְשִׂיאַת־פָּנִים, הוו. פאַרטייליכ=
קייט.

נָשִׁים, הוו. מ. זעה אִשָּׁה.

נָשִׁים, הם. "פרויען", דער נאָמען
פון דער דריטער אָפּטהיילונג פון
תלמוד וועלכע ענטהאַלט די אי=
דישע געזעצען וועגען הייראַטה,
שיידונג א. ד. ג. זעה ש"ס.

נְשָׁמָה, הוו. (מ. נְשָׁמוֹת). זעעלע,
לעבען. זיין גאָט די נשמה
שולדיג, זיין אונשולדיג. "ניט
האָבען קיין גראָשען ביי דער
נשמה". מיר איז שיער די
נשמה אַרויסגעפאַלען, איך האָב
זיך זעהר שטאַרק דערשראָקען. "א
ווייב איז גוט צום לייב אָבער ניט
צו דער נשמה" (שפוו.). "א
אידישע נשמה קען מען ניט
שאַצען" (שפוו.). "די נשמה
קען מען ניט אויסשפייען" (שפוו.).
"די נשמה ליגט טיעף" (שפוו.).
"מיין נשמה איז אויך ניט קיין
ראָזשעק" אָדער "— פון קלאָטשע"
(ווער. — ד. ה. איך האָב אויך
א שטיקעל רעכט).

נְשָׁמָה־יְתֵרָה, הוו. (מ. נְשָׁמוֹת־
יְתֵרוֹת). די צוגעלעגנטע צווייטע
נשמה (וועלכע יעדער איד
קריגט אויף דעם טאָג פון
שבת).

נְשָׁמָה־ליכט, הז. (מ. נְשָׁמָה־
ליכט). דאָס ליכט וואָס מע צינדט
אָן נאָך א טויטען.

נִשְׁמַת, "די זעעל פון", דאָס
ערשטע וואָרט און דער נאָמען
פון א תפלה וואָס מע זאָגט שבת
אין דער פריה.

נִשְׁמַת־חַיִּים, הוו. (ביבליש). דער
אָטהעם פון לעבען.

נִשְׂרָף, הם. (מ. נִשְׂרָפִים). איינער
וואָס זיין אייגענטהום איז פאַר=
ברענט געוואָרען, א'ן אָפּגעברענ=
טער.

נִשְׁתּוֹמֵם, א. איבערראַשט, פאַר=
וואונדערט.

נִתְבַּקֵּשׁ־ווערען, צל. (חסידיש).
"געבעטען ווערען", שטאַרבען
(פון אַ זעהר הייליגען מאַן).

נִתְגַּדֵּל־ווערען, צל. דערגרוויסט
ווערען.

נִתְגַּלֶּה־ווערען, צל. אנטפּלעקט
ווערען.

נִתְחַמֵּץ־ווערען, צל. זויער ווערען,
אויסגעלאָסען ווערען.

נְתִינָה, הוג. (מ. נְתִינוֹת). א גאָב,
אַ געשאַנק (צו אָרעמע אָדער פאַר
א וואָהלטהעטיגען צוועק).

נֵתֶל*, הם. די נאַכט ווען קריסטוס
איז געבאָרען געוואָרען, ווייה=
נאַכט, ראָזשדעסטוואָ (לויט א
געווייסער מיינונג זאָל דאָס וואָרט
שטאַמען פון נִתְלָה (זעה תָּלוּי),
דער געהאָנגענער. מעהר וואָהר־

שיינליך איז אַז דאָס וואָרט שטאַמט פון דעם לאַטייניש: "Natalis", דער געבורטס־טאָג).

נְתַנֶּה־תּוֹקֶף, הס. זעה וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף.

ו'תֶּנִיען, צא. געבען.

נִתְעַשֵּׁר־ווערען, צל. רייך ווערען, באַרייכערט ווערען.

נִתְפָּעֵל, א. ענטציקט, באַגייסטערט, איבערראַשט.

נִתְרַבֶּה־ווערען, צל. פאַרמעהרט ווערען.

ס.

ס, הס. דער פונפצעהנטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית; אין צעהלען גערעכענט אַלס 60. זעה סָמֶך.

סִבָּה, הוו. (מ. סִבּוֹת). אורזאַכע; צופאַל; שלעכטער צופאַל, אומגליק.

סְבִיבָה, הוו. (מ. סְבִיבוֹת). אומגעגענד, נאַכבאַרשאַפט; אומגעבונג.

סַבְלָן, הס. (מ. סַבְלָנִים). אַ געדולדיגער אָדער טאָלעראַנטער מענש.

סַבְלָנוּת, הוו. געדולד, דולדזאַמקייט, טאָלעראַנץ.

סַבְלָנִיטע, הוו. (מ. סַבְלָנִיטעס). זעה סַבְלָן.

סְבָרָא, סְבָרָה, הוו. (מ. סְבָרוֹת). מיינונג, געדאַנק, באַהויפּטונג, טהעאָריע. עס איז אַ סברה, מע דענקט. בויך־סברא, אַ'ן אונבאַגרינדעטע באַהויפּטונג.

סֶגוֹל, הס. (מ. סֶגוֹליען). דער נאָמען פון דעם העברעאישען וואָקאַל־צייכען "ֶ" אויסגעשפּראָכען ווי "ע" אין "געלט".

סְגוּלָה, הוו. (מ. סְגוּלוֹת). אַ הייל־מיטעל, אַ וואונדער־מיטעל; אַ טאַליסמאַן.

סִגְנוֹן, הס. סטיל,

סְדוֹם [סְדֹם], אנמ. דער נאָמען פון אַ שטאָדט וועלכע איז צושטערט געוואָרען פון גאָט פאַר איהרע זינד, ווי די ביבעל דערצעהלט.

סְדוֹם־וַעֲמוֹרָה, אנמ. מ. די נעמען פון צוויי שטעדט וועלכע זיינען צושטערט געוואָרען פון גאָט פאַר זייערע זינד, ווי די ביבעל דערצעהלט.

סִדּוּר, הס. (מ. סִדּוּרִים). דאָס אידישע געבעט־בוך. ניט אַרויסגעהן פון דער מאַמע'ס סדור, זיך האַלטען אָן אַלטע באַגריפען.

סֵדֶר, הס. (מ. סְדָרִים). אָרדנונג; די רעליגיעזע צערעמאָניע פון ד,

צוויי ערשטע נעכט פון פסח; איינע פון די זעקס אָפּטהיילונגען פון תלמוד (ווז.). "וואָס איז דעם אינדיק פאַר אַ חילוק צו מע קווי=לעט איהם אויף פורים צו דער סעודה, אָדער אויף פסח צום סדר" (שפוו.).

סֵ׳דֶר־עוֹ׳לָם, המ. די איינפיהרונג פון דער וועלט, די מאָדע.

סִדְרָה [סֶדְ׳רָה], הוו. (מ. סִדְרוֹת [סֶדְ׳רוֹת]). איינער פון די פיער און פופציג אָפּשניטען אין וועלכע די פינף ביכער פון דער תורה זיי=נען איינגעטהיילט (אָנהויבענדיג פון שבת־בראשית ווערט יעדען שבת פאָרגעלייענט אין שוהל איין סדרה. די נעמען פון די סדרות זיינען פאָלגענדע: בראשית, נח, לך־לך, וירא, חיי־שרה, תולדות, ויצא, וישלח, וישב, מקץ, ויגש, ויחי, שמות, וארא, בא, בשלח, יתרו, משפטים, תרומה, תצוה, כי־תשא, ויקהל, פקודי, ויקרא, צו, שמיני, תזריע, מצורע, אחרי־מות, קדושים, אמור, בהר, בחקותי, במדבר, נשא, בהעלותך, שלח, קרח, חקת, בלק, פינחס, מטות, מסעי, דברים, ואתחנן, עקב, ראה, שופטים, כי־תצא, כי־תבא, נצבים, וילך, האזינו, וזאת־הברכה. אום אויסצוגלייכען די צאָהל פון די וואָכען פון דעם אידישען יאָהר מיט דער צאָהל פון די סדרות ווערען אין געוויסע שבתים פאָרגעלייענט צוויי סדרות צוזאַמען, אַזוי ווי: ויקהל־פקודי, אחרי־מות-קדושים, בהר־בחקותי, מטות־מסעי, נצבים־וילך. דאָס אידישע דאַטום ווערט געוועהנליך גערעכענט נאָך דער סדרה פון דעם קומענדען שבת, אַזוי ווי: א׳ בראשית, זונטאג פאַר דעם שבת אין וועלכען מע לייענט די סדרה "בראשית"); אַ רייהע, אַ געשליעדער, אַ פאַרוויקעלטער אינטערעס. וועלכע סדרה געהט היינט?, וועלכע סדרה וועט מען פאָרלייענען נעקסטען שבת. "איז זיך די סדרה מישב און געהט גאָר ניט" (ווער.).

סֶ׳דֶר׳ען, צש. אָפּריכטען די רעליג=יעזע צערעמאָניע פון די ערשטע צוויי נעכט פון פסח.

סוֹ׳בֶל־זיין, צא. פאַרטראָגען, דולדען.

סוּג, המ. (מ. סוּ׳גִים). זאָרט, אַרט.

סוּגְ׳יָא, הוו. (מ. סוּגְ׳יוֹת). (תלמו=דיש). אַ דעבאַטע, אַ׳ן אָפּהאַנד=לונג (אין תלמוד).

סוֹד [סָד], המ. (מ. סוֹ׳דוֹת). גע=היימניס, סעקרעט. איינרוימען די מייז אַ סוד, ריידען זעהר שטיל. "דאָס פנים זאָגט אויס דעם סוד" (שפזו.). "וואָס דריי ווייסען איז קיין סוד ניט" (שפ.ו.). "זאָג דער ווייב אַ סוד און שנייד איהר אויס די צונג" (שפוו.). "פאַר אַ ווייב איז קיין סוד ניטאָ" (שפוו.).

סוֹ׳דוֹתְ׳דיג, א. געהיימניספול.

סוֹ׳ד׳ען, צא. שושקען. זיך סוד׳=ען, זיך שושקען.

סוֹ׳חֵר, המ. (מ. סוֹחֲרים [סָחְ׳רים]). געשעפטסמאַן, קויפמאַן, הענד=לער; אַ חיטרער קערל, אַ שורקע.

"באַשעערט גאָט אָ סוחר שיקט דער רוח אַ מעקלער". (שפוו.).

סו'חֵר־תְּבוּ'אָה, המ. (מ. סוֹחֲרֵי־[סָחְ'רֵי] תְּבוּאָה). געטריידע הענדלער

סו'חֶרְ'טע, הוו. (מ. סו'חֶ'רטעס). זעה סו'חֵר.

סוֹחְרִ'יש [סָחְ'ר'יש], באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די אייגענשאַפטען פון אַ קויפמאַן, געשעפטסמעסיג. "חרטה איז ניט סוחריש" (שפוו.).

סו'טָה, הוו. אַ פרוי וועלכער דער מאַן האָט פאַרדעכטיגט אַז זי איז איהם אונטריי און וועלכע האָט געמוזט לויט דעם אידישען געזעץ (פאַרצייטען) טרינקען אַ געטראַנק געמאַכט פון געוויסע ביטערע קרייטעכצער. אויב דאָס געטראַנק האָט אויף איהר ניט געהאַט קיין שלעכטע ווירקונג איז עס אָנגענומען געוואָרען אַלס באַווייז אַז זי איז אונשולדיג. זידלען ווי אַ סוטה, שטאַרק זידלען.

סוּ'כָּה, הוו. (מ. סו'כּוֹת). זעה סְ'כָּה.

סוּ'כּוֹת, המ. זעה סְ'כּוֹת.

סו'מֵךְ־זיין־זיך, צוו. זיך שטיצען, זיך פאַרלאָזען, זיך באַציהען.

סוּס, המ. (מ. סו'סִים). אַ פערד. "אַז מע האָט ניט קיין סוס מוז מען געהן צו פוס" (שפוו.).

סוֹף [סָף], המ. ענד, שלוס, אויסלאָז, רעזולטאַט. "אַז דער סוף איז גוט איז אַלעס גוט. (שפוו.).

סוֹף־חוֹ'דֶש, המ. ענד מאָנאַט. "זי לייכט ווי די לבנה סוף־חודש" (איראָנישער אויסדרוק).

סוֹף־כָּל־סוֹף [סָף־כָּל־סָף], או. (תלמודיש). צום סאַמע ענד, ענדליך, נאָך אַלעמען.

סו'פֵר, המ. (מ. סוֹפְרִים [סָפְ'רִים]). אַ שרייבער פון ספרי־תורות, תפלין און מזוזות.

סוֹפְרוּת [סָפְ'רות], הוו. די פּראָפעסיאָן פון אַ סופר.

סוֹפְרִ'יש [סָפְ'ר'יש], א. באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די אייגענשאַפט פון אַ סופר. סופרישער טינט, אַ געוויסער זאָרט גלאַנציגער טינט וואָס די סופרים געברויכען.

סו'רֵר־ומו'רֶה, המ. זעה בֵּן־סו'רֵר־ומו'רֶה.

סו'תֵר־זיין, צא. ווידערשפּרעכען.

סְחוֹ'רָה, הוו. (מ. סְחוֹ'רוֹת). וואַארע; אַ יונגאַטש; אַ פאַרשייטעס פרויענצימער. "תורה איז די בעסטע סחורה" (שפוו.). "אַז אַ מויד פאַרזיצט איז זי ווי אַ'ן אָפּגעלעגטע סחורה" (שפוו.). "איטליכער סוחר לויבט זיין סחורה" (שפוו.).

סַ'חֶר'עו, צש. זעה שאַכער'ען.

סִטְ'רָא־אַחֲרָא, הוו. (קאַבאַליסטיש). "די פרעמדע (אונריינע) זייט", דער בייזער גייסט.

סִי'בָּה, הוו. (מ. סִי'בּות). זעה סִ'בָּה.

סִי'דוּר, הם. (מ. סִידוּ'רִים). זעה סִ'דוּר.

סִי'וָן, הם. דער ניינטער מאָנאַט פון דעם אידישען יאָהר; פאַלט געווענליך אין מאַי=יוני און האָט דרייסיג טעג.

סִיטְ'רָא־, זעה סִטְ'רָא־.

סְיָיג, הם. (מ. סְיָי'גִים). זעה סְיָג.

סִיכְּ'סוּךְ, (מ. סִיכְ'סוּכִים). זעה סִכְ'סוּךְ.

סִי'לוּק, הם. זעה סִ'לוּק.

סִי'מָן, הם. (מ. סִי'מָנִים). זעה סִ'מָן.

סִי'נַי, אנמ. דער נאָמען פון דעם באַרג אויף וועלכען גאָט האָט געגעבען די תורה צו משה'ן, ווי די ביבעל דערצעהלט. ער איז צום באַרג סיני ניט דערגאַנגען, ער איז ניט קלוג.

סִי'פּוּר, הם. (מ. סִיפּוּ'רִים). זעה סִ'פּוּר.

סִיְר'כָא, הוו. (מ. סִיְר'כוֹת). זעה סִרְ'כָא.

סִיַעְ'תָא־דִשְׁמַ'יָא, הוו. (תלמודיש). אַ חילף פון הימעל, אַ גאָט=זאַך.

סַךְ, הם. (מ. סַ'כ'ען). סומע, בעטראַג; מאַסע.

סַךְ־הַכּוֹ'לֵל, הם. דער גאַנצער בעטראַג, די סומע.

סַךְ־הַ'כֹּל, הם. די געזאַמט=סומע, די אונטערשטע סומע. אין סך־הכל, אין אַלגעמיינעם, אין גאַנצען גענומען. מאַכען דעם סך־הכל, מאַכען די אונטערשטע רעכנונג. מאַכען אַ סך־הכל (פון עפּעס), מאַכען צו גאָרנישט, פאַרשווענדערן.

סַךְ־הַ'כֹּל, או. אַלצדינג צוזאַמענגענומען, נאָך אַלעמען, איבערהויפּט.

סֻ'כָּה, חוו. (מ. סֻ'כּוֹת). אַ ביידעל, אַ געצעלט; דאָס ביידעל אין וועלכען אידען עסען אום סכות. "זיי אַ מענש ווערסטו זיצען אין סכה" (ווער.).

סֻ'כָּה־שׂערר, הוו. אַ שערר מיט וועלכע מע שעררט די סכה (אַ זאַך וועלכע איז גאָר ניט פאַראַנען). "מע מעג איהם שיקען נאָך אַ סכה־שערר" (ווער. — ד. ה. ער איז אַ גרויסער נאַרר).

סִכוּם [סְכָם], הם. צאָלל, אָפּצאָלל, טאַקסע. "דער וואָס צאָהלט ניט קיין סכום דאַרף קיין דעה ניט זאָגען" (שפּוו.).

סֻ'כּוֹת, הם. (מ. סֻ'כּוֹתיען). "דער פייערטאָג פון געצעלטען", דער אַכט=טאָגיגער אידישער פעסט (וועלכער הויבט זיך אָן דעם פערצעהנטען טאָג פון מאָנאַט תשרי) ווען מע עסט אין אַ סכה צום אנדענק אַן די ביידלעך אין וועלכע אידען האָבען געוואוהנט ווען זיי זיינען אַרויס פון עגיפּטען און האָבען געוואַנדערט אין דער וויסטע. "סכות עסט מען גוט און מע שלאָפט שלעכט" (שפּוו.).

ס'כִּין, הם. מעסער.

סְכָךְ, המ. צווייגען פון פיכטענבוי=
מער מיט וועלכע מע דעקט צו די
סכה; דער דאך=צודעק פון דער
סכה.

סַכָּ'נָה, הוו. (מ. סַכָּ'נוֹת). געפאהר.
"אז עס ברענט ביי'ם שכן ביסטו
אויך אין סכנה" (שפוו.).

סַכָּ'נַת־נְפָ'שׁוֹת, הוו. (תלמודיש).
לעבענסגעפאהר; א. שרעקליך,
אונגעהייער גרויס.

סִכְ'סוּךְ, המ. (מ. סִכְסוּ'כִים). א
פליאָנטער, א האמפעריי, א
שטרייט, א דיספוט.

ס'לוּק, המ. (מ. ס'לוּ'קִים). אָפּרע=
כענונג, באצאָהלונג (פון א שולד).
געבען א סלוק, שטארק ויד=
לען. "א ריינער חשבון אין א
האלבער סלוק" (שפוו.).

ס'לוּק'ען, צא. באצאָהלען, אָפּצאָה=
לען.

סְלִי'חָה, הוו. (מ. סְלִי'חוֹת). פאר=
געבונג, פארצייהונג; איינס פון
געוויסע אידישע געבעטען וועלכע
מע זאָגט אין פאסט=טעג און ביי
אנדערע עהנליכע געלעגענהייטען;
א בוך וואס ענטהאלט די דאָזיגע
געבעטען; (וואולגאר) א דאַנאָס.
די ערשטע סליחות, די
סליחה=געבעטען וועלכע מע זאָגט
גאנץ באגינען דעם זונטאָג פאר
ראש־השנה. "א קאָסע מיט א לוח
און א סליחה מיט א פייער=
צייג" (ווער. פון צוויי זאכען
וועלכע פאסען ניט איינע צו דער
צווייטער).

סַם, המ. (מ. סַ'מִים). גיפט. "א
שלעכטע אם איז פאר'ן קינד סם"
(שפוו.).

סַ"ם, המ. (אב. סַמְ'רָא־מְסָ'אֲבוּ'תָא
די אונריינע זייט), (קאבאלים=
טיש). דער בייזער גייסט.

סַם־הַמָּ'וֶת, המ. (מ. סַם־הַמָּ'וֶת'ען),
(תלמודיש). טויטענדער גיפט,
גיפט.

סַם־הַמָּ'וֶת'דיג, א. גיפטיג.

סַמָּ'אֵל, אנמ. דער נאָמען פון דעם
הויפט פון די בייזע גייסטער, דער
שטן.

סַמְבַּטְ'יוֹן, אנמ. דער נאָמען פון א
לעגענדארישען טייך וועלכער
ווארפט מיט שטיינער א גאנצע
וואָך און רוהט בלויז אין דעם
טאָג פון שבת; א'ן אומרוהיגער
מענש. פון יענער זייט סמבטיון,
ערגעץ ווייט פארוקט. "שבת
האָט אפילו דער סמבטיון
אויך רוה" (שפוו.).

סְמִי'כָה, הוו. (מ. סְמִי'כוֹת). א'ן
אטעסטאט אָדער א באשטעטיגונג
אויף רבנות.

סְמִי'כוּת, הוו. סמיכה; פארבינדונג,
צוזאמענהאנג.

סְמִי'כוּת־הַפָּרָ'שָׁה, הוו. דער צוזא=
מענהאנג צווישען איין אָפּשניט
פון דער תורה מיט דעם צווייטען;
פארבינדונג, צוזאמענהאנג.

סַ'מַךְ, המ. (מ. סַ'מַכ'יען). דער
נאָמען פון דעם פופצעהנטען בוכ=
שטאב (ס) פון דעם אידישען אלף־
בית.

סְמָךְ (סְ'מֶךְ, סְמַךְ), המ. שטיצע,
גרונד, אורזאכע.

סִ'מָן, הס. (מ. סְמָ'נִים). צייכען: אנדענק, סימבאָל; שפּור. „דאָס איז אַ סמן דצ״ך" (ווער. — ד. ה. עס איז אַ שלעכטער סמן). זעה דְצַ״ךְ־עֲדַ״שׁ־בְּאַחַ״ב'.

סִ'מָן־דַ'לוּת, הס. אַ צייכען פון אָרעמקייט. „אַלע כמנים געהען אונטער נאָר דער סמן־דלות בלייבט" (שפּוו.).

סִ'מָן־מוּבְ'הָק, הס. (תלמודיש). קלאָרער צייכען, שטאַרקער באַווייז.

סִמָ'נֵי־בַּגְ'רוּת, מ. (תלמודיש). צייכענס פון רייפקייט אָדער דערוואַקסענקייט (פון אַ מיידעל).

סִמָ'נֵי־זַכְ'רוּת, הס. מ. מענליכע געשלעכט־צייכענס.

סִמָ'נֵי־נַעֲ'רוּת, מ. (תלמודיש). די ערשטע צייכענס פון רייפקייט (פון אַ מיידעל).

סִמָ'נִים, מ. (תלמודיש). דער גאָרגעל און דער שלונד פון דער בהמה (וועלכע מע מוז דורכשניידען ביי דער שחיטה).

סַ'מ'ען, צא. גיפטען, פאַרגיפטען.

סַנְ'דֵק, הס. (מ. סַנְ'דְקִים). דער וועלכער האַלט דאָס קינד אויף זיין שויס ביי דער צערעמאָניע פון באַשניידונג. געבען סנדק, באַעהרען אימיצען צו זיין דער סנדק.

סַנְדְקָ'אוּת, הוו. די צערעמאָניע פון זיין סנדק.

סְנֶ'ה, הס. דער דאָרן וואָס משה האָט געזעהן אַז ער ברענט און ווערט ניט פאַרצעהרט, ווי די ביבעל דערצעהלט.

סַנְהֶדְרִין [סַנְהֶ'דֶרִין], הס. מ. די מיטגליעדער פון דעם העכסטען געריכט וואָס איז געווען ביי אידען אין דער צייט פון דעם צווייטען טעמפּעל, און וואָס איז באַשטאַנען פון איין און זיבעציג מיטגליעדער.

סַנֵי'גוֹר, הס. אַ „פאַרטהיידיגער", דער פאַרטהיידיגענדער ענגעל.

סְעוּ'דָה, הוו. (מ. סְעוּ'דוֹת). אַ מאָהלצייט; אַ פעסטליכע מאָהלצייט, אַ באַנקעט. „פורים נאָך דער סעודה איז קיין איד ניט הונגעריג" (שפּוו.).

סְעוּ'דָה־הַמַּפְסֶ'קֶת, הוו. (תלמודיש). די לעצטע מאָהלצייט וועלכע מע עסט ביי אידען ערב יום כפּור פאַר נאַכט, און נאָך וועלכער מע טאָהר מעהר ניט עסען.

סְעוּ'דַת־הַבְרָ'אָה הוו. (תלמודיש). די מאָהלצייט וועלכע די שכנים ברייננגען דעם אָבל ווען ער קומט צוריק פון דער בעערדיגונג (נאָך דער אידישער איינפיהרונג מוז די ערשטע מאָהלצייט וואָס דער אָבל עסט נאָך דער בעערדיגונג פון טויטען זיין ניט זיין אייגענע).

סְעוּ'דַת־מִצְ'וָה, הוו. (מ. סְעוּ'דוֹת־מִצְ'וָה). אַ מאָהלצייט וועלכע מע עסט ביי אַ רעליגיעזער פעסטליכקייט.

סְעוּ'דַת־פּוּ'רִים, הוו. (תלמודיש). די הויפּט־מאָהלצייט פון פורים, געוועהנליך געגעסען פאַר נאַכט אָדער אין דעם אָבענד נאָך פורים.

סְעִיף, המ. (מ. סְעִי'פִים). פּאַראַ= גראַף.

ס'פּוּר, (מ. סִפּוּ'רִים). ערצעהלונג, געשיכטע.

סִפּוּ'רֵי־מַעֲ'שִׂיּוֹת, המ. מ. "ערצעה= לונגען פון פּאַסירונגען", קינ= דערשע ערצעהלונגען, וואונדער= געשיכטען.

סְפִי'רָה, הוו. "די צעהלונג", דאָס צעהלען ניין און פערציג טעג פון דעם צווייטען טאָג פון פּסח ווען אַ'ן עומר (ווז.) פון פרישע גערשטען פלעגט געבראַכט ווערען אַלס אָפּ= פּער צו גאָט (פּאַרצייטען) ביז דעם טאָג פון שבועות (אין די דאָזיגע טעג מוז יעדער איד ביי'ן אָבענד געבעט זאָגען: "היינט איז דער און דער טאָג נאָכ'ן עומר" און דאָס רופט מען: "צעהלען ספירה". — די טעג צווישען פּסח און שבועות, צוליעב געווי= סע אומגליקען וועלכע האָבען אַ מאָל פּאַסירט אין דער צייט, ווע- רען באַטראַכטעט אַלס טרויער= טעג: מע טאָר אין זיי ניט חתונה האָבען, מע טאָר זיך ניט שערען א. ז. וו. די טרויער צייט ווערט אונטערבראָכען אויף איין טאָג — ל"ג־בעומר, ווז.); די טעג אין וועלכע מע צעהלט ספירה (ווי אויבען). "אַ סוחר איז אַזוי ווי דער איד אין ספירה ער צעהלט און צעהלט און טאָר ניט אויסזאָ= גען וואו ער האַלט" (שפּוו.). "אַז מע צעהלט ספירה קומט אויף די כלי זמר אַ פּגירה" (שפּוו.).

סְפִי'רָה, הוו. סְפִי'רוֹת, (קאַבאַ= ליסטיש). איינע פון די צעהן "צאָהלען" אָדער מיסטישע איינגע= שאַפטען פון דער גאָטהייט: כֶּ'תֶר — קרוין; חָכְ'מָה — קלוג= הייט; בִּי'נָה — פאַרנונפט; חֶ'סֶד — גענאָד; גְבוּ'רָה — שטאַרקייט; תִּפְאֶ'רֶת — שעהנקייט; נֶ'צַח — אויבינקייט; הוֹד — פרעכטיגקייט; יְסוֹד — באַפעסטיגונג; מַלְ'כוּת — קעניגליכקייט.

סָ'פֵק, המ. (מ. סְפֵ'קוֹת). צווייפעל; אַ צווייפעלהאַפטע זאַך.

סְפֵק [סְפֵ'ק]־סְפֵ'קָא, המ. (מ. סְפֵק [סְפֵ'ק]־סְפֵ'קוֹת). (תלמודיש). אַ צווייפעל אין אַ צווייפעל, אַ זעהר צווייפעלהאַפטע זאַך.

סְפֵ'קוֹת, הוו. צווייפעל, אונגע= וויסהייט.

סָ'פֵק'ען־זיך, צוו. זיך צווייפלען, זיין אין צווייפעל.

סֵ'פֶר, המ. (מ. סְפָ'רִים, סִפְ'רֵי־). אַ בוך; אַ ספר־תורה. "אַ ספר אָהן אַ הקדמה איז ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה" (שפּוו.).

סֵ'פֶר־הַזִּכְרוֹ'נוֹת, המ. (ביבליש). דאָס בוך פון עראינערונגען, כראָ= ניק; דאָס הימלישע בוך וואו עס ווערען פאַרצייכענט די טהאַטען און פּאַסירונגען פון איטליכען מענשען.

סֵ'פֶר־חוֹל, המ. (מ. סִפְ'רֵי־חוֹל). אַ וואָכעדיגעס בוך, אַ בוך וואָס איז ניט פון אַ רעליגיעזען אינ= האַלט.

סֵ'פֶר־חֲקִי'רָה, המ. (מ. סִפְ'רֵי־

חָקִי'רָה). אַ בוך פון פילאָזאָפיע, אַ בוך פון אויפקלערונג.

סֵ'פֶר־פּראַלניק, הם. געבּרויכט אין דעם שפּאַס־ווערטעל: "עס שטעהט אין ספר־פּראַלניק".

סֵ'פֶר־תּוֹ'רָה, הוו. (מ. סִפְ'רֵי־תּוֹ'רוֹת, סֵ'פֶר־תּוֹ'רָה'ס), (ביבּליש). די פינף ביכער פון משה געשריבּען אויף פּאַרמעט־ראָלען (וועלכע מע געבּרויכט געוועהנליך ביי'ם לייענען אין שוהל).

סִפְרָא', הם. אַ געוויסער קאָמענטאַר פון תלמודישע צייטען אויף דאָס בוך ויקרא צונויפגעזעצט פון מיינונגען און געזעץ־ענטשיידונגען פון פאַרשידענע תנאים.

סַפְ'רָא־דַ'בָּא, הם. אַ גרויסער שרייבּער.

סְפָרַד [סְפַרְד], הם. זעה נוסח־סְפָרַד.

סְפָרַדִי [סְפַרְ'דִי], הם. (מ. סְפָרַדִים [סְפַרְ'דִים]). אַ שפּאַנישער אָדער פּאָרטוגעזישער איד, אַ שפּאַניאָל.

סְפַרְ'דִיש, א. שפּאַניש אָדער פּאָר־טוגעזיש (רעדענדיג פון אידען).

סִפְרֵי', הם. אַ געוויסער קאָמענטאַר פון תלמודישע צייטען אויף די ביכער במדבר און דברים צונויפגעזעצט פון מיינונגען און געזעץ־ענטשיידונגען פון פאַרשידענע תנאים.

סְפָ'רִים־חִיצוֹ'נִים, מ. (תלמודיש). ביכער פון אַ ניט־רעליגיעזען אינהאַלט, וועלטליכע ביכער.

סְקִי'לָה, הוו. פאַרשטייניגונג, איינע פון די פיער געריכטליכע טויט־שטראָפען ביי די אַמאָליגע אידען. זעה אַרְ'בַּע־מִי'תוֹת־בֵּית־דִין.

סְרָ'חָה, הוו. (מ. סְרָ'חוֹת). אַ געשטאַנק.

סַרְ'חִיען, צש. (וואולגאַר). שטינקען. צא. פאַר'סרח'ען, אָנפילען מיט געשטאַנק.

סַרְ'טָן, הם. "ראַק" (קרעבּס), דער אַסטראָנאָמישער צייכען אין דעם שטערען־קרייז פאַר דעם מאָנאַט תמוז. זעה מַ'זָל.

סָ'רִיס, הם. (מ. סָרִ'יסִים). אַ מאַן וועלכען מע האָט געמאַכט געשלעכטלאָז, אַ קאַסטרירטער, אַ'ן עוונוך. "אויסמאָהלען דעם סריס דעם טעם פון ביאה" (ווער.).

סִרְ'כָא, הוו. (מ. סִרְ'כוֹת). אַ לעכעל אָדער אַ ריס באַצויגען מיט אַ דינגעם הייטעל וואָס מע געפינט אויף די לונגען פון אַ געקוילעטער בהמה (דורך אויפבלאָזען די לונגען געפינט מען אויס אויב דאָס לעכעל האָט זיך ווירקליך פאַרהיילט אָדער ניט. אין דעם לעצטערען פאַל איז דאָס פלייש טרף).

סַרְ'סָר, הם. (מ. סַרְסָ'רִים). מעקלער, פאַרמיטלער, פאַקטאָר.

סַרְ'סָר'יען, צש. מעקלערען, פאַרמיטלען.

ס"ת, אב. סֵ'פֶר־תּוֹ'רָה.

סְתִירָה [סְתִ'ירָה], הוו. (מ. סְתִירוֹת [סְתִ'ירוֹת]). ווידערשפּרוך.

סְתָם [סְתַם], אַו. (תּלמודיש). גלאַט, גלאַט אַזוי, גלאַט אין דער וועלט.

סת"ם, אַב. סְפָ'רים תְּפִ'לִין מְזוּ'זוֹת (ווז.). סופר ס ת " ם, איינער וועלכער שרייבט ספרי־תורות תפלין און מזוזות, אַ סופר.

סִתְ'רֵי־תּוֹרָה [תּוֹ'רָה], מ. (תּלמודיש). די פאַרבאָרגעניסען פון דער תורה, די פאַרבאָרגענע געדאַנקען וועלכע שטעקען אין די ווערטער פון דער תורה; טיפע געהיימניסען, אונפאַרשטענדליכע זאַכען.

ע.

ע, הם. דער זעכצעהנטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אלף־בית; האָט אין דעם געוועהנליכען געברויך, צווישען דעם גרעסטען טהייל פון אידען, פאַרלאָרען זיין אָמאָליגען נאָז־לויט (אויסער אין דעם וואָרט יַעֲקֹב [יַאנ'קֹב]), בלויז ביים לייענען אין שוהל ווערט נאָך דער דאָזיגער נאָז־לויט אַרויסגעשפּראָכען, זאָנסט איז דער בוכשטאַב שטום און ווערט אויסגעשפּראָכען ווי דער וואָקאַל מיט וועלכען ער ווערט באַצייכענט (אַזוי ווי "א", ווז.); אין צעהלען גערעכענט אַלס 70. זעה עַ'יִן.

עֶ'בֶד, הם. (מ. עֲבָ'דִים). קנעכט, שקלאַף.

עֶ'בֶד־כְּנַעַ'נִי, הם. (מ. עֲבָ'דִים־כְּנַעֲ'נִים), (ביבליש). אַ שקלאַף וועלכער שטאַמט פון די כנענים (געוויסע שטאַמען וועלכע האָבען באַוואוהנט פּאַלעסטינאַ איידער די אידען האָבען זיך דאָרט באַזעצט), אַ נידעריגער שקלאַף, אַ זעהר פאַרשקלאַפטער מענש.

עֶ'בֶד־לַעֲבָ'דִים, הם. (מ. עֲבָ'דִים־לַעֲבָ'דִים), (תלמודיש). אַ קנעכט ביי קנעכט, אַ זעהר פאַרשקלאַפטער מענש.

עַבְ'דוּת, הוו. שקלאַפעריי, קנעכטשאַפט, פאַריאָכטקייט.

עֹבַדְ'יָה, אנם. דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען פּראָפעט; דאָס בוך וואָס ענטהאַלט די פּראָפעצייהונגען פון עבדיה.

עֲבָ'דִים־הָיִי'נוּ (לְפַרְ'עֹה בְּמִצְרַ'יִם), (ליטורגיש). "מיר זיינען געוועזען קנעכט (ביי פרעה'ן אין מצרים)", ווערטער גענומען פון דעם ענטפער אויף די פיער קשיות אין דער הגדה. "איז דער תירוץ ע ב ד י ם ה י י נ ו" (ווער.).

עֲבוֹ'דָה, הוו. אַרבייט (מ. עֲבוֹ'דוֹת); גאָטעסדיענסט; אַ געוויסער טהייל פון די תפלות וועלכע מע זאָגט אום יום־כפור און וועלכען עס

ווערט באַשריבען ווי די גאָטעס־דיענסט פלעגט צוגעהן יום־כפור אין בית־המקדש.

עֲבוֹ'דָה־זָ'רָה, הוו. (מ. עֲבוֹ'דוֹת־זָ'רוֹת), (תלמודיש). געצענדיענסט; אַ פאַלשער גלויבען; אַ געץ, אַ'ן אָפּגאָט. ער האָט שוין אויסגעדיענט אַלע ע ב ו ד ו ת ־ ז ר ו ת, ער האָט זיך שוין באַשעפטיגט מיט אַלערלײַ זאַכען.

עֲבוֹ'דַת־אֲדָ'מָה, הוו. ערד=אַרבייט, אַגריקולטור.

עֲבוֹ'דַת־הַבּוֹ'רֵא, הוו. דאָס דיענען צום באַשעפער, גאָטעסדיענסט, דאַווגען.

עֲבוֹ'דַת־הַקוֹ'דֶש, הוו. הייליגע אַרבייט.

עֲבוֹ'דַת־פֶּ'רֶךְ, הוו. (מ. עֲבוֹ'דוֹת־פֶּ'רֶךְ). שווערע אַרבייט.

עִ'בּוּר, הוו. אַ יאָהר וואָס האָט דרייצעהן מאָנאַטען און פאַלט אונגעפעהר איין מאָל אין דריי יאָהר אום אויסצוגלייכען די צייט-רעכענונג נאָך דעם גאַנג פון דער לבנה (לויט וועלכע די אידישע מאָנאַטען ווערען באַשטימט) מיט דער צייט־רעכענונג נאָך דעם גאַנג פון דער זונן (דער צוגעלעגטער מאָנאַט קומט נאָך דעם מאָנאַט "אדר" און רופט זיך וַאֲדָר, ווז.).

עִ'בּוּר־יאָ'הר, הז. (מ. עִ'בּוּר־יאָהרען). זעה עִ'בּוּר.

עֲבֵי'רָה, הוו. (מ. עֲבֵי'רוֹת). זעה עֲבֵ'רָה.

עָ'בָר, הם. די פאַרגאַנגענע צייט, די פאַרגאַנגענהייט.

עֲבֵ'רָה, הוו. (מ. עֲבֵ'רוֹת). איבערטרעטונג פון אַ רעליגיאָנס=געזעץ, זינד; אומזיסטע אַרבייט, אַרויסגעוואָרפענע מיה. "עס איז אַ'ן ע ב ר ה די אַרבייט". "אַ'ן ע ב ר ה דאָס געלט". "אַ ליטוואַק טהוט תשובה נאָך פאַר דער ע ב ר ה" (שפוו.).

עִבְ'רִי, הם. (מ. עִבְ'רִים). אַ העברעער, אַ איד.

עִבְ'רִי, הוו. העברעאישע שריפט. "ער איז שטומפּיג אויף ע ב ר י". "אָהן פּאָדקאָוועס (ד. ה נקודות) קען ער קיין ע ב ר י ניט" (ווער.).

עִבְ'רִי־טייטש, הז. די אידישע שפּראַך אין וועלכער די ביבעל און אַנדערע הייליגע ביכער זיינען איבערזעצט.

עִ'גוּל, הם. (מ. עִגוּ'לִים). אַ קרייז; אַ רונדע זאַך.

עָ'גוּן, הם. (מ. עֲגוּ'נִים). אַ מאַן וועלכען זיין פרוי האָט פאַרלאָזען.

עֲגוּ'נָה, הוו. (מ. עֲגוּ'נוֹת). אַ פרוי וועלכע דער מאַן האָט פאַרלאָזען.

עֵ'גֶל, הם. "דאָס קאַלב", דאָס גאָלדענע קאַלב צו וועלכען די אידען האָבען געדיענט ווען זיי זיינען געוועזען אין דער וויסטע אין דער צייט ווען משה איז אַרויף אויף דעם באַרג סיני, ווי די ביבעל דערצעהלט.

עֵ'גֶל־הַזָּ'הָב, הם. דאָס גאָלדענע קאַלב. זעה עֵ'גֶל.

עֶגְ'לָה, הוו. (מ. עֲגָ'לוֹת). וואָגען, פוהר.

עֶגְ'לָה־עֲרוּ'פָה, הוו. (ביבליש). דאָס קאַלב וועלכע מע האָט צו־בראָכען דאָס געניק (נאָך דעם גע־זעץ פון דער תורה, ווען מען גע־פינט אַ'ן ערמאָרדעטען אויפ'ן פעלד און מע ווייסט ניט ווער עס האָט איהם ערמאָרדעט, מוזען די פאָרשטעהער פון דער דערביי־איגער שטאָדט, אַרוים פיהרען אַ יונגע קוה, צו דעם נאָהענסטען טייך, איהר איבערברעכען דעם נאַקען און זאָגען: אונזערע הענד האָבען דאָס דאָזיגע בלוט ניט פאַרגאָסען). ער וועט מוזען בריינ־גען אַן ע ג ל ה ־ ע ר ו פ ה, ער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דאָס אונרעכט. אַ קול פון אַ'ן ע ג ל ה ־ ע ר ו פ ה, אַ העסליכע שטים.

עַגְ'מַת־נֶ'פֶש, הוו. (תלמודיש). פאַרדרוס, ערגעניש, שמערץ, קו־מער. „צדקה זאָל קיין געלט ניט קאָסטען און גמילות־חסדים זאָל קיין ע ג מ ת ־ נ פ ש ניט מאַכען וואָלטען געווען פיעל צדיקים" (שפוו.).

עַד, ב. ביז, ביז צו.

עַד־הַ'יּוֹם, או. ביז אויף היינט, ביז היינטיגען טאָג.

עַד־הַיּוֹם־הַזֶּה', או. (ביבליש). ביז אויף היינטיגען טאָג.

עַד־וְעַד־בִּכְלָל', או. (תלמודיש). „ביז און דער ביז אַריינגערע־כענט", איינשליסליך. ביז דעם צוואַנציגסטען ע ד ־ ו ע ד ־ ב כ ל ל, ביז דעם צוואַנציגסטען און דער צוואַנציגסטער אויך אַריינגערע־כענט.

עַד־חָרְ'מָה, או. (ביבליש). „ביז דער שטאָדט חרמה". רידפ'ען ע ד ־ ח ר מ ה, שטאַרק פאַרפאָל־גען.

עַד־כָּ'אן, או. (תלמודיש). ביז דאַ־ נען (און ניט ווייטער)

עַד־לֵב־הַשָּׁמַ'יִם, או ביז'ן מיטען הימעל, הימעל.

עַד־לְהֶ'שְׁבּוֹן, או. ביז כענונג, אום צו מאַכע סומע.

עַד־עַ'תָּה, או. ביז איצט.

עַד־מָ'תַי, (ביבליש). ביז וו ביז וואַנען?

עֵ'דָה, הוו. (מ. עֵ'דוֹת). גע פאַרזאַמלונג, געזעמעל, מ

עֵ'דוֹת, המ. (מ. עֵ'דוֹת). וועלכער דערצעהלט וואָס געזעהן אָדער געהערט, אַ אַ צושויער.

עֵ'דוּת, הוו. די ערצעהלונ דאָס וואָס מע האָט געזעה געהערט, צייגניס. „ע ד ו ת פסלות" (שפוו.). „אַז דעו פאַלט זאָגט אפילו די ש דער וואַנד אויף ע ד ו ת איהם" (שפוו.).

עֵ'דוּת'עַן־זִיךְ־(מיט), צוו. אַלס עדות.

ע"ה, אב. עָלָ'יו־הַשָּׁלוֹם

עוֹ'בֵד־גִּלּוּ'לִים, המ. (

גלו'לים), (תלמודיש). געצענדיע=נער.

עו'בד־כּוֹכָ'בים (וּמַזָ'לות), המ. (מ. עוֹבְ'דֵי־כּוֹכָבִים [כּוֹכָ'בִים] —), (תלמודיש). איינער וועלכער דיענט צו די שטערען (און פלאַנעטען), [...]ייעצנדינער.

[...]'דה־זָ'רָה, המ. (מ. [...]בו'דָה־זָ'רָה), (תלמו= [...] געצענדינער.

[...]הוו. (מ. עוֹבְ'דוֹת). אַר= [...]ויפגאַבע, פליכט; טהאַט, [...]; פאַקט, פאַסירונג.

[...]המ. דאָס קינד אין דער מו= [...]ם לייב.

[...]זיין, צא. באַגעהן; פאַרשפּע= [...]ן. עובר־זיין אויף, אי= [...]טרעטען, ברעכען. "עובר־ [...]ן אַ'ן עברה". "עובר־זיין [...] אַ דין". "עובר־זיין זמן [...]ה".

[...]־בָ'טֵל, המ. (תלמודיש). אַ'ן [...]עלעבטער מענש.

[...]־לַסוֹ'חֵר, א. (ביבליש). גאַנג= [...], גילטיג, קוראַנט.

[...]לֶך־הַבָּ'שָׁן, אנמ. (ביבליש). [...]דער קעניג פון לאַנד "בשן", [...]וויסער ריעז וועלכער ווערט [...]אַנט אין ביבעל. "גרויס ווי [...]־מלך־הבשן".

[...] הוו. (מ. עֲוִ'לוֹת). זעה [...].

[...] (מ. עֲווֹ'נוֹת). זעה עָ'ו.

עו'זֵר, המ. (מ. עוֹזְ'רִים). העלפער, געהילפע.

עו'כֵר־יִשְׂרָ'אֵל, המ. (ביבליש). איינער וועלכער ברייננט שאַנד אויף דאָס אידישע פאָלק (פאַראַ=דירענדיג דעם אויסדרוק זאָגט מען אָפט אויף אַ הויך=געוואַקסענעם: "ער איז אַ הויכער־ישראל").

עול [עֹל], המ. אַ יאָך, אַ לאַסט.

עו'לָה, הוו. (מ. עו'לות). בראַנד=אָפּפער, אַ פיה=אָפּפער וועלכען מע האָט אין גאַנצען פאַרברענט אויף דעם מזבח (פאַרצייטען ביי אידען).

עַוְ'לָה, הוו. (מ. עַוְ'לוֹת). אונ=רעכט; אַ'ן אומזיסטע מיה, אַ שאָד. "אַ'ן עולה דאָס געלט וואָס עס קאָסט".

עו'לֶה־לִגְדוּ'לָה־זיין, צש. דער הויבען ווערען, דערהויבט ווערען, ווערען גרויס אָדער באַריהמט.

עו'לֶה־לַתּוֹ'רָה־זיין, צש. אַרויפגעהן (נאָך דעם ווי מע ווערט אויפגע=רופען) אויף די בימה צו הערען לייענען די תורה.

עו'לֶה־רֶ'גֶל־זיין, צש. (תלמודיש), געהן קיין ירושלים (אין אַמאָליגע צייטען ביי אידען) אויף אַ פייער=טאָג; וואַנדערן צו אַ הייליגען מאָן אָדער אָרט.

עו'לָה־תְּמִי'מָה, אַ ריינע פאָלקאָ=מענע עולה, אַ'ן אונשולדיגער אָפּפער.

עו'לָם, המ. (מ. עו'לָ'מות). וועלט; פובליקום, פאַרזאַמלונג; מענגע, מאַסע. "אַז מע ריכט זיך אויף אַ

גרויסען עולם קומט קיין הונד ניט" (שפוו.). "אַ'ן עולם איז ניט קיין גולם" (שפוו.). "וואָס קלענער דער עולם אַלץ גרעסער די שמחה" (שפוו.).

עו'לָם־גו'לֶם, הם. די מאַסע (אין אַ פאַרעבטליבען זינן).

עו'לָם־הָאֶ'מֶת, הם. די וועלט פון וואַרהייט, יענע וועלט. "ער איז שוין אויפ'ן עולם־האמת".

עו'לָם־הַ'בָּא, הם. (תלמודיש). די קומענדע וועלט, יענע וועלט, די פריידען און פאַרגעניגענס וועלכע זיינען אָנגעברייט פאַר די פרומע אויף יענער וועלט. אַר־בייטען פאַר עולם־הבא, אַרבייטען אָהן אייגעננוציגע אַב־זיכטען.

עו'לָם־הַ'זֶה, הם. (תלמודיש). די וועלט, די אירדישע וועלט, די גענוסען פון דער וועלט, קער־פערליכע פאַרגעניגענס.

עו'לָם־הַ'זֶה'ניצע, הוו. (מ. עו'לָם־הַ'זֶה'ניצעס). איינע וועלכע איז איבערגעגעבען צו קערפערליכע פאַרגעניגענס.

עו'לָם־הַ'זֶה'ניק, הם. (מ. עו'לָם־הַ'זֶה'ניקעס). איינער וועלכער איז איבערגעגעבען צו קערפערלי־כע פאַרגעניגענס.

עו'לָם־הָעֶלְ'יוֹן, הם. (מ. עו'לָמות־הָעֶלְ'יוֹ'נים). אויבערשטע אָדער העכערע וועלט.

עו'לָם־הַתּוֹ'הוּ, הם. (קאַבאָליסטיש). די וועלט פון כאָאָס וואו די זינ־דיגע זעעלען טרייבען זיך אַרום; אַ וועלט פון אונאָרדנונג און כאַ־אָס. "לעבען אויפ'ן עולם־התוהו".

עו'לָם־וּמְלוֹ'אוֹ, הם. (ביבליש). די וועלט און אַלצדינג וואָס אויף איהר. ווערטה אַ'ן עולם־ומלואו, זעהר טהייער, זעהר שעצבאַר.

עו'לָם־קָ'טָן, הם. אַ קליין וועלטעל. "יעדער מענש איז אַ גאַנצער עולם־קטן" (שפוו.).

עו'לָמות, מ. אויביגע פאָנדס פאַר וואָהלטהעטיגע צוועקען. לאָזען אויף עולמות, לאָזען פאַר אַ וואָהלטהעטיגען פאָנד. זעה עו'לָם.

עו'מֶר, הם. אַ געוויסע פאַרצייטיגע מאָס דערמאָנט אין דער ביבעל. זעה סְפִי'רָה.

עָ'וֹן, הם. (מ. עֲוֹ'נוֹת). אַ זינד. "יום־כפור אין אונס איז אויך מכפר עוונות" (שפוו.).

עָ'וֹן־פְּלִי'לִי, הם. (ביבליש). אַ גרויסע זינד.

עו'נֶג, הם. פאַרגעניגען.

עו'נֶג־רוּחָ'נִי, הם. גייסטיגעס פאַר־געניגען.

עו'נֶג־שַׁ'בָּת, הם. דאָס פאַרגעניגען פון שבת.

עֲו'נוֹת־רִאשׁוֹ'נִים, מ. (ביבליש). די ערשטע זינד, אמאָליגע זינד.

עו'נֶשׁ, הם. שטראָף, באַשטראָפונג.

עו'סֵק־בְּמִצְ'וָה, הם. (מ. עוסְ'קִים־בְּמִצְ'וָה). איינער וועלכער איז

באַשעפטיגט מיט טהון אַ מצוה.

עוֹ׳סֵק־בְּצָרְ׳כֵי־צִ׳בּוּר (בֶּאֱמוּ׳נָה), המ. (מ. עוֹסְ׳קִים־ —), (תלמודיש). איינער וועלכער אַרבייט פאַר די אינטערעסען פון כלל (מיט איבערגעבענהייט).

עוֹף [עָף], המ. (מ. עוֹ׳פוֹת). פויגעל; געפליגעל, הויז־געפליגעל. "אַ קאַץ אָדער אַ׳ן אינדיק אַבי אַ׳ן עוף אויף שבת" (שפוו.).

עוֹ׳פ׳עלע, הז. (מ. עוֹ׳פ׳עלעך). פייגעלע, קליין קינד.

עוֹ׳קֵר־זיין, צא. אויסרייסען, אויסוואָרצלען; צש. אָפּטרעטען, אַנטלויפען.

עוֹ׳קֵר־מִן־הַשּׁוֹ׳רֶשׁ־זיין, צא. אויסרייסען מיט די וואָרצלען, אויסוואָרצלען, פאַרטיליגען.

עוֹ׳שֶׂה־שָׁ׳לוֹם (בִּמְרוֹ׳מָיו), (ליטורגיש). "דער וואָס מאַכט פריעדען (אין זיינע הויבקייטען)", געוויסע ווערטער פון קדיש ביי וועלכע מע מאַכט אַ פּאָאַר טריט הינטערוועלעכטס. "צוריק געהט מען נאָר ביי עושה־שלום" (שפוו.).

עוֹ׳שֶׁר, המ. רייכטהום, רייכקייט; אַ רייכער מאַן. "אַ׳ן אויפגעקומענער עושר האָט פיינד אַ׳ן אַלטען מאַן" (שפוו.).

עֲזָא׳זֵל, אנמ. זעה לַעֲזָא׳זֵל.

עִזָ׳בוֹן, המ. נאַכלאַס, ערבשאַפט, ירושה.

עַ׳זוּת, המ. פרעכהייט, אונפאַרשעמטקייט.

עַ׳זוּת־מֵחוּ׳צָף־פָּ׳נִים, המ. אַ זעהר פרעכער קערל.

עַ׳זוּת־פָּ׳נִים, המ. (מ. עַ׳זוּת־פְּ׳נִימ׳ער), (תלמודיש). פרעכער מענש. "אַ׳ן עזות-פנים קומט גלייך אין גן־עדן אריין" (שפוו.).

עַ׳זוּת׳דיג, א. פרעך, אונפאַרשעמט, פאַרשייט.

עַ׳זוּת׳ניצע, הוו. (מ. עַ׳זוּת׳ניצעס). אַ פרעכע פרוי.

עַ׳זוּת׳ניק, המ. (מ. עַ׳זוּת׳ניקעס). אַ פרעכער קערל.

עַ׳זוּת׳קייט, הוו. זעה עַ׳זוּת.

עֶזְ׳רָא, אנמ. עזרא־הסופר (ווז.); דער נאָמען פון אַ געוויסען ביבלישען בוך.

עֶזְ׳רָא־הַ׳סוֹפֵר, עזרא דער שרייבער, וועלכער האָט אין דער לעצטער צייט פון גלות־בבל אַרויסגעפיהרט אַ געוויסע צאָהל פון אידען פון בבל און האָט זיי באַזעצט אין ארץ־ישראל און איז אויך געווען דער ערשטער וועלכער האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט פון איבערשרייבען די תורה און זי פאַרשפרייטען צווישען פאָלק.

עֲזָ׳רָה, הוו. (מ. עֲזָ׳רוֹת). פאָרהויף (פון בית־המקדש).

עֶזְ׳רַת־נָ׳שִׁים. הוו. (תלמודיש). פרויען־אָפּטהיילונג (אין שוהל).

ע״ט, אב. עִבְ׳רִי־טַיִטְ׳שׁ (ווז.).

עֲטָ׳רָה, הוו. (מ. עֲטָ׳רוֹת). קרוין; פאָרהויט (ביי דער באַשניידונג); קאָלנער פון גאָלד־ אָדער זילבער־

פעדים צוגעניהט אַלס אַ ציערונג צו אַ טלית.

עִי׳גול, המ. (מ. עִיגו׳לִים). זעה עִי׳גול.

עיו״ט, אב. עֶ׳רֶב־יום־ט׳ב (ווז.).

עִיזָ׳בון, חמ. זעה עִזָ׳בון.

עִי׳כּוב, הז. (מ. עִיכּו׳בִים). זעה עִ׳כּוב.

עִי׳לוי, המ. (מ. עילו׳יִים). זעה עִ׳לוי.

עַ׳יִן, המ. (מ. עַ׳יִנִים). דער נאָמען פון דעם זעכצעהנטען בוכשטאַב (ע) פון דעם אידישען אלף־בית.

עַ׳יִן־הָ׳רַע, הוו. (תלמודיש). אַ בייז אויג. אָהן עין־הרע!, קיין בייז אויג זאָל ניט שאַדען!, אומבאַשריען!. „אַ אידישע עין־הרע איז ערגער ווי אַ גוי׳אי־שער כשוף“ (שפוו.).

עֵין־יַעֲקֹב [יַנְ׳קוֹב], המ. (ביבליש). דער נאָמען פון אַ געוויסען בוך וואָס ענטהאַלט אַלע אַגדות פון דעם תלמוד.

עִי׳נוי, המ (מ. עִינו׳יִים). זעה עִ׳נוי.

עֵינַ׳יִם, מ. אויגען.

עִינְיָ׳ן, המ. (מ. עִינְיָ׳נִים). זעה עִנְיָ׳ן.

עִי׳פּוש, המ. (מ. עִי׳פּו׳שׁ׳ען). זעה עִ׳פּוש.

עִי׳צָה, הוו. (מ. עֵי׳צות). זעה עִ׳צָה.

עִי׳קָר, המ. (מ. עִיקָ׳רִים). זעה עִ׳קָר.

עִי׳קֵש, המ. (מ. עִיקְ׳שִׁים). זעה עִ׳קֵש.

עִיר־הַנִדַ׳חַת, הוו. (ביבליש). אַ פאַרשטויסענע אָדער פאַרזינדיגטע שטאָדט.

עִיר־מִקְ׳לָט, הוו. (מ. עָ׳רֵי־מִקְ׳לָט), (ביבליש). „אַ שטאָדט פון רע־טונג“, איינע פון די דריי שטעדט וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרען (פאַרצייטען ביי אידען) אַלס פלע־צער וואו דעריעניגער וועלכער האָט געטויט אַ מענשען אומגערן איז געווען באַשיצט פון דער בלוט־ראַכע פון דעם טויטען׳ס פאַר־וואַנדטע; אַ רעטונגס־פּלאַטץ.

עֵי׳רוב, המ. (מ. עֵירו׳בִים). זעה עֵ׳רוב.

עַכְ׳בְּרוֹש *, המ. (מ. עַכְ׳בְּרוֹשִׁים). אַ יונגאַטש (פיעלייכט פון עַכְ׳בָּר־רָ׳שָׁע — שלעכטע מויז (נאָך דעם תלמודישען זאַץ: „הני עכברי רשיעי נינהו“) ווי געוויסע באַהויפּ־טען. וועניגער וואהרשיינליך איז די באַהויפּטונג אַז דאָס וואָרט איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַךְ־בְּראֹש— שטענדיג אויבען אָן, ד. ה. איי־נער וואָס שפּאַרט זיך אויבען אָן).

עִ׳כּוב, המ. (מ. עִכּו׳בִים). אָפּ־האַלט, הינדערניס, שטערונג.

עַכּו״ם, אב. עוֹ׳בֵד־כּוֹכָ׳בִים וּמַזָ׳לוֹת.

עַל־אַ׳חַת־כַּ׳מָה־וְכַ׳מָה [וְכַ׳מָה], או. (ליטורגיש). אום אַזוי פיעל

מעהר, דעסטאָ מעהר, געוויס
שוין.

עַל־אֵם־הַדֶּ'רֶךְ, (ביבליש). אין מי־
טען וועג.

עַל־אֱמוּנָ'תִי, (תלמודיש). אויף מיין
עהרליכקייט!, אויף מיין עהרען
וואָרט!

עַל־אַ'פּוֹ (אַ'פִּי) וְעַל־חֲמָ'תוֹ (חֲמָ'תִי),
או. (ביבליש). „צו זיין (מיין)
פאַרדרוס און צו זיין (מיין) צאָרן",
קעגען זיין (מיין) ווילען.

עַל־הַנִּ'סִּים, (ליטורגיש). „פאַר די
וואונדער", די ערשטע ווערטער
און דער נאָמען פון אַ געוויסען
געבעט וואָס מע זאָגט אום חנוכה
און אום פורים.

עַל־הָעֵ'צִים וְעַל־הָאֲבָ'נִים, (ביב־
ליש). „אויף בוימער און אויף
שטיינער", גלאַט אין דער וועלט
אַריין (ווערט אויך פאַראָדירט:
עַל־הָעֵ'צִים וְעַל־הַבֵּי'צִים).

עַל־הַתּוֹ'רָה וְעַל־הָעֲבוֹ'דָה, (לי־
טורגיש). אויף דער תורה און
אויף גאָטעסדיענסט. „ער זיצט
על־התורה ועל־העבודה".

עַל־חֵטְא (חֵטאָ), הם. (ליטורגיש).
„פאַר די זינד", די ערשטע ווערטער
און דער נאָמען פון אַ תפלה וואָס
מע זאָגט אום יום-כפור אין וועל־
כע מע בעט ביי גאָט פאַרציי־
הונג פאַר די זינד, זיך שלאָגענדיג
דערביי מיט דער האַנד אין האַר־
צען. זיך שלאָגען על־חטא,
באַרייהען, באַדויערן. „פון על־
חטא ווערט מען ניט פעט"
(שפּוו.).

עַל־יְהֹוָ'ה וְעַל־מְשִׁי'חוֹ, (ביבליש).
אויף גאָט און אויף זיין געזאַלב־
טען. רעדען על־יהוה ועל־
משיחו, לעסטערען אַלצדינג
וואָס איז הייליג. „ער רעדט
על־יהוה ועל־משיחו און
אויף נְנַתְּ'קָה'ן אויך" (שפּאַס־
אויסדרוק. — דאָס וואָרט נְנַתְּ'קָה
איז דער אָנהויב פון דעם זאַץ
וועלכע שטעהט אין דעם ביבלי־
שען טעקסט נאָך די ווערטער
על־יהוה ועל־משיחו און
האָט אייגענטליך מיט זיי קיין
פאַרבינדונג ניט).

עַל־כָּל־פָּ'נִים, או. אויף אַלע פאַ־
לען, יעדענפאַלס, דאָך, אַם ווע־
ניגסטען.

עַל־כֵּ'ן, או. (ביבליש). דעריבער,
דערפאַר.

עַל־מְנָת (מְנַת), (תלמודיש). מיט
דעם באַדינג.

עַל־פִּי, פ. (ביבליש). נאָך, לויט,
דורך, אין. על־פי דין, לויט
געזעץ. על־פי סבה, דורך אַ
צופאַל. על־פי סוד, אין גע־
הייםנים.

עַל־צַד־הַיּוֹ'תֵר־טוֹב, או. אויף דער
בעסטער אַרט.

עִ'לּוּי, הם. (מ. עִלּוּ'יִים). איינער
וואָס איז באַגאַבט מיט אונגע־
וועהנליכע פעהיגקייטען, אַ זשעני.

עִלּוּ'יִיש, א. זעהר פעהיג; שאַרפ־
זיניג, גייסטרייך.

עָ'לוּל, א. אָנגעבערייט, פעהיג, קאַ־
פּאַבעל.

עָלַי־וְעַל־צַוָּא׳רִי, (תּלמודיש). „אויף מיר און אויף מיין קאַרק״, אויף מיין פאַראַנטוואָרטליכקייט.

עֲלִיָּה, הוו. (מ. עֲלִיּוֹת). דאָס אויפגערופּען ווערען צום לייענען אין שוהל. געבען אַ׳ן עליה, אויפרופען צום לייענען. געבען אַ פעטע עליה, אויפרופען צו איינעם פון יענע טהיילען פון לייענען וועלבע ווערען באַטראַכט אַלס אַ באַזונדערער כבוד. זעה שִׁ׳שִּׁי.

עָלֶי׳הָ־הַשָּׁ׳לוֹם, (מ. עֲלֵי׳הֶן —), (תלמודיש). פרידען אויף איהר, פרידען צו איהר אנדענקען.

עָ׳לָיו־הַשָּׁ׳לוֹם, (מ. עֲלֵי׳הֶם —), (תלמודיש). פרידען אויף איהם, פרידען צו זיין אנדענקען. „ער איז שוין עליו־השלום״. „אַלע עליו־השלום׳ם זיינען גוט״ (שפּוו.).

עֲלִיָּיה, הוו. (מ. עֲלִייּוֹת). זעה עֲלִיָּה.

עֲלֵי׳כֶם־וַעַל־בְּנֵי׳כֶם, אר. (ביבליש). אויף אַייך און אויף אַייערע קינדער, פאַראָדיע אויף „עליכם־שלום״ (ווז.).

עֲלֵי׳כֶם־שָׁ׳לוֹם, אר. (תלמודיש). אויף אַייך זאָל זיין פרידען! (אַ׳ן ענטפער אויף די באַגריסונג „שלום־עליכם״, ווז.).

עֲלִי׳לַת־דָּם [דַם], הוו. „די באַשולדיגונג פון בלוט״, די באַשולדיגונג אַז אידען געברויכען קריסטליכעם בלוט אויף פסח.

עָלֵי׳נוּ, המ. (ליטורגיש). דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָמען פון אַ געוויסע תפלה וואָס מע זאָגט צום ענד פון דאַוונען. קומען צו עלינו, קומען נאָך אַלעמען. „בעסער אָנצוקומען צו עלינו ווי צום בעסטען מענשען״ (שפּוו.).

עַם־הָאָרֶץ [אָ׳רֶץ], המ. (מ. עַ׳מֵי־הָאֲרָצִים [עֲמָרַ׳צִים], אייגענטליך: עַמֵי־הָאֲרָצוֹת), (תלמודיש). „דאָס פאָלק פון לאַנד״, אַ׳ן אונוויסענדער מענש. „אַז גאָט וויל שטראָפען אַ׳ן עם־הארץ לעגט ער איהם אַ לשון־קודש־וואָרט אין מויל אַריין״ (שפּוו.). „אַ׳ן עם־הארץ טאָר ניט הויך דאַוונען״ (שפּוו.).

עַם־הָאֲרָצוּת [עַמָרַ׳צוּת], חוו. אונוויסענהייט.

עַם־הארצ׳יש [עַמָרַ׳צִישׁ], א. אונוויסענהייט.

עַם־חָ׳כָם־וְנָ׳בוֹן, המ. (ביבליש). אַ קלוג פאַרשטענדיג פאָלק (אָפטע באַצייכענונג פון דעם אידישען פאַלק).

עַם־לֹא־הָיָ׳ה, המ. (ביבליש). „אַ פאָלק וואָס איז ניט געוועזן״, אַ ווילד פאָלק.

עַם־קְשֵׁה־עוֹ׳רֶף, המ. (ביבליש). אַ האַרטנעקיגעם פאָלק (אָפטע באַצייכענונג פון דעם אידישען פאָלק).

עַמּוּד [עָ׳מוּד], המ. (מ. עַמּוּ׳דִים). „אַ זייל״, אַ זייט (פון אַ בוך); דער סטענדער פאַר וועלכען דער

פאַרבעטער שטעהט אין שוהל. דאַוונען פאַר'ן עמוד, פאָר־בעטען.

עָ'מוֹס, אנמ. דער נאָמען פון אַ גע־וויסען פּראָפעט; דאָס ביבלישע בוך וואָס ענטהאַלט די פּראָפע־ציײהונגען פון עמוס.

עֲמָ'לֵק, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען פאָלק וואָס האָט גע־וואָלט פאַרטיליגען די אידען, ווי די ביבעל דערצעהלט; אַ פיינד פון אידען (מ. עֲמָלֵ'קִים); אַ שלעכטער מענש.

עַמְ'קוּת, הוו. טיעפקייט, טיעפזי־ניגקייט.

עָ'נָו, חמ. (מ. עֲנָ'וִים). אַ באַשיי־דענער מענש.

עִ'נּוּי, המ. (מ. ענוּ'יִים). פּייניגונג, וועהטאָג.

ענוּיִים־קָ'שִׁים, מ. שווערע ליידען, גרויסע שוויריגקייטען.

עָ'נִי, המ. (מ. עֲנִ'יִים). אַ'ן אָרע־מאַן.

עָ'נִי־וְאֶבְ'יוֹן, המ. (ביבליש). אַ גרויסער אָרעמאַן.

עָ'נִי־מְרוּ'דָּא, המ. אַ גרויסער אָרע־מאַן.

עָ'נָיו, המ. (מ. עֲנָ'וִים). זעה עָ'נָו.

עֲנִי'וּת, הוו. באַשיידענהייט. "צו־פיעל ע נ י ו ו ת איז אַ האַלבער שטאָלץ" (שפּוו.).

עֲנִי'וּת'דיג, א. באַשיידען.

עַנְ'יוּת, הוו. אָרעמקייט.

עִנְיָ'ן, המ. (מ. עִנְיָ'נִים). זאַך, אינטערעס, געשעפט; אינהאַלט, טהעמאַ.

עֲנֵ'נוּ, המ. (ליטורגיש). "ענטפער אונז", דאָס ערשטע וואָרט און דער נאָמען פון אַ געוויסע תפלה וואָס מע זאָגט אין פאַסט־טעג. מע דאַרף מיט איהם קיין ע נ נ ו ניט זאָגען, ער איז שוין פאַרזאָרגט, ער באַדאַרף ניט קיינעמ'ס מיטלייד.

עֵ'סֶק, המ. (מ. עֲסָ'קִים). אַ גע־שעפט; אַ פאַרקעהר. "מיט'ן בעסטען הונד איז ניט גוט קיין ע ס ק י ם צו האָבען" (שפּוו.).

עַסְ'קָן, המ. (מ. עַסְקָ'נִים). אַ טהע־טיגער מענש, אַ טהוער.

עֵ'סֶק'ען, צש. האַנדלען, מאַכען געשעפטען. זיך ע ס ק'ע ן, זיך באַשעפטיגען, זיין באַשעפטיגט, זיין פאַרטהאָן.

עִ'פּוּש, המ. געשטאַנק; עפּידעמיע.

עִ'פּוּש'ען, צש. שטינקען. פ אַ ר־ע פּ ו ש'ע ן, אָנפילען מיט גע־שטאַנק.

עָ'פָר־וָאֵ'פֶר, מ. (ביבליש). שטויב און אַש. מאַכען ע פ ר־ו א פ ר, מאַכען צו גאָרנישט, פאַרניכטען, רואינירען.

עַפְ'רָא־דְאַרְ'עָא, המ. (תלמודיש). שטויב פון דער ערד.

עֵ'ץ־הַדַּ'עַת, המ. (ביבליש). דער בוים פון וויסען (פון וועלכע דער ערשטער מענש האָט געגעסען קע־גען דעם פאַרבאָט פון גאָט, ווי די ביבעל דערצעהלט). "ער ווייס שוין פון ע ץ־ה ד ע ת" (ווער.

אויף איינעם וועלכער איז ניט מעהר אונשולדיג.

עֵץ־הַחַיִּים, המ. (ביבליש). דער בוים פון לעבען (פון וועלכען דער ערשטער מענש איז באפוי־לען געווארען ניט צו עסען כדי ער זאל ניט לעבען אייביג, ווי די ביבעל דערצעהלט).

עֵץ־חַיִּים, המ. (מ. עֲצֵי־חַיִּים). איינס פון די צוויי שטענגלאך אויף וועלכע א ספר־תורה איז אויפגעוויקעלט.

עַצְבוּת, הוו. באטריבטקייט, אומעט, מעלאנכאליע.

עֵצָה, הוו. (מ. עֵצוֹת). ראטה. א'ן עצה פון א תלמיד־חכם, א קלוגער ראטה. "דאס לייכטסטע איז צו געבען יענעם א'ן עצה, דאס שווערסטע — זיך אליין" (שפוו.). "מיט עצות בין איך פערזארגט" (ווער.). "פרעג א'ן עצה יענעם און האב דיין שכל ביי דיר" (שפוו.).

עֵצָה'ן, צש. געבען א ראטה, ראטהען. עצה'ן זיך, זיך באראטהען.

עצהיו"ט, אב. עַל־צַד־הַיּוֹתֵר טוֹב (ווז.).

עֲצִירוּת, הוו. פארשטאפונג, הארט־לייביגקייט.

עָצֵל, המ. א פוילער מענש, א פוילענצער.

עַצְלוּת, הוו. פוילקייט, נאכלעסיג־קייט.

עֶצֶם, המ. קערן, אינהאלט, עיקר.

עֶצֶם־הַדָּבָר, המ. קערן פון דער זאך, עיקר.

עֲצָמוֹת, מ. די ביינער. ציהען די עצמות, פייניגען, מאכען ווארטען. "מיט גוטע רייד קען מען אויך די עצמות ארויס־נעהמען" (שפוו.).

עֵקֶב, הוו. דער נאמען פון דער זעקס און פערציגסטער סדרה (ווז.).

עֲקֵדָה, הוו. "די בינדונג" פון יצחק'ן וועלכען זיין פאטער אברהם האט געוואלט בריינגען א'ן אפ־פער צו גאט, ווי די ביבעל דער־צעהלט. געהן ווי צו דער עקדה, געהן מיט דעם באשלוס זיך אליין אויפצואפפערן.

עֲקֻדִּים־נְקֻדִּים־וּבְרֻדִּים, א. (ביב־ליש). געשטרייפט געפינטעלט און געפלעקט, פון אלערליי קאלירען.

עֲקֵדַת־יִצְחָק, הוו. זעה עֲקֵדָה.

עֲקֵידָה, הוו. זעה עֲקֵדָה.

עִקָּר, המ. (מ. עִקָּרִים). הויפט־זאך; הויפט־לעהרע, דאגמא (פון גלויבען). "ניט דאס שעהנע פנים איז דער עקר נאר דאס שעהנע האריץ" (שפוו.). "ניט דער טשוואק איז דער עקר נאר דער הענג־לייכטער. (שפוו.).

עָקָר, המ. (מ. עֲקָרִים). איינער וועלכער קען קיין קינדער ניט האבען, א בעזדיעטניק.

עִקָּר־שָׁכַחְתִּי, די הויפט־זאך האב איך פערגעסען! גוט וואס איך האב זיך דערמאנט!

עַקְ׳רָב, הם. (תלמודיש). סקאָרפּיאָן, דער אַסטראָנאָמישער צייכען אין דעם שטערען=קרייז פאַר דעם מאָ=נאַט חשון.

עֲקָ׳רָה, הוו. (מ. עֲקָ׳רוֹת)• זעה עָ׳קָר•

עֲקֶ׳רֶת־הַבַּ׳יִת, הוו. (ביבליש). די הויז=פרוי, די ווירטהין, די אויפ=טהוערין.

עִ׳קֵשׁ, הם. (מ. עִקְ׳שִׁים)• איינער וועלכער טהוט זאַכען קאַפּויר, אַ׳ן איינגעשפּאַרטער•

עַקְ׳שָׁן, הם. (מ. עַקְשָׁ׳נִים)• אַ האַרטנעקיגער, אַ׳ן איינגעשפּאַר=טער. ״אַ׳ן ע ק ש ן איז ערגער ווי אַ קאַליעקע״ (שפּוו.). ״אַ׳ן ע ק ש ן פאַלט תּמיד אין דער בלאָטע אַריין״ (שפּוו.).

עַקְשָׁ׳נוּת, הוו. האַרטנעקיגקייט, איינגעשפּאַרטקייט.

עַקְשָׁ׳נוּת׳דיג, א. איינגעשפּאַרט.

עַקְ׳שָׁנ׳יטע, הוו. (מ. עַקְ׳שָׁנִיטעס)• זעה עַקְ׳שָׁן)•

עַקְ׳שָׁנ׳ען־זיך, צוו. זיך איינשפּאַ=רען. א י י נ׳ ע ק ש נ׳ ע ן = ז י ך, זיך איינשפּאַרען.

עֶ׳רֶב־, הם. (תלמודיש). ״פאַר=אָבענד פון״, דער טאָג אָדער מעהרערע טעג פאַר (אַ פייער=טאָג). ״דאָס גאַנצע יאָהר איז זי ליידיג געזעסען און ע ר ב יום־כפור האָט זי זאָך אָנגעהויבען״ (שפּוו.).

עָ׳רֵב, הם. (מ. עֲרֵ׳בִים)• אַ גוט=זאָגער, אַ גאַראַנטירער, אַ זשי=ראַנט. ״זיי מיר ניט קיין קרוב און איך וועל ניט זיין דיין ע ר ב״ (שפּוו.).

עָ׳רֵב־זיין, צש. גוטזאָגען, גאַראַנ=טירען.

עֶ׳רֶב־וָבוֹ׳קֶר (וְצָהֳרָ׳יִם), או. (ביב=ליש). אָבענדס און מאָרגענס (און מיטאָג צייט). ״אַ מויד מיט אַ הויקער מאַכט זאָרג ע ר ב ו ב ו ק ר״ (שפּוו.).

עֶ׳רֶב־יום־טוֹב [יָנְ׳טוֹב], הם. (תל=מודיש). דער טאָג אָדער איינינע טעג פאַר יום-טוב.

עֶ׳רֶב־פֶּ׳סַח [פֵּ׳סַח], הם. (תלמו=דיש). דער טאָג אָדער איינינע טעג פאַר פסח.

עֶ׳רֶב־רַב, הם. (ביבליש). אַ גע=מישט פאָלק, אַ פּעבעל.

עֶ׳רֶב־שַׁ׳בָּת, הם. (תלמודיש). פרייטאָג.

עֲרָ׳בָה, הוו. (מ. עֲרָ׳בוֹת)• איינס פון די ווערבע=ריטלעך וועלכע ווערען צוגעבונדען צו דעם לולב אָדער מיט וועלכע מע שלאָגט הושענות•

עַרְבוּת [עֲרְ׳בוּת], הוו. גאַראַנטי, גוטזאָגעריי, זיכערהייט, זאַלאָג.

עַרְ׳בִית, הוו. זעה מַעֲ׳רִיב•

עֵ׳רוּב, הם. (מ. עֵרוּ׳בִים)• ערוב תחומין (ווז.); ערוב תבשילין (ווז.); דאָס עסענוואַרג וואָס מע לעגט אויף אַ געוויסען פּלאַץ אום פרייטאָג אום די צוויי מוי=זענד איילען (ווייטער פון וועלכע אַ איד טאָר ניט געהן אום שבת)

זאָלען זיך רעכענען פון דאָרטען אָן.

עָ׳רוֹב, הם. אַ׳ן אָנשיקעניש פון אַלערליי חיות, איינע פון די צעהן פּלאָגען וועלכע גאָט האָט אָנגעשיקט אויף די עגיפּטער, ווי די ביבעל דערצעהלט. זעה עֶ׳שֶׂר־מַ׳כּוֹת.

עֵ׳רוּב־תַּבְשִׁי׳לִין, הם. (תּלמודיש). אַ׳ן עסענוואַרג וואָס מע קאָכט אָפּ ערב־יום־טוב ווען דער ערב־יום־טוב פאַלט אום פרייטאָג אום מע זאָל דערנאָך מעגען אין דעם טאָג פון יום־טוב קאָכען אויף שבּת (קאָכען אום יום־טוב מעג מען בּלויז פאַר דעם געבּרויך פון דעם זעלבּיגען טאָג; דורך די איינריכטונג אָבּער פון ערוב־תּבשילין הייסט עס אַז דאָס עסען אויף שבּת איז שוין צובּערייט פון פריהער און אַלץ וואָס ווערט געקאָכט אום יום־טוב איז בּלויז פאַר יום־טוב אַליין, אָבּוואָהל עס ווערט אייגענטליך געגעסען אין דעם פאָלגענדיגען טאָג).

עֵ׳רוּב־תְּחוּ׳מִין, הם. (תּלמודיש). אַ דראָהט אָדער אַ שטריק אָנגעצויגען אויף הילצערנע סלופּעס, מיט וועלכע מע צאַהמט אַרום בּיי אידען די שטאָדט אום מע זאָל מעגען טראָגען זאַכען אום שבּת (לויט דעם אידישען דין מעג מען אום שבּת אומטראָגען זאַכען בּלויז אין אַ׳ן איינגעשלאָסענעם רוים אָבּער ניט אויף אַ׳ן עפענטליכען פּלאַטץ. דער ערוב אָבּער ווערט בּאַטראַכטעט אַלס אַ געוויסע אַרט אַרומצאַמונג, און דער רוים וועלכען ער נעהמט אַרום ווערט בּאַטראַכטעט ווי איינגעשלאָסען).

עֶרְ׳וָה, הוו. (מ. עֶרְ׳ווֹת). „די שאַנד“, דער געשלעכט=אָרגאַן.

עָ׳רוּךְ, הם. דער נאָמען פון אַ געוויסען תּלמודישען לעקסיקאָן.

ער״ח, אב. עֶ׳רֶב־ראֹש־חוֹ׳דֶשׁ, דער טאָג פאַר ראש־חודש.

עֲרָיוֹת [עֲרַ׳יוֹת], מ. בּלוט-פאַרוואַנדשאַפטען, די בּלוט-פאַרוואַנדטע מיט וועלכע מע טאָר ניט הייראַטהען לויט דעם אידישען דין.

עֲרֵי׳לָה, הוו. (מ. עֲרֵי׳לוֹת). זעה עֲרֵ׳לָה.

עֵרֶךְ [עֶ׳רֶךְ], הם. אָפּשאַצונג; פאַרגלייך; פּראָפּאָרציאָן. אַ׳ן ע ר ך, אונגעפעהר. נאָכ׳ן ע ר ך, פּראָפּאָרציאָנעל. אָהן אַ׳ן ע ר ך, אונגעהייער, ניט אָפּצושאַצען. נים דער ע ר ך גרעסער, פיעל גרעסער.

עָ׳רֵל, הם. (מ. עֲרֵ׳לִים). אַ׳ן אונבּאַשניטענער, אַ ניט=איד.

עֲרֵ׳לָה, הוו. (מ. עֲרֵ׳לוֹת). אַ ניט=אידישע פרוי.

עָרְ׳לָה, הוו. די פאָרהויט, די ניט=בּאַשניטענע פאָרהויט; די פרוכט פון אַ בּוים אין די ערשטע דריי יאָהרען נאָך דער פּלאַנצונג וועלכע מע טאָר ניט אַרונטערקלייבּען, לויט דעם אידישען דין.

עָ׳רֵלִ׳טע, עֶרלִ׳טע, הוו. (מ. עָ׳רֵלִ׳טעס, עֶרלִ׳טעס). זעה עֲרֵ׳לָה.

ער׳מָה, הוו. באַטרוג.

ע״ש, אב. ע׳רֶב־שַׁ׳בָּת (ווז.).

עֲשׂה [ע׳שֶׂה], הם. (מ. ע׳שֶׂה׳ם). אַ געבאָט צו טהאָן אַ גע= וויסע זאַך (אין געגענזאַץ צו אַ פאַרבאָט ניט צו טהאָן אַ געוויסע זאַך). זעה לא׳־תַעֲשֶׂה.

עֵ׳שָׂו, אנמ. דער נאָמען פון יעקב׳ס ברודער פון וועלכען די ביבעל דערצעהלט אַז ער האָט פאַרקויפט זיין רעכט פון ערשט=געבורט פאַר אַ טאָפּ לינזען; אַ ניט=איד. „רויט און שטאַרק ווי ע ש ו“.

ע׳שִׁיר, הם. (מ. עֲשִׁי׳רִים). אַ רייכער מאַן.

עֲשִׁ׳ירָה, הוו. (מ. עֲשִׁי׳רוֹת). אַ רייכע פרוי.

עֲשִׁי׳רוּת, הוו. רייכקייט, רייכטהום. „אידישע ע ש י ר ו ת איז ווי אַ מאַרצאָווער שניי“ (שפוו.).

ע׳שֶׂר־מַ׳כּוֹת, מ. (תלמודיש). די צעהן פלאָגען (דם, צפרדע, כנים, ערוב, דבר, שחין, ברד, ארבה, חשך, מכת־בכורות, ווז.) וועלכע גאָט האָט אָנגעשיקט אויף די עגיפטער אום זיי זאָלען אַרויס= לאָזען די אידען פון זייער לאַנד, ווי די ביבעל דערצעהלט.

עֲשָׂ׳רָה, צ. צעהן.

עֲשָׂ׳רָה־בְּטֵ׳בֵת, הם. דער צעהנטער טאָג אין דעם מאָנאַט טבת, אַ פאַסט=טאָג אין טרויער אויף די ערשטע באַלאַגערונג פון ירושלים.

עֶשְׂ׳רִים, צ. צוואַנציג.

עֶשְׂרִים־וְאַרְבָּעָה [עֶשְׂרֵר׳בֶּע, שְׂוֹרַ׳בֶּע], צ. די פיער און צוואַנ= ציג (ביכער פון דער ביבעל), נביאים און כתובים (ווז.).

עֲשֶׂ׳רֶת־בְּנֵי־הָ׳מָן, מ. (ביבליש). די צעהן זיהן פון המן.

עֲשֶׂ׳רֶת־הַדִּבְּ׳רוֹת, מ. (תלמודיש). די צעהן געבאָטען וועלכע גאָט האָט די אידען געגעבען אויף דעם באַרג סיני, ווי די ביבעל דער= צעהלט.

עֲשֶׂ׳רֶת־הַשְּׁבָ׳טִים, מ. (ביבליש). די צעהן פאַרלאָרענע אידישע שטאַמען וועגען וועלכע עס געהען אַרום פיעלע לעגענדען צווישען דעם אידישען פאָלק.

עֲשֶׂ׳רֶת־יְמֵי־תְשׁוּבָה [תְשׁוּ׳בָה], מ. „די צעהן טעג פון בארייאונג“, די טעג פון ראש־השנה ביז יום־כפור.

עֵת־חֶדְ׳וָה, הוו. אַ צייט פון פרעה= ליכקייט, אַ הוליאַנקע.

עֵת־צָ׳רָה, הוו. (ביבליש). אַ שלעכ= טע צייט.

עָ׳תִיד, הם. די צוקונפט.

פּ.

פּ (פּ), הס. דער זיבעצעהנטער בוכ=
שטאַב פון דעם אידישען אַלף־
בית; מיט אַ פּינטעלע אינעווייניג
(פּ) אויסגעשפּראָכען ווי אין
„פּלאַטץ", אָהן אַ פינטעלע (פֿ)
אויסגעשפּראָכען ווי אין „פֿאַלען";
צום ענד פון אַ וואָרט געשריבען
„ף"; אין צעהלען גערעכענט אַלס
80. זעה פּֿא.

פּֿא (פֵּא), הס. (מ. פֵּא״ען, פֵּא״ען).
דער נאָמען פון דעם זיבעצעהנטען
בוכשטאַב (פּ, פֿ) פון דעם אידי=
שען אַלף־בית, דערזעלביגער בוכ=
שטאַב רופט זיך אייך „קרומער=
פא". צום ענד פון אַ וואָרט (ף)
רופט זיך „לאַנגע=" אָדער „שלום=
פא". צוזווי פּא׳ען, פֿאַר-
פֿאַלען.

פּֽאָה, הוו. די האָאר=לאָק וועלכע
היינגט אַרונטער פון דער שלייף
און וועלכע אַ פרומער איד טאָר
קיינמאָל ניט אָפּשערען (מ.
פֵּאות, פֵּאות׳ען); דער ווינקעל
פון אַ תבואה=פעלד וועלכען מע
פלעגט לאָזען ניט אָפּגעשניטען
פאַר אָרעמע (פאַרצייטען ביי אי=
דען). ניט ליעגען אין פּאה,
ניט אינטערעסירען. ניט ליעגען
אי״ן דער לינקער פּאה, ניט
אינטערעסירען אין מינדעסטען
גראַד.

פאַר־, די באַדייטונג פון די צייט=
ווערטער מיט דער פאָרזילבע
„פאַר־" (וועלכע געפינען זיך ניט
דאָ) מוז געזוכט ווערען אונטער
דעם צייט=וואָרט אָהן דער פאָר=
זילבע, צ. ב. ש.: „פ אַ ר׳=
מ ס ר׳ ע ן" — אונטער „מסר׳ען".
זעהר פיעל צייט=ווערטער און
אייגענשאַפט=ווערטער ווערען גע=
בילדעט דירעקט פון העברעאישע
הויפּטווערטער און אייגענשאַפט=
ווערטער מיט דער צולעגונג פון
דער פאָרזילבע „פאַר־" און די
נייטהיגע ענדונגען („־׳ען", „־׳ט"
א. א. וו.), אַזוי ווי פאָלגענדע:
פ אַ ר׳ג ל ג ו ל׳ ע ן [פאַרגילגלען]־
ז י ך, זיך פאַרוועלען, זיך פאַר=
גלוסטען. „ס׳האָט זיך איהם פאַר׳=
ג ל ג ו ל׳ ט". פ אַ ר׳ ח ו ש׳ ט,
פאַרטראַכט, פאַרטראָגען. פ אַ ר׳=
ט ע נ ה׳ ן־זיך, זיך פאַרשמועסען.
פ אַ ר׳ י ת ו ם׳ ט, עלענד. פאַר׳=
מ ו ח׳ ט, פאַרקלערט, פאַר=
טראַכט. פ אַ ר׳ מ י א ו ס׳ ע ן,
מאַכען עקעלדיג, פאַרעקלען.
פ אַ ר׳ מ ר ה־ ש ח ו ר ה׳ ט, באַ=
טריבט, מעלאַנכאָליש. פ אַ ר׳=
מ ש כ ו נ׳ ע ן, פאַרזעצען. פאַר׳=
צ ר ה׳ ט, פאַראומערט, נידער=
געשלאָגען (פון נויטה אָדער אָרעם=
קייט).

פאַראויס־, די באַדייטונג פון די
העברעאישע ווערטער מיט דער
פאָרוואָרט „פאָראויס־" מוז געזוכט
ווערען אונטער דעם וואָרצעל=
וואָרט.

פאַרביי־, די באַדייטונג פון די

העברעאישע ווערטער מיט דער פארוואָרט "פאַרבײ־" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעלוואָרט.

פאַרצע*, הוו. (מ. פאַרצעם), (פאַרעכטליך). געזיכט (וואַהרשיינליך פאַרגרייזט פון פַּרְ׳צוּף, (ווז.).

פאַר־קְנַ׳ס־יען (פאַרקנאַסען), צא. פאַרלאָבען (דער אויסדרוק שטאַמט פון דער פאַרצייטיגער אײַנפיהרונג אַז דעריעניגער וועלכער האָט אָפּגעלאָזען אַ הייראַטה־פאַרטײַ נאָך דער פאַרלאָבונג האָט געמוזט באַצאָהלען דער צווייטער זייט אַ געוויסען קנס).

פְּגִ׳ימָה, הוו. (מ. פְּגִ׳מוֹת). אַ ריץ, אַ קאַרב, אַ טשערב (פון אַ מעסער); אַ פעהלער. "ער זוכט פ ג י מ ו ת אויף אַ זעג" (ווער.).

פְּגִ׳ירָה, הוו. (מ. פְּגִ׳רוֹת). טױטער קערפער (פון אַ טהיער); טויט. אײַננעהמען אַ פ ג י ר ה, קראַפּירען.

פְּגָם [פְּגַם], הם. אַ פעהלער.

פֶּ׳גַע, הם. (מ. פְּגָ׳עִים). אַ׳ן אָנשיקעניס, אַ פּלאָג.

פֶּ׳גַע־רַע, הם. (מ. פְּגָ׳עִים־רָ׳עִים), (ביבליש). אַ בייזע אָנשיקעניס.

פֶּגֶר [פֶּ׳גֶר], הם. (מ. פְּגָ׳רִים), (פאַרעכטליך) טויטער קערפער; טויט. "אַז מע קלינגט איז ענטוועדער אַ חגא אָדער אַ פ ג ר" (שפוו.).

פֶּ׳גֶר׳ען, צש. שטאַרבען, קראַפּירען. "אַ בער אין וואַלד האָט ג ע ׳ פ ג ר ׳ ט" (ווער. צו אַ גאַסט וועלכען מע האָט אַ לאַנגע צייט ניט געזעהן).

פִּדְ׳יוֹן, הם. (מ. פִּדְ׳יוֹ׳נוֹת). "אויסלייזונג", אויסלייז־געלט, דאָס געלט וואָס מע גיט אַ חסידישען רבי׳ן צו ווען מע קומט פרעגען אַ׳ן עצה אָדער קריגען אַ ברכה; לייזונג, אײַננאַהמע פאַר פאַרקויפטע סחורה.

פִּדְ׳יוֹן־הַבֵּן [הַבֶּ׳ן], הם. (מ. פִּדְ׳יוֹן־הַבֶּ׳ן׳ס׳), (תלמודיש). "די אויסלייזונג פון דעם זוהן", דאָס אויסלייז-געלט וואָס מע גיט אַ כהן פאַר אַ׳ן ערשט־געבאָרענעם זוהן וועלכעם באַשטעהם פ׳ן פינף געלט־שטיקער פון אַ געוויסען באַשטימטען ווערטה (ערשט-געבאָרענע זיינען לויט דעם אידישען דין הייליג צו גאָט און מוזען דאַדיבער אויסגעלייזט ווערען); די צערעמאָניע פון פדיון־הבן וועלכע ווערט געפייערט ווען דאָס קינד איז דרייסיג טעג אַלט.

פִּדְ׳יוֹן־שְׁבוּ׳יִים, הם. (תלמודיש). די אויסלייזונג אָדער די באַפרייאונג פון געפאַנגענע (באַטראַכטעט ביי אידען אַלס איינע פון די גרעסטע וואָהלטהאַטען).

פֶּה־אֶ׳חָד, אז. (ביבליש). "איין מויל", אײַנשטימיג.

פֶּה־אֶל־פֶּה, אז. (ביבליש). "מויל צו מויל", פערזענליך.

פה־נִקְ׳בַר, דאָ איז באַגראָבען געוואָרען (אויפשריפט אויף אַ גראָבשטיין).

פוֹגֶ׳עַ־זיין, צא. באַריהרען, באַליידיגען.

פוֹגֵ'עַ־בְּכָבוֹד [בִּכָ'בוֹר]־זיין, צא. אָנריהרען די עהרע פון, באַלוידיגען.

פוֹטִיפֶ'רַע *, אנוו. דער נאָמען פון דער פרוי פון פּוֹטִי'פַר אָדער פּוֹטִיפֶ'רַע, פון וועלכער די ביבעל דערצעהלט אַז זי האָט געוואָלט פאַרפיהרען יוסף'ן (אין דער ביבעל ווערט דער פרוי'ס נאָמען אייגענטליך ניט דערמאָנט, אָבער צווישען פאָלק ווערט זי גערופען מיט דעם מאַנ'ס נאָמען).

פוּנאַנדער־, די באַדייטונג פון די העברעאישע ווערטער מיט דעם אידישען פאַרוואָרט "פונאַנדער־" מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל־וואָרט.

פוֹ'סֵק, המ. (מ. פּוֹסְקִים [פָּסְ'קִים]). "ענטשיידער", איינע פון די נאָכתלמודישע געזעץ־זאַמלונגען וואָס באַשטעהען פון אויסטייטשונגען און בעאַרבייטונגען פון תלמוד.

פּוֹסְקִים [פָּסְ'קִים]־אַחֲרוֹ'נִים, המ. מ. די לעצטערע אָדער שפּעטערע ראַביינישע געזעץ־ביכער. זעה פּוֹ'סֵק.

פּוֹסְ'קִים [פָּסְ'קִים]־רִאשוֹ'נִים, מ. די ערשטע אָדער פריהערע ראַבינישע געזעץ־ביכער. זעה פּוֹ'סֵק.

פּוֹ'עֵל, המ. (מ. פּוֹ'עֲלִים). אַ'ן אַרבייטער.

פּוֹ'עַל־יוֹ'צֵא, המ. רעזולטאַט.

פּוֹ'עֵל־צִ'יוֹן, המ. (מ. פּוֹ'עֲלֵי־צִ'יוֹן). "די אַרבייטער פון ציון", אַ'ן אָנהענגער פון אַ געוויסער פאַרטיי וועלכער זוכט צו פאַראייניגען ציוניזמוס מיט סאָציאַליזמוס.

פּוֹ'עֵלִ'ען, צא. ווירקען, אויסווירקען, אויספיהרען.

פּוע"צ, אב פּוֹ'עֵל־צִ'יוֹן (ווז.).

פּוֹ'קֵד־עֲקָ'רוֹת־זיין, צש. אויסווירקען (דורך קאַבאַליסטישע מיטלען) אַז אַ קינדערלאָזע פרוי זאָל האָבען קינדער.

פּוֹ'קֵר, המ. (מ. פּוֹקְ'רִים). איינער וועלכער לייקענט אין גאָט.

פּוּ'רִים, המ. (מ. פּוּ'רִים'ס). דער פערצעהנטער טאָג פון דעם מאָנאַט אדר וועלכער איז אַ האַלבער יום־טוב צום אַנדענק אָן דער ישועה וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געהאַט אין דער צייט פון קעניג אַחשורוש, ווי עס ווערט באַשריבען און דעם בוך "אסתר". "אַז מע האָט אויף פּורים יסורים איז אויף פסח חשך" (שפּוו.). "אַ שלעכטער פּורים איז אַ גוטער שושן־פורים" (שפּוו.). "אַ גאַנץ יאָהר שכור און פּורים ניכטער" (שפּוו.). "ניט אַללע פּורים טרעפט זיך אַ נס" (שפּוו.). "פּורים איז קיין יום־טוב ניט און קדחת איז קיין קריינק ניט" (שפּוו.). "פּורים זיינען אַלע שכורים ניכטער" (שפּוו.). "פּורים נאָך דער סעודה איז אַפילו קיין הונד ניט הונגעריג" (שפּוו.).

פּוּ'רִים־שפּיעל, הז. (מ. פּוּ'רִים־שפּיעלען). אַ פאָרשטעלונג וועלכער ווערט געגעבען (געוועהנליך פון ביבלישע סצענען אַזוי ווי "מכירת־יוסף", "עקדת־יצחק" א. א. וו.) אין דעם טאָג פון פורים

פון ליבהאָבער וועלכע געהן אַרום פאַרמאַסקירט פון הויז צו הויז; אַ לעבערליבע זאַך, אַ פּיאַסקאָ.

פּו'רים־שפּיעלניק, הס. (מ. פּו'רים־שפּיעלניקעס). איינער וועלכער נעהמט אַנטהייל אין אַ פּורים פאָרשטעלונג; אַ שפּאַס מאַכער, אַ מאַרשאַליק.

פּו'רים־קָ'טָן, הס. (מ. פּו'רים־קָ'טַ'נִים). דער קליינער פּורים, דער פערצעהנטער טאָג אין דעם מאָנאַט אָדר אין אַ'ן עבור־יאָהר ווען דער אייגענטליכער פּורים ווערט געפּייערט אין דעם פאָל־גענדען מאָנאַט (ואָדר). "פּורים־קטן דאַרף מען זיך אָנ'שיכור'ען אָבער יום־כפור־קטן דאַרף מען ניט פאַסטען" (שפּוו.).

פּורענות [פּורְעָנְ'יות], הוו. (מ. פּורְעָנְ'יות'ען). שטראָף, פּלאָג, אָנשיקענים.

פּו'רֵץ־גֶ'דֶר־זיין, צש. (תּלמודיש). "דורכברעכען די צאַהם", איבער־טרעטען די גלויבענס־געזעצען.

פּו'רֵש־בִּשְׁמו'־זיין, צש. (מ. — בִּשְׁמָם'; וו. — בִּשְׁמָה', מ. — בִּשְׁמָן'). איהם דערמאָנען מיט'ן נאָמען.

פּו'רֵש־מִן־הַצִּ'בּור, הס. (תּלמו־דיש). איינער וועלכער זונדערט זיך אָפּ פון דער געמיינדע, איי־נער וועלכער וויל ניט טהאָן די פליכטען וועלכע די געמיינדע לעגט אַרויף.

פּו'שֵׁעַ־בֵּאלֹהֵי [פּ'שַׁע־בְּלוֹקֵי']־יִשְׂרָ'אֵל, איינער וועלכער ברעכט אָן דעם אידישען גאָט, איינער וועלכער האַלט ניט די אידישע גלויבענס־געזעצען.

פּו'שֵׁעַ [פּ'שַׁע]־יִשְׂרָ'אֵל, הס. (תּל־מודיש). "אַ פאַררעטהער פון דעם אידישען פאָלק", איינער וועלכער האַלט ניט די אידישע גלויבענס־געזעצען.

פּו'תֵר־זיין, צא. אויסטייטשען, ער־קלעהרען (אַ טרוים).

פּו'תֵר־חָ'לום, הס. (תּלמודיש). דער וואָס טייטשט אויס אַ טרוים. ניט וויסען פון קיין פּ ו ת ר ־ ח ל ו ם (פאַרגרייזט פון: פּתְ'רון־חָ'לום, וו.), ניט וויסען פון וואָס צו זאָגען.

פּו'תֵרחָ'לום־זיין, צש. ערקלערען די באַדייטונג פון אַ טרוים.

פְּזְ'מוֹן, הס. (מ. פְּזְמוֹ'נִים). אַ גע־וויסער זאָרט רעליגיעזער געזאַנג אָדער לויב־געבעט.

פָּ'זֶר, הס. אַ געוויסער געדרעהעל־טער טאָן (אין טראָפּ).

פַּזְ'רָן, הס. (מ. פַּזְרָ'נִים). אַ פריי־גיביגער מענש.

פַּזְ'רָ'נות, הס. פרייגיביגקייט.

פַּזְ'רָנ'טע, הוו. (מ. פַּזְ'רָנ'טעס). זעה פַּזְ'רָן.

פַּ'חַד, הס. (פְּחָ'דים). אַנגסט, פורכט, שרעק, גרויל.

פְּחָ'דִים'דיג, א. שרעקליך, פורכ־טערליך.

פּחְ'דָן, הם. (מ. פּחְדָ'נים). אַ שרעקעדיגער, אַ טרוס.

פּחְדָ'נות, הוו. שרעקעדיגקייט.

פּחְ'דָנ'טע, הוו. (מ. פּחְ'דָנ'טעם). זעה פּחְ'דָן.

פְּ'חות־מִ־, או. וועניגער ווי.

פְּ'חות־מִכְּזַ'יִת, הם. (תלמודיש). וועניגער ווי די גרייס פון אַ'ן איילבערט.

פּחי'תֵי־עֶ'רֶךְ, מ. מענשען פון נידעריגען שטאַנד.

פְּחִי'תות־הַכָּ'בוד, „אַ פאַרמינדערונג פון עהרע", ערנידעריגונג, באַליידיגונג].

פְּחָת [פְּחַת], הם. דאָס וואָס געהט אָפּ פון געוויכט אָדער מאָס.

פִּ'טום, הם. (מ. פִּ'טומ'ים). דער שפּיץ (פון אַ'ן אתרוג).

פָּ'טור, א. (תלמודיש). פריי, לויז, באַפרייט.

פָּ'טור, פָּ'טור־נו, אר. געוויס! נאַמירליך! וואָס דאַרף מען דאָ נאָך פרעגען.

פְּטִי'רָה, הוו. (מ. פְּטִי'רות). טויט.

פַּ'טְר'נים, הוו. דאָס לויז ווערען (פון אומיצען). „פּטר'נים איז געלט ווערטה" (שפּוו.).

פּ'טֶר'ען, צא. באַפרייען, פריימאַכען; אָפּפאַרטיגען, ענדיגען; פאַרשווענדען, אויסברייגגען; רוּאינירען. אַרויס'פּטר'ען, אַרויסשיקען, אָוועקשיקען.

פּי־תָּ'מִיד, טרינק שטענדיג (דאָס וואָרט „פּי" הייסט אין פוילישער שפּראַך: „טרינק"). חברה פּי־תמיד, געזעלשאַפט פון טרינקערס.

פֵּי'אָה, זעה פֵּ'אָה.

פּידְ'יון, זעה פּדְ'יון.

פִּיוט [פַּי'וט], הם. (מ. פִּיו'טים). אַ געווייסער זאָרט געבעט־געזאַנג וואָס מע זאָגט אין פייערטעג.

פִּיזְ'מון, זעה פִּזְ'מון.

פִּי'טום, זעה פִּ'טום.

פַּיְ'טָן, פַּיי'טָן, הם. (מ. פּיְטָ'נים, פּיְיטָנים). דער פאַרפאַסער פון אַ פיוט (ווז.).

פּילְאֵי־, זעה פּלְ'אֵי־.

פּילֶ'גֶש, זעה פּלֶ'גֶש.

פּילְ'פּול, זעה פּלְ'פּול.

פִּינְ'חָס, אנם. דער נאָמען פון דעם זוהן און נאָכפאָלגער פון דעם כהן־גדול אֶלְעָ'זָר; הוו. דער נאָמען פון דער איין און פערציגסטער סדרה.

פִּינְ'חָס בֶּן־אֶלְעָ'זָר בֶּן־אַהֲ'רֹן הַכֹּהֵן, (ביבליש). פינחס דער זוהן פון אליעזר דעם זוהן פון אהרן דעם פריסטער. „פּינחס בן אליעזר בן אהרן הכהן און אַז ער האָט קיין געלט ניט איז ער פאָרט אַ פאַרד" (ווער.).

פִּינְ'קָם, זעה פִּנְ'קָם.

פִּיקָ'דון, זעה פִּקָ'דון.

פּיקו׳ח־, זעה פּקו׳ח־.

פּיִק׳ח, זעה פִּקֵ׳ח.

פּ׳רוש, זעה פֵּ׳רוּשׁ.

פּירְ׳קי־, זעה פִּרְ׳קֵי־.

פּי׳תום־, זעה פִּ׳תֹּם־.

פּיתְ׳חון־, זעה פִּתְ׳חוֹן־.

פּית׳רון־, זעה פִּתְ׳רוֹן.

פֶּ׳לֶא, הם. (מ. פְּלָ׳אִים). אַ וואונ=דער, אַ וואונדערליכע זאַך.

פּלְ׳אֵי־פְלָ׳אִים, — פְּלָ׳אוֹת, מ. וואונדערם איני ער וואונדערם, גרוי=סע וואונדערם.

פֶּלֶ׳גֶשׁ, הוו. (מ. פִּלַגְ׳שִׁים). קעפּס=ווייב, מעטרעסע.

פֶּלֶ׳גֶשׁ־בְּגִבְ׳עָה, (ביבליש). הוו. די קעפּס=ווייב פון אַ געוויסען מאַן פון דעם שטאַם פון לוי וועלכע איז געשענדעט און ער=מאָרדעט געוואָרען אויף אַ זעהר שוידערליכער אַרט פון געוויסע לייטע פון דעם שטאַם בנימין אין דער שטאָדט "גבעה" פאַר וועלכע גרויזאַמע טהאַט די איבעריגע אי=דישע שטאַמען האָבען ראַכע גע=נומען פון דעם שטאַם בנימין.

פְּלוּגְ׳תָּא, הוו. (מ. פְּלוּגְ׳תּוֹת). שטרייט, דיספּוט, מיינונגס=פאַר=שיעדענהייט.

פְּלוֹ׳נִי, הם. דער און דער, א גע=וויסער. פלוני־בן־פלוני, דער און דער — דער זוהן פון דעם און דעם.

פְּלוֹ׳נִית, הוו. די און די, אַ געווי=סע. פלונית־בת־פלונית, די און די — די טאָכטער פון דער און דער.

פְּלוֹ׳נִית׳טע, הוו. (מ. פְּלוֹ׳נִית׳=טעס). ווייב.

פָּ׳לוּשׁ *, הם. פאָרהויז אָדער קאָרי=דאָר פון אַ שוהל.

פְּלֵ׳טָה, פְּלֵי׳טָה, הוו. אַנטרינונג, פאַרשווינדונג. מאַכען פלטה, אַנטלויפען (מיט פרעמדע געלט).

פִּלְ׳פּוּל, הם. (מ. פִּלְפּוּ׳לִים). שאַרפזיניגער אָדער פאַרפלאָנטער=טער וכוח; אַ שטרייט פון ווער=טער וועלכער פיהרט צו קיין זאַך ניט, פוסטער וכוח; אַ תלמודי=שער פאָרטראַג פון אַ זעהר שאַרפ=זיניגען אָדער פאַרדרעהטען אינ=האַלט.

פִּלְפּוּ׳לִיען [פִּילְ׳פִּלִיען] ־ זיך, צוו. שטרייטען, דעבאַטירען, זיך ויכוח׳ען; פיהרען פוסטע דעבאַ=טען.

פְּלִשְׁ׳תִּים, אנט. מ. דער נאָמען פון אַ געוויסען פאָלק אָפט דערמאָנט אין דער ביבעל.

פַּמַלְ׳יָא־שֶׁל־מַעְ׳לָה, הוו. (תלמו־דיש). "די פאַרזאַמלונג פון אויב=בען", דאָס הימלישע געריכט.

פ״נ, אב. פּה־נִקְ׳בַּר (ווז.).

פְּנוּ׳י, הם. (מ. פְּנוּ׳יִים). אַ פריי=ער, אַ׳ן אונפאַרהייראַטהעטער.

פְּנוּיָ׳ה, הוו. (מ. פְּנוּ׳יוֹת). אַ פרייע, אַ׳ן אונפאַרהייראַטהעטע.

פְּנֵ׳י, מ. די פאָרשטעהערס, די פיה=רערס, די גרויסע לייט.

פְּנֵי־הָעִיר', ס. (ביבליש). די פאָרשטעהערס אָדער די אָנגעזעהענע לייט פון דער שטאָדט. פאַראָדירט אין ווערטעל: „פּיאַני (רוסיש: טרינקערס) העיר״.

פְּנִיָּה, הוו. (מ. פְּנִיּוֹת). פאַרבאָרגענע אַבזיכט, הינטערגעדאַנק.

פְּנִים, הס. „דאָס אינעווייניגסטע״, דער טעקסט (אָהן די קאָמענטאַרען).

פָּ'נִים, הס. און הז. (מ. פֶּ'נִימיער). געזיכט; אויסזעהן; אנגעזעהענקייט. האָבען אַ פּנים פון חוזק, אויסזעהען לעכערליך. עס האָט קיין פּנים ניט, עס זעהט ניט אויס שעהן. ״דער פּנים איז אַ מסור״ (שפּוו.). ״מיט וואָס פאַר אַ'ן אויג מע קוקט איינעם אָן אַזאַ פּנים האָט ער״ (שפּוו.). ״אַז דאָס ברויט פאַלט מיט'ן פּנים אַראָפּ איז אַ סימן אַז די כלה איז הונגעריג״ (שפּוו.). ״גאָט זאָל וועלען צוהערען די נאַראָנים וואָלט די וועלט געהאַט אַ'ן אַנדער פּנים״ (שפּוו.). ״דער דלות לעגט זיך צוערשט אויפ'ן פּנים״ (שפּוו.). ״אַז ער דערזעהט זיין פּנים דערקענט ער איהם אַן קול״ (ווער.). ״אַלע הינד און אַלע רבנים האָבען איין פּנים״ (שפּוו.). ״ווי די טויטע עסען אַזאַ פּנים האָבען זיי״ (שפּוו.). ״אַ נאַר געהט אין באָד אַריין און פאַרגעסט זיך דאָס פּנים אָפּצוואַשען״ (שפּוו.). ״אַז מע שפּייט דעם ציגיינער אין פּנים זאָגט ער עס רעגענט״ (שפּוו.). ״דער קוגעל ליגט איהם אויפ'ן פּנים״ (ווער.).

פָּ'נִים־חֲדָ'שוֹת, הס. (תלמודיש). ״אַ נייעס געזיכט״, אַ ניי־אָנגעקומענער, אַ גאַסט.

פָּ'נִים־חֲלָ'שוֹת, הס. פאַראָדיע אויף פָּ'נִים־חֲדָ'שוֹת (ווז.). זעה חֲלָ'שוֹת.

— פֶּ'נִימ'דיג, זעה צוויי־פֶּ'נִימ'דיג.

פְּנִי'מִיוֹת, הוו. די אינערליכקייט.

פֶּ'נִימ'על, הז. (מ. פֶּ'נִימ'לעך). פאַרקליינערונג אָדער פאַרצערטעלונג פון פּנים (ווז.), געזיכטעלע.

פִּנְ'קֵס, הס. (מ. פִּנְקְ'סִים, פִּנְ'קְסיען). אַ בוך וואו עס ווערען פאַרצייכענט רעכענונגען, נעמען פון זאַכען, פּאַסירונגען א. א. וו.; דאָס בוך אין וועלכען די אידישע קהלות אַמאָל פלעגען פאַרצייכענען אַלע זייערע אַנגעלעגענהייטען ווי אויך אַלע וויכטיגע פּאַסירונגען.

פְּסוֹל, הס. אַ פעהלער, אַ בראַק, אַ פלעק. ״אַ פּסול אין דער משפּחה״.

פָּ'סוּל, א. ניט־טויגליך, ניט־גילטיג, ניט־געזעצליך. אַ פּסול'ע סוכה, אַ סוכה וועלכע איז ניט געמאַכט געוואָרען לויט'ן דין. אַ פּסול'ער עדות, איינער וואָס זיין עדות ווערט ניט באַגלויבט. אַ פּסול'ע הושענא, אַ הושענא־ריטעל פון וועלכען די בלעטלעך זיינען אַרונטערגעקלאַפּט; אַ ווערטהלאָזע זאַך אָדער פּערזאָן.

פְּסוּל־לְעֵדוּת־וְלִשְׁבוּעָה, א. (תל־מודיש). ניט באגלויבט ביים זאָגען עדות און ניט ביים שווערען.

פְּסוֹלֶת, הוו. אָבפאַל.

פָּסוּק, הם. (מ. פְּסוּקִים). א זאַץ פון דער ביבעל; די ביבעל (אויסער די פינף ביכער פון דער תורה). דער פסוק, דער זאַץ פון דער ביבעל וועלכען יעדער איד זאָגט אין מאָרגענדיגען דאַווענען און וועלכער הויבט זיך אָן מיט דעמזועלביגען בוכשטאַב מיט וועלכען זיין נאָמען הויבט זיך אָן (אלס א מיטעל צו געדענקען דעם נאָמען וועלכען דער מלאך־הדומה פרעגט ביי דעם געשטאָרבענעם). ווי דער פסוק זאָגט, ווי די ביבעל זאָגט. א פסוק מיט א שטעקען, זיכערע אָדער ווירקזאַמע מיטלען (אונטער דעם וואָרט "פסוק" ווערט דאָ געמיינט דער ביבלישער זאַץ: לֹא יֶחֱרַץ כֶּלֶב לְשׁוֹנוֹ — קיין הונד זאָל ניט שאַר־פען זיין צונג. דאָס זאָגען פון דעם דאָזיגען זאַץ פלעגט געהאַלטען ווערען פאַר א מיטעל קעגען א בייזען הונד).

פֶּסַח [פֵּיסַח], הם. (מ. פְּסָחִ׳ען). דער אַכט־טאָגיגער פייערטאָג וואָס הויבט זיך אָן דעם פופצעהנטען טאָג פון מאָנאַט ניסן און ווערט געפייערט צום אַנדענק אן דעם אידישען פאָלק׳ס באַפרייאונג פון מצרים, און אין וועלכען מע טאָר ניט עסען קיין חמץ; דער קריסט־ליכער אָסטער־פעסט. די צווייטע טעג פסח, די צוויי לעצטע טעג פון פסח (וועלכע, אזוי ווי די ערשטע צוויי, זיינען די הויפּט־פייערטעג. די מיטעל־סטע פיער טעג זיינען בלויז האַלבע פייערטעג. זעה חול־המועד) "מע האָדעוועט דעם אינדיק ביז פסח נאָר צוליעב דעם קראָפּ" (שפוו.).

פֶּסַח׳דיג, א. באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די אייגענשאַפט פון פסח, צוגעגרייט לויט די געזעצען פון פסח. א פסח׳דיג געזיכט, א בלאַס געזיכט (געקריגען פון עסען מצה אום פסח).

פְּסִלוּת, הוו. אונעהרליכקייט. "דלות מאַכט פסלות" (שפוו.).

פַּסְלָנוּת, הוו. פאַרדאַרבענהייט.

פַּסְלִ׳יען, צא. ערקלערען אלס פסול; פאַראונרייניגען אָדער היילען דורך דעם וואָס מע מאַכט אונריין. פסל׳ען א קינד, היילען א קינד פון א׳ן עין־הרע דורך דעם וואָס מע רייבט אויס זיין געזיכט מיט השתנה. פסל׳ען א קאַץ, אָפּהאַקען דעם עק ביי א קאַץ (כדי מע זאָל זי קענען האַל־טען אין הויז אָהן געפאַהר פון בייזע גייסטער).

פְּסַק [פְּסַק], הם. (מ. פְּסָקִים). ענטשיידונג, אורטהייל; שטראָף, באַשטראָפונג. חאַפּען א פסק, קריגען געווידעלט. געבען א פסק, זידלען.

פְּסַק־געלט, הז. ענטשיידונג־געלט, דאָס געלט וואָס מע גיט דעם רב אָדער דעם דַיָן פאַר ענשיידען א געלט דיספּוט.

פְּסַק־דִין׳, הס. ענטשיידונג, געריכט־אורטהייל.

פַּסְקִיעֶן, פַּסְקִיעֶנען צא. ענטשיידען.

פְּעוּ׳לָה, הוו. (מ. פְּעוּ׳לוֹת). ווירקונג, אויפטהו, פאָרטשריט; רעזולטאַט, צוועק. טהאָן אַ פ ע ו ל ה מיט, גוט אונטער־ריכטען, גוט לערנען מיט. טהאָן אַ פ ע ו ל ה, מאַכען פאָרטשריט. וואָס איז די פ ע ו ל ה ?, וואָס איז דער צוועק.

פַּעַם־אַ׳חַת־בְּיוֹ׳בֵל, איין מאָהל אין פופציג יאָהר, זעהר זעלטען.

פַּק׳דוֹן, הס. אַ זאַך וועלכע מע גיט אימיצען צו היטען.

פְּקוּ׳דֵי, הוו. דער נאָמען פון דער דריי און צוואַנציגסטער סדרה (ווז.).

פִּקוּ׳חַ־נֶפֶ׳שׁ אָדער נְפָ׳שׁוֹת, הס. (תלמודיש). די רעטונג פון אַ לעבען; קוויקונג, פאַרגעניגען.

פִּק׳חַ, הס. (מ. פִּק׳חִים). אַ קלוגער.

פִּק׳חִית, הוו. (מ. פִּק׳חוֹת). אַ קלוגע.

פֶּ׳רֶא, הס. (מ. פְּרָ׳אִים). אַ ווילדער מענש, אַ באַרבאַר.

פֶּ׳רֶא־אָ׳דָם, הס. (ביבליש). אַ ווילדער מענש.

פָּ׳רָה־אֲדוּ׳מָה, הוו. (ביבליש). די רויטע קוה (וועלכע גאָט האָט געהייסען משה׳ן פאַרברענען און איהר אַש געברויכען פאַר צוועקען פון רעליגיעזער רייניגונג); אַ נאַאיווער נאַרר.

פְּרוּד־[פֵּי׳רוּד] הַלְּבָ׳בוֹת, הס. צו־שיידונג פון די הערצער, שטרייטיגקייט.

פְּרוֹ׳זְדוֹר, הס. פאָרצימער.

פְּרוּ׳טָה, הוו. (מ. פְּרוּ׳טוֹת). אַ קופערנע מינצע פון אַ גאַנץ קליינעם ווערטה אָפט דערמאָנט אין תלמוד.

פָּרוֹ׳כֶת, הוו. (מ. פָּרוֹ׳כְתִיעֶן). דער פאָרהאַנג וועלכער דעקט צו דעם אָרון־קודש.

פָּ׳רוּץ, הס. אויסגעלאַסענער מענש.

פֵּ׳רוּשׁ, הס. (מ. פֵּרוּ׳שִׁים). באַדייטונג; אויסטייטשונג, ערקלערונג, קאָמענטאַר. מאַכען אַ פ ר ו ש פון אימיצען, מאַכען אַ פאַראַד פון אימיצען.

פָּ׳רוּשׁ, הס. (מ. פְּרוּ׳שִׁים). אַ׳ן אָפגעזונדערטער, איינער וועלכער לעבט אָפגעזונדערט פון זיין ווייב און פון דער וועלט אום צו לערנען און דיענען גאָט, אַ קלויזניק. „אַ גרוש איז ניט קיין פ ר ו ש״ (שפוו.).

פֵּ׳רוּשׁ־הַמִּ׳לּוֹת, הס. די באַדייטונג פון די ווערטער.

פְּרוּ׳שִׁי, הס. (מ. פְּרוּ׳שִׁים). אַנהענגער פון אַ געוויסער זעהר פרומער אידישער סעקטע וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם צווייטען בית־המקדש.

פָּרְ׳חָה־נִשְׁמָ׳תוֹ, (תלמודיש). זיין זעלע איז (פון שרעק) ארויסגע־פלויגען. „עס איז פ ר ח ה־נ ש מ ת ו געוואָרען״.

פְּרָט [פּרַט], הס. (מ. פְּרָ'טִים). אַ'ן איינצעלהייט, אַ'ן איינצעלנער פּאַקט; אַ'ן איינצעלנע פּערזאָן, אַ'ן אינדיווידואום; הינזיכט, באַ= ציהונג; צייט=רעכנונג. "מיט אַלע פּרטים". "דער פּרט מוז זיך אָפּפערן פאַר'ן כלל". "אין איין פּרט בלויז".

פְּרָט [פּרַט]־גָ'דול, הס. די גרויסע צייט=רעכנונג. זעה לִפ"ג.

פְּרָט [פּרַט]־קָטָן, הס. די קליינע צייט=רעכנונג. זעה לִפ"ק.

פְּ'רִי, הוו. (מ. פּ'רות). פרוכט.

פְּרִ'יָה־וּרְבִ'יָה, הוו. (תלמודיש). "פרוכפערונג און פאַרמעהרונג", דאָס האָבען קינדער; דאָס רעליגי= יעזע געבאָט צו האָבען קינדער. "טענו בחטין והודה לו בפריה ורביה". זעה טָ'עֲנוֹ בח'טִין.

פְּרִי'עָה, הוו. ארונטעררייסונג פון דער פאָרהויט ביי דער באַשניידונג.

פָּ'רִיץ, הס. (מ. פּרִי'צִים). "אַ פאַרשייטער", אַ גרויסער (נימ= אידישער) לאַנד=באַזיצער (הויפּט= זעכליך געברויכט אויף די פּוילישע שלאַכציצעם); הערר, אַריסטאָ= קראַט. "אויף אַ שלעכטען פּריץ טאָר מען קיין מפּלה נימ בעטען" (שפּוו.). "אַז דער פּריץ איז גוט איז דער גאַנצער הויף גוט" (שפּוו.). "אַליין פּריץ און אַליין הונד איז לעבען אָהן גע= זונד" (שפּוו.). "אַ פּריץ האָט אין זינן פערד און הינט און אַ איד האָט אין זינן ווייב און קינד" (שפּוו.). "וואָס דער פּריץ איז גרעסער אַלץ קלענער איז ער ביי זיך" (שפּוו.). "ווי דער פּריץ אַזוי זיינע הינט און זיין געזינד" (שפּוו.).

פְּרִי'צוּת, הוו. פאַרשייטקייט, אויס= געלאַסענקייט.

פּרִיצ'יטע, הוו. (מ. פּרִיצ'יטעס). זעה פָּ'רִיץ.

פּרִי'צִים, מ. די אנהענגער פון אַ געוויסער אידישער פּאַרטיי אין דער צייט פון דעם צווייטען בית־ המקדש וועלכע האָבען געזוכט זיך צו דערנעהנטערן ווי ווייט מעגליך צו די גריכען.

פּרִי'צִיש, א. באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די אייגענשאַפט פון אַ פּריץ; אַריסטאָקראַטיש, גרויס= אַרטיג.

פּרְ'נָס, הס. (מ. פּרְנָ'סִים). פּאַר= שטעהער פון אַ אידישער געמיינדע. "אַ פּרנס מעג זיין גרויס ווי אַ האָהן זיצט ער פאָרט אויבען= אָן" (שפּוו.).

פּרְ'נָס־חוֹ'דֶש, הס. דער מאָנאַטלי= כער פאָרשטעהער פון דער גע= מיינדע (אין אַמאָליגע צייטען פלעגען די אידישע געמיינדען אויסקלייבען אַ געוויסע צאָהל פון פאָרשטעהערס וועלכע פלעגען זיך בייטען אַלע מאָנאַט), פאָרשטע= הער.

פּרְנָ'סָה, הוו. (מ. פּרְנָ'סוֹת). ער= נעהרונג, לעבענסמיטעל; גע= שעפט, באַשעפטיגונג; פּראָפיט, פאַרדיענסט. "אַלע מיאוס'ע פּרנסות האָבען שענע מזלות"

(שפוו.) . „פרנסה איז אין מאַנ'ס מזל און קינדער זיינען אין דער ווייב'ס מזל" (שפוו.) . „פרנסה היילט אַלע מכות" (שפוו.) .

פָּ'רַס, אנוו. פערסיען.

פַּרְ'עֹה, אנם. דער אַלגעמיינער נאָמען פון די אַלטע עגיפּטישע קעניגען; דער נאָמען פון דעם עגיפּטישען קעניג וועלכער האָט פאַרשקלאָפט די אידען, ווי די ביבעל דערצעהלט.

פַּרְ'צוּף, הם. (מ. פַּרְצוּ'פִים). געזיכט, פיזיאָגנאָמיע.

פַּרְ'צוּף־פָּ'נִים, הם. (תלמודיש). זעה פַּרְ'צוּף.

פֶּ֫רֶק [פֶּ֫רֶק], הם. (מ. פְּרָ'קִים). אַ'ן אָבשניט אָדער אָבהאַנדלונג פון תלמוד; פרקי־אבות (ווז.).

פִּרְ'קֵי־אָ'בוֹת, מ. (תלמודיש). „די לעהרען פון די פאָטערס", אַ בוך פון זעקס אבשניטען וועלכע ענטהאַלטען שפּרוכען און לעבענסרעגעלען פון די תנאים (עס איז איינגעפיהרט ביי די פרומע אידען צו זאָגען אין די זומער מאָנאַטען יעדען שבת נאָכמיטאָג איינעם פון די דאָזיגע אבשניטען).

פַּרְ'שָׁה, הוו. (מ. פַּרְ'שׁוֹת). אַבשניט אָדער קאַפּיטעל פון דער תורה, סדרה; איינס פון די שטיקלעך פּאַרמעט באַשריבען מיט געוויסע זאַצען פון דער תורה וועלכע מע לעגט אַריין אין די בתים פון תפלין.

פָּ'שׁוּט, א. פּראָסט, איינפאַך, אָהן קונצען; באַשיידען.

פְּשׁוּ'טוֹ־כְּמַשְׁמָ'עוֹ, או. (תלמודיש). „די באַדייטונג אַזוי ווי עס לויטעט", בוכשטעבליך, גאַנץ איינפאַך.

פְּשָׁט [פְּשַׁט], הם. (מ. פְּשָׁ'טִים). באַדייטונג; אויסטייטשונג, ערקלערונג, קאָמענטאַר; די אויסטייטשונג פון אַ טעקסט לויט דער איינפאַכער באַדייטונג פון די ווערטער אין געגענזאַץ צו דרש (ווז.) וועלכער זוכט צו געפינען אַ זייטיגע באַדייטונג אָדער רמז וועלכער זוכט צו געפינען דעם טיעפען מיסטישען זינן.

פַּשְׁ'טוּת, הוו. איינפאַכקייט, קלאָרקייט. אין פשטות גענומען, איינפאַך גענומען, בוכשטעבליך.

פְּשֶׁטְ'לען־זִיךְ, צוו. מאַכען געקינסטעלטע אויסטייטשונגען פון אַ טעקסט.

פַּשְׁ'טָן, הם. (מ. פַּשְׁטָ'נִים). איינער וועלכער טייטשט אויס אַ טעקסט לויט דער איינפאַכער באַדייטונג פון די ווערטער.

פְּשֶׁ'טְ'על, הז. (מ. פְּשֶׁטְ'לעך). אַ געקינסטעלטע אויסטייטשונג פון אַ טעקסט.

פְּשֶׁ'טְעלדיג, שאַרפזיניג, פול מיט איינפאַלען.

פְּשִׁי'טָא, או. (תלמודיש). געוויס. אָהן צווייפעל.

פְּשָׁ'רָה, הוו. (מ. פְּשָׁ'רוֹת). אָפּמאַך, פריעדליכער אָפּמאַך, קאָמפּראָמיס.

פַּשְׁ'רוּת, הוו. דאָס מאַכען פון אַ קאָמפּראָמיס.

פְשְׁ'רָן, הם (מ. פַּשְׁרָ'נִים)، איינער וואָס מאַכט אַ קאָמפּראָמיס.

פּ'תַח, הם. (מ. פּ'תַח'ען). דער נאָמען פון דעם העברעאישען וואָקאַל־צייכען "ַ" געשריבען אונטער דעם קאָנזאָנאַנט (מיטלויט) און אויסגעשפּראָכען ווי "אַ" אין "קאַטץ". "פּ ת ח שין שאַ!" (ווער.).

פּתּ'חוֹן־פֶּה, הם. (ביבליש). "אַ'ן עפענונג פון מויל", אַ געלעגענהייט אָדער מעגליכקייט צו ריידען אָדער זיך צו פאַרטהיידיגען.

פֶּ'תִי, הם. (מ. פְּתָ'אִים). אַ נאַרר.

פְּתִי'חָה, הוו. זעה פְּתִי'חַת־הָאָ'רוֹן.

פְּתִי'חַת־הָאָ'רוֹן, הוו. דאָס עפענען פון ארון־קודש אום אַרויסצונעהמען די ספר־תורה ביים דאַווענען (מיט וועלכער מע איז אימיצען מכבד).

פְּ'תֹם־וְרַעַמְ'סֵס, אנ. מ. (ביבליש). די צוויי שטעדט אין עגיפּטען וועלכע די פאַרשקלאַפּטע אידען זיינען געצוואונגען געוואָרען צו בויען, ווי די ביבעל דערצעהלט. אויפטהאָן פּ ת ם ־ ו ר ע מ ס ס, פאַרריכטען פיעל אַרבייט.

פְּתְ'רוֹן, הם. (מ. פְּתְרוֹ'נִים). אויסטייטשונג (ערקלערונג פון אַ טרוים אָדער אַ רעטהזעל).

פְּתְ'רוֹן־חֲלוֹם [חָ'לוֹם], הם. (ביבליש). אויסטייטשונג פון אַ טרוים.

צ.

צ, הם. דער אַכצעהנטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית; צום ענד פון אַ וואָרט געשריבען "ץ"; אין צעהלען גערעכענט אַלס 90. זעה צַ'דִי.

צְאֶי'נָה־וּרְאֶי'נָה, המ. (ביבליש) "געהט אַרויס און זעהט", דער נאָמען פון אַ פאַרצייטיגער איבערזעצונג און אויסטייטשונג פון חומש אין אידיש הויפּטזעכליך געמאַכט פאַר פרויען. צ א י נ ה ־ ו ר א י נ ה שפּראַך, אַלט מאָדישעס אידיש. "אַ אידענע אָהן אַ צ א י נ ה ־ ו ר א י נ ה איז ווי אַ שייגעץ אָהן אַ פייפעל" (שפּוו.).

צאֹן־קָדָ'שִׁים, מ. (ביבליש). "די הייליגע שאָף" (געברויכט אָפט צו באַצייכענען דאָס אידישע פאָלק באַזונדערס קליינע אידישע קינדער).

צֵאת־הַכּוֹכָ'בִים, המ. (ביבליש). "דער אַרויסגאַנג פון די שטערען", די צייט ווען די שטערען הויבען זיך אָן באַווייזען (און אַ צייכען אַז דער טאָג איז געענדיגט).

צָבוּ'עַ, המ. (מ. צְבוּ'עִים). "אַ געפאַרבטער", אַ פאַרמאַסקירטער, אַ היפּאָקריט.

צְבוּעִ־יאַטשען [צְבוּ־יאַט־שען], צש.
זיין פאַרמאַסקירט, מאַכען פרומע
אָנגשטעלען.

צְבוּעִ־יאַצטוואָ [צְבוּ־יאַצט־וואָ], הוו.
פאַרמאַסקירטקייט, פאַלשקייט, הי=
פּאָקריטסטוואָ.

צְבוּעִ־יאַצקע [צְבוּ־יאַצ־קע], א.
באַלאַנגענדיג צו אַ צבוע־יאַק.
צ ב ו ע ־ י אַ צ ק ע שטיק, פאַל=
שע פרומע שטיק.

צְבוּעִ־יאַק [צְבוּ־יאַק'], הם. (מ.
צְבוּעִ־יאַקעס [צְבוּ־יאַ־קעס]). איי=
נער וועלכער מאַכט פרומע אָנ=
שטעלען, אַ היפּאָקריט.

צִ־בּוּר, הם. געמיינדע, כלל.

צבע"ח, צַ־עַר־בַּ־עֲלֵי־חַ־יים (ווז.).

צַד, הם. (מ. צְדָ־דִים). זייט; פאַר=
טיי; איינער פון די פאַראינטערע=
סירטע פערזאָנען אין אַ פּראָצעס,
געשעפט, אָפּמאַך, הייראַטה=פאַר=
בינדונג א. אַ. וו.. חתן'ס צ ד,
די פאַרוואַנדטע פון דעם ברוי-
טיגאַם. האָבען אַ צ ד אין טיש,
האָבען אימיצען וואָס זאָל פאַר=
טהיידיגען אָדער זיך איינשטעלען.
"חוץ דעם נדן מוז אַ מיידעל נאָך
האָבען אַ גוטען צ ד" (שפּוו.).
"ביי'ם משפט מוז מען ביידע
צ ד ד י ם אויסהערען" (שפּוו.).

צַד־שֶׁכְּנֶגְ־דוֹ, הם. "די זייט וואָס
איז קעגען איהם", די אַנדערע
פאַרטיי. יעדער צד האָט זיין
צ ד ־ ש כ נ ג ד ו. (שפּוו.).

צֵ־דָה־לַ־דֶּרֶךְ, הוו. (ביבליש). שפּייז
אויפ'ן וועג, פּראָוויאַנט (געוועהנ-
ליך געברויכט מען דעם אויסדרוק
אויף מצוות וועלכע מע גרייט אָן
פאַר יענע וועלט).

צָדוֹק [צָ־דוֹק]־הַדִּין', הם. (תלמו=
דיש). "די רעכטפערטיגונג פון
(גאָט'ס) אורטהייל", דער נאָמען
פון געוויסע תפלות וואָס מע
זאָגט נאָך דער בעערדיגונג פון אַ
טויטען.

צַ־דִי, הם. דער נאָמען פון דעם אַכ=
צעהנטען בוכשטאַב (צ) פון דעם
אידישען אַלף־בית. זעה צַ־דִיק.

צַ־דִיק*, הם. (מ. צַ־דִיק־ען). דער
נאָמען פון דעם אַכצעהנטען בוכ=
שטאַב (צ) פון דעם אידישען
אַלף־בית. שלעכטע= אָדער לאַנ=
גע= צ ד י ק, דער נאָמען פון דעם=
זעלביגען לויט ווען געשריבען צום
ענד וואָרט (ץ). "אַ ציעג אָדער אַ
פערציגער אַבי ביידע זיינען מיט
אַ צ ד י ק" (שפּוו.).

צַ־דִיק, הם. (מ. צַדִי־קִים). אַ גע=
רעכטער גאָטספאָרכטיגער מאַן;
אַ הייליגער מאַן צו וועמען מע
געהט פרעגען אַ ראַטה אָדער זיך
לאָזען פון איהם בענשען. אַ
צ ד י ק אין פעלץ, איינער וועל=
כער מאַכט פרומע אָנשטעלען.
(געוויסע דענקען אַז דער אויס=
דרוק שטאַמט פון דעם וואָס דער
בוכשטאַב "ץ" אין דעם וואָרט
"פעלץ" רופט זיך "שלעכטע=
צ ד י ק". זעה אויבען). איהם
געהט ווי אַ צ ד י ק אויף דער
וועלט, איהם געהט שלעכט.

צַ־דִיק־תָּ־מִים, הם. (ביבליש). אַ
זעהר גאָטספאָרכטיגער מאַן.

צְדָ'קָה, הוו. (מ. צְדָ'קוֹת). וואָהלטהעטיגקייט; אַ וואָהלטהאַט; אַ נדבה; אַ וואָהלטהעטיגער צוועק אָדער אַנשטאַלט. "דער גוטער ווילען איז די בעסטע צדקה" (שפּוו). "צדקה צו געבען און ליעב צו האָבען קען מען ניט נייטהען (שפּוו).

צְדָ'קָה־גְדוֹ'לָה, הוו. אַ צענטראַל־פאָנד פאַר פאַרשיעדענע וואָהלטהעטיגע צוועקען.

צְדָ'קָה־פּוּשקע, הוו. (מ. צְדָ'קָה־פּוּשקעס). די פּושקע אין וועלכער מע קלייבט געלט פאַר אָרעמע אָדער פאַר וואָהלטהעטיגע צוועקען.

צְדָ'קָה־תַּ'צִיל־מִמָּ'וֶת, (ביבליש). וואָהלטהעטיגקייט ראַטעוועט פון טויט (ווערטער וועלכע ווערען אויסגערופען ווען דער טויטער ווערט געפיהרט צו דער באַערדיגונג אויפפאָדערנדיג די אַרומיגע צו שענקען עפּעס פאַר אַ וואָהלטהעטיגען צוועק).

צִדְ'קוּת, הוו. פרומקייט, גאָטספאָרכטיגקייט.

צַדְקָ'נִית, הוו. (מ. צַדְקָ'ניוֹת). אַ פרומע גאָטספאָרכטיגע פרוי.

צַדֶּ'קֶת [צַדְ'קֶת], הוו. (מ. צַדְ'קוֹת). אַ פרומע גאָטספאָרכטיגע פרוי.

צַדֶ'קֶת'טע, הוו. (מ. צַדְ'קֶת'טעס). זעה צַדֶּקֶת.

צַו, הוו. דער נאָמען פון דער פינף און צוואַנציגסטער סדרה (ווז.).

צו־, די באַדייטונג פון די העברעאישע ווערטער מיט דער פאַרזילבע „צו־" (וועלכע געפינען זיך ניט דאָ) מוז געזוכט ווערען אונטער דעם וואָרצעל־וואָרט.

צוּ'לְהַכְעִים [צו'לְהָכְ'עִים], אַו. זעה לְהַכְ'עִים.

צו'לְהָכְ'עִים'ניצע, הוו. (מ. צו־לְהָכְ'עִים'ניצעס). זעה לְהַכְ'עִים־ניק.

צו'לְהָכְ'עִים'ניק, הם. (מ. צו־לְהָכְ'עִים'ניקעס). זעה לְהַכְ'עִים־ניק.

צוֹ'אָה, הוו. דרעק, מיסט.

צַוָ'אָה, צַוָּ'אָה, הוו. (מ. צַוָ'אוֹת, צַוָּ'אוֹת). טעסטאמענט (וועלכען איינער לאָזט נאָך זיין טויט).

צוויי־פֶּ'נִים'דיג, א. האָבענדיג צוויי געזיכטער, צווייזייטיג. זעה פָּ'נִים.

צוֹם־גְדַלְ'יָה, הם. "דער פאַסט־טאָג פון גדליה", דער דריטער טאָג פון מאָנאַט תשרי וועלכער איז אַ פאַסט=טאָג צום אנדענק אן דעם טויט פון אַ געוויסען אידישען פאָרשטעהער מיט'ן נאָמען גדליה וועלכער איז געטויט געוואָרען אין דער צייט ווען קיניג נבוכדנאצר האָט געוועלטיגט איבער פאַלעסטינא, ווי די ביבעל דערצעהלט.

צוּ'רָה, הוו. (מ. צו'רוֹת). געזיכט, געשטאַלט, אויסזעהן.

צוֹ'רֶךְ, הם. באַדערפעניס, באַדערפטיגקייט (מ. צְרָ'כִים); שטוהלגאַנג.

צוֹ'רֵר, הם. (מ. צוֹרְ'רִים). פיינד, פאַרפאָלגער, אונטערדריקער;

איינער וועלכער פאַרפאָלגט אָדער האָט פיינד אידען; אַ שלעכטער מענש.

צו'רֵר־הַיהו'דִים, הִמ. (מ. צו'רְרֵי־הַיהו'דִים), (ביבליש). איינער וועלכער האָט פיינד אידען, אַ'ן אַנטיסעמיט.

צו'רַת־או'ת [אָת], הוו. (תלמודיש). די געשטאַלט פון אַ בוכשטאַב. "ער קען ניט קיין צ ו ר ת־א ו ת".

צו'רַת־מַטְבֵ'עַ, הוו. די געשטאַלט פון אַ געלט־שטיק. ער ווייס ניט פון קיין צ ו ר ת־מ ט ב ע, ער ווייס גאָר ניט פון געלט-אַנגעלע־גענהייטען.

צִידְ'קות, הוו. זעה צִדְקות.

צִ'יוֹן, אנמ. דער נאָמען פון אַ גע־וויסען טהייל פון ירושלים; דאָס אידישע לאַנד, פּאַלעסטינאַ.

צִיוֹנ'יז'מוּס, הִמ. אַ באַוועגונג וואָס איהר צוועק איז צו באַזעצען אי־דען אין פּאַלעסטינא און זיי פּאַר־שאַפען פּאָליטישע זעלבסטשטענ־דיגקייט.

ציוֹנ'יסט', הִמ. (מ. ציוֹנ'יס'טען). אַנהענגער פון ציונ'יזמוס.

ציוֹנ'יס'טיש, א. באַלאַנגענדיג צו דער פּאַרטיי פון די ציונ'יסטען.

צִ'יוּר, הִמ. (מ. צִיוּ'רִים). בילד, געמעלד.

צִי'צָה, הוו. (מ. צִי'צות). אַ פראַנז פון וואָלענע אָדער זיידענע פע־דעם וואָס ווערט איינגעמאַכט אין אויטליכען עק פון אַ טלית אָדער אַ'ן ארבע־כנפות. "ער ווייס ניט נאָר גאָט און ציצית" (ווער.).

צִי'צִית*, הִמ. (מ. צִי'צִי'תען). אַ'ן ארבע־כנפות (ווז.).

צִי'צִית־כַּנ'פות, הִמ. (מ. צִי'צִית־כַּנְ'פות'ען). אַ'ן ארבע־כנפות (ווז.).

צִי'רֶה, הִמ. (מ. צִי'רֵה'ס). דער נאָמען פון דעם העבּרעאישען וואָקאַל־צייכען "‥"; ווערט גע־שריבען אונטער דעם בוכשטאַב און אויסגעשפּראָכען אַזוי ווי "יי" אין "קליין".

צֶ'לֶם, הִמ. דאָס בילד, די געשטאַלט.

צֶלֶם [צֵ'לֶם], הִמ. (מ. צְלָ'מִים). אַ קרייץ. "ער ווייס ניט קיין צ ל ם פון קיין אלף" (ווער.). "אַ ליטוואַק האָט אַ צ ל ם אין קאָפּ" (שפּוו.).

צֶ'לֶם־אֱלֹהִים [אֶלֹקִים'], הִמ. (ביב־ליש). דאָס בילד פון גאָט (וואָס דער מענש טראָגט אויף זיין גע־זיכט). עס איז אראָפּ פון איהם דער צ ל ם־א ל ה י ם, ער האָט פאַרלאָרען זיין אידישעס אויס־זעהן.

צֶ'לֶמ'עו־זיך, צוו. מאַכען איבער זיך דעם צייכען פון קרייץ, זיך שווערען.

צְמָ'חִים, מ. שפּראָצונגען, פלאַנצען.

צָנוּ'עַ, הִמ. (מ צְנוּ'עִים). אַ שטי־לער, פרומער אָדער באַשיידענער מענש.

צְנוּ'עִידיג, א. באַשיידען, זיטליך.

צְנוּ'עָה, הוו. (מ. צְנוּ'עות). אַ באַ־שיידענע אָדער פרומע פרוי; אַ ריינע זיטליכע פרוי.

צְנִי'עוּת, הוו. כּאַשיידענהייט, ריינקייט, זיטליכקייט.

צְנִי'עוּת'דיג, א. באַשיידען, זיטליך.

צַ'עַר, הס. פאַרדרוס, שמערץ, קומער; מיטגעפיהל, מיטלייד. "מיט אַ נאַרר איז אַ'ן אויבּיגער צ ע ר" (שפּוו.).

צַ'עַר־בַּעֲ'לֵי־חַ'יים, הס. (תּלמודיש). מיטלייד מיט לעבּענדיגע בּעשעפּעניסען.

צָ'פוֹן, הס. נאָרד, נאָרדזייט.

צָ'פוֹנ'דיג, א. נאָרדליך, קעגען נאָרד.

צְפַנְ'יָה, אנם. דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען פּראָפעט; דאָס בּוך וואָס ענטהאַלט די פּראָפעצייהונג פון צפניה.

צָ'רָה, הוו. (מ. צָ'רוֹת). אונגליק, קאַטאַסטראָפע, אָנשיקענים; נויט, פּיין. זיין אויף צ ר ו ת, זיין אין גרויסער נויט. "אַבי יאָהרען צ ר ו ת קומען אַליין" (שפּוו.). "דער ים איז אָהן אַ גרונד און אידישע צ ר ו ת אָהן אַ בּרעג" (שפּוו.). "די האַלבּע וועלט לעבּט זוי שררות די אַנדערע לעבּט אין צ ר ו ת" (שפּוו.). "דער טויט דערלייזט פון אַלע צ ר ו ת" (שפּוו.). "הוליע קבּצן צ ר ו ת קאָסטען קיין געלט ניט" (שפּוו.). "וואָס ירש'ען אידען צ ר ו ת און מערידען" (שפּוו.). "שלאָף וועסטו די צ ר ו ת פאַרגעסען" (שפּוו.). "צ ר ו ת נעהמען אַראָפּ דעם קאָפּ" (שפּוו.). "צ ר ו ת לעגען זיך צוערשט אויפ'ן פּנים (שפּוו.).

צָ'רָה'דיג, א. טרויעריג, שלעכט, יאָמערליך.

צרוּ'פִים, מ. מיסטישע צוזאַמענשטעלונגען פון געוויסע הייליגע בּוכשטאַבּען אָדער ווערטער פאַר קאַבּאַליסטישע צוועקען.

צָ'רוֹת־צרוּ'רוֹת, מ. גרויסע ליידען.

צָרְ'כֵי־צִ'בּוּר, מ. (תּלמודיש). די בּאַדערפעניסען אָדער אינטערעסען פון דער געמיינדע אָדער פון דעם כּלל.

צָרְ'כֵי־רַ'בִּים, מ. "די בּאַדאַרפעניסען פון פיעלע", די אינטערעסען פון כּלל.

צָרַ'עַת, הוו. (מ צָרַ'עַתִיען) "אויסשלאַג פוי הויט", אַנשיקענים.

ק.

ק, הס. דער ניינצעהנטער בּוכשטאַבּ פון דעם אידישען אַלף־בּית; אין צעהלען גערעכענט אַלס 100. זעה קוּף.

קאַטאָוועס, הוו. זעה כּתוּ'בוֹת.

קַב־הַיָ'שָׁר, הס. "די ריכטיגע מאָס" דער נאָמען פון אַ געוויסען אידי-

שען מאַראַל־בוך פּיעל געלעזען צווישען פאָלק.

קִ׳בּוּץ, המ. (מ. קִבּוּ׳צִים). פאַרזאַמלונג; געמיינדע.

קְ׳בּוּץ, המ. (מ. קְ׳בּוּצ׳יען). דער נאָמען פון דעם העברעאישען וואָקאַל־צייכען "ֻ" אויסגעשפּראָכען אונגעפעהר ווי "או". זעה שוּ׳רֶק.

קְבוּ׳רָה, הוו. (מ. קְבוּ׳רוֹת). באַערדיגונג. "אז מע קומט נאָך ירושה מוז מען אָפּט באַצאָהלען די קבורה" (שפּוו.).

קַבָּ׳לָה, הוו. (מ. קַבָּ׳לוֹת). קוויטונג; זאַגע, טראַדיציאָן; דער נאָמען פון אַ געוויסער מיסטישע פילאָזאָפיע (ביי אידען); אַ פאַפּיער אָדער אַטעסטאַט אויף שחיטה; דאָס נעהמען.

קַבְּ׳לָן, המ. (מ. קַבְּלָ׳נִים). אַ נעהמער

קַבָּ׳לַת־הַתּוֹ׳רָה, הוו. (דעם אידישען פאָלק׳ס) אָננעהמונג פון דער תורה.

קַבָּ׳לַת־פָּ׳נִים, המ. (תלמודיש). אויפנאַהמע (פון אַ גאַסט); די פאַרזאַמלונג פון די געסט אין דעם חתן׳ס הויז פאַר דער חופּה.

קַבָּ׳לַת־קִנְ׳יָן, המ. "די אָננעהמונג פון דעם קויף", די באַפעסטיגונג פון אַ׳ן אָפּמאַך דורך דעם וואָס די באַטרעפענדע פּערזאָנען נעהמען איטליכער אָן מיט דער האַנד דעם ברעג פון אַ טיכעל; דער ערשטער אָפּמאַך פון אַ שדוך.

קַבָּ׳לַת־שַׁ׳בָּת, המ. "די אויפנאַהמע פון שבת", די תפלות וועלכע מע זאָגט אין שוהל פרייטאָג = צו = נאַכט באַגריסענדיג דעם שבת.

קַבְּ׳צָן, המ. (מ. קַבְּצָ׳נִים). אַ בעטלער, אַ שנאָרער; אַ׳ן אָרעמאַן. "אַ ק ב צ ן איז אַ בעל־צדקה אויף אַ פרעמדען׳ס קעשענע" (שפּוו.). "אַ ק ב צ ן איז די בעסטע שמירה" (שפּוו.). "ביי אַ ק ב צ ן וואַקסען די קינדער געדיכטער" (שפּוו.). "מעהר ק ב צ ן מעהר הוליאַק מעהר נגיד סוויניאַק" (שפּוו.).

קַבְּצָ׳נוּת, הוו. אָרעמקייט.

קַבְּ׳צָנ׳טע, הוו. (מ. קַבְּ׳צָנ׳טעס). זעה קַבְּ׳צָן.

קַבְּ׳צָנ׳ען, צש. שנאָרען, בעטלען.

קֶבֶר [קֵ׳בֶר], המ. (מ. קְבָ׳רים, קְבָ׳רוֹת). גרוב, טויטענגרוב; גראָב. רייסען ק ב ר י ם, מאַכען געוואַלדען, איינלעגען וועלטען. אויף אַ באָבע׳ס ק ב ר, פאַרלאָרען, פאַרפאַלען. קריכען אויף פרעמדע ק ב ר י ם, געהן אַהין וואו מע באַלאַנגט ניט. "אויף פרעמדע ק ב ר י ם וויינט מען זיך די אויגען ניט אויס" (שפּוו.).

קֶבֶר [קֵ׳בֶר]־אָ׳בוֹת, המ. (תלמודיש). דער אָרט וואו עלטערען זיינען באַגראָבען. געהן אויף ק ב ר ־ א ב ו ת, באַזוכען דעם גראָב פון געשטאָרבענע עלטערען אָדער פאַרוואַנדטע און דאָרט זאָגען געוויסע געבעטען.

קֶבֶר [קֶ'בֶר]־יִשְׂרָ'אֵל , אַ קבר אויף אַ אידישען בית-עולם . "זאָלסט צו ק ב ר - א ב ו ת ניט קומען" (פלוכ=וואָרט) .

קֶבֶר [קֶ'בֶר]־שטיבעל , הז. (מ. קֶ'בֶר־שטיבלעך) . אַ געמויערט שטיבעל אויף דעם גראָב פון אַ טויטען , וואו די באַזוכער געהן אַריין צו זאָגען תפלה .

קְבָ'רות־בלעטלעך , הז. מ. "גראָב=בלעטלעך", גראָע האָאר .

קְבָ'רות־מַאַן , הם. (מ. קְבָ'רות־לייט) . איינער וועלכער איז אָנ=געשטעלט צו גראָבען קברים אָדער אַכטונג צו געבען אויפ'ן בית־עולם .

קְבָ'רות־שטיבעל , הז. (מ. קְבָ'רות־שטיבלעך) . אַ הויז אויפ'ן בית־עולם וואו מע פיהרט אַריין דעם טויטען איידער ער ווערט בעער=דיגט און וואו דער קברות מאַן וואָהנט געוועהנלוך .

קְבָ'רות'ניק , הם. (מ. קְבָ'רות'ניקעס) . זעה קְבָ'רות־מַאַן .

קַבְּ'רָן , הם. (מ. קַבְּרָ'נים) . טויטענ=גרעבער .

קַבְּרָ'ניש , א. באַלאַנגענדיג צו אַ קברן .

קִ'דוש , הם. "הייליגונג", דאָס גע=בעט וואָס מע זאָגט אום שבת און אום יום=טוב איבער ברויט אָדער וויין איינוויהענדיג דעם פייערטאָג . מאַכען ק ד ו ש , זאָ=גען דאָס געבעט פון קדוש . "ניט טויגען ניט צו ק ד ו ש ניט צו הבדלה" (ווער.) .

קָ'דוש , הם. (מ. קְדוֹ'שים) . "אַ הייליגער" , אַ מאַרטירער ; אַ'ן אונשולדיג ערמאָרדעטער . מאַכען פאַר אַ ק ד ו ש , מערדערן אָדער מערדערליך שלאָגען . שפרינגען ק ד ו ש צו , האַלטען הייליג , פאַרגעטערען .

קִ'דוש־הַחוֹ'דֶש , הם. (תלמודיש) . די איינוויהונג פון דעם מאָנאַט , קדוש=לבנה (ווז.) .

קִ'דוש־[הַשֵּׁם] הַשֵּׁם' , הם. (תלמו=דיש) . הייליגונג פון גאָט'ס נאָמען , מאַרטירערטהום . אויף ק ד ו ש - ה ש ם , אויף גאָט'ס באַראָט .

קָ'דוש־וְטָ'הוֹר , הם. (מ. קְדוֹ'שים־וּטהוֹ'רים) . אַ הייליגער און ריי=נער מאַן .

קִ'דוש־חַ'לָה , הוו. (מ. קִ'דוש־חַ'לות) . דאָס ברויט איבער וועל=כען מע זאָגט דאָס געבעט פון קדוש .

קִ'דוש־לְבָ'נָה , הם. "די איינוויהונג פון דער (נייער) לבנה", דאָס גע=בעט אין וועלכען אידען וויהען איין די געבורט פון דער נייער לבנה שטעהענדיג אונטער דעם פרייען הימעל מיט דעם געזיכט קעגען איהר .

קְדוּ'שָׁה , הוו. (מ. קְדוּ'שות) . הייליגקייט ; אַ געוויסע תפלה פון שמונה־עשרה אין וועלכער מע הייליגט דעם נאָמען פון גאָט . אַ הויכע ק ד ו ש ה , אַ געוויסע פאַרקירצטע פאָרמע פון דאַווענען שמונה־עשרה פאַר'ן עמוד , ווען דער חזן זאָגט בלויז ביז קדושה .

קְדוּ'שִׁים, הוו. דער נאָמען פון דער דריי און צוואַנציגסטער סדרה (ווז.).

קְדוּ'שִׁין, המ. מ. „הייליגונגען", טרויאונג, הייראַטה=צערעמאָניע. געבען קדושין, אויספיהרען די הייראַטה=צערעמאָניע.

קְדוּ'שִׁין־פינגערל, הז. דער רינג וועלכען דער חתן גיט דער כלה צו די קדושין.

קַדַחַת [קַדָ'חֶת], הוו. פיעבער. גע=בען קדחת; גאָרנישט געבען. קדחת מיט כשר'ע פעדים, גאָרנישט מיט גאָרנישט. „עס וואַרפט איהם ווי אין ניין=יאהרי=גער קדחת" (ווער.). „אַז מע לעגט אַריין קדחת נעהמט מען אַרויס קרענק" (שפוו.). „מאַיאָווע קדחת איז גוט יענער זאָל עס האָבען" (שפוו.). „מיר קדחת אַבי איהם צו להכעים" (שפוו.).

קַדַחַת [קַדָ'חֶת]־רְבִי'עִית, הוו. א פיעבער וועלכער ווידערהאָלט זיך אַלע פיער טעג.

קַדַחַת [קַדָ'חֶת]־שְׁלִי'שִׁית, הוו. א פיעבער וועלכער ווידערהאָלט זיך אַלע דריי טעג.

קַ'דִיש, המ. (מ. קַדִי'שִׁים). א גע=וויסעס געבעט וואָס דער זוהן אָדער אַ'ן אַנדער מענליכער פאַר=וואַנדטער פון דעם געשטאָרבענעם זאָגט אין פערלויף פון דעם טרויער=יאָהר און אין דעם טאָג פון יאָהר=צייט; א זוהן.

קַדִישְ'ניק, המ. (מ. קַדִיש'ניקעס). א זוהן וועלכער זאָגט קדיש אין פערלויף פון טרויער=יאָהר נאָך זיין פאָטער.

קַדְ'מון, המ. (מ. קַדְמוֹ'נִים). „א פאַרצייטיגער", א פילאָזאָף אָדער געלעהרטער פון פאַרצייטען. פון קדמונים אָן, פון די פריה=סטע צייטען.

קַ'דָר, המ. (מ. קַדָ'רִים). א טאָפּער; איינער וועלכער שפרעכט אָפּ קראַנקהייטען, א זנאַכער.

קֹ'דֶש, זעה קוֹ'דֶש.

קְדֵ'שָׁה, הוו. הורר, גאַסענפרוי.

קָדְ'שֵׁי־קָדָשִׁים [קָדְ'שִׁים], המ. (תלמודיש). „דאָס הייליגסטע פון די הייליגע", דאָס אינעוויינינגסטע און הייליגסטע צימער פון דעם בית־המקדש וואו עס זיינען גע=שטאַנען די כרובים און וואו בלויז דער כהן־גדול און נאָר אום יום־כפור פלעגט מעגען אַריינגעהן.

קָדָשִׁים [קָדְ'שִׁים], המ. „הייליגע זאַכען", די פינפטע אָפּטהיילונג פון תלמוד (ווז.) וועלכע ענט=האַלט די געזעצען וועגען הייליגע זאַכען, קרבנות א. ד. ג.

קָדָשִׁים [קָדְ'שִׁים] קַ'לִים, מ. (תל=מודיש). (אייגענטליך: „הייליג=קייטען פון א גרינגען גראַד"). דער נאָמען פון א געוויסען שפיעל וועלכער געהט צו אויף דער פאָל=גענדער אַרט: איינער פון די טהיילנעהמער אין דעם שפיעל מיט פאַרבונדענע אויגען בויגט זיך איין און איינער פון די מיטשפיעלערס גיט איהם א פאַטש אויפ'ן הינטען. דער געפאַטשטער מוז דאַן טרעפען

ווער עס האָט איהם געפּאַטשט, אויב ער טרעפט דעם ריכטיגען מוז יענער פאַרנעהמען זיין פּלאַטץ א. א. וו.

קְהִי'לָה, הוו. (מ. קְהִי'לוֹת). זעה קְהִ'לָּה.

קָ'הָל, הם. פאַרזאַמלונג, געמיינדע; אַ אידישע געמיינדע; די פאַר־שטעהער פון דער געמיינדע. "ווער עס גיט ניט צו קהל האָט ניט מיטצורייידען ביי קהל" (שפּוו.). "מיט קהל איז זיך שלעכט צו משפּט'ען" (שפּוו.). "קהל איז ניט קיין גזלן" (שפּוו.). "קהל קריגט זיך און דעם שמש שמייסט מען" (שפּוו.). "קהל'ס קער־בעל האָט אין זיך אַ מאַגנעט" (שפּוו.).

קָ'הָל־שטיבעל, הז. (מ. קָ'הָל־שטיבלעך). דאָס צימער וואו די פאָרשטעהער פון אַ אידישער געמיינדע האַלטען זייערע באַ־ראַטהונגען.

קָ'הָל־שַׁמָּש [שַׁ'מָשׁ], הם. (מ. קָ'הָל־שַׁמָּשִׁים [שַׁמָ'שִׁים]). אַ באַדיענטער פון קהל.

קְהִלָּה, הוו. (מ. קְהִ'לוֹת). אַ (אי־דישע) געמיינדע.

קְהִ'לָה־קְדוֹ'שָׁה, הוו. "אַ היילינע געמיינדע", אַ אידישע געמיינדע.

קָ'הָל'סמאַן הם. (מ. קָ'הָל'סלייט). איינער פון די פיהרערס פון אַ אידישער געמיינדע.

קָ'הָל'ען־זיך, צוו. זיך מישען אין קהל'שע זאַכען.

קָ'הָל'יש, א. באַלאַנגענדיג צו דער געמיינדע. אַ קהל'שער יורש, איינער וועלכער דענקט אַז אַלצ־דינג וואָס האָט קיין אייגענטהימער ניט געהערט צו איהם. "אַ קהל'שע קליאַמקע" (פאַרעכט־ליך. געזאָגט אויף איינעם וועל־כער איז אַ טהוער אין געמיינדע־זאַכען פאַר אייגענע נוצען).

קֹהֶ'לֶת, אנמ. דער נאָמען פון דעם פאַרפאַסער פון אַ געוויסען ביב־לישען בוך וואָס ענטהאַלט לעהר־זאַצען, לעבענס־רעגעלען און מאָ־ראַל־לעהרען און רופט זיך מיט דעם זעלביגען נאָמען (מע פלעגט גלויבען אַז קהלת איז בלויז אַ'ן אַנדער נאָמען פון דעם קעניג שלמה).

קוֹ'בְ'עַ־זיין, צא. באַשטימען.

קוֹ'דֶם, או. פריהער, פאַר אַלצדינג, ערשטענס.

קוֹ'דֶם־הַמַּעֲ'שֶׂה, או. פאַר דער זאַך, איידער די זאַך האָט פּאַסירט.

קוֹ'דֶם־כֹּל [כָּל], או. פאַר אַלצדינג, איידער אַלצדינג.

קוֹ'דֶם־כָּל־דָ'בָר, או. פאַר יעדער זאַך, צום אַללערערשטען.

קוֹ'דֶם־לַ'כֹּל, או. איידער אַלצדינג. "קודם־לכל איז גוט שהכל" (שפּוו.).

קוֹ'דֶשׁ, א. היילינ.

קוֹ'דֶשׁ־קָדָ'שִׁים, א. זעהר היילינ, אַם היילינסטען.

קוֹ'טֶב, הם. "דער אַקס", דער קערן, דער עקר.

קול [קָל], המ. (מ. קו'לות). שטים; הויכע שטים; געשריי, ליארם; א קלאנג. "רעדען אויפ'ן קול". "מאכען קולות". "עס איז ארוים א קול אין שטאָדט". אויבער-קול, אויבערסטער טע-נער. אונטער-קול, באס-שטים. ביי-קול, הויכע דינע שטים, פאלצעטא. "א חזן אָהן א קול איז ווי א שאָף אָהן וואָלל" (שפוו.).

קול־בֶ'כִי, המ. א וויינענדיגע שטים.

קול [קָל]-**נְגִי'נָה**, המ. א שטים צו זינגען, א שטים.

קול־קו'רֵא, המ. (ביבליש). "אויס-רופענדע שטים", אויפרוף, פראָ-קלאמאציאָן.

קו'לָא, הוו. (מ. קו'לות), (תלמו-דיש). "פארגרינגערונג", א מילדע אָדער פארלייכטענדע אויסטייטשונג פון א דין.

קו'לות־וּבְרָ'קִים, מ. (ביבליש). "(דונער-) קלאנגען און בליצען", ליארעם און געפילדער.

קו'ליכעל [קעל'יכעל], הז. (מ. קו'ליכלעך [קעל'יכלעך]). א שטי-מעלע. זעה קול.

קו'לי־קו'לות, מ. (תלמודיש). הוי-כע געשרייען.

קוֹמְמִ'יות, או. אויפגעשטעלט, שטאָלץ אויפגעשטעלט.

קונְ'דס*, המ. (מ. קונְדְ'סים). יונ-גאטש, שטיפער (דאָס העברעאיש וואָרט "קונדס" פון נאכביבלישען אורשפרונג הייסט "א דראָנג" און ס'איז מעגליך אז די באדייטונג וועלכע דאָס וואָרט האָט אין אי-דיש האָט זיך ענטוויקעלט דער-פון. אנדערע באהויפטען אז דאָס וואָרט איז פויליש, באדייטענדיג: "א הונד", און האָט אין מעהר-צאָהל אָנגענומען א העברעאישע פאָרמע).

קו'נֶה, המ. (מ. קו'נִים). קויפער, קונד.

קו'נֶה־זיין, צא. זיך איינקויפען, ער-ווערבען, קריגען.

קו'נֶה־הַכֹּל, המ. (ליטורגיש). איי-נער וועלכער קויפט אלצדינג.

קו'נֶה'טע, המ. (מ. קו'נֶה'טעס). א קויפערין א קונד.

קו'נֶה־זְכוּת־זיין, צש. זיך ערווער-בען דאָס רעכט.

קו'נֶה־שֵׁם [שֶׁם]-**זיין**, צש. ערווערבען א נאָמען, זיך מאכען באריהמט.

קוּנְ'טְרֵס*, המ. (מ. קוּנְ'טְרֵסים). א געשריבענער אָדער געדרוקטער בויגען פאפיער; א בראָשורקע.

קוּף, המ. (מ. קוּפ'ען). דער נאָמען פון דעם ניינצעהנטען בוכשטאב (ק) פון דעם אידישען אלף־בית.

קו'רֵעַ־זיין, צש. איינרייסען (דאָס קלייד אין צייכען פון טרויער); צא. צוררייסען. מע דארף דארויף קורע זיין, עס איז א שרעק-ליכע זינד אָדער פארברעכען.

קַטֵ'גור, המ. דער באשולדיגער, דער באשולדיגענדער ענגעל.

קְטוֹ'רֶת, הוו. ווייהרויך; דער טהייל פון דעם מאָרגענדיגען דאוונען וואו עס ווערען אויסגערעכענט די פארשיידענע קריטעכצער און

געווירצען וואָס פלעגען געברויכט ווערען אין דער צובאַרייטונג פון ווייהרויך פּאַרציימען אין בית־המקדש. "אין די קטורת איז דאָ חֶלְבְּנָה (אַ געווירסע קריימעכץ וואָס האָט געהאַט אַ שלעכטען גערוך און איז דאָך געברויכט געוואָרען אין דער מישונג פון ווייהרויך)" (שפּוו.).

קָ'טָן, הם. (מ. קְטַ'נִים). אַ קליינער, אַ אינגעל, אַ ניט־מינדיגער.

קַטְ'נוּת, הוו. אַ קלייניגקייט.

קַטְ'נוּת־דְמוֹ'חִין, הוו. (קאַבאַליסטיש). קליינקעפּעלדיגקייט.

קְטַ'נֵי־אֲמָ'נָה, הם. מ. (תלמודיש). וועניג גלויבענדע, צווייפלערס.

קַטְ'נִיוֹת, מ. אַרבעס. געברויכט אין דעם ווערטעל: "אַלערליי מיני קטניות", ד. ה. אַלערליי זאַכען.

קְטַ'נִים, הם. מ. זעה נְקָ'בִים־קְטַ'נִים.

קִטְ'רוּג, הם. באַשולדיגונג, אָנקלאַגע (פאַר דעם הימלישען גע־ריכט).

קִי'בּוּץ, הם. (מ. קִיבּוּ'צִים). זעה קִ'בּוּץ.

קִי'דוּשׁ, זעה קִ'דוּשׁ.

קִידוּ'שִׁין, זעה קִדוּ'שִׁין.

קִ'יוּם, הם. פעסטקייט, דויערהאַפטיגקייט, באַשטאַנד.

קִי'חָה, הוו. דאָס צונעהמען דאָס קינד פון דעם ג'פאַטער'ס הענד ביי דער צערעמאָניע פון באַשניידונג.

קִי'מָא־לָן, הם. (תלמודיש). "אונז איז באַשטימט", דער בעטראַג, די סומע.

קַ'יִן, אנם. דער נאָמען פון אָדם'ס ערשטען זוהן וועלכער האָט ערמאָרדעט זיין אינגערען ברודער הבל; ברודער־מערדער (מ. קַ'יִנִים). "קין (קייען) איז ניט הבל", ד. ה. עסען איז ניט קיין פוסטע זאַך (ווערטעל. געבויט אויף דעם וואָרט־שפּיעל צווישען "קין" און "קייען" און אויף די צווייי־דייטיגקייט פון דעם וואָרט "הבל", וו"ז.).

קִי'נָה, הוו. (מ. קִי'נוֹת). אַ קלאָג, אַ קלאָגליעד; איינס פון די קלאָג־געבעטען וואָס אידען זאָגען אום תשעה־באב; דאָס בוך וואָס ענטהאַלט די קינות.

קֵי'סָר, הם. (מ. קֵיסָ'רִים). קייזער, קיניג.

קִינְ'יָן, זעה קִנְ'יָן.

קִיצְ'בָה, זעה קִצְ'בָה.

קִי'צוּר, זעה קִ'צוּר.

קִירְ'בוּת, זעה קִרְ'בוּת.

קִי'שׁוּי־, זעה קִ'שׁוּי־.

קַל, הם. (מ. קַ'לִים). אַ'ן אויסגעלאַסענער מענש.

קַל־וָחוֹ'מֶר, הם. (מ. קַל־וָחוֹ'מֶרים). (תלמודיש). דאָס דרינגען פון דעם גרינגען אויף דאָס האַרבערע, אָדער פון דעם קליינעם אויף דאָס גרויסע אָדער פאַרקעהרט — איינע פון די דרייצעהן הויפּט־מעטהאָדען

פון דער תלמודישער לאָגיק. די אַרט פון דעם דרינגען איז פאָלגענדע: "אויב אַ קינד וואָס איז שוואַך קען עס טהאָן קען עס אַ דערוואַקסענער וועלכער איז שטאַרק געוויס טהאָן".

קַל־שֶׁבְּקַ'לִים, הם. (תלמודיש). אַ זעהר אויסגעלאַסענער מענש.

קלאָמפערשט, קלאָמפערשטען, או. זעה כְּלוֹ'מֶר'שְׁט.

קַ'לּוּת־דַּ'עַת, הוו. (תלמודיש). לייכטזיניגקייט.

קַ'לּוּת־ראֹש [רָאשׁ], הוו. (תלמודיש). לייכטזיניגקייט, פאַרשייטקייט.

קְלִי'פָּה, זעה קְלִ'פָּה.

קְלָ'לָה, הוו. (מ. קְלָ'לוֹת). אַ פלוך. שילטען מיט טויטע קללות, שטאַרק פלוכען.

קְלָ'לֶהין, צש. שילטען, פלוכען.

קְלָ'לוֹת־וַחֲרָמוֹת [וּחְרָ'מוֹת], מ. פלוכען און שילט־ווערטער.

קְלַסְ'תֵּר־פָּ'נִים, הם. (תלמודיש). געזיכט, אויסדרוק פון געזיכט.

קְלִ'פָּה, הוו. (מ. קְלִ'פּוֹת). אַ בייזער גייסט; אַ צוצעפּעניס, אַ'ן אָנשיקעניס; אַ מענש פון וועלכען מע קען ניט לויז ווערען.

קַלְ'פִּי [קַלְ'פִּי], הוו. (תלמודיש). דאָס קעסטעל וואו מע וואַרפט אַריין די שטים־צעטלעך ביי אַ וואַהל; וואַהל, אָפּשטימונג (פאַר בעאַמטע פון דער געמיינדע).

קֶ'מַח־פֶּ'סַח, הם. פסח'דיג מעהל; מעהל וואָס מע שענקט אָרעמע לייט אויף פסח.

קְמֵי'עַ, הוו. (מ. קְמֵי'עוֹת). אַ שטיקעל פּאַפּיער אָדער פּאַרמעט אויף וועלכען עס זיינען אויפגעשריבען געוויסע הייליגע מיסטישע ווערטער און בוכשטאַבען; אַלס אַ באַשיצונג קעגען קראַנקהייטען, אונגליקען אָדער בייזע גייסטער.

קְמִי'צָה, הם. דער צווייטער פינגער פון דעם קלענסטען.

קָ'מַץ, חם. (מ. קָ'מַציען). דער נאָמען פון דעם העברעאישען וואָקאַל־צייכען "ָ", געשריבען אונטער דעם בוכשטאַב און אויסגעשפּראָכען ווי "אָ" אין "גאָט". "אַז דער שלימזל וויל מאַכט קמץ בית בע" (שפּוו.).

קַמְ'צָן, הם. (מ. קַמְצָ'נִים). אַ קאַרגער.

קַמְצָ'נוּת, הוו. קאַרגשאַפט.

קַמְ'צָנִיטע, הוו. (מ. קַמְ'צָנִיטעם). זעה קַמְ'צָן.

קַמְצָ'נִיש, א. קאַרג.

ק"ן, צ. הונדערט און פופציג.

קִנְ'אָה, הוו. (מ. קִנְ'אוֹת). נייד, ניט־פאַרגינערייַ.

קִנְ'אָה־שִׂנְ'אָה, הוו. (מ. קִנְ'אוֹת־שִׂנְ'אוֹת). נייד און האַס, פיינדשאַפט.

קִנְ'אָה'דיג, א. נייִדיש, ניט־פאַרגינענדיג.

קַנָ'אִי, הוו. (מ. קַנָ'אִים). אַ פאַנאַטיקער.

קְנוּנְ'יָא, הוו. (מ. קְנוּנְ'יוֹת). אַ'ן אָפּמאַך צווישען צוויי אָדער מעה־רערע פערזאָנען צו באַשווינדלען אימיצען, אַ שווינדעל.

קְנִ'יָה, הוו. (מ. קְנִ'יּוֹת). אַ'ן איינ־קויף.

קִנְ'יָן, הם. (מ. קִנְ'יָנִים). איינקויף; קבלת־קנין (ווז.).

קַנְ'ייען, צא. (וואולגאַר). קויפען.

קְנָס [קְנַס], (מ. קְנַ'ס'יען). שטראָף, באַשטראָפונג, שטראָף־געלט.

קְנָס [קְנַס]־מאָהל, הוו. פאַרלאָ־בונגס־מאָהלצייט. זעה פאַרי־קְנַ'ס'יען.

קַנְ'ס'יען, קַנְ'ס'ענען, צא. שטראָ־פען, באַשטראָפען.

קַעְ'רָה, הוו. (מ. קַעְ'רוֹת). אַ שי־סעל וואָס מע שטעלט ערב־יום־כפור אין שוהל ביי דער מהיר און אין וועלכען די וואָס קומען דאַווענען וואַרפען אַריין נדבות.

קַפְּ'דָן, הוו. (מ. קַפְּדָ'נִים). אַ קאַפּ־ריזנער בייזער מענש.

קְפִי'צַת־הַדֶּ'רֶךְ, הוו. (תלמודיש). דאָס אַריבערשפּרינגען אַ גרויסע שטרעקע אין איין מאָמענט (דורך וואונדער־קראַפט).

קַפְּרִי'סִינ'דיג, א. צאַצקעדיג, אויס־געצייכענט. זעה יין־קַפְּרִי'סִין.

קֵץ [קֶץ], הם. דאָס ענד (פון גלות).

קַ'צָב, הם. (מ. קַצָּ'בִים). אַ פלייש־ער. "אַ קצב בעט אויף כשר און אַ בעדער בעט אויף טרף" (שפּוו.).

קַצָּ'בָה, הוו. (מ. קַצָּ'בוֹת). רעגעל־מעסיגע געלט־שטיצע וועלכע מע גיט אַ'ן אָרעמאַן, אַ פּענסיע.

קַצָּ'בוּת, הוו. די אַרבייט אָדער דאָס געשעפט פון אַ קצב.

קַ'צָּבִ'טע, הוו. (מ. קַ'צָּבִ'טעס). די פרוי פון אַ קצב.

קַצָּ'בִ'יש, א. באַלאַנגענדיג צו אַ קצב אָדער צו דעם געשעפט פון אַ קצב.

קִ'צּוּר, הם. פאַרקירצונג.

קִ'צּוּר־הַדָּ'בָר, הם. די פאַרקירצונג פון דער זאַך, די עסענץ פון דער זאַך.

קִ'צּוּר־יָמִים, הם. "פאַרקירצונג פון טעג", קורצע יאָהרען.

קָ'צִין, הם. (מ. קְצִי'נִים). רייכער מאַן; מאַגנאַט. "אַ קצין האָט תמיד אַ שענע מאָכטער" (שפּוו.).

קְצַת־חוֹ'לֶה, הם. אַ לייכט־קראַנקער, אַ קרענקליכער.

ק"ק, קְהִ'לָּה־קְדוֹ'שָׁה (ווז.).

קָרָ'אִי, הם. (מ. קָרָ'אִים). אַ'ן אַנ־העננער פון אַ געוויסער סעקטע וועלכער האָט זיך אָפּגעטהיילט פון דעם אידישען פאָלק אין אַכ־טען יאָהרהונדערט און וועלכע גלויבט נאָר אין תורת־משה אָבער ניט אין תלמוד, אַ קאַראַאים.

קְרֵ'בוּת, הוו. פריינדשאַפט, פריינד־ליכקייט.

קָרְ'בָּן, הם. (מ. קָרְבָּ'נוֹת). אַ'ן אָפּפער.

קָרְ'בַּן־מִנְ'חָה, הם. (ביבליש). גע־

שאַנק=אָפּפער, שפּייז=אָפּפער; דער נאָמען פון אַ געוויסער אויסגאַבע פון סדור מיט העברעאישען טעקסט און אידישער איבערזעצונג הויפּט=זעכליך געמאַכט פאַר פרויען (מ. קְרֵ'בֵּן־מִנְ'חָהים).

קְרוּ'אִים, מ. די אייינגעלאַדענע, די געסט.

קָ'רוֹב, הם. (מ. קְרוֹ'בִים). אַ פאַר=וואַנדטער; דאָס וואָרט ווערט אויך אָפט געברויכט ווען מע ווענדט זיך צו איינעם וועמען'ס נאָמען מע ווייס ניט: "וואָס מאַכט איהר רב קרוב?". "אַ גוטער שכן איז בעסער ווי אַ שלעכטער קרוב" (שפּוו.).

קָ'רוֹב, א. נאָהנט.

קָ'רוֹב־לַמַלְ'כוּת, הם. (מ. קְרוֹ'בִים־לְמַלְ'כוּת). (תלמודיש). איינער וועלכער שטעהט נאָהנט צום קעניג, איינער וועלכער האָט אַ'ן איינפלוס אין קיניגליכען הויף.

קָ'רוֹב־לַמֶ'קַּח, א. נאָהנט (צו דער אָפּשליסונג) פון אַ האַנדעל. עס איז קרוב למקח, עס האַלט נאָהנט דער ביי, עס געהט אויף אַ גאַנג.

קְרוֹ'בָה, הוו. (מ. קְרוֹ'בוֹת). אַ פאַרוואַנדטע.

קְרוֹ'בָה'טע, הוו. (מ. קְרוֹ'בָה'־טעס). זעה קְרוֹ'בָה.

קְרוֹ'בָה'שאַפט, הוו. פאַרוואַנד=שאַפט.

קְרוּ'ע־בְּלוּ'יע, (ענטוועדער פון קָרוּעַ־וּבָלוּי אָדער קְרוּעֵי־בְּלוּיי) א. צוריסען און צושליסען, זעהר אָפּגעריסען.

קֹ'רַח, אנם. אַ געוויסער מאַן פון וועלכען די ביבעל דערצעהלט. אַז ער האָט זיך געבונטעוועט געגען משה'ן און איז באַשטראָפט גע=וואָרען דערמיט וואָס די ערד האָט זיך פּלוצלונג אויפגעעפענט און האָט איינגעשלונגען איהם מיט זיינע אנהענגער (דער תלמוד דערצעהלט אויך אַז קרח איז גע=ווען זעהר רייך); הוו. דער נאָמען פון דער אַכט און פערציגסטער סדרה (ווז.). געהן אַלס קרח, איינגעזונקען ווערען. "רייך ווי קרח". "קרח'ס אוצרות".

קֶ'רִי, הם. זעה שִׁכְ'בַת־זֶ'רַע.

קְרִי, הם. "לעז", אַ וואָרט וואָס וועיזט אָן ווי מע דאַרף לעזען אַ טעקסט (אַנדערש ווי עס ווערט געשריבען). זעה כְּתִיב.

קְרִי'אַת־הַתּוֹ'רָה, הוו. דאָס לייענען פון דער תורה אין שוהל.

קְרִיאַ'ת־שְׁמַע [קְרִי'שְׁמַע], הוו. (תל=מודיש). "דאָס לעזען פון שמע", געוויסע זאַצען פון דער תורה וועלכע הויבען זיך אָן מיט די ווערטער: שְׁמַע יִשְׂרָ'אֵל יְהֹוָ'ה אֱלֹהֵ'ינוּ יְהֹוָה אֶ'חָד (הער צו ישראל גאָט אונזער האַרר, איז דער איינציגער גאָט) און וועלכע ווערען געזאָגט אין מאָרגענדיגען און אָבענדיגען דאַוונען און אויך פאַר'ן שלאָף (אַלס אַ באַשיצונג קעגען בייזע נאַכט=גייסטער). "האָסט מורא טאָ לייען קריאת־שמע" (ווער.).

קְרִי'עָה, הוו. דער ריס אין די קליידער וועלכען מע מאַכט ביי אידען אין טרויער נאָך אַ נאָהנ-מען טויטען. רייסען ק ר י ע ה, איינרייסען די קליידער נאָך אַ טויטען; אַרבייטען וועהר שווער. „דער מענש האָט צוויי ברירות אָדער קריעה צו רייסען אָדער פאַרשוואַרצט צו ווערען" (שפּוו.).

קְרִי'עַת־יַם'־סוּף, הוו. (תלמודיש). די צושפּאַלטונג פון דעם רויטען מעער ווען די אידען זיינען אַרוים פון עגיפּטען. אָנקומען מיט ק ר י ע ת ־ י ם ־ ס ו ף, אָנקו=מען זעהר שווער.

קֶ'רֶן, הם. קאַפּיטאַל. אַרוים מיט'ן ק ר ן, אַרוים מיט בלויז דעם (אַריינגעלעגטען) קאַפּיטאַל. „ביי איהם איז אַ ק ר ן אַ שמעק טאַ=באַק". „דער אָרימאַן איז נערן אַז ער בלייבט ביים ק ר ן" (שפּוו.).

קֶרֶן־קַיֶּ'מֶת, הוו. (תלמודיש). אַ שטענדיג=בלייבענדער קאַפּיטאַל, אַ פאָנד פון וועלכען די ציגזען אָדער איינקונפטען געהען פאַר אַ וואָהלטהעטיגען צוועק.

קַרְ'קַע, הוו. „ערד", פּלאַטץ פאַר בעערדיגונג.

קַרְקַשְׁ'קָא*, (פון: קַרְקַשְׁתָּא). זעה כַּרְכַּשְׁ'תָא.

קֶ'שֶׁה, א. שווער (צו פאַרשטעהן).

קְ'שׁוּי־אֵ'בֶר, הם. די פאַרהאַרטונג פון דעם (מענליכען) גליעד.

קַשְׁיָא [קַ'שָׁה], הוו. (מ. קַשְׁיוֹת [קַ'שׁוֹת]), (תלמודיש). אַ פראַגע. די פיער ק ש י ו ת, די פיער פראַגען וועלכע מע זאָגט אין דער הגדה. „פאַרוואָס איז קיין ק ש י א ניט און ווארום איז קיין תרוץ ניט" (שפּוו.). אַ קלאָץ=ק ש י א, אַ האַרבע פראַגע.

קֶ'שֶׁר, הם. (מ. קְשָׁ'רִים). אַ קנופּ (וואָס מע מאַכט אין די רצועות).

קֶ'שֶׁר־שֶׁל־יַד [יָד], הם. דער קנופּ אין די רצועות פון די תפילין של=יד.

קֶ'שֶׁר־שֶׁל־ראֹש [רָאשׁ], הם. דער קנופּ אין די רצועות פון די תפלין של=ראש.

קֶ'שֶׁת, הם. (תלמודיש). „דער פיי=לענבויגען", דער אַסטראָנאָמישער צייכען אין דעם שטערען=קרייז פאַר דעם מאָנאַט כסלו. זעה מַ'זָל.

ר.

ר, הם. דער צוואַנציגסטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית; אין צעהלען גערעכענט אַלס 200. זעה רֵישׁ.

ר', אב. רַ'ב (ווז.).

ר'־יַעֲ'קֹב־מְשֻׁ'לָם, (תלמודיש). רב יעקב מוז באַצאָהלען, ד. ה. דו

(איהר א. א. וו.) מוסט באצאהלען.
אורשפרינגליך מיינט דער זאך:
רב יעקב (א געוויסער געלעהר־
טער) זאגט: אז ער (דער שאדענ־
מהוער פון וועלכען דארט האנ־
דעלט זיך) מוז באצאהלען.

רְאוּבֵן, אנם. דער נאמען פון דעם
עלטסטען פון יעקב׳ס צוועלף זיהן;
דער שטאם וועלכער קומט ארויס
פון ראובן.

רָאוּי, א. פאסיג, פעהיג, טויגליך,
ווערטה.

רָאוּי־לְהוֹרָאָה, או. פעהיג צו
פסק׳ען שאלות, פעהיג צו זיין א
רב.

רְאִיָּה, הוו. (מ. רְאִיּוֹת). דאס
זעהן, די פעהיגקייט צו זעהן.
קורצע ר א י ה, קורצזיכטיגקייט.

רְאָיָה, הוו. (מ. רְאָיוֹת). באווייז,
צייכען.

רְאָיָה־לְדָבָר, הוו. (תלמודיש). א
באווייז צו דער זאך, א באווייז.

ראש [רָאשׁ], הם. קאפ; הויפט,
שפיץ.

ראש־הַגּוֹלָה, הם. (מ. רָאשֵׁי־
הַגּוֹלָה), (תלמודיש). דער פאר־
שטעהער פון די אידען אין גלות
(אזא אמט האט עקזיסטירט אין די
תלמודישע צייטען).

ראש־הַמְדַבְּרִים, הם. (מ. רָאשֵׁי־
הַמְדַבְּרִים), (תלמודיש). דער
הויפט־רעדנער, דער אנפיהרער,
דער רעדעל־פיהרער.

ראש־הַקָּהָל, הם. (מ. רָאשֵׁי־
הַקָּהָל). דער פארשטעהער פון
דער געמיינדע.

ראש [רָאשׁ] **הַשָּׁנָה**, הם. (ביבליש).
דער אנהויב פון יאהר, דער
ערשטער און דער צווייטער טאג
פון מאנאט תשרי מיט וועלכע
עס הויבט זיך אן דאס אידישע
יאהר און וועלכע ווערען בא־
טראכט אלס זעהר הייליגע פייער־
טעג און אלס טעג אין וועלכע
דאס שיקזאל פון איטליכען מענ־
שען פאר א גאנץ יאהר ווערט
פארשריבען אין הימעל.

ראש־וְרִאשׁוֹן, הם. דער הויפט און
דער ערשטער, דער אנפיהרער.

ראש [רָאשׁ]**־חוֹדֶשׁ**, הם. (מ.
רָאשֵׁי־חֳדָשִׁים), (ביבליש). דער
ערשטער טאג אדער די ערשטע
צוויי טעג פון א אידישען מאנאט
וועלכע זיינען האלבע פייער־
טעג. בענשען ר א ש ־ ח ו ד ש,
זאגען אין דעם שבת פאר ראש־
חודש א געוויסע תפלה אין וועל־
כער מע בעט אויף א גליקליכען
מאנאט. "ווען עס וועט זיין דריי
טעג ר א ש ־ ח ו ד ש" (ווער. —
ד. ה. קיין מאל נים).

ראש [רָאשׁ]**־חוֹדֶשׁ־געלט**, הו.
געלט־געשאנק וואס עלטערען שי־
קען ראש־חודש צו דעם לעהרער
פון זייערע קינדער.

ראש־יְשִׁיבָה [רָאשִׁישִׁיבָה], הם. (מ.
רָאשֵׁי־יְשִׁיבוֹת [רָאשִׁישִׁיבוֹת],
(תלמודיש). דער הויפט לעהרער
אדער דער פיהרער פון א העבע־
רער תלמודישער שולע.

ראש־כֶּבֶשׂ, הם. א שעפסען־קאפ
(וועלכען עס איז איינגעפיהרט
געוועזן צו עסען אום ראש־השנה).

ראָ'שוֹ־וְרוּ'בּוֹ , (תּלמודיש) . דער קאָפּ און דער גרעסטער טהייל פון קערפּער , דער גרעסטער טהייל .

ראִ'שון . צ. (מ. ראִשוֹ'נִים) . ערשטער ; איינער פון די גאָר פאַרצייטיגע ראַבּינישע אויטאָריטעטען ; דער ערשטער וועלכער ווערט אויפגערופען צום לייענען אין שוהל. געבען ר א ש ו ן , אויפרופען דעם ערשטען .

רָאשֵׁי־פְּרָקִים [פְּרָ'קִים], מ. (תּלמודיש) . די ערשטע באַדינגונגען אָדער דער ערשטער אָפּרייד אין אַ געשעפט אָדער הייראַטה־אָפּמאַך .

רָאשֵׁי־תֵבוֹת [תֵּ'בוֹת], הם. (מ. רָאשֵׁי־תֵּ'בוֹת'עָן) . איינער אָדער מעהרערע אָנפאַנג = בוכשטאַבען וועלכע שטעהען אָנשטאָט גאַנצע ווערטער .

רֵאשִׁית, או. ערשטענס .

רֵאשִׁית־חָכְמָה, או. (ביבליש) . "דער אָנהויב פון קלוגהייט", צום אַלער=ערשטען , איידער אַלצדינג ; הם. דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען מאָראַל=בוך .

רב [רֶב], הם. הערר . ר ב זרח, הערר זרח . "וואָס וועט זיין מיט כל־ישראל וועט זיין מיט ר ב־ ישראל" (ווער. — ד. ה. וואָס וועט זיין מיט אַלעמען וועט זיין מיט איהם אויך) .

רב [רָב], הם. (מ. רַבָּ'נִים) . אַ ראַבּינער . "אַ פעטער ר ב און אַ מאָגערער גלח טויגען ביידע ניט" (שפּוו.) . "ניין ר ב נ י ם קענען קיין מנין ניט מאַכען און צעהן שוסטערס יא" (שפּוו.) .

רַב־הַכּוֹ'לֵל, הם. אויבער־ראַבּינער, אַ ראַבּינער איבער מעהרערע געמיינדען .

רַ'בָּה־בַּר־בַּר־חָ'נָה'ס־געַנז, הם. מ. (תּלמודיש) . די וואונדערליך גרויסע געַנז פון וועלכע אַ געוויסער רבה־בר־בר־חנה דערצעהלט אין תּלמוד .

רִבּוֹ'נוֹ־שֶׁל־עוֹ'לָם, הם. (תּלמודיש). האַרר פון דער וועלט, גאָט .

רבּוש"ע , אב. רִבּוֹ'נוֹ־שֶׁל־עוֹ'לָם (ווז.) .

רְבוּ'תָא, הוו. (תּלמודיש) . גרויסקייט , אויסצייכנונג , וואונדער . "עס איז קיין ר ב ו ת א ניט", "וואָס איז די ר ב ו ת א ?" .

רַבּוֹ'תַי, אר. מיינע הערען .

רַבּוֹ'תִים *, אר. זעה רַבּוֹ'תַי .

רַבִּי [רֶ'בִּי], הם. (געניטיוו : דעם־רֶ'בִּין'ס ; מ. רַבֵּ'יִים *). לעהרער ; אַ גוטער איד .

רַבִּי [רֶבִּי]־געלט , הז. לעהר=געלט . באַצאָהלען גוטע ר ב י־ג ע ל ט , באַצאָהלען טהייער פאַר די ערשטע ערפאַהרונג .

רַ'בִּים , מ. די פיעלע, די מאַיאָריטעט .

רַ'בִּים, הם. "די פיעלע", דאָס פובליקום ; די מעהרצאָהל (אין גראַמאַטיק) . "מיט אַ ר ב י ם טאָר מען זיך ניט אָנהויבען" .

רְבִ׳יעִי, צ. דער פיערטער, דער פיערטער וועלכער ווערט אויפגערופען צום לייענען אין שוהל. געבען ר ב י ע י, אויפרופען דעם פיערטען.

רְבִי׳עִית, הוו. קדתת־רביעית (ווז.); א געוויסע מאָס וואָס דער בעכער איבער וועלכען מע מאַכט קדוש מוז ענטהאַלטען.

רֶ׳בִּייצין, הוו. (מ. רֶ׳בִּייצינס). די פרוי פון א רב; א זעהר פרומע פרוי אָדער איינע וועלכע איז גוט געלערנט אין רעליגיאָנס=זאַכען. ״אַז דער מאַן איז א רב איז דאָס ווייב א ר ב י ׳צ י ן״ (שפוו.). ״בעסער א זוחן א בעדער איידער א טאָכטער א ר ב י ׳צ י ן״ (שפוו.).

ר׳בִּית, הוו. פראָצענט, וואָכער.

רַ׳בָּן־שֶׁל־כָּל־בְּנֵי־הַגּוֹ׳לָה, דער פאָרשטעהער אָדער דער גרעסטער פון אַלע אידען אין גלות (עהרענטיטול אויף זעהר א גרויסען מאַן).

רַבֵּ׳נוּ, המ. אונזער האַרר (טיטול=וואָרט).

רַבֵּ׳נוּ־תַּם־ים־תְּפִ׳לִין, מ. תפלין געמאַכט לויט די פאָרשריפטען פון א געוויסען אידישען געלעהרטען וועלכער איז באַקאַנט אין דער ראַבינישער ליטעראַטור אַלס ״רבנו־תם״ (די תפלין וועלכע ווערען געוועהנליך געטראָגען זיינען געמאַכט לויט די פאָרשריפטען פון דעם גרויסען געלעהרטען רש״י. די גאָר=פרומע אידען אום אויסצוקומען נאָך ביידע מיינונגע טהוען ביי׳ם דאַווענען אָן צוערשט איין זאָרט תפלין און דאַן דעם אַנדערן).

רַבָּ׳נוּת, הוו. דאָס אַמט פון א רב.

רַבָּ׳נִי, המ. דער געלעהרטער (טיטול-וואָרט).

רַבָּ׳נִים, המ. מ. זעה רָב.

רַבָּ׳נִיש, א. באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די אייגענשאַפטען פון א רב אָדער פון רבנות. ״מאַכען ר ב נ י ש ע העוויות״.

רַבָּ׳נָן־קַ׳דִּיש, המ. א געוויסער קדיש אין וועלכען מע בעט אויך פאַר די געלעהרטע און וועלכען מע זאָגט געוועהנליך נאָך דעם ווי מע האָט אָפּגעלערנט א שטיק פון תלמוד. זאָגען ר ב נ ן ־ ק ד י ש, אויפגעבען יעדע האָפנונג.

רֶ׳בֶּ׳על, הז. (מ. רֶ׳בּ״לעך). א קליינער אָדער אונבאַדייטענדער רב.

רִבְ׳קָה, אנוו. דער נאָמען פון איינער פון די אורמוטערס פון דעם אידישען פאָלק, די פרוי פון יצחק׳ן.

רַגְ׳זָן, המ. (מ. רַגְזָ׳נִים). א בייזער צאָרניגער מאַן.

רַגְ׳זָנִיטע, הוו. (מ. רַגְ׳זָנִיטעס). זעה רַגְ׳זָן.

רָ׳גִיל, המ. א געניטער, א׳ן ערפאַהרענער.

רְגִ׳ילוּת, הוו. געוואוהנהייט.

רֶ׳גֶל, המ. (מ. רְגָ׳לִים). איינער פון די דריי אידישע הויפּט-פייערטעג (פסח, שבועות און סוכות).

רֶגֶל־נעלם, הז. געלט וואָס מע שיקט אַ רב אויף יום־טוב.

רַגְלַיִם, מ. פיס.

רֶגַע, הוו. אַ סעקונדע, אַ מאָמענט.

רְדִי'פָה, הוו. (מ. רְדִי'פוֹת). פאַרפאָלגונג.

ר"ה, אב. ראש־הַשָּׁנָה (ווז.).

רוֹאֶה־וְאֵינוֹ־נִרְאֶה, המ. (תלמודיש). איינער וועלכער זעהט און ווערט (אליין) ניט געזעהן פון אַנדערע.

רוֹב [רָב], המ. און הז. מעהרהייט, מעהרצאָהל.

רוֹב [רָב]־דֵ'עוֹת, המ. די מעהרסטע מיינונגען, די מעהרהייט.

רוֹ'גֶז, המ. צאָרן, בייזקייט, פאַרבייזערטקייט. "בעסער דער ערשטער רוגז איידער דער צווייטער" (שפוו.).

רוגְזָ'ה, הוו. זעה רוֹ'גֶז.

רוגְזָ'ה'דיג, א. צאָרניג, בייז.

רוֹ'דֵף־זיין, צא. פאַרפאָלגען.

רוֹ'דֵף־אַחַר־הַכָּ'בוֹד, המ. (תלמודיש). איינער וועלכער יאָגט זיך נאָך עהרע.

רוֹ'דֵף־שָׁ'לוֹם, המ. (תלמודיש). איינער וועלכער יאָגט זיך נאָך פרידען, אַ פרידענמאַכער.

רוֹ'דְפ'ען, צא. פאַרפאָלגען.

רֶ'וַח, רֶ'וַח, המ. (מ. רְוָ'חִים, רְוָ'חִים). פאַרדינסט, פראָפיט.

רוּ'חַ, המ. (מ. רוּ'חוֹת). אַ גייסט; אַ בייזער גייסט, אַ טייוועל. "ער האָט איהם געחאַפּט ווי דער רוח חאַפּט דעם מלמד" (ווער.). "געהע צו אַלדי רוחות" (אַ פלוכוואָרט). "קלוג ווי דער רוח".

רוּ'חַ־הַקוֹ'דֶשׁ, המ. (תלמודיש). דער הייליגער גייסט, די געטליכקייט.

רוּ'חַ־חַ'יִים, המ. (ביבליש). לעבענס-אטהעם, לעבען.

רוּ'חַ־רָ'עָה, המ. (מ. רוּ'חוֹת־רָ'עוֹת) (ביבליש). אַ בייזער גייסט.

רוּ'חַ־שְׁטוּת, המ. (תלמודיש). "אַ גייסט פון וואַהנזינן", אַ ווילדער געדאַנקען, אַ נאַרישקייט.

רוּחְ'נִיוּת, הוו. גייסטיגקייט, גייסטיגע זאַכען. "ער לעבט פון רוחניות" (געזאָגט אויף אַ'ן אידעאַליסט וואָס האָט ניט קיין זיכערע מאַטעריעלע עקזיסטענץ).

רו"כ, אב. רובעל־כֶּ'סֶף, המ. אַ זילבערנער רובעל, אַ רובעל.

רוֹ'פֵא, המ. (מ. רוֹפְ'אִים). אַרצט, דאָקטאָר; פעלדשער. "ניט פרעגט דעם רופא פרעגט דעם חולה" (שפוו.).

רוֹ'פֵא־חוֹ'לִים, המ. דער היילער פון די קראַנקע.

רוֹ'פֵא'טע, הוו. (מ. רוֹ'פֵא'טעס). זעה רוֹ'פֵא.

רוֹצֵ'חַ, המ. (מ. רוֹצְ'חִים [רַצִ'חִים]). אַ מערדער; אַ שלעכטער גרוזאַמער מענש.

רוֹצְ'חַ־הַיַ'עַר, המ. וואַלד־מערדער.

רוֹצְ'חַ'טע, הוו. (מ. רוֹצְ'חַ'טעס). זעה רוֹצֵ'חַ.

רו׳שֶם, הם. צייכען, איינדרוק. מאַכען אַ רושם, מאַכען אַ׳ן איינדרוק אָדער אַ פוראָר.

רות, אנוו. דער נאָמען פון אַ געוויסער ביבלישער פרוי; דאָס בוך פון דער ביבעל וואו עס ווערט דערצעהלט די געשיכטע פון רות.

ר״ח, אב. ראש־חו׳דֶש (ווז.).

רָ׳חָב־הַזו׳נָה, אנוו. (ביבליש). אַ געוויסע פרוי פון וועלכער די ביבעל דערצעהלט אַז זי האָט געהאָלפען אַנטלויפען די שפּיאָנען וועלכע יהושע האָט געשיקט אין די שטאָדט יריחו.

רַחְ׳בות, הוו. ברייטקייט, באַקוועמליכקייט.

רַחְ׳בות׳דיג, א. ברייטליך, באַקוועם,

רַ׳חום, הם. אַ באַרמהערציגער. „גאָט איז אַ רחום".

רָ׳חוק, א. ווייט.

רָ׳חֵל אנוו. דער נאָמען פון איינער פון די אורמוטערס פון דעם אידישען פאָלק, די פרוי פון יעקב (וועלכע נעהמט, ווי עס ווערט געגלויבט, אַ באַזונדערן אַנטהייל אין דעם שלעכטען שיקזאל פון דעם אידישען פאָלק). רחל׳ס־קבר, דער גראָב פון רחל אין פּאַלעסטינאַ וועלכער ווערט געהאַלטען זעהר הייליג.

רַחְ׳מים, מ. מיטלייד, באַרמהערציגקייט.

רַחְ׳מָן, הם. (מ. רַחְמָ׳נים). אַ באַרמהערציגער.

רַחְמָ׳נָא־לִצְּלָ׳נו, אר. זעה רַחְמָ׳נָא־לִצְלָ׳ן.

רַחְמָ׳נָא־לִצְלָן [לִצְלַ׳ן], אר. (תלמודיש). דער באַרמהערציגער (גאָט) זאָל אונז באַהיטען!

רַחְמָ׳נות, הוו. מיטלייד, באַרמהערציגקייט. אַ גאָט׳ס רחמנות, אַ גרויסער מיטלייד. „רחמנות איז אמאָל אכזריות" (שפּוו.). „אויף אַ שלאַנג טאָר מען קיין רחמנות ניט האָבען" (שפּוו.).

רַחְמָ׳נות־פָּ׳נִים, הז. אַ געזיכט וואָס ערוועקט מיטלייד, אַ נעבעך.

רַחְמָ׳נות־פֶּ׳נִימ׳על, הז. (מ. רַחְמָ׳נות־פֶּ׳נִימ׳לעך). אַ נעבעכעל.

רַחְמָ׳נות׳דיג, א. ערוועקענדיג מיטלייד, טרויעריג.

רַחְמָ׳נִים־בְּנֵי־רַחְמָ׳נִים, הם. מ. (תלמודיש). באַרמהערציגע און זיהן פון באַרמהערציגע (אַזוי ווערען אידען באַצייכענט).

רַחַ״ש, אב. רָב חַזָן שַׁמָש (ווז.). הם. דאָס געלט וואָס מע באַצאָהלט דעם רב, דעם חזן און דעם שמש; באַלויהנונג.

רִי׳אָה, הוו. (מ. רִי׳אות). די לונג (פון אַ געקוילעטע בהמה).

רִי׳בִּית, הוו. זעה רִבִּית.

רֶ׳יוַח, הם. זעה רֶ׳וַוח.

רֵי׳חַ, הם. (מ. רֵי׳חות). גערוך, דופט.

רֵי׳חַ־נִיחו׳חַ, הם. (ביבליש). אַנגענעהמער גערוך.

רִי׳סוּק־, זעה רְ׳סוּק־.

רֵיש, הס. (מ. רֵי׳שִׁיען). דער נאָמען פון דעם צוואַנציגסטען בוכשטאַב (ר) פון דעם אידישען אלף־בית.

רֵישׁ־בַּרְיוֹ׳נֵי, הס. (תלמודיש). דער אָנפיהרער פון די באַנדיטען.

רִישְׁ׳עוּת, הוו. זעה רִשְׁ׳עוּת.

רַךְ־לֵב [לֶבֿ], הס. (ביבליש). אַ ווייכהערציגער מענש.

רְכִי׳לוּת, הוו. פאַרלוימדונג, באַריידעריי. רכילות טרייבען, באַריידען, פאַרלוימדען.

רְכִי׳לוּת׳ניצע, הוו. (ב. רְכִי׳לוּתניצעס). זעה רְכִי׳לוּת׳ניק.

רְכִי׳לוּתניק, הס. (מ. רְכִי׳לוּתניקעס). פאַרלוימדער, באַריידער.

ר״ל, אב. רַחֲמָ׳נָא־לִצְלָן׳ (ווז.).

רַמָ׳אוּת, הוו. שווינדלעריי, באַטריגעריי.

רַ׳מַאי, הס. (מ. רַמָ׳אִים). שווינדלער, באַטריגער. "אַ גנלער און אַ רמאי" (שפוו.).

רַמְבַּ״ם, אב. רַבֵּ׳נוּ מ׳שֶׁה בֶּן־מַיְ׳מוֹן, אנס. אַ גרויסער אידישער געלעהרטער און פילאָזאָף וועלכער האָט געלעבט אין צוועלפטען יאָהרהונדערט; דאָס ווערק פון דעם דאָזיגען געלעהרטען (יָד־הַחֲזָ׳קָה) וואו ער האָט צונויפגעשטעלט אין קלאָרער אָרדענונג די פערשיעדענע תלמודישע געזעצע.

רֶ׳מֶז, הס. (מ. רְמָ׳זִים). אַ וואונק, אַ׳ן אָנצוהערענים; אַ פאַרבאָרגענער מיין; אַ געווינסע אַרט אויסטייטשונג פון אַ היילינגען טעקסט וועלכע זוכט אין די ווערטער צו געפינען אַ פאַרבאָרגענעם מיסטישען זינן. זעה דְרָשׁ און פְּשָׁט.

רְמַ״ח־אֵבָרִים [אֵבְ׳רִים], הס. (תלמודיש). די צוויי הונדערט אכט און פערציג גליעדער וועלכע געפינען זיך אין דעם מענשליכען קערפער (לויט די פאַרצייטיגע באַגריפען). "אַ נאַרר איז קראַנק אויף אַלע רמ״ח־אברים" (שפוו.). זעה תַּרְיַ״ג׳.

רְ׳סוּק־אֵבָרִים [אֵבְ׳רִים], הס. (תלמודיש). צורייסונג פון גליעדער. האָבען רסוק־אברים, קריצובראָכען די ביינער; אויסגעריסען ווערען.

רַע, הס. אַ שלעכטער מענש.

רַע, א. (מ. רָ׳עִים; וו. רָ׳עָה, מ. רָ׳עוֹת). שלעכטער.

רַע־לַ׳כֹּל, הס. איינער וועלכער איז צו אַלעמען שלעכט.

רָ׳עָה, הוו. (מ. רָ׳עוֹת). אַ שלעכטסקייט, אַ שאָדען.

רַעְ׳יוֹן, הס. (מ. רַעֲיוֹ׳נוֹת). געדאַנק, אידעע; זינן.

רַעֲיָ׳תוֹ, **רַעֲיָ׳תִי**, הוו. זיין (מיין) פרוי (געברויכט אין בריעף).

רַ׳עַשׁ, הס. שטורעם, ליאַרעם, טומעל, געפילדער; פוראָר.

ר'עַשׁ'דיג, א. שטורעמדיג, ליאַרעמדיג.

ר'עַשׁ'יען, צש. שטורעמען, ליאַרעמען, טומלען, פּילדערען.

רְפָאֵל, אנמ. דער נאָמען פון אַ געגעוויסען (היילענדען) מלאך.

רְפוּאָה, הוו. (מ. רְפוּאות). היילונג; הייל־מיטעל, מעדיצין. צו רפואה!, צו געזונדהייט! (אַ וואונש וואָס מע זאָגט צו איינעם וועלכער נעהמט איין מעדיצין אָדער קומט אַרויס פון אַ שוויץ־באָד). עס איז ניטאָ אויף אַ רפואה, עס איז ניטאָ צו קריי־גען. "גאָט שיקט די רפואה פאַר דער מכה" (שפוו.).

רְפוּאָה־בְּדוּקָה, הוו. אַ'ן אויספּרובירט הייל־מיטעל, אַ זיכער הילף־מיטעל.

רְפוּאָה־שְׁלֵמָה, הוו. (ליטורגיש). אַ פאָלשטענדיגע היילונג.

רָצוֹן, הם. ווילען, באַגעהר.

רְצוּעָה, הוו. (מ. רְצוּעוֹת). אַ לאַנגער שמאָלער לעדערנער רימען צוגעבונדען צו די תפלין מיט וועלכען מע באַפעסטיגט זיי אויף דער האַנד אָדער אויפ'ן קאָפּ.

רַצְחָן, הם. (מ. רַצְחָנים). מערדער, גרויזאַמער מענש.

רַצְחָנ'טע, הוו. (מ. רַצְחָנ'טעס). זעה רַצְחָן.

רַצְחָנוּת, הוו. מערדעריי, גרויזאַמקייט.

רְצִיחָה, הוו. (מ. רְצִיחוֹת). מערדעריי; גרויזאַמע טהאַט; גרימצאָרן, וואוטה.

רַק, א. נאָר, נאָכאַנאַנד. "רק ער רעדט".

רְקִידָה, הוו. (חסידיש). אַ טאַנץ.

רְשׁוּת, הם. ערלויבנים, רעכט פאַרוואַלטונג, קאָנטראָלע.

רְשׁוּת־הַיָּחִיד, הם. (תלמודיש). אַ פלאַטץ וועלכער געהערט צו אַ פּריוואַט־מענשען.

רְשׁוּת־הָרַבִּים, הם. (תלמודיש). אַ פלאַטץ וואָס געהערט צום פובליקום, אַ'ן עפענטליכער פלאַטץ.

רשבבה"ג, אב. רִבּוֹן שֶׁל כָּל בְּנֵי הַגּוֹלָה (ווז.).

רַשִׁ"י, אב. רַבִּי שְׁלֹמֹה יִצְחָקִי (דער זוהן פון יצחק), אנמ. אַ גרויסער אידישער געלעהרטער וועלכער האָט געלעבט אין 12־טען יאָהרהונדערט און וועלכער האָט געמאַכט קאָמענטאַרען אויף ביבעל און תלמוד וועלכע זיינען איבעראַל אָנגענומען; דער קאָמענטאַר פון רש"י.

רַשִׁ"י־כְּתָב [כְּתַב], הם. אַ געוויסער זאָרט העברעאישע שריפט וועלכע ווערט געוועהנליך געברויכט פאַר קאָמענטאַרען און ראַבינישע ביכער.

רְשִׁימָה, הוו. (מ. רְשִׁימוֹת). פאַרצייכנונג, ליסטע, צעטעל; באַשטעלונג.

רָשָׁע, הם. (מ. רְשָׁעִים). איינער וועלכער היט ניט אָפּ די אידישע גלויבענס־געזעצען, אַ נאָטלאָזער מענש; אַ שלעכטער בייזער מענש;

איינער פון די אַרבעה־בנים (ווז.). איהם געהט ווי אַ רשע אויף יענער וועלט, איהם געהט שלעכט. איהם געהט ווי אַ רשע אויף דער וועלט, איהם געהט גוט. „אַז אַ רשע קוקט אין וואַסער אַריין פגר׳ען די פיש“ (שפוו.). „בעסער אַ קלוגער רשע איידער אַ גוטער שוטה“ (שפוו.).

רָ׳שָׁע־מְרוּ׳שָׁע *, הם. אַ זעהר שלעכטער מענש.

רִשְׁ׳עוּת, הוו. שלעכטסקייט, בייזקייט.

רִשַׁ׳עַת *, הוו. (מ. רִשַׁ׳עַתִ׳ען). זעה מִרְשַׁ׳עַת.

ר״ת, אב. רָא׳שֵׁי־תֵבוֹת (ווז.).

שׁ.

(דער בוכשטאַב שׂ (אויסגעשפּראָכען ווי „ס“) קומט באַזונדער — נאָך דעם בוכשטאַב שׁ).

שׁ, דער איין און צוואַנציגסטער בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית. מיט אַ פינטעלע אויף דער רעכטער זייט (שׁ) אויסגעשפּראָכען ווי אין „שלאָגען“; מיט אַ פינטעלע אויף דער לינקער זייט (שׂ) אויסגעשפּראָכען ווי „ס“; אין צעהלען (שׁ) גערעכענט אַלס 300. זעה שִׁין.

שָׁ׳אוּל, אנם. דער נאָמען פון דעם ערשטען אידישען קעניג.

שְׁאוֹל־תַּחְתִּ׳יָה, הם. (ביבליש). אונטערערד, טיעפער אָבגרונד. ליעגען אין שאול־תחתיה, זיין זעהר נידעריג געפאַלען.

שֶׁאֵ׳ינוֹ־יוֹדֵ׳עַ־לִשְׁ׳אוֹל, הם. (תלמודיש). איינער וועלכער ווייס ניט ווי צו פרעגען, איינער פון די ארבעה־בנים (ווז.); אַ נאַרר.

שאַכערען (איינענטליך: סַ׳חֶר׳ען), צש. מאַכען געשעפטען, האַנדלען.

שַׁאֲ׳לָה, הוו. (מ. שַׁאֲ׳לוֹת). פראַגע; רעליגיאָנס־פראַגע; אַ קראַנקהייט אָדער אַ פעהלער וואָס מע געפינט אין אַ געקוילעטער בהמה אָדער עוף און וועגען וועלכע מע מוז געהן פרעגען אַ שאלה. „אַז מע פרעגט אַ שאלה איז טרף“ (שפוו.).

שַׁאֲ׳לָה־(וּ)תְשׁוּ׳בָה, הוו. (מ. שַׁאֲ׳לוֹת־(וּ)תְשׁוּ׳בוֹת). פראַגע און אַנטוואָרט, אָפּהאַנדלונג אין וועלכער ביידע זייטען פון אַ רעליגיעזער פראַגע ווערען אַרומגערעדט ביז אַ׳ן ענטשיידונג ווערט אַרויסגעבראַכט.

שַׁאֲ׳לַת־נָ׳שִׁים, הוו. „אַ פראַגע פון פרויען“, אַ פראַגע וועגען די רייינקייט פון פרויען (לויט די אידישע מענסטרואַציאָן־געזעצען).

שַׁאֲ'לָת * תְּשׁוּ'בָה, הוו. זעה שַׁאֲלָה־(ו)תְּשׁוּבָה.

שאַסקען, זעה שַׁתְ'קִיען.

שְׁאֵר־בָּ'שָׂר, הם. (ביבליש). אַ פאַרוואַנדטער.

שְׁאָר [שְׁאַר]־יְרָ'קוֹת, מ. (ליטורגיש). "(אַלע) איבעריגע קרייטעכצער", אַלערליי זאַכען.

שֶׁבְּ־ (צוגעשטעלט אין אָנהויב פון אַ וואָרט), צווישען, צווישען אַלע, פון אַלע. עָ'נִי־שֶׁבָּעֲנִ'יִּים, דער אָרעמסטער פון די אָרעמע.

ש"ב, אב. שְׁאֵר־בָּ'שָׂר (ווז).

שְׁבוּ'עָה, הוו. (מ. שְׁבוּ'עוֹת). אַ שוואור. געבען אַ ש ב ו ע ה, שווערען. שווערען מיט טויטע ש ב ו ע ו ת, פייערליך שווערען.

שָׁבוּ'עוֹת, הם. (מ. שָׁבוּ'עוֹת'ען). "דער פעסט פון די וואָכען", דער אידישער פייערטאָג וועלכער פאַלט אין דעם 6־טען און 7־טען טאָג פון דעם מאָנאַט סיון אָדער זיעבען וואָכען נאָך דעם ערשטען טאָג פון פסח און ווערט געפייערט אַלס דער פעסט פון די ערשטע פרוכטען און אויך אין אָנדענק אָן מתן תורה. זעה סְפִי'רָה.

שְׁבוּ'עֵי * ־שְׁבוּ'עוֹת, מ. פּיעל אָדער הייליגע שבועות. שווערען מיט ש ב ו ע י ־ ש ב ו ע ו ת, זעהר הייליג שווערען.

שְׁ'בוּשׁ, הם. (אייגענטליכע באַדייטונג: פעהלער, גרייז), אַ'ן אונזויכטיגע זאַך, אַ קליינינקייט.

שֶׁבַח [שְׁבָח], הם. (מ. שְׁבָ'חִים). לויב, לויב־וואָרט. דערצעהלען אימיצענ'ס ש ב ח י ם, דערצעהלען אימיצענ'ס גוטע טהאַטען אָדער אייגענשאַפטען.

שֶׁ'בַח, הם. (מ. שְׁבָ'חִים). לויב, דאַנק. "אָפּגעבען אַ ש ב ח צום באַשעפער".

שְׁבָט [שְׁבַט], הם. דער פינפטער מאָנאַט פון דעם אידישען יאָהר; פאַלט אין יאַנואַר־פעברואַר און האָט דרייסיג טעג.

שֵׁ'בֶט, הם. (מ. שְׁבָ'טִים). אַ שטאַם; איינער פון די צוועלף אידישע שטאַמען.

שְׁבִ'יעִי, צ. "דער זיבעטער", דער וואָס ווערט אויפגערופען דער זיבעטער צום לייענען אין שוהל. געבען ש ב י ע י, אויפרופען דעם זיבעטען.

שְׁבִ'יעִי־שֶׁל־פֶּ'סַח, הם. דער זיבעטער טאָג פון פסח.

שְׁבִ'יעִית, הוו. דאָס זיבעטע יאָהר (פאַרצייטען ביי אידען) אין וועלכען מע האָט ניט געטאָרט בעאַרבייטען דאָס לאַנד און וועלכעס איז געווען אַ פעסט־יאָהר.

שֶׁ'בַע־בְּרָ'כוֹת, מ. די זיבען ברכות וועלכע מע זאָגט אין דעם הויז פון די ניי־פאַרהייראַטהעטע אין דער וואָך פון דער חתונה ביי יעדער מאָהלצייט.

שֶׁ'בַע־בְּרָ'כוֹת, הם. (מ. שֶׁ'בַע־בְּרָ'כוֹת'ען). די פאַרזאַמלונג פון געסט אין דעם הויז פון די ניי־

פאַרהייראַטהעטע פרייטאָג צו נאַכט נאָך דער חתונה. זעה אויבען.

שֶׁ'בַע־חָכְ'מוֹת, מ. "די זיבען ווי־סענשאַפטען", אַלע וויסענשאַפטען. ער קען אַלע שבע־חכמות, ער איז זעהר געבילדעט.

שִׁבְ'עָה, צ. זיבען; די זיבען טרויער־טעג נאָך אַ טויטען אין פאַרלויף פון וועלכע די טרויערערס זיצען אויף אָדער נאָהנט צו דער ערד. זיצען שבעה, האַלטען די טרויער טעג.

שִׁבְ'עָה־דְּבָ'רִים־בְּגוֹ'לֶם, (תלמו־דיש). זיבען שלעכטע אייגענשאַפ־טען זיינען פאַראַן ביי אַ'ן אידיאָט (ער ענטפערט נים צו דער זאַך, ער שטעקט זיך אַריין אין אַ פרעמ־דען געשפרעך, א. א. וו.).

שִׁבְ'עָה־יַ'מִּים, מ. (תלמודיש). די זיבען מעָרען. אויף אַלע שבעה ימים, צווייהט און צוואָרפען.

שִׁבְ'עָה־מְדוֹ'רֵי־גֵיהִנּוֹם [גֶהֶ'נֶם], מ. די זיבען אָפּטהיילונגען אין וועלכע דער גיהנום איז איינגעטהיילט. דורכמאַכען אַלע שבעה־מדורי־גיהנום, זעהר פיעל אויסשטעהן.

שִׁבְ'עָה־עָ'שָׂר־בְּתַמּוּז [בְּתַ'מוּז], המ. דער זיבענצעהנטער טאָג פון מאָ־נאַט תמוז, אַ פאַסט־ און טרויער־טאָג אין אנדענק אן נבוכדנאצר'ס באַלאַגערונג פון ירושלים.

שִׁבְ'עִים, צ. זיבעציג.

שִׁבְ'עִים־לָ'שׁוֹן (לְשׁוֹ'נוֹת), מ. (תל־מודיש). "די זיבעציג שפראַכען", אַלע שפראַכען פון דער וועלט; פיעל שפראַכען.

שֶׁ'בֶר, המ. אַ ברוך, אַ סילע.

שִׁבְ'רוֹת־הַלֵּב [הַלֶּ'בּ], הוו. האַרץ־ברעכעניס, גרויסער פאַרדרוס, קומער.

שִׁבְ'רֵי־כֵּלִי [כֵּ'לִי], הוו. (מ. שִׁבְ'רֵי־כֵּ'לִים), (תלמודיש). אַ צובראָ־כענער שאַרבען.

שִׁבְ'רֵי־לֵב, זעה שִׁבְ'רוֹת־הַלֵּב.

שִׁבְ'רֵי־לוּ'חוֹת, מ. (תלמודיש). די ברוכשטיקער פון די ערשטע לוחות וועלכע גאָט האָט געגעבען משה'ן אויף דעם באַרג סיני (די ביבעל דערצעהלט אַז משה אַרונ־טערשטייגענדיג פון באַרג און אויס־געפינענדיג אַז אין זיין אַבוועזענ־הייט האָט דאָס פאָלק געדיענט צו אַ גאָלדענעם קאַלב, האָט די דאָזיגע לוחות צובראָכען).

שְׁבָ'רִים, מ. געוויסע אָפּגעהאַק־טע טענער פון אַ שופר. זעה תְּקִי'עָה.

שַׁ'בָּת, המ. (מ. שַׁבָּ'תִים. אייגענט־ליך שַׁבָּ'תוֹת). אַ רוהע־טאָג, דער זיבענטער טאָג פון וואָך; דער נאָמען פון אַ געוויסער מסכתא. האַלטען שבת ערגעץ וואו, זיין ערגעץ וואו איבער שבת. מאַכען שבת, פאַרבע־רייטען אַלצדינג וואָס איז נייטהיג אויף שבת. אַריינפאָהרען מיט'ן דייקסעל אין שבת אַריין, קו־מען צופאָהרען פרייטאָג שפעט פאַרנאַכט. "גוט שבת!", גרוס ווערטער וועלכע מע גיט זיך אום

שבת. גוט ש ב ת נאָ דיר!, אָט האָסטו דיר אַ געשיכטע!. "וואָס האָט אַ פּאַטש צו גוט־ש ב ת" (ווער.), "פאַר נויטה טהוט מען אָן דעם ש ב ת אָן דערוואָכען" (שפּוו.). "ש ב ת האָט אַפּילו דער סמבטיון אויך רוהה" (שפּוו.). "ש ב ת לערנט ער און מכות קען ער" (ווער. — דער וויץ באַשטעהט אין דער צווייידייטינקייט פון דעם וואָרט "מכות" וואָס איז, אויסער זיין געוועהנליכער באַדייטונג, דער נאָמען פון אַ געוויסער מסכתא).

שַׁ'בָּת־בְּרֵא'שִׁית, הם. (תּלמודיש). דער שבת אין וועלכען מע לייענט בראשית. זעה סֶדְ'רָה.

שַׁ'בָּת־גוֹי [גָ'י], הם. (מ. שַׁ'בָּת־גוֹיִם [גָ'יים]). אַ ניט־איד וועלכער טהוט פאַר אידען אום שבת יענע אַרבּייטען וועלכע זיי טאָרען אַליין ניט טהאָן; אַ איד וועלכער היט ניט אָפּ די געזעצען פון שבת.

שַׁ'בָּת־הַגָ'דוֹל, הם. דער גרויסער שבת, דער שבת פאַר פּסח.

שַׁ'בָּת־חֲזוֹן [חַזָן'], הם. דער שבת פאַר תּשעה־באב אין וועלכען מע לייענט אין שוהל דאָס קאַפּיטעל וואָס הויבּט זיך אָן: חֲזוֹן' יְשַׁעְיָ'הוּ (די פּראָפּעצייהונג פון ישעיהו).

שַׁ'בָּת־ליכט, הז. איינס פון די ליכט וועלכע מע צינדט אָן פרייטאָג צו נאַכט צו ליכט־בענשען.

שַׁ'בָּת־מְבָרְ'כִים, הם. דער שבת אין וועלכען מע בענשט ראש־חודש.

שַׁ'בָּת־נַחֲ'מוּ, הם. דער שבת נאָך תּשעה־באב אין וועלכען מע לייענט אין שוהל דאָס קאַפּיטעל פון ישעיהו וואָס הויבּט זיך אָן: נַחְ'מוּ נַחֲ'מוּ עַ'מִי (טרייסטעט, טרייסטעט מיין פאָלק).

שַׁבָּת [שַׁבּוֹת'] ־צו־נאַכט, הם. דער אָבענד נאָך שבת.

שַׁ'בָּת־קוֹ'דֶשׁ, הם. דער הייליגער שבת, שבת.

שַׁ'בָּת־שׁוּ'בָה, הם. זעה שַׁ'בָּת־תְּשׁוּ'בָה.

שַׁ'בָּת־שטעך, מ. שטעך געמאַכט פרייטאָג פאַר נאַכט ווען מע איילט זיך צו מאַכען שבת. "ש ב ת־ש ט ע ך האַלטען ניט" (שפּוו.).

שַׁ'בָּת־שִׁי'רָה, הם. דער שבת אין וועלכען מע לייענט אין שוהל די סדרה וואָס ענטהאַלט דאָס לויב־געזאַנג וואָס משה האָט געזונגען ווען די אידען זיינען אַריבּער דעם ים־סוף.

שַׁ'בָּת־תְּשׁוּ'בָה, הם. "דער שבת פון באַרייאונג", דער שבת וועלכער פאַלט צווישען ראש־השנה און יום־כפור.

שַׁ'בָּתִ'דיג, א. באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבּענדיג די איינגענשאַפטען פון שבת; הייליג, רוהיג; אויסגעפּוצט, אויפגעראַמט, פרעהליך.

שַׁבְּ'תַי־צְבִ'י, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען קאַבּאַליסט וועלכער האָט געלעבּט אין דעם זיבּעצעהנטען יאָהרהונדערט און האָט זיך אַרויסגעגעבּען אַלס דער משיח פון

דעם אידישען פאָלק און האָט גע־האָט פיעלע אנהענגער.

שַׁבְּ'תַי־צְבִי"'ניק, הם. (מ. שַׁבְּ'תַי־צְבִי"'ניקעס). איינער פון די אנ־הענגער פון שבתי־צבי אָדער פון דער סעקטע וועלכער ער האָט איבערגעלאָזען נאָך זיין טויט.

שְׂגִי'אָה, הוו. (מ. שְׂגִי'אוֹת). פאַר־זעהן, אירטהום, דרוק־פעהלער.

שִׁגְ'עוֹן, הם. וואהנזין; וואהנזיני־גער געדאַנקען; קאפריז (מ. שִׁגְעוֹ'נוֹת); איינער וועלכער האָט וואהנזיניגע אָדער ווילדע געדאַנ־קען. "איטליכער איד האָט זיין שגעון" (שפוו.).

שֵׁד [שֵׁד], (מ. שֵׁ'דִים). א טייוועל. "אז פאָטער און מוטער זיינען שדים קומען אַרויס קינדער ווי די רוחות" (שפוו.). "א שנור מיט א'ן איידעם זיינען א פאָר שדים" (שפוו.).

שְׁ'דוּךְ, הם. (מ. שְׁדוּ'כִים). א היי־ראַטה־פאַרטיע. ריידען א שדוך, פאַרשלאָגען א הייראַטה־פאַרטיע. "א שדוך איז ווי א לייטער אז מע שטעלט איהם קרום קריכט מען אַרויף גלייך" (שפוו.). "א שדוך זאָל מען טהאָן אין דער היים א גנבה אין דער פרעמד" (שפוו.). "פון קרומע שדוכים קומען אַרויס גלייכע קינדער" (שפוו.).

שַׁ'דַּי, הם. א געוויסער נאָמען פון גאָט (דאָס וואָרט ווערט געוועהנ־ליך אויפגעשריבען אויף דער דרוי־סענדיגער זייט פון דער מזוזה).

שַׁדְ'כָן, הם. (מ. שַׁדְכָ'נִים). א הייראַטה־פאַרמיטלער; א מעקלער. א לאַנד־שדכן, איינער וועל־כער ברענגט צונויף הייראַטה־פאַר־טייען צווישען פערזאָנען וועלכע וואוהנען אין פאַרשידענע שטעדט אָדער געגענדען. "א שדכן מוז זיין א ליגנער" (שפוו.).

שַׁדְכָ'נוּת, הוו. די פראָפעסיאָן פון א הייראַטה־פאַרמיטלער; די באַ־באַלויהנונג וועלכע מע גיט דעם הייראַטה־פאַרמיטלער, מעקלעריי־געלט.

שַׁדְ'כָנִיטע, הוו. (מ. שַׁדְ'כָנִיטעס). זעה שַׁדְ'כָן.

שַׁדְכָ'נִ'יש, א. באַלאַנגענדיג צו אָדער האָבענדיג די אייגענשאַפט פון א שדכן.

שַׁדְ'כָנִ'עָן, צא. פאָרשלאָגען (אימ־צען) אַלס א הייראַטה־פאַרטיע; צש. פאָרשלאָגען א פאַרטיע. שדכנ'ען־זיך, זיך פריינדלען (צו א פערזאָן) מיט דער אבזיכט זי צו הייראַטהען.

שֶׁדְ'רָה, הוו. (מ. שֶׁדְ'רוֹת). זעה חוט־הַשֶּׁדְ'רָה.

שֶׁהֶחֱיָ'נוּ, הם. (ליטורגיש). "פאַר וואָס ער האָט אונז געלאָזט דער־לעבען", א וואָרט און דער נאָמען פון א געוויסער ברכה וועלכען מע זאָגט ווען עס קומט א פייערטאָג, ווען מע עסט א נייע פרוכט אָדער ווען מע דערלעבט א פרעהליכע פאַסירונג. מאַכען שהחינו, זאָגען די ברכה פון שהחינו; פאַר־זוכען צום ערשטען מאָל. עס איז

איבער איהם שהחינו צו מאַכען, ער זעהט אויס זעהר שען.

שֶׁ'הִי־פְּ'הִי, מ. (תלמודיש). לעדיג געהן, פוסטעפּאַסעווען (די ווער=טער "שהי־פהי" זיינען די אָנפאַנג-בוכשטאַבען פון די ווערטער: שַׁבָּת הַיּוֹם׳ פֶּסַח הַיּוֹם׳, היינט איז שבת היינט איז פסח—די גע=וועהנליכע ענטשולדיגונג פון א פוילענצער). לעבען פון שהי־פהי, לעבען פון דער לופט, ניט האָבען קיין באַשטימטע באַ=שעפטיגונג.

שֶׁהִ'יּוֹת, מ. פאַרזאַמונג, פאַרוויי=לונג, לאַנגזאַמקייט. מאַכען שהיות, זיין זעהר לאַנגזאַם.

שֶׁהַ'כֹּל, המ. (ליטורגיש). א וואָרט און דער נאָמען פון א ברכה וואָס מע זאָגט איידער מע טרינקט וואַ=סער אָדער אַנדערע געטראַנקען (אויסער וויין). "קודם־לכל איז גוט צו מאַכען א שהכל" (שפּוו.).

שֶׁהָ'לַךְ־לְעוֹלָ'מוֹ, (ליטורגיש). "וועל=כער איז אַוועק אויף זיין וועלט", וועלכער איז געשטאָרבען. "ער איז שוין א שהלך־לעולמו".

שְׁוָא, המ. (מ. שְׁוָא'ען). דער העב=רעאישער קאַנזאָנאַנט=צייכען ":" געשריבען אונטער יעדען בוכשטאַב וועלכער ווערט אויסגעשפּראָכען אָהן א וואָקאַל (אויסער צום ענד פון א וואָרט).

שָׁוְא [שַׁוּ]-וְשֶׁ'קֶר, מ. באַטרוג און ליגען, ליגען.

שְׁוָא־נָח, המ. א שוא אונטער א קאַנזאָנאַנט וואָס געהערט צו דער פאָריגער זילבע.

שְׁוָא־נָע, המ. א שוא אונטער א קאַנזאָנאַנט וואָס געהערט צו דער פאָלגענדער זילבע.

שׁוֹ'אֵל־בַּע'צָה־זיין, צש. פרעגען א ראַטה.

שׁוּ"ב, אב. שׁוֹ'חֵט־וּבוֹ'דֵק [וּבוֹ'דֵק], איינער וועלכער קען קוילען און בדק'ען (בהמות אָדער עופות) לויט דעם אידישען דין, א שוחט.

שׁוֹ'גֵג, המ. איינער וועלכער באַ=געהט א זינד אָדער א פאַרברעך אומגערן.

שָׁ'וֶה־בְּשָׁ'וֶה, א. גלייך אויף גלייך. ניט זיין שוה־בשוה, זיין צוקריגט.

שָׁ'וֶה־כֶּ'סֶף, המ. (תלמודיש). עפּעס וואָס איז ווערטה געלט, א ווערטה=זאַך.

שָׁ'וֶה־פְּרוּ'טָה, המ. (תלמודיש). דער ווערטה פון א פרוטה, א קלייניגקייט.

שׁוֹ'חַד, המ. באַשטעכונג, כאַבאַר.

שׁוֹ'חֵט, המ (מ. שׁוֹחֲטִים [שָׁח'טִים]). א שעכטער, איינער וועלכער איז אָנגעשטעלט צו קוילען בהמות אָדער עופות לויט דעם אידישען דין. אויסבייטען א שוחט אויף א שינדער, מאַכען א שלעכטען בייט. אַרומגעהן ווי א שוחט אין די ניין טעג, אַרומגעהן לע=דיג. "מעהר שוחטים ווי היהנער" (ווער.).

שׁוֹחֲטוּת [שָׁח'טוּת], הוו. די שטעלע אָדער אַמט פון א שוחט.

שוחטייש [שָח'טִייש], א. באַלאַנגענדיג צו אַ שוחט.

שו'חֲטיקע, הוו. (מ. שו'חֲטיקעס). די פרוי פון אַ שוחט.

שו'טֶה, הם. (מ. שו'טִים). אַ נאַרר. שוטה בן פיקהאָלץ, גרויסער נאַרר.

שו'כֵן־עָ'פָר, הם. (מ. שוֹכ'נֵי־עָ'פָר), (ביבליש). "דער וועלכער רוהט אין שטויב", אַ געשטאָרבענער.

שוּל'חָן, הם. דער טיש אויף וועלכען מע לייענט אין שוהל.

שוּל'חָן־עָ'רוּךְ, הם. "אַ געגרייטעטער טיש", דער נאָמען פון אַ געוויסען בוך וואָס ענטהאַלט אַלע אידישע דינים און מנהגים אין סיסטעמאַטישער אָרדנונג.

שו'לט־זיין, צש. געוועלטיגען, האָבען אַ ווירקונג. "קיין בייז אויג זאָל אויף איהם ניט שולט־זיין".

שוּל'מִית, אנוו. דער נאָמען פון דער הירטהין וועלכע ווערט באַזונגען אין שיר־השירים.

שום, א. אירגענד וועלכער (וועלכע, וועלכעם). קיין שום זאַך ניט, אַבסאָלוט קיין זאַך ניט.

שו'מו־שָׁמַ'ים, אר. (ביבליש). שטוינט איהר הימלען! שרעקליך!

שו'מֵר, הם. (מ. שוֹמְרים [שָמ'רים]). היטער, וועכטער, אויפפאַסער; די דריטע פערזאָן אין אַ צימער וואו עס געפינען זיך פרעמדע מאַן און פרוי (לויט אַ תלמודישען פאַרזאָג איז ניט ערלויבט אַ מאַן צו זיין אין איין צימער מיט אַ פרעמדער פאַרהייראַטהעטער פרוי סיידען אַ דריטע פערזאָן געפינט זיך דערביי). "דער גנב פאַר דער טהיר איז דער בעסטער שומר" (שפוו.).

שו'מֵר־וּמַ'ציל־זיין, צא. היטען און באַשירמען, אָפּהיטען.

שו'מֵר־וּמְשַ'מֵר־זיין, צא. אויפפאַסען און באַהיטען, אָפּהיטען.

שו'מֵר־ח'נָם, הם. (תלמודיש). אַ'ן אומזיסטער היטער, איינער וועלכער נעהמט פון אַ צווייטען אַ זאַך צו באַהאַלטען אָהן אַ באַלויהנונג און איז דאַריבער ניט פאַראַנטוואָרטליך ווען די זאַך ווערט פאַרלאָרען.

שו'מֵר־פְּתָ'אִים, הם. (ביבליש). דער וועלכער באַשיצט די נאַררען (גאָט). "איהם קען אפילו דער שומר־פתאים ניט העלפען" (ווער.).

שו'מֵר־שָ'כָר, הם. (תלמודיש). אַ היטער פאַר באַלויהנונג, איינער וועלכער נעהמט פון אַ צווייטען אַ זאַך צו באַהאַלטען פאַר אַ געוויסען לויהן און איז דאַריבער פאַראַנטוואָרטליך ווען די זאַך ווערט פאַרלאָרען.

שו'מֵר־תַּקָ'נָה, הם. איינער וועלכער פאַסט אויף דאָס געזעץ זאָל אָפּגעהיט ווערען. "וואָס ביזטו עפּעס דער שומר־תקנה געוואָרען?".

שו'פֵט, הם. (מ. שוֹפְטים [שָפְ'טִים]). אַ ריכטער. "צווישען מאַן און ווייב

אין נאָר גאָט אַ שופט״ (שפּוו.).

שוֹפְ׳טִים, המ. ״די ריכטער״, דער נאָמען פון אַ געוויסען בוך פון דער ביבעל; הוו. דער נאָמען פון דער אַכט און פערציגסטער סדרה (ווז.).

שוֹ׳פֵךְ־דָּם [דַם]־זיין, צש. (ביבליש). צאַפּען דאָס בלוט, פאַרשעמען, באַליידיגען.

שוֹ׳פָר, המ. (מ. שוֹפְ׳רוֹת). דער האָרן פון אַ באָק אין וועלכען מע בלאָזט אום ראש־השנה און ביי אַנדערע פייערליכע געלעגענהייטען. ״אַ׳ן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזען״ (שפּוו.).

שוֹ׳פָר־שֶׁל־מָשִׁי׳חַ, המ. (תלמודיש). דער לעגענדאַרישער האָרן אין וועלכען עס וועט געבלאָזען ווערען, ווען דער אידישער דערלייזער וועט קומען. ״איך זאָל אַזוי הערען שופר־של־משיח״ (אַ׳ן אויסדרוק פון שווערען).

שוֹר, ״דער אָקס״, דער אַסטראָנאָמישער צייכען אין דעם שטערען־קרייז פאַר דעם מאָנאַט אייר. זעה מַ׳זָל.

שוֹר־הַבָּר׳, המ. (תלמודיש). דער ווילדער אָקס, דער לעגענדאַרישער אָקס וועלכער צוגלייך מיט דעם לויתן און דעם יין־המשומר איז אָנגעגרייט אַלס שפּייז פאַר די פרומע אין דער צייט ווען משיח וועט קומען.

שוֹר־הַנִסְ׳קָל, המ. (תלמודיש). אַ׳ן אָקס וועלכער האָט געטויטעט אַ מענשען און איז פאַראורטהיילט געוואָרען (פאַרצייטען ביי אידען) פאַרשטיינט צו ווערען. ״ער האָט אַ פּיסקעל ווי אַ שור־הנסקל״ (ווער.).

שוּ׳רָה, הוו. (מ. שוּ׳רוֹת). אַ רייהע, אַ רייהע פון קברים אויף אַ טויטענפעלד; אַ ליניע, אַ צײלע (פון אַ בוך). געבען די צוועלף שורות, געבען אַ גט.

שוּ׳רֻק, המ. (מ. שוּ׳רֻקִ׳ען). דער נאָמען פון דעם העברעאישען וואָקאַל־צייכען ״ֻ״ (ווען לאַנג); ווערט געשריבען אונטער דעם בוכשטאַב און אויסגעשפּראָכען ווי ״ו״ אין ״קומען״.

שוֹ׳רֶשׁ, המ. (מ. שָׁרָ׳שִׁים). וואָרצעל, אורשפּרונג, אָפּשטאַמונג; דער וואָרצעל־שטאַם פון אַ וואָרט.

שוּ׳שַׁן, אנוו. זעה שוּ׳שַׁן־הַבִּי׳רָה.

שוּ׳שַׁן־הַבִּי׳רָה, אנוו. (ביבליש). די רעזידענץ־שטאָדט שושן, דערמאָנט אין דעם בוך אסתר.

שוּ׳שַׁן־פּוּ׳רִים, המ. דער טאָג אין וועלכען די אידישע איינוואָהנער פון דער שטאָדט שושן האָבען געפייערט דאָס פעסט פון פורים, דער טאָג נאָך פורים (וועלכער ווערט אויך באַטראַכטעט ווי אַ שטיקעל יום־טוב).

שוֹשַׁ׳נַת־יַעֲקֹב [יַנְ׳קֹב], המ. (ליטורגיש). ״די ליליע פון יעקב״, דער נאָמען פון אַ רעליגיעזען פרייד־געזאַנג וואָס ווערט געזונגען מיט אַ געוויסער מעלאָדיע אום פורים.

שו״ת, אב. שְׁאֵ׳לָה־(וּ)תְשׁוּ׳בָה (ווז.).

שוּ׳תָּף, הם. (מ. שוּתָּפִים [שוּתְ׳פִים]). טהיילנעהמער, טהיילהאבער (אין אַ געשעפט אָדער אונטערנעהמונג).

שוּתָּפוּת [שוּתְ׳פוּת], הוו. געזעלשאַפט, קאָמפּאַניע (אין אַ געשעפט).

שוּתְ׳פוּתידיג, א. געהערענדיג צו צוויי אָדער מעהרערע פּערזאָנען, געמיינשאַפטליך.

שוּ׳תָּפ׳טע, הוו. (מ. שוּ׳תָּפ׳טעס). זעה שוּ׳תָּף.

שוּתְ׳פּ׳יש, א. זעה שוּתְ׳פוּת׳ידיג.

שָׁ׳חוֹר, הם. (מ. שְׁחוֹ׳רים), (אַמעריקאַניש). אַ שוואַרצער, אַ נעגרא.

שָׁ׳חוֹר׳טע, הוו. (מ. שָׁ׳חוֹר׳טעס). זעה שָׁ׳חוֹר.

שֶׁח׳ט׳ען (גע׳שָׁח׳ט׳ען), צא. שלאַכטען, אויסשלאַכטען; קויהלען (בהמות אָדער עופות) לויט דעם אידישען דין. "דער מלאך־המות ש ח ט און בלייבט גערעכט" (שפּוו.).

שְׁחִי׳טָה, הוו. (מ. שְׁחִי׳טוֹת). דאָס קוילען פון בהמות און עופות לויט דעם אידישען דין; די אידישע דינים פון קוילען; אויסשלאַכטונג, בלוט־באָד.

שְׁחִי׳טָה־געלט, הז. דאָס געלט וואָס מע גיט דעם שוחט פאַר דאָס קוילען.

שְׁחִי׳טַת־עוֹ׳פוֹת, הוו. דאָס קוילען פון עופות לויט דעם אידישען דין.

שַׁחֲ׳רִית, הם. (מ. שַׁחֲרִי׳תִים *). דאָס פריה־מאָרגענדיגע דאַווגען.

שְׁ׳טָה, הוו. (מ. שִׁ׳טוֹת). גאַנג, שטייגער, מעטהאָדע, טהעאָריע.

שְׁטוּת, הוו. (מ. שְׁטוּ׳תִים *, שְׁטוּ׳ת׳ען). נאַרישקייט, דומהייט.

שְׁטוּת׳יעריי׳, הוו. נאַרישקייט.

שֶׁ׳טַח, הם. אַ שטרעקע.

שט״ח, אב. שְׁטַר־חוֹב (ווז.).

שְׁטַר, הם. אַ וועקסעל, אַ צעטעל, אַ דאָקומענט.

שְׁטַר־חוֹב, הם. (תלמודיש). אַ וועקסעל.

שְׁטַר־מְכִי׳רָה, הם. אַ פאַרקויף־שיין, אַ פאַרקויף־דאָקומענט.

שְׁטַר־עִסְ׳קָא, הם. אַ וועקסעל וועלכער איז אויסגעמאַכט מיט אַ התיר־עסקא (ווז.); אַ התיר־עסקא.

שְׁטַר־קַבָּ׳לָה, הם. אַ קוויטונג־צעטעל, אַ קוויטונג.

שַׁ״י־עוֹ׳לָמוֹת, מ. די דריי הונדערט מיט צעהן וועלטען וועלכע זיינען אָנגעגרייט פאַר יעדען צדיק נאָך זיין טויט.

שִׁי׳בוּשׁ, זעה שִׁ׳בּוּשׁ.

שִׁיבְ׳רוּת־, זעה שִׁב׳רוּת־.

שִׁינָ׳עוֹן, זעה שִׁגָ׳עוֹן.

שִׁי׳דוּךְ, זעה שִׁ׳דוּךְ.

שִׁי׳טָה, זעה שִׁ׳טָה.

שייגעץ (פון: שֶׁ׳קֶץ), הם. (מ. שְׁקָ׳צים, שייגאָצים). אַ ניט־אידיש אינגעל; אַ פרעכער קערל, אַ יונגאַטש; איינער וועלכער היט ניט אָפּ די אידישע גלויבענס־

געוועצען. „ווי אַ שייגעץ אָהן אַ פּייפּעל" (ווער.).

שיינעצדיג, אַ. פרעך, פאַרשייט.

שַׁיָיךְ, אַ. געהערענדיג, בּאַלאַנגענ=דיג; גילטיג, וויכטיג. דאָס איז ניט שייך צום ענין, דאָס האָט ניט צו טהאָן מיט דער זאַך. בּיי איהם איז ניט שייך אַ פרעמ=דער אָדער אַ'ן אייגענער, בּיי איהם איז ניט קיין אונטערשיעד צווישען אַ פרעמדען אָדער אַ'ן אייגענעם. שייך?, וואָס הייסט?

שַׁיְיכוּת, הוו. פאַרבּינדונג, פאַר=וואַנדשאַפט, בּאַציהונג.

שִׁיכְבַת־, זעה שִׁכְבַת־.

שִׁיכּוֹר, זעה שִׁכּוֹר.

שִׁיכְחָה, זעה שִׁכְחָה.

שִׁילוּשׁ, זעה שִׁלוּשׁ.

שִׁילְשׁוּל, זעה שִׁלְשׁוּל.

שִׁין, הם. (מ. שִׁינען). דער נאָ=מען פון דעם איין און צוואַנציג=סטען בּוכשטאַבּ פון דעם אידישען אַלף־בּית; זיען געשריבּען מיט אַ פּינטעלע אויף דער רעכטער זייט (ש).

שִׁין־יְמָנִית, אַ שין מיט אַ פּינטעלע אויף דער רעכטער זייט (ש). זעה שִׁין־שְׂמָאלִית.

שִׁינוּי, זעה שִׁנוּי.

שִׁיעוּר, זעה שִׁעוּר.

שִׁיפְחָה, זעה שִׁפְחָה.

שִׁיפְלוּת, זעה שִׁפְלוּת.

שִׁיקסע, הוו. (פון: שייגעץ, ווז.), (מ. שיקסעס). אַ ניט=אידישע מיידעל; אַ פאַרשייט מיידעל. „אַ שיקסע בּיי אַ רב קען אויך פּסק'ען שאלות" (שפּוו.).

שִׁיר, הם. (מ. שִׁירִים). אַ ליעד, אַ געדיכט.

שִׁיר־הַמַּעֲלוֹת, הם. (מ. שִׁיר־הַמַּעֲלוֹת'ען). (בּיבּליש). „דאָס ליעד פון די טרעפּען", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון גע=וויסע קאַפּיטלעך תהלים; אַ צע=טעל אויף וועלכען עס זיינען אויפגעשריבּען אָדער אויפגעדרוקט דאָס הונדערט און איין און צוואַנציג=סטע קאַפּיטעל תהלים און געוויסע קאַבּאַליסטישע ווערטער און נאָ=מען און וועלכעס ווערט אויפגע=קלעפּט אין דעם הויז וואו עס גע=פינט זיך אַ קינפּעטאָרין אום זי און דאָס קינד צו בּאַשיצען קעגען בּייזע גייסטער; ווערטהלאָזעס פּאַ=פּיער אָדער ווע־קסעל.

שִׁיר־הַשִּׁירִים, הם. (בּיבּליש). „דאָס ליעד פון אַלע ליעדער", דער נאָמען און די ערשטע ווערטער פון אַ געוויסען בּיבּלישען בּוך וואָס ענטהאַלט די ליעבּעס=געזאַנגען פון קעניג שלמה.

שִׁירָה, הוו. (מ. שִׁירוֹת). געזאַנג, לויבּ=געזאַנג (פון די מלאכים); דאָס לויבּ=ליעד וואָס משה האָט געזונגען ווען די אידען זיינען אַריבּער דעם ים־סוף. זעה אָזְ־יָשִׁיר.

שְׁיַר'יִים, מ. "די איבערגעבליבענע", דער רעשט. כאַפּען דעם רבי'נס שיריים, כאַפּען דאָס וואָס איז איבערגעבליבען פון אַ גוטען אידענ'ס מאָהלצייט (אַ חסידישער איינפיהר).

שִׁי'שִׁי, זעה שְׁ'שִׁי.

שִׁכְ'בַת־זֶ'רַע, הוו. (ביבליש). פּאָלוציאָן.

שְׁכוּ'נָה, הוו. (מ. שְׁכוּ'נוֹת). נאָכבאַרשאַפט, אומגעבונג.

שִׁ'כּוֹר, הם. (מ. שִׁכּוֹ'רִים). אַ טרינקער, אַ פּיאַניצע. "אַז צוויי זאָגען שכור דאַרף זיך דער דריטער לעגען שלאָפען" (שפּוו.). "דער שענקער האָט דעם שכור האָלט אָבער די טאָכטער וועט ער איהם ניט געבען" (שפּוו.). "עס איז ניטאָ קיין שלעכטער בראַנפען פאַר אַ שכור, קיין שלעכטע מטבע פאַר אַ סוחר און קיין מיאוס'ע נקבה פאַר אַ נואף" (שפּוו.).

שִׁ'כּוֹר, א. באַרוישט, באַטרונקען. "וואָס ביי אַ ניכטערען אויף דער לונג איז ביי אַ שכור'ען אויף דער צונג" (שפּוו.).

שִׁ'כּוֹר'יטע, הוו. (מ. שִׁ'כּוֹר'יטעס). אַ טרינקערקע, אַ פּיאַניצע.

שִׁכּוֹר'יניצע [שִׁכָּר'יניצע], הוו. (מ. שִׁכּוֹר'יניצעס [שִׁכָּר'יניצעס]). זעה שִׁ'כּוֹר'יטע.

שִׁכּוֹר'יניק [שִׁכָּר'יניק], הם. (מ. שִׁכּוֹר'יניקעס [שִׁכָּר'יניקעס]). אַ טרינקער, אַ פּיאַניצע.

שִׁ'כּוֹר'ען, צש. טרינקען, פּיאַנע-ווען. פאַר'שכור'ען, באַ-רוישען; פאַרטרינקען. אָנ'-שכור'ען, באַרוישען. אויס'שכור'ען-זיך, זיך אויסניכטערען.

שִׁ'כּוֹר'קייט, הוו. באַטרונקענהייט.

שִׁכְחָה [שִׁכְ'חָה], הוו. פאַרגעסליכ-קייט, דאָס פאַרגעסען; די פאַר-געסענע זאַנגען אויף אַ פעלד פון תבואה וועלכע פלעגען געהערען (פאַרצייטען ביי אידען) צו די אָרעמע.

שַׁכִּי'חַ, א. אָפט פאָרקומענדיג, אָפט פּאַסירענדיג.

שְׁכִי'נָה, הוו. דער שטראַהלענדער גלאַנץ פון דער גאָטהייט, די גאָטהייט. די שכינה רוהט אויף איהם, זיין געזיכט שטראַהלט, ער זעהט אויס זעהר שען. "די שכינה רוהט אויף איהם ווי אויף אַ גזלן" (פאַראָדיע).

שָׁ'כֵן, הם. (מ. שְׁכֵ'נִים). אַ נאָכ-באַר; איינער וועלכער וואוהנט אין אַ געדונגענער וואָהנונג, אַ לאָקאַטאָר. "בעסער אַ רייכער שכן איידער אַ'ן אָרעמער בעל-הבית" (שפּוו.).

שְׁכֶ'נָה, הוו. (מ. שְׁכֶ'נוֹת). זעה שָׁ'כֵן.

שְׁכֵ'נוּת, הוו. נאָכבאַרשאַפט; דאָס וואוהנען אין אַ געדונגענער וואוה-נונג. וואוהנען אין שכנות, וואוהנען אין אַ געדונגענער וואוה-נונג.

שָׁ׳כֶנ׳טע, הװ. (מ. שָׁ׳כֶנ׳טעם). זעה שָׁ׳כֵן.

שִׁכְרוּת [שִׁכְ׳רוּת], הװ. טרינקעריי, פיאַנסטװאָ.

שֶׁל־, פּ. פון, פאַר, אויף.

שֶׁל־יָד [יַד], הם. די תפלין װעלכע מע טראָגט אויף דער האַנד.

שֶׁל־פֶּ׳סַח, א. (שפּייז) צובאַרייט לויט די געזעצן פון פּסח.

שֶׁל־ראש [רָאש], הם. די תפלין װעלכע מע טראָגט אויפ׳ן קאָפּ.

שֶׁלאֹ־כְּדֶ׳רֶךְ־הַטֶ׳בַע, א. ניט װי דער שטייגער פון דער נאַטור, אוננאַטירליך.

שֶׁלאֹ־עָשַׂ׳נִי, "פאַר װאָס ער האָט מיר ניט באַשאַפן", װערטער גענומען פון אַ ברכה װעלכע מע זאָגט אין דער פריה ביי׳ם דאַװנען און אין װעלכער מע דאַנקט גאָט פאַר װאָס מע איז ניט באַשאַפן געװאָרען אַ פרויענצימער. שפּאַסהאַפט װערט דער אויסדרוק אָפט געברויכט צו באַצייכענען אַ פרויענצימער.

שַׁלְוָה, הװ. רוהיגקייט, פרידען.

שְׁלוּ׳חִים, מ. זעה שָׁלִי׳חַ.

שָׁ׳לוֹם, הם. פריעדען; די באַגריסונג פון שלום־עליכם. געבען ש ל ו ם, דערלאַנגען די האַנד צום שלום־עליכם.

שְׁלוֹם [שָׁ׳לוֹם]־בַּ׳יִת, הם. (תלמודיש). פרידען אין הויז, פאַמיליען־פרידען. "צוליעב ש ל ו ם־ב י ת מעג מען זאָגען אַ ליגען" (שפּוו.).

שָׁ׳לוֹם־וְשַׁלְ׳וָה, מ. פרידען און רוה.

שְׁלוֹם [שָׁ׳לוֹם]־זָ׳כָר, הם. (מ. שָׁ׳לוֹם־זָ׳כָרים). די פאַרזאַמלונג פון געסט אין דעם הויז װאו עס איז געבאָרען געװאָרען אַ אינגעל אין דעם פרייטאָג־צו־נאַכט פאַר דעם טאָג פון דער באַשניידונג.

שָׁ׳לוֹם־עֲלֵי׳כֶם, הם. (תלמודיש). "פרידען אויף אייך", װערטער מיט װעלכע מע באַגריסט אַ פרעמדען אָדער איינעם װעמען מע האָט אַ לאַנגע צייט ניט געזעהן (דער באַגריסטער ענטפערט דאַן: "עליכם־שלום"). געבען ש ל ו ם־ע ל י כ ם, דערלאַנגען די האַנד אַלס אַ באַגריסונג. אַ ברייטער ש ל ו ם־ע ל י כ ם, אַ פריינדליכע באַגריסונג. "דער איד ענטפערט תמיד פאַרקעהרט, זאָגט מען איהם ש ל ו ם־ע ל י כ ם ענטפערט ער עליכם־שלום" (שפּוו.).

שְׁלוֹמִי׳אֵל, הם. (מ. שְׁלוֹמִי׳אֵלים). נאַרר, אונפייהיגער מענש, טויגעניכטס.

שְׁ׳לוּש, הם. דריי־פעלטיגקייט, דריי־איינינגקייט.

שָׁ׳לוּש, זעה שָׁ׳לֹש.

שְׁלוֹ׳שָׁה, זעה שְׁלֹ׳שָׁה.

שְׁלוֹ׳שִׁים, זעה שְׁלֹ׳שִׁים.

שְׁלַח־לְךָ, הװ. "שיק דיר", דער נאָמען פון דער זיבען און דרייסיגסטער סדרה (װז.). זעה לֶךְ־לְךָ.

שַׁלַח־מָ׳נוֹת, הם. (מ. שַׁ׳לַח־מָ׳נוֹת׳ען). דאָס געשאַנק פון

שפייזען אָדער געטראַנקען וועל=
כעס מע שיקט איינער צום צוויי=
טען אום פורים. "מיט אַ קאָץ
שיקט מען ניט קיין שלח־
מנות" (שפוו.). זעה מִשְׁלוֹחַ־
מָ׳נות.

שְׁלְ׳חָן, זעה שׁוּלְ׳חָן.

שֶׁלִּי׳, א. מיינס.

שָׁלִ׳יחַ, הס. (מ. שְׁלוּ׳חִים). אַ גע=
שיקטער, אַ געזאַנדטער, אַ שטאַ=
פעט; אַ פאַרטרעטער. "אַ פוילער
שליח צורייסט נאָר די שיך"
(שפוו.).

שָׁלִ׳יחַ־מְיוּ׳חָד, הס. אַ ספעציעל
געשיקטער, אַ׳ן עקסטרא שטאַפעט.

שָׁלִ׳יחַ־צִ׳בּור, הס. (מ. שְׁלִ׳יחֵי־
צִ׳בּור), (תלמודיש). "דער גע=
שיקטער פון דער געמיינדע", דער
וואָס דאַווענט פאַר׳ן עמוד.

שְׁלִ׳יחוּת, הוו. גאַנג, אויפטראַג,
אויפגאַבע, מיסיאָן.

שְׁלִיטָ״א, אב. שֶׁיִחְיֶה לְיָמִים
טוֹ׳בִים אָ׳מֵן, וועלכער זאָל דער=
לעבען גוטע יאָהרען אמן (ווער=
טער וועלכע מע שטעלט נאָך
דעם נאָמען פון אַ גרויסען מאַן).

שְׁלִי׳טָה, הוו. געוועלטיגונג, מאַכט,
אַיינפלוס.

שלים־מַ׳זָל, הס. (מ. שלים־מַ׳זָלים).
אומגליק; איינער וועלכער האָט
קיין גליק ניט צו קיין זאַך; טוי=
געניכטס. צום שלים־מזל,
צום אונגליק.

שלים־מַ׳זָלְ׳דיג, א. אומגליקליך.

שלים־מֶ׳זַל׳ניצע, הוו. (מ. שלים־
מֶזַל׳ניצעס). איינע וועלכע האָט
קיין גליק ניט צו קיין זאַך; אַ
טויגעניכטס.

שלים־מֶזַל׳ניק, הס. (מ. שלים־
מֶזַל׳ניקעס). איינער וועלכער
האָט קיין גליק ניט צו קיין זאַך;
אַ טויגעניכטס.

שלים־שלים־מַ׳זָל, הס. (מ. שלים־
שלים־מַ׳זָלים). גרויס אונגליק;
אַ פערזאָן וועלכע האָט קיין גליק
ניט צו קיין זאַך; גרויסער טויגע=
ניכטס.

שלימעזאַלניק, הס. (מ. שלימע=
זאַלניקעס). זעה שלים־מֶזַל׳=
ניק.

שְׁלִ׳ישׁ, הס. אַ דריטעל.

שָׁ׳לִיש, הס. אַ דריטע פערזאָן וועל=
כע ווערט אויסגעקליבען צו ענט=
שיידען צווישען די צוויי שיעדס=
ריכטער ביי אַ׳ן אָפמאַך ווען זיי
קענען זיך ניט איינינען; איינער
ביי וועמען מע לעגט איין געלט
(אין אַ׳ן אָפמאַך).

שְׁלִי׳שׁוּת, הוו. דאָס אַמט פון אַ
שליש; געלט אָדער ווערטה=זאַכען
אַיינגעלעגט ביי אַ שליש.

שְׁלִי׳שִׁי, צ. דער דריטער, דער
וואָס ווערט אויפגערופען דער דרי=
טער ביי׳ם לייענען אין שוהל.
געבען שלישי, אויפרופען דעם
דריטען (באַטראַכטעט אַלס אַ באַ=
זונדערע עהרע).

שֶׁלְּךָ׳, א. דיינס.

שָׁלָל [שַׁלַל], הס. אַ גרויסער הוי=
פען, זעהר פיעל (געלט).

שְׁל׳מֹה, אנמ. דער נאָמען פון אַ געוויסען אידישען קעניג אַ זוהן פון דוד, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גרויסער קלונהייט און זיינע פיעל קענטעניסען.

שָׁ׳לֹשׁ, צ. דריי.

שָׁ׳לֹשׁ־סְעוּ׳דּוֹת, מ. (תלמודיש). די דריי מאָהלצייטען וועלכע אַ איד מוז עסען אין דעם טאָג פון שבת.

שָׁלֹשׁ־סְעוּדוֹת [שַׁלֶשׁוּ׳דוֹת], המ. די דריטע מאָהלצייט פון שבת וועלכע מע עסט געוועהנליך פאַרנאַכט. אַ פראָסטער ש ל ש ־ ס ע ו ד ו ת, אַ פראָסטער מענש. זעה אויבען.

שָׁ׳לֹשׁ־רְגָ׳לִים, מ. (תלמודיש). די דריי אידישע הויפּט־פייערטעג (פסח, שבועות און סכּות).

שְׁלֹ׳שָׁה, צ. דריי.

שְׁלֹ׳שָׁה־דְּבָ׳רִים, מ. (תלמודיש). דריי זאַכען. „ש ל ש ה ־ ד ב ר י ם צוויי ווערטער" (ווער.).

שְׁלְ׳שׁוּל, המ. לאַקסירונג, לויז־לייב.

שְׁלֹ׳שִׁים, צ. דרייסיג, די ערשטע דרייסיג טרויער־טעג נאָך אַ טויטען ביי אידען. „זי מעג שוין חתונה האָבען זי איז שוין נאָך שלשים" (ווער. — אויף אַ׳ן אַלטע מויד).

שַׁלְשֶׁ׳לֶת, המ. אַ געוויסער געדרעהדעלטער טאָן (אין טראָפּ).

שַׁלְשֶׁ׳לֶת־הַיּוֹחֲ׳סִין, הוו. „אַ קייט פון יחום", אַ׳ן אַלטע אַריסטאָקראַטישע אָפּשטאַמונג.

שְׁלֹ׳שֶׁת־יְמֵי־הַגְבָּ׳לָה, מ. „די דריי טעג פון באַגרענצונג", די דריי טעג פאַר מתּן־תורה אין וועלכע דאָס אידישע פאָלק איז באַפוילען געוואָרען פון משה׳ן זיך צוצוגרייטען און זיך צו האַלטען ווייט פון דעם באַרג סיני; די דריי טעג פאַר שבועות.

שֵׁם [שֶׁם], המ. (מ. שֵׁ׳מוֹת). נאָמען; רעפּוטאַציאָן; איינער פון די הייליגע נעמען פון גאָט.

שֵׁם [שֶׁם׳]־דָּבָר, המ. אַ באַריהמטע זאַך, אַ באַריהמטהייט.

שֵׁם [שֶׁם]־הַמְפוֹ׳רָשׁ, המ. (תלמודיש). „דער דייטליכער נאָמען (פון גאָט)", דאָס וואָרט יהוָֹה (ווז.) אויסגעשפּראָכען ווי עס שטעהט און ניט אין פאַרשטעלטער פאָרם (עס ווערט געגלויבט אַז מיט דעם שם־המפורש קען מען אויפטהון גרויסע וואונדער).

שֵׁם [שֶׁם]־טוֹב, המ. (ביבליש). אַ גוטער נאָמען, אַ גוטע רעפּוטאַציאָן.

שֵׁם [שֶׁם]־רַע], המ. (ביבליש). אַ שלעכטער נאָמען, אַ שלעכטע רעפּוטאַציאָן.

שְׁמָד [שְׁמַד], המ. „פאַרטילִיגונג", אַ גזרה אַרויסגעגעבען אויף אידען אַז זיי מוזען זיך טויפען; דאָס טויפען זיך.

שְׁמַד־שְׁטִיק, מ. שטוקעס; שטיפעריִיען.

שְׁמַד׳עֶל׳ניצע, חוו. (מ. שְׁמַד׳עֶל׳ניצעס). זעה שְׁמַד׳עֶל׳ניק.

שְׁמַד׳עֶל׳ניק, המ. (מ. שְׁמַד׳עֶל׳ניקעס). אַ פאַרדאָרבענער אָדער אויסגעלאַסענער יונג.

שְׁמַד'ען, צא. טויפען. געשמד'טער האלו (אָדער: געשמד'טע קישקע), א פרעסער.

שְׁמוּ'אֵל, אנם. דער נאָמען פון א געוויסען אידישען פראָפעט; דער נאָמען פון א געוויסען ביבלישען בוך איינגעטהיילט אין צוויי טהיילען, דער ערשטער פון וועלכע הייסט "שמואל א'" און דער צווייטער — "שמואל ב'".

שְׁמוֹ'נֶה, צ. אַכט.

שְׁמוֹנֶה־עֶשְׂרֵה [שַׁמוֹנֶעשְׂ'רֵה], הוו. (מ. שְׁמוֹנֶה־עֶשְׂרֵהים [שַׁמוֹנֶעשְׂ'רה'ים]), (תלמודיש). "אַכצעהן", דאָס געבעט וואָס באַשטעהט פון אַכצעהן ברכות וועלכעס מען זאָגט צו יעדען דאַווענען (דאָס געבעט ווערט צוערשט געזאָגט פון דעם עולם שטעהענדיג אויף איין פלאַטץ און שטילערהייד, דאַן ווערט עס ווידערהאָלט אין דער הויך פון דעם וואָס דאַווענט פאַר'ן עמוד. צום ענד פון דעם דאָזיגען געבעט מאַכט מען א פּאָאר טריט הינטערוועלאַכטס און דאָס הייסט: "אויסגעהן שמונה־עשרה").

שְׁמוֹ'נִים, צ. אַכציג.

שְׁמוּ'עָה, הוו. (מ. שְׁמוּ'עוֹת). קלאַנג, גערייד; נאַכריכט.

שְׁמוּ'עָה־טוֹ'בָה, הוו. (מ. שְׁמוּ'עוֹת־טוֹ'בוֹת), (ביבליש). גוטע נאַכריכט.

שְׁמוּ'עָה־רָ'עָה, (מ. שְׁמוּ'עוֹת־רָ'עוֹת), (ביבליש). שלעכטע נאַכריכט.

• שמועס *, (פון: שְׁמוּ'עוֹת). הם. (מ. שמו'עס'ען). גערייד, געשפרעך, פלוידעריי.

שמועסען, צש. ריידען, פלוידערן.

שמועסער, הם. (מ. שמועסערם). א פלוידערער.

שְׁמוּ'רָה, הוו. זעה מַ'צָה־שְׁמוּ'רָה.

שְׁמוֹת, הם. "די נעמען", דאָס צווייטע פון די פינף ביכער פון דער תורה; הוו. דער נאָמען פון דער דרייצעהנטער סדרה (ווז.).

שְׁמִי'טָה, היו. (מ. שְׁמִי'טוֹת). דאָס יאָהר פון שביעית; זיבען יאָהר. איין מאָל אין א שמיטה, זעהר זעלטען.

שְׁמַייען, צש. אַרומלויפען פאַרהאַוועט. אַרומ'שמייען, אַרומלויפען פאַרהאַוועט. פאַר'שמייעט, פאַרהאַוועט, פאַרטהאָן. זעה שְׁמַעְיָ'הִ'ין.

שְׁמִי'נִי, הוו. דער נאָמען פון דער זעקס און צוואַנציגסטער סדרה (ווז.).

שְׁמִינִי־עֲצֶרֶת [שְׁמִינְעַצֶ'רֶת], הם. (מ. שְׁמִינִי־עֲצֶרֶתיען [שְׁמִינִ־עֲצֶ'רֶעת'ען]) דער אַכטער טאָג פון סכות.

שְׁמִי'נִית־שֶׁבִּשְׁמִי'נִית, הם. (תלמודיש). א'ן אַכטעל פון א'ן אַכטעל, א גאַנץ קליינער טהייל.

שְׁמִי'עָה, הוו. דאָס געהער.

שְׁמִי'רָה, הוו. (מ. שְׁמִי'רוֹת). היטונג, אויפפאַסונג, באַוואַכונג.

שֶׁ'מֶן־זַ'יִת, הם. (ביבליש). בוימאייל.

שֵׁ'מ'ע, הוו. (מ. שֵׁ'מ'עם). אַ'ן אָבגעריסען בלאַט פון אַ הייליגען בוך (אַ זעלכע בלעטער ווערען געהאַלטען הייליג און צונויפגעזאַמעלט און פון צייט צו צייט באַגראָבען אויפ'ן טויטען פעלד. דאָס וואָרט "שמ'ע" האָט אורשפּרינגליך געהייסען אַ שטיק פּאַפּיר אויף וועלכ׳ן דער נאָמען פון גאָט איז געשריבען. זעה שֵׁם); אַ ווערטהלאָזעס פּאַפּיר.

שְׁמַע־יִשְׂרָ'אֵל, "הער, ישראל"! די ערשטע ווערטער פון קריאת־שמע; אַ'ן אָפּטער אויסרוף ווען מע שרעקט זיך פאַר עפּעס אָדער ווען מע רופט נאָך הילף. שרייען שמע־ישראל, פּראָטעסטירען, מאַכען אַ סקאַנדאַל.

שמַעְ'יָה'ן, צש. אַרומלויפען פאַרהאַוועט (וואַהרשיינליך פון שְׁמַעְ'יָה (איינגענאָמען) — אַ געוויסע פערזאָן וועלכע פלעגט אימער אַרומלויפען פאַרהאַוועט).

שֶׁ'מ'ען, צש. האָבען אַ נאָמען, זיין באַוואוסט, קלינגען. עס שמ'ט מיט איהם די וועלט. ער איז זעהר באַריהמט.

שמע"צ, אב. שְׁמִי'נִי־עַצֶ'רֶת (ווז.).

שַׁמָּשׁ [שַׁ'מָש], הם. (מ. שַׁמָּ'שִׁים [שַׁמָּ'שִׁים]). באַדיענטער, דיענער; איינער וועלכער איז אָנגעשטעלט פון אַ'ן אידישער געמיינדע צו האַלטען אָרדנונג אין שוהל און צו טהאָן אַנדערע עהנליכע אַרבייטען פאַר דער געמיינדע; איינער וועלכער ריכט אוים דעם טויטען צו דער בעערדיגונג; דאָס ליכטעל מיט וועלכען מע צינדט אָן די ליכט פון חנוכה. "דער שמש קלאַפּט אין שוהל אַריין און אַליין געהט ער שלאָפען" (שפוו.). שאַלאָטען שמש, אַ באַדיענטער פון דער געמיינדע. "איך בין ניט דיין שאַלאָטען שמש" (ווער.).

שַׁמָּשׁ [שַׁ'מָש]־קָטָן, הם. דער געהילף פון אַ שמש, אונטער־שמש.

שַׁמָּשׁוּת [שַׁמָּ'שׁוּת], הוי. די שטעלע פון אַ שמש.

שַׁ'מָּשׁ'טע, הוו. (מ. שַׁ'מָּשׁ'טעם). די פרוי פון אַ שמש; איינע וועלכע האַלט אין אָרדנונג די ווייבערשע שוהל.

שֶׁנָ'דַ'ריען, צא. צוזאָגען, זיך פאַרפליכטען צו געבען (עפּעס אויף אַ וואָהלטהטיגען צוועק ווען מע ווערט אויפגערופען צום לייענען אין שוהל. שטאַמט פון די ווערטער "מי-שנדר" (דער וועלכער האָט געשאָ:קען) גענומען פון דעם זעגען געבעט וואָס מע זאָגט פאַר דעם געבער).

שָׁ'נָה, הוו. (מ. שָׁ'נִים). אַ יאָהר. "אַזאַ שנה זאָלסטו האָבען" (פלוך־וואָרט).

שֵׁנָה [שִׁ'נָה]־בְּשַׁ'בָּת־תַּעֲ'נוּג, (תלמודיש). שלאָפען אום שבת איז אַ פאַרגעניגען.

שָׁ'נָה־מְעוּ'בֶּרֶת, הוו. (תלמודיש). זעה עִ'בּוּר־יאָהר.

שְׁ'נוּי, הִמ. (מ. שְׁנוּ'יים). ענדע־רונג, פאַרענדערונג.

שְׁ'נוּי־מָ'קוֹם, הִמ. (תלמודיש). ענ־דערונג פון פלאַטץ, ענדערונג פון וואוהנאָרט.

שְׁ'נוּי־שֵׁם [שֶׁם], הִמ. (תלמודיש). ענדערונג פון נאָמען.

שְׁנֵי, צ. צוויי.

שֵׁ'נִי, צ. דער צווייטער, דער וואָס ווערט אויפגערופען דער צווייטער ביי'ם לייענען אין שוהל. געבען שני, אויפרופען דעם צווייטען.

שֵׁ'נִי־בְּשְׁלִי'שִׁי, מ. "אַ צוויי־טער מיט אַ דריטען", צווייטע קווינס. זיין מיט אימיצען שני־בשלישי, זיין אימיצענס פאָ־טער'ס אָדער מוטער'ס שוועס־טער־קינד, אָדער זיין אַ שוועס־טער־קינד פון אימיצענס פאָטער אָדער מוטער.

שֵׁ'נִי־בְּשֵׁ'נִי, מ. "אַ צווייטער מיט אַ צווייטען", שוועסטער־קינדער.

שְׁנֵי־לוּ'חוֹת־הַ'בְּרִית, מ. די צוויי טאָוולען פון בונד (צווישען גאָט און אידען), די לוחות.

שֵׁ'נִי־לַמֶּ'לֶךְ, הִמ. דער צווייטער צום קעניג, וויצע־קעניג, הויפט־מיניסטער.

שְׁנַ'יִם, צ. צוויי.

שְׁנַיִם [שְׁנַ'יִים, שְׁנָ'יִם], מ. צוויי־נער.

שְׁנַ'יִם־מִקְ'רָא־וְאֶ'חָד־תַּ'רְגּוּם, (תל־מודיש). צוויי מאָהל דעם טעקסט אין העברעאיש און איין מאָל די אַראַמעאישע איבערזעצונג (אזוי איז מען געוועהנליך מעביר די סדרה).

שֵׁ'נִית, או. צווייטענס.

שַׁ"ס, (אב. שִׁ'שָּׁה סְדָ'רִים — די זעקס אבטהיילונגען פון תלמוד: זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים, טהרות), הִמ. (מ. שַׁ"ס'ען). דער תלמוד (ווז.). קליין ש"ס, קאָרטען.

שַׁ"ס־תְּחִ'נָּה, הוו. (מ. שַׁ"ס־תְּחִ'נוֹת). אַ געוויסע זאַמלונג פון געבעטען אין אידיש פאַר פרויען.

שַׁם"ה־גִּי'דִין, מ. (תלמודיש). די דריי הונדערט און פינף און זעכציג אָדערען פון דעם מענשליכען קער־פער (לויט די פאַרצייטיגע באַגרי־פען). זעה תַּרְיַ"ג מִצְ'וות.

שַׁ"סִיל, הז. (מ. שַׁ"סִילעך). אַ קליינע אויסגאַבע פון תלמוד (ווז.); אַ טאַש קאָרטען.

שָׁ'עָה, הוו. (מ. שָׁ'עָה'ן). אַ שטונ־דע. די שעה זאָל ניט זיין!, ניט פאַסירען זאָל עס.

שִׁ'עוּר, הִמ. אַ מאָס, אַ גרענעץ; אַ לעקציאָן אָדער פאָרטראַג פון תלמוד (מ. שִׁעוּ'רִים). אָהן אַ שעור און אַ'ן ערך, אָהן אַ מאָס און אָהן אַ'ן אָבשאַצונג, אונגע־הויער, זעהר פיעל.

שַׁ'עַטְנֶז, הִמ. אַ געמיש פון וואָלל און פלאַקס, וואָס מאָר זיך ניט געפינען אין די קליידער וואָס

אַ איד טראָגט ; אַ'ן איבעריגע אָדער שעדליכע פּערזאָן.

שעכטען, צא. זעה שֶׁח'טי'ען.

שַׁ'עַר, הם. (מ. שְׁעָ'רִים). טויער ; פּאָדערבלאַט.

שַׁ'ער־בלאַט, הז. (מ שַׁ'עַר־בלעטער). פּאָדערבלאַט.

שַׁ'עֲרֵי־רַחֲ'מִים, מ. (תלמודיש). די טויערען פון באַרמהערציגקייט.

שַׁ'עַת־הַרְחָק [הַדְ'חַק], הוו. (תלמודיש). נויטה־צייט, נויט.

שַׁ'עַת־הַכּוֹ'שֶׁר, הוו. (תלמודיש). פּאַסענדע שטונדע, פּאַסענדע געלעגענהייט.

ש"פּ, אב שֶׁל־פֶּ'סַח (ווז.).

שְׁפוֹךְ־חֲמָתְ'ךָ, הם. (ליטורגיש). "גיס אויס דיין צאָרן", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון געוויסע ביבלישע זאַצען וועלכע מע זאָגט אין דער ערשטער נאַכט פון פסח (דערביי ווערט די טהיר צו דער גאַס געהאַלטען אָפען). אויסלאָזען דעם גאנצען ש פ ו ך ־ ח מ ת ך, אויסלאָזען דעם גאַנצען צאָרן.

שִׁפְ'חָה, הוו. (מ. שְׁפָחוֹת [שְׁפְ'חוֹת]) דיענסט, שקלאַפין.

שְׁפִי'כוּת־דָ'מִים, (תלמודיש). בלוטפאַרגיסונג ; בלוט־צאַפּענים, באַליידיגונג.

שָׁ'פֵל, הם. (מ. שְׁפֵ'לִים). אַ נידעריגער געמיינער קערל.

שָׁ'פָל, א. נידעריג, געמיין: געפאַלען, געפאַלען ביי זיך.

שְׁפֵ'לָה, הוו. (מ. שְׁפֵ'לוֹת). זעה שָׁ'פֵל.

שִׁפְ'לוּת, הוו. נידעריגקייט, געפאַלענקייט, פאַרשקלאַפטקייט, פאַריאָכטקייט.

שֶׁ'פַע, הם. איבערפלוס, רייכטהום ; אַ גוט־געהענדעם געשעפט.

שַׁ"ץ, אב. שְׁלִ'יחַ־צִ'בּוּר (ווז.).

שְׁקִ'יעָה, הוו. זעה שְׁקִ'יעַת־הַחַ'מָה.

שְׁקִ'יעַת־הַחַ'מָה, הוו. (תלמודיש). זונג־אונטערגאַנג (פון וועלכען שבת און יום־טוב הויבען זיך אָן).

שֶׁ'קֶל, הם. (מ. שְׁקָ'לִים). אַ געוויסע אַלט־העבּרעאישע מינצע ; אַ באַשטימטער געלט־ביטראַג וועלכען יעדער ציוניסט מוז איינצאָהלען איין מאָל אַ יאָהר אין דעם ציוניסטישען פאָנד.

שֶׁ'קֶל־טאָג, הם. אַ באַשטימטער טאָג אין וועלכען די ציוניסטען מוזען איינצאָהלען דעם שקל.

שַׁקְ'לָא־וְטַרְ'יָא, הוו. (מ. שַׁקְ'לָא־וְטַרְ'יָא'ם), (תלמודיש). איבערלעגונג, פאַרהאַנדלונג, דיסקוסיאָן. עס איז נאָך אַ ש ק ל א ־ ו ט ר י א, מע דאַרף עס נאָך גוט באַקלערען.

שֶׁ'קֶץ [שְׁקָץ], הם. (מ. שְׁקָ'צִים). יונגאַטש.

שְׁקָ'צִים־וּרְמָ'שִׂים, מ. (תלמודיש). עקעלהאַפטע באַשעפעניסען און ווערעם.

שְׁקָצ'עריי', הוו. (מ. שְׁקָצ'עריי=
ען). פרעכהייט, פרעכע אויפ=
פיהרונג.

שֶׁ'קֶר, המ. (מ. שְׁקָ'רים). אַ ליגען.

שֶׁ'קֶר אֵין לוֹ רַגְלַ'יִם, (תלמודיש).
דער ליגען האָט קיין פיס (באַ=
שטאַנד) ניט.

שַׁקְ'רָן, המ. (מ. שַׁקְרָ'נִים). אַ
ליגנער.

שַׁקְרָ'נוּת, הוו. ליגען=זאָגעריי.

שַׁקְ'רָנ'טע, הוו. (מ. שַׁקְ'רָנ'טעס).
זעה שַׁקְ'רָן.

שָׁ'רוּי־בְּצַ'עַר, המ. (תלמודיש).
איינער וואָס איז אין טרויער אָדער
אין אַ'ן אומגליק.

שָׁ'רוֹן, אנמ. דער נאָמען פון אַ גע=
וויסען זעהר פרוכטבאַרען טהאָל
אין פּאַלעסטינא, אָפט דערמאָנט
אין דער ביבעל.

שֶׁ'רֶץ, המ. (מ. שְׁרָ'צִים). אַ קרי=
כענדעס טהיער; אַ ראַץ; אַ פרעך
אינגעל.

שׁ'רֶשׁ, המ. (מ. שָׁרָ'שִׁים). זעה
שׁוֹ'רֶשׁ.

שִׁ'שָּׁה, צ. זעקס.

שִׁ'שִּׁי, צ. דער זעקסטער, דער וואָס
ווערט אויפגערופען דער זעקסטער
ביי'ם לייענען אין שוהל. געבען
ש ש י, אויפרופען דעם זעקסטען
(ווערט באַטראַכטעט אַלס אַ באַ=
זונדערע עהרע).

שִׁ'שִּׁים, צ. זעכציג.

שִׁ'שִּׁים־רִ'בּוֹא, צ. (ביבליש). זעקס
מאָל הונדערט טויזענד.

שֵׁ'שֶׁת־יְמֵי־בְּרֵא'שִׁית, מ. די זעקס
טעג אין וועלכע גאָט האָט באַ=
שאַפען די עָרד.

ש"ת, אב. שַׁ'בָּת־תְּשׁוּ'בָה (ווז.).

שְׁתַּדְ'לָן, המ. (מ. שְׁתַּדְלָ'נִים).
איינער וועלכער שטעלט זיך איין
אָדער מיהט זיך פאַר אימיצען, אַ
חאדאַטאַי (באַזונדערס געברויכט
צו באַצייכענען אַ אידישען פאַר=
שטעהער וועלכער נעהמט זיך אָן
פאַר אידען ביי דער רעגירונג).
אָפּשיקען מיט דעם בראָדער
שתדלן, קיינמאָל ניט אָפּשיקען.

שְׁתַּדְלָ'נוּת, הוו. דאָס איינשטעלען
זיך פאַר אימיצען, חאדאטאַיסטוואָ.

שְׁתַּדְ'לָנ'טע, הוו. (מ. שְׁתַּדְ'לָנ'=
טעס). איינע וועלכע מיהט זיך
אָדער שטעלט זיך איין פאַר אי=
מיצען.

שְׁתַּדְ'לָנ'ען־זיך, צוו. זיך מיהען,
חאדאטייסטוועען.

שֶׁ'תִי־וָעֵ'רֶב, המ. "לייננג און ברייט
(אין וועב=פעדים)", אַ קרייץ.

שְׁתֵי־שְׂעָרוֹת, מ. (תלמודיש). "צוויי
האָאר", די קענ=צייכענס פון דער=
וואַקסענקייט ביי אַ פרויענצימער.

שְׁתִיָּה, שְׁתִיָּיה [שְׁתִ'יָה], הוו. (מ.
שְׁתִיּוֹת [שְׁתִ'יוֹת]). אַ טרונק
(בראַנפען); דאָס טרינקען (בראַנ=
פען).

שְׁתִיקָה [שְׁתִ'יקָה], הוו. שווייגען,
שווייגענים.

שַׁתְ'יקען (פון שָׁתה), צש. טרינ=
קען, פּיאַנעוועען.

שׂ.

שׂ, זעה ש.

שְׂאוּ־יְדֵי׳כֶם, הם. די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ געבעט וואָס מע זאָגט ווען מע ווישט די הענד ביי׳ם אויפשטעהן אין דער פריה אָדער פאַר׳ן עסען.

שׂוֹ׳נֵא, הם. (מ. שׂוֹנְאִים [שָׂנְ׳אִים]). אַ פיינד. "בעסער אַ גוטער שונא איידער אַ שלעכטער פריינד" (שפוו.).

שׂוֹ׳נְא־יִשְׂרָ׳אֵל, הם. (מ. שׂוֹנְ׳אֵי־יִשְׂרָ׳אֵל). אַ פיינד פון אידען, אַ׳ן אַנטיסעמיט.

שׂוֹ׳נא־מָ׳וֶת, הם. אַ טויטליכער פיינד, אַ ביטערער פיינד.

שׂוֹנְאֵי [שָׂנְ׳אֵי]־צִ׳יּוֹן, מ. די פיינד פון ציון, די פיינד פון אידישען פאָלק. "שונאי־ציון (פאַרקירצט פון: שונאי־ציון זאָלען עס פאַרמאָגען) וואָס ער פאַרמאָגט" (ווער.).

שָׂ׳טָן, הם. דער בייזער גייסט, דער פאַרפיהרער, דער טייוועל.

שָׂ׳טָן־הַמְקַטְ׳רֵג, הם. דער בייזער מלאך וועלכער רעדט אָן שלעכטעס אויפ׳ן מענשען פאַר גאָט.

שָׂ׳טָן־הַמַשְׁ׳חִית, הם. דער בייזער שלעכטס־טהוענדער גייסט.

שִׂ׳יחַת־חוּ׳לִין, הוו. (תלמודיש). וואָכעדיגע רייד, ניט וויכטיגעס געשפרעך. ניט וויסען די שיחת־חולין פון אימיצען, זיך ניט קענען פאַרגלייכען מיט אימיצען אין די מינדעסטע קענטעניסען.

שִׂין, הם. (מ. שִׂי׳נ׳ען). דער נאָמען פון דעם איין און צוואַנציגסטען בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית ווען געשריבען מיט אַ פינטעלע אויף דער לינקער זייט (שׂ).

שִׂין־שְׂמָאלִ׳ית, אַ "ש" מיט אַ פינטעלע אויף דער לינקער זייט (שׂ).

שְׂכִיר־יוֹם [יָם], הם. (תלמודיש). אַ טאָג־לויהנער, איינער וועלכער איז געדונגען צו אַרבייטען פון טאָג.

שְׂכִי׳רוּת, הוו. געהאַלט, לויהן.

שֵׂ׳כֶל, הם. (מ. שְׂכָ׳לִיען). פאַרשטאַנד, פאַרנונפט; זינן; קלוגהייט; געדאַנקען, איינפאַל, אידעע. "ווייבער האָבען לאַנגע האָאר און קורצען שכל" (שפוו.). "מע באַגריסט נאָך די קליידער מע באַגלייט נאָך דעם שכל" (שפוו.). "שכל און חרטה קומען שטענדיג צו שפעט" (שפוו.). "די ווייבער׳ס שכל איז זייער צירונג, די מענערס צירונג איז זייער שכל" (שפוו.).

שֵׂ׳כֶל־הַיָ׳שָׁר, הם. דער גלייכער פאַרשטאַנד.

שְׂכֶל'דיג, א. פאַרנינפטיג, קלוג,
וויציג, גייסטרייך.

שְׂכ'ל'ען־זיך, צוו. זיך קליגען, זיך
וויצלען.

שָׂכָר [שְׂכַר], הם. לויהן, באַלויה=
נונג; לויהן=געלט; די באַלויהנונג
אויף יענער וועלט.

שְׂכַר־הֲלִי'כָה, הם. (תלמודיש). דער
לויהן וועלכער איז אָנגעברייט
אויף יענער וועלט פאַר דאָס געהן
(טהון אַ גוטע זאַך).

שְׂכַר־מַרְ'חָה, (תלמודיש). דער
לויהן פאַר (אימיצענס) מיה.

שְׂכַר־לִי'מוּד, הז. (תלמודיש).
לעהר=געלט.

שְׂכַר־מְלָא'כָה, הם. ארבייטס=לויהן,
ארבייט=געלט.

שָׂמֵ'חַ־בְּחֶל'קוֹ, הם. (תלמודיש).
איינער וועלכער איז צופריעדען
מיט זיין טהייל (שיקזאַל).

שִׂמְ'חָה, הוו. (מ. שׂ מָ ח וֹ ת
[שְׂמָ'חוֹת]). פרייד; פעסטליכקייט,
מאָהלצייט אָדער אונטערהאַלטונג
פאַר געסט. "אויף יענעמ'ס אַ
ש מ ח ה האָט מען אַפּעטיט"
(שפּוו.).

שִׂמְ'חָה־וְשָׂ'שׂוֹן, מ. (ביבליש).
פרייד און לוסטיגקייט.

שִׂמְ'חַת־בֵּית־הַשּׁוֹאֵ'בָה, הוו. (תל=
מודיש). די פרעהליכקייט פון
בית־השואבה — "דאָס הויז פון
ברונען;" (דער נאָמען פון אַ גע=
וויסען איינגעשלאָסענעם רוים אין
דעם הויף פון בית־המקדש), וואו
עס פלעגען אין די מיטעלסטע
טעג פון סכות אָפּגעהאַלטען ווע=
רען זעהר לוסטיגע פעסטליכקיי=
טען (די זעלביגע פעסטליכקייטען
ווערען נאָך יעצט, אין אַ פּיעל גע=
ענדערטער און שוואַכערער פאָרם,
אָפּגעהאַלטען אין די אָבענדען פון
חול־המועד סכות).

שִׂמְ'חַת־מִצְוָ'ה, הוו. אַ רעליגיע=
זע פעסטליכקייט.

שִׂמְ'חַת־תּוֹ'רָה, הם. דאָס פרעהען
זיך מיט דער תורה, דער פייער=
טאָג אויף מאָרגען פון דעם לעצ=
טען טאָג פון סכות אין וועלכען
מע ענדיגט לייענען די תורה. זעה
סִדְ'רָה.

שִׂנְ'אָה, שִׂנְ'אַת־, הוו. (מ. שִׂנְ'אוֹת).
האַס, פיינדליכקייט.

שִׂנְ'אַת־חִ'נָּם, הוו. (תלמודיש).
אומזיסטער האַס, פיינדשאַפט אָהן
אַ'ן אורזאַך.

שִׂנְ'אַת־מָ'וֶת, הוו. טויטליכער האַס,
ביטערע פיינדשאַפט.

שְׂ'עִיר־הַמִּשְׁתַּלֵּ'חַ, הם. (תלמודיש).
דער זינד=באָק, דער באָק וועלכער
פלעגט אַרונטערגעשליידערט ווע=
רען (אין די צייטען פון בית־
המקדש) פון דעם פעלז עזאזל
אום יום־כפור אַלס אַ'ן אָפּפער
פאַר די זינד פון דעם אידישען
פאָלק; אַ'ן אָפּפער פאַר אַנ'אַנדערע=
רענ'ס זינד; אַ'ן אונשולדיגער אָפּ=
פער.

שַׂר, הם. אַ הערר; דער מלאך
וועלכען יעדער מענש האָט אין
הימעל אַלס זיין פּאַרטהייאיגער
אָדער באַשיצער, לויט דעם
תלמוד.

שַׂר־הַמַשְׁ׳קִים, המ. (ביבליש). טראַנקמייסטער, דער וועלכער דערלאַנגט די געטראַנקען, אַ סאַרווער.

שָׂ׳רָה, אנוו. דער נאָמען פון דער ערשטער אור־מוטער פון דעם אידישען פאָלק, די פרוי פון אברהם.

שָׂ׳רִיד־וּפָ׳לִיט, המ. (ביבליש). אַ׳ן איבערגעבליבענער, אַ׳ן אנטרונע־נער.

שָׂ׳רָף, המ. (מ. שְׂרָ׳פִים). אַ גע־וויסער זאָרט מלאך.

שְׂרֵ׳פָה, הוו. (מ. שְׂרֵ׳פוֹת). אַ פייער, אַ בראַנד; אונטערצינדונג. מאַכען אַ שׂרפה, אונטערצינ־דען. "נאָך אַ שׂרפה ווערט מען רייך" (שפוו.).

שַׂרְ׳פִ׳עֶן, צש. ברענען. פאַר־שׂרפ׳ען, פארברענען.

שְׂרָ׳רָה, המ. (מ. שְׂרָ׳רוֹת). אַ זעהר וויכטיגער אָדער פאָרנעה־מער הערר, אַ מאַגנאַט. "ווי די שׂררות אַזוי דער משרת" (שפוו.).

שְׂרָ׳רָה׳סְטֶע, הוו. (מ. שְׂרָ׳רָה׳ס־טעם). די פרוי פון אַ שׂררה; אַ וויכטיגע אָדער פאָרנעהמע דאַמע.

ת.

ת, המ. דער צוויי און צוואַנציג־סטער בוכשטאַב פון דעם אידי־שען אלף־בית. מיט אַ פינטעלע אינעווייניג אויסגעשפראָכען אונ־געפעהר ווי "ט" אָדער "טה", אָהן אַ פינטעלע — אויסגעשפראָ־כען אונגעפעהר ווי "ס"; דער זיבען־געשטירען, דער גרויסער בער (אין אַסטראָנאָמיע); אין צעהלען גערעכענט אַלס 400. זעה תָּו.

תַּאֲ׳וָה, תַּאֲ׳וָה, הוו. (מ. תַּאֲ׳וֹת). באַגעהר, זינדיגער באַגעהר, ליי־דענשאַפט; לייִדענשאַפטליכקייט. "גאָט זאָל אָפּהיטען פאַר אידי־שער גאוה און פאַר גוי׳אישער תאוה" (שפוו.).

תַּאֲ׳וֹת־הָעוֹ׳לָם־הַזֶּ׳ה, מ. די גענוס־טען פון דער וועלט, וועלטליכע פאַרגעניגענס.

תְּאוֹ׳מִים, המ. "דער צווילינג", דער אַסטראָנאָמישער צייכען אין דעם שטערען־קרייז פאַר דעם מאָנאַט סיון. זעה מַ׳זָל.

תֵּ׳בָה, הוו. קאַסטען, דער קאַסטען אין וועלכען נח מיט זיין פאַמיליע האָבען זיך געראַטעוועט פון דער פאַרפלייצונג, ווי די ביבעל דער־צעהלט.

תְּבוּ'אָה, הוו. (מ. תְּבוּ'אוֹת). גע־טריידע. "אויף שוואַרצער ערד וואַקסט די בעסטע תבואה" (שפּוו.).

תְּבִי'עָה, הוו. (מ. תְּבִי'עוֹת). פאָ־דערונג, אַנשפּרוך, פּרעטענזיע.

תְּבַ'לַע־וְתְהַ'דֵ'שׁ, אר. זאָלסט אויס־ניצען און זיך באַנייען! טראָג גע־זונטערהייד! (אַ וואונש צו איי־נעם וועלכער טהוט אָן אַ קלייד צום ערשטען מאָל).

תֵּ'בַת־נֹחַ, הוו. זעה תֵּ'בָה.

תְּהוֹם [תְּהָם], המ. (מ. תְּהוֹמ'ען [תְּהָ'מיען]), אָבגרונד, גרונד פון ים.

תְּהִ'לוֹת־וְתִשְׁבָּ'חוֹת, מ. (תלמו־דיש). לויב־ און ריהם־געזאַנגען.

תְּהִ'לִים, המ. דאָס בוך פון פּסאַל־מען.

תְּהִ'לִים־זאָגער, המ. איינער וועל־כען מע דינגט צו זאָגען תהלים ווען אימיצער איז קראַנק, אָדער נאָך אַ טויטען.

תָּו, תָו, המ. (מ. תָּ'ויען, תָ'ויען). דער נאָמען פון דעם צוויי און צוואַנציגסטען בוכשטאַב פון דעם אידישען אַלף־בית. (ת, ת).

תּוֹבֵ'עַ, המ. (מ. תּוֹבְ'עִים). אַ מאָהנער, אַ קלאָגער.

תּוֹבֵ'עַ־בְּפֶּה [בְּפֶּה], א. (תלמודיש). מאָהנענדיג מיט'ן מויל, דייטליך פאָדערנדיג.

תּוֹ'גַר, המ. דער טערק, טירקיי.

תּוֹךְ [תָּךְ], המ. דאָס אינעווייניג־סטע, דער קערן. אַריינגעהן אין אַ תוך, זיך פּאַרטיעפען. אין תוך גענומען, גרינדליך באַטראַכטעט.

תּוֹךְ [תָּךְ]־כְּדֵי־דִ'בּוּר, אוו. (תלמו־דיש). ווי נאָר אויסגערעדט, אין איין מאָמענט, אויגענבליקליך, גלייך.

תּוֹ'כֵחָה, הוו. (מ. תּוֹ'כֵחוֹת). די שטראָף, דער קאַפּיטעל אין דער תורה אין וועלכען עס ווערען אויסגערעכענט אַלע קללות וועל־כע גאָט וועט אָנשיקען אויף דאָס אידישע פאָלק אויב עס וועט ניט געהן אין דעם וועג פון גערעכ־טיגקייט (ביי'ם לייענען פון דעם דאָזיגען קאַפּיטעל אין שוהל רופט מען געוועהנליך אויף איינעם פון דעם נידעריגען שטאַנד). "ער האָט אויסגעלאָזען אויף איהם די גאַנצע תוכחה" (ווער.).

תּוֹ'כֶן, המ. דער אינהאַלט.

תּוֹ'כֶן־הָעִנְיָ'נִים, המ. אינהאַלט־פאַרצייכעניס.

תומ"י, אב. תֵּ'כֶף־וּמִיָּד' (ווו.).

תּוֹסָ'פוֹת, המ. "צולאָגען", דער נאָמען פון איינעם פון די הויפּט־קאָמענטאַרען אויף דעם תלמוד וועלכער צייכענט זיך אויס מיט טיפקייט און שאַרפזינן.

תּוֹסֶ'פֶת [תּוֹסְ'פֶת]־כְּתוּ'בָּה, הוו. (תלמודיש). "אַ צולאָג צו דער כתובה", אַ דאָקומענט אין וועל־כען דער מאַן שרייבט אָפּ דער פרוי געוויסע גיטער אָדער געלט צו וועלכע די כתובה אַליין גיט איהר קיין רעכט ניט.

תּוֹסֶפְ'תָּא, הוו. (מ. תּוֹסֶפְ'תּוֹת). "צולאַג", אַ געזעץ=ענטשיידונג פון די תּנאים וואָס איז ניט אַריינגע=נומען געוואָרען אין דער משנה.

תּוֹעֶ'לֶת, הוו. אַ נוץ.

תּוֹ'פֶס־זיין, צא. באַגרייפען, פאַר=שטעהן.

תּוֹקֵ'עַ, המ. דער וועלכער בלאָזט דעם שופר אין שוהל.

תּוֹ'רָה, הוו. (מ. תּוֹ'רוֹת). לעהרע; הייליגע לעהרע; די פינף ביכער פון משה; אַ ספר־תורה. זאָגען תּורה, ריידען איבער אַ ביבלי=שען אָדער תלמודישען טעקסט. לערנען תּורה, שטודירען די הייליגע אידישע ביכער. "וואו תּורה דאָרט איז חכמה" (שפוו.). "וואו תּורה דאָרט איז קראָכמאָל" (פאַראָדיע אויף דאָס פריהערדיגע). "אַ שפּריכ=וואָרט איז להבדיל אַ תּורה" (שפוו.).

תּוֹ'רָה וּגְדוּ'לָּה בְּמָ'קוֹם אֶ'חָד, הוו. מ. (תלמודיש). געלעהרזאַמקייט און גרויסקייט (רייכקייט) אין איין פּלאַטץ.

תּוֹ'רָה נְבִי'אִים וּכְתוּבִים [וּכְתוּ'בִים], מ. (תלמודיש). די פינף ביכער פון משה די פּראָפעטען און די שריפטען, די גאַנצע ביבעל.

תּוֹ'רָה־שֶׁבִּכְתָב [שֶׁבִּכְתַּב'], הוו. (תלמודיש). די געשריבענע לעה=רע, די פינף ביכער פון משה.

תּוֹ'רָה־שֶׁבְּעַל־פֶּה', הוו. (תלמו=דיש). די לעהרע (וועלכע איז איבערגעגעבען געוואָרען פון איי=נעם צום צווייטען) מויל צו מויל, די תלמודישע ליטעראַטור.

תּוֹ'רַת־אֱ'מֶת, הוו. (ביבליש). די וואַהרע לעהרע. עס איז תּורת־אמת, עס איז אַבסאָלוט וואַהר.

תּוֹ'רַת־לאָקשען, הוו. פּאַראָדיע אויף "תּורת־אמת" (ווז.).

תּוֹ'רַת־מ'שֶׁה, הוו. די לעהרע פון משה, די פינף ביכער פון משה. עס איז תּורת־משה, עס איז אַבסאָלוט וואַהר.

תּוֹ'שָׁב, המ. (מ. תּוֹשָׁ'בִים). אַ'ן איינוואוהנער, אַ בירגער.

תַּזְרִי'עַ, הוו. דער נאָמען פון דער זיבען און צוואַנציגסטער סדרה (ווז.).

תַּזְרִי'עַ־מְצוֹ'רָע, מ. זעה סִדְרָה.

תַּחְבּוּ'לָה, הוו. (מ. תַּחְבּוּ'לוֹת). פּלאַן, ראַטה, מיטעל.

תְּחוּם, המ. (מ. תְּחוּ'מִים). גרענעץ, בעצירק, געגענד; די באַשרענקטע געגענד אויסער וועלכער עס איז ניט ערלויבט אידען צו וואוהנען אין רוסלאַנד; תחום־שבת (ווז.).

תְּחוּם־שַׁ'בָּת, המ. (מ. תְּחוּם־שַׁ'בָּת'ען). (תלמודיש). "דער גרענעץ פאַר שבת", די צוויי טוי=זענד איילען אויף יעדער זייט פון דעם וואָהן=אָרט ווייטער פון וועלכע אַ איד טאָר ניט געהן אום שבת.

תְּחִיי', זעה תְּחִ'יָּה.

תְּחִ'יָּה, אר. זי זאָל לעבען (אַ וואָרט וואָס מע שטעלט אין שרייבען נאָך דעם נאָמען פון אַ פרוי).

תְּחִי׳לַת, זעה תְּחִ׳לַת.

תְּחִי׳נָה, זעה תְּחִ׳נָה.

תְּחִיַּית־הַמֵּ׳תִים, הוו. (תלמודיש). די אויפלעבונג פון די טויטע. אויפשטעהן תחית־המתים, ווידער לעבעדיג ווערען. ער וועט שוין מעהר קיין תחית־המתים ניט אויפשטעהן, ער וועט שוין מעהר קיין קאָפּ ניט הויבען.

תְּחִ׳לַת, או. צום אָנהויב, ערשטענס.

תְּחִ׳נָה, הוו. (מ. תְּחִ׳נוֹת). אַ געבעט, איינס פון די געבעטען געשריבען ספּעציעל פאַר אידישע פרויען; אַ ביכעל פון תחנות.

תַּחְ׳נוּן, הם. (ליטורגיש). "געבעט", דער נאָמען פון אַ טהייל פון דעם מאָרגענדיגען און פאַרנאַכטיגען דאַווגען וועלכען מע זאָגט יעדען טאָג אויסער שבת און יום־טוב צובייגענדיג דעם קאָפּ צו דעם לינקען אָרעם. פאַלען תחנון, זאָגען דאָס געבעט פון תחנון.

תַּחֲנוּ׳נִים, מ. געבעטען, ריהרענדע געבעטען. בעטען תחנונים, שטאַרק בעטען.

תַּחַת [תָּ׳חֶת], הם. (מ. תְּ׳חֶת׳ער). הינטען, געזעס; דער נאָמען פון אַ געוויסען פּלאַטץ וואו די אידען האָבען גערוהט ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים.

תַּ׳חַת־חֶ׳רֶב, או. (ביבליש). אונטער דעם שווערד. מאַכען תחת־חרב, מאַכען צו נישט, צושטערען.

תַּחְתּוֹ׳נִים, מ. הויזען, פּלודערן.

תִּינוֹ׳קוֹת־שֶׁל־בֵּית־רַ׳בָּן. מ. שוהל־קינדער.

תֵּי׳בָה, זעה תֵּ׳בָה.

תִּיפִ׳לָּה, זעה תְּפִ׳לָּה.

תֵּי׳קוּ, (תלמודיש). "זאָל (די פראַגע) בלייבען שטעהן", די פראַגע בלייבט ניט פאַרענטפערט.

תִּי׳קוּן, זעה תִּ׳קוּן.

תֵּי׳רוּץ, זעה תֵּ׳רוּץ.

תְּכוּ׳נָה, הוו. אַסטראָנאָמיע.

תַּכְ׳לִית, הם. (מ. תַּכְלִי׳תִים*) ענד, ציעל, צוועק, רעזולטאַט. וואָס וועט זיין דער תכלית?, וואָס זועט ווערען?. זוכען אַ תכלית, זוכען אַ פּראָפעסיאָן אָדער אַ געשעפט.

תַּכְ׳לִית־שִׂנְ׳אָה, הוו. (ביבליש). די העכסטע שטופע פון האַס. פיינד האָבען תכלית־שנאה, זעהר שטאַרק פיינד האָבען.

תַּכְ׳לִ׳יעווען (פון: תַּכְלִית), צא. פאַרשווענדען, אויסברייגגען.

תַּכְסִי׳סֵי־מִלְחָ׳מָה, מ. (תלמודיש). קריעגס־פּלענער, קריעגס־מיטלען.

תֵּכֶף [תֵּ׳כֶף], או. באַלד, גלייך.

תֵּכֶף־וּמִיָּד [תֵּ׳כֶף־וּמִ׳יַד], או. באַלד, גלייך.

תַּכְרִי׳כִים, מ. טויטענקליידער. "אויף מצות און אויף תכריכים מוז זיין" (שפּוו.).

תּבֿרי'כים־שטעך, מ. גרויסע נאָב= לעסיגע שטעך (אין נייהען)

תּבֿ'שיט, המ. אַ צירונג, אַ פוץ=זאַך (מ. תּבֿשי'טין) ; (איראָניש) אַ צאַצקעדיגער יונגערמאַן (מ. תּבֿשי'טים).

תּל [תּל], המ. "הויפען", רואינע. מאַכען אַ ת ל פון, פאַרשוועגדען, אויסברייגנגען, רואינירען, מאַכען צו גאָרנישט.

תּל [תּל]־עו'לם, המ. (ביבליש). אויביגע רואינע. מאַכען אַ ת ל־ ע ו ל ם פון, אין גאַנצען רואי= נירען.

תּ'לוי, המ. "דער געהאַנגענער", דער געקרייציגטער. אַרויפשלעפען אויף זיך דעם ת ל ו י, אָנטהאָן אויף זיך פיעל צירונגען אָדער פוץ=זאַכען.

תּ'לוי, א. אָפּהענגיג. "עס איז ת ל ו י אָן איהם".

תּ'לוי־בּדבר, א. (תלמודיש). אָפּ= הענגיג פון אַ געוויסער זאַך.

תּ'לוי־בּדעת־אַחרים, א. (תלמו= דיש). אָפּהענגיג פון דעם ווילען פון אַנדערע.

תּ'לי־תּלים־של־הלכות, מ. (תל= מודיש). הויפענס אויף הויפענס פון געזעץ=אויסטייטשונגען אָדער טעקסט=ערקלערונגען.

תּליה, הוו. (מ. תּלי'ות). אַ היל= צערנעס געשטעל אויף וועלכען מע היינגט פאַרברעכערס, גאַלגען, עשאַפאָט. "פאַר אַ גנב טאָר מען קיין ת ל י ה ניט דערמאָנען" (שפוו.).

תּלי'ון, המ. (מ. תּלי'ונים). הענ= קער, קאַט.

תּל'מוד, המ. אַ ווערק געשריבען טהייל=ווייז אין העברעאיש און טהייל=ווייז אין אַראַמעאיש, וואָס ענטהאַלט אַלע אידישע ציוויל= קרימינאַל= און גלויבענס=געזעצען, לעהרען פון מאָראַל, שפריכ= ווערטער, זאַגען, פראַקטישע ווי= סענשאַפטען, און לעבענסרעגעלען פון פאַרשיעדענע געלעהרטע וועל= כע האָבען געלעבט אין פאַרלויף פון אונגעפעהר אַכט הונדערט יאָהר. דער תלמוד איז צוערשט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אין דעם 2=טען יאָהרהונדערט אין פאַ= לעסטינא וואו עס איז דאַמאָלס געווען דער צענטער פון אידישער געלעהרזאַמקייט. די דאָזיגע צו= זאַמענשטעלונג רופט זיך "תּל'מוד־ירושל'מי" (דער תלמוד פון ירושלים). שפעטער, אין דעם זעקסטען יאָהרהונדערט, ווען די אידישע געלעהרזאַמקייט האָט זיך כמעט אין גאַנצען אַריבערגעטראָ= גען קיין בבל, האָבען די געלעהר= טע רבינא און רב־אשי געמאַכט אַ נייע צוזאַמענשטעלונג וועלכע איז פיעל ברייטער און פאָלקאָמע= נער ווי די ערשטע. דאָס ווערק הייסט "תּל'מוד־בבֿ'לי" (דער תלמוד פון בבל) און איז דאָס יעניגע וועלכע ווערט הויפטזעכ= ליך שטודירט. דער תלמוד באַ= שטעהט פון צוויי הויפט=טהיילען: איינער איז די "מ'שנה" וועלכע איז דער גרונד=טעקסט און ענט=

האַלט די געזעץ=ענטשיידונגען און
לעהרען פון די גאָר=ערשטע גע=
לעהרטע, די תַּנָאִים ; דער צוויי=
טער טהייל איז די "גְמָ'רָא" וועל=
כע ענטהאַלט די מיינונגען, ענט=
שיידונגען און לעהרען פון די
אֲמוֹרָאִים, וועלכע טייטשען
מעהרסטענטהיילס אויס, אָדער
באַציהען זיך אויף, די משנה.
דער תלמוד ווערט אויך (נאָך זיין
אינהאַלט) אַיינגעטהיילט אין
"הֲלָ'כָה" (ד. ה. די ציוויל- קרי-
מינאַל= און גלויבענס=געזעצען),
און אין "אַגָ'דָה" (ד. ה. עטהישע
לעהרען, זאַגען, שפּריכווערטער,
ערצעהלונגען א. א. וו.). דער
תלמוד באַשטעהט פון זעקס
"סְדָ'רִים", אָדער "הויפּט=אָפּטהיי-
לונגען", וועלכע ווערען אַיינגע=
טהיילט אין "מְסֶכְ'תוֹת", אָדער
"טראַקטאַטען" (1. סדר ז ר ע י ם
וואָס ענטהאַלט די עלף מסכתות:
ברכות, פאה, דמאי, כלאים,
שביעית, תרומות, מעשרות,
מעשר־שני, חלה, ערלה, בכורים.
2. סדר מ ו ע ד וואָס ענטהאַלט
די צוועלף מסכתות: שבת,
עירובין, פסחים, שקלים, יומא,
סוכה, ביצה, ראש־השנה, תענית,
מגילה, מועד־קטן, חגיגה. 3. סדר
נ ש י ם וואָס ענטהאַלט די זיעבען
מסכתות: יבמות, כתובות, נדרים,
נזיר, סוטה, גיטין, קידושין.
4. סדר נ ז י ק י ן וואָס ענטהאַלט
די צעהן מסכתות: בבא־קמא,
בבא־מציעא, בבא־בתרא, סנהדרין,
מכות, שבועות, עדיות, עבודה־
זרה, אבות, הוריות. 5. סדר
ק ד ש י ם וואָס ענטהאַלט די עלף
מסכתות: זבחים, מנחות, חולין,
בכורות, ערכין, תמורה, כריתות,
מעילה, תמיד, מדות, קנים.
6. סדר ט ה ר ו ת וואָס ענטהאַלט
די צוועלף מסכתות: כלים, אהלות,
נגעים, פרה, טהרות, מקואות,
נדה, מכשירין, זבים, טבול־יום,
ידים, עוקצים. צום תלמוד ווערען
אויך צוגערעכענט די פאָלגענדע
פערצעהן וועניגער = אָנגענומענע
מסכתות: אבות־דרבי־נתן, סופרים,
שמחות (אבל־רבתי), כלה, כלה־
רבתי, דרך־ארץ־רבה, דרך־ארץ־
זוטא, גרים, כותים, עבדים, ספר־
תורה, תפלין, ציצית, מזוזה). די
טראַקטאַטען ווידער טהיילען זיך
אין "פְּרָ'קִים", אָדער "אָבשניטען".

תַּלְ'מוּד־בַּבְ'לִי, הס. דער תלמוד
צוזאַמענגעשטעלט אין בבל. זעה
תַּלְ'מוּד.

תַּלְ'מוּד־יְרוּשַׁלְ'מִי, הס. דער תלמוד
צוזאַמענגעשטעלט אין פאַלעסטינא.
זעה תַּלְ'מוּד.

תַּלְ'מוּד־תּוֹ'רָה, הס. (מ. תַּלְ'מוּד־
תּוֹ'רָה'ס). אַ אידישע שוהלע וואו
מע גיט (אָרעמע קינדער פרייען)
אונטעררריכט אין רעליגיאָן און אַנ=
דערע געגענשטאַנדען.

תַּלְ'מוּדִ'יסט', הס. (מ. תַּלְמוּדִ'יס'=
טען). איינער וועלכער קען אָדער
שטודירט דעם תלמוד.

תַּלְ'מוּ'דִ'יש, א. באַלאַנגענדיג צו
אָדער גענומען פון תלמוד.

תַּלְמִיד, הם. (מ. תַּלְמִידִים). אַ שילער, אַ'ן אנהענגער.

תַּלְמִיד־חָכָם, הם. (מ. תַּלְמִידֵי־חֲכָמִים), (תלמודיש). אַ געלעהר־מער, אַ תלמודיסט.

תַּלְמִידָה, הוו. (מ. תַּלְמִידוֹת). אַ שילערין.

תָּם, הם. אַ נאַאיווער מענש; אַ'ן אידיאָט; איינער פון די ארבעה־בנים (ווז.).

תַּמּוּז, הם. דער צעהנטער מאָנאַט פון דעם אידישען יאָהר; פאַלט אין יוני־יולי און האָט 29 טעג.

תְּמוּנָה, תְּמוּנַת־, הוו. (מ. תְּמוּנוֹת). בילד, געשטאַלט.

תְּמוּנַת־אוֹת [אָת], הוו. די גע־שטאַלט פון אַ בוכשטאַב. ניט וויסען קיין תמונת־אות, ניט קענען לעזען.

תָּמוֹת נַפְשִׁי עִם פְּלִשְׁתִּים, (ביב־ליש). "לאָז אונטערגעהן מיין לעבען צוזאַמען מיט די פלשתים" (די ווערטער וועלכע שמשון האָט געזאָגט ווען ער האָט מיט זיינע הענט איינגעוואָרפען די זיילען פון זיין געפענגעניס, ווי די ביבעל דערצעהלט).

תְּמְחֶה, הם. איינער וועלכער שטאַמט פון עמלק, אויף וועלכען עס שטעהט: מָחֹה תִמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק — דו זאָלסט אויס־מעקען די שפור פון עמלק.

תָּמִיד, א. שטענדיג, אימער, אַלע מאָל.

תְּמִיָה, הוו. פאַרוואונדערונג, פראַגע.

תְּמִיכָה, הוו. שטיצע, געלד־שטיצע.

תְּמִימוּת, הוו. איינפאַכקייט, ניט־איבערגעשפיצטקייט, נאַאיוויטעט.

תַּמְעוּוָאַטע, א. שטומפזיניג, נאַר־ריש, אידיאָטיש.

תַּמְצִית, הם. עססענץ, קווינט־עססענץ.

תַּנָּא, הם. (מ. תַּנָּאִים). איינער פון די ערשטע תלמודישע גע־לעהרטע. זעה תַּלְמוּד.

תַּנָּא־בְּרָא [בַּרָא], הם. (מ. תַּנָּא־בְּרָאִים), (תלמודיש). קערל, באָיבאַק (אורשפרינגליך: איינער פון די תנאים וואָס ווערען ניט דערמאָנט אין דער משנה).

תְּנַאי, הם. (מ. תְּנָאִים). באַדינג, אָפּמאַך.

תְּנַאי־גֶט, הם. אַ גט וועלכען אַ שטערבליך־קראַנקער גיט זיין פרוי דאַמיט זי זאָל נאָך זיין טויט ניט דאַרפען נעהמען חליצה פון זיין ברודער מיט דעם באַרינג אַז אויב ער וועט בלייבען לעבען זאָל דער גט ניט זיין גילטיג.

תְּנָאִים, מ. אַ געשריבענער אָבמאַך פון פאַרלאָבונג; הם. די מאָהלצייט וועלכע מע מאַכט צו דער פאַר־לאָבונג. "בעסער די תנאים צו־רייסען איידער די כתובה" (שפוו.).

תָּנוּ־רַבָּנָן, (תלמודיש). "אונזערע געלעהרטע האָבען געלעהרנט", ווערטער מיט וועלכע עס הויבען זיך אָן פיעל פאַראַגראַפען אין תלמוד.

תְּנוּ׳עָה, הוו. (מ. תְּנוּ׳עוֹת). באַ־וועגונג; מינע, גרימאַסע; אַ העב־רעאישער וואָקאַל־צייכען.

תַּנַ״ךְ׳, המ. (מ. תַּנַ׳כ׳עֶן). אב. תּו׳רָה נְבִי׳אִים וּכְתוּבִים (ווז.), די ביבעל.

תַּנְצְבַ״ה, אב. תְּהִי נִשְׁמָ׳תוֹ צְרוּ׳רָה בִּצְרוֹר׳ הַחַ׳יִּים — זיין זעלע זאָל זיין איינגעבונדען אין דעם בינטעל פון (אויביגען) לע־בען (אויפשריפט אויף אַ מצבה).

תַּעֲ׳נוּג, המ. (מ. תַּעֲנוּ׳גִים). פאַר־געניגען, וואוהלטאַג.

תַּעֲנוּ׳גֵי־הָעוֹ׳לָם־הַ׳בָּא, מ. די פאַר־געניגענס פון יענער וועלט.

תַּעֲנוּ׳גֵי־הָעוֹ׳לָם־הַ׳זֶּה, מ. די פאַר־געניגען פון דער וועלט.

תַּעֲנִית [תָּ׳נֶת], המ. (מ. תַּעֲנֵי׳תִים). אַ פאַסט־טאָג.

תַּעֲ׳נִית־אֶסְתֵּר, המ. זעה אֶסְ׳תֵּר־תַּעֲנִית.

תַּעֲ׳נִית־צִ׳בּוּר, המ. (תלמודיש). אַ׳ן אַלגעמיינער פאַסט־טאָג.

תַּעֲ׳נִית־צַדִּי׳קִים, המ. אַ פאַסט־טאָג פאַר די גאַנץ פרומע. "פרייטאָג איז אַ ת ע נ י ת־צ ד י ק י ם".

תָּ׳פוּס, א. איינגעשפּאַרט, אין פעס־טונג.

תְּפִי׳לָּה, זעה תְּפִ׳לָּה.

תְּפִי׳סָה, הוו. (מ. תְּפִי׳סוֹת). גע־פענקעניס; אויפפאַסונגס־קראַפט.

תְּפִ׳לָּה, הוו. (מ. תְּפִ׳לּוֹת). קירך.

תְּפִ׳לָּה, הוו. (מ. תְּפִ׳לּוֹת). אַ גע־בעט. טהאָן ת פ ל ה, בעטען.

תְּפִ׳לָּה־זַכָּה, הוו. "אַ ריינעס גע־בעט", אַ געוויסעס געבעט וואָס מע זאָגט ערב־יום־כפור פאַרנאַכט.

תְּפִ׳לִּים, מ. זעה תְּפִ׳לִּין.

תְּפִ׳לִּין, מ. קעסטעלאַך פון פאַרמעט צוזאַמענגענייהט מיט אָדערען (גידין, ווז.) אין וועלכע עס ליגען שטיקלעך פאַרמעט באַשריבען מיט געוויסע זאצען פון דער תורה. די תפלין ווערען ביי׳ם דאַווענען גע־טראָגען אויפ׳ן קאָפּ און אויף דעם לינקען אָרעם צוגעפעסטיגט מיט רצועות (ווז.).

תְּפִ׳לִּין־שֶׁל־יַד, מ. (תלמודיש). די תפלין פון האַנד.

תְּפִ׳לִּין־שֶׁל־ראֹש [ראָש], מ. (תל־מודיש). די תפלין פון קאָפּ.

תְּפִ׳לַּת־הַדֶּ׳רֶךְ, הוו. דאָס געבעט וואָס מע זאָגט איידער מע געהט אויף אַ רייזע.

תְּפִ׳לַּת־שָׁוְא, הוו. (תלמודיש). אַ׳ן אומזיסט געבעט, אַ געבעט וועל־כעס קען ניט מעהר העלפען.

תְּצַ׳וֶּה, הוו. דער נאָמען פון דער צוואַנציגסטער סדרה (ווז.).

תִּקְ׳וָה, הוו. (מ. תִּקְ׳וֹת). האָפע־נונג.

תְּקוּ׳מָה, הוו. (מ. תְּקוּ׳מוֹת). אויפ־שטעהונג, אויפלעבונג. ניט האָ־בען קיין ת ק ו מ ה, ניט קענען מעהר אויפשטעהן.

תִּ'קּוּן, הס. (מ. תִּקּוּ'נִים). אויס=
בעסערונג, קאָררעקציאָן; אײנריכ=
טונג, אײנפֿיהרונג; רייניגונג,
אויסלייטערונג (פֿון אַ זינדיגער
נשמה); תקון־ליל־שבועות (ווז.).
טרינקען תקון (חסידיש), טרינ=
קען שנאַפּס אין קלויז צו אַ יאָהר=
צייט.

תִּ'קּוּן־חֲצוֹת [חֲצָת], הס. געוויסע
געבעטען וועלכע די פֿרומע זאָ=
גען אום האַלבע נאַכט פֿאַר די
אויפֿריכטונג פֿון דעם אידישען
פֿאָלק.

תִּ'קּוּן־לֵיל־שָׁבוּ'עוֹת, הס. געוויסע
טהיילען פֿון דער תורה וועלכע
מע זאָגט די ערשטע נאַכט פֿון
שבועות.

תְּקוּ'פָה, חוו. (מ. תְּקוּ'פוֹת). „אַ
קרייז", איינע פֿון די פֿיער צייַ=
טען פֿון יאָהר (ווינטער, פֿריה=
לינג, זומער, הערבסט); דער
טאָג ווען איין תקופה ענדיגט זיך
און אַ צווייטע הויבט זיך אָן; אַ
פּעריאָדע, אַ צייט=פּונקט.

תְּקוּ'פַת־טֵ'בֵת, חוו. (תלמודיש).
די תקופה וועלכע הויבט זיך אָן
אין מאָנאַט טבת; דער טאָג
ווען תקופת־טבת הויבט זיך אָן
(דער קירצסטער טאָג פֿון יאָהר).
זעה תְּקוּ'פָה.

תְּקוּ'פַת־נִי'סָן, חוו. (תלמודיש)
די תקופה וועלכע הויבט זיך אָן
אין מאָנאַט ניסן; דער טאָג
ווען תקופת־ניסן הויבט זיך אָן.
זעה תְּקוּ'פָה.

תְּקוּ'פַת־תַּ'מּוּז, חוו. (תלמודיש).
די תקופה וועלכע הויבט זיך אָן
אין מאָנאַט תמוז; דער טאָג
ווען תקופת־תמוז הויבט זיך אָן
(דער לענגסטער טאָג פֿון יאָהר).
זעה תְּקוּ'פָה.

תְּקוּ'פַת־תִּשְׁ'רֵי, חוו. (תלמודיש).
די תקופה וועלכע הויבט זיך אָן
אין מאָנאַט תשרי; דער טאָג
ווען תקופת־תשרי הויבט זיך אָן.
זעה תְּקוּ'פָה.

תְּקִי'עָה, חוו. (מ. תְּקִי'עוֹת). דאָס
בלאָזען אין שופר; אַ געוויסער
אויסגעצויגענער טאָן (די טענער
וועלכע ווערען אויסגעבלאָזען פֿון
שופר זיינען פֿון דרייערלייַ אַרטען:
תקיעה, תרועה און שברים, ווז.).
תְּקִי'עָה־גְדוֹ'לָה, חוו. (מ. תְּקִי'עוֹת־
גְדוֹ'לוֹת). אַ לאַנגע תקיעה, אַ
זעהר לאַנגער אויסגעצויגענער טאָן
פֿון שופר וועלכען מע בלאָזט אויס
פֿון שופר צום ענד פֿון אַלע
תקיעות.

תְּקִי'עַת־כַּף, חוו. האַנדשלאַג גע=
געבען אַלס באַפֿעסטיגונג פֿון אַ
געשעפֿט אָדער אָפּמאַך, אָדער אַלס
אַ באַשטעטיגונג פֿון אַ צוזאָג.

תַּ'קִּיף, הס. (מ. תַּקִּי'פִים). אײנ=
פֿלוסרייכער מאַן; אייגענווילליגער
שטאָלצער מאַן.

תַּ'קִּיף, א. אײנפֿלוסרייך, שטאָלץ,
שטאָלץ ביי זיך, פֿעסט. תקיף
אין מעמד, אין אַ גוטען שטאַנד.
„אַ'ן אָרעמאַן און אַ קראַנקער
זיינען שטענדיג תקיף" (שפּוו.).

תַּקִּי'פוּת, חוו. שטאָלצקייט, אייגענ=
ווילינקייט, פֿעסטקייט.

תַּקָ'לָה, הוו. (מ. תַּקָ'לוֹת). שטרויכ־לונג.

תַּקָ'נָה, הוו. (מ. תַּקָ'נוֹת). איינ־פיהרונג, איינריכטונג, פאראָרד־נונג, געזעץ; פארבעסערונג, אויס־בעסערונג.

תַּרְ'בּוּת, הוו. מאניערען, עטיקעט, אויפפיהרונג, גוטע אויפפיהרונג.

תַּרְ'גּוּם, הם. (מ. תַּרְגּוּ'מִים). אַ כאלדעאישע איבערזעצונג פון דער ביבעל; כאלדעאיש; אונפאר־שטענדליכע שפראך.

תַּרְ'גּוּם־אוּנְ'קְלוֹס, הם. (תלמודיש). די כאלדעאישע איבערזעצונג פון דער ביבעל פארפאסט פון אַ גע־וויסען אונקלוס.

תַּרְ'גּוּם־יוֹ'נָתָן, הם. (תלמודיש). די כאלדעאישע איבערזעצונג פון דער ביבעל (נביאים און כתובים) פאר־פאסט פון אַ געוויסען יונתן.

תַּרְ'גּוּם־יְרוּשַׁלְ'מִי, הם. אַ געוויסע כאלדעאישע איבערזעצונג פון דער ביבעל וועלכע איז געמאכט גע־וואָרען אין פאלעסטינא.

תַּרְ'גּוּם־לָ'שׁוֹן, הם. כאלדעאיש; אונפארשטענדליכע שפראך.

תַּרְ'גּוּם־שֵׁ'נִי, הם. "דער צווייטער תרגום", אַ געוויסער כאלדעאישער קאָמענטאר אויף דעם בוך אסתר וואָס ענטהאלט פיעלע לעגענדען און וואונדער־ערצעהלונגען.

תְּרוּ'מָה, הוו. ארונטערנעהמונג, דאָס וואָס מע פלעגט לויט דעם אידישען דין מוזען אראָפּנעהמען (פארצייטען ביי אידען) פון תבואה און אנדערע פראָדוקטען פאר דעם כהן; דער נאָמען פון דער נייג־צעהנטער סדרה (ווז.).

תְּרוּ'עָה, הוו. (מ. תְּרוּ'עוֹת). אַ געווייטער טאָן פון שופר. זעה תְּקִי'עָה.

תְּרוּ'פָה, הוו. (מ. תְּרוּ'פוֹת). היי־לונג, הייל־מיטעל.

תֵּרוּץ [תֶּ'רֶץ], הם. (מ. תֵּרוּ'צִים), ענטפער; פארענטפערונג, ענט־שולדיגונג.

תֵּרוּץ [תֶּ'רֶץ]־מַסְ'פִּיק, הם. באפרי־דיגענדער ענטפער.

תֶּ'רַח, אנמ. דער נאָמען פון אברהם'ס פאָטער; אַ'ן אלטער נארר.

תַּרְיַ"ג־אֵבָרִים [אֶבְ'רִים], מ. (תל־מודיש). די זעקס הונדערט און דרייצעהן באשטאנדטהיילען פון דעם מענשליכען קערפער (לויט אמאָליגע באגריפען).

תַּרְיַ"ג־מִצְ'וֹות, מ. (תלמודיש). די זעקס הונדערט און דרייצעהן גע־זעצען וועלכע אַ איד מוז אָפּהי־טען. עס ווערט געגלויבט אז די צאָהל שטימט מיט דער צאָהל פון די טהיילען פון דעם מענשליכען קערפער: די זעקס הונדערט און דרייצעהן געזעצען באשטעהען פון רמ"ח (248) "עשה'ס" שטימענדיג מיט דער צאָהל פון די גלידער, און פון שס"ה (365) "לא־תעשה'ס" ענטשפרעכענדיג דער צאָהל פון אָדערען וועלכע געפינען זיך אין מענשליכען קערפער (לויט די אמאָליגע באגריפען).

תַּרְעוּ'מוֹת, מ. אנשפרוכען, פרע־טענזיעס.

תַּרְפַּ"ט־אֲלָ'פִים, צ. זעקס הונדערט און ניין און אכציג טויזענד, א'ן אונגעהייער גרויסער צאָהל.

תַּר'תֵּי־דְסַתְ'רֵי, ם. "צוויי זאַכען וועלכע ווידערשפרעכען זיך איינאַנדער", א ווידערשפרוך.

תַּשְׁבּוֹ'רֶת, הוו. געבראָכענע צאָהלען, דראָב (אין אַריטמעטיק).

תְּשׁוּ'בָה, הוו. (מ. תְּשׁוּ'בוֹת). ענטפער; באַקעהרונג, באַרייאונג; אַ שטראָף וועלכע מע לעגט אויף אימיצען אַרויף אָדער ער נעהמט אַליין אויף זיך אַלס אַ פאַרגעבונג פאַר אַ זינד.

תְּשׁוּ'קָה, הוו. (מ. תְּשׁוּ'קוֹת). פאַרלאַנג, באַגעהר.

תַּשְׁ'לִיךְ, הם. (ליטורגיש). "דו זאָלסט אַריינוואַרפען (אין די טיעפענישען פון מעער אַלע אונזערע זינד)", דער נאָמען פון אַ געבעט וואָס מע זאָגט דעם ערשטען טאָג פון ראש־השנה שטעהענדיג אויפ'ן ברעג פון אַ לויפיגען וואַסער.

תַּשְׁ'מִישׁ, הם. זעה תַּשְׁ'מִישׁ־הַמִ'טָּה.

תַּשְׁ'מִישׁ־הַמִ'טָּה, הם. געשלעכטליכעם צוזאַמענזיין.

תִּשְׁ'עָה, צ. ניין (9).

תִּשְׁ'עָה־בְּאָב, הם. דער ניינטער טאָג פון מאָנאַט אב, אַ פאַסט־ און טרויער־טאָג צום אנדענק אן דעם חרבן בית־המקדש.

תִּשְׁ'רֵי, הם. דער ערשטער מאָנאַט פון דעם אידישען יאָהר; פאַלט געוועהנליך אין סעפטעמבער־אָקטאָבער און האָט 30 טעג.

תַּשְׁ'רַ"ק, הם. אַ געוויסע פאַרשטעלטע אַרט פון שרייבען לויט וועלכער דער בוכשטאַב "ת" מיינט אַ "ש", דער בוכשטאַב "ר" — אַ "ק", א. א. וו.

ת"ת, אב. תַּלְ'מוּד־תּוֹ'רָה (ווז.).

אידיש ווערטערבוך

II

זעלטענער געברויכטע העברעאישע (און כאַלדעאישע)
אויסדרוקען, זאַצען און שפּריכווערטער.

א.

אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה, (ביבליש). דער שטיין וועלכען די בויער האָבען פאַראַכטעט — איז געוואָרען דער ווינקעלשטיין.

אָדָם בָּהוּל עַל מָמוֹנוֹ, (תלמודיש). אַ מענש איז פאַרהאַוועט נאָך זיין געלט.

אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, (ביבליש). אַ מענש איז געבאָרען זיך צו פלאָגען (אויף דער וועלט).

אָדָם מוּעָד לְעוֹלָם, (תלמודיש). אַ מענש ווען ער טהוט צום ערשטען מאָל אַ שאָדען איז גראָד אַזוי פאַראַנטוואָרטליך ווי ווען ער וואָלט געווען אין דער געוואהנהייט צו מאַכען אַזעלכע שאָדענס.

אֱהֹב אֶת הַמְּלָאכָה וּשְׂנָא אֶת הָרַבָּנוּת, (תלמודיש). ליעב די אַרבייט און האַס די פיהרערשאַפט.

אַהֲבָה מְקַלְקֶלֶת אֶת הַשּׁוּרָה, (תלמודיש). ליעבע פאַרדרעהט די גלייכע ליניע פון (פאַרשטאַנד אָדער אויפפיהרונג), ליעבע מאַכט פאַרטייאיש.

אוֹי לְאָזְנַיִם שֶׁכַּךְ שׁוֹמְעוֹת, (תלמודיש). וועה צו די אויערען וואָס דאַרפען אַזוי וואָס הערען.

אוֹי לִי אִם אוֹמַר וְאוֹי לִי אִם לֹא אוֹמַר, (תלמודיש). וועה מיר אויב איך וועל זאָגען, וועה מיר אויב איך וועל ניט זאָגען.

אוֹי לִי מִיּוֹצְרִי וְאוֹי לִי מִיִּצְרִי, (תלמודיש). וועה איז מיר פון מיין באַשעפער און וועה איז מיר פון מיין יצר־הרע, ס'איז שלעכט אַזוי און שלעכט אַזוי.

אוֹי לָרָשָׁע וְאוֹי לִשְׁכֵנוֹ, (תלמודיש). וועה צו דעם שלעכטען און וועה צו זיין שכן.

אוֹי מֶה הָיָה לָנוּ, (ביבליש). וועה וואָס פון אונז איז געוואָרען.

אֲוִירָא דְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַחְכִּים, (תלמודיש). די לופט פון ארץ ישראל מאַכט קלוג.

אוֹמְרִים מִקְצַת שִׁבְחוֹ שֶׁל אָדָם בְּפָנָיו, (תלמודיש). אַ טהייל פון אַ מענשענ'ס לויב מעג מען זאָגען פאַר זיין געזיכט.

אוֹתִיוֹת מַחְכִּימוֹת, (תלמודיש). בוכשטאַבן מאַכן קלוג, דער גשריבע=
נער טעקסט קלערט אויף.

אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, (תלמודיש). אַלץ איינס דער וואָס ברייגנט
ווייניג אָדער דער וואָס ברייגנט מעהר (אַזוי לאַנג ווי די אַבזיכט איז
גוט).

אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מֶלֶךְ טִפֵּשׁ הָיָה, (תלמודיש). אחשורוש איז געווען אַ נאַרישער
קעניג.

אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן חָבִיב, (תלמוד). דער לעצטער איז דער ליעבסטער (אַ ווער=
טעל וואָס מע זאָגט ווען מע דערמאָנט אימיצען צום לעצטען).

אַחֲרֵי מוֹת קְדוֹשִׁים אֱמוֹר, "נאָך דעם טויט פון הייליגע זאָג", ד. ה. נאָך
דעם טויט זאָגט מען לויב=ווערטער (די ווערטער זיינען אייגענטליך די
נעמען פון דריי סדרות וועלכע געהען איינער נאָך דער אַנדערער).

אֵיזֶהוּ גִּבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ, (תלמודיש). ווער איז שטאַרק?—דער וואָס
באַצווינגט זיינע (שלעכטע) נייגונגען. "א י ז ה ו ג ב ו ר ה כ ו ב ש
גלייכוווערטעל" (פּאַראָדיע).

אֵיזֶהוּ חָכָם הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד, (תלמודיש). ווער איז קלוג? — דער וואָס
זעהט פאָראויס דאָס קומענדיגע.

אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, (תלמודיש). ווער איז רייך?-- דער וואָס איז
צופרידען מיט זיין טהייל.

אֵין אָדָם מֵשִׂים עַצְמוֹ רָשָׁע, (תלמודיש). אַ מענש קען זיך אַליין ניט מאַ=
כען פאַר אַ פאַרברעכער.

אֵין אָדָם רוֹאֶה נִגְעֵי עַצְמוֹ, (תלמודיש: כָּל הַנְּגָעִים אָדָם רוֹאֶה חוּץ
מִנִּגְעֵי עַצְמוֹ). אַ מענש זעהט ניט זיינע אייגענע פעהלערען.

אֵין אוּמָּן בְּלֹא כֵּלִים, (נאָכתלמודיש). אַ קינסטלער קען ניט זיין אָהן גע=
צייג.

אֵין אוֹרֵחַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ, (תלמודיש). איין גאַסט קען ניט אויפנעהמען אַ
(צווייטען) גאַסט.

אֵין בּוֹ מְתוֹם, (ביבליש). ס'איז אין איהם ניטאַ קיין גאַנץ גליעד.

אֵין בּוֹדְקִין לְמְזוֹנוֹת, (תלמודיש). מע אונטערזוכט ניט ווען עס האַנדעלט
זיך אום (געבען אימיצען אויף) לעבענסמיטעל.

אֵין בַּיִת אֲשֶׁר אֵין שָׁם מֵת, (ביבליש). עס איז ניט געווען אַ הויז וואו
עס איז ניט געווען קיין טויטער.

אין בֶּן דָוִד בָּא עַד שֶׁתִּכְלֶה פְּרוּטָה מִן הַכִּיס, (תלמודיש). דער זוהן פון דוד (ד. ה. משיח ווערכער וועט זיין א'ן אָבשטאַם פון דוד'ן) וועט ניט קומען ביז עס וועט אויסגעהן די (לעצטע) פרוטה פון בייטעל.

אֵין דוֹמֶה מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פַּת בְּסַלּוֹ לְמִי שֶׁאֵין לוֹ פַּת בְּסַלּוֹ, (תלמודיש). עס איז ניט גלייך דער וואָס האָט ברויט אין זיין קאָרב (און עסט ניט) צו דעם וואָס (עסט ניט ווייל ער) האָט ניט קיין ברויט אין זיין קאָרב.

אֵין הַקּוֹמֶץ מַשְׂבִּיעַ אֶת הָאֲרִי, (תלמודיש). א הייפעל קען ניט זאט מאַכען דעם לייב.

אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה (לֹא) מִתּוֹךְ עַצְבוּת, (תלמודיש). די געטליכע באַגייסטערונג קומט ניט ווען מען איז באַטריבט.

אֵין חָכָם כְּבַעַל הַנִּסָּיוֹן, (נאָכתלמודיש). קיינער איז ניט אַזוי קלוג ווי דער מאַן פון ערפאַהרונג.

אֵין לְךָ אָדָם שֶׁאֵין לוֹ שָׁעָה, (תלמודיש). עס איז ניטאָ א מענש וואָס האָט ניט זיין מאָמענט אין לעבען.

אֵין מְבִיאִים רְאָיָה מִן הַשּׁוֹטִים, (תלמודיש). פון נאַררען ברייננט מען קיין באַווייז.

אֵין מְגַלִּים אֶלָּא לִצְנוּעִים, (ביבליש). מע אַנטפלעקט עס בלויז צו די גאַנץ פרומע.

אֵין מוּקְדָם וּמְאוּחָר בַּתּוֹרָה, (תלמודיש). עס איז ניטאָ פריהער און שפּעטער אין דער תורה.

אֵין מַזָּל לְיִשְׂרָאֵל, (תלמודיש). אידען האָבען קיין גליק ניט (אורשפּרינגליך מיינט עס: מע קען דעם שיקזאַל פון דעם אידישען פאָלק ניט פאָראויסזעהן פון די שטערען־צייכענס).

אֵין מְסִיחִין בִּסְעוּדָה, (תלמודיש). מע טאָר ניט רעדען ביי'ם עסען.

אֵין מְעָרְבִין שִׂמְחָה בְּשִׂמְחָה, (תלמודיש). מע דאַרף ניט צוזאַמענמישען איין פרעהליכקייט (פייערטאָג) מיט דער צווייטער.

אֵין עוֹנְשִׁים אֶלָּא אִם כֵּן מַזְהִירִים, (תלמודיש). מע באַשטראָפט ניט סיידען מע האָט פאָראויס געווארענט.

אין עֲנִיּוּת בִּמְקוֹם עֲשִׁירוּת, (תלמודיש). עס איז ניטאָ קיין אָרעמקייט אין דעם אָרט פון רייכטהום, ד. ה. אין א רייכען פּלאַטץ שטעלט מען זיך ניט אָפּ אויף קליינע אומקאָסטען.

אֵין קַטֵּגוֹר נַעֲשֶׂה סַנֵּגוֹר, (תלמודיש). דער באַשולדיגער קען ניט ווערען א פאַרטהיידיגער.

אֵין שָׁלוֹם אָמַר יְהוָֹה לָרְשָׁעִים, (ביבליש). עס איז ניטאָ קיין פרידען, זאָגט גאָט, פאַר די פאַרברעכער.

אֵינָהּ דוֹמָה שְׁמִיעָה לִרְאִיָּה, (תלמודיש). הערען איז ניט גלייך צו זעהן.

אִישׁ כָּל הַיָּשָׁר בְּעֵינָיו יַעֲשֶׂה, (ביבליש). יעדער טהוט וואָס איז גוט ביי איהם אין די אויגען.

אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְאִישׁ תַּחַת תְּאֵנָתוֹ, (ביבליש). יעדער אונטער זיין וויינשטאָק און יעדער אונטער זיין פייגענבוים.

אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה, (ביבליש). צו דער ערבשאַפט און צו דער רוה. "קומען אל המנוחה ואל הנחלה".

אַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ, (תלמודיש). זאָלסט ניט גלויבען אין זיך ביז דעם טאָג פון דיין טויט.

אַל תַּגִּידוּ בְגַת, (ביבליש). איהר זאָלט עס ניט דערצעהלען אין גת (אַ געוויסע שטאָדט), דערצעהלט ניט די שאַנד אין דער פרעמד.

אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ, (תלמודיש). זאָלסט ניט אורטהיילען דיין פריינד ביז דו וועסט ניט זיין אין דיזעלביגע אומשטאַנדען ווי ער איז.

אַל תְּהִי בִּרְכַּת הֶדְיוֹט קַלָּה בְעֵינֶיךָ, (תלמודיש). די ברכה פון אַ פּראָסטען מענשען זאָל ניט זיין גרינג אין דיינע אויגען.

אַל תְּהִי צַדִּיק הַרְבֵּה, (ביבליש). זיי ניט צופיעל קיין צדיק.

אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, (תלמודיש). דו זאָלסט ניט קוקען אויף דעם קרוג נאָר אויף וואָס איז איהם.

אַל תַּעַן כְּסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ, (ביבליש). זאָלסט ניט ענטפערן דעם נאַרען לויט זיין נאַרישקייט.

אַל תִּפְרוֹשׁ מִן הַצִּבּוּר, (תלמודיש). זאָלסט זיך ניט אָפּשיידען פון דעם כלל.

אַל תַּשְׁלִיכֵנִי לְעֵת זִקְנָה, (ביבליש). זאָלסט מיך ניט פאַרלאָזען אויף דער עלטער.

אַל תְּשַׁקְּצוּ אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם, (ביבליש). איהר זאָלט זיך ניט פאַראומרייניגען.

אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל, (ביבליש). אָט איז דיין גאָט, ישראל! (די ווערטער וועלכע אהרן האָט געזאָגט צו די אידען ווען פון דעם גאָלד וואָס ער האָט צושמאָלצען איז אַרויסגעקומען דאָס גאָלדענע קאַלב).

אֵלּוּ וְאֵלּוּ דִּבְרֵי אֱלֹהִים חַיִּים, (תלמודיש). אי די אי יענע זיינען די ווערטער פון דעם לעבענדיגען גאָט, אי דאָס אי יענעס איז ריכטיג.

אִם אֵין אֲנִי לִי מִי לִי, (תלמודיש). אויב איך אליין (ארבייט) נים פאר זיך ווער (וועט ארבייטען) פאר מיך?

אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה, (תלמודיש). ווען עס איז ניטא קיין מעהל (לעבענסמיטעל) איז ניטא (קען מען ניט לערנען) קיין תורה.

אִם בָּאֲרָזִים נָפְלָה שַׁלְהֶבֶת מַה יַּעֲשׂוּ אֵזוֹבֵי הַקִּיר, (תלמודיש). אויב אויף די צעדערען איז געפאלען א פייער וואס זאל שוין טהאן דער מאך פון דער וואנד?

אִם יוֹם תַּעַזְבֶהָ יוֹמַיִם תַּעַזְבֶךָּ, (תלמודיש). ווען דו וועסט זי (די תורה) פארלאזען אויף איין טאג וועט זי דיך פארלאזען אויף צוויי טעג.

אִם כֵּן אֵין לְדָבָר סוֹף, (תלמודיש). אויב אזוי וועט דאך די זאך קיין ענד ניט נעהמען.

אִם כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי, (ביבליש). אויב אזוי צו וואס האב איך (עס באדארפט)?. זעה אִם־כֵּן.

אִם לֹא יוֹעִיל לֹא יַזִּיק, (נאכתלמודיש). אויב עס וועט ניט העלפען (יעדענפאלס) שאדען וועט עס ניט.

אִם לֹא עַכְשָׁיו אֵימָתַי, (תלמודיש). אויב ניט איצט ווען דען?

אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה, (תלמודיש). זאג ווייניג און טהו פיעל.

אָמְנָם חָטָאתִי, (ליטורגיש). יא טאקי איך האב געזינדיגט.

אֲנִי הַגֶּבֶר רָאָה עֳנִי, (ביבליש). איך בין דער מאן וואס האט דורכגעמאכט דאס עלענד.

אַקַּמְצָא וּבַר קַמְצָא חָרֵב יְרוּשָׁלַיִם, (תלמודיש). איבער קמצא און בר־קמצא (צוויי געוויסע פערזאנען וועלכע האבען זיך צוקריגט) איז צושטערט געווארען ירושלים.

אֲרִי שֶׁבַּחֲבוּרָה, (תלמודיש). דער לייב פון דער געזעלשאפט, דער העכסטער פון אלעמען.

אַשְׁקָא דְרִיסְפַּק חָרֵב בֵּיתָר, (תלמודיש). איבער א דייקסעל פון א וואגען איז צושטערט געווארען די שטאדט ביתר.

אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב יוֹכִיחַ, (ביבליש). וועמען ער ליעבט דעם שטראפט ער.

אַתַּרְנְגוֹל וְאַתַּרְנְגוֹלְתָא חָרֵב טוּר מַלְכָּא, (תלמודיש). איבער א האהן און א הוהן איז צושטערט געווארען די שטאדט טור־מלכא.

ב.

בָּאוּ מַיִם עַד נָפֶשׁ, (ביבליש). דאָס וואַסער האָט שוין דערגרייכט ביז׳ן לעבען (ביז׳ן האַלז).

בְּדִידִי הֲוָא עוּבְדָא, (תלמודיש). מיט מיר (אַליין) האָט די זאַך פּאַסירט.

בִּדְלֵיכָּא כּוּלֵי עַלְמָא לָא פְּלִיגִי, (תלמודיש). ווען עס איז ניטאָ קריגט קיינער נישט.

בּוֹר כָּרָה וַיַּחְפְּרֵהוּ, (ביבליש). די גרוב וואָס ער אַליין האָט געגראָבען און אויסגעהאַקט (אין איהר וועט ער אַליין אַריינפאַלען).

בְּחִיל וּבִרְעָדָה, (ביבליש). מיט טרייסלען און מיט ציטערנים, מיט גרויסער פאַרעהרונג.

בָּטֵל וּמְבוּטָל כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, (תלמודיש). אויסקאַסירט און ווערטהלאָז ווי אַ צובראָכען שערבעל.

בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח, (ביבליש). עס זאָל פאַרניכטעט ווערען דער טויט אויף אויביג (ווערטער וועלכע מע זאָגט ווען מע רעדט פון טויט).

בַּמֶּה דְבָרִים אֲמוּרִים, (תלמודיש). ווען זיינען די רייד געזאָגט געוואָרען, ווען איז דאָס אַלץ גערעדט.

בַּמֶּה כֹּחֲךָ גָּדוֹל, (ביבליש). מיט וואָס איז דיין קראַפט גרויס?

בֶּן נֹחַ נֶהֱרָג עַל פָּחוֹת מִשָּׁוֶה פְּרוּטָה, (תלמודיש). אַ זוהן (אַן אָפּשטאַם) פון נח וועט זיך לאָזען טויטען איבער אַ פרוטה. זעה בֶּן־נֹחַ.

בֶּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לַחוּפָּה, (תלמודיש). אַ זוהן פון אַכצעהן (יאָהרען דאַרף געפיהרט ווערען) צו דער חופה, ד. ה. צו אַכצעהן יאָהר מוז מען הייראַטהען.

בִּנְפוֹל אוֹיִבְךָ אַל תִּשְׂמַח, (ביבליש). ווען דיין פיינד פאַלט זאָלסטו זיך ניט פרעהען.

בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא חוּצְפָּא יִסְגֵא, (תלמודיש). אין די טריט (פאַר׳ן קומען) פון משיח וועט זיך די פרעכהייט פאַרמעהרען.

בָּקִי בְּכָל חַדְרֵי הַתּוֹרָה, (תלמודיש). באַהאַוועגט אין אַלע קאַמערען (אַבּטהיילונגען) פון דער תורה.

בְּרֹב דְבָרִים לֹא יֶחְדַּל פָּשַׁע, (ביבליש). פון פיעל רעד קען די זינד ניט אויסגעמיידט ווערען.

בְּרֹב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ, (ביבליש). [illegible] פיעל פאָלק ווערט דער קעניג געעהרט.

בָּרוּךְ אַתָּה בְּבֹאֶךָ, (ביבליש). געבענשט זאָלסטו זיין אין דיין קומען.

בָּרוּךְ אַתָּה בְּצֵאתֶךָ, (ביבליש). געבענשט זאָלסטו זיין אין דיין אַוועקגעהן.

בָּרוּךְ יְהוָֹה יוֹם יוֹם, (ביבליש). געבענשט זאָל זיין גאָט פאַר יעדען טאָג.

בָּרוּךְ מְשַׁנֶּה הַבְּרִיּוֹת, (ליטורגיש). געלויבט זאָל זיין דער וואָס מאַכט די באַשעפעניסען פערשיעדען (ווערטער וועלכע מע זאָגט ווען מע זעהט אַ ניט-געוועהנליכע בעשעפענים).

בָּרוּךְ מַתִּיר אֲסוּרִים, (ליטורגיש). געלויבט איז דער וואָס באַפרייט די גע-פאַנגענע (ווערטער וועלכע מע זאָגט ווען אימיצער ווערט באַפרייט פון געפענקעניס).

בָּרֵי וְשֶׁמָּא בָּרֵי עָדִיף, (תלמודיש). געוויס און אַ טאָמער — איז געוויס בילכער.

בִּשְׁבִיל שֶׁאֲנִי זָכַר הִפְסַדְתִּי, (תלמודיש). צוליעב דעם וואָס איך בין אַ מאַנספערשוין, דאַרף איך פערלירען (האָבען ווייניגער רעכט)?

בְּשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ, (ביבליש). ביי דיין לעגען זיך און ביי דיין אויפשטעהן.

בְּשָׁעָה שֶׁאֵינָהּ לֹא יוֹם וְלֹא לַיְלָה, (תלמודיש). אין אַ צייט וואָס איז ניט טאָג און ניט נאַכט.

בָּתַר עַנְיָא אַזְלָא עֲנִיּוּתָא, (תלמודיש). נאָך דעם אָרעמאַן געהט די אָרעמ-קייט.

ג.

גָּבוֹהַּ מֵעַל גָּבוֹהַּ, (תלמודיש). איבער דעם הויכען נאָך אַ העכערער.

גָּדוֹל הַמְעַשֶּׂה יוֹתֵר מִן הָעוֹשֶׂה, (תלמודיש). גרעסער איז דער וואָס מאַכט אַנדערע צו טהאָן (גוטעס) ווי דער וואָס טהוט אַליין.

גְּדָיִים נַעֲשׂוּ תְּיָשִׁים, (תלמודיש). די ציקעלעך זיינען געוואָרען בעק.

גַּם אֲנִי בַּחֲלוֹמִי, (ביבליש: אַף אֲנִי בַּחֲלוֹמִי). איך קום אויך מיט מיין [illegible]

גַּם [illegible] נַעַר, (ביבליש). אַ קינד קען שוין דערקענט ווערען נאָך זייער [illegible]טען.

ד.

דָּבָר הַמִּתְקַבֵּל עַל הַלֵּב, (תלמודיש). אַ זאַך וואָס לעגט זיך אויפ'ן הער=צען (זיינען).

דִּבְּרָה תּוֹרָה כִּלְשׁוֹן בְּנֵי אָדָם, (תלמודיש). די תורה האָט אָפט גערעדט אין דעם סטיל פון מענשען.

דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים, (תלמודיש). די ווערטער פון די קלוגע קלינגען געלאַסען.

דְּבָרִים בְּגוֹ, (תלמודיש). עס זיינען דערינען דאָ (געוויסע) זאַכען, עס זיינען פאַראַן אורזאַכען. "עס זיינען דאָ דברים בגו".

דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב נִכְנָסִים אֶל הַלֵּב, (תלמודיש). ווערטער וועלכע געהען פון הערצען אַרויס געהען אין הערצען אַריין.

דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, (תלמודיש). "זאַכען וועלכע שטעהען אויף דעם שפּיץ פון דער וועלט", וויכטיגע זאַכען.

דַּי לַחֲכִימָא בִּרְמִיזָא, (תלמודיש). דעם קלוגען איז גענוג מיט אַ ווּאונק.

דַּיָּהּ לְצָרָה בְּשַׁעְתָּהּ, (תלמודיש). עס איז גענוג [דאָס אונגליק אין דער צייט ווען עס קומט (און מע דאַרף זיך פאָראויס וועגען דעם ניט בע=טריבען).

דִּינָא דְמַלְכוּתָא דִינָא, (תלמודיש). דאָס געזעץ פון דער רעגיערונג איז אַ געזעץ (וועלכען מע דאַרף פאָלגען).

דִּירָה נָאָה אִשָּׁה נָאָה וְכֵלִים נָאִים מַרְחִיבִים דַּעְתּוֹ שֶׁל אָדָם, (תלמודיש). אַ שענע וואָהנונג, אַ שענע פרוי און שענע מעבעל, מאַכען ברייט (אויפגערוימט) דאָס געמיטה פון אַ מענשען.

דַּע מֵאַיִן בָּאתָ, (תלמודיש). וויים פון וואַנען דו ביסט געקומען.

דַּע מַה שֶׁתָּשִׁיב לְאַפִּיקוֹרוֹס, (תלמודיש). וויים וואָס דו זאָלסט ענטפערען דעם ניט=גלויבענדען.

דַּעֲלָךְ סָנֵי לְחַבְרָךְ לֹא תַעֲבִיד, (תלמודיש). וואָס דו האָסט (אַליין) פיינד זאָלסטו ניט טהאָן צו דיין מיט=מענשען.

דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לְתוֹרָה, (תלמודיש). וועלטליכע פפליכטע זיינען בילכער ווי לערנען תורה.

ה.

הָא בְּהָא תַּלְיָא, (תלמודיש). דאָס הייננט אָפּ אָן יענעם, איינס הייננט אָפּ פון אנדערען.

הָאוֹכֵל בְּשׁוּק דּוֹמֶה לְכֶּלֶב, (תלמודיש). דער וואָס עסט אין גאַס איז גלייך צו אַ הונד.

הָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ מֵבִיא גְאוּלָה לְעוֹלָם, (תלמודיש). דער וואָס דערצעהלט איבער אַ זאַך אין דעם נאָמען פון דעם וואָס האָט עס צוערשט דערצעהלט ברייננט די גאולה אויף דער וועלט.

הָאִישׁ אֶחָד יֶחֱטָא וְעַל כָּל הָעֵדָה תִּקְצוֹף, (ביבליש). צי צוליעב איין מענשען וואָס זינדיגט וועסטו צארענען אויף דער גאַנצער געמיינדע?

הַב הַב, (ביבליש). גיעב, גיעב! (אַ'ן אויסדרוק פון געלד גיערינקייט).

הַבָּא לְהָרְגְךָ הַשְׁכֵּם וְהָרְגוֹ, (תלמודיש). דעם וואָס קומט דיך טייטען האַפּ זיך פאָראויס און טייט איהם.

הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ, (ביבליש). קומט לאָמיר זיך קלינגען איבער איהם (דעם אידישען פאָלק. ווערטער וועלכע דער קעניג פון עגיפטען האָט גע־זאָגט צו זיינע ראַטהגעבער).

הֲבֵל הֲבָלִים הַכֹּל הָבֶל, (ביבליש). נאַרישקייט פון נאַרישקייטען, אַלץ איז נאַרישקייט.

הֶבֶל מַפִּיק הֶבֶל, (תלמודיש). היץ טרייבט אַרויס היץ.

הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנוּ, (תלמודיש). דער וואָס איז גרעסער פון זיינע מיט־מענשען, איז זיין ליידענשאַפט נאָך גרעסער פון איהם.

הַגּוֹנֵב מִן הַגַּנָּב פָּטוּר, דער וואָס גנב'עט פון אַ גנב ווערט פריי געשפראָ־כען.

הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִיאִים, (ביבליש). איז קעניג שאול אויך צווישען די פראָ־פעטען?

הֶדְיוֹט קוֹפֵץ בְּרֹאשׁ, (תלמודיש). דער פראָסטאַק שפרינגט (אימער) אַרויס דער ערשטער.

הֱוֵי דָּן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת, (תלמודיש). זאָלסט אורטהיילען יעדען מענשען צום גוטען.

הֱוֵי זָנָב לָאֲרָיוֹת וְאַל תְּהִי רֹאשׁ לַשּׁוּעָלִים, (תלמודיש). זיי (בעסער) דער עק ביי די לייבען און זיי ניט דער קאָפּ ביי די פיקס.

הִזָּהֲרוּ בִּבְנֵי עֲנִיִּים שֶׁמֵּהֶם תֵּצֵא תוֹרָה, (תלמודיש). גיט אַכטונג אויף די קינדער פון די אָרעמע דען פון זיי קומט אַרויס די געלעהרזאַמקייט.

הַזּוֹרְעִים בְּדִמְעָה בְּרִנָּה יִקְצוֹרוּ, (ביבליש). די וואָס זעען מיט טהרערען וועלען שניידען מיט געזאַנג.

הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ, (ביבליש). דער קלוגער האָט זיינע אויגען אין ז״ן קאָפּ.

הֲיַהֲפֹךְ כּוּשִׁי עוֹרוֹ, (ביבליש). קען דען דער (שוואַרצער) אַביסיניער ענדע־רען (די פאַרב פון) זיין הויט?

הַיּוֹם כָּאן וּמָחָר בַּקֶּבֶר, (תלמודיש). היינט דאָ און מאָרגען אין גרוב.

הַיּוֹם קָצֵר וְהַמְּלָאכָה מְרוּבָּה, (תלמודיש). דער טאָג איז קורץ און די אַר־בייט איז גרויס.

הַכֹּל כְּמִנְהַג הַמְּדִינָה, (תלמודיש). אַלץ לויט דעם איינפיהר (מאָדע) פון דעם לאַנד.

הַכֹּל לְפִי הַמְּבַיֵּשׁ וְהַמִּתְבַּיֵּשׁ, (תלמודיש). אַלץ ווענדט זיך אָן ווער דער באַליידיגער איז און ווער דער באַליידיגטער.

הַכֹּל תָּלוּי בְּמַזָּל, (נאָכתלמודיש). אַלץ הענגט אָפּ אָן שיקזאַל.

הַכֶּסֶף יַעֲנֶה אֶת הַכֹּל, (ביבליש). געלט (פאַר) ענטפערט אַלצדינג.

הַכֶּר נָא הַכְּתֹנֶת בִּנְךָ הִיא אִם לֹא, (ביבליש), דערקען אויב דאָס איז דאָס העמדעל פון דיין זוהן אָדער ניט (די ווערטער וואָס די זיהן פון יעקב'ן האָבען געזאָגט צו איהם ווען זיי האָבען איהם געבראַכט יוסף'ס העמ־דעל איינגעשמירט אין בלוט).

הֲלָנוּ אַתָּה אִם לְצָרֵינוּ, (ביבליש). געהערסטו צו אונז אָדער צו אונזערע פיינד?

הַמּוֹצִיא מֵחֲבֵרוֹ עָלָיו הָרְאָיָה, (תלמודיש). דער וועלכער וויל אַרויסקריגען (געווינען געריכטליך) פון אַ צווייטען מוז ברענגען דעם באַווייז.

הַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵרוֹ בָּרַבִּים אֵין לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, (תלמודיש). דער וואָס פאַרשעמט אַ צווייטען אין דער עפענטליכקייט וועט ניט האָבען יענע וועלט.

הֲמִן הַגֹּרֶן אוֹ מִן הַיָּקֶב, (ביבליש). צי פון דעם שייער אָדער פון דעם וויין־קעלטער?, ד. ה. פון וואַנען זאָל איך עס נעהמען?

הֲמִן הַסֶּלַע הַזֶּה נוֹצִיא מָיִם, (ביבליש). צי פון דעם שטיין קענען מיר אַרויסקריגען וואַסער?

הַמָּקוֹם יְמַלֵּא חֶסְרוֹנְךָ, (תלמודיש). גאָט זאָל אויספיהלען דיין שאָדע (ווערטער וועלכע מע זאָגט צו דעם וואָס זיצט אין טרויער נאָך אַ טויטען).

הַמַּתְחִיל בְּמִצְוָה אוֹמְרִים לוֹ גְּמוֹר, (תלמודיש). דער וואָס האָט אָנגעהויבען די גוטע טהאַט — צו איהם זאָגט מען: ענדיג (זי׳).

הַמִּתְפַּלֵּל עַל חֲבֵרוֹ הוּא נֶעֱנֶה תְּחִלָּה, (תלמודיש). דער וואָס בעט פאַר׳ן צווייטען ווערט זיין אייגענעס געבעט געענטפערט צוערשט.

הַנֶּאֱהָבִים וְהַנְּעִימִים בְּחַיֵּיהֶם וּבְמוֹתָם לֹא נִפְרָדוּ, (ביבליש). די וועלכע זיינען געווען ליעב און צערטליך אין זייער לעבען און האָבען זיך אויך אין זייער טויט ניט צושיידט.

הַפִּנְקָס פָּתוּחַ וְהַיָּד כּוֹתֶבֶת, (תלמודיש). דאָס בוך איז אָפען און די האַנד שרייבט.

הַצַּד הַשָּׁוֶה שֶׁבָּהֶם, הט. (תלמודיש). "די זייט וועלכע איז ביי זיי ביידען גלייך", דער פונקט פון עהנליכקייט.

הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו, (ביבליש). די שטים איז די שטים פון יעקב אָבער די הענד זיינען די הענד פון עשו.

הַשֵּׁם יַצְלִיחַ דַּרְכֶּךָ (דַּרְכְּכֶם), גאָט זאָל באַגליקען דיין (אייער) וועג.

ו.

וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, (ביבליש). און דו זאָלסט ליעב האָבען דיין מיטמענשען ווי זיך אליין.

וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ, (ביבליש). און דו זאָלסט אויסראָטען דאָס שלעכטע פון צווישען דיר.

וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ, (ביבליש). און אַ וואָלף וועט וואוהנען (צוזאַמען) מיט אַ שעפס.

וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה, (ביבליש). און דו זאָלסט טראַכטען פון איהם (גאָט׳ס וואָרט) בייטאָג און ביינאַכט.

וְהֶחֱזִיקוּ שֶׁבַע נָשִׁים בְּאִישׁ אֶחָד, (ביבליש). און עס וועלען זיך אָנהאַפּען זיבען פרויען אָן איין מאַן.

וְהַמֵּבִין יָבִין, און דער קלוגער וועט פאַרשטיין.

וְהָעִיר שׁוּשַׁן נָבוֹכָה, (ביבליש). און די שטאָדט שושן איז געוואָרען צוטומעלט.

וְהָעִיר שׁוּשַׁן צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה, (ביבליש). און די שטאָדט שושן איז גע=
וואָרען לוסטיג און פרעהליך.

וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה, (ביבליש). און עס איז געשעהן אין מיטען נאַכט.

ויְהִי כְּטוֹב לֵב הַמֶּלֶךְ בַּיָּיִן, (ביבליש). און ווען דאָס הערץ פון דעם קעניג
איז געוועזען פרעהליך פון וויין.

וְיַיִן יְשַׂמַּח לְבַב אֱנוֹשׁ, (ביבליש). און וויין מאַכט פרעהליך דאָס הערץ פון
דעם מענשען.

וְיָשָׁן מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ, (ביבליש). און דאָס אַלטע זאָלט איהר אָפשאַפען
ווען עס קומט דאָס נייע.

וְיֵשׁ לְיַשֵּׁב, אָבער מע קען עס פאַרענטפערן.

ז.

זאת נֶחָמָתִי בְעָנְיִי, (ביבליש). דאָס איז מיין טרייסט אין מיין נויטה.

זֶה בְּכֹה וְזֶה בְּכֹה, (ביבליש). דער אַזוי און דער אַזוי. דער אַהין און דער
אהער.

זֶה נֶהֱנֶה וְזֶה לֹא חָסֵר, (תלמודיש). אי דער האָט נוצען אי דער אנדערער
פארלירט גאָרנישט.

זָכַרְנוּ אֶת הַדָּגָה, (ביבליש). מיר געדענקען די פיש (וועלכע מיר פלעגען
עסען אין עגיפטען. ווערטער וואָס די אידען האָבען געזאָגט צו משה'ן
אין דער מדבר).

זָקֵן זֶה שֶׁקָּנָה חָכְמָה, (תלמודיש). אַ'ן אַלטער הייסט דער וואָס איז אַלט
אין קלוגהייט.

זָקֵן שֶׁשָּׁכַח תַּלְמוּדוֹ, (תלמודיש). אַ'ן אַלטער מאַן וועלכער האָט פאַרגעסען
וואָס ער האָט (אמאָל) געלערנט.

זִקְנֵי עַם הָאָרֶץ כָּל מַה שֶּׁמַּזְקִינִים מִפְּשׁוּת נִיתוֹסֶפֶת עֲלֵיהֶם, (תלמודיש).
אַלטע פראָסטאַקעס וואָס זיי ווערען עלטער אַלץ מעהר וואַקסט זייער
נאַרישקייט.

זִקְנֵי תַלְמִידֵי חֲכָמִים כָּל מַה שֶּׁמַּזְקִינִים דַעְתָּם נִיתוֹסֶפֶת עֲלֵיהֶם, (תלמו=
דיש). אַלטע געלעהרטע וואָס זיי ווערען עלטער אַלץ מעהר וואַקסט
זייער פאַרשטאַנד.

ח.

חֲבַל עַל דְּאָבְדִין וְלֹא מִשְׁתַּכְחִין, (תלמודיש). אַ שאָד אויף די וועלכע

ווערען פארלאָרען און קענען מעהר ניט געפונען ווערען.

חַבְרָךְ חַבְרָא אִית לֵיהּ, (תלמודיש). דיין באקאנטער האָט (ווידער) א באַ־קאַנטען:

חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם, (ביבליש). באַניי אונזערע טעג ווי אין אַמאָליגע צייטען.

חוֹנֵף לָרָשָׁע נוֹפֵל בְּיָדוֹ, (תלמודיש: הַמַחֲנִיף לָרָשָׁע סוֹף נוֹפֵל בְּיָדוֹ). דער וואָס שמייכעלט זיך צו דעם פארברעכער וועט אריינפאלען ביי איהם אין די הענד.

חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק, שטאַרק זיך, שטאַרק זיך און לאָמיר זיך שטאַרקען (ווער־טער וועלכע מע רופט אויס ווען מע ענדיגט די תורה אָדער וואָס מע שטעלט צום ענד פון א הייליגען בוך).

חֲכָמִים הִזָּהֲרוּ בְּדִבְרֵיכֶם, (תלמודיש). היט זיך, געלעהרטע, מיט אייערע רייד.

חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו, (ביבליש). די קלוגהייט פון א מענשען פארשיינט זיין געזיכט.

חֲמוֹר נוֹשֵׂא סְפָרִים, (נאָכתלמודיש). א'ן עזעל באלאָדען מיט ביכער.

חֶצְיִי שֶׁלִּי וְחֶצְיִי שֶׁלָּךְ, (תלמודיש). האלב מיינס און האלב דיינס.

חָתָן דוֹמֶה לְמֶלֶךְ, (תלמודיש). א חתן איז גלייך צו א קעניג.

ט.

טוֹב שֶׁבָּרוֹפְאִים לְגֵיהִנּוֹם, (תלמודיש). דער בעסטער פון דאָקטוירים (וועט געהן) אין גיהנום.

טוֹב תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ, (תלמודיש). געלעהרזאמקייט איז גוט צוזאמען מיט וועלטליכקייט (מענשליכקייט).

טוּבְיָה חָטָא וְזִיגוּד מְנַגֵּיד, (תלמודיש). טוביה זינדיגט און זיגוד'ן שלאָגט מען.

טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד, (ביבליש). צוויי זיינען בעסער פון איינעם.

טוּרָא בְּטוּרָא לָא פָּגַע אִינַשׁ בְּאִינַשׁ פָּגַע, (נאָכתלמודיש). א בארג מיט א בארג באגעגענט זיך ניט אָבער א מענש מיט א מענשען באגעגענט זיך יא.

טָעוּת לְעוֹלָם חוֹזֵר, א'ן אירטהום (אין א קויף) קען אימער פארריכט ווע־רען, עס איז קיינמאָל ניט צו שפעט גוט צו מאכען א'ן אירטהום (אין קויפען אָדער פארקויפען).

י.

יָאָה עֲנִיּוּתָא לְיִשְׂרָאֵל, (תלמודיש). אָרעמקייט פאסט זיך (איז א צירונג) פאר אידען.

יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ, (ביבליש). ווען דו וועסט עסען די פראצע פון דיינע הענד וואוהל און גוט איז דיר.

יָגַעְתִּי וְלֹא מָצָאתִי אַל תַּאֲמִין, (תלמודיש). איך האב זיך געמיהט און ניט געפונען — (אזא זאך) זאלסטו ניט גלויבען.

יָדוֹ בַכֹּל וְיַד כֹּל בּוֹ, (ביבליש). זיין האנד איז אויף איטליכען און איטלי־כען׳ס האנד איז אויף איהם, ער שלאגט זיך מיט יעדען ארום.

יְהֹוָה נָתַן וַיהֹוָה לָקָח, (ביבליש). גאט האט געגעבען און גאט האט (צוריק) גענומען.

יְהִי אוֹר, (ביבליש). עס זאל ווערען ליכט.

יְהַלֶּלְךָ זָר וְלֹא פִיךָ, (ביבליש). ריהמען זאל דיך א פרעמדער און ניט דיין (אייגען) מויל.

יוֹדֵעַ צַדִּיק נֶפֶשׁ בְּהֶמְתּוֹ, (ביבליש). דער גאטספארכטיגער פארשטעהט דאס באדערפעניש פון זיין פיה.

יוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף מַכְאוֹב, (ביבליש). דער וואס פארמעהרט קענטעניס פארמעהרט וועהטאג.

יְחִי הַמֶּלֶךְ, (ביבליש). עס לעבע דער קעניג.

יְלַמְּדֵנוּ רַבֵּנוּ, (ביבליש). זאל אונז אונזער רבי לערנען.

יְקַלְלוּ הֵמָּה וְאַתָּה תְבָרֵךְ, (ביבליש). זאלען זיי פלוכען און דו (גאט) זאלסט בענשען.

יֵשׁ בִּכְלַל מָאתַיִם מָנֶה, (תלמודיש). אין צוויי הונדערט געפינט זיך הונ־דערט (געוויס).

יֵשׁ קוֹנֶה עוֹלָמוֹ בְּשָׁעָה אַחַת, (תלמודיש). עס איז דא אזעלכער וואס קויפט זיך יענע וועלט אין איין שטונדע.

יְשׁוּעַת יְהֹוָה כְּהֶרֶף עַיִן, (ליטורגיש). די הילף פון גאט קומט אין איין אויגענבליק.

כ.

כְּאִלּוּ כְּפָאוֹ שֵׁד, (תלמודיש). אזוי ווי א טייוועל וואלט איהם געצוואונ־גען, קעגען זיין ווילען.

כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, (ביבליש). זאלסט עהרען דיין פאטער און דיין מוטער.

כַּבְּדֵהוּ וְחַשְׁדֵהוּ, (תלמודיש). זאלסט איהם (דעם גאסט) אפגעבען עהרע און פארדעכטיגען (צו דערזעלבער צייט).

כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה, (ביבליש). ווי אַ האָאר (=פאָדעם).

כִּי מִצִּיּוֹן תֵּצֵא תוֹרָה, (ביבליש). דען פון ציון קומט אַרויס די לעהרע.

כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל, (ליטורגיש). דער וואָס איז הונגעריג זאָל קומען און עסען.

כָּל הַיּוֹצֵא מִפִּיו שֶׁקֶר, אַלצדינג וואָס געהט אַרויס פון זיין מויל איז ליגען.

כָּל הַכּוֹעֵס כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה, (תלמודיש). דער וואָס קומט אַריין אין צאָרן איז אַזוי ווי ער וואָלט געדיענט צו אַ געץ.

כָּל הַמַּרְבֶּה הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח, (ליטורגיש). וואָס מעהר אַלץ בעסער.

כָּל הַקּוֹדֵם זָכָה, (תלמודיש). דער וואָס קומט פריהער דער געווינט.

כָּל הָרוֹדֵף אַחַר הַכָּבוֹד הַכָּבוֹד בּוֹרֵחַ מִמֶּנּוּ, (נאָכתלמודיש). דער וואָס יאָגט זיך נאָך עהרע אַנטלויפט די עהרע פון איהם.

כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ עַל רֶגֶל אַחַת, (תלמודיש). די גאַנצע תורה אויף איין פוס.

כָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת, (תלמודיש). אַלע אָנהויבען קומען אָן שווער.

כָּל יִשְׂרָאֵל עֲרֵבִים זֶה בָּזֶה, (תלמודיש). אַלע אידען זיינען פאַראַנטוואָרט=ליך איינער פאַר דעם צווייטען.

כָּל יֶתֶר כְּנָטוּל דָּמֵי, (תלמודיש). אַלץ וואָס איז צו פיעל איז אַזוי ווי עס וואָלט פעהלען.

כָּלוּ כָּל הַקִּיצִּין, (תלמודיש). עס זיינען שוין אַריבער אַלע טעג אויף וועלכע די אידישע אויסלייזונג איז צוגעזאָגט געוואָרען, פון אַלע האָפנונגען איז נישט געוואָרען.

כְּלָלוֹ שֶׁל דָּבָר, (תלמודיש). די רעגעל פון דער זאַך איז, די הויפט זאַך איז.

כֻּלָּנוּ חֲכָמִים כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים, (ליטורגיש). מיר זיינען אַלע קלוג מיר זיינען אַלע פערנינפטיג.

כְּמוֹתוֹ יִרְבּוּ בְּיִשְׂרָאֵל, (תלמודיש). אַזוי ווי ער זאָלען זיין פיעל ביי אי=דען.

כִּסְעוּדַת שְׁלֹמֹה בְּשַׁעְתָּהּ, (תלמודיש). ווי די מאָהלצייט פון שלמה אין איהר צייט, גרויסאַרטיג.

כֶּסֶף (וְזָהָב) מְטַהֵר מַמְזֵרִים, (תלמודיש). זילבער (און גאָלד) רייניגט זאָ=גאַר (די אָפשטאַמונג פון) ממזרים.

כַּצֹּאן לַטֶּבַח יוּבָל, (ביבליש). ווי שאָף ווערט געפיהרט צו דער שלאַכטונג.

כְּקוֹף בִּפְנֵי אָדָם, (תלמודיש). ווי אַ'ן אַבעזיאַנע קעגען אַ מענשען.

כִּקְלִיפַּת הַשּׁוּם, (תלמודיש). ווי די שאָלעכץ פון אַ קנאָבעל.

כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים, (ביבליש). ווי אַ פאָטער דערבאַרעמט זיך איבער (זיי־נע) קינדער.

כִּשְׁגָגָה הַיּוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַשַּׁלִּיט, (ביבליש). ווי אַ פאַרזעהן וואָס האַפּט זיך אַרויס פון דעם הערשער.

ל.

לֹא דֻבִּים וְלֹא יַעַר, (תלמודיש). ניט קיין בערען און ניט קיין וואלד.

לֹא הָא וְלֹא הָא, (תלמודיש). ניט דאָס און ניט יענעס.

לֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד, (תלמודיש). דער וואָס שעמט זיך ווערט (קיינמאָל) ניט לערנען.

לֹא הָיוּ דְבָרִים מֵעוֹלָם, (תלמודיש). די זאַכען האָבען קיינמאָל ניט פּאַ־סירט, די גאַנצע געשיכטע איז אַ ליגען.

לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה, (תלמודיש). ניט דאָס לערנען איז די הויפּט זאַך נאָר דאָס טהאָן.

לֹא הֵן וְלֹא שְׂכָרָן, (תלמודיש). ניט (איך וויל) זיי און ניט זייער לויהן.

לֹא יַאֲמֵן כִּי יְסֻפַּר, (ביבליש: לֹא תַאֲמִינוּ כִּי יְסֻפָּר). מע קען עס ניט גלויבען ווען עס ווערט דערצעהלט, עס איז אונגלויבליך.

לֹא יִזָּכֵר וְלֹא יִפָּקֵד, עס זאָל ניט דערמאָנט און ניט געדאַכט ווערען.

לֹא יַעֲלֶה וְלֹא יָבוֹא, ניט פאָרקומען און ניט פּאַסירען זאָל עס, ניט טרע־פען זאָל עס.

לֹא כָּל אָדָם זוֹכֶה, (תלמודיש). ניט יעדער מענש איז ווערטה אָדער דער־דערלעבט (עס).

לֹא מִדּוּבְשֵׁךְ וְלֹא מֵעוּקְצֵךְ, (תלמודיש). ניט פון דיין האָניג און ניט פון דיין ביס.

לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמוֹר, (תלמודיש). דו ביסט ניט געצוואונגען די אַר־בייט צו ענדיגען.

לֹא עָלְתָה עַל דַּעְתִּי, עס איז מיר (גאָר) אויפ'ן זינען ניט אַרויפגעקומען.

לֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד, (תלמודיש). דער וואָס איז אונוויסענד קען ניט זיין פרום.

לאֿ פָּסִיק פּוּמֵיהּ מִגִירְסָא, (תלמודיש). זיין מויל האָט ניט אויפגעהערט לערנען.

לאֿ רָאִינוּ אֵינָהּ רְאָיָה, (תלמודיש). איך האָב ניט געזעהן — איז קיין באַוויַיז ניט.

לאֿ תאמַר אֲנִי הֶעֱשַׁרְתִּי אֶת אַבְרָהָם, (ביבליש). זאָלסט ניט זאָגען איך האָב רייך געמאַכט אברהם'ן.

לאֿ תַחְסוֹם שׁוֹר בְּדִישׁוֹ, (ביבליש). זאָלסט ניט פאַרבינדען דעם אָקס (דאָס מויל) ווען ער דרעשט (אַז ער זאָל ניט עסען פון דער תבואה).

לֵב יוֹדֵעַ מָרַת נַפְשׁוֹ, (ביבליש). דאָס הערץ ווייס זיינע אייגענע ליידען.

להר"ם, אב. **לאֿ הָיוּ דְבָרִים מֵעוֹלָם** (ווז.).

לֶחֶם לֶאֱכוֹל וּבֶגֶד לִלְבּוֹשׁ, (ביבליש). ברויט צום עסען און אַ קלייד אָנצוטהאָן.

לֵיכָּא לְפוּמָא לאֿ גַלֵּי, (תלמודיש). דאָס הערץ אַנטפּלעקט עס (צומאָל) ניט צום מויל, עס איז אַ גרויסע געהיימנים.

לֵית דִּין וְלֵית דַּיָּן, (תלמודיש). עס איז ניטאָ קיין געריכט און קיין ריכטער.

לַכֹּל זְמָן, (ביבליש). אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט.

לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם, (ביבליש). וואָרום זאָלען זאָגען די פעלקער (די ניט־אידען)?

לְמַעַן דַּעַת, (ביבליש). דאַמיט מע זאָל וויסען.

לְמַעַן יִשְׁמְעוּ וְיֵדְעוּ וְיִירָאוּ, כדי זיי זאָלען הערען און וויסען און זיך שרעקען.

לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצֵּב, (ביבליש). ער קען זיך שטעלען פאַר קעניגען.

לִפְנֵי עִוֵּר לאֿ תִתֵּן מִכְשׁוֹל, (ביבליש). אַ בלינדען זאָלסטו ניט לעגען קיין שטרויכלונג (אין וועג).

לָשׁוֹן נוֹפֵל עַל לָשׁוֹן, (תלמודיש). איין אויסדרוק קלינגענדיג צום צווייטען, וואָרט־שפּיעל.

לָשׁוֹן סַגִּי נָהוֹר, (תלמודיש). אַ געוויסע אַרט פון באַצייכענען אַ מענשען אָדער אַ געגענשטאַנד גראַדע פאַרקעהרט ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט, אַזוי ווי מע רופט אַ בלינדען "סגי־נהור" (פיעל־זעהענדיג).

לִתְפִלָּה לְדוֹרָן וּלְמִלְחָמָה, (תלמודיש). (זיין באַרייט) מיט געבעט, מיט געשאַנקען און מיט קריעג, (זיין באַרייט) מיט אַלע מיטלען.

מ.

מַאי דְקָאַמְרֵי רַבָּנָן, (תלמודיש). וואָס די געלעהרטע זאָגען. "ער ווייסט ניט מאי דקאמרי רבנן".

מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי, (ביבליש). פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?

מַאן דְיָהִיב חַיֵי יָהִיב מְזוֹנֵי, (תלמודיש). דער וואָס גיט לעבען גיט (אויך) שפייז.

מְגַלְגְלִין זְכוּת עַל יְדֵי זַכַּאי וְחוֹב עַל יְדֵי חַיָב, (תלמודיש). גאָט שיקט מען (פון הימעל) דורך דעם גוטען און שלעכטס דורך דעם שלעכטען.

מֶה אָנוּ וּמֶה חַיֵינוּ, (ליטורגיש). וואָס זיינען מיר און וואָס איז אונזער לעבען?

מַה דְעַלָךְ סָנִי לְחַבְרָךְ לֹא תַעֲבִיד, (תלמודיש). וואָס דו האָסט אַליין פיינד זאָלסטו ניט טהאָן צו דיין חבר.

מַה טִיבוֹ שֶׁל עוּבָּר זֶה, (תלמודיש). וואָס פאַר א קינד (אין מוטערלייב) איז עס?, וואָס פאַר א פערזאָן איז עס?

מַה יוֹם מִיוֹמַיִם, (ביבליש). וואָס איז הייגטיגער טאָג אַנדערש פון אַלע טעג?

מַה לְכֹהֵן בְּבֵית הַקְבָרוֹת, (תלמודיש). וואָס טהוט דער כהן אויפ'ן טויטען-פעלד? (לויט דעם אידישען דין טאָר אַ כהן ניט אַרויפטרעטען אויף אַ טויטען-פעלד), וואָס טהוט ער דאָ?

מַה לָנוּ וְלַצָרָה הַזֹאת, (תלמודיש). צו וואָס נאָך דאַרפען מיר דאָס דאָזיגע אָנשיקעניש?

מַה לְתֶבֶן אֶת הַבָּר, (ביבליש). וואָס טהוט דער שטרוי אין דער תבואה?

מַה מַשְׂכֻּרְתִּי, (ביבליש). וואָס וועט זיין מיין באַלוינונג?

מַה נֹאמַר וּמַה נְדַבֵּר, (ביבליש). וואָס זאָלען מיר זאָגען און וואָס זאָלען מיר רעדען?

מַה עִנְיַן שְׁמִיטָה אֵצֶל הַר סִינַי, (תלמודיש). וואָס טהוט דאָס געזעץ פון שמיטה נעבען דעם (אָרט וואו עס רעדט זיך פון דעם) באַרג סיני?, וואָס האָט איינס מיט דעם אַנדערען צו טהאָן?

מַה פִּשְׁעִי וּמֶה חַטָאתִי, (ביבליש). וואָס איז מיין פאַרברעכען און וואָס איז מיין זינד?

מַה פָּרַצְתָּ עָלֶיךָ פָּרֶץ, (ביבליש). וואָרום האָסט זיך אַזוי האַסטיג אַרויסגע=ריסען?, וואָס האָסטו זיך אַזוי געאַיילט?

מַה שֶׁיַּעֲשֶׂה הַזְּמַן לֹא יַעֲשֶׂה הַשֵּׂכֶל, (נאָכתלמודיש). וואָס די צייט קען אויפטהאָן קען דער פאַרשטאַנד ניט אויפטהאָן.

מוּם שֶׁבְּךָ אַל תֹּאמַר לַחֲבֵרְךָ, (תלמודיש). דעם פעהלער וואָס דו האָסט (אַליין) זאָלסטו ניט פאָרוואַרפען אַ צווייטען.

מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה, (תלמודיש). אַ ביסעל וואָס ענטהאַלט פיעל.

מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמוֹר, (ביבליש). וואָס עס געהט אַרויס פון דיינע ליפען זאָלסטו אָפּהיטען (צו ערפילען).

מוֹרֶה הֲלָכָה בִּפְנֵי רַבּוֹ, (תלמודיש). דער וואָס פסק'עט אַ דין אין דער געגענוואַרט פון זיין רבי'ן.

מָזוֹן סְעוּדָה אַחַת, (תלמודיש). שפייז פאַר איין מאָהלצייט. „ער האָט ניט קיין מזון סעודה אחת“.

מַחִיל אֶל חָיִל, (ביבליש). פון ערפאָלג צו ערפאָלג.

מִי בָּאֵשׁ, (ליטורגיש). ווער (עס זאָל געשטראָפט ווערען) מיט וואַסער (ווערטער גענומען פון ונתנה־תוקף=געבעט).

מִי בַמַּיִם וּמִי בָאֵשׁ, (ליטורגיש). ווער (עס זאָל געשטראָפט ווערען) מיט וואַסער און ווער (עס זאָל געשטראָפט ווערען) מיט פייער (ווערטער גענומען פון דעם ונתנה־תוקף=געבעט).

מִי וָמִי הַהוֹלְכִים, (ביבליש). ווער זיינען די וואָס ווילען געהן?

מִי יֹאמַר לוֹ מַה תַּעֲשֶׂה, (ביבליש). ווער קען זאָגען צו איהם — וואָס טהוסטו?

מִי לָנוּ גָדוֹל, (תלמודיש). ווער (ביי אונז) איז נאָך גרעסער? וואָס דאַרף מען אַ גרעסערען?.

מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מָנֶה רוֹצֶה מָאתַיִם, (תלמודיש). דער וואָס האָט הונדערט גיל=דען וויל (האָבען) צוויי הונדערט.

מִילְתָא דַעֲבִידָא לְאִגַּלּוּיֵי, (תלמודיש). אַ זאַך וועלכע מוז (פריהער אָדער שפּעטער) אויפגעדעקט ווערען.

מַיִם גְּנוּבִים יִמְתָּקוּ, (ביבליש). גע'גנב'טע וואַסער איז זיס.

מְכַשֵּׁפָה לֹא תְחַיֶּה, (ביבליש). אַ צויבערין זאָלסטו ניט לאָזען לעבען.

מַלְבִּין פְּנֵי חֲבֵרוֹ בְּרַבִּים, (תלמודיש). דער וואָס פאַרשעמט זיין חבר פאַר אַלעמען אין די אויגען.

מַלְכוּתָא דְאַרְעָא כְּעֵין מַלְכוּתָא דִרְקִיעַ, (תלמודיש). די רעגירונג אויף דער ערד איז אַזוי ווי די רעגירונג אויפ'ן הימעל.

מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, פון איין ברעג צום צווייטען, פון איין עקסטרעם צום אַנדערען.

מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, (תלמודיש). פון איין עק וועלט ביז צו דעם צווייטען.

מֵסִיחַ לְפִי תוּמּוֹ, (תלמודיש). איינער וועלכער דערצעהלט (אַ זאַך) אין נאַאיוועטער איינפאַכקייט, אָהן געוויסע אַבזיכטען.

מְסַיֵּעַ לִדְבַר עֲבֵירָה, (תלמודיש). איינער וועלכער העלפט (אימיצען) באַ־געהן אַ זינד אָדער פאַרברעכען.

מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקוֹן, (ביבליש). אַ פעהלער וועלכען מען קען ניט פאַר־ריכטען.

מֵעַז יָצָא מָתוֹק, (ביבליש). פון דעם שטאַרקען איז אַרויס אַ זיסעס.

מֵעִנְיְנֵי דְיוֹמָא, (תלמודיש). פון זאַכען וואָס האָבען צו טהאָן מיט דעם טאָג (אָדער וואָס פאַסען זיך ביי דער געלעגענהייט). „ער רעדט מעניני דיומא".

מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה כַּךְ הָיָה, די געשיכטע וועלכע האָט פאַסירט האָט אַזוי פאַ־סירט.

מִפִּי עוֹלְלִים וְיוֹנְקִים, (ביבליש). פון דעם מויל פון קליינע קינדער און זויגלינגע.

מִפְּנֵי דַרְכֵי שָׁלוֹם, (תלמודיש). פון פריעדען וועגען.

מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם, (ביבליש). פאַר אַ גרייז זאָלסטו זיך אויפשטעלען.

מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב, (ביבליש). דער וואָס האָט געפונען אַ פרוי דער האָט געפונען אַ גליק.

מָצָא מִין אֶת מִינוֹ, (תלמודיש). איינער פון אַ געוויסען זאָרט געפינט דעם צווייטען פון דעם זעלבען זאָרט, יעדער געהט צו זיין גלייכען.

מִצְוָה הַבָּאָה בַּעֲבֵירָה, (תלמודיש). אַ גוטע טהאַט וועלכע קומט אָן דורך אַ שלעכטע טהאַט.

מִקְצֵה הָעוֹלָם וְעַד קְצֵהוּ, פון איין עק וועלט ביז' צווייטען.

מָרָא דְעַלְמָא כּוּלָא, (ליטורגיש). האַר פון דער גאַנצער וועלט, גאָט.

מַרְבֶּה בָשָׂר מַרְבֶּה רִמָּה, (תלמודיש). דער וואָס פאַרמעהרט פלייש (אויף זיך) מעהרט ווערעם (אין גרוב).

מַרְבֶּה דְבָרִים מַרְבֶּה שְׁטוּת, (נאָכתלמודיש). דער וואָס מעהרט רייד מעהרט נאַרישקייט.

מַרְבֶּה נְכָסִים מַרְבֶּה דְאָגָה, (תלמודיש). דער וואָס מעהרט גיטער מעהרט זאָרג.

מַרְבִּיץ תּוֹרָה בָּרַבִּים, (תלמודיש). איינער וועלכער פאַרשפּרייט דאָס לער־נען פון דער תורה.

מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת טוֹבָה, (ביבליש). איינער וואָס באַצאָהלט מיט שלעכטס פאַר גוטס, אַ'ן אונדאַנקבאַרער מענש.

מִשֶּׁנִּכְנַס אָב מְמַעֲטִין בְּשִׂמְחָה, (תלמודיש). ווען עס קומט דער מאָנאַט אָב פאַרמינדערט מען (האַלט מען זיך צוריק פון) פרעהליכקייט.

מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּים בְּשִׂמְחָה, (תלמודיש). ווען עס קומט דער מאָנאַט אדר פאַרמעהרט מען די פרעהליכקייט.

מָתַי אֶעֱשֶׂה לְבֵיתִי, (ביבליש). ווען וועל איך עפּעס טהאָן פאַר מיין איי־גענע פאַמיליע?

מָתַי יִהְיֶה הָאוֹת הַזֶּה, (ביבליש). ווען וועט שוין זיין דער דאָזיגער ציי־כען? ווען וועט עס שוין פּאַסירען?

מַתִּישׁ כֹּחַ, (תלמודיש). אָפּשוואַכענדיג די קראַפט, ערשעפּפענד.

נ.

נָאֶה דוֹרֵשׁ וְאֵין נָאֶה מְקַיֵּם, (תלמודיש). ער פּרעדיגט שען אָבער ער טהוט ניט שען.

נִבָּא וְלֹא יָדַע מַה נִּבָּא, (תלמודיש). ער האָט געזעהן אַ נבואה אָבער ער ווייס אַליין ניט וואָס ער האָט געזעהן.

נֶחְבָּא אֶל הַכֵּלִים, (ביבליש). באַהאַלטען הינטער די געפּעק, עניוות'דיג.

נִכְנַס יַיִן יָצָא סוֹד, (תלמודיש). ווען דער וויין געהט אַריין געהט דאָס גע־היימניס אַרויס.

נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע, (ביבליש). "מיר וועלען טהאָן און מיר וועלען געהאָרכען", די ווערטער וועלכע די אידען האָבען געזאָגט צו משה'ן, ווען ער האָט זיי געגעבען די צעהן געבאָטען, ווי די ביבעל דערצעהלט.

נֹפֶךְ מִשֶּׁלּוֹ, (תלמודיש). אַ ביסעלע פון זיין אייגענעם. "ער האָט צוגעלעגט אַ נ פ ך מ ש ל ו".

נַפְשִׁי קְשׁוּרָה בְּנַפְשׁוֹ, (ביבליש). מיין זעעלע איז געקניפט צו זיין זעעלע.

נָשִׁים דַעְתָּן קַלָּה, (תלמודיש). דער קאראקטער פון פרויען איז זעהר לייכטזיניג.

ס.

סַדְנָא דְאַרְעָא חַד הוּא, (תלמודיש). די גאנצע שטרעקע פון דער ערד איז איין שטיק (געברויכט אין דעם זינן פון דעם ווערטעל: די גאנצע וועלט איז איין שטאָדט).

סְיָג לַחָכְמָה שְׁתִיקָה, (תלמודיש). שווייגען איז א'ן ארומצאהמונג ארום (א הילף צו) קלוגהייט. "סיג לחכמה שתיקה, אָבער שתיקה אליין איז ניט קיין חכמה" (שפוו.).

סְתָם מַקְשָׁן עַם הָאָרֶץ, (תלמודיש). דער וואָס האלט אין איין פרעגען איז א'ן אונוויסענדער מענש.

ע.

עָבַר זְמַן בָּטֵל קָרְבָּנוֹ, (תלמודיש). ווען די צייט איז אוועק דארף מען דעם אָפפער (וועלכען מע דארף ברייגנען אין דער דאָזיגע צייט) ניט מעהר ברייגנען, די פאסיגע געלעגענהייט איז פארביי.

עֲבֵרָה גוֹרֶרֶת עֲבֵרָה, (תלמודיש). א זינד שלעפט מיט (נאָך) א זינד.

עַד מָתַי עָצֵל תִּשְׁכָּב, (ביבליש). ביז ווי לאנג נאָך פוילער וועסטו שלאָ= פען?

עַד שֶׁיָּבוֹא אֵלִיָּהוּ, (תלמודיש). ביז דער פראָפעט אליהו וועט ערשיינען.

עוֹלָם כְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג, (תלמודיש). די וועלט פיהרט זיך אויף איהר שטיי= גער.

עוֹסֵק בְּמִצְוָה פָּטוּר מִן הַמִּצְוָה, (תלמודיש). דער וואָס איז פארטהאָן מיט איין גוטער טהאט איז פריי פון (דער פפליכט צו) טהאָן א'ן אנדערע.

עוֹשִׂים מַעֲשֵׂה זִמְרִי וּמְבַקְשִׁים שָׂכָר כְּפִינְחָס, (תלמודיש). זיי פיהרען זיך אויף ווי זמרי (א געוויסער זינדיגער מאן דערמאָנט אין דער ביבעל) און בעטען דעם לויהן פון פינחס (וועלכער האָט דעם דאָזיגען זמרי באשטראָפט פאר זיין גאָטלאָזיגקייט).

עָזוֹב תַּעֲזוֹב, (ביבליש). וואָלסט אויסהעלפען (דיין מיט מענשען).

עַיִן תַּחַת עַיִן, (ביבליש). א'ן אויג פאר א'ן אויג.

עַיִן לֹא רָאָתָה, (ביבליש). אַ'ן אויג האָט דאָס (אַזוינס) ניט אָנגעזעהן.

עִיר וָאֵם בְּיִשְׂרָאֵל, (ביבליש). אַ שטאָדט און אַ צענטער ביי אידען, אַ גרויסע וויכטיגע שטאָדט. "ווילנא איז אַ'ן ע י ר ו א ם ב י ש ר א ל".

עַל הָרִאשׁוֹנִים אָנוּ מִצְטַעֲרִים, (תלמודיש). אויף די ערשטע פאַרדריסט אונז נאָך.

עַל כָּל פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה, (ביבליש). ליבע פאַרדעקט אויף אַלע פאַר־ברעכען.

עַל כָּל צָרָה שֶׁלֹּא תָבוֹא, (תלמודיש). אויף יעדעס אומגליק—ניט פאַסירען זאָל עס.

עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס, (תלמודיש). אום צו קריגען אַ באַלויהנונג.

עַל פִּי שְׁנַיִם עֵדִים יָקוּם דָּבָר. (ביבליש). דורך צוויי עדות זאָל אַ זאַך באַשטעטיגט ווערען.

(עַל) רֹאשׁוֹ עַל כְּרָעָיו וְעַל קִרְבּוֹ, (ביבליש). מיט זיין קאָפּ מיט זיינע פיס און זיינע איינגעווייד, אַלץ מיט אַנאַנדער, אין גאַנצען.

עַל רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן וְעַל אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן, (תלמודיש). אויף דאָס ערשטע צו־ערשט און אויף דאָס לעצטע צולעצט, נאָך דער רייה, נאָך דער אָר־דענונג.

עֶלְיוֹנִים לְמַטָּה וְתַחְתּוֹנִים לְמַעְלָה, (תלמודיש). די אויבערשטע אונטען און די אונטערשטע אויבען.

עַם הַדּוֹמֶה לַחֲמוֹר, (תלמודיש). אַ פאָלק וואָס איז געגליכען צו אַ'ן עזעל, אַ'ן אונוויסענדעס אָדער פאַרגרעבטעס פאָלק.

עִם עִקֵּשׁ תִּתְפַּתָּל, (ביבליש). מיט דעם קרומען (שלעכטען) זאָלסטו זיין קרום.

עָנִי וְרֹכֵב עַל הַחֲמוֹר, (ביבליש). אָרעם און רייטענדיג אויף אַ'ן עזעל (רעדענדיג פון משיח'ן).

עָנִי חָשׁוּב כְּמֵת, אַ'ן אָרעמאַן איז אַזוי ווי אַ טויטער.

עָפָר אַתָּה וְאֶל עָפָר תָּשׁוּב, (ביבליש). שטויב ביסטו און צו שטויב ועסט דו זיך אומקעהרען.

עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין, (תלמודיש). אָנגעברייט אָפּצוגעבען אַ רעכענונג (פאַר גאָט).

פ.

פָּטוּר בְּלֹא כְלוּם אִי אֶפְשַׁר, זיך ארויסמאַכען מיט גאָרנ׳שט — דאָס געהט ניט.

פְּלִשְׁתִּים עָלֶיךָ שִׁמְשׁוֹן, (ביבליש). די פלשתים (נאָמען פון אַ געזויסען פיינדליכען פאָלק) קומען אויף דיר, שמשון!.

פֶּן יִרְבֶּה, (ביבליש). טאָמער וועט ער זיך פאַרמעהרען (ווערטער וואָס פרעה האָט געזאָגט צו זיינע ראַטהגעבער אויסדריקענדיג זיין מורא אַז די אידען אין מצרים זאָלען ניט ווערען צו גרויס אין צאָהל).

פָּנָה הוֹדָהּ פָּנָה זִיוָהּ פָּנָה הֲדָרָהּ, (תלמודיש). עס איז אַוועק איהר גלאַנץ, אַוועק איהר שיין און אַוועק איהר פראַכט.

פַּנּוּ מָקוֹם, (תלמודיש). מאַכט אַ פּלאַטץ!.

פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ דּוֹחֶה שַׁבָּת, (תלמודיש). ראַטעווען אַ לעבען איז וויכטיגער ווי שבת.

פְּרוּטָה לְפוּרְטָה, (ליטורגיש). אַ פרוטה אויפצוצעהלען. ער האָט ניט אַ פרוטה לפורטה, ער האָט ניט אַ׳ן איינציגען גראָשען.

פָּרוֹת הַבָּשָׁן, (ביבליש). די קיה פון בשן (אַ לאַנד) (אַזוי רופט דער פּראָפעט ישעיהו די פרויען פון יענער צייט).

פְּשׁוֹט נְבֵלְתָּא בְּשׁוּקָא וְאַל תִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת, (תלמודיש). שינד אָפּ אַ נבלה אין גאַס אָבער קום ניט אָן צו לייטען.

פָּתַח בְּכַד וְסִיֵּם בְּחָבִית, (תלמודיש). ער האָט אָנגעהויבען מיט אַ קרוג און האָט אויסגעלאָזען מיט אַ פאַס.

פֶּתִי יַאֲמִין לְכָל דָּבָר, (ביבליש). אַ נאַרר גלויבט יעדער זאַך.

פְּרוּ וּרְבוּ, (ביבליש). פרוכבאַרט זיך און מעהרט זיך (ווערטער וועלכע גאָט האָט געזאָגט צו די טהירען נאָכדעם ווי ער האָט זיי באַשאַפען, ווי די ביבעל דערצעהלט).

צ.

צַד הַשָּׁוֶה שֶׁבָּהֶם, זעה הַצַּד ־ שָׁוֶה שֶׁבָּהֶם.

צַנָּא מָלֵא סִפְרָא, (תלמודיש). אַ קאָרב פול מיט ביכער, אַ גרויסער געלעהרטער.

ק.

קול הָמוֹן כְּקוֹל שַׁדַי, (נאָכתּלמודיש). די שטים פון פאָלק איז ווי די שטים פון גאָט.

קוֹל קוֹרא בַּמִּדְבָּר, (תלמודיש). אַ שטים וועלכער רופט אין דער וויסטע.

קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה, (תּלמודיש). די קנאָה פון געלעהרטע (וועל=כע ווילען איינער דעם אַנדערען אַריבעָרשטייגען) פאַרמעהרט געלעהר=זאַמקייט.

קָרוֹב לְשָׂכָר וְרָחוֹק לְהֶפְסֵד, (תּלמודיש). נאָהנט צו פאַרדינסט און ווייט פון פאַרלוסט.

קֵרֵחַ מִכַּאן וְקֵרֵחַ מִכַּאן, (תּלמודיש). (קריגזין) אויסגעריסען די האָאר אי פון דער זייט אי פון יענער זייט.

ר.

ראֹשׁ הַשָּׁנָה לָאִילָנוֹת, (תּלמודיש). דאָס ניי יאָהר פון די בוימער, חמשה עשר בשבט (ווז.).

רִבּוֹנָא דְעָלְמָא כּוּלָּא, האַרר פון דער גאַנצער וועלט.

רַבִּי מְכַבֵּד עֲשִׁירִים, (תּלמודיש). רבי (דער נאָמען פון דעם תּנא רבי יהודה) פלעגט אָפּגעבען עהרע די רייכע.

רֶגַע כְּמֵימְרֵיה, (תּלמודיש). אַזוי שנעל ווי ער נעהמט אַרויסצוזאָגען דאָס וואָרט "רגע", אויגענבליקליך, גלייך.

רָחוֹק לְשָׂכָר וְקָרוֹב לְהֶפְסֵד, (תּלמודיש). ווייט צו פאַרדינסט און נאָהנט צו פאַרלוסט.

רָחוֹק מִן הַשֵּׂכֶל, ווייט פון פאַרשטאַנד, זיך ניט לעגענדיג אויפ'ן זינן.

רְחַיִם בְּצַוָּארוֹ, (תלמודיש). אַ מיהל שטיין אויף זיין האַלז (אַ ווייב).

רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ, (ביבליש). רחל קלאָגענדיג אויף (דעם שיקזאַל פון) איהרע קינדער (דאָס אידישע פאָלק).

רֵישׁ־גָלוּתָא, זעה ראֹשׁ הַגּוֹלָה.

רָץ כַּצְּבִי וְגִבּוֹר כָּאֲרִי, (תּלמודיש). פלינק ווי אַ הירש און שטאַרק ווי אַ לייב (צו טהאָן דעם ווילען פון גאָט).

רָשָׁע לָמָה תַכֶּה רֵעֶךָ, (ביבליש). רשע, וואָרום שלאָגסטו דיין חבר די ווערטער וואָס משה האָט געזאָגט ווען ער האָט געזעהן ווי איין איד שלאָגט דעם צווייטען).

רְשָׁעִים בְּחַיֵּיהֶם קְרוּאִים מֵתִים, (תלמודיש). די זינדיגע קענען ביים לע־בען אָנגערופען ווערען טויטע.

ש.

שׂוֹנֵא מַתָּנוֹת יִחְיֶה, (ביבליש). דער וואָס האָט פיינד געשאַנקען דער זאָל לעבען.

שִׂיחַת חוּלִין שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, די וואָכעדיגע רייד אָדער די פלוידעריי פון געלעהרטע.

שִׂישׂוּ בְנֵי מֵעַי, (תלמודיש). פרעהט זיך מיינע אינגעווייד!, פרעה זיך מיין הערץ!

שְׁכִינְתָּא בְּגָלוּתָא, (קאַבאַליסטיש). די שכינה (גאָטהייט) איז אין גלות.

שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס, (תלמודיש). ניט אום צו קריגען באַלויהנונג, אָהן אייגענניציגע אַבזיכטען.

שְׁלוּחֵי מִצְוָה אֵינָם נִיזּוֹקִין, (תלמודיש). די וועלכע ווערען געשיקט צו (טהאָן) אַ גוטע טהאַט ווערען ניט באַשעדיגט.

שְׁלוּמֵי אֱמוּנֵי יִשְׂרָאֵל, (ביבליש). "די פרידליכע און געטרייע צווישען דעם אידישען פאָלק", די גאָטספאָרכטיגע לייט.

שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל פְּנֵי הַמָּיִם, (ביבליש). לאָז אַוועק דיין ברויט אויפ'ן וואַ־סער (דען מיט דער צייט וועסטו עס צוריק־קריגען).

שְׂמַח בָּחוּר בְּיַלְדוּתֶךָ, (ביבליש). פרעה זיך יונגער־מאַן אין דיין יוגענד.

שֵׁן תַּחַת שֵׁן, (ביבליש). אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן.

שָׁנָה וּפֵירֵשׁ, (תלמודיש). ער האָט אַ מאָל געלערנט אָבער ער האָט אויפ־געהערט.

שָׁקוּל כְּנֶגֶד כֻּלָּם, (תלמודיש). עס ווענט אַזוי פיעל (איז אַזוי וויכטיג) ווי זיי אַלע צוזאַמען.

שַׁקֵּץ תְּשַׁקְּצֶנּוּ וְתַעֵב תְּתַעֲבֶנּוּ כִּי חֵרֶם הוּא, (ביבליש). דו זאָלסט עס פאַראַכטען אין עס פאַראומווירדיגען דען עס איז פאַרשאָלטען (זיך באַציהענדיג אויף געצענדיענסט).

שֶׁקֶר אֵין לוֹ רַגְלַיִם, (תלמודיש). דער ליגען האָט קיין פיס (קיין באַ־שטאַנד) ניט.

שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיּוֹפִי, (ביבליש). פאַלש איז די אַנציהונג און פוסט איז די שענקייט.

שִׁשָּׁה בְּכֶרֶם אֶחָד, (תלמודיש). זעקס (קינדער) מיט איין מאָל.

שְׁתֵּין פּוּלְסֵי דְנוּרָא, (תלמודיש). זעכציג פייערדיגע שמיץ.

שְׁתִיקָה כְּהוֹדָאָה דַמְיָא, (תלמודיש). שווייגען איז גלייך ווי זיך מודה־זיין.

ת.

תּוֹכוֹ כְּבָרוֹ, (תלמודיש). זיין אינערליכקייט איז ווי זיין אויסערליכקייט.

תִּינוֹק בֶּן יוֹמוֹ, (תלמודיש). אַ זויגלינג פון איין טאָג.

תֶּן לִי הַנֶּפֶשׁ וְהָרְכוּשׁ קַח לָךְ, (ביבליש). גיב מיר נאָר דאָס לעבען (אין טעקסט: די מענשען) און דאָס פאַרמעגען נעהם פאַר זיך.

תַּעֲלָא בְּעִידָנֵיה סְגִיד לֵיה, (תלמודיש). צו אַ פוקס אין זיין צייט (ווען ער איז הערשער) זאָלסטו זיך אויך בוקען.

תָּפַסְתָּ מְרוּבֶּה לֹא תָפַסְתָּ תָּפַסְתָּ מוּעָט תָּפַסְתָּ, (תלמודיש). ווען דו נעהמסט אָן צו פיעל (מיט אַ מאָל) בלייבסטו ביי גאָרניט, ווען דו נעהמסט אָן אַ ביסעל בלייבסטו דאָך ביי עפּעס.

איינינע אויסגעלאָזענע ווערטער און אויסדרוקען.

א.

אֲמַתְ'לָא, הוו. (מ. אֲמַתְ'לוֹת). אויסרייד, פאַרענטפערונג.

אַסְמַכְ'תָּא, הוו. (מ. אַסְמַכְ'תּוֹת). "אָנשפּאַר", אָויטאָריטעט, באַווייז.

אֲסַפְ'סוּף, הם. פעבעל.

אעפ"כ, אב. אַף־עַל־פִּי־כֵן (ווז.).

אַף־עַל־פִּי־כֵן [כֵּן], או. (תלמודיש). דאָך, יעדאָך, יעדענפאַלס.

אָ'שֵׁר, אנם. דער נאָמען פון איינעם פון יעקב'ס צוועלף זיהן; דער שטאַם וואָס קומט אַרויס פון אשר.

אָתְנַחְ'תָּא, הם. אַ געוויסער אָפּשטעל־צייכען "^" (אין טראָפּ).

אֶתְ'נַן־זוֹ'נָה, הם. (ביבליש). דער לויהן פון אַ פּראָסטיטוטקע, דער לויהן פון פּראָסטיטוציאָן.

ב.

בָּא־כֹּחַ [כּ'חַ], הם. (מ. בָּ'אֵי־כֹחַ [כּ'חַ]). באַפאָלמעכטיגטער, פאַרטרעטער.

בְּאֵי'מָה־וּבְיִרְ'אָה, או. (תלמודיש). מיט שרעק און מיט פורכט, מיט עהרפורכט.

בִּגְ'דֵי־מֶ'שִׁי, מ. זיידענע קליידער.

בִּדְחִי'לוּ־וּרְחִי'מָא, או. (קאַבאַליסטיש). מיט ציטערניס און מיט ליעבע, מיט עהרפורכט.

בְּדִי'נֵי־גוֹיִים [גָ'יִים], או. לויט די ניט־אידישע ציוויל־געזעצען.

בְּדִינֵי'הֶם, או. זעה בְּדִי'נֵי־גוֹיִים.

בִּדְמָ'עוֹת־שָׁ'לִישׁ, או. (ביבליש). מיט פיעל טרעהרען

בְּהֶ'יסַח־הַדַּ'עַת, או. (תלמודיש). גאָר ניט טראַכטענדיג, אומגעריכטערהייד.

בַּהֲ'מִיּוּת, הוו. טהירישע נייגונגען.

בּוֹ'עֵל־אֲרַמִּית, הם. (תלמודיש). איינער וואָס האָט געשלעכטליכען פאַרקעהר מיט אַ ניט־אידישער פרוי.

בְּחַרְ'בּוֹ־וּבְקַשְׁ'תּוֹ, או. (ביבליש). מיט זיין שווערד און מיט זיין בויגען, מיט געוואַלט.

בֵּי'נוֹנִי, א. (מ. בֵּי'נוֹנִים). אַ מיטעלמעסיגער מענש.

בִּי'עוּר־חָ'מֵץ, הם. די פאַרברענונג פון חמץ (ערב־פּסח).

בִּכְבוֹדוֹ־וּבְעַצְמוֹ, (תלמודיש). מיט זיין ווירדע און מיט זיין אייגענער פערזאָן, ער אליין.

בִּכּוּרִים, מ. ערשטע פרוכטען, ערשטלינגען.

בְּכִי־טוֹב, (תלמודיש). אין אַ גוטער שעה, מיט גליק (אורשפרינגליך הייסט עס: אין איינעם פון די טעג ביי וועלכע עס שטעהט אין דער ביבלישער ערצעהלונג פון דער וועלט־באַשאַפונג "וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי טוֹב", און גאָט האָט געזעהן אז עס איז גוט).

בַּל־תּוֹסֵף, זאָלסט ניט צולעגען.

בִּמְחִילַת־כְּבוֹדוֹ, מיט זיין (אייער) פאַרצייהונג, מיט רעספעקט צו מעלדען.

בִּמְלוֹא־מוּבַן־הַמִּלָּה, אין פולען זינן פון וואָרט.

בֶּן־בְּלִי־שֵׁם, הם. (ביבליש). אַ מאַן אָהן אַ נאָמען, אַ נידערטרעכטיגער קערל.

בֶּן־עוֹלָם־הַבָּא, הם. (תלמודיש). איינער וועלכער וועט האָבען יענע וועלט.

בְּנִקְיוּת־חֵפֶץ, או. (תלמודיש). האַלטענדיג אַ געגענשטאַנד אין האַנד (און שווערענדיג ביי איהם).

בְּנִקְיוּת־סֵפֶר, או. (תלמודיש). האַלטענדיג אַ הייליגעם בוך אין דער האַנד (און שווערענדיג ביי איהם).

בִּנְשִׁימָה־אַחַת, או. (תלמודיש). אין איין אָטהעם.

בְּסֵבֶר־פָּנִים־יָפוֹת, או. (תלמודיש). מיט אַ פריינדליכען געזיכט, פריינדליך.

בַּעַל־בָּשָׂר, הם. (מ. בַּעֲלֵי־בָשָׂר [בְּשָׂר]). אַ באַלייבטער אָדער פעטטער מענש.

בַּעֲלֵי־הַתּוֹסְפוֹת, מ. די געלעהרטע וועלכע האָבען אַנטהייל גענומען אין דער פאַרפאַסונג פון תוספות (ווז.).

בְּפַרְהֶסְיָא, או. עפענטליך.

בַּר־בֵּי־רַב דְּחַד־יוֹמָא, הם. (תלמודיש). אַ שילער פון איין טאָג, איינער וועלכער האָט נאָך ווענינ געלערנט.

בָּרַבִּים, או. עפענטליך.

בָּרָד, הם. האָגעל, איינע פון די עשר־מכות (ווז.).

בָּרָה־כַּחַמָּה, א. (ביבליש). קלאָר ווי די זונן.

בָּרָה־כַּשֶּׁמֶשׁ, א. קלאָר ווי די זונן.

בְּרִיחַ־הַתִּיכוֹן, הם. (ביבליש). דער מיטעלסטער ריגעל (וועלכער פאַראייניגט אַלע).

בְּשַׁלַּח, הוו. דער נאָמען פון דער זעכצעהנטער סדרה (ווז.).

בִּשְׁלִילָה, או. מיט אַ פאַרנייגונג, נעגאַטיוו.

בְּשֵׁם־אוֹמְרוֹ, או. (תלמודיש). אין דעם נאָמען פון דעם וואָס האָט עס געזאָגט.

בְּתוּלוֹת, מ. מיידלעך אָדער קעני־גינען (אין קאָרטען).

בְּתְמִי־דוּת, אוּ. שטענדיג.

בְּתֻ'פִּים־וּבִמְחוֹ'לוֹת, אוּ. (ביבליש). מיט פויקען און מיט טענץ.

ג.

גְּבִ'יַת־עֵ'דוּת, הוו. די אויסהערונג פון עדות.

גּוֹ'בֶה, הם. (מ. גוֹ'בִים). מאָהנער, קרעדיטאָר.

גַּל־שֶׁל־עֲצָ'מוֹת, הם. (תלמודיש). אַ הויפען מיט ביינער.

גַּם־אַ'תֶּם, אר. "איהר אויך", איך ווינש אייך דאָס זעלביגע.

ד.

דָּ'בָר־שֶׁל־קַיָּ'מָא, הם. (תלמודיש). אַ זאַך וואָס האָט אַ באַשטאַנד.

דָּ'בָר הַשָּׁ'וֶה לְכָל נֶ'פֶשׁ, הם. (תלמודיש). אַ זאַך וואָס איז צוגעפּאַסט אָדער נוצליך פאַר יעדערען.

דְּבָ'רִים־כַּהֲוָיָ'תָם, (תלמודיש). זאַכען אַזוי ווי זיי האָבען פּאַסירט.

דְּבָ'רִים־שֶׁבְּלֵב', מ. (תלמודיש). זאַכען פון הערצען, אינערליכע געפיהלען.

דּוֹר־תַּהְפּוּ'כוֹת, הם. (ביבליש). אַ פאַרקעהרטער אָדער אויסגעלאַסענער דור.

דְּמֵי־קְדִי'מָה, מ. האַנדגעלט.

דֶּ'רֶךְ־הַתַּגְ'רִים, הם. (תלמודיש). דער איינפיהר צווישען קויפלייט.

ה.

הֲוָ'ה, הם. די געגענוואַרט.

הו"ק, אב. הוֹצָ'אוֹת־קְטַ'נּוֹת (ווז.).

הֲטָ'בַת־חֲלוֹם [חָ'לוֹם], הוו. די צערעמאָניע פון אויסטייטשען אַ טרוים צום גוטען (דער וואָס האָט געזעהן דעם שלעכטען טרוים זעצט אַוועג דריי מענשען און דערצעהלט פאַר זיי דעם טרוים און זיי ענטפערען: דו האָסט געזעהן אַ גוטען טרוים).

הָ'יָה־הֹ'וֶה־וְיִהְ'יֶה, ער איז געוועזען, איז, און וועט זיין (די אַטריבוטען פון דער גאָטהייט).

הַיּוֹ'צֵא־לָ'נוּ־מִדְּבָ'רֵי'נוּ, ווי עס קומט אַרויס פון אונזערע רייד, אַלזאָ.

הַיּוֹ'צֵא־לָ'נוּ־מִזֶּ'ה', ווי עס קומט אַרויס דערפון, אַלזאָ.

הִילוּ'לָא־וְחִנְ'גָּא, הוו. אַ הוליאַנקע.

הֲלָ'כָה־לְמ'שֶׁה־מִסִּי'נַי, הוו. (תלמודיש). אַ געזעץ וואָס איז געגעבען געוואָרען משה'ן אויפ'ן באַרג סיני, אַ פעסטעס געזעץ.

הִלְ'כְתָא־לִמְשִׁי'חָא, הוו. (תלמודיש). אַ געזעץ וואָס באַציהט זיך אויף משיח'ס צייטען, אַ געזעץ וואָס באַציהט זיך ניט אויף די געגענווערטיגע צייט.

הַלְעִימַ'נִי'ק, הם. אַ פרעסער (פון דעם אויסדרוק "הַלְעִיטֵנִי־נָא", גיב מיר עסען, וועלכען עשו האָט געזאָגט צו יעקב'ן ווען ער איז געקומען אַ הונגעריגער פון געיעג און האָט פאַר אַ טאָפּ לינזען פאַרקויפט דעם לעצטערען די בכורה, ווי די ביבעל דערצעהלט).

הַנּוֹ'תֵן־תְּשׁוּ'עָה־לַמְּלָ'כִים, "דער

וואָס שענקט זיין הילף צו די קעניגען", די ערשטע ווערטער פון דעם געבעט וואָס מע זאָגט פאַר דעם הערשער פון לאַנד.

הַשְׁמָ'טָה, הוו. (מ. הַשְׁמָ'טוֹת). אַ'ן אויסגעלאָזען וואָרט אָדער שטעלע (אין אַ בוך).

הִתְגַּ'לוּת, הוו. אַנטפלעקונג, אָפּענבאַרונג.

ו.

וִיכּוּ'חַ, וִכּוּ'חַ, הס. (מ. וִכּוּ'חִים). דיספוט, שטרייט. וכוח'ען (זיך), צוו. דיספוטירען, שטרייטען.

וַיֹּא'מֶר־דָּ'וִד־גליטש, הס. אַ געוויסער זאָרט אינגעלשער גליטש ביי וועלכען דער גליטשער האַלט דעם קאָפּ צוגעבויגען צו זיין אָרעם ווי צו ויאמר־דוד (וויז.).

וְיֵשׁ־לְיַ'שֵּׁב, אָבער מע קען פאַרענטפערען (אַ'ן אָפטער תלמודיסטישער אויסדרוק).

וַיִּשְׁ'מַן יְשֻׁ'רוּן וַיִּבְ'עָט, (ביבליש). און ישרון (דאָס אידישע פאָלק) איז פעט געוואָרען האָט עס אָנגעהויבען צו בריקען, עס געהט איהם גוט דאַריבער איז ער אויסגעלאַסען.

וּמַפְ'לִיא־לַעֲ'שׂוֹת, "און ער טהוט וואונדער", ווערטער גענומען פון דעם אשר־יצר=געבעט און געברויכט שפּאַסהאַפט אין דעם אויסדרוק: סור ובור ומפליא־לעשות, אַלערליי נישטיגע זאַכען.

ז.

זִיבּוּ'רִית, די ערגסטע.

זָ'כָה־בְּגוֹרָל וּבְגוֹ'רָלוֹ, געוואונען אין דער לאָטערי (ווערטער וועלכע מע פלעגט אויפשרייבען אין פאַרצייטיגע אידישע לאָטעריען אויף דעם געווינ=צעטעל.

זַרְ'קְ'ען, צא. וואַרפען, שליידערען. אַרויס'זרק'ען, אַרויסוואַרפען.

ח.

חַ"י־קַ"ק־סערעבראָם', אַ קליינע סומע. "מ'שטיינס געזאָגט וואָס ער האָט ח"י־ק"ק־סערעבראָם".

חַיָּ'ה. גרינע חיה (אַמעריקאַניש), אויסדרוק פון שפּאָס אָדער פאַראַכטונג אויף אַ נייאַריבערגעקומענעם.

חָ'כָם־בְּעֵי'נָיו, הס. (ביבליש). אַ קלוגער אין זיינע (אייגענע) אויגען.

חָ'כָם־לְהָ'רַע, הס. (ביבליש). אַ קלוגער צו טהאָן שלעכטס.

חֲ'רֵשׁ־שׁוֹ'טֶה־וְקָ'טָן, מ. (תלמודיש). אַ טויבער, אַ'ן אידיאָט און אַ קינד (די דריי וועלכע זיינען ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר וואָס זיי טהוען).

חֲתִי'מַת־הַתַּלְ'מוּד, הוו. די אָפּשליסונג (פאַרענדיגונג) פון דעם תלמוד (וויז.).

ט.

טו'בת־הֲנָ'אָה, הם. (תלמודיש). אַ גוץ, אַ טובה.

טִרְ'דות־הַזְמָן, מ. מאַטעריעלע זאָר־גען.

י.

יו'מָא־טָ'בָא, הם. (תלמודיש). אַ פייערטאָג.

יְחִי'דֵי־סְגוּ'לָה, מ. (תלמודיש). די ווייניגע אויסגעקליבענע, די סאַ־מע פיינסטע.

יָ'רום־הוֹ'דוֹ (הוֹ'דָה), זאָל דערהויבט ווערען זיין (איהר) גלאַנץ (ווער־טער וועלכע מע שטעלט נאָך דעם נאָמען פון אַ קעניג).

יֶ'תֶר־הַפְּלֵ'טָה, הם. (ביבליש). דער געראַטעוועטער רעשט, דאָס בי־סעל וואָס איז געבליבען.

כ.

כְּאַ'חַד־הָרֵי'קִים, (ביבליש). ווי איינעם פון די אויסוואורפען. "זידלען כאחד־הריקים".

כֻּ'לוֹ־זַ'כַּאי, (תלמודיש). אין גאַנ־צען אונשולדיג.

כֻּ'לוֹ־חַ'יָיב, (תלמודיש). אין גאַנצען שולדיג.

כְּ'לות־הַנֶ'פֶש, אויסגעהן פון דער נשמה.

כְּלֵי־גוֹ'לָה, מ. (ביבליש). וואַנדער־קליידער אָדער געצייג.

כִּסְ'או שֶׁל אֵלִיָ'הוּ הַנָ'בִיא, הם. דער שטוהל פון אליהו־הנביא (אַזוי רופט מען דעם שטוהל אויף וועלכען דער סנדק זיצט).

כַּרְ'פַּס, פעטרושקע אָדער אַנדערע גרינס וועלכע מע עסט אין די נעכט פון סדר.

ל.

לֹא־הָ'יָה וְלֹא־נִבְ'רָא, (תלמודיש). "ניט געווען און ניט באַשאַפען", ניט געשטויגען ניט געפלויגען.

לֹא־כָּל־שֶׁ'כֵּן [כָּ'ל־שֶׁ'כֵּן], (תלמודיש). זעה מִכָּל־שֶׁכֵּן.

לֹא־תֵבוֹ'שִׁי וְלֹא־תִכָּ'לְמִי, (ביב־ליש). זאָלסט ניט פאַרשעמט ווערען און ניט רויט ווערען, געברויכט בלויז אין דער פאַראַדי: "לא־תבושי ולא־תכלמי ניט בענק מיך און ניט שילט מיך".

לְחֶרְ'פָּה־וְלִשְׁנִי'נָה, א. (ביבליש). צו שפאָט און צו שאַנד.

לְמוֹ'רַת־רוּ'חַ, א. (ביבליש). פאַר־דריסליך, צו־ווידער.

לְרָ'צוֹן, א. אַנגענעהם.

מ.

מְאוֹר־הַגוֹ'לָה, הם. דאָס ליכט פון אַלע אידען אין גלות (טיטול אויף אַ זעהר גרויסען מאַן).

מַאֲ'מָר־הַמוּסְ'גָר, הם. אַ'ן איינגע־שלאָסענער זאַץ, פאַרענטהעזיס.

מוֹ'קִיר־רַבָּ'נָן, הם. (תלמודיש). אַ פאַרעהרער פון געלעהרטע.

מוֹ'תֶר־זיין, צא. שענקען.

מִי־שֶׁפָּ'רַע, הס. "דער וואָס האָט באַשטראָפט", די ערשטע ווערטער און דער נאָמען פון אַ געוויסען פלוך וועלכער ווערט אויסגעשפּראָכען פון דעם אידישען בית־דין אויף דעם וואָס וויל ניט האַלטען וואָרט אין אַ מינדליכען אָפּמאַך.

מְיַ'בֵּם־זיין, צא. (שפּאַסהאַפט) צונעהמען, צו'גנב'ען.

מִילְ'תָא־דְבְדִי'חוּתָא, הוו. (תלמודיש). אַ שפּאַס־ווערטעל, אַ וויץ.

מְיַ'סֵר, הס. (מ. מְיַסְ'רִים). גרינדער.

מַלְ'אַךְ־הַמּוֹשִׁי'עַ, הס. אַ העלפענדער ענגעל.

מַס, הס. אַ צינז, אַ'ן אָפּצאָלל.

מַסְקָ'נָא, הוו. שלום, באַשלוס.

מְעָ'רַת־פָּרִי'צִים, הוו. (ביבליש). אַ הייהל פון פאַרברעכער.

מַעֲ'שֵׂה־מֶרְכָּ'בָה, הוו. (תלמודיש). די וואונדער וועלכע רינגלען אַרום דעם רייטוואָגען (פון גאָט) ווי עס ווערט באַשריבען אין דעם ביבלישען בוך יחזקאל (קאַפּ. א.); די פאַרבאָרגענע לעהרע פון דער גאָטהייט.

מִצְ'רִי, הס. (מ. מִצְ'רִים). עגיפּטער.

מִצְרַ'יִם, אנוו. עגיפּטען.

מִקְרָ'אוֹת־גְדוֹ'לוֹת, מ. אַ געוויסע אויסגאַבע פון תנ"ך מיט זעהר פיעל קאָמענטאַרען.

מֶ'תֶג, הס. אַ געוויסער אַקצענט־צייכען אין נקוד וואָס באַשטעהט פון אַ קורצען שטעהענדיגען שטריך אונטער דעם בוכשטאַב.

מְתוּרְ'גְמָן, הס. דאָלמעטשער, פאַרמיטלער.

מִתְחַ'יֵב־בְּנַפְ'שׁוֹ, הס. (תלמודיש). אַ פאַרברעכער קעגען זיך אַליין.

מֵ'תֵי־מִדְ'בָּר, מ. (תלמודיש). די וועלכע זיינען אויסגעשטאָרבען אין דער וויסטע (די ביבעל דערצעהלט אז פון די וועלכע משה האָט אַרויסגעפיהרט פון מצרים זיינען אַלע אויסגעשטאָרבען אויף דער וואַנדערונג דורך דער וויסטע און ערשט דער קומענדער דור איז אַריין אין כנען).

נ.

נְפִי'לִים, מ. געוויסע ריעזען וועלכע האָבען געלעבט פאַר'ן מבול, ווי די ביבעל דערצעהלט.

נְקֵ'בָה. אַ ביטערע נקבה, אַ שלעכטע אָדער היטרע פּרויענצימער.

נָ'שִׂיא, הס. (מ. נְשִׂי'אִים). פירסט, דער הויפּט פון אַ שטאַאַט. די נשיאים, די פסוקים וועלכע מע זאָגט אין די ערשטע צוועלף טעג פון מאָנאַט ניסן און אין וועלכע עס ווערט דערצעהלט פון די געשאַנקען וואָס דער הויפּט פון יעדער שטאַם האָט געבראַכט ווען דער משכן איז פאַרטיג געוואָרען (יעדען טאָג זאָגט מען די פסוקים פון איין נשיא).

ס.

סְגַן־, הס. געהילף, וויצע־.

סוֹף־אָ׳דָם־לָ׳מוּת, (תלמודיש). דאָס ענד פון יעדען מענשען איז שטאַרבען.

סוֹף־בְּהֵ׳מָה־לִשְׁחִי׳טָה, (תלמודיש). דאָס ענד פון אַ פיה איז געקוי־לעט צו ווערען.

סוֹף־גַ׳נָּב־לִתְלִיָּה [לִתְלִ׳יָה], (נאָכ־תלמודיש): דאָס ענד פון אַ גנב איז געהאַנגען צו ווערען.

סוֹף־סוֹ׳חֵר־לְפַלֶּטָה [לִפְלֵ׳טָה], דאָס ענד פון אַ סוחר איז צו מאַכען באַנקראָט.

סַמְ׳רָא־דְמְסָאֲבוּ׳תָא, הוו. (קאַבאַ־ליסטיש). די אונריינע זייט, דער בייזער גייסט.

סְעוּ׳דָה־שֶׁאֵי׳נָהּ־מַסְפֶּ׳קֶת, הוו. (תלמודיש). אַ מאָהלצייט וועלכע איז ניט גענוג (צום זעטיגען):

סֵ׳פֶר־הֶחָ׳תוּם, הם. (ביבליש). אַ פאַרזיגעלט בוך. "עס איז פאַר איהם אַ ספר־החתום".

ע.

עִבְ׳רִית־בְּעִבְ׳רִית, העברעאיש אין העברעאיש (אַ מאָדערנע מעטהאָדע צו לעהרנען העברעאיש).

עִ׳דִית, די בעסטע.

עוֹ׳דֶף, הם. (ביבליש). איבערבלייב, רעשט.

עוֹל־דֶּ׳רֶךְ־אֶ׳רֶץ, הם. (תלמודיש). דער יאָך פון וועלטליכע זאַכען, די פליכטען פון פראַקטישען לע־בען.

עוֹל־מַלְ׳כוּת, הם. (תלמודיש). דער יאָך פון דער רעגירונג, די פליכ־טען צו דער רעגירונג.

עוֹל־מַלְ׳כוּת־שָׁמַ׳יִם, הם. (תלמו־דיש). דער יאָך פון דעם הימלי־שען קעניגרייך, די פליכטען צו גאָט.

עוֹל־תּוֹ׳רָה, הם. (תלמודיש). דער יאָך פון לערנען תורה.

עוֹ׳לֶה־יָ׳פֶה־זיין, צש. (תלמודיש). אַרויסקומען גוט, געלינגען.

עוֹ׳לָם־הָאֲצִי׳לוּת, הם. (קאַבאַליס־טיש). די וועלט אַבסטראַקטע אידעען.

עוֹ׳לַם־הַנְּשָׁ׳מוֹת, הם. (קאַבאַליס־טיש). די וועלט פון די זעעלען.

עוֹ׳לָם־הָ׳פוּךְ, הם. (תלמודיש). אַ פאַרקעהרטע וועלט.

עוֹ׳לָם־הַשָּׁ׳פֵל, הם. (קאַבאַליסטיש). די נידעריגע וועלט, די אירדישע וועלט.

עוֹ׳לָם־הַשֶּׁ׳קֶר, הם. די וועלט פון ליגען, די אירדישע וועלט.

עוֹ׳לָם־הַתַּחְ׳תּוֹן, הם. (קאַבאַליס־טיש). די אונטערשטע וועלט, די אירדישע וועלט.

עֵ׳זֶר־כְּנֶגְ׳דּוֹ, הם. (ביבליש). אַ היקף פאַר איהם (אַ ווייב).

עִיר־הַנִּדַּ׳חַת, הוו. (ביבליש). אַ פאַרפיהרטע שטאָדט, אַ זינדיגע שטאָדט.

עַל־אֵם־הַדֶּ׳רֶךְ, (ביבליש). אין מיטען וועג.

עַל־דַ׳עַת־הַקָּ׳הָל, (ליטורגיש). מיט דעם וויסען (דער צושטימונג) פון דער געמיינדע.

עֲלִיַּת־נְשָׁמָה, הוו. (קאבאליסטיש). דאָס ארויפשטייגען פון דער נשמה (צו געוויסע צייטען) אויפ'ן הי=מעל, א'ן אייגענשאפט וועלכע ווערט צוגעשריבען צו געוויסע היילעגע לייט.

עַמּוּד־הָאֵשׁ, הם. (ביבליש). דער זייל פון פייער (וועלכער פלעגט ביי=נאכט געהן פאָראויס פאַר די אידען ווען זיי האָבען געוואנדערט דורך דער וויסטע, ווי די ביבעל דערצעהלט).

עַמּוּד־הֶעָנָן, הם. (ביבליש). דער וואָלקען=זייל (וועלכער פלעגט געהן פאָראויס פאַר די אידען ווען זיי האָבען געוואנדערט דורך דער וויסטע, ווי די ביבעל דערצעהלט).

עַמּוּד־הַתָּוֶךְ, הם. (ביבליש). דער מיטעלסטער זייל, די הויפט=שטיצע.

עִנּוּי־הַדִּין, הם. (תלמודיש). די פייניגונג פון ווארטען אויף דאָס אורטהייל פון געריכט. "ע נ ו י ־ ה ד י ן איז ערגער פון דין" (שפוו.).

עָצוּם, הם. זעה אַדִּיר.

עֲצָמוֹת־הַיְבֵשׁוֹת, מ. (ביבליש). די פארדארטע ביינער (וועלכע דער פראָפעט יחזקאל האָט גע=זעהן און וועלכע גאָט האָט איהם געהייסען באלעבען, ווי די ביבעל דערצעהלט).

עֲשָׂרָה־בַטְלָנִים, מ. (תלמודיש). די צעהן פרומע לייט וועלכע זי=צען שטענדיג אין קלויז און ווע=רען אויסגעהאלטען פון דער קהלה.

עֲשָׂרָה־הֲרוּגֵי־מַלְכוּת, מ. (תל=מודיש). די צעהן ערמאָרדעט פון דער רעגירונג", געוויסע צעהן באריהמטע אידישע מארטירער פון וועלכע עס ווערט דערצעהלט אין תלמוד (ווז.).

עֲשָׂרָה־רִאשׁוֹנִים, מ. די צעהן וועלכע זיינען די ערשטע (צו קומען דאוונען).

עֵת־לַעֲשׂוֹת, הוו. (ביבליש). א צייט צום טהאָן.

עֲתִידוֹת, הוו. די צוקינפטיגקייט.

צ.

צוּרְבָא־מֵרַבָּנָן, הם. (תלמודיש). זעה תַּלְמִיד־חָכָם.

צִמּוּקִים, מ. ראָזינקעס.

צַעַר־גִּדּוּל־בָּנִים, הם. (תלמודיש). די זאָרג פון אויפבריינגען קינדער.

צַעַר רִפּוּי שֶׁבֶת וּבוֹשֶׁת, מ. (תלמודיש). שמערץ, היילונג (=קאָסטען), לעדיג-געהן און שאנד, די פיערערליי געלטען פון שאָדענ=ערזאץ וועלכע דער וואָס שלאָגט און פארוואונדעט אימיצען מוז באצאָהלען.

צָרַת־רַבִּים חֲצִי (חָצִי) נֶחָמָה. דאָס ליידען פון פיעלע (אנדערע) איז א האלבער טרייסט (פאַר זיך).

ק.

קִבַּלְתִּי, איך האָב ערהאלטען.

קוֹל־בְּאִשָּׁה־עֶרְוָה, (תלמודיש). די שטים פון א פרויענצימער (צווי=שען מענער) איז אונאנשטענדיג.

קול חָתָן וְקוֹל כַּלָה, מ. (ביבליש). די (פרעהליכע) שטימען פון חתן און כלה.

קול־שָׂשׂון וְקול־שִׂמְחָה, מ. (ביב=ליש). די שטים פון לוסטיגקייט און די שטים פון פרייד.

קונֶה־שְׁבִיתָה־זיין, צש. (תלמו=דיש). זיך ערווערבען דאָס רעכט פון אײנוואוהנערשאַפט זיך באַ=זעצען.

קוצו־שֶׁל־יוד, המ. (תלמודיש). דאָס שפּיטציקעל פון דעם בוכ=שטאַב יוד, די קלענסטע קלייניג=קייט.

קורֵעַ־כְּדָג־זיין, צא. (תלמודיש). צורייסען ווי אַ פיש, צורייסען אויף שטיקער.

קִיקָיון־דְיונָה, המ. דער שאָטענדי=גער וואונדער=בוים וואָס איז אויס=געוואַקסען איבער נאַכט אום צו באַשיצען דעם פּראָפעט יונה'ן פון דער זונן און איז איבער נאַכט ווידער פאַרוועלקט געוואָרען, אַ זאַך וואָס פאַרגעהט שנעל.

קַרְדום לַחְפּור בָּה, (תלמודיש). אַ גראַב=אייזען דערמיט צו גראָבען (אַ מיטעל צו דיענען די אייגענע נוצען).

ר.

רָאוי־לִבְרָכָה, גרויס אָדער גוט גענוג צו מאַכען דאַרויף אַ ברכה.

רוּחַ־הַטוּמְאָה, המ. דער גייסט פון אונרייינקייט, דער בייזער גייסט.

ש.

שְׁטַר חֲצִי [חָצִי] זָכָר, המ. אַ דאָקו=מענט וועלכען איינער גיט זיין טאָכטער אָבשרייבענדיג איהר דאָס רעכט אויף אַ טהייל פון זיין ירושה (לויט דעם אידישען דין ווינען די נאַטירליכע יורשים בלויז די זיהן).

שִׂישׂוּ־וְשִׂמְחוּ, (ליטורגיש). פרעהט זיך און זייט לוסטיג.

ת.

תובב״א, אב. תִּבָּנֶה וְתִכּוֹנֵן בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן, זי זאָל געבויט און אויפגעשטעלט ווערען אין גיכען אין אונזערע טעג אָמן (ווערטער וועלכע מע שטעלט נאָך דעם וואָרט ירושלים).

ביילאגע

---

1) נעמען פון פערזאָנען
2) פאמיליען־נעמען
3) נעמען פון פעראיינען, חברות, שולען,
בית עולם'ס א. ז. וו.

נעמען פון פּערזאָנען *)

זייער אָבשטאַמונג און באַדייטונג.

א.

אַבָּא, מנ. (תלמודיש). דער פאָטער.

אַבִיגְדוֹר, מנ. (ביבליש). דער פאָטער פון גדוד (אַ אייגעננאָמען).

אֲבִיגַיִל, פנ. (ביבליש). דער פאָטער פון פרייד.

אֲבִימֶלֶךְ, מנ. (ביבליש). דער פאָטער פון קעניג.

אֲבִיעֶזֶר, מנ. (ביבליש). דער פאָטער פון הילף.

אֲבִישָׁלוֹם, מנ. (ביבליש). דער פאָטער פון פרידען.

אַבְנֵר, מנ. (ביבליש). דער פאָטער פון ליכט.

אַבְשָׁלוֹם, זעה אֲבִישָׁלוֹם.

אַבְרָהָם, אַבְרָם, מנ. (ביבליש). דער פאָטער פון ערהאַבענהייט. זעה ווב.

אַהֲרֹן, מנ. (ביבליש). דער בּערגוואוהנער. זעה ווב.

אוֹר־שְׁרַגָּא, מנ. ליכט.

אוּרִי, אוּרִיָּה, מנ. (ביבליש). דאָס ליכט פון גאָט.

אוּרִיאֵל, מנ. (ביבליש). דאָס ליכט פון גאָט.

אִיזֶבֶל, פנ. (ביבליש). אָהן שמוץ.

אִיתִיאֵל, מנ. (ביבליש). גאָט איז מיט מיר.

אִיתָמָר, מנ. (ביבליש). דער אינזעל פון טייטעלבוימען.

אֶלְדָּד, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט האָט איהם ליעב.

אֶלְחָנָן, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט האָט איהם געלייטזעליגט.

אֵלִיָּה, אֵלִיָּהוּ, מנ. (ביבליש). מיין גאָט איז יהוה. זעה ווב.

אֱלִימֶלֶךְ, מנ. (ביבליש). גאָט איז (זיין) קעניג.

אֱלִיעֶזֶר, מנ. (ביבליש). גאָט איז (זיין) הילף.

אֶלְיָקוּם, אֶלְיָקִים, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט האָט איהם אויפגעשטעלט.

---

*) מיר גיבען דאָ בלויז יענע העברעאישע נעמען מיט וועלכע מע רופט זיך נאָך יעצט אויך.

אֶלְיָשִׁיב, מנ. (ביבליש). גאָט וועט צוריק=ברייננגען.

אֶלְיָסָף, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט האָט איהם פאַרמעהרט.

אֱלִישֶׁבַע, פנ. (ביבליש). גאָט אין איהר שבועה.

אֱלִישָׁע, מנ. (ביבריש). גאָט אין (זיין) הילף.

אֶלְעָזָר, זעה אֱלִיעֶזֶר.

אֶלְקָנָה, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט האָט איהם געקויפט.

אַמְנוֹן, מנ. (ביבליש). דער באַגלויבטער.

אָסְנַת, פנ. (ביבליש). אין עגיפטיש: (הייליג) צו דער געטין "נַת".

אֶסְתֵּר, פנ. (ביבליש). אַ שטערען. זעה ווב.

אֶפְרַיִם, מנ. (ביבליש). וואַרשיינליך: דאָפעל=לאַנד,

אַרְיֵה, מנ. (ביבריש). דער לייב (דעט צונאָמען פון יהודה).

אָשֵׁר, מנ. (ביבליש). דער גליקלי=כער. זעה ווב.

ב.

בֶּן־צִיּוֹן, מנ. אַ זוהן פון ציון.

בִּנְיָמִין, מנ. (ביבליש). דער זוהן פון רעכטער האַנד. זעה ווב.

בְּצַלְאֵל, מנ. (ביבליש). אין דעם שאָטען פון גאָט.

בָּרוּךְ, מנ. (ביבליש). דער געבענש=טער.

בְּרָכָה, פנ. אַ בענשונג.

בָּרָק, מנ. (ביבליש). דער בליץ.

בַּת־צִיּוֹן, פנ. אַ טאָכטער פון ציון.

בַּת־שֶׁבַע, פנ. (ביבליש). די טאָכ=טער פון דער שבועה.

בַּתְיָה, פנ. די טאָכטער פון גאָט.

ג.

גַּבְרִיאֵל, מנ. (ביבליש). דער מאַן פון גאָט. זעה ווב.

גָּד, מנ. (ביבליש). גליק. זעה ווב.

גְּדַלְיָה, גְּדַלְיָהוּ, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט האָט איהם געגרויסט.

גַּמְלִיאֵל, מנ. (ביבליש). באַשאָנקע=נער פון גאָט.

גְּרוֹנָם, מנ.

גֵּרְשׁוֹם, מנ. (ביבריש). ער איז דאָרט אַ פרעמדער.

גֵּרְשׁוֹן, מנ. (ביבליש). ארויסגעטרי=בענער.

ד.

דְּבוֹרָה, פנ. (ביבליש). די ביען.

דּוֹב, מנ. (ביבליש). דער בער (דער צונאָמען פון יששכר).

דָּוִד, מנ. (ביבליש). דער באַליעב=טער. זעה ווב.

דִּינָה, פנ. (ביבליש).

דָּן, מנ. (ביבליש). דער ריכטער. זעה ווב.

דָּנִיאֵל, מנ. (ביבליש). דער ריכטער פון גאָט.

דָּתָן, מנ. (ביבליש). דער פאָנטאַן.

ה.

הָדָס, הֲדַסָּה, פנ. (ביבליש). די מירטהע (דער צונאָמען פון אסתר.

הוֹשֵׁעַ, מנ. (ביבליש). די אויסלייזונג. זעה ווב.

הִילֵל, הִלֵּל, מנ. (ביבליש). לויב.

ו.

זְאֵב, מנ. (ביבליש). דער וואָלף. דער צונאָמען פון בנימין.

ז.

זְבֻלוּן, מנ. (ביבליש). א וואָהנונג. זעה ווב.

זַכַּאי, מנ. (תלמודיש). א גערעכטער.

זְכַרְיָה, זְכַרְיָהוּ, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט האָט איהם דערמאָנט.

זֶרַח, מנ. (ביבליש). דער שיין (פון דער זונן).

ח.

חַוָּה, פנ. (ביבליש). לעבען. זעה ווב.

חִזְקִיָּה, חִזְקִיָּהוּ, זעה יְחֶזְקִיָּהוּ.

חִיאֵל, מנ. (ביבליש: פאַרקירצט פון אֲחִיאֵל). דער ברודער פון גאָט.

חַיָּה, פנ. לעבען.

חַנָּה, פנ. (ביבליש). לייטזעליגקייט.

חֲנוֹךְ, מנ. (ביבליש). דער איינגעווייהטער.

חֲנִינָא, מנ. (תלמודיש). לייטזעליגקייט.

חָנָן, מנ. (תלמודיש). דער באַרמהערציגער.

חֲנַנְיָה, מנ. (ביבליש). גענייטזעליגט פון גאָט.

ט.

טוֹבִיָּה, מנ. (ביבליש). אנגענעהם צו גאָט.

י.

יְדִידְיָה, מנ. (ביבליש). געליבטער פון גאָט.

יְהוֹאָשׁ, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט האָט איהם באַשאָנקען.

יְהוּדָה, מנ. (ביבליש). דער געלויבטער. זעה ווב.

יְהוּדִית, פנ. (ביבליש). א אידישע פרויא. זעה ווב.

יְהוֹחָנָן, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט האָט איהם געלייטזעליגט.

יְהוֹנָתָן, מנ. (ביבליש). (ער) וועלכען גאָט האָט געשאָנקען. זעה ווב.

יְהוֹשֶׁבַע, פנ. (ביבליש). גאָט איז איהר שבועה.

יְהוֹשֻׁעַ, מנ. (ביבליש). גאָט איז זיין הילף. זעה ווב.

יוֹאֵל, מנ. (ביבליש). יהוה איז זיין גאָט. זעה ווב.

יוֹאָשׁ, זעה יְהוֹאָשׁ.

יוּדִית, זעה יהוּדִית.

יוֹחָנָן, זעה יהוֹחָנָן.

יוֹם־טוֹב מנ. זעה ווב.

יוֹכֶבֶד, פנ. (ביבליש). וואָס גאָט איז איהר רוהם.

יוֹנָה, מנ. (ביבליש). אַ טויב.

יוֹסֵף, (ביבליש). ער (גאָט) זאָל פאַרמעהרען.

יְחֶזְקֵאל, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט שטאַרקט איהם. זעה ווב.

יְחִזְקִיָּהוּ, מנ. (ביבליש), וואָס גאָט שטאַרקט איהם. זעה ווב.

יחיאֵל, מנ. (ביבליש). גאָט לעבט.

יַעֲקֹב, מנ. (ביבליש). דער וואָס האָט אָנגענומען ביי דעם פוס־זויהל. זעה ווב.

יצְחָק, מנ. (ביבליש). געלעכטער. זעה ווב.

יְקוּתִיאֵל, מנ. (ביבליש). וואהר־שיינליך מיטלייד פון גאָט.

יְרוֹחָם, מנ. (ביבליש). וועלכער ווערט בעגנאַדיגט (פון גאָט).

ירחמְאֵל, יְרַחְמְיאֵל, מנ. (ביבליש). אויף וועלכען גאָט דערבאַרעמט זיך.

יִרְמְיָה, יִרְמְיָהוּ, מנ. (ביבליש). וועלכען גאָט האָט דערהויבען. זעה ווב.

יְשׁוּעַ, זעה יְהוֹשֻׁעַ.

יְשַׁעְיָה, יְשַׁעְיָהוּ, מנ. (ביבליש). די הילף פון גאָט. זעה ווב.

ישְׂרָאל, מנ. (ביבליש). דער קעמפ־פער פון גאָט. זעה ווב.

יִשָּׂשכָר, מנ. (ביבליש). דער לויהן. זעה ווב.

כ.

כַּתְרִיאֵל, מנ. די קרוין פון גאָט.

ל.

לֵאָה, פנ. (ביבליש). די פאַרצאָגטע. זעה ווב.

לֵוִי, מנ. (ביבליש). די באַהעפטונג. זעה ווב.

לֶמֶךְ, מנ. (ביבליש). זעה ווב.

לַפִּידוֹת, מנ. (ביבליש). פאַקלען.

מ.

מֵאִיר, מנ. (תלמודיש). ליכט, באַ־לייכטער.

מַחְלָה, פנ. (ביבליש). קראַנקהייט.

מִיכָאֵל, מנ. (ביבליש). ווער איז ווי גאָט? זעה ווב.

מִיכַל, פנ. (ביבליש). פאַרקירצט פון מִיכָאֵל (ווז.).

מֶלֶךְ, מנ. (ביבליש). זעה ווב.

מַלְכָּה, פנ. קעניגין. זעה ווב.

מַלְכִּיאֵל, מנ. (ביבליש). מיין קעניג איז גאָט.

מָנוֹחַ, מנ. (ביבליש). רוה.

מְנוּחָה, פנ. רוה.

מְנַחֵם, מנ. (ביבליש). אַ טרייסטער.

מְנַשֶּׁה, מנ. (ביבליש). וועלכער מאַכט פאַרגעסען. זעה ווב.

מָרְדְּכַי, מנ. (ביבליש). וואַהרשיינ־ליך פערזיש: אַ קליינער מענש. זעה ווב.

מִרְיָם, פנ. (ביבליש). אויפשטאַנד. זעה ווב.

משֶׁה, מנ. (ביבליש). אַרויסגעצוי־גען (פון וואַסער). זעה ווב.

מְשׁוּלָּם, מנ. (ביבליש). דער פריינד (פון גאָט).

מַתִּתְיָה, מַתִּתְיָהוּ, מנ. (ביבליש). אַ געשאַנק פון גאָט.

נ.

נוּן, מנ. (ביבליש). אַ פיש.

נֹחַ, מנ. (ביבליש). רוה. זעה ווב.

נָחוּם, מנ. (ביבליש). אַ טרייסט. זעה ווב.

נֶחָמָה, פנ. אַ טרייסט.

נְחֶמְיָה, מנ. (ביבליש). וואָס גאָט טרייסט איהם. זעה ווב.

נַחְמָן, מנ. (תלמודיש). אַ טרייסטער.

נִיסָן, מנ. (תלמודיש). דער מאָנאַט פון בלומען. זעה ווב.

נַעֲמָה, פנ. (ביבליש). די אַנגענעהמע.

נָעֳמִי, פנ. (ביבליש). מיין אַנגע־נעהמקייט.

נַפְתָּלִי, מנ. (ביבליש). מיין ראַנגלען זיך. זעה ווב.

נָתָן, מנ. (ביבליש). וועלכען גע־געבען (האָט גאָט).

נְתַנְאֵל, מנ. (ביבליש). וועלכען גאָט האָט געגעבען.

נְתַנְיָה, מנ. (ביבליש). זעה נְתַנְאֵל.

ס.

סַעֲדְיָה, מנ. (ביבליש). די שטיצע פון גאָט.

סְתִירָה, פנ. וואַהרשיינליך פון אֶסְתֵּר.

ע.

עוֹזֵר, זעה עֵזֶר.

עֵזֶר, מנ. (ביבליש). אַ הילף.

עֶזְרָא, מנ. (ביבליש). אַ הילף. זעה ווב.

עַזְרִיאֵל, מנ. (ביבליש). די הילף פון גאָט.

עִמָּנוּאֵל, מנ. (ביבליש). מיט אונז אין גאָט.

עַמְרָם, מנ. (ביבליש). אַ הויכעס פאָלק.

עֲקִיבָא, מנ. (ביבליש). אַ פוס־וויהל.

עֲתַלְיָה, פנ. (ביבליש). די שטראַף פון גאָט.

פ.

פִּינְחָס, מנ. (ביבליש). דער מויל פון קופער. זעה ווב.

פַּלְטִיאֵל, מנ. (ביבליש). דערלייזונג פון גאָט.

פִּנְחָס, זעה פִּינְחָס.

פֶּסַח [פֶּסַח], מנ. (ביבליש). איבער־היפונג. זעה ווב.

פֶּרֶץ, מנ. (ביבליש). אַרויסברוך.

צ.

צְבִי, מנ. אַ הירש.

צְבִיָּה, מנ. (ביבליש). אַ הירשען.

צָדוֹק, מנ. (ביבליש). דער גערעכ-
טער.

צִלָּה, פנ. (ביבליש). אַ שאָטען.

צֶלֶק, מנ. (ביבליש). אַ פעלז=
שפאַלט.

צֶמַח, מנ. אַ שפּראָצונג.

צְפַנְיָה, מנ. (ביבליש). וועלכען
גאָט באַשיצט. זעה ווב.

צִפּוֹרָה, פנ. (ביבליש). אַ פויגעל.

ק.

קְהָת, מנ. (ביבליש). אַ פערזאמלונג.

ר.

רְאוּבֵן, מנ. (ביבליש). זעהט אַ זוהן.
זעה ווב.

רְאָיָה, פנ. (ביבליש אלס מעננער=
נאָמען) וועלכען גאָט זעהט.

רִבְקָה, פנ. (ביבליש). צובינדונג.
זעה ווב.

רוּת, פנ. (ביבליש). אַ פריינדין.

רְחָמָה, פנ. (ביבליש). באַמיטלייד=
דענד.

רָחֵל, פנ. (ביבליש). אַ שאָף. זעה
ווב.

רְעוּאֵל, מנ. (ביבליש). דער פריינד
פון גאָט.

רְפָאֵל, מנ. (ביבליש). וועלכען גאָט
היילט. זעה ווב.

ש.

שָׁאוּל, מנ. (ביבליש). דער פאַר=
לאַנגטער. זעה ווב.

שְׁאַלְתִּיאֵל, מנ. (ביבליש). איך
האָב איהם אויסגעבעטען פון גאָט.

שֶׁבַח, מנ. לויב.

שַׁבְּתָאִי, שַׁבְּתִי, מנ. (ביבליש).
געבאָרען אום שבת.

שָׁחוֹר, מנ. דער שווארצער.

שָׁלוֹם, מנ. פריעדען.

שְׁלֹמֹה, מנ. (ביבליש). דער פריעד=
ליכער. זעה ווב.

שַׁלְתִּיאֵל, זעה שְׁאַלְתִּיאֵל.

שַׁמַּאי, (תלמודיש). פאַרקירצט פון
שְׁמַעְיָה.

שְׁמוּאֵל, מנ. (ביבליש). אין דעם
נאָמען פון גאָט. זעה ווב.

שִׂמְחָה, מנ. פרייד.

שִׁמְעוֹן, מנ. (ביבליש). די הערונג.
זעה ווב.

שְׁמַעְיָה, שְׁמַעְיָהוּ, מנ. (ביבליש).
וועלכען גאָט הערט.

שְׁמַרְיָה, שְׁמַרְיָהוּ, מנ. (ביבליש).
וועלכען גאָט היט אָפּ.

שִׁמְשׁוֹן, מנ. (ביבליש). זוננינ. זעה
ווב.

שִׁפְרָה, פנ. (ביבליש). שעהן.

שְׁרַנָא, מנ. ליכט.

שָׂרָה, פנ. (ביבליש). פירסטין, האַ=
רינטע. זעה זוב.

שְׁנֵיאוֹר, מנ. צוויי ליכט.

ת.

תָּמָר, פנ. (ביבליש). טייטעלבוים.

תַּנְחוּם, מנ. (ביבליש). א טרייסט.

תִּרְצָה, פנ. (ביבליש). די לוסט.

העבראישע פאמיליעננעמען .

א.

אֲבִיגְדוֹר, זעה פערז.

אַבְנֵר, זעה פערז.

אַדְמוּר, זעה ווב.

אַהֲרוֹן, זעה ווב.

אִישׁ־כִּישׁוֹר, דער מאַן פון שפיג=שטוהל (אין אַ געבאָרגטען זינן: דער מאַן פון רעכטפערטיגקייט).

אֵלִיָּהוּ, זעה פערז.

אֱלִיעֶזֶר, זעה פערז.

אֶלְיָשִׁיב, זעה פערז.

אֶלְקָנָה, זעה פערז.

אֶפְרַיִם, זעה פערז.

אֶפְרָתִי, איינער וועלכער קוממט פון שטאַם אפרים.

אַשְׁכְּנַזִּי, אַ דייטשער.

אָשֵׁר, זעה פערז.

אָסְנַת, זעה פערז.

ב.

בָּחוּר, זעה ווב.

בֶּן־דָּוִד, דער זוהן פון דוד.

בֶּן־זְאֵב, דער זוהן פון זאב (פער=זאָנעננאָמען).

בֶּן־יְהוּדָה, דער זוהן פון יהודה.

בֶּן־יַעֲקב, דער זוהן פון יעקב.

בֶּן־יַקִּיר, זעה ווב.

בֶּן־צִיּוֹן, זעה פערז.

בִּנְיָמִין, זעה פערז.

בָּרוּךְ, זעה פערז.

בַּרְזִלַּי, פון אייזען (ביבלישער פערזאָנעננאָמען).

בְּרִי״ל, אב. בֶּן (דער זוהן פון) רַבִּי יְהוּדָה לֵיב.

בְּרָכוֹת, בענשונגען.

בְּרַ״ן, אב. בֶּן (דער זוהן פון) רַבִּי נַחְמָן.

בְּרָ״ק, אב. בֶּן (דער זוהן פון) רַבִּי קאָפּפעל.

בַּרְקוֹס, מאַלער (ביבלישער פערזאָ=נעננאָמען).

בְּרַ״שׁ, אב. בֶּן (דער זוהן פון) רַבִּי שִׁמְעוֹן.

ג.

גַבָּאי, זעה ווב.

גַבְרִיאֵל, זעה פערז.

גְדַלְיָה, זעה פערז.

גִדְעוֹן, דער בוימען־העקער (ביבלי־שער פערזאָנענאָמען).

גור־אַרְיה, אַ יונגער ליב.

גַמְזוֹ, אַ צונאָמען פון אַ באַוואוס־טען תנא וועלכער האָט אויף אַלץ געזאָגט גַם־זוּ־לְטוֹבָ. (ווז.).

גֵרְשׁוֹן, זעה פערז.

גֵרְשׁוּנִי, איינער וועלכער קומט פון גרשון׳ס פאַמיליע.

גֶ״ץ, אב. גֵר צֶדֶק. (ווז.).

ד.

דָוִד, זעה פערז.

דוּכָּס, זעה ווב.

דַיָן, זעה ווב.

דָנִיאֵל, זעה פערז.

ה.

הִלֵל, זעה פערז.

ז.

זְאֵב, זעה פערז.

זוּטְרָא, קליינער (תלמודישער פער־זאָנענאָמען).

זְכַרְיָה, זעה פערז.

ז״ק, אב. זֶרַע קוֹדֶשׁ. הייליגע אָפּ־שטאַמונג.

זַרְחִי, וועלכער קומט פון שטאַם זֶרַח. זעה פערז.

ח.

חַדֶקֶל, אַ געוויסער טייך דערמאָנט אין דער ביבעל.

חָדָשׁ, ניי, נייער.

חַיָּט, זעה ווב.

חַיִּ׳ם, זעה ווב.

חַלָף, זעה ווב.

חַלְפָן, זעה ווב.

חֵן־טוֹב, אנגענעהמער רייץ.

חֵפֶץ, זעה ווב.

חֶרְמוֹן, דער נאָמען פון אַ באַוואוס־טען בארג אין פאַלעסטינאַ.

חֶרְמוֹנִי, איינער וועלכער וואָהנט אויפ׳ן בארג חרמון (ווז.).

חָרִיף, זעה ווב.

ט.

טוֹבִיָה, זעה פערז.

י.

יעב״ץ, אב. יַעֲקֹב עֶמְדִין בֶּן צְבִי, אַ געוויסער גרויסער געלעהרטער.

יִגְדַל, דער ערשטער וואָרט און דער נאָמען פון אַ געוויסער תפלה.

יְהוּדָה, זעה פערז.

יַהֲלוֹם, אַ געװיסער עדעלשטיין (װאַהרשיינליך: אָניקס).

יוֹאֵל, זעה פערז.

יוּד, זעה װב.

יוֹם־טוֹב, זעה װב.

יוֹנָה, זעה פערז.

יוֹסֵף, זעה פערז.

יָפֶה, שעהן.

יַעֲקֹב, זעה פערז.

יִצְחָק, זעה פערז.

יַרְמוּת, דער נאָמען פון אַ שטאָדט אין פאַלעסטינאַ.

יָשְׁפֵה, אַ שטיין פון חשן (װז.).

יִשְׂרָאֵל, זעה פערז.

יִשְׂרְאֵלִי, אַ איד.

כ.

כֹּהֵן, זעה װב.

כֹּהֵן־צֶדֶק, זעה װב.

כְּלִי־זֶמֶר, זעה װב.

כַּסְפָּא, זילבער.

כ״ץ, אב. כֹּהֵן צֶדֶק (װז.).

כַּרְפַּס, זעה װב.

כַּתְבָן, זעה װב.

כַּתְרִיאֵל, זעה פערז.

ל.

לֵוִי, זעה פערז.

לַפִּידוֹת, זעה פערז.

מ.

מֵאִיר, זעה פערז.

מַגִּיד, זעה װב.

מַהַרַ״ם, אב. מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי מֵאִיר, אַ באַװאוסטער געלעהרטער.

מַהַרְשַׁ״ק, אב. מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי שְׁלֹמֹה קְלוּגֶער, אַ באַװאוסטער געלעהרטער.

מַזָּל, זעה װב.

מַזָּל־טוֹב, זעה װב.

מִזְרָח, זעה װב.

מַחְלֵי, זעה פערזאָנענאָמען: מַחְלָה.

מִכְתָּם, אַ געזאַנג, אַ פסאַלם.

מַלְבִּי״ם, אב. מֵאִיר לֵיב בֶּן יְחִיאֵל מִיכַל. אַ באַװאוסטער געלעהרטער.

מֵלִיץ, זעה װב.

מֶלֶךְ, זעה װב.

מַלְכִּי־צֶדֶק, אַ גערעכטער קעניג (ביבלישער פערזאָנענאָמען).

מַלְכִּיאֵל, זעה פערז.

מְלַמֵּד, זעה װב.

מְנַשֶּׁה, זעה פערז.

מ״ץ, זעה װב.

מַרְגָּלִיּוֹת, פערל.

מָרְדְּכַי, זעה פערז.

משֶׁה, זעה פערז.

מְשׁוּלָּם, זעה פערז.

מַשְׂכִּיל־לְאֵיתָן, א געדיכט פון איתן, דער אנהויב פון א געוויסען קא־פיטעל תהלים.

נ.

נָחוּם, זעה פערז.

נְחֶמְיָה, זעה פערז.

נַפְתָּלִי, זעה פערז.

נִסִּים, זעה ווב. נֵס.

נָתָן, זעה פערז.

ס.

סֶגַ"ל, אב. סְגַן־לְוִיָּה, דער עלט־סטער פון די לוויים.

סוֹפֵר, זעה ווב.

סֶלָה, אויביג. זעה ווב. אָמֵן־סֶלָה.

סִינַי, זעה ווב.

סַפִּיר, סאפפיר (עדעלשטיין).

סַפְרָא, א שרייבער.

ע.

עִמָּנוּאֵל, זעה פערז.

עַמְרָם, זעת פערז.

עֶפְרוֹן, "גלייך צו א הינדען" (ביב־לישער פערזאָנעננאָמען).

פ.

פַּלְטִי, "גערעטעט" (ביבלישער פער־זאָנעננאָמען).

פַּלְטִיאֵל, זעה פערז.

פְּנִיאֵל, "דאָס געזיכט פון גאָט" (ביבלישער פערזאָנעננאָמען).

פִּנְקָס, זעה ווב.

פַּרְנֵס, זעה ווב.

פֶּרֶץ, זעה פערז.

פְּרָת, דער נאָמען פון א טייך דער־מאָנט אין דער ביבעל.

צ.

צַדִּיק, זעה ווב.

צִיּוֹן, זעה ווב.

צִפּוֹרָה, זעה ווב.

צִיּוֹנִי, זעה ווב.

ק.

קַדִּישׁ, זעה ווב.

קַצָּב, זעה ווב.

ר.

רְאוּבֵן, זעה פערז.

רַב, זעה ווב.

רַבִּי, זעה ווב.

רַבַּ"ן, אב. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן נָתָן, א באַוואוסטער געלעהרטער.

רַדַ"ק, אב. רַבִּי דָוִד קִמְחִי, אַ גע-
וויסער גרויסער געלעהרטער און
בעל דקדוק.

רַחֲמִיאֵל, זעה פערזאָנענעמען:
יְרַחְמִיאֵל.

רַמְבַּ"ם, זעה ווב.

רְפָאֵל, זעה פערז.

רַשְׁבַּ"ם, אב. רַבִּי שְׁלֹמֹה בֶּן מֵאִיר,
אַ באַוואוסטער געלעהרטער.

ש.

שַׁבָּת, זעה ווב.

שֹׁהַם, "דיאַמאַנט".

שו"ב, זעה ווב.

שׁוֹחֵט, זעה ווב.

שׁוֹר, זעה ווב.

שָׁלוֹם, זעה ווב.

שַׁלִּיט, דער הערשער, דער געוועל-
טיגער.

שַׁלִּיטָא, זעה ווב.

שְׁלֹמֹה, זעה פערז.

שְׁמוּאֵל, זעה פערז.

שִׁמְעוֹן, זעה פערז.

שַׁמָּשׁ, זעה ווב.

שֵׁ"ן, אב. שְׁלִיחַ נֶאֱמָן אַ באַגלויב-
טער שליח.

שָׂרָה, זעה פערז.

שָׂשׂוֹן, פרייד.

ת.

תָּמָר, זעה פערז.

תַּכְשִׁיט, זעת ווב.

תַּרְשִׁישׁ, אַ שטיין פון השן (ווז.).

תִּשְׁעָה־בְּאָב, זעה ווב.

העברעאישע נעמען

פון וואהלטהעטיגע פעראיינען, חברות, שוהלען, בית־עולם׳ם א. א. וו.

א.

אֶבֶן־הָעֶזֶר, דער שטיין פון הילף.

אֲגוּדַת־, פערבאנד פון —.

אֲגוּדַת־אַהֲרֹן, פערבאנד פון אהרן.

— אַחִים, פערבאנד פון ברידער.

— אֱלֹהִים, געטליכער פערבאנד.

— יִשְׂרָאֵל, פערבאנד פון אידען.

— שָׁלוֹם, פערבאנד פון פרידען.

אַהֲבַת־, די ליעבע פון —, די ליעבע צו —.

אַהֲבַת־אַבְרָהָם, די ליעבע פון אברהם (צו גאָט).

— אַחִים, ברודער־ליעבע.

— גֵּרִים, ליעבע צו פרעמדע.

— חֶסֶד, ליעבע צו וואָהלטהאָט.

— יוֹסֵף, די ליעבע פון יוסף.

— יְשׁוּרוּן, די ליעבע פון אידען (צו גאָט).

— יִשְׂרָאֵל, די ליעבע פון אידען.

— צֶדֶק, ליעבע צו גערעכטיגקייט.

— צִיּוֹן, ליעבע צו ציון.

אַהֲבַת־שָׁלוֹם, ליעבע צו פרידען.

— תּוֹרָה, ליעבע צו דער תורה.

אוֹהֲבֵי־, די ליעבהאבער פון —.

אוֹהֲבֵי־אֱמוּנָה, די ליעבהאבער פון גלויבען.

— צֶדֶק, די ליעבהאבער פון גע־רעכטיגקייט.

— שָׁלוֹם, די ליעבהאבער פון פרידען.

אוֹהֶל־, דאָס געצעלט פון —.

אוֹהֶל־יַעֲקֹב, דאָס געצעלט פון יעקב.

— יִצְחָק, דאָס געצעלט פון יצחק.

אוֹר־חָדָשׁ, א נייעס ליכט.

אוֹרַח־חַיִּים, דער וועג פון לעבען.

אוֹר־צִיּוֹן, דאָס ליכט פון ציון.

אַחְדוּת־וְשָׁלוֹם, אייניגקייט און פרידען.

אֲחֻזַּת־עוֹלָם, אויביגעס אייגענטהום.

אֲחֵי־, די ברידער פון —.

אַחִים־אֲהוּבִים, געליעבטע ברידער.

— רַחֲמָנִים, בארמהערציגע ברי־דער.

אַחֵינוּ־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל, אונזערע אידישע ברידער.

אֱמוּנַת־יִשְׂרָאֵל, דער גלויבען פון אידען.

אַנְשֵׁי־, די מענער פון —, די מיט־גליעדער פון —.

אַנְשֵׁי־אֱמוּנִים, מענער פון טריייהייט.

— אֱמֶת, מענער פון וואַרהייט.

— דָרוֹם, מענער פון זיד.

— הַשָּׁרוֹן, מענער פון שרון.

— זְקֵנִים, מענער פון די עלטסטע.

— חֶסֶד, מענער פון וואָהלטהאַט.

— יוֹשֶׁר, מענער פון עהרליכקייט.

— פּוֹעֲלֵי־צֶדֶק, מענער מהוערם פון גערעכטיגקייט.

— צָפוֹן, מענער פון נאָרד.

— שָׁלוֹם, מענער פון פרידען.

ב.

בְּאֵר־חַיִּים, ברונען פון לעבען.

בְּדֶרֶךְ־כָּבוֹד, אויפ'ן אַנשטענדיגען וועג.

בּוֹנֵי־צִיּוֹן, די אויפבויערס פון ציון.

בֵּית־, דאָס הויז פון.

בֵּית־אַבְרָהָם, דאָס הויז פון אַברהם.

— אַהֲבָה, דאָס הויז פון ליעבע (צו גאָט).

— אוֹר, דאָס הויז פון ליכט.

— אֵל, דאָס הויז פון גאָט.

בֵּית־אֵל־אֱמֶת, דאָס הויז פון דעם וואַהרען גאָט.

— אֵל־יַעֲקֹב, דאָס הויז פון יעקב'ס גאָט.

— אֱלֹהִים, דאָס הויז פון גאָט.

— אֱמֶת, דאָס הויז פון וואַהר־הייט.

בֵּית־הַגָּדוֹל, דאָס גרויסע הויז.

בֵּית־הַכְּנֶסֶת, דאָס הויז פון פערזאַמ־לונג.

— הַשָּׁלוֹם, דאָס הויז פון פרידען.

— יִשְׂרָאֵל, דאָס הויז פון אידען.

— לֶחֶם־יְהוּדָה, נאָמען פון אַ גע־וויסען פלאַטץ דערמאָנט אין דער ביבעל.

— צִיּוֹן, דאָס הויז פון ציון.

— שָׁלוֹם, דאָס הויז פון פרידען.

— תְּפִלָּה, דאָס הויז פון געבעט.

בְּנוֹת־, די טעכטער פון —, די מיטגליעדער פון —.

בְּנוֹת־יְרוּשָׁלַיִם, די טעכטער פון ירושלים.

— יִשְׂרָאֵל, אידישע טעכטער.

בְּנֵי־, קינדער פון —, די מיטגליע־דער פון —, די נאַכפאָלגער פון —.

בְּנֵי־אַבְרָהָם, די קינדער פון אברהם.

— אַהֲרֹן, די קינדער פון אהרן.

— אֵל, קינדער פון גאָט.

בְּנֵי־אֱמֶת, קינדער פון ווארהייט.
— אֱמוּנָה, קינדער פון גלויבען.
— אַנְשֵׁי־, מענער פון —.
— אֲרִי, נאָכפאָלגער פון אר"י.
— בִּנְיָמִין, קינדער פון בנימין.
— בְּרִית, קינדער פון בונד (מיט גאָט).
— דָוִד, קינדער פון דוד.
— חַיִים, קינדער פון לעבען.
— יְהוֹאָש, קינדער פון יהואש.
— יְהוּדָה, קינדער פון יהודה.
— יְהוֹשוּעַ, קינדער פון יהושוע.
— יוֹסֵף, קינדער פון יוסף.
— יְחֶזְקֵאל, קינדער פון יחזקאל.
— יַעֲקֹב, קינדער פון יעקב.
— יִצְחָק, קינדער פון יצחק.
— יַקִיר *, טהייערע קינדער.
— יְשׁוּרוּן, אידישע קינדער.
— יִשְׂרָאֵל, אידישע קינדער.
— לֵוִי, קינדער פון לוי.
— מְנַשֶּׁה, קינדער פון מנשה.
— מֹשֶׁה, קינדער פון משה.
— פִּינְחָס, קינדער פון פינחס.
— רִינָה, קינדער פון געזאנג.
— שָׁלוֹם, קינדער פון פריידען.
— שְׁלֹמֹה, קינדער פון שלמה.

בִּנְיַן־בָּתִּים, אויפבויאונג פון הייזער (פאַר אָרעמע).
בְּרִית־, דער בונד פון —.
בְּרִית־אַבְרָהָם, דער בונד (מיט גאָט) פון אברהם.
— יִשְׂרָאֵל, דער בונד פון אידען (מיט גאָט).
— שָׁלוֹם, דער בונד פון פריידען.
בַּת־יַעֲקֹב, די טאָכטער פון יעקב.

ג.

גִּבְעוֹת־עוֹלָם, די אויביגע בערג.
גּוֹמֵל־חֶסֶד, דער טהוער פון וואָהל־טהאַט.
גּוֹמְלֵי־חֶסֶד, די טהוערס פון וואָהל־טהאַט.

ד.

דֶגֶל־יִשְׂרָאֵל, די פאָהן פון אידען.
דּוֹרֵשׁ־טוֹב, דער זוכער פון גוטס.
דֶרֶךְ־אֱמוּנָה, דער וועג פון גלויבען

ה.

הוֹלְכֵי־יֹשֶׁר, די וואָס געהען גלייך (אויפ'ן גלייכען וועג).
הֵיכַל־חַיִים, דער טעמפעל פון לעבען
הַר־, דער באַרג —.
הַר־הַזֵיתִים, דער באַרג פון די אייל־בערט־בוימען (א געווי־סער באַרג (דערמאָנט אין ביבעל).
— מוֹרִיָה, דער באַרג מוריה (דער־מאָנט אין ביבעל).

הַר־נְבוֹ, דער בּאַרג נבו (דערמאָנט אין דער ביבעל).

— סִינַי, דער בּאַרג סיני. זעה ווב.

ז.

זִכְרוֹן־, דער אנדענק פון —.

זִכְרוֹן־אֶפְרַיִם, דער אנדענק פון אפרים.

— יַעֲקֹב, דער אנדענק פון יעקב.

— תּוֹרַת־מֹשֶׁה, דער אנדענק פון משה'ס לעהרע.

זֶרַע־, די קינדער פון —.

זֶרַע־אַבְרָהָם, די קינדער פון אברהם.

ח.

חִזּוּק־אֱמוּנָה, די בּאַפעסטיגונג פון גלויבען.

חִזְקִי־אֱמוּנָה, די פעסטע אין גלויבען.

חַיֵּי־אָדָם, דאָס לעבען פון מענשען. זעה ווב.

י.

יַד־חֲרוּצִים, די הענד פון די פלייסיגע.

יְדִידוּת־אַנְשֵׁי־, די ליעבע פון די מענער פון —.

יְשׁוּעַת־יַעֲקֹב, די הילף פון יעקב.

— יִשְׂרָאֵל, די הילף פון ישראל.

כ.

כּוֹכַב־יַעֲקֹב, דער שטערען פון יעקב.

כָּל־יִשְׂרָאֵל־אַחִים, אלע אידען זיינען ברידער.

כְּנֶסֶת־יִשְׂרָאֵל, די אידישע געמיינדע, די אידישע פאָלק.

כֶּרֶם־יִשְׂרָאֵל, דער וויינגאָרטען פון אידען.

כֶּתֶר־תּוֹרָה, די קרוין פון דער תורה.

ל.

לֶחֶם־מִשְׁנֶה, דאָפּעלע ברויט. זעה ווב.

לִינַת־הַלַּיְלָה, נאַכטלעגער.

— הַצֶּדֶק, נאַכטלעגער פון גערעכטיגקייט.

לֶכֶת־יָשָׁר, דאָס געהן גלייך (אויס'ן גלייכען וועג).

מ.

מָגֵן־, די בּאַשיצונג פון —.

מָגֵן־אַבְרָהָם, די בּאַשיצונג פון אברהם.

— דָּוִד, די בּאַשיצונג אָדער דער שילד פון דוד. זעה ווב.

— יַעֲקֹב, די בּאַשיצונג פון יעקב.

מַחֲזִיקֵי־, די בּאַפעסטיגערס פון —, די אויפהאַלטערס פון —, די שטיצערס פון —.

מַחֲזִיקֵי־הַדָּת, די שטיצערס פון גלויבען.

— הָרַב. די שטיצערס אָדער אנהענגער פון (א געוויסען) רב.

מַחֲנֵה־רְאוּבֵן, דער לאגער פון ראובן.

מַכְפֵּלָה, זעה ווב. מְעָרַת־הַמַּכְפֵּלָה.

מַלְבִּישׁ־עֲרוּמִים, די באקליידער פון נאקעטע.

מְנוֹרָה, זעה ווב.

מְסִלַּת־יְשָׁרִים, דער וועג פון די גערעכטע.

מִצְפֶּה, "אויסקוק", א נאָמען פון א'ן אָרט דערמאָנט אין דער ביבעל.

מִקְוֵה־יִשְׂרָאֵל, די האָפנונג פון אידען.

מִקְרָא־קֹדֶשׁ, הייליגע פארזאמלונג.

מַשְׂכִּיל־אֶל־דָּל, דער וואָס קוקט זיך צו צו דעם אָרעמאַן.

מִשְׁכַּן־, די וואָהנונג פון —.

מִשְׁכַּן־יִשְׂרָאֵל, די וואָהנונג פון אידען.

— שְׁלֹמֹה, די וואָהנונג פון שלמה.

— תְּפִלָּה, דער פלאַטץ פון געבעט.

נ.

נְוֵה־צֶדֶק, וואָהנונג פון גערעכטיגקייט.

נַחַל־יִצְחָק, דער טייך פון יצחק.

נַחֲלַת־, דאָס ערבשאַפט פון —.

נַחֲלַת־יִשְׂרָאֵל, דאָס ערבשאַפט פון אידען.

— צְבִי, א שעהנע ערבשאַפט (דאָס וואָרט "צבי" איז אויך א אידישער אייגענגאָמען).

נְפוּצוֹת־יְהוּדָה, די פארטריבענע פון דעם אידישען פאָלק.

נֵר־תָּמִיד, זעה ווב.

ס.

סִינַי, זעה ווב.

ע.

עֲדַת־, די געמיינדע פון —.

עֲדַת־אֱמוּנָה, די געמיינדע פון גלויבען.

— יוֹסֵף, די געמיינדע פון יוסף.

— יַעֲקֹב, די געמיינדע פון יעקב.

— יִשְׂרָאֵל, די אידישע געמיינדע.

— יְשׁוּרוּן, די אידישע געמיינדע.

— צִיּוֹן, די געמיינדע פון ציון.

— קוֹדֶשׁ, די הייליגע געמיינדע.

עוֹזֵר־דַּלִּים, דער העלפער פון די אָרעמע.

עֶזְרַת־נָשִׁים, זעה ווב.

עֲטֶרֶת־, די קרוין פון —.

עֲטֶרֶת־חַיִּים, די קרוין פון לעבען.

— יִשְׂרָאֵל, די קרוין פון אידען.

— צְבִי, די פרעכטיגע קרוין (דאָס וואָרט "צבי" איז אויך א אידישער אייגענגאָמען)

עֲטֶרֶת־שָׁלוֹם, די קרוין פון פרידען.

— תִּפְאֶרֶת, די פרעכטיגע קרוין.

עוֹשֵׂי־חֶסֶד־וֶאֱמֶת, די טהוער פון וואָהלטהאַט און עהרליכקייט.

עֶזְרַת־יִשְׂרָאֵל, די הילף פון אידען.

עֵין־יַעֲקֹב, דער קוואל פון יעקב. זעה ווב.

עַם־אֶחָד, דאָס איינציגע פאָלק.

עִמָּנוּאֵל, מיט אונז איז גאָט.

עֵץ־חַיִּים, דער בוים פון לעבען.

פ.

פּוֹעֲלֵי־צֶדֶק, די טהוערס פון גערעכ־טיגקייט.

פְּנִיאֵל, "דאָס געזיכט פון גאָט", דער נאָמען פון א געוויסען אָרט דערמאָנט אין ביבעל.

פִּתְחֵי־תְשׁוּבָה, די טהירען פון באַ־רייאונג.

צ.

צֶדֶק־וֶאֱמֶת, גערעכטיגקייט און וואַרהייט.

צֶמַח־צֶדֶק, די שפּראָצונג פון גע־רעכטיגקייט.

ק.

קְבוּצַת־אַחִים, די פאַרזאַמלונג פון ברידער.

קְדִימָה, פאָרווערטס.

קְהַל־קוֹדֶשׁ, הייליגע געמיינדע.

קְהִלַּת־, די געמיינדע פון —.

קְהִלַּת־יַעֲקֹב, די געמיינדע פון יעקב.

— יִשְׂרָאֵל, אידישע געמיינדע.

קֶשֶׁר־, דער בונד פון —.

קֶשֶׁר־אַהֲבָה, בונד פון ליעבע.

— יִשְׂרָאֵל, בונד פון אידען.

— שֶׁל־בַּרְזֶל, בונד פון אייזען.

ר.

רִאשׁוֹן־לְצִיּוֹן, דער ערשטער פאַר ציון.

רוֹדֵף־שָׁלוֹם, דער נאָכיאָגער פון פרידען.

רוֹדְפֵי־צֶדֶק, די נאָכיאָגערס פון גע־רעכטיגקייט.

רוֹפֵא־חוֹלִים, דער היילער פון קראַנקע.

רֵעִים־אֲהוּבִים געליעבטע קאַמעראַ־דען.

ש.

שְׁאֵרִית־, דער רעשט פון —.

שְׁאֵרִית־יַעֲקֹב, דער רעשט פון יעקב.

— יִשְׂרָאֵל, דער רעשט פון אידען.

— בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל, דער רעשט פון די אידישע קינדער.

שֶׁבֶת־אַחִים, די צוזאמענזיצונג פון ברידער.

שְׂדֵה־לָבָן, "דאָס ווייסע פעלד" (א נאָמען פון א ביבלישען פלאַטץ, אזוי רופט מען אויך די

רוסישע שטאָדט "ביעלאָ=צערקאָוו"
און די מיטגליעדער פון דער גע=
מיינדע אָדער פעראיין זיינען
וואַהרשיינליך פון ביעלאָ=צערקאָוו.

שׁוֹמֵר־, דער אָפּהיטער פון —.

שׁוֹמֵר־אֱמוּנָה, דער אָפּהיטער פון גלויבען.

— אֱמוּנִים, דער אָפּהיטער פון טרייהייט (גלויבען).

שׁוֹמְרֵי־הַדָּת, די היטערס פון גלוי=בען.

— מִשְׁמֶרֶת־הַקוֹדֶשׁ, די וואָס האַל=טען די הייליגע וואַכע.

— שַׁבָּת, די אָפּהיטערס פון שבת.

שֵׁם־טוֹב, זעה ווב.

שִׂמְחַת־יִשְׂרָאֵל, די פרייד פון אידען.

שַׁעֲרֵי־. די טויערען פון —.

שַׁעֲרֵי־אֱמֶת, די טויערען פון וואָר=הייט.

— בִּינָה, די טויערען פון פאַר=שטאַנד.

— בְּרָכָה, די טויערען פון זעגען.

— טוֹב, די טויערען פון גוטס.

שַׁעֲרֵי־צֶדֶק, די טויערען פון גע=רעכטיגקייט.

— רְפוּאָה, די טויערען פון היילונג.

— שָׁלוֹם, די טויערען פון פרידען.

— שָׁמַיִם, די טויערען פון הימעל.

— תְּהִלִּים, די טויערען פון תהלים.

— תּוֹרָה, די טויערען פון דער הייליגער לעהרע.

— תְּפִלָּה, די טויערען פון געבעט.

ת.

תּוֹמְכֵי־שַׁבָּת, די אויפהאַלטערס פון שבת.

תּוֹרַת־מֹשֶׁה, די לעהרע פון משה.

תַּלְמוּד־יְלָדִים, דער אונטערריכט פון קליינע קינדער.

תִּפְאֶרֶת־, די צירונג פון —, דער שטאָלץ פון —.

תִּפְאֶרֶת־אַחִים, די צירונג פון ברי=דער.

— יוֹסֵף, די צירונג פון יוסף.

— יְרוּשָׁלַיִם, די צירונג פון ירושלים.

— יִשְׂרָאֵל, די צירונג פון אידען.

— צִיּוֹן, די צירונג פון ציון.

באמערקטע דרוקפעהלערן.

זייט	עמוד	שורה	אַנשטאָט	דאַרף שטעהן
14	1	26	חם. מ.	מ.
16	1	3	הוו.	הם.
„	2	13	הם. מ.	מ.
17	2	2	אם.	הם.
28	1	20	הוו.	הם.
31	1	7	פינפטען	פיערטען
33	1	11	צעהן	צוועלף
42	2	32	או.	א.
43	2	4	מִילוֹת	מִילָה׳ם
45	2	28	(תלמודיש)	(ביבליש)
57	2	9	דוכן׳נען	דוכנ׳ען
58	2	27	הוו.	הם.
63	1	1	חוו.	הם.
73	2	17	אם.	הם.
74	1	37	און ער (יתרו) האָט זיך געפרעהט	„און ער (יתרו) האָט זיך געפרעהט"
79	2	33	הם.	הוו.
85	2	37	הם.	הוו.
86	2	31	הוו.	חם.
87	1	1	א.	הם.
92	1	29	תם.	צ.
93	1	5	דם.	הז.
95	1	1	חֶפְ׳צוֹת	חֶפְ׳צוֹת *
97	2	12	הז.	הם.

זייט	עמוד	שורה	אָנשטאָט	דאַרף שטעהן
112	1	26	הוו.	הם.
113	1	25	גאָרטענפּרוכטען	גאָרטענפרוכטען
116	1	18	פאָדערונג	פאָדערונגען
121	1	3	צא.	צל.
122	1	32	או.	א.
125	2	28	צש.	צא.
126	1	3	הם.	א.
138	2	18	ז.	הם.
143	2	22	הם.	א.
144	1	14	מְהַנֶה	מְהַנֶה־זיין
145	1	24	או.	א.
150	1	9	בְּרָכוֹת	בְּרָכָה'ס
151	2	13	סְחוֹר	סְחָיִר
154	2	8	צווייפלען	פערצווייפלען.
156	2	6	הוו.	הם.
157	2	6	הא.	הם.
158	2	28	דאָס ביבלישע	דעם ביבלישען
159	1	13	מְלַוֵי	מְלַוִים
160	2	7	פאַרלעצטע ווילבען	ווילבען פאַר דעם לעצטער
161	2	2	צוו.	צא.
„	„	19	אש.	א.
164	1	24	(תלמודיש)	(ביבליש)
171	1	30	צא.	צש.
174	1	2	זיך האַלטען	מרחיק־זיין, זיך האַלטען
183	2	8	הכ.	הם.
186	2	21	או.	א.
187	1	7	אש.	א.
188	1	5	געשטאָרבען	געשטאָרבענעם
„	„	20	נְעִימוֹת	נְעִימוֹת

זייט	עמיד	שורה	אָנשטאָט	דאַרף שטעהן
189	2	10	או.	א.
190	2	27	הונ.	הוו.
193	1	13	וועלכער	וועלכע
229	2	15	סווינִיאַק	מעהר סווינִיאַק
230	1	3	אבות	ישראל
239	1	13	או.	א.
240	2	7	הם. מ.	מ.
244	2	8	הם.	מ.
245	2	3	א.	או.
261	1	32	[שַׁמָּשׁ]	[שַׁ׳מָּם]
״	״	33	[שַׁמָּשִׁים]	[שַׁמָּ׳סִים]
״	2	13	[שַׁמָּשׁ]	[שַׁ׳מָּם]
״	״	15	[שַׁמָּשׁוֹת] הוי.	[שַׁמָּ׳סוֹת] הוו.
273	1	33	א.	או.
283		17	(ביבליש)	(תלמודיש)
288		5	(תלמודיש)	(ביבליש)
294		17	(ביבליש)	(תלמודיש)
305		3	(תלמודיש)	(ביבליש)

פרעמד־ווערטער. אלע שפראכען, וועלכע זיינען מעהר אדער ווייניגער ענטוויקעלט, האבען א צד השוה שבהם, אז ווי רייך זיי זאָלען ניט זיין אין ווערטער, קענען זיי ניט אויסקומען אָהן דעם, אז זיי זאָלען ניט לייהען ווערטער איינע פון דער צווייטער. שוין אין די ערשטע יאָהרען פון דער עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק, אין די צייטען ווען די אידען האבען געוואוינט אין מצרים, האָט העברעאיש זיך ניט באגנוגענט מיט איהר אייגענעם אוצר פון ווערטער און האָט געליהען ווערטער פון די עגיפּטער. ווען די אידען האָבען באדארפט געבען א נאָמען צו א נייעם געגענשטאנד אָדער אויסדריקען א בעגריף, פאר וועלכען זיי האָבען ניט געהאט א פאסינג וואָרט, האבען זיי אָנגענומען די ווערטער, וועלכע זיינען געווען אין געברויך ביי די פעלקער, צווישען וועלכע זיי האבען געלעבט. מיר געפינען אין חומש פיעלע עגיפּטישע ווערטער, און אין די אַנדערע ביכער פון די ביבעל פיעלע פערזישע, אראמישע און אַנדערע ווערטער געליהען פון אנדערע פעלקער, מיט וועלכע די אידען זיינען געקומען אין מיליטערישע אדער קאָמערציעלע באַריהרונגען. שפּעטער אין די גלות־צייטען, ווען די אידען זיינען פארטריבען געוואָרען אין בבל, האבען זיי אַלץ מעהר און מעהר ווערטער אריינגענומען פון זייערע שכנים די כאַלדעער. דאס בוך דניאל איז כמעט אין גאנצען געשריבען אין דער אראמישער שפּראך. ביסלעכווייז איז זייער לשון געוואָרען א געמיש פון העברעאיש און כאַלדעאיש, מיט מעהר כאַלדעאיש ווי העברעאיש, צו וועלכען עס זיינען שפּעטער צוגעקומען א מאסע גריכישע, לאַטיינישע און אַנדערע פרעמדע ווערטער.

בבל־שפראך פון דער צווייטער עפּאָכע איז אונז איבערגעבליעבען א מאָנומענטאַלעס ווערק געשריעבען אין דער בבל־שפראך — דער תלמוד און די מדרשים. נאָך שפּעטער, ווען די אידען זיינען צוזייהט און צושפּרייט געוואָרען איבער דער גאנצער וועלט, האט די תלמודישע שפּראך, וועלכע איז געווען אי אין אינהאַלט פון ווערטער און טהיילווייז אויך אין דער פאָרם, העברעאיש, ביסלעכווייז אויפגעהערט צו זיין דער אַלטעגליכער לשון פון דעם אידישען פאָלק. דער פאַרקעהר מיט די וואוינער פון דעם לאַנד, אין וועלכען דער שיקזאַל האט זיי פערוואָרפען, האט זיי געצוואונגען אָנצונעהמען די שפּראך פון זייער אומגעגענד. און דאָך איז העברעאיש

פאָרוואָרט

אלע אידען רעדען לשון קודש, מעהר אָדער וועניגער.

אלם גרונדשטיין פון אונזער אידיש־העברעאישען ווערטער־בוך שטעלען מיר די פאָלגענדע אַלגעמיינע בעהויפּטונג: אלע אידען פון דער גאַנצער וועלט, פון גלות בבל ביז היינטיגען טאָג, וואס פאַר אַ שפּראַך זיי האבען ניט בענוצט, האבען אימער געברויכט אין זייער טעגליכען פערקעהר צווישען זיך, מעהר אָדער וועניגער העברעאישע ווערטער. אין דער רייכער אידי־שער ליטעראטור פון די פערשיעדענע פעריאָדען, ווען די אידען האבען געוואוינט אין גרויסע צאָהלען אין כאַלדעא, פּערזיען, גריע־כענלאַנד, איטאַליען און שפּאַניען, און האבען געשריעבען זייערע ווערק אויף דער שפּראַך פון יענע לענדער, געפינען מיר, אַז די פערפאַסער האבען זיך בענוצט פריי און אונבעשרענקט מיט פיעלע העברעאישע ווערטער. אפילו איצט, אין די לענדער, וואו די אידען רעדען אויף דער שפּראַך פון דער לאַנד, אַזוי ווי למשל אין פראַנק־רייך, דייטשלאַנד אדער ענגלאַנד, ווען איין איד רעדט מיט דעם צווייטען, געברויכט ער די ווערטער: גנב, מצוה, צדקה, יום־טוב, משוגע, חופּה, חכם, חזן, תורה, א. ז. וו. אַזוי גוט ווי דער רוסישער, גאַליציאַנישער אדער רומענישער איד. אום צו ערקלערען אַזאַ ער־שיינונג, וועלען מיר געבען אַ קורצען איבערבליק איבער די גע־שיכטליכע ענטוויקלונג פון דעם געברויך פון העבּראיש אלס די פונדאַמענטאַלע שפּראַך פון אידען.

די עוואָלוצ־יאָן פון העבּ־ראַאיש.

די אורשפּרינגליכע שפּראַך פון אידען איז געוועזן העברעאיש, די שפּראַך, אויף וועלכער די ביבעל איז געשריעבען, און וועלכע ווערט גערופען, ניט פון אי־דען אליין, נור פון אלע ציוויליזירטע פעלקער לשון הקודש, די היילינע שפּראַך.

R00031 89895

RR922.9932 [redacted]
B62
Cop.1

Form 125

LITERATURE AND
PHILOSOPHY

[redacted]

The Chicago Public Library

Received 6-14-27

11/77